STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00334

DRAMATISHE SHRIFTN

Leon Kobrin

Permanent preservation of this book was made possible by
Sylvia Trevor
in memory of
Eugene Trevor

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דראַמאַטישע שריפטן

לעאָן קאָברין

(1946—1873)

לעאָן קאָברין

דראַמאַטישע שריפטן

איקוף פארלאג

ארויסגעגעבן פונם לעאָן קאָברין בוך-קאָמיטעט

ניו יאָרק 1952

DRAMATISHE SHRIFTEN
(Dramatic Works)

By
LEON KOBRIN

אַרויסגעגעבן פונם
לעאָן קאָברין בוך־קאָמיטעט
(פאולינע קאָברין, יואל ענטין, דר.
מענדל סודאַרסקי, ב. צ. גאָלדבערג)

Copyright 1952 *by*
PAULINE KOBRIN

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער
Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th St., New York 3, N. Y.
253

אינהאַלט:

צו דער דערשיינונג פון די דראַמאַטישע שריפטן —
פאולינע קאָברין VII

לעאָן קאָברין דער דראַמאַטורג.............יואל ענטין XI

יאַנקל בוילא (דער דאָרפס־יונג)..................... 7

דער גאָלדענער שטראָם....................... 59

די נעקסט־דאָריקע............................ 133

דעם דאָקטאָר׳ס ווייבער........................ 211

צוריק צו זיין פאָלק............................ 273

דאָס אייביקע פייער........................... 325

איינער פון זיי (קאָברינ׳ס סאַמע לעצטע דערציילונג)...... 381

צו דער דערשיינונג פון די דראַמאַטישע שריפטן

גערוידמעט דעם אָנדענק פון
מיין מאַן, לעאָן קאָברין, ע״ה

איך זע פאַר זיך אַ באַנד „דראַמאַטישע שריפטן פון לעאָן קאָברין״ און דאָס האַרץ פרייט זיך און דאָס האַרץ וויינט... איבער פינף און צוואַנציק יאָר איז לעאָן קאָברין געשטאַנען מיט דעם בעסערן אידישן טעאַטער, אין זיין, אַזוי־גערופענער, „גאָלדענער עפּאָכע״.

מיט זיין ברויזנדיקער נאַטור האָט ער געקעמפט פאַרן בעסערן אידישן טעאַטער, געשאַפן פאַר אים, אים באַרייכערט און געוואָרן אַ זייל פון אים. ער האָט דאָרט אויפגעפירט אַרום דרייסיק פּיעסן, פון וועלכע ער האָט געהאַט אַ סך פרייד און אויך ניט ווייניק צער...

זיינע פּיעסן זיינען געשפּילט געוואָרן פון אַלע אונדזערע דעמאָלטיקע טעאַטער־שטערן אין ניו־יאָרק און איבערן גאַנצן לאַנד.

צענדליקער און צענדליקער אַקטיאָרן האָבן זיך אין זיי אויסגעצייכנט, זיך אין זיי געפונען און דורך זיי אַ נאָמען זיך פאַרשאַפט.

בלעטער איך דאָס דאָזיקע בוך און עס שטייט אויף פאַר מיר יענע צייט און די פּערזאָנען פון די פּיעסן טרעטן אַרויס פון די טאָוולען ווי לעבע־דיקע מענטשן, מיט זייער קאַמף, זייערע פאַרלאַנגען, זייערע שטרעבונגען און זייערע ליידנשאַפטן...

עס טרעטן אַרויס פון דאָרט די געשטאַלטן פון מענער און פרויען, אַלטע און יונגע, אידן און קריסטן. אַלע, אַלע לעבן זיי אויף פאַר מיר און ווייען אָן אויף מיר דעם „אַמאָל״... און אַזויפיל וועקן זיי אין מיר ערינערונגען פון יענער ליכטיקער צייט, ווען דער אידישער טעאַטער האָט געלעבט און גע־בליט, ווען יעדע פּיעסע איז געווען אַ יום־טוב אויף דער אידישער גאַס, אַ יום־טוב מיט וועלכן דער אידישער עולם האָט זיך געפרייט, אויף וועלכן ער האָט רעאַגירט אין שאַפּ, אין דערהיים און אין גאַס...

עס דערמאָנט זיך מיר אַ פאָרשטעלונג אין פּיפּלס טעאַטער. מען שפּילט דאָרט קאָברין'ס „די צוויי שוועסטער״, אַ פאַמיליען־בילד. מיט אונז אין לאָזשע זיצט ישראל זאַנגוויל, דער באַרימטער אידיש־ענגלישער שרייבער. ער איז

אַ גאַסט אין אַמעריקע, געקומען אויפפירן זיין פּיעסע „די קינדער פון געטאָ״, אויף בראָדוויי. איז ער געקומען אין פּיפּלס טעאַטער זען אַ אידישע פּיעסע און אידישע אַקטיאָרן.

דער טעאַטער איז געפּאַקט. די נייס וועגן זאַנגווילס אנוועזענהייט צע־טראָגט זיך גלייך צווישן עולם. אַ געמורמל, אַ שושקעריי און אַלע אויגן ציען זיך צו דער לאָזשע וואו ער זיצט.

די אַקטיאָרן הינטער די קוליסן כאַפּן אויך אַ ציטער: אַ קלייניקייט, שפּילן פאַר דעם גרויסן ישראל זאַנגוויל! אָבער באַלד קומען זיי צו זיך, באַהערשן זיך.

דער פאָרהאַנג גייט אויף און די האַנדלונג הויבט זיך אָן.

אין דער פּיעסע שפּילן באָריס טאָמאַשעווסקי, מרס. טאָמאַשעווסקי, בינע אַבראַמאָוויטש, פיינמאַן און מרס. פיינמאַן און אַנדערע. זיי אַלע גייען גלייך אַריין אין זייערע ראָלען און שפּילן מיט פייער, מיט ברען און מיט זייער שפּילן עלעקטריזירן זיי איינער דעם אַנדערן אויף דער בינע. איינער האָט דעם אַנדערן אָנגעצונדן און זיי, אַלע צוזאַמען — דעם עולם אין טעאַטער. אַן עלעקטרישער שטראָם ממש האָט זיך געטראָגן פון די אַקטיאָרן צו דעם עולם און פון עולם צו די אַקטיאָרן...

דער עולם האָט באַלד פאַרגעסן אָן זאַנגווילן, און נאָך דער פאָרשטעלונג, האָט ער מיט אַזויפיל ענטוזיאַזם, מיט אַזאַ באַגייסטערונג אַפּלאָדירט די אַק־טיאָרן און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אַרויסגערופן דעם פאַרפאַסער.

זאַנגוויל איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן פון דער פאָרשטעלונג אין דעם אידישן טעאַטער, אַז ער האָט דערנאָך עפנטלעך דערקלערט אין דער ענגליי־שער פּרעסע, אַז די בראָדווייער מענעדזשערס און אַקטיאָרן זאָלן גיין אויף דער בויערי, צו זען וואָס דאָס מיינט גוטע פּיעסן און גוט שפּילן.

און נאָך אַ פאָרשטעלונג געדענקט זיך מיר. אַ פאָרשטעלונג, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון.

דער נעשאָנאַל טעאַטער האָט זיך געקליבן אויפצופירן קאָברין׳ס „צוריק צו זיין פאָלק״. די דאָזיקע פּיעסע האָט מען צום ערשטן מאָל אויפגעפירט אין פּעטערסאָן, מיט אַן אָוונט פריער איידער מען האָט זי אויפגעפירט אין ניו־יאָרק.

געדענק איך ווי מיר זיינען מיט דער טרופּע געפאָרן קיין פּעטערסאָן צו יענער פאָרשטעלונג. די אַקטיאָרן זיינען געזעסן שאַ־שטיל, אַריינגעטאָן יעדער אין זיך און האָבן קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. עס האָט זיך געשאַפן אַ שטימונג ווי פאַר אַ יום־הדין.

מיר אַלע האָבן געגלויבט אין דער פּיעסע. אָבער ווער קען פאָראויסזאָגן אַ דערפאָלג ביים טעאַטער?...

און די פאַרשטעלונג איז געווען אַזאַ גרויסער דערפאָלג, אַז צווישן עולם אין טעאַטער האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס זיינען צווישן די אַקטן אַרויס־געלאָפן און געקויפט בלומען פאַר די אַקטיאָרן. געווען דאָרט אַ ראַביי פון די יאַהודים, איז ער אַרויפגעלאָפן אויף דער בינע און האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע וועגן דער פּיעסע.

און נאָך דער פאַרשטעלונג האָבן הונדערטער מענשן פון דעם טעאַטער־עולם אונז באַגלייט צום „טריין".

אַ שיינע צייט געווען, אַ ליכטיקע, אַ צוזאָגנדיקע...

אָבער יענע צייט איז שוין לאַנג, לאַנג אַוועק. דער אידישער טעאַטער איז אַוועק אויף אַנדערע וועגן און לעאָן קאָברין איז אַוועק פונם אידישן טע־אַטער. אַוועק — און שוין מער קיינמאָל צו אים צוריק נישט געקומען, מיט דער אויסנאַם פון צוויי פּיעסן, וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אין זיין קונסט־טעאַטער שפּעטער אויפגעפירט: „פּרינץ לולו", וואָס איז צוליב צייטונגס־אינ־טריגעס אַרונטערגענומען געוואָרן איידער עס האָט נאָך צייט געהאַט זיך אָנ־צוואוואַרימען, הגם עס האָט געהאַט אַ גאַנץ גוטע קריטיק, און „ריווערסייד דרייוו", וואָס ווערט נאָך געשפּילט ביזן היינטיקן טאָג.

איז, ווי געזאָגט, לעאָן קאָברין אַוועק פון טעאַטער און פון דעמאָלט אָן איז עס געוואָרן מיין וואונש, איך קען זאָגן מיין חלום, אַרויסצוגעבן לעאָן קאָברין׳ס דראַמאַטישע שריפטן אין בוך־פאָרם. און יעדעס מאָל ווען עס איז אַרויס זיינער אַ באַנד דערציילונגען אָדער אַ נייער ראָמאַן, האָב איך כסדר, כסדר צו אים גע׳טענה׳ט: „לאָמיר אַרויסגעבן די דראַמען, לאָמיר זיי אַרויס־ראַטעווען!"

און ער האָט מיר אַלץ געענטפערט: „וואַרט, פּאָליעטשקע, וואַרט, וואַרט נאָך אַ ווייל, די צייטן זיינען נישט קיין גינסטיקע, אפשר וועלן שפּעטער קומען בעסערע צייטן".

יאָרן זיינען אַוועק, קיין בעסערע צייטן זיינען נישט געקומען און דער טויט האָט נישט געוואַרט...

און איצט ליגט פאַר מיר אַ בוך פון לעאָן קאָברין׳ס דראַמאַטישע שריפטן. זעקס דראַמען און קאָמעדיעס אַנטהאַלט דאָס דאָזיקע בוך. אַ קליינער טייל פון קאָברין׳ס גרויסער שעפערישער אַרבעט.

אַ דאַנק אַ קליינעם קאָמיטעט פון אַ פּאָר געציילטע פריינט איז עס סוף כל סוף געלונגען, אַז אַ טייל פון מיין חלום זאָל ווערן אַווירקלעכקייט.

וויל איך דאָ קודם כל דאַנקען קאָברין׳ס יוגנט־פריינט יואל ענטין, וועל־כער האָט אַריינגעלייגט אַזויפיל האַרץ און מי, דעם טייערן, האַרציקן דאַנק־

טאר, מענדעל סודאַרסקי, דעם פריינט און קאָלעגע ב. צ. גאָלדבערג, וואָס יעדער פון זיי האָט אויף זיין באַזונדערן אופן מיטגעהאָלפן און מיטגעווירקט, אַז דאָס בוך זאָל ענדלעך דערשיינען.

טאָ זאָל דאָס דאָזיקע בוך דערגיין צו די אידישע לייענער ווי אַ דער־מאָנונג, ווי אַ סימבאָל פון דער גאָלדענער צייט, ווען דאָס אידישע טעאַטער האָט געבליט, וואוהין דער אידישער עולם איז געקומען מיט פרייד און איז אַוועק מיט באַגייסטערונג.

געווען אַמאָל אַ רייכער, שיינער, בליענדער אידישער טעאַטער, אַ בכבודי־קער טייל פון דער אידישער קולטור אונדזערער, וואָס איז דאָ ביי אונדז אין אַמעריקע, מיט אַזוי פיל מסירות־נפש געשאַפן געוואָרן.

געווען אַמאָל — און נישטאָ אים מער...

פאולינע קאָברין

לעאָן קאָברין דער דראַמאַטורג

פון יואל ענטין

א

אין יאָר 1897 האָט דאָס איז זיך געררירט. אידיש־אַמעריקאַנישע בעלעט־ריסטן — און אַלס אַזעלכע האָבן דאַמאָלס געגאָלטן און גילטן אפשר נאָך איצט, שרייבער, וואָס, אַ חוץ עפּעס אַ יניקה פון דער העברייאישער השכלה־ליטעראַטור, זיינען זיי אויף עפּעס אַן אופן אויך פאַרוואָרצלט געווען אין דער רוסישער ליטעראַטור פון די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן און, ווידעראַמאָל אַזוי אָדער אַנדערש, האָבן זיי זיך געטוליעט צו דער סאָציאַליסטיש־אַנאַר־כיסטישער פּרעסע און באַוועגונג — איז דאַמאָלס האָבן אידיש־אַמעריקאַנישע סקיצן־שרייבער אָדער דערציילער אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן און גענומען, אָדער ביי זיך אָפּגעמאַכט, צו שרייבן פאַרן אידיש־אַמעריקאַנישן טעאַטער.

און צוגעגאַנגען, אָדער געשטאַנען, איז עס אָט אַזוי:

יעקב גאָרדין, אַ רוסיש־אידישער שרייבער פון דער אוקראַיניש־ניי־רוסישער פּראָווינץ און פון דער גרויסער שטאָט אָדעס, איז געקומען קיין אַמעריקע אין סוף 1890טן יאָר און, אויס נויט, האָט ער דאָ אָנגעהייבן שרייבן אידיש (אין דער „אַרבעטער צייטונג). אויפן גרעניץ פון די יאָרן 1891—1892, ד. ה. אין סאַמע ברען־פּונקט פון טעאַטער־סעזאָן, טרעט ער אויף אין יעקב אַדלערס טעאַטער מיט זיין אָריגינעלער אידישער פּיעסע „סיביריע״.

מאָראַליש האָט „סיביריע״ געהאַט דעם גרעסטן, וואַרמסטן דערפאָלג. אב. קאַהאַן און זיינע מיטהעלפער פון, און פון אַרום, דער „אַרבעטער צייטונג״ האָבן די פּיעסע, אפילו אַנווייזנדיק פעלערן, באַגריסט אַלס די ערשטע רע־אַליסטישע און ליטעראַרישע שטיק אויף דער אידישער בינע און, לויבנדיק האַרציק סיי דעם טעקסט סיי דאָס שפּילן, האָבן זיי דער אויפפירונג פאַרויס־געזאָגט אַ גלאַנצענדיקן המשך. קיין טעאַטער־דערפאָלג איז אָבער די פּיעסע ניט געווען. עס איז אויך ניט געווען קיין אמתער המשך ביז אין קנאַפּע צוויי יאָר אַרום, וואָס דאַמאָלס איז געקומען דער פיבעריש־פאַרכאַפּנדיקער דער־פאָלג פון גאָרדין־אַדלערס „דער אידישער קעניג ליר״.

אַ דערפאָלג יע, אָבער קיין מאָראַלישע זיכערקייט האָט ער אַפילו גאָרדי־נען אַליין ניט געגעבן. אין אַ רעדע אין דער נאַכט פון זיין „בענעפיט״ מיט „קעניג ליר״, נאָך די הייסע אָוואַציעס, האָט גאָרדין טרויעריק דערקלערט, אַז ער בלייבט ניט ביים אידישן טעאַטער.

ער איז דאָך געבליבן. און אפשר האָט דערצו טאַקע מיטגעהאָלפן דער פאָלגנדיקער שמערצלעך־אײדעלער עפּיזאָד. אין יאָר 1893 איז אין שיקאַגאָ אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע אַמעריקאַנער וועלט־אויסשטעלונג. און, אין זומער פון יענעם יאָר, האָט וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, דער באַליבטער „נאַ־ראָדנישער" שריפטשטעלער, גילטנדיק ווי אַ מין „רבי" פאַר ייִנגערע רוסישע שרייבער, זיך אָפּגעשטעלט אין נויאָרק אויף זיין וועג קיין שיקאַגאָ. געפינענ־דיק פאַר נויטיק צו באַזוכן אים אין זיין האָטעל, האָט גאָרדין, אַז עס איז גע־קומען צו רייד, באַקלאָגט זיך פאַר קאָראָלענקאָן אויף זיין גלות, ווי אַזוי ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון די וואָכן־בלעטער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין יעליסאַוועטגראַד און אין אָדעס, פון זיינע דערציילונגען און פעליטאָנען פאַרן רוסישן נאַראָד, פון די לייט־אַרטיקלען, מיט וועלכע ער האָט געוועקט דעם „נאַראָד".

— און וואָס טוט איר דאָ אין אַמעריקע? — האָט קאָראָלענקאָ גאָר־דינען געפרעגט.

— דאָ? — האָט גאָרדין, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געענטפערט — דאָ שרייב איך פּיעסן פאַרן אידישן טעאַטער.

דאָ — האָט גאָרדין שפּעטער דערציילט — האָט דער טרויעריק־פאַר־צאַקטער רוסישער מענטש אויף מיר אַנגעשטעלט זיינע טרויעריק־פאַרצאַקטע אויגן און, ניט אָן פאַרוואורף, ביי מיר אַ פרעג געטאָן:

— אַ עטאָ ניע נאַראָד?! (און דאָס איז ניט דאָס פאָלק?!).

און — מיר דאַכט, אַז איך געדענק, ווי גאָרדין, איבערגעבנדיק דעם עפּי־זאָד אין אַ לעקציע, סוף־זומער 1897, אין דעם רוסיש־אידישן סטודענטן־קלוב אויף איסט בראָדוויי, האָט ער אים פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

— איך האָב זיך פאַרשעמט.

צי איז טאַקע יענער עפּיזאָד געווען די אורזאַך פון גאָרדינס פאַרבלייבן ביים אידישן טעאַטער, צי זיינען געווען אַנדערע טעמים נאָר גאָרדין איז פאַרבליבן, צושטעלנדיק באַריס טאָמאַשעווסקין און יעקב אַדלערן אַ שפּאָר ביסל פּיעסן, וועניקער ליטעראַרישע מער ליטעראַרישע, צווישן די לעצטע אויך אַדלערס „דער רוסישער איד אין אַמעריקע", וואָס האָט געהאַט אַ גאָר ניש־קשהדיקן, סיי פּראַקטישן און סיי מאָראַלישן דערפאָלג (פון דערדאָזיקער פּיעסע שטאַמט עס דער באַוואוסטער שטעכיקער וויץ: „וואָס טויג מיר שכל, אַז מיר האָבן אַ קאָנסטיטושאָן!") און די פּסיכאָלאָגישע און עטוואָס „קראַנקהאַפטע" „דער ווילדער מענטש", וואָס איז אויף צענדליקער יאָרן פאַרבליבן כמעט דער גרעסטער ליבלינג פון יעקב אַדלערס רעפּערטואַר.

דאָך האָבן די אַלע גרויסע און שיינע דערגרייכונגען קיין הינרייסונג, קיין נאָכטואונגען מצד די אַלט־געזעסענע אידישע שרייבער ניט אַרויסגערופן. די צוויי קליינע אויסנאַמעס, וואָס איך וועל גלייך דערמאָנען, באַשטעטיקן גיכער מיין אַלגעמיינע באַהויפּטונג.

צווישן סוף 1893 און אָנהייב 1894 איז געקומען אין אַדלערס טעאַטער, „רייזעלע אָדער זעליק איציק דער קלעזמער" מיט אַ גאַנץ גרויסן דערפאָלג. די פּיעסע איז געווען געבויט אויף פרידריך שילערס וועלט־באַרימטער לעבנס־דראַמע „קאַבאַלע (אינטריגע) און ליבע" און געבראַכט האָט זי צו גאָרדינען ניט קיין אַנדערער ווי דער באַוואוסטער פּאָעט י. באָוושאָוווער און גאָרדין האָט זי טאַקע געלאָזט אַנאָנסירן ווי אַ „דראַמע פון יעקב גאָרדין, איניציאַטיווע פון י. באָוושאָווער", דערמאָנענדיק, נאַטירלעך, אויך שילערן. איז וואָס אין דער אידישער פּיעסע איז טאַקע געווען וועמעס? זיכער אָבער איז אַז דער פינאַל, וואו די צוויי פּאַר׳סמ׳טע געליבטע בלייבן, דורך אַ קלוגן שפּיצל פונם אַפּ־טייקער, דאָך לעבן (בשעת ביי שיללערן שטאַרבן זיי) און די לאָקאַליזירונג פון סוזשעט דורך אַ היימיש שטעטלשן געשפּרעך און הומאָר, האָבן געמוזט זיין גאָרדינס.

ווי אַזוי האָט זיך י. באָוושאָווער צו דעם אַלעמען באַצויגן? דער פאַקט איז אַז גאַנצע זעקס יאָר הערן מיר פון אים גאָרנישט אין פאַרבינדונג מיטן אי־דישן טעאַטער. ערשט אין אָנהייב פון יאָרהונדערט, נאָך דעם וועלט־דערפאָלג פון געראַהאַרדט הויפּטמאַנס „פורמאַן הענשל", קומט ער צו מ. קאַטץ, וועל־כער האָט פון אים געהאַט אַ נענטערן צוטריט צום אידישן טעאַטער, ווידער אַמאָל מיט אַ מין „איניציאַטיווע" פון הויפּטמאַנס דראַמע, וואָס קאַטץ באַאַר־בעט זי פריי אַלס „גדליה דער בעל עגלה" און דוד קעסלער און בערטאַ קאַליש שפּילן זי אויף. אין אַ יאָר אַרום אומגעפער, איבערזעצט באָוושאָווער, אין פּערזן, שעקספּיר׳ס „סוחר פון ווענעדיק", וואָס אין אַ פּאָר יאָר אַרום שפּילט עס אַדלער מיט גרויס דערפאָלג אויף בראָדוויי, ריידנדיק זיין אידישן שיילאָק, צווישן אַ טרופּע ענגלישע אַקטיאָרן.

די צווייטע אויסנאַמע, אויב מען מעג עס אַזוי אָנרופן, איז געווען מאָריס ווינטשעווסקי. קומענדיק קיין נויאָרק, אין 1894, זעט ער אין טעאַטער גאָרדין־אַדלערס „ווילדער מענטש", שרייבט וועגן איר אַ באַגייסטערטע רעצענזיע אין „אַבענד בלאַט" און באַפריינדעט זיך שטאַרק מיט גאָרדינען. און אין אַ פּאָר חדשים אַרום קומט די גרויסע טעאַטער־סענסאַציע: יעקב אַדלער און שרה אַדלער פירן אויף הענריק איבסענס וועלט־באַרימטע דראַמע „נאָראַ", באַאַרבעט פון יעקב גאָרדין און מאָריס ווינטשעווסקי. (אויסגעלאָזט האָט זיך אַז די „באַ־אַרבעטונג" איז באַשטאַנען פון ווינטשעווסקיס קלאַסישער איבערזעצונג פון „נאָראַ" און, פון אַ צוגעגעבענעם פערטן אַקט — צוליב אַ גוטן סוף, פאַר־שטייט זיך — משמעות פוןביידן).

איז ערשט אין 1897 האָבן די אידיש־אַמעריקאַנישע בעלעטריסטן אָנגעהייבן, אָדער ערנסט באַשלאָסן, צו שרייבן פאַר דער אידישער בינע. די ניי־צייטיקע, ד. ה. די ניי־צוגעשטאַנענע צום אידישן טעאַטער זיינען געווען לעאָן קאָברין, מ. קאַטץ, ז. ליבין, ב. גאָרין און העכסט וואָרשיינלעך אויך — העכסט וואָרשיינלעך בנוגע זייער פאַרטראַכטן — ז. קאָרנבליט און ז. לעווין.

פאַר וואָס גראַד — וועט מען פרעגן — אין 1897. איז דער ענטפער, ווייל, אַ חוץ וואָס מען האָט געהאַט אַ רעכט אָנצונעמען, אַז די שרייבער, וואָס (מיט

דער אויסנאַם פון מ. קאַטץ און ב. גאָרינען) זיינען זיי געווען גאַנץ יונגע מענטשן און ניט קיין סך מער פון אָנפאַנגער — אַז אין יענעם יאָר זיינען זיי שוין פיל רייפער געוואָרן — זיינען אין יאָר 1897 פאָרגעקומען עטלעכע גאַנץ גרויסע זאַכן, וואָס האָבן דעם ענין שייכות פון אַמעריקאַנישע אידישע בעלעטריסטן צום אידישן טעאַטער געקענט געבן, אויב טאַקע ניט געגעבן, אַ שטאַרקן שטויס. ריין טעאַטראַליש איז, ערשטנס, געשען, וואָס אין פרילינג פון יענעם יאָר האָט קעני ליפצין, מיט דער הילף פון דוד קעסלערן, מאָריס מאָשקאָוויטשן און שמואל טאָרנבערגן, געשפּילט, מיטן סאַמע גרעסטן דערפאָלג, גאָרדינס באַאַרבעטונג פון דער אַלט־גריכיש קלאַסישער טראַגעדיע „מעדעאַ“. נישט נאָר אויף דער סצענע, נאָר אויך ריין ליטעראַריש־דראַמאַטיש איז „מעדעאַ“ געווען אַ גרויס געשעעניש. גאָרדין האָט די פּיעסע באַאַרבעט ניט בלויז לויט דעם אַלט־גריכישן יוריפּידעס, נאָר דער עיקר, לויט דעם עסטרייכישן ראָמאַנטיש־קלאַסישן גרילפּאַרצער. גאָר ניט גלייך צו גאָרדינס באַאַרבעטונג פון „קעניג ליר“, איז זיין „מעדעאַ“, אַחוץ עטלעכע קלייניקייטן אין שמואל טאָרנבערגס ראָליע קסענאָפאַנטעס, געווען אומגעהייער שטאַרק, זויבער און זייער שיין־קלינגנדיק. די מיינונג אין די ליטעראַרישע קרייזן איז געווען אַ וואַרים־באַגייסטערטע. די צווייטע ריין־טעאַטראַלישע פּאַסירונג איז געקומען שפּעט אין זומער מיט גאָרדינס „דבורהלע די מיוחסת“ (אַ פריע באַאַרבעטונג נאָך דעם רוסישן אָסטראָווסקיס „גריעך דאַ בעדאַ נאַ קאָוואָ ניע זשיוויאָט“ — זינד און אומגליק, ווער מיידט זי אויס) וואָס, אינם שפּילן פון באָריס טאָמאַשעווסקי, שרה אַדלער, זעליק מאָגולעסאַ און בעסי טאָמאַשעווסקי, האָט זי אַרויסגערופן ענטוזיאַסטישע באַגייסטערונג אַלס אמתע, עכטע, ריין ליטעראַרישע פּיעסע פּאַקטיש ביי דער גאַנצער אינטעליגענץ.

אַ דריטע, אפשר די וויכטיקסטע געשעעניש, איז טאַקע געווען דאָס אויפקומען פון „פאָרווערטס“, אין חודש מאי פון יענעם יאָר. האָט זיך דאָך גאָר אַנדערש ניט געוועלט גלויבן, ווי אַז דער „פאָרווערטס“, ניט נאָר דערמיט וואָס די גרעסטע ליטעראַרישע קרעפטן, ווי אב. קאַהאַן, מאָריס ווינטשעווסקי און יעקב גאָרדין שטייען ביי אים ביים רודער נאָר, דער עיקר, מיט דעם גאַנצן יונגן, פרישן, קראַפטיקן אימפּעט וואָס שלאָגט פון אים אַרויס, וועט מוזן נעמען גאָר אַ נייע, דערהייבנדיקע שטעלונג צו דער אידישער ליטעראַטור און צום אידישן טעאַטער. פּערטנס און דאָס איז אויך גאָר קיין קלייניקייט נישט, איז אין סוף 1896טן, אויב ניט אין אָנהייב 1897טן יאָר אויפגעקומען, מיט אַ גאַנץ פריילעכן און פיל־צוזאָגנדיקן געקלאַנג די „פרייע אידישע פאָלקס־בינע“, אַ טעאַטער־געזעלשאַפט, וואָס די חשובסטע רוסישע (לייען אידישע) סאָציאַל־דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט האָט געגרינדעט, צו וועלכער, לכתחילה, בידע אידישע סאָציאַליסטישע צייטונגען זיינען געווען פריינטלעך, צו וועלכער די גאַנצע איסט בראָדוויער אינטעליגענץ, מיט די דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און מוזיקער־קאָנצערטיסטן האָבן באַלאַנגט און וועלכע האָט אָנגעשטעלט אַלס איר איין־און־איינציקע אויפגאַבע, דאָס אידישע טעאַטער צו באַנייען, דערהייבן און ליטעראַריזירן.

האָבן די מייסטע פון דער דערמאָנטער גרופּע שרייבער, אין יאָר 1897, זיך פאַרנומען, לכל הפּחות ערנסט פאַרטראַכט זיך צו נעמען שרייבן פאַרן טעאַטער. דעם ערשטן אָרט צווישן דידאַזיקע נייע טעאַטער־רעקרוטן האָט, אפילו שוין דאַן, געהאַט פאַרנומען לעאָן קאָברין. און אָט פאַר וואָס.

פון דער גאַנצער גרופּע בעלעטריסטן איז ער (מיט דער אויסנאַם פון ב. גאָרין, וואָס, קומענדיק קיין אַמעריקע אין יאָר 1894, האָט ער מיטגעבראַכט אַ נאָמען נאָך פון רוסלאַנד) איז קאָברין געווען דער צייטיקסטער, אַרויסוויזנדיק גראַד דאַמאָלס נאָך אַ טיפערע רייפקייט, אין אַ גאַנצער ריי נייע דערציי־לונגען אין אַלכסנדר האַרקאַוויס און ר. קאַנטאָראָוויטשעס חודש־שריפט „דער נייער גייסט".

צווייטנס, פון דער גאַנצער גרופּע שרייבער, סיידן נאָר מיט דער טייל־ווייזער אויסנאַמע פון מ. קאַטץ, איז ער געווען דער ליטעראַרישסטער. דאָס הייסט, ער איז געווען גאָר היפּש באַלעזן, סיי אין דער רוסישער ליטעראַטור, סיי (אין איבערזעצונג) אין דער פראַנצויזישער און אפשר אויך אין דער דייטשער. ער האָט אויך, שוין דאַמאָלס, געוואוסט וועגן ליטעראַרישע שולן, געהאַט אַ ידיעה וועגן ליטעראַרישע פּראָבלעמען. דריטנס, וואָס איז מן הסתם דאָס וויכטיקסטע, איז ער אינטואיטיוו, לויט אַן אייגענעם דראַנג, משמעות גאָר אָן זוכעניש נאָך טעכנישער פולקומענקייט, געווען שטאַרק דראַמאַטיש. שוין זיין „אויפן דאַך" („פאַר וואָס בערל האָט געמופט") פון 1894, וואַרשיינלעך זיין ערשטע זאַך אין „אבענד בלאַט", וואו ער רעדט ניט נאָר ברענגט אַרויס, וואו ער מאָלט אפילו ניט נאָר ער שטעלט פאָר, איז אַ קליינע אָבער לעבעדיקע קאָמעדיע פון ניט־צניעותדיקער טענעמענט־הויז אויסגעמישטקייט, פון בחור־שער להוטקייט נאָך נאַקעטקייט און מענערשער אייפערזוכט. זיין „באַקונין", פון 1897, איז אַן אויף אַ ברייטלעכן פעלד צעוואָרפענע שלאַכט מיט שוימשוידיקע געפעכטן און ביטערע צוזאַמענשטויסן, צווישן די אידישע אַנאַרכיסטן מיט די סאָציאַליסטן פון די ערשטע נייַנציקער יאָרן. „יאַנקל בוילא" איז, שוין אין איר דערציילישער פאָרמע, אין 1898, מיט אַלע אירע קאַמפן און ראַנגלערייען, געווען פאַנאַנדערגעשליידערט אין אַ היפּשער דראַמאַטישער פאַנאָראַמע. און דער „פאַרשטערטער שבת", וואָס איז געקומען אַן ערך מיט אַנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער, איז אויסגעשטעלט אין צוויי לאַגערן, וועלכע זיינען אַזוי מורא־דיק אָנגעלאָדן מיטן ברענענדיקן קאַמף פון גלויבן קעגן געפילן, אַזש כאָטש נעם און טראָג עס אַלץ גלייך אַריבער אויף דער טעאַטער־אַרענע.

ב

דאָס איז געווען שפּעטלעך אין זומער פון יאָר 1897, אַ דאָנערשטיק, אָדער אַ מיטוואָך אָוונט, אין אַ זאַל אויף איסט בראָדוויי, אויפן וועכנטלעכן מיטינג פון דער פרייער אידישער פאָלקס־בינע. קומענדיק שפּעטלעך (כאָטש איך בין געווען דער סעקרעטער) און נאָך דאַרפנדיק יענעם אָוונט (אויב איך געדענק ריכטיק) האַלטן אַ רעפעראַט איבער גאַרדינס ניילעכער, הגם דורכגעפאַלענער דראַמע, „דער ווילדער קעניג" (אַ מער־ווייניקער פרייע באַאַרבעטונג פון

קאַלדעראָנס „דאָס לעבן איין טרוים“) בין איך געווען אַביסל נערוועז. דאָך האָט דאָס מיר ניט געשטערט צו באַמערקן אין איינער פון די הינטערשטע רייען עפּעס אַ נאַוואָטנע פּנים (אונזערע מיטינגען פלעגן זיין אָפּענע, דאָס הייסט, אויך פאַר ניט־מיטגלידער, איבערהויפּט אין אַן אָוונט, ווען עס פלעגט זיין אַ לעקציע) — עפּעס אַ נאַוואָטנע פּנים, גלייכצייטיק אי פּראָסט אי נישט אומ־אינטעליגענט, באַלעבאַט און פאַריסן. אָבער ס׳איז ניט געווען קיין צייט פאַר קיין פּויזן. איך האָב דורכגעפירט די קורצע געשעפטלעכע זיצונג, אָפּגעהאַלטן מיין ניט־גינסטיקע לעקציע וועגן „ווילדן קעניג“ און, פאַרן אַוועקגיין, נעם איך זיך נאָך אַ ביסל פאַרען מיט מיינע סעקרעטאַרישע פּאַפּירלעך — ערשט דער „נאַוואָטנער“ יונגערמאַן איז ביי מיין טיש. ער שרייבט זיך ביי מיר איין פאַר אַ מיטגליד: „לעאָן קאָברין“, באַקענט זיך מיט מיר און וויל וויסן, צי ווייס איך פון זיינע „זאַכן“. דערציייל איך אים מיט פרייד וואָס איך ווייס און פון מיטינג גייען מיר שוין צוזאַמען. אין אַ קורצער צייט אַרום, אפשר אינגאַנצן עטלע־כע טעג הייב איך שוין אָן באַזוכן קאָברינען ביי אים אין הויז און ער מאַכט קיין שהיות ניט און נעמט מיך באַלד „מחנך זיין“ אין זיין ליטעראַרישער טע־טיקייט. (אַזוי איז מיר דאַמאַלס געפעלן קאָברינס שרייבן, אַז, ניט באַנוגענדיק זיך מיט מיין אייגענער פריינטשאַפט, פאַראינטערעסיר איך נאָך אין אים און באַקען אים מיט מיינע צוויי נענטסטע ליטעראַרישע פריינט אין יענער צייט, דר. אברהם קאַספּע און אברהם ליעסין.

און ימים נוראים־צייט פון יאָר 1897 — „און דאַ הייבט זיך אָן די אמתע מעשה“ — איז מיר שוין קאָברין מגלה דעם סוד, אַז ער האָט אַ פּיעסע „מינאַ“.

געפעלט מיר די פּיעסע שטאַרק, ניט נאָר ליטעראַריש נאָר אויך דראַ־מאַטיש, עס הייסט, אַז ניט נאָר איז עס אַ גוטע פּיעסע נאָר אויך אַ שפּילבאַרע (מאָלט אייך, יאָרן שפּעטער, אַז איך האָב מער געלערנט וועגן דראַמע, וועגן טעאַטער בכלל, וואָלט איך דאָס לעצטע ניט געזאָגט. די פּיעסע איז, איבעריקענס, געדרוקט אינם אָקטאָבער־נומער פון דעם „אַבענד־בלאַט“ „נייע צייט“, פון יאָר 1899). און אַז די פּיעסע געפעלט מיר אַזוי שטאַרק, דערמאָן איך זיך באַלד אויף אַ פּונקט אין די סטאַטוטן פון דער „פרייער אידישער פאָלקס־בינע“, אַז ביים ערשטן געפינס פון אַ נייער ליטעראַריש און דראַמאַטיש גוטער פּיעסע זאָל די „בינע“ נעמען די איניציאַטיווע און די פּיעסע אויפפירן. און איך באַ־שליס ביי מיר אַז „מינא“ איז דאָס ריכטיקע געפינס און אַז דער גליקלעכער צופאַל איז די ריכטיקע שעה, און, מיט איין וואָרט, די „בינע“ דאַרף די פּיעסע אויפפירן.

האָב איך גערופן מיטינגען, פון דער „בינע“ און „פון גרויסן עולם“. אויף ביידערליי מיטינגען איז די פּיעסע געלייענט געוואָרן, אויף די ערשטע אויך מיט אַ גינסטיקער אָפּשטימונג, אויף די צווייטע נאָר מיט גוטער שטימונג. געווען איז עס אָבער, ווי שוין געזאָגט, ימים־נוראים צייט. די מיטגעגן זיינען געווען ניט שטאַרק באַזוכט. דערהויפּט האָט געפעלט גאָרדין און זיינע פריינט (אפשר האָבן זיי, אַלס „מענטשן פון דער אַריסטאָקראַטיע“ נאָך „געפּראַוועט דאַטשע“). האָבן די מיטינגען משמעות ניט געטראָגן קיין גאַנץ פאָרמאַלנעם

כאַראַקטער. אויפן לעצטן מיטינג „פון גרויסן עולם" איז גאָרדין אָבער געקו־מען, געהערט, געקוקט און פאַרלאַנגט אַ פּאַרמאַלנעם מיטינג פון דער „בינע", וואָס איך האָב, נאַטירלעך, ביי דער ערשטער פּאַסיקער מעגלעכקייט אויך דערפילט.

דער פאָרמאַלנער מיטינג איז געווען ניט נאָר פול געפּאַקט נאָר אויך גוט אָנגעלאָדן. מען האָט גלייך דערשמעקט פּולווער. גאָרדינס פריינט זיינען געווען אויסגעזעצט „אין פולער אַמוניציע". אויך מיט אונזער צד ד. ה. מיט מיין, קאָברינס און קאַספּעס צד, האָט מען „קיין ענינו ניט באַדאַרפט זאָגן". אַחוץ די אַלטע מיטגלידער איז אויך געווען איינער אָדער מער נייע, וועלכע האָבן שוין פריער מיט גאָרדינען געהאַט פּאָליטישע אָדער ליטעראַרישע חשבונות. עס זיינען אויך געווען אַ פּאָר מיינע שילערינס וועמען איך האָב מיט אַ פּאָר וואָכן פריער, (איך געדענק אָסור צי מיט אַ כיוון, צי שלא בכוונה) געהאַט אַריינגעבראַכט אין דער אָרגאַניזאַציע.

דער מיטנג האָט זיך אָנגעהייבן מיט אַן אָנגעצויגענער פייערלעכקייט. דר. ס. אינגערמאַן, גאָרדינס אַן אינטימער פריינט, פון דער רוסישער סאָציאַל דע־מאָקראַטישער געזעלשאַפט, וואו דער דאָקטאָר איז געווען דער קאָפּ און גאָרדין אַן אָפטער און באַליבטער לעקטאָר, איז געווען דער פּאָרזיצער. איך געדענק שוין ניט, צי האָט מען אויך אויף דעם מיטינג פירגעלייענט די פּיעסע. דער־פאַר וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן די דעבאַטע וועגן איר. איבעריקענס זיינען, נאָר געווען צוויי דעבאַטאַנטן. יעקב גאָרדין האָט די פּיעסע אַרונטערגעריסן אָן רחמנות, הן ליטעראַריש און הן פון בינען־שטאַנדפּונקט. גאָרדינס רייד האָבן מיך אונטערגעצונדן. האָב איך מיין ענטפער גלייך אָנגעהייבן מיט דער דער־קלערונג, אַז גאָרדינס אַ:גריף איז ניט נאָר געווען פאַלש, ניט ריכטיק, נאָר אויך ניט ערלעך. האָט מיך דר. אינגערמאַן מיט גרויס גרימצאָרן אָפּגעשטעלט, ניט געלאָזט ריידן ווייטער — סיידן איך וועל צוריקציען מיינע ווערטער. און דאָס איז געווען דער פּונק אינם פּאַס פּולווער. איינע פון מיינע שילערינס, אַ היציקע יונגע פרוי, אַ געוועזענער מיטגליד פון אַ רעוואָלוציאָנערן קרייזל אין ווילנע און אַ מענטש וואָס האָט „ניט געקענט פאַרליידן קיין עולות" האָט זיך געוואַלטיק צעשריען און איר געשריי איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון אַסך אַנדערע. דר. אינגערמאַן האָט ווי עס איז צוריק איינגעשטעלט אָרדענונג. איך געדענק אפילו ניט, צי האָב איך מיין באַשולדיקונג קעגן גאָרדינען טאַקע צוריקגעצויגן, אָדער דער פּאָרזיצער האָט די זאַך גלאַט „צעריבן". איך האָב מיין הייסע פּאַרטיידיקונג פון „מינאַ" געענדיקט און די אָפּשטימונג באַלד דערנאָך האָט דער פּיעסע געגעבן אַ גאַנץ היפּשע מאַיאָריטעט. „די אָפּעראַציע איז געלונגען, נאָר דער פּאַציענט איז געשטאָרבן". תיכף נאָך דער אָפּשטימונג איז צו מיר, אַלס סעקרעטער, צוגעקומען גאָרדין און זיין צד און מיר געהייסן זיי „אויסמעקן פון בוך". אין יענעם אָוונט איז „די פרייע אידישע פּאָלקס־בינע" פּאַקטיש שוין געשטאָרבן.

זיך ראַנגלענדיק פאַרצווייפלט נאָך אָנצוהאַלטן די עקזיסטענץ פון דער „פאָלקס־בינע", ריכטיקער, נאָך אויסצוציען איר אַגאָניע, איז אפילו מיר און

קאָברינען — די איינציקע צוויי איבערגעבליבענע פירער — אויפן זינען ניט אַרויף נאָך חלומען וועגן דער אויפפירונג פון „מינא". איז אָבער די אי־ראָניע פון שיקזאַל געווען וויטזיכטיקער פון אונז.

דורך די אַלע קאַמפן און פאַרלעזונגען און ריידערייען האָט דער נאָמען „מינאַ", מיט אַ שאַרפן קלאַנג זיך צעקייקלט איבער דער גאַנצער אידישער טעאַטער־וועלט, אַזוי אַז קאָברין האָט אָנגעהייבן קריגן פאָדערונגען צו קו־מען פירלייענען זיין פיעסע!

קאָברין האָט באַוויליקט און איך — צי ווייל קאָברין האָט זיך „געברעקלט", צי ווייל איך בין שוין געווען אַ „געאיבטער" פירלייענער פון „מינאַ", — האָב איינגעוויליקט. די ערשטע פאַרלעזונג, אין עפּעס אַן אָפּיס אין אַ טעאַטער, איז געווען פאַר טאָמאַשעווסקין. די צווייטע איז פאַרגעקומען פאַר קעני ליפּצין און איר מאַן און „אימפּרעסאַריאָ" מייקל מינץ. (איך בעט מחילה. איך בין ניט זיכער, צי איז אין זיין פאַל ריכטיק צו זאָגן: „פאַר", ווארים ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן גלייך נאָך די ערשטע עטלעכע שורות און איז אָפּגעשלאָפן פונקט ביז נאָך די לעצטע פאַר ווערטער פון לעצטן אַקט).

דער ווערדיקט פון ביידע פאַרלעזונגען איז געווען, אַז פירלייענען אין אַ געזעלשאַפט — (אימעצער האָט נאָך גנעדיק צוגעגעבן: „ביי אַ גלאָז טיי") — איז די פּיעסע גוט און פיין, אָבער ניט פאַרן טעאַטער.

נאָר — איך האָב דאָך אָבער דערמאָנט די איראָניע פון שיקזאַל, האָט די „היסטאָריע פון דער מעשה" טאָקע דאָך געהאַט אַ פריילעכן, הגם אויך אַ שפּיציקן סוף! דערדאָזיקער מערקווירדיקער „פינאַל" איז אָבער ניט געקומען אָן אַן איבעררייס און היות איך וויל זיין געטריי דער געשיכטע פון קאָברינס טעאַטער־גאַנג, מוז איך דאָ זיך פאַרקערן אין אַ זייט צוליב אַ זעלטענעם סורפּריז, וואָס קאָברין האָט אין מיטן דערינען געמאַכט מיר מיט דר. קאַספּען. אין איין שיינעם טאָג, ערגעץ־וואו צווישן 1898 און 1899 קומט קאָברין און מעלדט אונז, אַז ער האָט אַ נייע פּיעסע, ד. ה. זי איז אפילו געשאַפן געוואָרן פריער נאָך פון „מינאַן" און ער האָט די פיעסע שוין פאַר־קויפט צו דוד קעסלערן און מען שפּילט זי טאָקע גאָר אין גיכן. און ער לייענט אונז פיר די פּיעסע.

דאָס איז געווען קאָברינס „איסט סייד געהעטאָ" (דער נאָמען איז וואַר־שיינלעך געווען קעסלערס און האָט געמוזט שטאַמען פון ישראל זאַנגווילס „טשילדערן אָף די געהעטאָ" וואָס איז דאַמאָלס געווען די אידיש־בראָדוויער טעאַטער־סענסאַציע), זיין ערשטע געשפּילטע און גוט געשפּילטע און אויך גאַנץ דערפאָלגרייכע פיעסע. מוז איך זיך אויף איר אביסל אָפּשטעלן.

און איך און קאַספּע הערן. אַן אויסגעדראָשן־טאָג־טעגלעך־סענסאַציאָנע־לער אינהאַלט. אַן עקספּלואַטאַטאָרישער בעל הבית, אַרבעטער שקלאַפן און פאַרשקלאַפטע. וועניק נאָך די עקספּלואַטאַציע, פאַרפירט נאָך דער בעל הבית זיינע אַן אומשולדיקע אַרבעטערין, די טאָכטער פון זיינעם אַן ערלעכן אַר־בעטער, טרייבנדיק אים דורך דעם צו שיכרות און רואינע. (פון דעם זשאַנר פיעסן, וועלכע מען פלעגט אין יענע יאָרן, אויף דער גאַס און אפילו אין דרוק,

רופן: „אַ קלאָג צו דיר, קאַפּיטאַל" און „פאַר דער סאָציאַליסטישער גאַ־ליאַרקע"). אין דער פּיעסע זענען אָבער אויך געווען עטלעכע סצענעס און אוודאי האָבן אין איר געמוזט זיין אַ פּאָר געזונטע מענטשן, אַחוץ אַ פּאָר קאַרי־קאַטורעס, ווי, למשל, דער שאַפּ־אַרבעטער מאַטקע באַס, וועלכע האָבן גע־צויגן זייער יחוס פון איינער אָדער מער פון קאָברינס דערציילונגען.

האָבן מיר אונזער מיינונג, גאָר ניט זייער קיין גינסטיקע, ניט באַהאַלטן. אָבער זי האָט אַפּנים קאָברינען ניט זייער איבעראַשט. און מיר זיינען ברי־דערלעך אַוועק זען די פּיעסע.

די זעניש פון דער פאָרשטעלונג האָט געמוזט, און האָט טאַקע אויך אויפ־געהייבן די פּיעסע אין אונזערע אויגן. דוד קעסלער, וואָס פריער האָט ער ניט־אָפּט (מסתמא אַדאַנק זיין הורוויץ־לעטיינערס רעפּערטואַר) אַפּעלירט צו דער אינטעליגענץ, איז אָבער איצט „אין דער איסט סייד גהעטאָ", שפּילנדיק דעם אומגליקלעכן פאָטער אַלטמאַן, אין אַ סצענע אין געריכט, אין עטלעכע שיכּרות־סצענעס און בכלל, געווען אַזוי אמתדיק פיין, אַז ער האָט זיך דערמיט געמוזט אויך פיין פאַרעקאָמענדירן אין די אינטעליגענט־קרייזן. זעליק מאָגולעסקאָ האָט זיך, אין מאַטקע באַס, כאָטש די פיגור איז אַ היפּש ביסל פאַרקאַריקאַטו־רירט און ער אַליין, מאָגולעסקאָ, האָט צו דער קאַריקאַטור עפּעס נאָך צוגע־געבן זיך אָבער אין איר דערהייבן צו איינער פון זיינע העכסטע הייכן. גע־דענקען זיך מיר ניט קיין פּרטים פון בערטאַ קאַלישעס שפּילן, אַ חוץ איר שטענדיקע שיינקייט און די קלינגעוודיקייט פון איר שטימע. איך געדענק אָבער גאַנץ גוט, ווי אַזוי מאָריס מאַשקאָווישש האָט זיך גאַנץ ליב געמאַכט אין דער ראָליע פון אַן „אויפגעקלערטן אַרבעטער". נישט געקוקט וואָס אין דעמדאָזיקן טעאַטער איז מען נאָך ניט אַזוי געוואוינט געווען צו זען סאָציאַ־ליסטן אויף דער בינע.

און איצט, זייענדיק פאַרטיק מיט מיין אומוועג, קער איך זיך אום צום צוגעזאָגטן פינאַל פון דער מעשה „מינאַ".

פּלוצים, אומגעפער אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום נאָך דער אויבן־באַשרי־בענער קאַטאַסטראָפע־נאַכט אין דער „פאָלקס־בינע", קריגט קאָברין אַ בריוו פון יעקב גאָרדינען, צו פאַרהאַנדלען מיט אים וועגן בשותפות באַאַרבעטן „מינאַ" פאַר אַדלער־טאָמאַשעווסקיס ווינדזאָר־טעאַטער, אויף דער בויערי.

די פּרטים פון דער פאַרגעלייגטער באַאַרבעטונג זיינען געווען:

די פּיעסע אַ שותפותע, גאָרדינס און קאָברינס. דער סוזשעט פון „מינאַ" אין אַלגעמיין גענומען דערזעלביקער. דאָס זעלביקע אויך בנוגע דעם פּערזאָנאַל.

קאָברין איז איינגעגאַנגען און די אַרבעט איז אַוועק אויפן פאָלגנ־דיקן שטייגער. גאָרדין האָט פאַר יעטווידן אַקט, אין אַ העפט, אָנגע־צייכנט זיין גאַנג אויף רוסיש, מיט די סאַמע קירצסטע, קירצער נאָך ווי טע־לעגראַפישע נאָטיצעלעך, אַריינגעמענדיק די סצענעס, די באַוועגונגען און, נאָ־טירלעך, די דיאַלאָגן. און קאָברין האָט, ווי ווייט איך געדענק, דידאָזיקע נאָ־טיצלעך, ניט אָן אַ געוויסער פרייקייט, לכל הפּחות ברייטקייט, אויסגעפילט אויף אידיש. קאָברין האָט געשמאַק זיך גענומען צו דער אַרבעט, אָבער עפּעס

האָט ער פאַרדעכטיקט, אַז גאָרדין וועט אים ניט וועלן געבן די פולע אָנער־קענונג ווי אַ פולן שותף (אפשר האָט פאַר זיין זיכרון, אָדער פאַרן דמיון פון מיר מיט קאָספען, זיינע שטענדיקע חברים אין זיינע ליטעראַריש־דראַמאַ־טישע אונטערנעמונגען, פאַרגעשוועבט י. באָוושעווערס „איניציאַטיווע" פון „זעליק איציק דער קלעזמער") האָט ער אונז (אַ פאַר מאָל האָט ער אויך צו־געצויגן אַלכסנדר האַרקאַווין) אַוועקגעשטעלט אַלס היטער און עדות פון דער אַרבעט. האָט ער יעטווידן אַקט, סיי גאָרדינס רוסישע נאָטיצעלעך, סיי זיינע, קאָברינס, אידישע אויספילונגען, פאַרן אומקערן זיי גאָרדינען, זיי אונז גע־וויזן. אַזוי איז עס צוגעגאַנגען מיט אַלע ערשטע דריי אַקטן, נאָר אַז עס איז געקומען צום פערטן אַקט, איז די פראָצעדור קאָברינען נמאס געוואָרן און ער האָט די אַרבעט געוואָרפן. דער פערטער אַקט פון דער נייער פיעסע „מינאַ אָדער נאָראַ פון איסט בראָדוויי", איז אינגאַנצן אַרויסגעקומען פון גאָרדינס האַנט.

פון אויבן־אויף איז פונדעסטוועגן אַלץ צוגעגאַנגען שטיל און רואיק. נאָר אָט קומט דער נייער טעאַטער־סעזאָן, דאָס אַדלער־טאָמאַשעווסקי טעאַטער לאָזט אַרויס זיינע נייע אַפישן — מיר גיבן אַ קוק, אַהאַ! ווי דאָס האַרץ האָט אונז געזאָגט! אויף די אַפישן שטייט, אַז די פיעסע איז יעקב גאָרדינס און לעאָן קאָברינס איז נאָר די „איניציאַטיווע".

עס האָט אונז פאַרברענט. צום גליק האָט נאָך געלעבט דאָס „אַבענד בלאַט" און פיליפ קראַנץ, קאָברינס אַלטער פריינט, איז נאָך געווען דער רע־דאַקטאָר. איז דאָרטן דערשינען מיינער אַ לענגלעכער און בייזער בריוו, שטעלנ־דיק אַלס עדות דר. קאָספען און האַרקאַווין. אַחוץ דעם האָט נאָך קאָברין גע־שריבן אַ בריוו צו גאָרדינען, אויף וואָס עס איז אָנגעקומען אַ תשובה, אַז ער, גאָרדין, איז וויליק איבערצוגעבן די אנגעלעגנהייט צו אַ געריכט־קאָמי־טעט, מיטן באַדינג אַז דערדאָזיקער קאָמיטעט זאָל ניט באַשטיין פון זיינע, קאָברינס, פריינט. פאַרשטייענדיק גאַנץ גוט וועמען גאָרדין האָט געמיינט, האָט ער דעם פאָרשלאָג ניט אָנגענומען. און דאָס איז געווען דער לעצטער סוף פון דער געשיכטע.

וואָס איז שייך דער פיעסע „מינאַ אָדער נאָראַ פון איסט בראָדוויי", אויף דער סצענע, איז זי געווען אַ גאַנץ לעבעדיקע און אינטערעסאַנטע, מיט אַ גאַנץ אייראָפּייאיש־מאָדערנער מראה. אָבער דער פערטער אַקט, כאָטש אין אים קומט פאָר די קאַטאַסטראָפע, מינאַס זעלבסטמאָרד, האָט געקלונגען ווי צעצויגן און אָפּגעלאָשן. און, אויב אין געדענק ריכטיק, האָב איך שוין דאַ־מאָלס, אַזוי ווי איך דענק איצט, געהאַט דעם איינדרוק, אַז אין דער נייער אויסגעברייטער„סצענעריי" פון דער פיעסע, אינם ניי־פאַנאַנדערגעוואַקסענעם טומל איז דער עיקר טראַגעדיע — די טראַגעדיע פון דער ליבנדיקער מוטער, וואָס קאָנקורירט מיט דער טאָכטער און ליבע צו איר געליבטן — אַז די־דאָזיקע מוראדיקע טיף פסיכאָלאָגישע טראַגעדיע (וואָס דערמיט האָט מיך די פיעסע פון אָנפאַנג אָן אַזוי געהאַט געפאַנגען) איז אין דער נייער פאָרמע היפשלעך פאַרטושט געוואָרן.

ווייטער, איז זיך דער פּאָטער (פּריער איצע בערקאָוויטש, איצט משה אַלטער) אין דער נייער פּיעסע צעוואָקסן אין אַ גאַנצן טיפּ פון אַ צעקראָכענעם, וואָרטשנדיקן, שלימזלדיקן מענטשל מיט קליינלעכער איפּערזיכטיקייט. די יונגע טאָכטער ,אַננאַ, איז פון גלאַט „אַן אינטעליגענטער אַרבעטערן" דאָ געוואָרן אַ גאַנץ לעבעדיקע, שפּילעוודיקע מיידל, מיט אַ היפּש ביסל אָפּלאַ־כנדיקן הומאָר. משה אַלטערן האָט געשפּילט יעקב אַדלער, אונטערשטרייכנדיק גאַנץ שטאַרק, ווי אין „אַדעסער בעטלער", „ווילדן מענטשן", די הומאָריס־טישע זייט. מיטן רעזולטאַט, דאָס אויף אַ היפּשער צייט איז דער נאָמען משה אַלטער געוואָרן נאָך אַ שם דבר אין דער קאָלעקציע קאָמישע נעמען פון אידישן טעאַטער. זייער לעבעדיק און איינדרוקספול־הומאָריסטיש איז אויך געווען בעסי טאָמאַשעווסקי אַלס אַננאַ. די פּיעסע אַלס גאַנצע האָט גע־האָט אַ היפּשן דערפאָלג.

אין יאָר 1900 האָט קאָברין זוכה געווען צו זען אויפגעפירט זיין דריטע פּיעסע „די צעריסענע קייטן", אין דוד קעסלערס טעאַטער. געדענק איך פון איר נאָר, אַז איר האַנדלונג איז געווען „אין דער אַלטער היים". ווייטער, אַ מאַן פון דער סוחרישער וועלט, גראָב, טעמפּ און דעספּאָטיש און שרייט אַלץ מכח דער אכילה. דער פּראָטאָטיפּ פון קאָברינס אַן ענלעכן מאַן אָדער מאַנען, אין ווייטערדיקע ווערק, וואָס שרייען, אַז מען „קאָרמעט זיי מיט גראָז". פאַר־שטייט זיך, דעם מאַן האָט געשפּילט קעסלער. ס'איז אויך געווען אַ חזן אַ ווירטואָז (געשפּילט פון לעאָן בלאַנק) אין אַ געדענקלעכער סצענע, ווי אַזוי ער שטודירט איין מיט זיין כאָר (דער פּאַרשוין איז געווען געבאָרגט פון קאָב־רינס אַ דערציילונג „מאַטקע פייפל" אין ווינטשעווסקיס „אמת" פון 1895).

די פּיעסע איז גאָר שנעל אַראָפּגעכאַפּט געוואָרן פון דער סצענע. קאָברין האָט דערציילט, אַז די אַראָפּכאַפּעניש איז געשען איבער הינטער־קוליסנדיקע רייסערייען צווישן קעסלערן מיט פּראָפעסאָר הורוויץ (וואָס איז אויך געווען איינער פון די בעל־הבתים פון טעאַטער). רייסערייען צווישן קעסלערן מיט הורוויצן זיינען אין יענעם טעאַטער געווען ניט קיין זעלטנהייט.

אַוועק אַן אַנדערטהאַלבן יאָר. צווישן מיר און קאָברינען איז אויסגעפאַלן דער ערשטער ברוגז — איינער פון שיינע עטלעכע און פונקט אַזוי איבער גאָרנישט ווי די מייסטע פון זיי. פּלוצים, פּרילינג־צייט, דאַכט זיך, אַנאָנ־סירט מען פון אַדלער־טאָמאַשעווסקיס טעאַטער קאָברינס אַ נייע פּיעסע „נאַטור, מענטש און חיה אָדער סאָניע פון איסט בראָדוויי". אַזוי ווי דאָס איז געווען אין איין יאָר מיט דער אין ליפּצין־קאַלישס טעאַטער געשפּילטער „גאָט, מענטש און טייוול" איז גרינג געווען איינצוזען, אַז דער יחוס פונם „אדר ראשון" פון קאָברינס פּיעסע, ציט זיך, דורך אַדלערן, פון גאָרדינס באַרימטער דראַמע. בין איך געגאַנגען זען די פּיעסע (וועלכע, דרך אגב, דר. קאַספּע האָט פאַר מיר שטאַרק פאַרלויבט) און איך בין פון איר, בדרך כלל, געווען אַזוי אַנטציקט, אַז איך האָב געגאַרט שרייבן וועגן איר. פּאַסירט אַ נס. איך קום אַריין אין העריקס קאַפע (דער פאַרלויפער פון „שולעמס") איז ווער, מיינט איר, לויפט מיר אַקעגן ? מ. קאַטץ (ער איז דאַמאָלס געווען דער לי־

טעראַריש־דראַמאַטישער כל־ולך פון „פאָרווערטס", וואו לואיס מיללער איז געווען דער רעדאַקטאָר הכולל) און ער בעט מיך, איך זאָל אויף שנעל אָנשרייבן אַ רעצענזיע איבער קאָברינס פּיעסע. אודאי האָב איך גערן אָנגענומען, אָבער קענענדיק מיללערן און וויסנדיק, אַחוץ, ווי אַזוי ער האָט זיך אין יענער צייט באַצויגן צו קאָברינען, האָב איך געשטעלט אַ שאַרפן באַ־דינג — מען זאָל מיך ניט רעדאַקטירן, טאָקע פּשוט ניט אָנרירן מיין שריפט. געווען איז עס פריייטיק מיטיק־צייט, די קריטיק האָט געדאַרפט דערשיינען אויף מאָרגן, שבת אָדער זונטיק. בין איך אין עטלעכע שעה אַרום שוין גע־זעסן אין דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" און געלייענט די קאָרעקטור. און דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ סצענע, וועלכע מענדעלי עליו השלום, מאָלנדיק זיינע מוכר ספרים׳ניקעס, ווי זיי דינגען זיך און אַמפּערן זיך, דער צורוקנדיק אַ פּעקל סחורה, יענער אָפּשטופּנדיק עס צוריק — וואָלט ניט פאַרמיאוסט. מיללער איז געשטאַנען איבער מיר, מיט אַ צעלאַכטן פּנים, ווי זיין שטייגער איז געווען און האָט נאָר געוואָלט אַריינשפּריצן אין טעקסט פון מיין רעצענזיע אַ לאַך, אַ וויץ, כאָטש אַ קיבעץ אויף קאָברינס חשבון, בשעת איך, אַ שטייפ־לעד־אַנגעכמורעטער, אויף מיין שטייגער, האָב ניט געלאָזט. לסוף האָט ער זיך דאָך באַגליקט. איינע פון די שוואַכקייטן, וואָס איך האָב געפונען אין דער פּיעסע, איז געווען דאָס ווערטל סי, וואָס דער פאָטער פון שטיק זאָגט אַלע ווילע, אפילו וואו ער טאָר עס ניט זאָגן, אפילו ווען זיין טאָכטער שטאַרבט אַ פאַרסמטע. האָב איך עס, נאַטירלעך, אויסגערעדט. איז אַז מיללער איז געקומען דערצו, האָט ער מיך שוין אפילו ניט געפרעגט, נאָר „אַריינגעהאַקט" זיין אייגענעם אין קלאַמערן, אַזוי ווי איינער זאָגט: „אַהאַ, איך האָב דיך געפאַקט!" דאָס מאָל האָב איך, שטאַרק אויסגעמוטשעט פון דער באַטאַליע און אויך, ווייל „אַמאָל דאַרף מען דאָך דעם טייוול אויך אַרויסשטעלן אַ קאָ־טשערע", אים ניט געשטערט. און מיט אַ פּנים, שטראַלנדיק מיט גליקלעכן טרי־אומף, איז מיללער דאַן פון מיר אָפּגעטראָטן.

„נאַטור, מענטש און חיה", אַחוץ מיט אַזעלכע קלייניקייטן ווי דאָס אויבנ־דערמאָנטע און אַ חוץ מיט אַ פּאָר ביליק־קאָמישע עפּיזאָדן, וואָס קענטיק פרעמדע הענט האָבן אַריינגעשלעפּט און וואָס זיינען אויסגעפּירט געוואָרן פון בעסי טאָמאַשעווסקי, אין איינער פון אירע גראָבע מאָמענטן, און פון דעם אויך ניט־איידעלן לייבוש גאָלד — אַחוץ מיט דידאַזיקע „אַחוצן", איז די פּיעסע, מיט איר אַלגעמיינער געזונטקייט, לעבעדיקייט און פרישקייט און, מער נאָך, מיט דער שפּרודלדיקער לעבעדיקייט פון די הויפּט־פּאַרשוינען — דער פאָטער, די טאָכטער, איר חתן — געווען אַ פּראַכטיקע דערפרישונג. פאַר־שטייט זיך, די שפּילער: אַדלער — דער פאָטער, שרה אַדלער — די טאָכ־טער, דער חתן — באָריס טאָמאַשעווסקי און דער „רעוורענד" און שדכן, זעליק מאָגולעסקאָ, האָבן אין דער שפּע׳דיקער לעבעדיקייט געהאַט גאָר אַ גרויסן חלק.

(די פּיעסע איז אָפּגעגאַנגען שיינע עטלעכע וואָכן).

צי האָב איך טאַקע דאַמאָלס אויך אַזוי געהאַלטן, אָדער דער געדאַנק איז ביי מיר ערשט העט שפּעטער צייטיק געוואָרן, אָבער אין „נאַטור, מענטש און חיה" האָט קאַברין געהאַט דערגרייכט אַ הויכע הייך — די העכסטע פון אַלע זיינע פריערדיקע פּיעסן — אַ ביסל אויך אין פּרט פון סצענישקייט, אָבער דער עיקר מיט דער קלאָרקייט, לעבעדיקייט און פולבלוטיקייט, לכל הפּחות, פון די וויכטיקסטע פּאַרשוינען, מיט דער רעאַליסטיש־נאַטירלעכער פּאַרקייט־לונג און אַפּקייטלונג פון די געשעענישן, מיט דער פרישער קוואַליקייט פונם הומאָר. האָט מיר טאַקע ווי געטאָן דאָס אוממיטלבאַר וויטערדיקע, אָדער אַ טייל דערפון אין קאַברינס וויטערדיקער דראַמאַטישער קאַריערע.

דאָס דאָזיקע וויטערדיקע האָט זיך אָנגעהייבן אומגעפער אין אַ יאָר אַרום, אין דעם נעשאַנאַל טעאַטער, וואו באַריס טאָמאַשעווסקי אַליין, שוין אָן אַדלערן, איז געוועזן דער אַרטיסטישער בעל־הבית. קאַברין האָט מיט טאָ־מאַשעווסקין געהאַט געשלאָסן אַן אָפּמאַך און דער ערשטלינג פון זיווג איז געוועזן דאָס לעבנסבילד „דער פאַרלאָרענער גן־עדן". דער גן־עדן איז געוועזן בעני ליידמאַנס, דעם ליטעראַט־„דראַמערס" (קאַמי וואַיאַזשאַרס) פאַמיליע־לעבן און דער שטן המשחית, וואָס, אַזוי ווי אין דזשאָן מילטאָנס אומשטערב־לעכער העלדן־פּאָעמע, פאַרטרייבט ער אדמ׳ען, אַזוי פאַרטרייבט ער דאָ בע־נין — איז אַ „קאַדעט" פון „עלן סטריט". (אין יענער צייט האָט אין אידישן קוואַרטאַל געווילדעוועט — אָדער אפשר האָבן עס נאָר די צייטונג־סענסאַ־ציעס די ווילדקייט אַזוי פאַנאַנדערגעהוידעט — די מגפה פון די „קאַדעטן", ד. ה. יענע אונטערוועלט־חברה־לייט, וואָס גנבענען אוועק די הערצער פון כשרע אידישע טעכטער און פאַרשלעפּן זיי אין זינד און טומאה. קאַברין האָט יענער מגפה געווידמעט אַ צאָל פון זיינע דערציילונגען און אַ ריי פון זיינע דראַמען, מיט דעם „פאַרלאָרענעם גן־עדן" אַלס די ערשטע פון דער ריי).

קאַברין, ווערנדיק מיט מיר צוריק גוט־פריינט, האָט מיר די פּיעסע פּיר־געלייענט. נאַטירלעך בין איך אויך זשעדנע געלאָפן צו דער אויפפירונג. און אָט איז מיין סך־הכל פון דיביידע.

קודם כל האָט מיך, אַזוי ווי אַלע אונזערע, אַרומגעכאַפּט אַ גרויסע פרייד פונם פאַקט, וואָס טאָמאַשעווסקי האָט זיך, ווי מיר האָבן געמיינט, איצט שוין אויף תמיד פאַר׳קנס׳ט מיט דער ליטעראַרישער פּיעסע. איבערהויפּט, אַז ער האָט די ראָליע פון בעני ליידמאַן געשפּילט גאָר, גאָר ניט שלעכט, באַלד אַזוי ווי שמשון אייזנשטאַל אין גאָרדינס „דבורהלע די מיוחסת" (1897). ווייט־טער, האָט זיך אין דער פּיעסע, אין דאָס רייכסטע פון איר שטאַרקן אָבער מוטערלעך־געצאַמטן טעמפּעראַמענט, אפשר צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט אונ־זער הערלעך־פּראַכטיקע מוטער־ראַליסטין דינא אַבראַמאָוויטש. אויך האָט אין דער פּיעסע גאַנץ חנעוודיק־סימפּאַטיש דעבוטירט די דאַמאָלס־ניי אָנגע־קומענע שפּילערין פּרוי מאַלווינאַ לאָבעל אין דער ראָליע פון דער העלדין פעני. צולעצט האָט אין איר גאָר, גאָר וואויל געשפּילט פאַרן פעדלער פעטער מאַדזשע דער זייער טאַלאַנטפולער שמואל טאַרנבערג.

אָבער — קאָברין האָט זיך דאָ אויך פאַרנומען מיט פּאַרשוינען און אַ וועלט, וואָס ער האָט, נאַטירלעך, ניט געקענט. איז אָפטמאָל אַרויסגעקומען, אויב ניט אַ טויט, איז אַן אָנגעשמירט, אַן אָנגעגלאָזט לעבן. און עס האָט אויך ניט געפעלט קיין מעלאָדראַמאַטישקייט און גאַנץ־אָדער האַלב־מעלאָ־דראַמאַטישע עפעקטן. (איינמאָל האַלבע נאַכט, אין סוף פון אַ מוראַדיק גייס־טיק־פיזישער ראַנגלעריי וועגן אַ יונגער מאַמעס יע־אָוועקגיין, ניט־אַוועקגיין פון יונגן טאַטנס הויז, ווערט דאָס קליינע טעכטערל אויפגעריסן פון איר שלאָף און, שרייענדיק מיט די מוראַדיקסטע און פאַרצווייפלסטע קולות צו דער מוטער, זי זאָל בלייבן, — ווערט זי אַרויפגעשלעפּט אויף דער סצענע. צו פאַרפילן די אילוזיע ווערט נאָך דאָס מיידעלע אַרויפגעשלעפּט אין אַ „נייט־גאָונדל" לאַנג ווי דער גלות).

פונקט צום יאָר נאָכן „פאַרלאָרענעם גן־עדן", וואָס האָט געהאַט גאָר אַ גרויסן דערפאָלג, איז געקומען, ווידער ביי טאָמאַשעווסקין, „דער בלינדער מוזיקאַנט אָדער דער אידישער אָטעללאָ". דער נאָמען מיטן צווייענדיקן זכות אבות, אי פון וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, אי פון וויליאַם שעקספּיר, ווערט שטאַרק געדעכטפּאַרטיקט. דער הויפּט־העלד, אַ מוזיקער, און, נאַטירלעך, אַ גרויסער, ווערט בלינד פאַרן „פאַרהאַנג" פון ערשטן אַקט און פאַר די אויגן פון אַלע מחותנים אויף דעם העלדס חתונה. פּירט שוין דעם מוזיקאַנטס בלינדקייט צו אָטעללאָישער אייפערזיכטיקייט. וואָרים, דורך בלינדקייט, כידוע, ווערט דאָך משונה פאַרשאַרפט דער חוש השמיעה, איז פונם סאַמע מינדסטן שאָרך אין צימער, מיט זיין פרוי, ווערט אַ קוש און פון אַ קוש, וואָס דער אינטריגאַנט רייסט ביי איר איבערגוואַלד אַרויס, ווערט — גאָט ווייסט וואָס. אייפערזיכטיק טאַקע ווי אָטעללאָ, דערשטיקט לסוף דער בלינדער זיין אומשולדיק ריין ווייבעלע אויף איר בעט, מיט אירער אַ קישן.

דעמדאָזיקן האַרט־פּינצטערן סוזשעט האָט, נאַטירלעך, קאָברין געפּרואווט ווייכער און ליכטיקער מאַכן מיט פּסיכאָלאָגיע, אומשטאַנדן און צופאַלן. אומ־שטאַנדן האָט ער צונויפגעבראַכט — פּסיכאָלאָגיע ווייניק.

מער געלונגען איז געווען דער הומאָריסטישער עלעמענט, אָבער ווען־ניט־ווען איז ער אויך אַריינגעפאַלן אין קאַריקאַטורע. דער קאָמישער פּאַרשוין, למשל, וואָס איז אויך אַ גרויסער ליגנער, האַלט אין איין שווערן זיך: דער טאַטע זאָל מיר אַזוי לעבן! די מאַמע זאָל מיר אַזוי לעבן! און ווייטער אַזוי אויסרעכענענדיק, „ווער עס זאָל לעבן", דערגייט ער, דאַכט זיך, אַזש ביז צום „הינטעלע".

קיין שטורעמדיקן דערפאָלג האָט די פּיעסע ניט געהאַט, דערפאַר האָט דר. קאַספּע שטאַרק געשטורעמט, טעג נאָכאַנאַנד, אַב. קאַהאַנס רעדאַקטאָרשן הינטער־חדר, ער זאָל נאָר אָפּדרוקן אַ קעגן־קריטיק קעגן מיין אומגינסטיקער רעצענזיע פון דער פּיעסע אין „פאָרווערטס", לכל הפּחות אַ „בריוו אין דער רעדאַקציע". קאַהאַן האָט דאָס אָבער מיט גיבראַלטאַרישער פעסטקייט אָפּגע־זאָגט, מיט דער טענה, אַז ס'איז ביי אים (און ניט נאָר ביי אים) אַן אייזערנער כלל: קיין קעגן־שרייבן, קיין פּאָלעמיקע וועגן טעאַטער־קריטיק.

אין אַ יאָר אַרום איז געקומען דאָס דריטע חשובע געבורט פון יענער קאָברין־טאָמאַשעוסקי פאַרייניקונג — „יעקב בלומבערג". אַ סוחר אין מאָס־קווע, ווערט אָבער יעקב בלומבערג פון דער רוסישער הויפּט־שטאָט פאַר־טריבן, וואַנדערט ער אין קיין אַמעריקע, וואו ער פּלאָגט זיך, נאַטירלעך. דעם אָפּפאָר פון מאָסקווע האָט טאָמאַשעווסקי אַרומגעשטעלט מיט אַזאַ פּחדימדי־קער פּאָמפּע אַז אפילו קלויסטער־גלאָקן צעקלינגען זיך. דערפאַר איינמאָל, צו־ליב טרייסט אין אַ שווערער מינוט, — שוין אין אַמעריקע, — כאַפּט דער אַמאָ־ליקער מאָסקווער סוחר פון קליידער־שאַפּע אַרויס זיין ווייבס, נאָך היימישע, סאַמעטענע רעטאָנדע און ער גלעט זי צאַרט און רחמנותדיק און אויך ניט אָן שלומערנדיקן שטאָלץ, נאָך צוגעבנדיק דערצו ווערטער פון האָפענונג, טרייס־טנדיק אי זיך אַליין, אי די פרוי (דאָס עפּיזאָדעלע איז פון קאָברינס אַ פריערי־קער דערציילונג).

ווייטער געדענק איך פון דער גאַנצער פּיעסע ניט מער ווי דאָס, אַז אַוועק פון טעאַטער בין איך מיט אַן אַלגעמיין־שווערן איינדרוק.

די פּיעסע איז לאַנג ניט געגאַנגען.

אין אַ יאָר אַרום, ד. ה. אין 1906, טרעפן מיר שוין קאָברינען ביי אַדלערן אין טעאַטער. דאָס יאָר פון דער דורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע, פון פּאָגראָמען־הריגות און אויפגעשטייגטן אידישן נאַציאָנאַליזם. אַרום אידישן טע־אַטער האָט דאָס אַלץ זיך מאָדיש געכוואַליעט און מיטן שטראָם איז אויך קאָברדין אַוועקגעשוואומען. זיין פּיעסע „דער גרויסער איד" (אויגנשיינ־לעך אַדלערס אַ נאָמען) האָט צייט־און צייטונגס־מאָסיק געפּלאָמט מיט די נייסטע ידיעות פון רוסלאַנד. עס האָבן פיגורירט, מיט ברעקלעך פון דיסקו־סיעס, דער גרויסער בונד, „דער קליינער בונד" און אויך אידיש־ציוניסטי־שע גרופּן. עס האָט אויך שפּאַזמירט אַ מאָנאָלאָג פון אַן אָקאָרשט משוגע גע־וואָרענעם, שילדערנדיק די רציחות אויף די אידן. צוליבן הומאָר און גלאַט היימישקייט גיט אַ אינגל פון „קליינעם בונד" איבער די תקנות פון זיין אָר־גאַניזאַציע, ד. ה. פון זיין חדר, זיך קלייבנדיק אין סטרייק קעגן זייער רבין. עס וואַרפן זיך אָבער אויך דורך סצענקעס און געשפּרעכן, וואו מען דערקענט דעם קאָברין פון זיינע בעסערע ווערק.

שרייבנדיק וועגן דער פּיעסע אין „אידישן קעמפער", האָב איך זי טע־מאַטיש געשטעלט אין איין קאַטעגאָריע מיט שלום אַשס „משיחס צייטן" און דוד פּינסקיס „פאַמיליע צבי", נישט ציענדיק אָבער קיין פּאַראַלעלן מיט דער פּאָעטישקייט פון דער ערשטער און מיט דער געדאַנקלעכקייט פון דער צווייי־טער. אויב איך געדענק ריכטיק, איז אויך קאָברין אַליין (מיט וועמען איך בין דערווייל צוריק גוט־פריינט געוואָרן נאָכן באַנייטן ברוגז פון נאָכן „בלינדן מוזיקאַנט") ניט שטאַרק געגאַרט געווען וועגן דעם ליטעראַרישן ווערט פון דער פּיעסע. אָבער מיטן כוח פון דאָס שטיל־ערלעכע אין איר (אויך נאַטירלעך מיטן כוח פון דאָס צייטונגדיק־שרייעוודיקע) און, ניט דאָס קלענסטע, אין זכות פונם שפּילן (יעקב אַדלער, שרה אַדלער, פראַנסעס אַד־לער, אַלס דער קליינער בונדיסט, בערל בערנשטיין, אַלס חזן און ה. מייזעל,

אַלס דער משוגע געוואָרענער איד) איז די פּיעסע אָפּגעגאַנגען שיינע עטלעכע וואָכן.

ג

דאָס יאָר 1907 צייכנט אָן אַ נייעם עטאַפּ אין לעאָן קאָברינס דראַמאַטישער קאַריערע, אַ גרויסן אויפשטייג סיי רײן־ליטעראַריש און סיי, מער נאָך, רײן־דראַמאַטיש. די וואָסערע צען פּיעסן, וואָס איך וועל דאָ אויסרעכענען, וועלכע אויבערפלאַכלעכער און וועלכע טיפער, זיינען, אויב ניט אינגאַנצן, איז צום גרויסן טייל, ריין פון די פעלערן, וואָס איך האָב אָנגעוויזן אין די פּיעסן פון נאָך „נאַטור, מענטש און חיה". די פעלערן, אפילו אַז זיי זיינען פאַראַן, רייסן זיי אָבער ניט די אויגן מיט זייער אומגעלומפּערטקייט, ווי אין די פריערדיקע פּיעסן. בלויז איין פּיעסע איז דאָ אין דער פּעריאָדע — „טיר נומער דריי" פון 1916 — וואָס איז אַ נאָכשלעפּעניש פון דער „קאַדעטן"־מאָדע פון „פאַרלאָרענעם גן־עדן". (דידאַזיקע פּיעסע, וואו עס האָט זיך געפונען אַ „סופּערנאַטוראַליסטישע" סצענע פון אַ פאַרגוואַלטיקונג אין אַ דערבייאיקן צימער, האָט, איבעריקס, אויך געהאַט אַ פּאָר גוט געצייכנטע, לעבעדיקע פאַרשוינען). צוויי פּיעסן אין דער פּעריאָדע, זיינען געווידמעט דעם נאַציאָליזם, „ישראל'ס האָפענונג" (1915) און „צוריק צו זיין פאָלק" (1917). בשום אופן וועל איך זיי אָבער ניט רופן מאָדע־פּיעסן. איז דאָך דער נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט אין יענער צייט דערוואַכט אויף דער אידישער גאַס פון אַמעריקע, געווען אַזוי עכט און טיף און מאַכטיק ווי אַ נאַטור־עלעמענט. און ער אָטעמט אַרויס פון די צוויי פּיעסן מיט גאָר פרישער אויפריכטיקייט. אַ ביסל אַנדערש איז עס מיט קאָברינס שוואַכקייט (איך בין ניט זיכער, צי דאַרף איך עס אָנרופן פעלער) צו באַציען אין זיינע פּיעסן עלעמענטן אָדער עפעקטן פון זיינע פריערדיקע דערציילונגען. אין דער איצטיקער פּעריאָדע האָבן מיר דריי אַזעלכע פּיעסן.

אין „ישראלס האָפענונג" איז פאַראַן אַן אַלטינקע מוטער, וואָס איז בלויז אַ שוואַך־פאַרמאַסקירטע באָבע באַשע, אַ קאַריקאַטור־פיגור פון צוויי־דריי פון קאָברינס ערשטע דערציילונגען. און אין „די שונאים" (1912), ווי אין „צוריק צו זיין פאָלק", שפּילן זיך אָפּ סצענעס צווישן צוויי ברידער, מענטשן פון צוויי וויט־אָפּגערוקטע וועלטן, וועלכע זיינען דורכגעלעבטע דערמאָנונגען פון זייער גליקלעכער אחדותדיקער קינדהייט אין טאַטע־מאַמעס הויז — סצענעס וואָס געפינען זיך, אין אַ ברייטערער פאָרמע, אין קאָברינס דערציילונגען, „קאַרל מאַרקס" און אַנדערע. אָבער נישט נאָר איז אַ ספק, צי דאַרף מען דאָס לעצטע אָנרופן פעלער, איך ווייס אפילו ניט, צי מעג מען אויף דעם אָנווענדן איפּאָליטעטענס פּסוק וועגן שאַבלאָן (אין זיין „פילאָזאָפיע פון קונסט"). אין אָנהייב, זאָגט זיך דאָרט, מאַכט אַ יונגער קינסטלער נאָך אַנדערע, עלטערע קינסטלער, ד. ה. ער פאָלגט נאָך אַ פרעמדן שאַבלאָן; שפּעטער־צו זוכט ער זיך אָפּ זיין אייגענעם וועג, ווערט זעלבסטשטענדיק; נאָך שפּעטער אָבער, אויפן אַראָפּבאַרג פון זיין קאַריערע, מאַכט ער שוין נאָך זיך אליין, ד. ה. ער ווערט זיין אייגענער שאַבלאָן. צו דער צייט וועגן וועלכער ס'איז דאָ די רייד

איז קאָברין, זייענדיק דאַמאָלס אין זיין רעכטער בליאונג, גאָר ווייט געווען פון ווערן פאַרשאַבלאָניזירט. העכסטנס קען מען צו אים נאָר האָבן די טענה פון מאָמענטאַנער פוילקייט: זיך פאַרפוילנדיק צו שאַפן אַ נייע סצענע, האָט ער גענומען אַן אַלטע, פון גרייטן.

וואָס איז שייך דער פיעסע „די שונאים" איז די „געבאַרגטע" סצענע כשר לכל הדעות. האָט ער דאָך אירע בעסטע פיגורן, אַזעלכע ווי קאַרל מאַרקס און סיימאָנקע טראַסק גענומען פון דער דערציילונג מיט דעם נאָמען; האָט ער דאָך די גאַנצע פיעסע, שיר ניט ביז צו די קלענסטע דעטאַלן, באַזירט און „געגרונטפעסטיקט" אויף דער דערציילונג (וועלכע, פאַרבייגייענדיק, איז אפשר קאָברינס בעסטע) און די פיגורן פון דער דערציילונג ווערן אין דער פיעסע פיל מער אויסגעפילט, ווערן סקולפּטוריש בולטער און דער גאַנצער סוזשעט ווערט בדרך כלל פאַרטיפט, מער באַלעבט.

דער אמת שיינט צו זיין, אַז אין די זיבן יאָר, פון 1901 ביז 1907, האָט קאָברין, אַחוץ לעבן אין די פיעסן וואָס ער האָט אין דער צייט געשאַפן, אַחוץ דורכלעבן זיינע לייסטונגען אין דער צייט פאַר די צייטונגען און זשור־נאַלן, נאָך דורכגעמאַכט אַן אינטענסיוו לעבן אינעווייניק, אַ לעבן פון צוהערן זיך צו די אייגענע שאַפונגס־כוחות און זיי בודק זיין, פון קלייבן און אָפּקלייבן, פון פאַרוואַרפן און קאָנסערווירן, אַ לעבן פון זיך רייניקן, פאַרטיפן זיך, פון פאַנאַנדערבליען זיך און צייטיק ווערן.

אין פיעסע נאָך פיעסע — וואָרים דראַמע איז איצט קאָברינס הויפּט־געביט — זען מיר איצט דעם פריידיקן אָבער באַוואוסטזיניקן קינסטלער. דעם גליקלעכן, פול־בלוטיקן שאַפער. מייסטנס ווערט ער פאַרכאַפּט פון מענטשן; ער שטויסט זיך אָן, אין לעבן, אין געדאַנק, אין אַ דערינערונג פון אַמאָל, אויף אַ לעבעדיקן, געזונטן, פולבלוטיקן, אינטערעסאַנטן מענטשן. צינדט ער זיך אָן מיטן באַגער, אים סקולפּטוריש אויסצומאָדעלירן, פּאַרוועבט ער אים אין אַ סוזשעט, אין לעבנס־סיטואַציעס, רינגלט ער אים אַרום מיט אַנדערע פיגורן און ציט זיי מיט זיינע דראַמאַטישע דרעטלעך, אַזוי ווי מאַנע־קענס, אַריין אין שפּיל, אין קאַמף. אָפּטמאָל ווערט קאָברין, אַזוי ווי אין זיינע דערציילונגען, פאַרכאַפּט, איבערגעוועלטיקט פונם „נייעם לעבן", ווי שלום אַש רופט אָן די אַמעריקע, וואָס שלינגט איין און קאָכט איבער דעם אידישן אימיגראַנט — פון דער וועלט פון הפקרדיק־צעעפנטן טענעמענט־הויז להיפך צום צניעותדיקן, קליינשטעטלדיקן שטיבעלע, פון אייביקן טאַנץ און קעגן־טאַנץ, פון זכר און נקבה, אין שאַפּ און פאַבריק, אין גאַס און אפילו אין דער אייגענער וואוינונג און אין דער שכנותדיקער וואוינונג, פון דער וועלט פון געצוס און נאָכגעבן זיך, להיפך צו דער אַלט־היימישער געפיל־אונטערדריקונג און איינגעפּענטעטקייט.

אַלס ביסלעכווייזדיקע אָפּשפּאַלטונג פונם „נייעם לעבן" מיט זיין קליפּה־דיקער פאַרכאַפּונג, אַנשטייט צייטנווייז ביי קאָברינען — כאָטש פון דער נאַטור ניט קיין טיפער גריבלער — די פראַגע פון אַסימילאַציע, פון אידישן רייבן זיך ביז צום צעריבן ווערן, פון מאָלן זיך ביז צום צעמאָלן ווערן — דורך

פרעמדע בליקן, פרעמדע תנועות און אַוואַיעס, פרעמדע אָנשטעלן און מאַניערן. און אַלס קאָנטראַסט דערצו, און אפשר אויך אַלס אַ פּאַרוואַלגערטע און אַריבערגעוואָרפענע עכאָ פון דער אַלטער היים, אַנטשטייט אויך די פראַגע פון נאַציאָנאַליזם. און אַמאָל קען גאָר טרעפן ביים סקולפּטוריש־לעבעדיקן קאָברינען, אַז ער זאָל פאַרכאַפּט ווערן בלויז פון אַ לעבעדיק־שיינער מעשה און זאָל אין איר אַריינשפּרינגען, ווי אַ פלינקער בעקער אין אַ דייזשע, און אין איר קנעטן און קנעטן ביז ער קנעט פון איר אַרויס אַ גאַנצן מענטשלעכן קאַראַהאַד, אַ שפּרינגענדיק־לויפנדיק־טאַנצנדיקן דראַמאַטישן געשלידער.

דאָס אַלץ איז די פּרוכט פון קאָברינס פאַנאַנדערבליאונג און אויסצייטיקונג אין די דערמאָנטע יאָרן, ריין־ליטעראַריש. אָבער גרעסער נאָך, וואונדערלעכער, איז דורך דידאַזיקע יאָרן געוועזן זיין רייפער ווערן ריין־דראַמאַטיש.

ריין דראַמאַטיש איז אַ קאָמפּלעקס באַגריפן, ידיעות און קונסט־מאַניפּולאַציעס, וואָס אפילו אונזערע דראַמאַטישע שרייבער וועגן טעאַטער זיינען זיי אָנגעקומען אי מיט גרויסע שוועריקייטן, אי גאַנץ שפּעט. ריין־דראַמאַטיש, ריידנדיק מיט דער שפּראַך פון קווינט־עסענץ, מיינט אַז די בינע האָט איר אייגענע חכמת הרפואה און איר אייגענע צייט־רעכענונג. אויף דער בינע איז אַ רגע לאַנגווייליקייט אַ טויטלעכע וואונד און דאָס וואָס אויף דער גאַנצער וועלט איז אַ מאָמענט קען אין טעאַטער באַטרעפן אַ גאַנצע שעה. ווייטער מיינט עס, אַז אַזוי ווי די נאַטור איז ניט סובל קיין וואַקואום, אַזוי קען אויף דער בינע אויך ניט זיין קיין פּוסטער מאָמענט, וואו עס זאָל גאָר ניט געשען — אין מעשים, אין געפיל, אין וועלכער ס'איז באַוועגונג — אין האַנדלונג. האַנדלונג מיינט אויסטויש, צוזאַמענשטויס, קאַמף. האַנדלונג מיינט קאַמף, אין זעלטענע פאַלן קערפּערלעך, אין די מייסטע פאַלן פּסיכאָלאָגיש, גערדאַנקלעך, אפילו פּאָליטיש. עס מיינט רייד און מעשים און תנועות (זשעסטיקולאַציעס) און איבערלעבונג אויסגעגאָסן אין רייד, צונויפגעגליט אין סצענעס פון אַלערליי צוזאַמענשטויסן, צונויפגעשמאָלצן אין סיטואַציעס מיט בלוטיקע באַציאונגען און קאַמפן. עס מיינט, שליסלעך, און מער קאָנקרעט, אַז אַזוי ווי די מאָדערנע דראַמע האָט פיינט סתם פּויזן און זי האָט אויך ניט ליב קיין מאָנאָלאָגן, אַזוי קען זי אויך ניט פאַרטראָגן קיין דיאַלאָגן (אַחוץ באַלד נאָכן ערשטן אויפגאַנג פונם פאָרהאַנג, צוליב אינפאָרמאַציע) — סיידן זיי, די דיאַלאָגן, לעבן מיט באַוועגונג, פאַרשריט, צוזאַמענשטויס און קאַמף — ווידעראַמאָל האַנדלונג.

און אָט דידאָזיקע קונסט האָט קאָברין, אַרום 1907, פולשטענדיק באַמייסטערט. ס'איז נאָר וואונדערלעך, וואו האָט ער זי אַזוי באַמייסטערט. וואָרים, אויסלערנען די דראַמאַטישע קונסט קען מען נאָר פון טעאַטער גופא. און טעאַטער גופא האָט קאָברין נאָר געקענט דאָס אידישע און דאָס דייטשע (ווי עס האָט זיך אַנטפּלעקט אין אוירווינג פּליים טעאַטער, אין ניו־יאָרק, ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה). עס בלייבט נאָר צו זאָגן, אַז קאָברינס נענטסטע פאַרטיפונג אין דידאָזיקע צוויי בינעס, פּליוס זיין שוין פריער דערמאָנטע אינטואיטיווע שטאַרק דראַמאַטישע נייגונג, צוזאַמען מיט אַ שפּעטערדיקער

גייסטיקער פאַרטיפונג און אָריענטירונג אויפן דאַזיקן געביט האָבן קאָברינען אַרויפגעפירט אויפן וועג פון דראַמאַטיש־טעכנישער פולקומענקייט.

די ערשטע דראַמע, פון זיין צווייטער פעריאָדע, „יאַנקל בוילא" (אין רוס־לאַנד באַקאַנט געוועזן אונטערן נאָמען „דער דאָרפס־יונג") האָט קאָברין גע־מוזט אָנשרייבן אין 1907, חדשים נאָך דעם „גרויסן איד". יעדנפאַלס, שפּעט אין יענעם יאָר, האָט קאָברין „יאַנקל בוילא" פאַרעפנטלעכט אין „אידישן קעמפּפער", און אַזוי ווי די דראַמע איז אינגאַנצן באַזירט אויף דער דערציי־לונג מיט דעם נאָמען (אין סאַמע סוף פון די 90ער יאָרן) און ניט נאָר האָט זי מיר קאָברין דאַמאָלס פירגעלייענט, נאָר איך האָב אים דאַן וועגן איר אויך געמאַכט געוויסע סוגעסטיעס, האָב איך איצט די דראַמע גאָר גרינג דערקענט.

„יאַנקל בוילא" איז געשריבן מיט אַ סך קראַפט, סיי ליטעראַרישער און סיי דראַמאַטישער. פאַקטיש אַלע מענטשן פון דער פּיעסע לעבן קלאָר און העל און מען זעט זיי ממש פאַר די אויגן און מען הערט זיי מיט זייערע באַזונ־דערע קולות, אפילו אַז מען גייט ניט ווייטער פונם בוך. זיי לעבן אויך אַ זייער אינטענסיווו, דאָס הייסט, אַ דראַמאַטיש לעבן. אפילו אַזאַ פאַרשוין ווי חאַצע (דער „קעלעמער מגיד") כאָטש ער איז אייגנטלעך ניט מער ווי אַ „רעזאָנירער", ד. ה. אַזאַ איינער, וואָס איז דער עיקר נאָר אַ ריידער, העלפט גאָר אַסך מיט אין דער האַנדלונג און טאַקע אין אירע לעצטע אַנטשיידנדיקסטע פּונקטן.

ריין דראַמאַטיש איז די פּיעסע ווי מיט גאָלדערנע האַמערס אויסגעקלאַפּט. ניט נאָר באַוועגט זיך די האַנדלונג נאַטירלעך, פריש און פריי, נאָר עס איז אין דער פּיעסע קיין איין מאָמענט פון פּוסטקייט, פון שלעפּעדיקייט, פון אומ־רירעוודיקייט, פון ניט פאָרויס־גיין ניטאָ. (העכסטנס קען מען נאָר זאָגן, אַז דער דראַמאַטורג איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פונם „קעלעמער מגידס" דרשה וועגן גיהנום, אַז ער האָט זי געלאָזט זיך אויסציען אַ קליין ביסעלע מער ווי עס איז פאַר דער האַנדלונג נויטיק געווען). און די איינציקע סצענעס גיסן זיך נאַטירלעך און לייכט אַריבער איינע אין דער צווייטער.

ריין ליטעראַריש קען מען אָבער זאָגן, אַז די כאַראַקטערן פון דער פּיעסע, כאָטש זיי זיינען אַזוי בולט, פעלט זיי אָבער אָפּגערונדעטקייט און דורכ־זיכטיקייט, וואָס, דאָס לעצטע, לאָזט זיך אפשר פאַרבינדן מיט דעם וואָס מען רופט אַטמאָספערע, אָדער פּערספּעקטיווע און פּסיכאָלאָגישקייט. איך דערמאָן זיך אויף אַ שפּרוך פון איינעם פון די קלאַסישע קריטיקער, אויב טאַקע ניט אוי־גוסט ווילהעלם שלעגעל, זאָגנדיק אַז דער חילוק פון אַ בילד ביז אַ סטאַטוע איז, וואָס אין אַ בילד קען מען אַריינלייענען טיפער, אפילו ווייטער, כאָטש ס'איז דאָ אַ ראַם, איידער עס איז געמאָלן, בשעת ביי אַ סטאַטוע ענדיקט זיך דאָס אַריינלייענען און דאָס אַרויסלייענען תיכף ביי די קאָנטורן, נישט צו גיין אַ שפּאַן ווייטער. די כאַראַקטערן פון „יאַנקל בוילא" זיינען אַ שפּיגל, וואָס שפּיגלט אַלץ ריכטיק אָפּ, אָבער הינטערן שפּיגל איז מער גאָר ניטאָ.

אין דער פּיעסע נאָכמער ווי אין דער נאָוועלע. וואָרים דאָרטן זיינען דאָך גע־ווען באַשרייבונגען פון דער נאַטור און פון מענטשן און פון אַ יום־טוב אין דאָרף, וואָס האָבן דאָך צוגעגעבן כאָטש דרויסנדיקע אַטמאָספערע. אויך איז דאָ אין דער פּיעסע, ווי אין דער נאָוועלע, אַחוץ אין הירש בערן (כאָטש ער איז

אויך נאָר אַ מין „רעזאָניער") — אַ מאַנגל אין פּסיכאָלאָגישקייט. יאַנקלס שרעק פאַר זיין טויטן טאַטן, פאַרן גיהנום ,וועלכער טרייבט אים צום טויט, זען מיר ניט שאַרף גענוג און נאָך פלאַטשיקער זען מיר זיינע געוויסן־ליידן בנוגע נאַטאַשען, די דאָרף־שיקסע, וואָס ער האָט זי אָן ספק ליב. וואָס שייך דעם פּרימיטיוו רעליגיעזן שרעק, זען מיר אים דאָ פיל וויניקער ווי אין הויפּטמאַנס „פורמאַן הענשעל" און אפילו אין גאָרדינס אויף איר געבויטער „די שבועה אָדער ראַניע די פּאַטשעריך" (וואָס זיינען געקומען מיט אַ יאָר זעקס פריער) און אין ביידע איז סיי די אַלגעמיין אינטעלעקטועלע, סיי די רעליגיעזע „ניוואָ", קוים אַ האָר העכער ווי אין קאָברינס ווערק.

געשפּילט געוואָרן איז „יאַנקל בוילא" צום ערשטן מאָל אין יאָר 1909, אין אַ „מוזיק־האָל" אויף קלינטאָן סטריט, פון אַקטיאָרן „פּייער מאַכער", ד. ה. אַנגעהעריקע צו אַ יוניאָן פון מייסטנס פּראָווינציעלע אַקטיאָרן, וואָס איר נאָמען איז געווען ווייט ניט קיין געהויבענער. די מוזיק־האָל שפּילער האָבן אָבער די פּיעסע גוט דורכגעפירט (איינע אָן איידאָ פיין האָט אַזוי געלונגען לאַ־כעדיק געשפּילט יאַנקלס כלה חייקע, אַז זי איז אויף אַ לאַנגער צייט פאַר־בליבן אַ שם דבר). דער דאָזיקער דערפאָלג האָט געפירט דערצו אַז דוד קעסלער, וועלכער האָט פון דער פּיעסע משמעות לכתחילה זיך געהאַט אָפּגע־זאָגט, האָט זי שפּעטער־צו גערן אויפגעפירט און, ווידער, מיט אַן אַנגעזעענעם דערפאָלג. בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זי „די ווילנער" געשפּילט מיט גרויסע יסורים אָבער אויך מיט גרויס הצלחה אין ליטוויש־ווייסרוסישע שטעט און שטעטלעך. (פון יענע אויפפירונגען שטאַמט עס נח נאַכבושעס מערקווירדיקער „פּאָרטראַג פונם „קעלעמער").

אין יאָר 1910 האָט קאָברין געלאָזט אויפפירן די פּיעסע דער „גאָלדענער שטראָם", וואָס איז געווען געבויט אויף קאָברינס ראָמאַן „אָרע די באָרד", וועלכער איז, מיט עטלעכע יאָר פריער, געווען געדרוקט אין אַ „פאָרווערטס"־אויסגאַבע, דאַכט זיך אין „צייט־גייסט". אין אַ סך יאָרן אַרום איז די פּיעסע ווידעראַמאָל אויפגעפירט געוואָרן דורך דער אַקטריסע דזשעני גאָלדשטיין. ביידע מאָל איז די פּיעסע קיין דערפאָלג ניט געווען און איז מחמת באַקאַנטע־אומבאַקאַנטע טעאַטער־סיבות שנעל אַראָפּ פון דער בינע. איך האָב די פאָר־שטעלונגען (וואָרשיינלעך בין איך דאַמאָלס געווען פאַרייזט) ניט געזען. אָבער דעם ראָמאַן „אָרע די באָרד" האָב איך, בשעת ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, מיט באַגייסטערונג געלויבט ערגעץ אין אַ רעצענזיע און איצט, העל־פנדיק צוגרייטן צום דרוק דאָס איצטיקע בוך, האָב איך, מיט ניט וויניק פרייד געלייענט אויך די פּיעסע. ניט נאָר איז די דראַמע מאָלעריש אמת, ניט נאָר לעבן דאָ די מייסטע מענטשן אַ לעבעדיק לעבן, באַלויכטן מיט אַן אייגענער, פון זיך אַליין אַרויסשטראָמענדיקער שיין, נאָר עס פלאַקערט דאָ אויך אַ העלע ליכט־שיין פון אידיש־אַמעריקאַנישן לעבן. ניט נאָר איז פאַראַן אין דער פּיעסע אַטמאָספערע, נאָר עס איז אויך דאָ אַ סאָציאַלער שטראָם, וואָס באַהעלט און באַשפּיגלט דאָס גאַנצע. (איך צי דאָ די אויפמערקזאַמקייט פון לעזער, אַז כמעט אויף דער אייגענער טעמע, אַ „ריעל עסטייט בום" מיט

אַ קאַטאַסטראָפע, איז געווען געבויט אויך יעקב גאָרדינס סאַמע לעצטע דראַמע „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ״, וואָס איז געווען אויפגעפירט פון באָריס טאָמאַשעווסקין, אַן ערך אַ האַלבן יאָר פאַר גאָרדינס טויט. גאָרדינס פיעסע איז געווען ברייטער פאַנאַנדערגעוואָרפן און זי האָט אויך געגלאַנצט מיט וויצן און מיט אַנדערע ליטעראַרישע פליטערלעך, אָבער קאָברינס פיעסע איז געזינטער מיט דער פעסטקייט פון אַ פּאָר פון אירע הויפּט־פיגורן, איז היימישער מיט איר אידישלעכקייט און איז גאָר אַ סך שטאַרקער מיט איר דראַמאַטישער באַוועגלעכקייט און געשפּאַנטקייט). און ס׳איז פאַר מיר געווען אַן אמתע פרייד צו זען אַזעלכע גאַנצע, פרום־ערלעכע, „ניט־קיין־געטשעפּעטע״ אידן ווי אָרע די באָרד, זיין אַלטינקע מוטער און זיין בוכהאַלטער חיים אליע, ניט נאָר אין סאַמע האַרץ פון בראַנזוויל, נאָר אויך אין סאַמע רעכטן גיהנום־פיבער פון אַ „ריעל עסטייט״ אויפבּרויז, פון האַלז־און־נאַקן ברעכנדיקע שפּעקולאַציעס, אין סאַמע קעסל־גרוב פון צעלאָזטע, צעשמאַלצענע, צערונענע מענטשן און שיקזאַלן.

די פיעסע, מיט אירע פעלערן (צוויי מיטגלידער פון אָרעס פאַמיליע זיינען בלייבלעך געמאָלן, זיין אײדעם פיניע זאָגט חכמות פון וועלכע עס לאַכט זיך ניט זייער גרינג, סעמקע בלום, דער שאַרלאַטאַן־אינטריגאַנט פון דער פיעסע, מיט זיין האַלב־בלאָפערישן ציטירן פון די רוסישע פּאָעטן, איז האַלב שאַרזש, האַלב שאַבלאָן) — אָבער ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען דאַרף זי ניט נאָר געשפּילט און געשפּילט ווערן, נאָר זי פאַרדינט אויך אַ געדענקווערטיקן אָרט אין די צוקונפטיקע כראָניקעס פון אונזער טעאַטער. זי פאַרדינט עס שוין צוליב דער שטאַרקער — ערלעכער, אָן פאַלשע עפעקטן — געשפּאַנטקייט פון אירע סצענעס.

זיין קלימאַקס אויפן פעלד פון ערנסטער דראַמע (אין קעגנזאַץ צו קאָמעדיע) האָט קאָברין דערגרייכט אין יאָר 1912, אין יעקב אַדלערס טעאַטער, אין דער דראַמע „די שונאים״.

אָבער איידער איך גיי ווייטער, לאָמיך זיך דאָ וואוילגיין מיט אַ שטיק אָפּנהאַרציקייט, מיט וועלכער איך טראָג זיך אַרום פונם סאַמע אָנפאַנג פון דער איצטיקער אָפּהאַנדלונג. און דאָס איז, אַז פון אַלע טעאַטער־דירעקטאָרן מיט וועמען קאָברין האָט געהאַט צו טאָן, איז אים אַם גליקלעכסטן געגאַנגען מיט יעקב אַדלערן. איך בין איבערצייגט, אַז ניט נאָר שרייבנדיק פאַר אַדלערן, נאָר אפילו ניט שרייבנדיק די פיעסע לכתחילה פאַר אים, נאָר זיך באַטייליקנדיק מיט אים אין די פירלייענונגען און אין די פּראָבעס פאַר דער אויפפירונג פון דער פיעסע, האָט קיין דראַמאַטורג זיך ניט געקענט באַפרייען פון דעם באַצויבערנדיקן און באַגייסטערנדיקן פאַרגעשמאַק, אַז אַדלער וועט די פיעסע שפּילן, אַז אין דער און דער סצענע וועט ער אָננעמען אַזאַ און אַזאַ האַלטונג און אין אַט דעם מאָמענט וועלן די ווערטער אַזוי אַ אַרויסקלינגען פון זיין וואונדערלעכער דיקציע, אַז אין אַט דעם און דעם קער און שטעל וועט אַדלערס בליק שיינען מיט אַזאַ און אַזאַ גלאַנץ, וועט זיין פּנים אָפּשפּיגלען אַזאַ און אַזאַ באַצווינגענדיקע מינע.

און ניט נאָר מיט זיין שפּילן, נאָר אַפילו מיט זיין רעזשיסירן — כאָטש אַדלער איז ניט געווען דער בעסטער אידישער רעזשיסער — דאָך האָט ער געמוזט אויסאיבן אַן אַנזעוודיקע ווירקונג אויפן שרייבער. כאָטש איך בין ווייט ניט זיכער, אַז אַדלער איז געווען פיל אינטעליגענטער פון די אַנדערע אידישע רעזשיסערן, מיין איך אָבער אַז ער איז געווען אַ קליגערער מענטש פון זיי, אויך אַז ער האָט אין זיינע אויגן פאַרמאָגט אַ ליכטיק־טיפערן סצענע־חוש און אין זיין גאַנצן וועזן אַ מער דורכדרינגנדיקע בינע־קענטעניש.

קאָברינס דראַמאַטישער טאַלאַנט, געבענטשט מיט זיין פולסטער אויס־געצייטיקטקייט, באַרייכערט מיט אַדלערס (און זיין טרופּעס) שפּילן און מיט זיין רעזשיסירן, האָט, אין יאָר 1912, געגעבן דעם אידישן טעאַטער איינע פון זיינע גאָר הערלעכע דערגרייכונגען.

געבויט אויף קאָברינס אפשר סאַמע בעסטער דערציילונג, „קאַרל מאַרקס" (און עס מעג טאַקע גילטן אַלס כלל, אַז פון וואָס אַ בעסערער דערציילונג אַדער נאָוועלע קאָברין באַציט זיין פּיעסע, אַלץ אַ בעסערע טעאַטער־שטיק וועט זי זיין) איז „די שונאים" געווען אַ רוישיקער דערפאָלג סיי ליטעראַריש, סיי דראַמאַטיש, סיי טעאַטראַליש. מען האָט ביי דער פּיעסע אי אידיש־מענטש־לעך, אי אידיש־טעאַטערדיק געוויינט און געלאַכט. מען האָט געוואַלטיק מיט־געלעבט סיי אין די גרופּן־סצענעס, סיי אין די מאַסאָווע. פאַרדינט די פּיעסע אין פולן זין פון וואָרט באַצייכנט צו ווערן אַלס סאָציאַלע דראַמע. אָן שום ספק פאַרדינט זי אויך באַצייכנט צו ווערן אַלס היסטאָרישע דראַמע, שילדערנדיק, אויף אַ ברייטן פעלד און מיט די שאַרפסטע, זיכערסטע שטריכן, די ערשטע גרויסע שפּרייזן פון אידיש־אַמעריקאַנישן קאַמף פון אַרבעט און קאַפּיטאַל.

מיט איר טעאַטערדיק־דורכגעגליטן אינהאַלט — שטרייט און קאַמף פון קלאַס קעגן קלאַס, פון אייגנליבע קעגן אידעאַליזם, פון ברודער קעגן ברודער, פון שטעטלשער אידיליע קעגן גרויס־וועלטיקער האַרט־האַרציקייט, פאַר־דינט די פּיעסע אויך באַצייכנט צו ווערן אַלס אידעאַלע דראַמע, פאַר־מאָגנדיק אַזאַ שפע פון סצענעס און סיטואַציעס, ווערנדיק אויפגעריסן און געטראָגן אין שטורעם פון קאַמף און צוזאַמענשטויס. אַלץ איז דאָ אוממיטל־באַר, אַלץ איז קאָנקרעט, אַלע סטעזשקעס, ווי אָפּגעלעגן, פירן דאָך צום שטורעם־צענטער אויפן שפּיץ־באַרג. אַפילו דאָס ברייטע געלעכטער, וואָס קנאַלט דאָ און דאָרט דורך די סצענעס, פאַרמאָגט אַ וואונק, א הויך פון דער טראַגיק פון לעבן.

„די שונאים" האָט געאָטעמט מיט אמתער טראַגעדיע. די זייער פאַרביקע, פּולבלוטיקע געשטאַלטן, די מיטרייסנדיקע פּאַטעטישע ווי שטורעמדיקע סצע־נעס און סיטואַציעס, צוזאַמען מיטן ברייטן, פרייען, האָפערדיקן שפּילן פון אַדלערן, מאַשקאָוויטשן און אַנדערע, האָבן אָוועקגעטראָגן און אויפגעהייבן די צוקוקער ביז צום העכסטן עקסטאַז פון איבערלעבן, פון מיטפילן, מיט־לײדן און מיטקעמפן.

(אויב מיר, ד. ה. איך און פרוי קאָברין האָבן אויסגעלאָזט „די שונאים״ פון דער איצטיקער דראַמען־זאַמלונג, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל מיר האָבן די פיעסע ניט געקענט באַקומען אין קאָברינס אייגן־העגטיקן, אָריגינעלן, ניט־געענדערטן טעקסט. אָבער מיר האָפן, אַז ביי אַ ווייטערדיקער אויסגאַבע פון קאָברינס ווערק, וועט דער עכטער טעקסט אָפּגעזוכט ווערן).

אין 1913 איז, ווידער ביי טאָמאַשעווסקין, געשפּילט געוואָרן קאָברינס קאָמעדיע „בריטש אָף פּראָמיס״ (אין רוסלאַנד „בערטשיק״) און אין 1916, נאָכאַמאָל ביי טאָמאַשעווסקין, די קאָמעדיע „די נעקסדאָריקע״ (געדרוקט פאַר עטלעכע יאָרן אין „איקוף״־זשורנאַל, אונטערן נאָמען „איבער ימ'ען גרויסע״). דערמאָן איך די צוויי פּיעסן אין איין אָטעם, ווייל אייגנטלעך זיינען זיי אַ מין צווילינג. וואָרים ביידע באַהאַנדלען איין טעמע, וועלכע איך האָב שוין פריער אונטערגעשטראָכן, אָנצייכענענדיק די עטאַפּן פון קאָברינס דראַמאַטישער קאַריערע, די טעמע „דאָס נייע לעבן״, די צייטנווייז הפקרדיקע גענוס־און תכלית־יאָגעניש פון אידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע. ביידע פּיעסן זיינען זייער היימיש מיט לעבעדיקע מענטשן, פון איינפאַכן, היימיש־קליינשטעטלדיקן פאָלק, מיט זייער היימישער מאָראַל, וואָס ווערט דאָ טיילווייז פאַרדאָרבן, מיט זייער היימישן וועלט־בליק, וואָס ווערט דאָ טיילווייז אויסגעברייטערט. אַלץ אינאיינעם זיינען די צוויי פּיעסן אַ פריילעכער, צייטנווייז אויך אַ טרויעריקלעכער וויר־וואַר פון טעותן, נאַרישקייטן און נאַרער און די לעצטע — אויף אַזוי־פיל טראַגט אונזער דראַמאַטורגס מאָראַל — ווערן אָפּטמאָל באַשטראָפט, אַליין אַריינפאַלנדיק אין די נעצן, וואָס זיי האָבן אונטערגעשטעלט פאַר אַנדערע. אין לעבן איז קאָברין געוועזן שטאָל און אייזן פאַר דער קאָמעדיע, האַלטנדיק זי אויף אַ האָר ניט מינדער פון דער דראַמע. און איך מיין, אַז וואָס איז שייך זיינע אייגענע קאָמעדיעס, לכל הפחות, איז ער געווען גאָר ניט אומגערעכט. די כאַראַקטערן אין די צוויי קאָמעדיעס זיינען בשום אופן ניט ווייניקער געזונט־לעבעדיק אידער די כאַראַקטערן אָדער טיפּן אין די דראַמעס. דער הומאָר איז, אינם גרויסן בדרך כלל, אַ פרישער, אַ קוואַליקער. די קעמפנדיקע סצענעס זיינען לאַגיש געקייטלט פון ביידע זייטן פונם קלימאַקס.

פאַראַן עטלעכע קליינע אונטערשיידן, עטלעכע קליינע פעלערן. אין „בריטש אָף פּראָמיס״ איז פאַראַן אַן עלטערער איד, וואָס, אויף אַ רגע, ווייט ער אַן אַן ערנסטע שטימונג אויף דער בינע. זיינער אַ פריינט, צערײדנדיק זיך מיט אים, פרעגט:

פאַר וואָס דאָ אין אַמעריקע ווערט דאָ די מענטשלעכקייט אַזוי ווינציקער, אַזוי אָרימער?

און דער עלטערער איד ענטפערט:

דו פרעגט בעסער: פאַר וואָס ווערט דאָ אידישקייט אַזוי גרעבער, אַזוי וואָכעדיקער?

דערפאַר, אַ רגע פאַרן לעצטן פאַרהאַנג, אַז בערטשיקס, דעם שיר ניט „אַריינגעכאַפּטן״ יונגעמאַנס ווייב אָדער כלה, קומט אַראָפּ פון „יענער זייט״, איז זי אַ שטומע ליאַליע, אַן אַ וואָרט אויסצורײדן, ווי אַ לעבעדיקע טאַבליצע

אָדער שילד. אין דער „נעקסדאָריקע“ איז די יונגע וויבעלע, הינדעלע, פון
„דער אַלטער היים“, אַ גאַנץ טיפער, ערנסטער, בר־דעת׳דיקער, מאָראַליש־
באַשיידענער כאַראַקטער, וואָס איז נאָך דערצו דורכויס אויסגעהאַלטן, ווי פון
איין שטיק. דערפאַר, פון דער אַנדער זייט, איז דאָ דער ערשטער אַקט אַ
היפּש ביסל צעצויגן; דערפאַר, טאָפּטשעט זיך קוליע דער שמיד, וועלוועלעס,
דעם הויפּט־העלדס, טאַטע, צופיל אונטער די פיס, ריידנדיק אביסעלע צופיל
פון די ווייבער און זייער „נישט־אָנגעטאָנקייט“, וואָס ער באַגעגענט אין אַמע־
ריקע; און דערפאַר איז גימפּל ריאַבטשיק, דער ליטווישער מאָן פון דער רומע־
נישער קאָקעטקע, אַ היפּש ביסל פאַרקאַריקאַטורעוועט.

מיר האָבן נאָך אַ מין פּיעסן־צווילינג אין קאָברינס צווייטער פּעריאָדע.
וואָס ווערט איצט באַטראַכט, „ישראלס האָפענונג“ (1915) און „צוריק צו זיין
פאָלק“ (1917), אַ צווילינג פון נאַציאָנאַליזם. נישט געדענקענדיק איצט צו־
פיל פון דער ערשטער, שטייט פאַר מיר אָבער גאַנץ קלאָר דער כאַראַקטער
פון דער איידעלער, שיינער, אָבער נאָך דעם פלאַמענדיקן אָפּראַ־אָרעאָל־
לעכצנדיקער הדסה, וואָס צוליב אים איז זי אפילו קאַפּאַבל איר ליבהאָ־
בער־באַשיצער צו פאַרלייקענען, איר אידישן איך פון איר פּנים אַראָפּצו־
קראַצן, און די קוים טונקעלערע געשטאַלט פון דעם נאַציאָנאַליסטיש־ציוניס־
טישן, אידישע קולטור ליבהאָבנדיקן, אָבער לסוף פון אַנטוישונגען אונטער־
געבראָכענעם ישראל פאָליאַקאָוו. וויניקער קלאָר איז דאָ, נאַטירלעך, די ניט־
אידישע וועלט, די וועלט פון די אַמעריקאַנער קונסט־פּאַקטוירים. (די פּיעסע
האָט אויך געהאַט דעם פאַרדינסט, וואָס זי האָט, צום ערשטן מאָל, אַרויסגעפירט
בערטאַ גערסטין אין אַ שיינער, הויכער, ערנסטער אידישער ראָליע). דער
צווייטער צווילינג „צוריק צו זיין פאָלק“ איז ריין דראַמאַטיש אַן אויסערגע־
וויינלעך שטאַרקע פּיעסע. „ניט קיין טעאַטער־שטיק, נאָר א שמידישער האַ־
מער“ האָט אויף איר געזאָגט מאָריס מאָשקאָוויטש נאָכן אויסהערן זי, מיי־
נענדיק, נאַטירלעך, איר זיכערע קראַפט. ריין ליטעראַריש האָב איך גע־
פונען דאַמאָלס און געפין אויך איצט, אַז די דראַמע איז געשריבן צו סכעמאַ־
טיש, צופיל לויט אַ פּלאַן, אַזוי ווי אויף באַשטעל, וואָס דאָס מאַכט זי אַ ביסל
שטייפלעך און דערלאָזט ניט קיין טיפערן אַריינבליק. ווייטער, דאַכט מיר,
אַז דאָס תשובה טאָן פון דעם אָפּגעקערטן אידן שוואַרץ־בלעק ווערט ניט
גענוג פּסיכאָלאָגיש אויפגעקלערט, דערשיינט ער פאַר אונז, ביי זיין גאַנצער
סימפּאַטישקייט און וואויל־בראַווער האַלטונג — עפּעס ווי אַ שטיק מיסטעריע.
אויך, אַז זיין אַמעריקאַנער פרוי מערי ווערט געמאָלן אַ ביסעלע שוין צו
האַרטלעך. דערפאַר, זיינען די צוויי יונגע ליבהאָבער פון דער דראַמע, די
טאָכטער און איר אידישער געליבטער, דער יונגער מאלער, און זייער ליבע
געמאָלן ליבלעך, שיין און אפילו ניט אָן הומאָר. דער יונגער זון, ווידער, איז
בלויז אַ שאַרזש.

די קרוין פון דער איצטיקער פּעריאָדע, וויניקער זיכער ריין ליטעראַ־
ריש, אָבער אָן שום ספק סצעניש, איז „דעם דאָקטאָרס ווייבער“ (אָדער „מינקע
די מויד“) פון 1917. עס איז אַ פּיעסע, וואו אַלע פאַרשוינען, אָן דער קלענס־

טער אויסנאַם, זיינען וואונדערלעך לעבעדיק, קוועקזילבערדיק באַוועגעוודיק. און יעדער איינער איז, אין זיין פּוסטקייט אָדער פולקייט, אָנגעגאָסן מיט אינ־האַלט. וואָס איז שייך סצענעס, און אפילו סיטואַציעס, איז מיט זיי די קאָ־מעדיע אַזוי איבערפלייצנדיק רייך, אַז עס מיר שווער צו דערמאָנען זיך צו איר אַ גלייכן אין אַלץ וואָס איך האָב געזען, געלייענט. און ווייל די מענטשן זיינען אַזוי וואונדערלעך לעבעדיק (נאַטירלעך זיינען די פאָלק־מענטשן לע־בעדיקער איידער די אינטעליגענטן, לויט דעם אַלטן כלל אַז אַ אידן מיט אַ באָרד איז גרינגער אָנצוכאַפּן מיטן פינזל אָדער פען איידער דעם אידן אָן אַ באָרד) און די סצענעס זיינען אַזוי טענצלדיק־שפּרינגעוודיק, פליצט די קאָמעדיע זיך אַליין אַריבער מיט איר שפּרודלדיקן הומאָר. אין דער גאַנצער פּיעסע געפין איך נאָר איין קליינעם פעלער — קאָברינס „פאַרצייטיקער" פעלער פון נאָכלויפן נאָך דער מאָדע. דאָ לויפט ער אפשר ניט נאָך, אָבער ער הענגט זיך אָן אָן דער מאָדע פון יענעם יאָר (און אפשר אויך אַ פּאָר יאָר פריער און שפּעטער) אין אונזערע ראַדיקאַלע קרייזן — דאָס איז די מאָדע פון „געבורט קאָנטראָל". קאָברין הענגט זיך אָן דער מאָדע אָן אַלס אַ תירוץ צו שרייבן די קאָמעדיע, אָבער אי דער תירוץ איז אומנויטיק, אי, בלויז אַלס תירוץ, ווערט ער צופיל אויסגעצויגן (וועלכע תירוצים דאַרף מען דען, פאַר־צושטעלן די פאַלשקייט און נאַרישקייט פון אַ ניט־גלייכער הייראַט?).

די לעצטע פּיעסע פון דער פעריאָדע, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געשפּילט געוואָרן, אָבער עס וועט זיין אַ שרעקלעכע עוולה, אויב זי וועט אויך ווייטער ניט געשפּילט ווערן, איז „דאָס אייביקע פייער". עס איז אַ היסטאָרישע דראַמע, באַאַרבעט, ווערליק — אויב איך געדענק ריכטיק — קאָברין האָט מיר אַמאָל געזאָגט, נאָך דעם אידיש־דייטשן שרייבער מאַקס רינגס, אַ טרילאָגיע־ראָמאַן „בית הלל". (קאָברין האָט די טרילאָגיע, אַרום אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן, פריי איבערגעזעצט, אַלס ראָמאַן פאַרן „טאָג" און פון דאָמאָלס שטאַמט טאָקע די פּיעסע). „דאָס אייביקע פייער" גליט מיט דער ריינער פלאַם פון אידישן נאַציאָנאַליזם. זייענדיק שיין און דורכזיכטיק געשריבן, אין שיינעם און לוי־טערן קלאַסישן סטיל (די שרייב־מאַניער פאַר דעם ראָמאַנטיזם און אַוודאי פאַר דעם רעאַליזם־נאַטוראַליזם פון 19טן יאָרהונדערט) גיט זי אויך אַ גאָר נשקשהדיקן בילד פון אידישן לעבן אין דער צייט פאַרן חורבן בית שני. לסוף, איז „דאָס אייביקע פייער" אויך וואונדערלעך שטאַרק מיט איר מאַכטיקן סצענישן אויסשטעל.

און איצט אַ שפּרונג פון וואָסערע אַכט יאָר — אַ שפּרונג אויף יענער זייט פון אונזער פעריאָדע — און מיר קומען צו דער דראַמע „ריווערסייד דרייוו", געדרוקט אין דער „צוקונפט", אין 1928, אויפגעפירט פון מאָריס שוואַרצן אין 1931 און אַרויסגעגעבן פון „איקוף", משמעות, אין 1942. ווי־דעראָמאָל אַ דראַמע פון דער אידישער אימיגראַציע, אָבער גאָר לויט אַ נייעם נוסח. שוין נישט קיין טראַגעדיע פון קערפּערלעכע ליידן, אויך ניט פון שווינדל, כאַפּעריי און פאַרפירונג, ווי למשל, אין גאָרדינס „דער רוסישער איד אין אַמעריקע", נאָר פון דורותדיקער דערווייטערטקייט. די קרבנות,

אַן אַלטער טאַטע מיט אַן אַלטער מאַמען, קומען אַראָפּ צו אַן איידעלן זון מיט אַן אייגנטלעך נישט־אומאיידעלער שנור .אָבער בײדע פּאָרן זײַנען אַזוי אָפּגעפרעמדט, ניט אַזוי אין יאָרן ווי אין זיטן און מאַניערן, אַז עס איז אומ־מעגלעך זיך צונויפצוקומען. היינט אַז די יונגע עלטערן זײַנען אַזוי, טאָ וואָס קען מען שוין זאָגן וועגן זייערע גאָר יונגיטשקע קינדער? איז עס די טראַ־געדיע פון אַמעריקאַניזאַציע־אַסימילאַציע, נאָך מיט אַ צומיש פון איד און יהודי. און עס איז ניט קיין קליינע טראַגעדיע, כאָטש זי ווערט אַרויסגעבראַכט מיט זעלטענער איידלקייט, מיט שטילער, איינגעהאַלטענער קראַפט.

קיין צו שטאַרקן רושם אויף דער טעאַטער־וועלט האָט די פּיעסע, משמעות, ניט געמאַכט. דאָך שפּילט זי מאָריס שוואַרץ, און קענטיק מיט דערפאָלג, כסדר אויף דער פּראָווינץ, ביז היינטיקן טאָג. אין אונזערע ליטעראַרישע קרייזן האָט די פּיעסע אַ גוטן נאָמען — דער עיקר אפשר דערפאַר, ווייל עס געפינט זיך אין איר אַ אידיש־אַמעריקאַנער יונגערמאַן, אַ דיכטער, וואָס קען אידיש, רעדט אידיש און רעדט באַגייסטערט פון אַ צוקונפט פאַר אידיש. קוק איך אויף אים, הער איך אים און אין האַרצן באַמבלט זיך מיר דאָס לידל:

„הלוואי, הלוואי, הלוואי,
הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען״.

ד

פיל איך אַז עס וואָלט ניט רעכט געווען, ניט צו מאַכן צום סוף, כאָטש אַ גאַנץ קורצן פאַרגלייך צווישן יעקב גאָרדינען און לעאָן קאַברינען. (קיין גרינטלעכן פאַרגלייך איז, נאַטירלעך, דאָ ניט מעגלעך צו מאַכן איבער אַסך טעמים, דער עיקר אָבער דערפאַר, וואָס, בשעת קאַברין האָט אַרויסגעלאָזט פון זײַנע הענט, שוין מיט עטלעכע איבערגעזעצטע און באַאַרבעטע, עטלעכע און צוואַנציק פּיעסן, האָט גאָרדין, מיט פיל איבערגעזעצטע און באַאַרבעטע, אַרויסגעגעבן איבער אַכציק פּיעסן, צווישן זיי, ביי קאַברינען וואָסערע זעכצן וואָס מען קען אָנרופן גוטע, בשעת ביי גאָרדינען זײַנען דאָ אַזעלכע וואָסערע פינף־זעקס און צוואַנציק).

אָבער אַ קורצן פאַרגלייך לאָמיר דאָך פּרוּוון דורכפירן.

האָבן מיר פאַר זיך צוויי פאַרשיידענע מענטשן, בײדע זייער טאַלאַנטפול, בײדע מאָלער, בײדע פּאָעטיש געזינט, בײדע הומאָריסטן. אָבער, לויטן רעכטן עיקר, איז איינער, קאַברין, געווען אַ סענסואַליסט, אַ מענטש פון פלייש און בלוט, מיט אַ זוכעניש נאָך מענטשן פון פלייש און בלוט און מיט אַ געוואַלטיקן באַגער נאָך אַזעלכע מענטשן און אַנטציקונג פון זיי. בשעת דער צווייטער, גאָרדין, איז, לויט זיין רעכטן עיקר, געווען אַ דענקער, אַ מאָראַליסט און אַ פּרעדיקער.

בײדע מאָלן — דער ערשטער מיט בלוט־רויטער פאַרב; דער צווייטער מיט פאַרב, וואָס ווערט ניט זעלטן דורכגעווייסט מיט געדאַנק. בײדע לאַכן, דער ערשטער, מייסטנס מיט פריידיקן געלעכטער, מיט אַנקוועלן; דער צווייטער, אַמאָל אויך מיט שטעכיקער סאַטירע („איוואַן קאַליוטשי״, דער

שטעכיקער איוואַן, דאָס איז געווען איינער פון גאָרדינס פּסעוודאָנימען אין זיינע רוסישע צייטונגען) — גאַנץ אָפט אָבער מיט וויץ.

קאָברין איז פּאָעטיש־קינסטלערישער האַרץ־מענטש; גאָרדין איז אַר־טיסטישער קאָפּ־מענטש. פאַרנעמט זיך קאָברין מיט פּראָבלעמען גאָר זעלטן, בשעת גאָרדין איז אַ פּראָבלעמאַטיקער דורכויס. אויף „גאָט, מענטש און טייוול", אויף „מירעלע אפרת", אויפן „מטורף", אויפן „אומבאַקאַנטן" האָט גאָרדין, קענטיק, גע׳מוח׳ט; ביי קאָברינען, אויב „די שונאים" און „דער גאָלדענער שטראָם" זיינען סאָציאַלע דראַמען, איז די סאָציאַלישקייט ביי אים אַרויסגעשפּרונגען — אַזוי ווי די געטין ווענוס, פונם שוים פון ים — פונם קאַראַהאָד פון מענטשן, פונם שפּרודל פון בילדער.

אַ צאָל פון קאָברינס פּיעסן האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, באַלד אַזאַ דערפאָלג ווי אייניקע פון גאָרדינס פּיעסן. אָבער פיל גאָרדינס פּיעסן זיינען אַריבער, אַזוי צו זאָגן, אין דער אידיש־טעאַטערדיקער אייביקייט.

קאָברינס דערפאָלג האָט זיך גענומען פון זיינע לעבעדיקע מענטשן, פון זיין פרישן הומאָר, פון זיין קראַפטיקער סצענישקייט. גאָרדינס ריזיקער דער־פאָלג האָט זיך, אַחוץ פון די ביי קאָברינען אויסגערעכנטע מעלות, נאָך אויך גענומען פון זיין וויץ (וואָס פאַרט זיך מער מיט געדאַנק און וואָס דער איד האָט זייער ליב), פון זיינע מאָראַליזאַציעס און פון זיין פילאָזאָפישקייט, וואָס ניט נאָר האָט זיי דער איד ליב, נאָר ער האָט פאַר זיי אויך גרויס דרך ארץ.

***

די צוקונפטיקע אידישע טעאַטער־היסטאָריע וועט אוודאי אויסבויען איר פּאַנטעאָן פאַר אירע אויסדערוויילטע. וועט די הערלעכסטע גאַלעריע זיין פאַר יעקב גאָרדינען און די צווייטע לעבן איר, אויך אַ הערלעכע, וועט זיין פאַר לעאָן קאָברינען.

יאַנקל בוילע

(דער דאָרפס־יונג)

דראַמע אין 4 אַקטן

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

•

ישעיהו, אַ קרעטשמער

פרומע, זיין פרוי

יאנקל בוילע, זייער בן־יחיד

נחום נאָוועסעלסקער, אַ קרעטשמאַר, ישעיהו׳ס ברודער

חייקע, זיין טאָכטער

הירש בער, אַ פישער

זלמן צירעלעס, אַ פישער

ר׳ חאצע טריינעס

פראָקאָפּ, אַ פויער

נאַטאשא, זיין איניקל

איצע פאסטערנאַק

ערשטער אַקט

פויערים, פויערטעס, דאָרפישע כלי־זמר א. ז. וו. עס האַנדלט זיך אין אַ דאָרף נעבן אַ גרויסער אָזערע אין מאָהילעווער גובערניע, ביים דניעפּר.

איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, הערט מען אַ שטיל געזאַנג פון אַ רוסיש דאָרפיש לידל. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, זעט מען דעם פישערס שטיבל. אַ גרויסער, לאַנגער טיש. ביי דעם טיש אַן אויוון מיט אַ לעזשאַנקע. אין מיטן אַ גרויסער אָפענער פענסטער, וואָס קוקט אַרויס צו דער אָזערע. די זון פאַלט אויפן פענסטער. **חאַצע טריינעס**, אַ דאַר אידל 45 יאָר, מיט אַ פאַרשלאָפן פנים, אַ געל, קאָלטעוואַטן בערדל, אין אַ גראָבן לייוונטענעם העמד, מיט אַ לאַנגן, אַלטן, געלן ארבע כנפות פון אונטער אַ זשילעט און **זלמן צירעלעס**, אַ געזונטער חברה־מאַן פון אַ יאָר 23, מיט אַ רויט פאַרברענט פנים, לעבעדיקע, קאָכעדיקע אויגן, אין אַ שוואַרצן זשילעט, ברייטע שטיוול מיט לאַנגע כאָליוועס, און פויערים פיער זיצשן אויף דער ערד, וואו עס ליגט אויסגעשפּרייט אַ נעץ. זיי פאַרריכטן אים מיט לאַנגע הילצערנע נאָדלען, דורך וועלכע עס איז דורכגעצויגן שפּאַגאַט. אַלע חוץ חאַצען זינגען דאָס רוסישע דאָרפס־ליד.

זלמן: (אַז מען האָט אָפּגעזונגען) עד! ווען יענקעלע בוילע זינגט עס, איז טאַקע דאָ וואָס צו הערן. די שיקסעס קריגן פאַר אים דעמאָלט די כפרה! אוי, ווי איך בין אים מקנא, ווי איך בין אַ איד!...

חאַצע: ווי דו ביזט אַ איד? איך מיין עפּעס!... דו ביזט אַ איד, יענקעלע בוילע איז אַ איד, דער אַלטער הירש בער איז אַ איד... איר זייט אַלע אידן, וויי איז מיר! און מעג מען אייך מצרף זיין צו אַ מנין, אַזעלכע אידן? אָט ווי איוואַנען, ווי פּראָקאָפּן, איך מיין עפּעס!...

זלמן: ער האָט שוין גענומען טראָסקען מיט זיינע יוצרות, דער קעל־מער!... מאַראָטשעט מיר ניט דעם מוח. וואָס האָט איר זיך אין מיטשקע דערינען צעפּאַלאָשעט מיט אייערע יוצרות? פאַרריכט בעסער דעם נעץ און האַקט מיר ניט קיין ספּאָדיק, קעלמער! הירש בער קומט באַלד אַריין, און דער נעוואָד איז נאָך ניט פאַרריכט, די שיפן זענען נאָך ניט אויסגעפּעכט. ער וועט אונז פאַרגעבן אַ כוואָראָבע.

חאַצע: מיר טוט וויי דאָס האַרץ פאַר דיר, זלמן... איך האָב געקענט דיין טאַטן, ער איז געווען אַ פרומער איד, און דו ביזט אַ גוי... איך מיין עפּעס!...

זלמן: איך מיין אויך עפּעס, ר׳ חאַצע. אויב איך בין ניט פרום, וועט מען דאָך מיך שמייסן, וואָס אַרט דאָס אייך?

חאַצע: טו, טו צו להכעיס, זלמן... אָבער ער דאַרט... ער זעט און הערט און פאַרשרייבט! ווי פלעגט זאָגן דער קעלמער, זכר צדיק לברכה? — דער זינדיקער מענש לעבט ביז ער ציט אויס די פיס, און דעמאָלט?.. אוי דעמאָלט...

איך מיין עפּעס!... (ברעכט זיך אונטער, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און זיפצט)

זלמן: שאַ, אַט גייט נחום נאַוואָסעלסקער. אַט ער וועט הערן אייערע יוצרות!

נחום 45 יאָר אַלט, קורצזיכטיקע אויגן, שוואַרצע ברייטע באָרד, ווי אַ בעזים, אין וואַטאָווע הויזן און קאַפּטן, מיט איין אַרבל אַ סאָרן און אַ צווייטן אַ געלן. קאַפּטן צושפּיליעט. די נאַקעטע ברוסט זעט זיך אַרויס. אויפן קאָפּ אַ היטל מיט אַ האַלבן קאַזיראָק.

נחום: אַ גאָט העלף! אָר־טיו, סאָרא היק, טאַטעלעך! (קראַצט זיך אונטער דער פּאַכווע) עס פּאַרעט. אַ הייסער תמוז, פּרימעריטשע, זאָלט איר מיר מוחל זיין, און טענה ניט!...

זלמן: איר שוויצט, ר׳ נחום, האַ? ווי זאָגט אונזער קעלמער: „איך מיין עפּעס״... איר ווילט, אַז איר זאָלט ניט שוויצן? לייגט זיך אַוועק אין אייער ווינטערדיקן קאַפּטן און פּלודערן ביי אונז אויפן לעדאָווניק, אויפן אייז צווישן די פיש, וועט איר ניט שוויצן. נשקשה, איר זענט אויך אַ היפּשער העכט!...

נחום: דו לאַכסט פון מיינע תחתונים, האַ זלמן? וואָס דען זאָל איך אָנטאָן, מיינע שבת׳דיקע, וואָס? אַ ביטערע עבירה. נאָכדעם וועט ניט זיין אין וואָס צו פאָרן אין שטאָט אַריין!

חאַצע: (אויפגעשטאַנען) שלום עליכם, ר׳ נחום...

נחום: (אָנגעקוקט מיט די קורצזיכטיקע אויגן) האַ, האַ, זאָלט איר מיר מוחל זיין! איר זענט עס, ר׳ חאַצע? וואָס זאָגט איר? איך האָב אייך גאָר ניט באַמערקט! על כל פּנים, אַ קורצזיכטיקער פערד איז אַ האַלבער בלינדער... וואָס־זשע מאַכט איר, טאַטקעלע, האַ?..

חאַצע: אָט, ר׳ נחום, מען מאַכט... עבירות, מאַכט מען, ברוך השם. היט זיך היינט, היט זיך מאָרגן פון עבירות. ווען מען איז אָבער אַ פישער אין אַ דאָרף, ווייט פון אַ בית־מדרש, ווייט פון אידן, איז שווער זיך איינצוהיטן פון עבירות... קיין מאָל דאַוונט מען ניט בציבור. קיין קדושה הערט מען, קיין אָמן זאָגט מען ניט. אוי, ר׳ נחום, די פּרנסה, איך מיין עפּעס! פאַר די זעקס חדשים, וואָס איך בין אַ פישער, בין איך גאָר אין גאַנצן אויס איד געוואָרן! אַ קאַטאָ־ווועס, אַ מצוה צו כאַפּן איז נישטאָ וואו. און וואָס איז אַ איד, ברוך השם, אָן מצות? אַט ווי אַ גוף אָן אַ נשמה, איך מיין עפּעס!...

נחום: (זיפצט) אמת, אמת, ר׳ חאַצע. טאַקע אַזוי, טאַקע! זאָלט איר מיר מוחל זיין, אַ איד אָן מצות איז, פּרימעריטשע, ווי אַ פערדל אָן אַ כאָמוט. ווי מיין קליאַטשע אָן אַ בייטש. אָט איר, ר׳ חאַצע, האָט כאַטש מצות פון פריער, אַ שטאָטישער מענש, זאָלט איר מיר מוחל זיין. געגאַנגען אין בית מדרש. געכאַפּט אַ מאָל אַ ברכו׳לע צי עליה׳לע. זיך טובל געווען אַ מאָל אין אַ נאַסטאַ־יאַשטשער אידישער, כשר׳ער מקוה׳לע, צי מאַלע וואָס נאָך פאַר אַ מצות... אָבער אַזאַ ליידאַק, ווי איך בין, זאָלט איר מיר מוחל זיין. אָפּגעלעבט אַלע מיינע יאָרן אויפן דאָרף פון קינדוויז אויף... עך, זאָלט איר מיר מוחל זיין, פּאַסקודנע! מען וועט רייסן דאָס פלייש אויף יענער וועלט, מען וועט האַקן, און טענה ניט!...

זלמן: ר׳ נחום, נעמט מיט זיך אויף יענער וועלט דעם וואַטאָוון קאַפּטן מיט די פּלודערן, דעמאָלט, אַז מען וועט האַקן, וועט מען האַקן אין דער וואַטע אַריין...

נחום: נו, נו, זלמנקע, דער שלאַג זאָל דיך נעמען! לאַך ניט פון אי־דישקייט... דו ביזט ניט יענקעלע... דו ביסט אַ שטאָטישער בחור׳ל, און דיין טאַטע האָט דיר אַודאי אויך ניט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ, דו זאָלסט זיין אַ פרומער איד... יענקעלע, זעסטו, אַז ער האַלט ניט פון אידישקייט, איז עפּעס אַנדערש. אַ בן יחיד ביי זיין טאַטן. געזשאַלעוועט אים צו שלאָגן. נו, איז ער אויסגעוואַקסן אַזאַ ווילדער... קיין שייטל עברי קען ער ניט, פּרימעריטשע, זאָלסטו מיר מוחל זיין! אַהאַ, אויפהאָדעווען אידישע קינדער, זיי זאָלן זיין פרומע אידן, מוז מען שלאָגן. אויף וואָס דען, פּרימעריטשע, זענען באַשאַפן געוואָרן רימענע לאָקשן? אַ בייטש? ריטער? פאַרשטייסטו, זלמנ׳קע? כדי אידישע טאַטעס זאָלן האָבן מיט וואָס צו קאַטעווען אידישע קינדער!... אַז מען וויל, פּרימעריטשע, אַז אַ פערד זאָל זיין אַ לייט, מוז מען אים קאַטעווען, היינט אַ פּשיטאַ אידישע קינדער זאָלן זיין נאַסטאָיאַשטשע אידן, מוז מען זיי אודאי קאַטעווען... אַהאַ, זאָלסטו מיר מוחל זיין, און טענה ניט!

זלמן: דאָ דאַרף מען קאַטעווען, אויף יענער וועלט וועט מען קאַטעווען... אוי, עס איז אַ מחיה צו זיין אַ איד! (זינגט) סאַשינקאַ, מאַשינקאַ, דושענקאַ פּאַראַשינקאַ, אוי־ליו־לו, אוי ליולו...

חאַצע: איר הערט, ר נחום? „סאַשינקאַ און מאַשינקאַ״, איך מיין עפּעס!... וואָס־דען האָט ער זיך דאָ געקאָנט אויסלערנען, ביי די פישער, צו זינגען אַ האַרציקן זכרנו׳לע, וואָס? אוי, ר׳ נחום, די ביטערע חיונה! ווי־פיל אידן רייסט עס אַוועק פון אידישקייט, איך מיין עפּעס!...

נחום: טאַקע אַזוי, ר׳ חאַצע, די חיונה. וואו האָט מען אַ מאָל געזען אַזוי פיל אידישע פישער, וואָס זאָלן אַרבעטן ווי פּשוט׳ע ערלים? אַ מאָל איז איין הירש בער געווען דער איינציקער אידישער פישער אין דאָרף און אַצינדער...

פונס הויף הערט זיך הירש־בער׳ס קול: חאַצע, זלמן, די וועלף זאָלן אייך פרעסן!

זלמן: הירש בער שרייט שוין! ער איז שוין אין כעס. (שרייט) ר׳ הירש בער, מיר זענען שוין באַלד פאַרטיק. ר׳ חאַצע, אָט אים וואָלט איר בעסער אויסגעמוסר׳ט, ער זאָל אויף אונז אַזוי נישט שרייען, דער אַלטער בעל עבירה׳ניק...

חאַצע: (זעצט זיך צוריק אַרבעטן) ער מעג שרייען, ער איז דאָך דער גלאַוונער פישער. ער איז מחויב אָפּצוגעבן דין וחשבון דעם בעל הבית פאַר אונז...

הירש בער מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, ווי ביי אַ פּאַטריאַרך, אין אַ ברייטן פלאַשטש, מיט אַ שוואַרצן רימענעם פאַרטוך, גרויסע הענטשקעס, געלע ברייטע שטיוול. הינקט צו אויף אַ פוס.

הירש בער: פאַרוואָס האָט איר נאָך ניט אויסגעפּעכט די שיפן? דער בעל הבית קומט באַלד פון שטאָט...

זלמן: אָט באַלד זענען מיר פאַרטיק מיטן נעוואָד, וועלן מיר אַרויס פּעכן. ר הירש בער, אָט דאָ, אויפן רעכטן פליגל, האָבן מיר געפונען אַ גרויסע לאָך...

הירש בער: ווי גרויס?

זלמן: אָט ווי חאַצעס קאָפּ אוודאי. (לאַכט)

הירש בער: אויב ניט גרעסער ווי חאַצעס קאָפּ, איז אַן סכנות. אַבי ניט די גרויס ווי דיין נאַר, מורילע דו, אַ טראַסטע דיר אין הערצעלע. (טוט אויס דעם פּלאַשטש, און דאַן הויבט ער אָן פון זיך צו וואַרפן זעק, וואָס זענען אַרום אים אַרומגעבונדן, אַ גאַנצן באַרג).

זלמן: (פאַרוואונדערט) וואָס זענען דאָס פאַר אַ זעק, ר׳ הירש בער?

הירש בער: (שמייכלט) די זעק? אַ סימן, אַז גאָט פאַרלאָזט ניט אַזאַ צדיק ווי מיך... איך דאַרף זיי טאַקע נויטיק האָבן. (צעלאַכט זיך) אוי אַ פּויערי־שער קאָפּ!... כאַ, כאַ, כאַ... הערט אַ מעשה!... איך פאָר פאַרביי איוואַן דעם סטאַראָסטע מיט דער קאַרזינע דגים צום לעדאָוניק, שטעלט ער מיך אָפּ — זדראַווע, ריש בער. — זדראַווע. — פירסט פיש? — פיש, ר׳ איוואַן. דער־מאָנט ער מיך, אַז איך האָב נעכטן ביי אים געבעטן אַן אָקס לייען, אויב איך וויל, זאָגט ער, קען איך אַצינד גיין אין קלייט צו אים און זיך אויסקלייבן אַן אָקס. מילא, פאַרשטייט דאָך מיינער, אַז ר׳ איוואַן וויל אַליין בלייבן נעבן דער קאַרזינע דגים... אָבער איך טראַכט מיר: גוט, ר׳ איוואַן, דו בלייב אַליין נעבן מיינע דגים און איך אַליין אין דיין קלייט, מיר וועלן זען, ווער עס וועט וועמען בעסער אָנפּייפן, טראַסטע טוואָיעי מאַטערי!... הקיצור, איך גיי אַריין אין קלייט און קוק זיך אַרום אויף ר׳ איוואַנען, און ער איז אַריינגעקראָכן אין קאַרזינע מיט אַלע פיר ווי אַ גוטער דבר אחר, מחילה. שלעפּט די פיש פון קאַרזינע און שפּאַרט זיך אונטערן בוזים. מיינער דערזעט דערווייל אין קלייט אַן אוצר מיט זעק. כאַפּט מיינער אַרונטער די דעליע פון זיך און נעמט וויקלען אַרום זיך אַ זאַק נאָך אַ זאַק: זה כפרתי, זה הזאק פאַר מיינע דגים וואָס ר׳ איוואַן האָט געלאַטכענט, ונאמר אמן: אָנגעטאָן אויף זיך ווידער די דעליע, געטאָן אַ גוטן שמעק טאַבאַק, גענומען אַן אָקס און האַיידאַ, אַרויס צו ר׳ איוואַנען... און ער שטייט זיך ביי מיין וואָגן מיטביידע הענט ביים בוזים, פאַרדעקט הייסט עס, די פיש, איך זאָל זיי ניט זען. מיינער אָבער טוט אים אַ פּאַרקע אונטערן לעפּעלע: קיטץ־קיטץ!... ער טוט זיך אַ טרייסל און טרייסלט אַרויס די גאַנצע פיש פון אונטערן בוזים. און ר׳ איוואַן האָט מיר טאַקע אָנגעפּייפט. כאַ, כאַ, כאַ!... (אַלע לאַכן)

חאַצע: און איך האָב געהערט, ווי דער קעלמער מגיד האָט געדרש׳נט, אַז דער וואָס גנב׳עט אַ פערד צי אַ נאָדל, צי ביי אַ גוי צי ביי אַ אידן, להבדיל, איז אַלץ איינס אַ גנב. פע, איך מיין עפּעס!...

הירש בער: ברוכים הבאים, דער קעלמער רעדט שוין! ווילסט אַ שמעק טאַביק, חאַצע? קעלמער מורילע דו, איך האָב ביי אים גע׳גנב׳עט? איך האָב דאָך נאָר מיט אים אַ בייט געמאַכט. ער האָט ביי מיר גענומען פיש

בלא רואה, און איך ביי אים זעק בלא רואה. (אַ קלינגען פון גלעקלעך דער־הערט זיך) דער בעל הבית, פון שטאָט! נו קעלמער, זלמן, אַרכיפּ, סטעפּאַן, אַרויס מיטן נעוואָד און געפּעכט די שיפן (אַלע כאַפּן זיך צום נעוואָד, מען לייגט אים צענויף און מען טראָגט אים).

זלמן: גיכער, ר׳ חאַצע, קערט זיך! דער בעל הבית!

חאַצע: (העלפנדיק שלעפּן דעם נעוואָד) וואָלט איר אַזוי מורא געהאַט פאַר גאָט, ווי איר האָט מורא פאַר דעם בעל הבית.

(אַלע, אויסער הירש בער און נחום, אַרויס מיט אַ שטיל געזאַנג)

נחום: (אַליין מיט הירש בערן) ר׳ הירש בער, ווער איר ניט פאַרגעסן, פּרימעריטשע, וואָס איך האָב אייך פריער געבעטן וועגן צונעמען יענקלען פאַר אַ פישער?...

הירש בער: אַז דו וועסט שטעלן אַ קווערטעלע י״ש, וועלן מיר אים צונעמען. ביי אונזערע פישער פעלט טאַקע אַזאַ תלמיד חכם, ווי יענקעלע...

נחום: אַ קווארט נאַר? אַ טאָפּ וועל איך אייך געבן, פון דעם בעסטן ספּירט, אַבי מאַכט יענקלען פאַר אַ לייט... אָט איר פאַרשטייט דאָך, ר׳ הירש בער, מיין פּאָלאָזשעניע, פּרימעריטשע. יענקעלע מוז דאָך זיין מיין חייקעלעס חתן... אוי, פּאַסקודנע, און טענה ניט!...

הירש בער: דער שידוך בלייבט טאַקע צווישן יענקלען און דיין חייקען?

נחום: (מיט אַ רחמנות פּנים) ווי־זשע דען, ר׳ הירש בער? אַ תקיעת כף, זאָלט איר מיר מוחל זיין! ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז יענקעלע וועט אויסוואַקסן אַזאַ דזשיקאַן, פּרימעריטשע?... ביי מיין חייקעלען אויפן מזל טוב איז דאָס געווען. זי איז דעמאָלט געווען אַ ציפּליאָניקל, איין וואָך אַלט און יענקעלע אַ שטשענאַקל, צוויי יאָר אַלט, — מאַכט צו מיר מיין ברודער ישעיהו דעמאָלט אויפן מזל טוב: „נחום סערדצע, דו האָסט, פּרימעריטשע, אַ ציפּליאַניקל חייקעלע און איך האָב אַ שטשענאַקל יענקעלע, זאָלן זיי זיין חתן כלה...״

הירש בער: (ברעכט אים אונטער) איך ווייס, איך ווייס!... איר האָט געגעבן אַ תקיעת כף, אַז דער שטשענאַקל זאָל נעמען דעם ציפּליאָניקל, איז אָבער דער שטשענאַקל אויסגעוואַקסן אַ ווילדער בייקעלע, זאַגסטו, אַז ער טויג ניט פאַר דיין חייקעלע. איך ווייס עס דאָך, וואָס מאַראַטשעסטו מיר מיט דעם ווידער דעם קאָפּ?

נחום: עס טוט אַזוי ווי, ר׳ הירש בער, זאָלט איר מיר מוחל זיין! אָט איך, פּרימעריטשע, בין דאָך אויך ניט קיין גרויסער למדן, דאָך קאָן איך זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים פונם גראָבן סידור, אָבער יענקעלע?...

הירש בער: וואָס מאַכט ישעיהו?

נחום: קוים וואָס ער לעבט... ער האָט היינט געשיקט נאָך מיר, ער וויל, זאָגט ער, היינט זאָל זיין דער קנין מיט חייקעלען... עך, ווען מיין ברודער ישעיהו וואָלט געזונט געווען, איך וואָלט שוין ביי אים דעם תקיעת כף אַרויס־געריסן. מיט גוואַלד, מיט געשלעג, זאָלט איר מיר מוחל זיין. אָבער אַזוי? גיי שלאָג זיך מיט אַ קראַנקען! ער קאָן נאָך שטאַרבן, פּרימעריטשע, און דערנאָך וועט קיין רו פון אים ניט זיין... עך, פּאַסקודנע, און טענה ניט...

(פונם פיר־הויז אַ געפּילדער)

הירש בער: שאַ, דער בעל הבית גייט! און דו טענה אויך ניט אַזוי פיל, מורילע, דו! גיי און שיק אַהער יענקעלען. זאָל ער אַליין בעטן דעם בעל הבית.

נחום: וועט איר אויך אַריינוואַרפן אַ גוט וואָרט?

הירש בער: יאָ, יאָ, אַבי טשעפּע זיך אָפּ פון מיר.

נחום: איר וועט פון מיר קריגן אַ ריכטיקן טאָפּ, און טענה ניט (אָפּ)

איצע פּאַסטערנאַק, 40 יאָר אַלט. אַ שיינער איד, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ שוואַרצע באָרד, אָנגעטאָן מעשה שטאָטישער בעל הבית. הינטער אים זלמן מיט אַ טשעמאָדאַן.

איצע: אַ גוטן, ר׳ הירש בער, אָר־וואָ, הייס!... (ווישט זיך דעם שטערן)

הירש בער: שלום עליכם. זלמן, זאָג נאַטאַשאַ׳ן וועגן סאַמאָוואַר.

זלמן: (שרייט) נאַטאַשאַ! נאַטאַשאַ!...

נאַטאַשאַ: (פונם פיר־הויז) האָ־הו, האָ־הו...

זלמן: דערלאַנג דעם סאַמאָוואַר.

נאַטאַשאַ מיט אַ לאַנגן, בלאָנדן צאָפּ, פאַרפלאָכטן מיט אַ רויטער סטענגע, מיט קאַרעלן אויפן האַלדז, אַן אונטערגעקאַשערט קליידל אין קעסטעלעך, אין גרויסע שיך אָן שנירלעך, פון וועלכע עס קוקן אַרויס די נאַקעטע פיס, טראָגט אַריין אַ קאָכעדיקן סאַמאָוואַר און אין גאַנג סקראָבעט זי מיט די שיך.

נאַטאַשאַ: אָט דאָ איז דער סאַמאָוואַר. שריי ניט, זלמן, דו וועסט נאָך אויספּייען אָנצוזשלאָקען זיך מיט דעם טיי. (שטעלט דעם סאַמאָוואַר אויפן טיש און רייבט די נאָז אָן אַרבל).

זלמן: און וואו זענען די גלעזער?

נאַטאַשאַ: איך ברענג, איך ברענג, זאַראַז. (אָפּ, סקראָבנדיק מיט די שיך)

זלמן: צום בעל הבית מיט אַן אונטערטעניקער מינע) בעל הבית הייס, האָ?

איצע: אָר־וואָ, ס׳ראָ היץ!

זלמן: טוט זיך פונאַנדער. טוט אויס דעם בגד. (שלעפּט פון אים אַראָפּ דעם בגד און לייגט אָן אַ זייט) אָר־וואָ, ס׳ראָ היץ, טאַטעלעך! גוט פאַרשוויצט, בעל הבית, האָ? טוט אויס די שטיוול. גיט, איך וועל אַראָפּשלעפּן. (איצע זעצט זיך. זלמן שלעפּט פון אים די שטיוול, שטעקט אַהין אַריין די נאָז און פאַרשאַקעט). אוי, אוי, וואָס פאַר אַ שוויס! אָר־וואָ, אַ מורא! (וואַרפט די שטיוול אונטערן טיש, דערלאַנגט אים שטעק־שיך). אָנגיסן אייך טיי, בעל הבית?

נאַטאַשאַ אַריין מיט די גלעזער.

הירש בער: זע נאָר זע, ווי ער האָט זיך צעטאַראַטשעט, די קאַלע־קאַטקע! זלמן, איך האָב פּיינט אַ מענטשן מיט הינטישע תנועות! קריך ניט אַזוי צום בעל הבית אין די אויגן, פאַר אַן איידעם וועט ער דיך ניט נעמען, מורילע דו! נאַטאַשאַ, גיס אָן די גלעזער...

נאַטאַשאַ: **איך גיס, איך גיס, ריש בער. טשודנע מענשן, אַזוי הייס, און זיי פֿאַרען זיך נאָך מיטן קאָכעדיקן טיי!** (גיסט אָן) **נאַט, פֿאַרעט זיך, נאַט...** (רייבט זיך דעם פֿאַרשוויצטן שטערן אָן אַרבל. אַלע חוץ איר זעצן זיך צום טיש)

איצע: **נאַטאַשאַ, רוף אַריין האַצען, טרינקען טיי.**

נאַטאַשאַ: **האַ? האַצען? דאַבזשע!** (קוקט אויף איצען און קראַצט זיך אין רוקן) **כאַזאַיִן, האַ כאַזאַיִן, געבראַכט, האַ?...**

איצע: **וואָס געבראַכט?**

נאַטאַשאַ: **אַט די מתנה...**

איצע: **אוי, אוי, ווידער פֿאַרגעסן... נו, נאַטאַשאַ, אויף נאַמנות, דעם צווייטן מאָל וועל איך שוין ניט פֿאַרגעסן... וועל דיר ברענגען אַ גאָלדענעם פֿינגערל, אויף בלאַ, אם ירצה השם...**

נאַטאַשאַ: **הע, הע, כאַזאַיִן, הע, הע,** (שאָקלט מיטן קאָפּ) **ניט גוט צו אָבמאַנעווען, ניט גוט!...**

איצע: **די ערל'טע איז מבין אָן אינטערעס...**

הירש בער: (שטייט אויף פֿונם טיש און הינקט צו צו איר מיט דער פּושקע טאַבאַק אין דער האַנט) **אַט איך האָב פֿאַר דיר אַ מתנה, אַ גוטן שמעק טאַביק. ווילסט?** (רוקט איר די פּושקע אונטער דער נאָז).

נאַטאַשאַ: (שפּרינגט אָפּ און ניסט) **ביזטו משוגע? וואָט פּראָקליאַטי! די הענט זאָלן דיר אָפּדאַרן, ריש בער.** (ניסט און לאַכט. אַלע לאַכן מיט איר)

האַצע קומט אַריין, ווישט זיך די הענט אָן אַרבל פֿון זיין העמד. זעצט זיך צום טיש.

האַצע: **נאַטאַשאַ, שייל אָן אַ ביסל קאַרטאָפֿל.** (זי וויל גיין)

איצע: **שטיי, נאַטאַשאַ, נאַ דיר צו נאַשן.** (גיט איר עטלעכע שטיקלעך צוקער)

נאַטאַשאַ: **ספּאַסיבאַ!** (נעמט איין שטיקל אין מויל אַריין, די איבעריקע באַהאַלט זי אונטערן בוזים. פּלוצים דערהערט זיך פֿון דרויסן אַ קנאַקן פֿון אַ נאַכטיגאַל. ביי נאַטאַשאַ'ן הייבט אָן דאָס פּנים צו שטראַלן און די אויגן לייכטן) **איר הערט? יענקעלע מאַכט עס, אַלע פֿייגעלעך מאַכט ער נאָך, דער שעלמאַ!...** (לויפֿט אַרויס פֿון שטוב, סקראַבענדיק מיט די שיך)

יענקעלע באַווייזט זיך פֿאַרביי פֿענסטער אויפֿן הויף, אַנקומענדיק פֿון דער זייט, וואו עס געפֿינט זיך די אָזערע. ער קומט אַריין אין דאָס פּישעור־שטיבל. טראָגט אַ שוואַרצן פּידזשאַק מיט אַ רויט, געבלומט טיכל אַרום האַלדז און לאַנגע שטיוול, אויסגעשמירטע מיט דיעגאַכץ.

יענקעל: (מיט אַ באַסאָווער שטימע) **גוט מאָרגן.**

הירש בער: **האַ, אָן אורח, בוילע! וואָס מאַכסטו עפּעס, תלמיד חכם? וואָס האָסטו זיך עפּעס אַזוי אויסגעפּוצט, ווי אַ גראַף, יענקעלע? זע נאָר, זע, אַ פּאַטשיילקע אויפֿן האַלדז, די שטיוול מיט דיעגאַכץ אויסגעשמירט. וואָס איז דאָס היינט פֿאַר אַ יום טוב אויף דיין קאָפּ, יענקעלע?**

זלמן: ער גייט זען אַ כלה, איוואַן דעם סטאַראָסטעס הינקעדיקע קליאַטשע.

יענקעל: דו, זלמן, בּישט מיר אַ גרוישער כיטרעץ. דו בּעשער שוייג!... (זעצט זיך רייטנדיק אויף אַ בּענקל. נאַטאַשאַ קומט אַריין מיט קאַרטאָפל אינם קלייד. דערזעען אים, טוט זי צו אים פריילעך אַ מאַך מיטן קאָפּ, ווישט מיטן פויסט די נאָז. ער ווינקט צו איר מיט אַן אייגל. זי צעלאַכט זיך אין זיך, קערט אָפּ דעם קאָפּ, שטעלט זיך אין אַ ווינקעלע און שיילט קאַרטאָפּל. ער ווענדעט זיך דאַן צום בּעל הבּית): בּעל האַבוש, איך האָב געהערט, אַז איר זשייט דאָ, בּין איך געקומען...

הירש בּער: אַ דאַנק דיר טאַקע, יענקעלע פאַר דער טרחה.

יענקעל: לאָזשט מיך, ר׳ הירש בּער, לאָזשט מיך. איך האָב אַ טובה צום בּעל האַבוש... (קראַצט זיך דעם קאָפּ) בּעל האַבוש, איך האָב בּעקלערט אַזש אַזשוי איזש קיין טאָלק ניט אַרומצוגיין ליידיק און איך האָב געזשאָגט מיין טאַטן, אַזש איך גיי צום בּעל האַבוש און אים זשאָגן, אַז איך אַ פישער וויל ווערן און בּאַסטאַ.

הירש בּער: אַך, אַ כוואַראָבּע אויף דעם בּוילע. האָסטו געהערט, ס׳רא טובה ער וויל טאָן דעם בּעל הבּית!...

איצע: (מיט אַ שמייכל) ער מיינט אַ בּקשה. ער וויל זאָגן, אַז ער האָט אַ בּקשה צו מיר, ניט קיין טובה.

יענקעל: (טוט זיך אַ הויב מיט התפּעלות פונם בּענקל)... טאַקע, בּעל האַבוש, טאַקע, אַ בּקשה... יעי בּאָהו, אַ בּקשה! טוט מיר בּעל האַבוש די בּקשה, טוט די אַדאָלזשעניע. (אַלע חוץ חאַצען לאַכן. נאַטאַשאַ קוקט זיך אום און לאַכט אויך, פאַרשטעלנדיק דאָס מויל מיט דער האַנט, אין וועלכער זי האַלט אַ קאַרטאָפל)

חאַצע: (מיט וויטאָק) אויך אַ איד, ווי איז מיר, איך מיין עפּעס!...

הירש בּער: (מיט אַ גמרא ניגון) אוי איז עס אַ גאון! אוי איז עס אַ תלמיד חכם! נו ר׳ יענקעלע הגאון, מיר וועלן דיך נעמען פאַר אַ פישער, ווען דו וועסט פאַר אונז מאַכן קידוש...

חאַצע: איר זייט אַלע גאונים, איך מיין עפּעס...

זלמן: ר׳ הירש בּער, זאָל יענקעלע זאָגן איזהו מקומן!

יענקעל: (ווערט בּייז) דו זלמן, שוייג בּעשער, מאַראַטשע ניט, איך קען זשאָגן ווי דו אייזשעגו מאקאָ... מאקאָ... (קען ניט אויסריידן, ווערט ער נאָך שטאַרקער אין כעס און טוט אַ שפּיי) טפוי... די וועלף זשאָלן דיך פרעשן, זלמן! (קוקט אויף אים בּייז און זעצט זיך ווידער אויפן בּענקל. אַלע לאַכן נאָך העכער, אין דער צייט דערהערט זיך אַ שניידנדיק געשריי פון אַ קראָ. יענקעלע שפּרינגט ווידער אויף צעשראָקן) אַ וואַראָנע! די וועלף זשאָלן זשי לופּען!...

הירש בּער: זעסט ווי ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער וואַראָנע. דאַכט זיך אַזאַ געזונטער חברה־מאַן און שרעקט זיך רק, אַז אימיצער זאָל אים ניט צוכאַפּן... פאַר צוויי יאָרן, אַז בּיי אים איז געשטאָרבּן זיין דריי יעריקע שוועסטערל, האָט ער אַ גאַנץ יאָר דעמאָלט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אַליין

ביינאַכט, טאָמער וועט זי אים צוכאַפּן... נישקשה, פאַר לעבעדיקע מיידלעך, וועג זיי זענען אַפילו עלטער פון דריי יאָר, האָט ער ניט מורא. אַ כוואַראַבע אים אין הערצעלע. (יענקעלע לאַכט) נו, לאַכט ער, עס איז אים געפעלן, דעם תנא ברא!

יענקעלע: איך האָב ניט מורא... פאַר קיינעם האָב איך ניט מורא... אָבער אַ וואָראָנע איז אַ פּאַגאַנער פויגל, אַזש זשי קראַקעט, וועט זשיין אַ ביעדאַ... טפוי...

איצע: ווילסטו, הייסט עס, יענקעלע, ווערן אַ פישער? וועסטו זיך ניט פוילן?

יענקעל: איכ׳ל זשיך פוילן? (טוט זיך אַ קלאַפּ אין דער ברוסט) בעל האַבוש! פגר׳ן, קראַפּירן זשאָל איך, אויב איכ׳ל זשיך פוילן. אַט, בעל האַבוש!.. (מאַכט אַ באַוועגונג, ווי צו צלמ׳ען זיך)

חאַצע: (מיט שרעק): אוי, ער וויל זיך צלמ׳ען!...

יענקעל: (צעמישט, לאָזט אַראָפּ די האַנט) טפוי, איך האָב זשיך אָבער ניט געטשיילעמט... איך בין אַ איד ווי חאַצע, ווי הירש בער, ווי דער בעל האַבוש... איך האָב זשיך ניט געטשיילעמט... עס איז נאָר אַ פּריוויטשקע אַזשאַ פּאַסקודנע! (קלאַפּט זיך איבער דער האַנט) וואַט זאַראַזאַ!

איצע: זלמן, גיב יענקעלען אַ פּאָר פישערשע שטיוול. גוט, יענקעלע, פון מאָרגן אָן איז דיין חודש...

זלמן: (שטייט אויף, שלעפּט אַרויס פון אַ ווינקל אַ פּאָר פישערשע שטיוול) נאַ, יענקעלע, זאָלסט אָבער שלעפּן דעם נעוואָד. אַניט וועט הירש בער די קישקעס פון דיר אַרויסנעמען...

יענקל: איך האָב ניט מורא (באַטראַכט די שטיוול מיט התפעלות. טאַנצט אונטער) אַהאַ, איך בין אַ פישער! איך בין אַ פישער!...

הירש בער: צופרידן, יענקעלע, האַ? נו, טאַנץ טאַקע, יענקעלע. וויז דעם בעל הבית וואָס פאַר אַ גאַון דו ביזט...

יענקעלע: נייז, נייז, אָן אַנדערשמאָל... (גייט צו צו איצע׳ן) ספּאַסיבאַ, בעל האַבוש!... (דריקט אים די האַנט און נייגט זיך)

הירש בער: נו, זאָל זיין אָן אַנדערשמאָל, תלמיד חכם מיינער... חאַצע, זלמן, אַרויס צו די שיפן!... בעל הבית, איר גייט אויך מיט אונז?...

איצע: יאָ, יאָ... (אַלע הויבן זיך אויף פונם טיש און גייען צו דער טיר. ווען זלמן גייט פאַרביי נאַטאַשאַ׳ן, טוט ער זי פאַר׳גנב׳עט אַ קיצל. יענקעל באַמערקט עס, טוט ער זיך אַ צאַפּל און קוקט אָן מיט אויפגערעגטע אויגן נאַ־טאַשאַ׳ן. ווען אַלע זיינען אַרויס, גייט ער צו צו נאַטאַשאַ׳ן, טראָגנדיק די שטיוול איבערן אַקסל, און טוט זי אויפגערעגט אַ שלעפּ צו זיך).

יענקעל: העי, דו!...

נאַטאַשאַ: וואָס? (לאַכט)

יענקעל: נאַטאַשאַ, איך האָב געהערט, אַזש זלמנקע איזש מיט דיר... נאַטאַשאַ, אויב דאָש איזש עמעש... זשע, נאַטאַשאַ, היט דיינע ביינער!...

נאַטאַשאַ: וואָס מיר זלמנקע ?... וואָס רעדסטו, יענקעל !... איך האָב דיך ליב, יענקעל, און באַסטאַ !... זלמנקע איז אַ שעלמאַ, פון מיינטווען מאָג ער פאַרברענט ווערן!...

יענקעל: (דריקט זי ליידנשאַפטלעך צו זיך) איזש דאָש עמעש, נאַטאַשאַ? זשאָג, דעם גאַנצן עמעש זשאָג ! איך בין אַשאַלעיעט, נאַטאַשאַ, אַשאַלעיעט... איך האָב דיך ליב, נאַטאַשאַ, אָט ווי איך האָב דיך ליב, שעלמאַ !... (דריקט זי ווילד)

נאַטאַשאַ: (שרייט פאַר ווייטיק) יענקעל, קוועטש ניט אַזוי, דו וועסט מיר די דושאַ אַרויסקוועטשן !...

יענקעל: (לאָזט זי אָפּ) האָשט מיך ליב שטאַרק ? נאַטאַשאַ, שטאַרק, האַ ?

נאַטאַשאַ: איך האָב דיך זייער גיב, יענקעל, דושע, סאָקאָל טי מאַי!... זאָל איך לאָפּען אויפן אָרט, אויב איך האָב דיך ניט ליב !... (נעמט אים ארום) יענקל, סאָקאָל טי מאַי ניענאַגליאַדני !...

יענקעל: (לאַכט אויפן באַס) הו־הו־הו ! (גלעט איר צערטלעך דעם קאָפּ) דו, קראַסאַוויצאַ מיינע, עך, ווי שיין דו ביזט, שעלמאַ, די וועלף זשאָלן דיך פרעשן !...

נאַטאַשאַ: דו לייגסט, יענקעל, דו האָסט מיך ניט ליב... דו האָסט שוין אַ כלה, דיין פעטער נחום׳ס חייקען...

יענקעל: חייקען ? טפוי !... זשי איזש מיין כלה ? הו־הו־הו !... נאַטאַשאַ, קראַפּירן זשאָל איך ווי אַ הונט, אויב זשי איזש מיין כלה!... איך האָב זשי פיינט, נאַטאַשאַ, אַ פּאַגאַנע מיידל איזש חייקע, אַ צוואַנציק יאָריקע כאָלעריע אויף איר !...

נאַטאַשאַ: (דריקט זיך צו אים) דיין כלה, יענקעל, מוז זיין אַ קראַסאַווי־צאַ, די שענסטע אינם דאָרף... פּאַנימייעש, אַ מיידל אָט אַזאַ, אַז ביי די כלאָפּצעס זאָלן די אויגן אַרויס, אָט ווי !... דו ביזט דער בעסטער טענצער אינם דאָרף, דער בעסטער זינגער אינם דאָרף... און געזונט און שטאַרק ביזטו, סאָקאָל דו מיין שיינער, אָט ווי אַ יונגער דעמב !... און חייקע איז דיך ניט ווערט. יעי באָהו, זי איז דיך ניט ווערט... וואָס פאַר אַ מיידל איז זי, אַז טאַנצן קען זי ניט, זינגען קען זי ניט, און אויף איגרישטשעס גייט זי ניט. (טוט זיך אַ כאַפּ) אָט איז זי !...

חייקע אין איר טאַטנס שטיוול, אין אַ קורצן קליידל מיט אַ סיטצענער קאָפּ־טע, אַ דאַרע, מיט אַן אויסגעמוטשעטע פּנים אַ פולן קאָפּ מיט פעדערן קומט מיט אַן אימפּעט אַריין. דערזען יענקלען מיט נאַטאַשאַ׳ן, בלייבט זי שטיין, ציט אָפּ דעם אָטעם און פאַרברעכט די הענט.

חייקע: (מיט שרעק) יענקעלע ! איך זוך דיך... דיין טאַטע... ער שטאַרבט דאַרטן... און דו שטייסט דאָ מיט דער שיקסע... אוי, בוילע !...

יענקעל: וואָס דו מאַראַטשעסט, ער שטאַרבט ! דו שטאַרב, פּאַגאַנ־נאַיאַ דו !...

חייקע: אוי, יענקעל, זאָל איך ניט דערלעבן ביז מאָרגן. איך זאָג דיר,

ער שטאַרבט! לויף גיך אַהיים... דו וואָלסט בעסער אַ קאַפּיטל תהילים גע־זאָגט, ווען דיין טאַטע שטאַרבט, און ניט זיך געהאָלובעט מיט אַ שיקסע!...

יענקעל: איז דאָש עמעש, חייקע? ער שטאַרבט?... (שטרענג) זשע, חייקע, אויב דער טאַטע ניט שטאַרבט, ווען דו מיך אָבמאַנעוועסט, די ביינער וועל איך דיר צעברעכן, געדענק!... (וויזט איר דעם פויסט)

חייקע: ער שטאַרבט, ער שטאַרבט... מיר האָבן געוואוסט, אַז ער וועט שטאַרבן: אייער הונט באַרבאָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געוואָיעט... לויף אַהיים. איך גיי רופן די פישער, זיי זאָלן זיין ביי זיין מיתה... (אָפּ רעכטס)

יענקעל: נאַטאַשאַ, דער טאַטע שטאַרבט, דאָס איזש עמעש! באַרבאָס האָט טאַקע געוואָיעט... איך האָב אַליין געהערט... איך וועל גיין אַהיים... (מיט פאַרדרוס און צערטלעך) און איך האָב מיט דיר אין וואַלד געוואָלט גיין, האַלובושקאַ נאַטאַשאַ... פּראַשטשאַי!

נאַטאַשאַ: פּראַשטשאַי, יענקעל. (קושט אים) איך וועל שפּעטער קומען צו דיין טאַטן אין שענק...

ישעיהו'ס שענק: אַ קרעטשמע. שוואַרצע, פאַרוויכערטע ווענט. אין פאָדערגרונט אַ בעטל. דער קראַנקער ישעיהו אויף אים. פרומע, זיין פרוי, מיט אַ ווייס הייבל אויפן קאָפּ, שטייט ביי זיין צוקאָפּנס און וויינט. נחום אין אַ ווינקעלע מיט אַ תהילים אין דער האַנט זאָגט אין דער שטיל תהילים. פון אַ הינטערשטן חדר אַ שטילער געזאַנג פון פויערים, וואָס טרינקען דאָרט...

ישעיהו: (קרעכצט) אוי, אוי, די ערלים!... פרומע, בעט זיי, זיי זאָלן אַזוי ניט געוואַלדעווען... אוי, פרומע, איך שטאַרב... וואו זענען די אידן?... וואו איז יענקעלע? כאָטש ווידוי זאָגן ווי אַ איד! (קלאַפּט זיך אין האַרצן) חטאתי, עוויתי, פשעתי לפניך... אוי, גאָטוניו־פאָטערל, מיין גאַנץ לעבן האָב איך אָפּגעוואוינט צווישן גויים, אַ בלינדער מענש בין איך, אַן עם הארץ, די אידישקייט דיינע האָב איך ניט אָפּגעהיט... שטראָף מיך ניט צו שווער, גאָטעניו!... געוואַלד, וואו זענען די אידן? נחום־סערדצע, וואו ביזטו?...

פרומע: (צו נחום'ן) נחום, ישעיהו רופט דיך...

נחום: (צוגעגאַנגען מיט רחמנות אינם קול) דו רופסט מיך, ישעיהו־סערדצע?

ישעיהו: איך וויל ווידוי זאָגן, איך קען ניט אויסווייניק... אפשר קאָנסטו, נחום־סערדצע?...

נחום: איך? (קראַצט זיך אונטער דער פּאַכווע) פון וואַנען זאָל איך קאָנען, פרימעריטשע? קוים וואָס איך קאַראַבקע זיך אַרויס פון דעם תהילים. זאָלסטו מיר מוחל זיין!... אוי, ברודער סערדצע, מיר זענען גלייכע למדנים! ביידע וועלן מיר דאָרטן קריגן גלייך געהאַקט מיט די אייזערנע ריטער, ביידע, און טענה ניט!...

ישעיהו: (כאַפּט אים אַן פּאַר אַ האַנט מיט שרעק אין קול) אוי וועט מען דאָרטן שטראָפן... מען וועט בראָטן, ברענען... זשאַרען אויף הייסע סקאָווראָדעס... קאָכן אין פעסער פעך. איך האָב אַזוי מורא... איך בין אַזוי ווייניק איד. (קלאַמערט זיך אָן נחום'ס הענט) אוי ראַטעווע, לאָז מיך ניט

שטאַרבן, איך האָב מורא צו קומען אַהין פאַר גאָט!... און מיין בן יחיד, מיין יענקעלע, וועט ער כאָטש קאָנען קדיש זאָגן, ווי אַ איד? אוי (פאַלט צוריק אויפן קישן, קרעכצט און קלאַפּט זיך אין האַרצן) חטאתי, עוויתי, פשעתי, לפניך... (פון דרויסן אַ ווילדער רעווען פון אַ ביק און יענקעלס קול: טשאַך־טשאַך־טשאַך! האַ־האַ, זאַריעזש טעביאַ וואַלקי!...)

פרומע: יענקעל איז שוין דאָ... (דער קראַנקער שעפּצעט עפּעס, דאָס זינגען אינם הינטערשטן חדר האָט אויפגעהערט)

יענקעלע מיט די שטיוול איבערן אַקסל קומט אַריין.

יענקעל: דער ביק ברעכט זשיך, יאָגט זשיך נאָך דער לאַבאַטער בהמה!..

פרומע: ש־ש־ש... (יענקל קוקט זי אָן. דאַן שטעלט ער אָן די אויגן אויף זיין קראַנקן טאַטן, טוט אַ שמיץ די פּישערשע שטיוול אין אַ ווינקל און גייט צו צום בעט)

יענקעל: וואָש איזש דיר, טאַטע?

ישעיהו: בגדנו, גזלנו. (יענקעלע קוקט זיך אַרום צעשראָקן)

פרומע: (וויינט) יענקעלע, זע דער טאַטע שטאַרבט, מיט וועמען וועלן מיר בלייבן?..

יענקעלע: (פאַלט צו צום בעט) טאַטוניו, דו וועשט ניט שטאַרבן, דו וועשט ניט שטאַרבן...

ישעיהו: דו, יענקעלע? זעסט דעם סוף... אוי, וועט מען שמייסן מיט אייזערנע ריטער!... וועסטו כאָטש נאָך מיר קדיש זאָגן, ווי אַ אידיש קינד, ווי איז מיר?...

יענקעל: (וויינט) טאַטעניו, איך דיר זשאָג, דו וועשט ניט שטאַרבן, איך דיר זשאָג... זשאָל איך קראַפּירן, אויב דו וועשט שטאַרבן!..

ישעיהו: אוי, ווי איז מיר... „איך דיר זשאָג!"... אַ איד רעדט אַזוי.. מיין בן יחיד... אוי, ער וועט קיין קדיש ניט קאָנען זאָגן... „איך דיר זשאָג".. ראַ־טעוועט... עס איז אַזוי מורא׳דיק צו שטאַרבן...

נחום: יענקעלע, אַט־נו, פּרימעריטשע, קאָנסט ניט ריידן, ווי איך?... וואָס איז דאָס פאַר אַ שטוקע צו ריידן ווי אַ איד, פּרימעריטשע?

פרומע: יענקעלע, זונעניו מיינער, אָט רעד איצט ווי אַן אמת׳ער איד... זאָג: טאַטע, דו וועסט ניט שטאַרבן, גאָט וועט רחמנות האָבן...

יענקעל: (צעמישט) וואָס ווילט איר? איך דאָך זשאָג ווי אַ איד!...

ישעיהו: אוי, אוי, זאָל ער בעסער שווייגן... נחום־סערדצע, וואו איז חייקעלע? דער קנין, האָב רחמנות...

נחום: דער קנין? (קראַצט זיך מיט אַ פאַרקרימט פּנים אונטער דער פאַכווע, און פּלוצים טוט ער אַ פאַל צום קראַנקען און כליפּעט) ישעיהו־סערדצע, זיי מיר מוחל מיין תקיעת כף, האָב רחמנות... איך בין דאָך אויך אַ איד, איך וויל דאָך אויך, אַז מיין חייקעלעס מאַן זאָל זיין אַ נאָסטאַיאַטשער איד, פּרימעריטשע... זיי מיר מוחל דעם תקיעת כף, און טענה ניט...

ישעיהו: ניין, ניין, האָב רחמנות, כאָטש אין אידישע הענט איך אַי־בערלאָזן...

פרומע: נחום, ער איז דײַנער אַ ברודער... ער שטאַרבט, צאַפּ אים ניט דאָס לעצטע ביסל בלוט, ווײ איז מיר!...

נחום: נו, נו, וואָס קען מען זיך העלפן? זאָל זײַן דער קנין. מסתמא אַזוי באַשערט, פרימעריטשע, און טענה ניט...

יענקעל: (אויפגערעגט) טאַטוניו, וואָש זשאַגשטו? חייקע מײַן כלה? וואָש מיר חייקע? וואָש וועל איך טאָן מיט חייקען? איך האָב זשי ניט ליב (קראַצט זיך דעם קאָפּ און לאַכט) הו־הו־הו, חייקע מײַן כלה — טפוי!...

פרומע: יענקעלע, זון מײַנער, וואָס פעלט חייקעלען? דו וועסט מיט איר חתונה האָבן, ווי אַלע אידן טוען...

יענקעל: איך וועל חאַשענע האָבן מיט חייקען? אַהאַ! מאַמע, זשאָל זשי פּגר׳ן, איך וועל ניט חאַשענע האָבן מיט חייקען, און באַסטאַ!...

נחום: יענקעלע, דיר שטייט נאָך ניט אָן דער שידוך מיט חייקעלען? אוי, אַ היפּשער גלות, פרימעריטשע, און טענה ניט...

ישעיהו: ווען דו טוסט ניט דעם שידוך מיט חייקעלען, דער קבר וועט מיך אויסשפּײַען... קיין רו וועל איך ניט האָבן...

פרומע: יענקעלע, דער טאַטע שטאַרבט... ער וועט דיר ניט מוחל זײַן...

נחום: יענקעלע, דער טאַטע וועט דיך דערשטיקן... דאָס איז ניט קיין שוטקע, פרימעריטשע!...

יענקעל: (קוקט אים אָן פאַרוואונדערט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן) דער טאַטע וועט מיך דערשטיקן? מיך? ער? (וויַזט מיט דער האַנט אויפן קראַנקען און לאַכט) הו־הו־הו! ער וועט מיך דערשטיקן!...

ישעיהו: (הייבט זיך אויף איבער׳ן קישן פּיבערהאַפט) יאָ, יאָ, פונם קבר וועל איך דיך קומען דערשטיקען, פונם קבר... גוי! גוי! גוי!... (פאַלט מיט אַ קרעכץ צוריק אויפן קישן)

יענקעל: (קאַרטשעט זיך צוזאַמען מיט שרעק) טאַטוניו!...

ישעיהו: יענקעלע, זײַ א איד, אַ איד... אַניט וועל איך ניט קאָנען רוען אין קבר... (יענקעלע קוקט אויף אים מיט שרעק)

נחום: (יענקעלען אויפן אויער) דו הערסט?... עס איז נישט קיין שוטקע, פרימעריטשע... ער וועט דערשטיקן, און טענה ניט!... (יענקעלע קוקט אַרום זיך אַלץ מער און מער צעמישט, צעטומלט, מיט אויסגעגלאָצטע, צעשראָקענע אויגן)

פרומע: (גייט צו צו אים און גלעט אים פאַרן קאָפּ) יענקעלע, זײַ מחיה דײַן טאַטן... וואָס פעלט חייקעלען?...

יענקעל: (מיט אַ ציטערדיק קול) טשערטשי, וואָש ווילט איר פון מיר? (וויינט זיך פאַנאַנדער רחמנות׳דיק, טרעט אָפּ אָן אַ זייט און קלאָגט אינם אַרבל. פונם הינטערשטן חדר הערט זיך אַ הויכער זינגען)

ישעיהו: אוי, אוי, זאָלן זיי ניט זינגען! צווישן גוים שטאַרבן... געוואַלד, וואו זענען די אידן?...

פרומע: (לויפט צו צו דער טיר) מילינקיע, האָט רחמנות, זײַט שטיל... מײַן שייקע קען ניט הערן! (עס ווערט שטיל)

הירש בער, חייקע און חאַצע קומען פון דער גאַס. יענקעל ווישט אָפּ די אויגן מיטן אַרבל און קוקט אויף חייקען אויפגערעגט.

חייקע: (צו נחום׳ן) טאַטע! אַ טאַטע! וואָס שטייט אַזוי יענקעל אין כעס? (יענקעל קוקט אויף איר נאָך בייזער) טאַטע! אַ טאַטע! זע, ווי ער קוקט אויף מיר, ווי אַ וואָלף!...

נחום: חייקע, דו שוויַיג! ניט דיין דאגה, ווי ער קוקט אויף דיר, פּריי־מעריטשע. (צווישן די ציין) די בייטש איז דאָ, זאָלסט מיר מוחל זיין, און טענה ניט... (חייקע טרעט אָפּ פון אים צעשראָקן, שטעלט זיך ניט וויט פון יענקלען און קוקט אויפן לעצטן)

פרומע: (טרעט אַרויס פונם הינטערגרונט און גייט צו צו יענקלען) זע, יענקעלע, וואָס פעלט חייקעלען? קום אַהער, חייקעלע! (חייקע גייט צו צו איר. פרומע גלעט אירע באַקן) זעסט, יענקעלע, אַן אמתע פּאַרשוין, קיין עין הרע ניט!...

יענקעלע: די וועלף זשאָלן זשי פרעשן!... (גייט אָפּ אָן אַ זייט און ווישט זיך מיטן אַרבל די אויגן)

חייקע: (גייט אים נאָך) דו וויינסט? אַהאַ, כאָלעריע, איך האָב דיר געזאָגט, אַז דיין טאַטע שטאַרבט! (וויינט אַליין) אָבער וויין ניט, יענקעלע, גאָט וועט...

יענקעל: אַוועק, זאַראַזאַ, אַוועק! (טרעט אָפּ פון איר און גייט אַרויס אין דרויסן)

חייקע: ער קען מיך ניט ליידן, דער כאָלעריע! (וויינט און ווישט זיך מיט די פויסטן די רויטע אויגן. פרומע גייט צו און גלעט זי)

הירש בער: (גייט צו צום קראַנקען) ישעיהו, וואָס פאַר אַ נאַרישע תנועות מאַכסטו? שטיי אויף און לאָז זיך אויס פונם שטאַרבן! עך, האָסטו געזען, שטאַרבן גאַר? וואָס האָסטו קיין צייט ניט? דו וועסט אוספּייען!...

חאַצע: ר׳ הירש בער, איר וואָלט אים בעסער געהייסן ווידוי זאָגן... איר זעט? דאָס איז אונזער אַלעמענס סוף. איך מיין עפּעס... (זאָגט תהילים מיט אַ ניגון) אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ד׳. (נחום זאָגט אים נאָך)

הירש בער: איך וויים עס, חאַצע, איך וויים! מיר פאַנגען די פיש און דער מלאך המות פאַנגט אונז...

ישעיהו: (קרעכצט) דער קנין... נחום, דער קנין...

נחום: וואו איז יענקעלע?

חייקע: איך וועל אים רופן. (לויפט אַרויס)

פרומע: (רופט) יענקעלע!... (לויפט אויך אַרויס)

ישעיהו: ר׳ הירש בער, (הירש בער גייט צו) איך וויל מיין יענקעלען איבערלאָזן אין אידישע הענט... האָט רחמנות, זעט, עס זאָל זיין דער קנין... יענקעל, פרומע, חייקע קומען אַריין אין שטוב.

פרומע: (גייענדיק נאָך אים מיט געוויין) יענקעלע, ווען ער שטאַרבט, קיין רו וועט ער אונז ניט געבן... זון מיינער, מאַך דעם קנין!...

יענקעל: (קרעכצט) אוי וואָש איר ווילט פון מיר? איך ווער משוגע! (מיט אַ געשריי) נו, זשאָל זשיין! זשאָל זשיין! (טוט זיך אַ קער צו חייקען,

שטיל צווישן די ציין) דו פּאַסקודנע רילאַ, דו אַבעזיאַנע, די וועלף זשאַלן דיך פרעשן!... (חייקע בלייבט שטיין צושראָקן)

הירש בער: (נעמט אַרויס אַ טיכל) יענקעלע, אַהערצו גיי! (ער גייט צו) חייקעלע, אַהערצו גיי! (זי גייט צו) נעמט אָן די פּאַטשיילקע ביי די ברעגעס...

נחום: און וואָס זאָגט מען איצט, ר' הירש בער, פרימעריטשע, זאָלט איר מיר מוחל זיין?...

הירש בער: זאָל איך אַזוי פון קיין טראַסצע ניט וויסן... חאַצע, דו ביזט דאָך עפּעס אַ תלמיד חכם, וואָס זאָגט מען בשעת אַ קנין?

חאַצע: (וועלכער זיצט נעבן קראַנקנס בעט) אידן, ווי איז מיר, און וויסן ניט וואָס צו זאָגן בשעת אַ קנין. (הויבט זיך אויף פונם אָרט און גייט צו צו הירש בער'ן) איך מיין עפּעס... לאָזט מיך! (נעמט פון זיינע הענט די פּאַטשיילקע) ר' נחום, וואָס זאָגט איר צו דעם חתן פאַר נדן?

נחום: געלט, פרימעריטשע, קיין צעבראָכענעם גראָשן ניט! איך גיב אים די לאַבאַטע בהמה, ניט די ראַבע, זאָלט איר מיר מוחל זיין, נאָר די שוואַרצע... און איך גיב אים צוויי טיאָלקעס, פרימעריטשע... די אַלטע קליאַטשע און וואָס נאָך? (קראַצט זיך דעם קאָפּ) נו יאָ, און חייקען, זאָלט איר מיר מוחל זיין, און טענה ניט...

חייקע: טאַטע! אַ טאַטע! דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו וועסט נאָך געבן נאָך פּופּציק קערבלעך?...

נחום: אַ מכה! שווייג, וואו איז די בייטש? (זי רוקט זיך פון אים אָפּ צעשראָקן)

חאַצע: און וואָס גיט איר, ר' ישעיהו, קעגן נדן?

ישעיהו: (קרעכצט) אַלץ, אַלץ וואָס איך פאַרמאָג...

חאַצע: (פייערלעך) אידן, זייט עדות, אַז זיי האָבן מקבל קנין געווען, און פון היינט אָן זענען חייקע און יענקעלע חתן כלה אי פאַר גאָט אי פאַר לייט... (אַלע זאָגן: „מזל טוב". פרומע קושט חייקען און יענקעלען און וויינט)

ישעיהו: יענקעלע! (ער גייט צו צום טאַטן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ) איצט בין איך רואיק, יענקעלע. (נעמט אים אָן פאַר אַ האַנט און קרעכצט) זיי אַ איד, יענקעלע... אוי וועט מען שמייסן מיט אייזערנע ריטער... איך האָב אַזוי מורא... (יענקעלע ציטערט) ר' חאַצע, ווידוי...

חאַצע: (מיט אַ טרויעריק קול) אידן, ר' ישעיהו וויל זאָגן וידוי... זאָגט, ר' ישעיהו: אשמתי, בגדתי לפניך. (דער קראַנקער זאָגט נאָך שטיל. אַלע שטייען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. פרומע כליפּעט און יענקעלע רעוועט פאַרשטיקט. נחום שטייט צוגעשפּאַרט דעם שטערן צום צוקאָפּנס פונם קראַנקנס בעטל, קלאַפּט זיך אין האַרצן ביי יעדעס וואָרט, וואָס חאַצע זאָגט מיטן קראַנקען, און ציטערט אויף מיט די פּלייצעס. חייקע וויינט אינם אָרבל) נאַטאַשאַ קומט אַריין.

נאַטאַשאַ: (מיט אַ שטיל קול צו הירש בערן, וועלכער גייט צו צו איר) וואָס מאַכט שייקע?

הירש בער: ש־ש־ש... ער שטאַרבט...

נאטאשא: **יענקעלע וויינט... באָזשע מאָי...**

הירש בער: **ער האָט ערשט געהאַט פּאַמאָלוּקעס מיט חייקען און איצט וויינט ער נאָך זיין טאַטן...**

נאַטאשא: (צעשראָקן) **פּאַמאָלוּקעס? מיט חייקען?** (טוט זיך אַ כאַפּ פאַרן קאָפּ און בלייבט שטיין צעטומלט)

חאצע: (זאָגנדיק די ווידוי, טוט זיך פלוצים אַ כאַפּ) **ר' ישעיהו!...** (טרייסלט אים) **ר' ישעיהו!...** (מיט טרערן אינם קול שעפּטשעט אַרויס) **ברוך דיין אמת!...**

פרומע: (טוט זיך אַ כאַפּ מיט אַ יאָמער) **ישעיהו! געוואַלד!** (רייסט אַרונטער דעם ווייסן הייבל פונם קאָפּ און רייסט אויף זיך די האָר מיט אימה־דיקע קולות)

יענקעלע: **טאַטוניו!...** (פאַלט צו מיט אַ רעווען צום פאָטער)

אַלע: **ברוך דיין אמת!** (לאָזן אַראָפּ די קעפּ)

נאַטאַשאַ קוקט מיט גרויסע, צעשראָקענע אויגן און צלמ'ט זיך מעכאַניש.

פאָרהאַנג

צווייטער אַקט

די בינע שטעלט פֿאָר דאָס פּישערישע שטיבל פֿון דרויסן. אַ הויף וואָס פירט צו דער אָזערע. נאַטאַשאַ שטייט אויפֿן הויף איבער אַ סאַמאָוואַר און בלאָזט פֿאַנאַנדער אין אים דעם פייער מיט אַ כאַליווע פֿון אַ שטיוול. פּראָקאָפּ אין אַ ליוונטענעם העמד און לאַפּציעס, אָן אַ היטל, הובליעט עפּעס אויף אַ טיש, וואָס שטייט אויפֿן הויף קעגן דעם פענסטער פֿון דעם פּישער־שטיבל. עס איז נאָך גאַנץ פֿרי. די זון גייט אויף. אויף דער אָזערע פֿאַלן אירע רויטע שטראַלן. עס הערט זיך פֿון ווייטן און פֿון אַלע זייטן דאָס קרייען פֿון הענער און דאָס פֿריילעכע טשירקען פֿון פֿייגעלעך.

פּראָקאָפּ: (הובליענדיק) הייסט עס, היינט איז ביי אונז אַ יאַריד אינם דאָרף... האַ, נאַטאַשאַ? (נאַטאַשאַ פֿאַרטראַכט הערט אים ניט) נאַטאַשאַ, דו ביזט טויב געוואָרן? איך רעד דאָך צו דיר!...

נאַטאַשאַ: (טוט זיך אַ כאַפּ) וואָס, דיעדושקאַ? דו פֿרעגסט מיך עפּעס?...

פּראָקאָפּ: טאַ־טאַ, איך פֿרעג דיך עפּעס! עך, מיידל, דו געפֿעלסט מיר ניט היינט. וואָס טראַכסטו? וועגן וואָס קאָן אַזאַ נאַריש מיידל ווי דו טראַכטן?...

נאַטאַשאַ: איך טראַכט, דיעדושקאַ... פֿאַרוואָס זענען די מענשן, מענשן? פֿאַרוואָס זענען זיי ניט קיין פֿייגעלעך?... אָט זע, דיעדושקאַ, ווי פֿריי די פֿייגעלעך זינגען אויף גאָטס וועלטל און האָבן נישט מורא, און די מענשן? עך!.. (בּרעכט זיך אונטער און זיפֿצט)

פּראָקאָפּ: אַהאַ, וועגן וואָס דו טראַכסט, נאַטאַשאַ! כאַ כאַ כאַ! (צעלאַכט זיך גוטמוטיק). טאַ־טאַ, ווען דער מענש איז אַ מענש, באַווייזט עס, אַז ער דאַרף ניט זיין קיין פֿייגל... אי סלאַווא באָהו, עס איז גוט אַזוי, וואָס דער מענש איז ניט קיין פֿייגל... עך, נאַטאַשקאַ, אַ פּאַגאַנער פֿייגל וואָלט דער מענש געווען, זייער אַ פּאַגאַנער, ערגער פֿון אַ יאַסטרעב, ערגער פֿון אַן אָדלער... גאָטס פֿייגעלעך וואָלטן דעמאָלט אַזוי פֿריילעך ניט געזונגען, ווען דער מענש וואָלט אויך געווען צווישן זיי אָט דאָרטן, אין דער לופֿטן, טאַ־טאַ!..

נאַטאַשאַ: (קוקט אַרויס אויף דער אָזערע) די פּישערס זעט מען נאָך ניט. עס איז שוין אַזוי שפּעט...

פּראָקאָפּ: זיי וועלן קומען. דו וועסט היינט עפּעס קויפֿן אויפֿן יאַריד?

נאַטאַשאַ: זלמן האָט צוגעזאָגט צו קויפֿן עפּעס אַ מתנה אויפֿן יאַריד, און יענקעל אויך...

פּראָקאָפּ: גוט, גוט, נאַטאַשקאַ. טאַ־טאַ, מעגסט נעמען ביי זיי מתנות. דו באַדינסט זיי... זיי וואוינען אין אונזער שטיבל. נור אָט וואָס, נאַטאַשקאַ, איך וועל דיר אָט וואָס זאָגן: נאַטאַשאַ, געדענק, אַז יענקעל און זלמן זענען

יונגע בייקלאַך און דו ביזט אַ יונגע בהמה׳לע... נעם פון זיי מתנות, באַצאָל זיי אָבער פאַר דעם נאָר מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ ספּאַסיבאָ. דו ווייסט, אַז איך בין אַ סטראָגער מענש. טאַ־טאַ!...

נאַטאַשאַ: (מיט כעס, טוט אַ שמיץ דעם שטיוול פונם סאַמאָוואַר) דיעדושקאַ! וואָס רעדסטו היינט פאַר אַ נאַרישקייטן?

פּראָקאָפּ: בעסער זאָל דיין אַלטער זיידע רעדן נאַרישקייטן, ווי דו, ציפּליאַניקל מיינס, זאָלסט טאָן נאַרישקייטן...

נאַטאַשאַ: (אויפגערעגט) איך דאַרף ניט קיין מתנות! אויף וואָס פאַר אַ פּייער דאַרף איך זיי? וואָס רעדסטו, דיעדושקאַ? נאַ! (נעמט אַרויס פון אונטערן בוזים אַ טיכל, וויקלט פונאַנדער און כאַפּט אַרויס אַ מטבע) נאַ, אָט דעם פּערטעלע אויך, וואָס דער בעל הבית האָט מיר נעכטן געשענקט. אַבי רעד ניט אַזוי, דיעדושקאַ! (לויפט אַריין אין שטוב און פאַרשווינדט)

פּראָקאָפּ: (שרייט איר נאָך) נאַטאַשאַ! (קוקט איר נאָך און שאָקלט מיטן קאָפּ) טאַ־טאַ, וואָס איז היינט מיט נאַטאַשאַן? (פאַררויכערט אַ ליולקע) זי איז בייז? פאַרוואָס? פאַר אַ גוט וואָרט? נ־דאַ, טאַ־טאַ! — (נעמט די ברעט אויפן אַקסל) נאַטאַשאַ, איך גיי אויפן פעלד! (אָפּ)

פונם שטיבל דערהערט זיך, ווי נאַטאַשאַ זינגט אַ דאָרפיש ליד, פול בענ־קעניש. דאַן קומט זי אַרויס פונם שטיבל זינגנדיק,ביידע הענט הינטערן נאַקן פאַרלעגט. לאָזט זיך אַרונטער אויף דר׳ערד, זינגט און טרערן הילכן אין איר קול. דאַן דרייט זי זיך צונויף מיט איר פּנים אין שוים, הערט אויף צו זינגען, צעווייַנט זיך שטיל און ציטערט אויף מיט די אַקסלען. פון אַרום — דאָס טשווי־טשערן פון פייגעלעך. פלוצים דערהערט זיך פון דער אַזערע דאָס זינגען פון די אָנקומענדיקע פישער. זי שפרינגט אויף. **יענקעל!...** לויפט צו צום סאַמאָוואַר, בלאָזט אים. דער גאַנצער פּנים אירער פאַנגט אָן צו שטראַלן מיט פרייד און ליבע. דאַן טוט זי זיך אַ וואָרף אין פאַראויס, מאַכט מיט ביידע הענט און שרייט: **האָ־הו, יענקל! האָ־הו!..** זי שטייט און מאַכט מיט ביידע הענט.

יענקעל אין רימענעם פאַרטוך, מיט רימענע הענטשקעס. ער לויפט צו צו נאַטאַשאַן, וויל זי אַ כאַפּ טאָן. זי דרייט זיך אַרויס פון זיינע הענט און לויפט איבערן הויף מיט אַ פריילעכן געלעכטער. ער נאָך איר. ער כאַפּט זי.

נאַטאַשאַ: יענקעל, לאָז — מיט דיינע נאַסע הענטשקעס!

יענקעל: (לאַכט) הו־הו. (וואַרפט אַרונטער די הענדשיקעס און נעמט זי אָן מיט זיינע רויטע הענט) אַזשוי ווילשטו, נאַטאַשאַ, ציִ אַזשוי? (דריקט זי ביי דער טאַליע) עך, וויעדמאַ דו, די וועלף זשאָלן דיך פרעשן, **אַזאַ וויעדמאַ!...** (זי לאַכט)

הירש בער, חאַצע, זלמן. הירש בער קוקט אויף זיי גוטמוטיק, זלמן מיט כעס, חאַצע שאָקלט דעם קאָפּ מיט באַדויערן.

הירש בער: (גוטמוטיק) **אוי, אוי, נאַטאַשאַ, אויפן ניכטערן מאָגן און שוין פּאַבריקעוועסטו מיט אַ בייקל... עך טראַסצע!** (טוט זיך פונאַנדער און הענגט אויף זיין קאַפּטן מיטן פאַרטוך אויף דער טיר פונם שטוב).

זלמן: (מיט כעס) דער סאַמאָוואַר איז נאָך ניט פאַרטיק. אַלץ איבער דעם בוילע... ער לאָזט איר ניט מאַכן דעם סאַמאָוואַר, אַ כוואַראָבע אים אין די ביינער! (נאַטאַשאַ נעמט דעם סאַמאָוואַר און אָפּ אין שטוב)

יענקעל: זלמן, איך דיר געזשאָגט, דו זשאָלשט ניט בילן ווי אַ הונט. זשע, זלמן, זשע, ווען איכ'ל זשעך אַ נעם טאָן צשו דיינע ביינער, דו'שט ביי מיר סקאָוואוטשען ווי אַ הונט...

זלמן: סטראַשע ניט, איך קען אויך צעבוכצען די מאָרדע! (אָפּ אין שטוב)

יענקעל: די וועלף זשאָלן אים פרעשן! (טוט זיך פאַנאַנדער)

חאַצע: (אויסגעטאָן זיך) אוי ווי איז מיר, און אויף דעם דאַוונען פאַרגעסט מען. יענקעלע, עס איז דאָך ערשט צוויי חדשים זייט דיין טאַטע, עליו השלום, איז געשטאָרבן. לא די, וואָס דו קענסט ניט זאָגן נאָך אים קיין קדיש, ווי נאָר שבת, שפּילסטו זיך נאָך מיט אַ שיקסע פאַרן דאַוונען! אוי, יענקעלע, געדענקסט זיינע ווערטער פאַרן שטאַרבן? „יענקעלע זיי אַ איד, אוי ווער מען שמייסן מיט אייזערנע ריטער"... און מען שמייסט אים דאָרטן, יענקעלע, אוי ווי מען קאַטעוועט אים נעבעך!... און דיר וועט ער אויך ניט שווייגן, יענקעלע. היט זיך! מיט טויטע שפּילט מען זיך ניט, איך מיין עפּעס!... (הענגט זיין פאַרטוך אויף דער טיר)

יענקעל: (צושראָקן) פאַרוואָש וועט דער טאַטע מיר ניט שווייגן?... איך זשאָלעווע אים עפּעס קדיש זשאָגן? איך דאָך זשאָג שבת, ווען עש איזש דאָ אַ מנין!... אָט ער רעדט!... וואָש שרעקט איר מיך, ר' חאַצע? פאַרוואָש וועט דער טאַטע מיר ניט שווייגן?... עך, די וועלף זשאָלן דיך פרעשן! וואו איזש מיין שידער?... איך גיי דאַוונען!... (אָפּ אין שטוב)

הירש בער: (זעצט זיך ביים טיש און שלעפּט אַרויס פון איין כאָליוועאַ פלעשל שנאָפּס, פון דער צווייטער אַ גלעזעלע) אַפּנים אַז יענקעל האָט מער מורא פאַר זיין טאַטן אין ד'רעד ווי פאַר אונז אַלע אויף ד'רערד, עך דורני!... (טרינקט אויס אין איין אָטעם) קעלמער, דו מוזט דאָך וויסן, קריגט מען דאָרטן, אויף דעם עולם האמת, אַזאַ ביסעלע גוטן ספּירט?..

חאַצע: (זיפצט) איך מיין עפּעס! מען וועט אייך שוין דערלאַנגען דאָרטן ספּירט, אַז דער אָטעם וועט אייך פאַרגיין... מיט אייזערנע ריטער... פע, ר' הירש בער, איר זייט אַן עלטערער איד, עס איז אַצינד פאַר ימים נוראים... מען וועט שרייבן און חתמ'ענען... איר וואָלט כאָטש געטרונקען נאָכן דאַוונען...

הירש בער: דו ביזט טאַקע גערעכט, חאַצע. אָבער דאַוונען וויל איך מיט התלהבות און התלהבות קאָן איך נאָר קריגן, ווען איך טרינק אויס פריער דעם כוס... (יענקעל שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענסטער און דאַוונט פון אַ גראָבן סידור) דו זעסט? נאָר יענקעל קאָן דאַוונען מיט התלהבות אַזוי. יעדעס וואָרט, וואָס קייקלט זיך אַרויס פון זיין מויל, קאָן עפענען דיין נאַרישן מוח!...

יענקעל: (דאַוונט) וכולם פושחים עש פיהעם בעקאַדושא ובאטאָראָ...

חאַצע: (פאַרשטאָפּט זיך די אויערן) אוי, אוי, אַ תל מאַכט ער פונם

דאַוונען!... „בעקאָדושאָ״... אוי, האָלץ האַקט ער!... יענקעל, בקדושה, ווי איז מיר! ובטהרה, איך מיין עפּעס!... (זלמן גייט אַרויס פון שטוב)

יענקעל: (דאַוונט) ומברוקים ומשאַפּקים... מאַראַטשעט ניט, ר׳ חאַצע, איך זשאַג, ווי אין שידער שטייט!... (פאַרשווינדט פונם פענצטער)

חאַצע: נו, נו, ווי איז מיר! און מען מוז שווייגן!... איכ׳ל כאָטש גיין דאַוונען, איך מיין עפּעס... (אָפּ אין שטוב).

זלמן: ר׳ הירש בער, גיט אַ גלעזעלע...

הירש בער: האָסט שוין געדאַוונט?...

זלמן: נאָך ניט.

הירש בער: קריגסטו ביי מיר אַ כוואַראַבע און ניט קיין בראַנפן. אַ איד טאָר ניט טרינקען פאַרן דאַוונען, זאָגט חאַצע...

זלמן: ר׳ הירש בער, אַ קאַפּעטשקע... ביי מיר עפּעס אַט דאָ... עפּעס... געמוזט מיר עפּעס פאַרשאַדן צי וואָס?... (רייבט זיך דעם בויך)

הירש בער: אין שטוב איז דאָ ריצנאַייל... דאָס זאָגט חאַצע, מעג אַ איד נעמען פאַרן דאַוונען אויך... (הויבט זיך אויף) קום דאַוונען, תנא ברא מיינער! (אָפּ מיט אים אין שטוב)

עס דערהערט זיך אַ פאָרן פון אַ וואָגן און נחום׳ס קול: טפּררו... נחום און חייקע קומען פון דער גאַס. נחום האַלט אַ בייטש אין האַנט און פּאַכעט מיט איר אין דער לופטן. חייקע אין אַ נייעם מלבוש.

נחום: (קוקט זיך אום צו דער גאַס) טפּררו, וואַסיוטקאַ! טפּררו, קראַסאַוויטשיק! זע נאָר, חייקעלע, זע, אונזער וואַסיוטקאַ, אַ פויגל, אַ געזונט אים אין האַרצן אַריין, וויל נאָר פליען אַהיים, פרימעריטשע. טפּרו, וואַסיוטקאַ! טפּררו, זאָלסטו מיר מוחל זיין! (עס דערהערט זיך ווידער אַ פאָרן פון אַ וואָגן) טפּררו, אַ בראַנד דיר אין די קישקעס אַריין! (לויפט אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַנען דאָס פאָרן פונם וואָגן האָט זיך געהערט)

נאַטאַשאַ קומט אַרויס מיטן סאַמאָוואַר, באַמערקט ניט חייקען און שטעלט אים אויפן טיש.

חייקע: נאַטאַשאַ, אַ, נאַטאַשאַ, מיין יענקעל איז דאָ?

נאַטאַשאַ: דיין יענקעל, האַ? איר יענקעל! (בייז און לאַכט בייסנד) ס׳רא כאַריאַ דו האָסט, האַ? און דיין יענקעל! טפוי, זאַראַזאַ! גיי צום אַזערע און וואַש אָפּ אַפריער דיין רילאַ, די פּאַסקודנע... איר יענקעל! טפוי, זאָל זי קראַפּירן!...

חייקע: (ווישט זיך מיט ביידע הענט דעם פּנים) דער פּנים איז ביי מיר איינגעריכט, נאַטאַשאַ?

נאַטאַשאַ: דער פּנים, האַ? דו האָסט ניט קיין פּנים, דו האָסט אַ רילאַ, אַ פּאַסקודנע כאַריאַ, אַט וואָס!... (ווישט מיט כעס דעם טיש)

חייקע: נאַטאַשאַ, וואָס זידלסטו זיך? איך האָב דיר עפּעס געטאָן?

נאַטאַשאַ: ניטאָ יענקעל, ניטאָ! גיי! (חייקע קוקט צעטומלט) און יענקל האָט געזאָגט, אַז דו ביזט אַ זאַראַזאַ און ניט קיין מיידל, אַז דו זאָלסט זדאַכניען, אַט וואָס ער האָט געזאָגט!... (יענקעל לויפט אַרויס פון שטוב)

יענקעל: (פריילעך) נאַטאַשאַ! (דערזען חייקען, בלייבט ער שטיין, קראַצט זיך דעם קאָפּ און רעדט אַרויס פאַר זיך) די וועלף זשאַלן זשי פרעשן!...

חייקע: יענקעלע, אַ יענקעלע! וואָס וויל די שיקסע פון מיינע יאָרן?...

נאַטאַשאַ: דיין כלה, יענקעלע!... קוק זי אָן! כאַ־כאַ־כאַ! נעם זי צו דער אַזערע, וואָש איר אָפּ די רילאָ! טפוי, קראַפּירן זאָלט אירביידע, ווען זי איז דיין כלה!... (אָפּ מיט כעס אין שטוב)

חייקע: וואָס זאָגסטו צו דער שיקסע? איר שטייט ניט אָן דער שידוך מיט מיר... וואָס זאָגט מען צו איר?

יענקעל: (קראַצט זיך דעם קאָפּ) דו וואָלשט אויף אָן עמעש אַפּוואַשן דיין רילאָ, זשאַל ניט זשיין אַזשוי פּאַסקודנע. וואָש קוקשטו אַזשוי? קוק ניט, איך האָב פיינט, אַזש דו קוקשט!...

חייקע: (נאַאיוו) ווי קוק איך? וואָס בינדסטו זיך צו מיר, בוילע? באַלד וועסטו זאָגן, אַז דו האָסט פיינט, וואָס איך לעב...

יענקעל: (מיט כעס) עמעש! עמעש! איך האָב פיינט, וואָס דו לעבשט, עמעש!... וואָס ביזשטו געקומען?

חייקע: איך בין געקומען מיטן טאַטן אויפן יאַריד, העלפן דיין מאַמען אין קרעטשמע. דו זאָלסט אויך קומען העלפן...

יענקעל: גוט! איכ׳ל קומען. גיי!

חייקע: איך וועל דאָ וואַרטן אויפן טאַטן, ער איז אַוועק נאָכן פערד! אוי, יענקעלע, איז אונזער וואַסיוטקאַ אַ בראַנד, פליט ווי אַ רוח!...

יענקעל: זשאַלן די וועלף פרעשן וואַסיוטקאַן!

חייקע: וואָס רעדסטו? וואָס האָסטו צום פערד, בוילע דו?...

יענקעל: נו, ווילשט ניט וואַסיוטקאַן? זשאַלן זשיי דיך פרעשן!...

חייקע: (מיט כעס) זאָלן זיי דיך פרעסן פאַר אונז ביידן! בוילע דו, וואָס האָסטו צום פערד און וואָס האָסטו צו מיר?

יענקעל: גיי, גיי אין קרעטשמע, מאַראַטשע ניט.

חייקע: (מישט איבער) „גיי, גיי אין קרעטשמע, מאַראַטשע ניט"! און איז נאָך אַ חתן, אַזאַ בוילע! (וויזט איר ניי קלייד. מיט אַ ווייך קול:) יענקעלע, אַ יענקעלע, דו זעסט? אַ נייע פּלאַטיע!..

יענקעל: (קראַצט זיך דעם קאָפּ און קוקט אויף דאָס קלייד) גיי, גיי אין קרעטשמע, מאַראַטשע ניט... נו, דו ביזשט אַ קראַסאַוויצע, אַ ליאַלקע! גיי, גיי!...

חייקע: (צעוויינט זיך) פאַרוואָס טרייבסטו מיך? וואָס האָסטו צו מיר? גאָר נישט געפעלט אים ניט... פאַרוואָס נעמסטו מיר דאָס לעבן? אַ קרענק דיר אין די ביינער!...

נחום מיט דער בייטש אין האַנט, קומט הינטערוויילעכס פון לינקס.

נחום: האַלט דאָרט דעם אַדלער, ער זאָל ניט אַוועק! אַהאַ, יענקעלע! אַ גאָט־העלף דיר, טאַטקעלע! (באַמערקט אַז חייקע וויינט) וואָס איז דאָס? וואָס וויינט זי, פרימעריטשע?...

חייקע: (כליפּעט) ער האָט מיך אַבידיעט, דער בוילע... ער קען מיך ניט טערפּען... ער האָט מיך פיינט!...

נחום: שאַ, שאַ, שוויג, קלאָג ניט! ער האָט דיך ניט האָלד, פּרימע־ריטשע? נו, ער איז גערעכט. אַ כלה דאַרף מען ניט האָלד האָבן. האָלד האָבן דאַרף מען אַ ווייב און ניט קיין כלה, און טענה ניט! (חייקע וויינט העכער). נו שאַ, וואו איז די בייטש? (חייקע לויפט אָפּ אָן אַ זייט צעשראָקן) יענקעלע, פאַר־וואָס האָסטו זי אַבידעט?...

יענקעל: וואָש אַבידעט? איך איר געזשאָגט, אַזש איכ׳ל קומען אין קרעטשמע העלפן און באַסטאַ!...

נחום: היינט וואָס האָסטו זיך צעקלאָגט, פערד, אַ רוח אין דיין טאַטן אריין?...

חייקע: איך האָב אים אויך פיינט... אַט דוקא, אויף צולהכעיס, וועל איך אים פיינט האָבן... ווי ער איז צו מיר אַזוי וועל איך צו אים זיין...

נחום: שאַ! וואו איז די בייטש? (זי טרעט אָפּ וויטער. ער נעמט אָן יענקלען ביים אָרעם). יענקעלע, איך וועל דיר דערציילן אַ סוד. איך קום ערשט פון דיין מאַמען... ווייסטו, ווער עס איז געווען ביי איר די נאַכט, פּרימעריטשע?

יענקעל: ווער?

נחום: דיין טאַטע! (יענקעל שפּרינגט אָפּ צעשראָקן) יאָ, דיין טאַטע... ער איז געקומען פּרימעריטשע, צו חלום, זאָלסטו מיר מוחל זיין. אוי, זעט ער אויס, יענקעלע, שוואַרץ ווי די ערד, זאָגט דיין מאַמע, אין ווייסע תכריכים, מיט שערבלעך אויף די אויגן, און ער וויינט פאַר איר און קלאָגט: פרומע סערדצע, מען שמייסט מיך, מען גיט מיר קיין רו ניט, פּרימעריטשע. (יענקעל ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער) יענקעל איז ניט פרום. זע, ער זאָל זיין אַ איד, און טענה ניט...

יענקעל: (סאַפּעט שווער) וואָש רעדט איר, פעטער נחום? אַזשוי האָט דער טאַטע געזשאָגט? אָבער איך דאָך דאַוון... פון שידער איך דאָך דאַוון אַלע טאָג... איך דאָך זשאָג קדיש שבת... וואָש נאָך זשאָל איך טאָן דעם טאַטן? וואָש נאָך? (זעצט זיך ביים טיש און שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ) עך, באַזשע מאַי! באַזשע מאַי!...

נחום: זאָג אַמאָל אַ קאַפּיטל תהילים, פּרימעריטשע, וואָס ווייס איך? מסתמא האָט ער דאָרטן געבראָטענע צרות, ווען ער קומט זיך קלאָגן פאַר דיין מאַמען, זאָלסטו מיר מוחל זיין, און טענה ניט.

חייקע: (מיט נצחון אינם קול) דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָלובעט זיך מיט שיקסעס, שמייסט מען דאָרטן דעם פעטער שייען... (געזאָגט עס, לויפט זי אָפּ אָן אַ זייט מיט אויגן, פול נצחון)

יענקעל: (שפּרינגט אויף פונם אָרט ווי אָן אָפּגעבריטער און אָטעמט שווער) דו נאָך? דו נאָך? זאַראַזאַ דו, וואָש ווילשטו נאָך?!

הירש בער: (ווייזט זיך אינם אָפענעם פענסטער פונם שטיבל) אַהאַ, הגאון ר׳ נחום׳צע איז דאָ מיט זיין יפת תואר. וואָס גוטס, נחום?..

נחום: אַ גאָט העלף איך, ר׳ הירש בער. וועט איר היינט זיין אויפן יאַריד?

הירש בער: ווען דו האָסט אַנגעגרייט פון דעם אמת'דיקן, וועל איך קומען.

נחום: קומט טאַקע, ר' הירש בער, ביי אונז וועט זיין שישו ושמחו, אַ קנאַק נאָך אַ קנאַק, זאָלט איר מיר מוחל זיין, און טענה ניט. נו, יענקעל, דו גייסט מיט אונז?

יענקעל: (גיט זיך אַ כאַפּ) האַ? איכ'ל קומען מיט די פישער.

נחום: נו, חייקעלע, מאַרש אויפן וואָגן. ניטאָ קיין צייט! ר' הירש בער, פאַרגעסט־זשע ניט! (זוזשעט מיטן בייטש און אָפּ)

חייקע: אַ בראַנד אים אין די קישקעס! (אָפּ נאָכן טאַטן. באַלד הערט מען ווי דער וואָגן פאָרט אָפּ)

נאַטאַשאַ לויפט אַרויס פון שטוב.

נאַטאַשאַ: (צוגעלאָפן צו יענקלען מיט אַ פנים פלאַם פייער) נו, אוועק דיין קראַסאַוויצע? (נעמט זיך מיטביידע הענט פאַר די זייטן) אַ כלה דיינע, כאַ־כאַ! אַ כלה!... (לאַכט צערייצט אים אין פנים אַריין)

יענקעל: (שטיל און אויפגערעגט) נאַטאַשאַ, ניט גוט...

נאַטאַשאַ: וואָס ניט גוט, אַזאַ כלה? וואָש אָפּ איר פּאַגאַנע רילאַ, וועט זי זיין גוט... כאַ־כאַ־כאַ!

יענקעל: ניט גוט, נאַטאַשאַ. דער טאַטע...

נאַטאַשאַ: וואָס דער טאַטע?

יענקעל: איך קען זיך ניט גוט מאַליען, נאַטאַשאַ, אַט וואָש! (טוט אַ קלאַפּ אין טיש) עך! ווען איך וואָלט געקענט זשיך גוט מאַליען, עך, די וועלף זשאָלן מיך פרעשן. (זעצט זיך ביים טיש און לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ. פונס דאָרף הערט זיך אַ שפּילן פון אַ האַרמאָניקע און אַ געזאַנג)

הירש בער קומט אַרויס. פון דער קעשענע שטעקט ביי אים אַרויס אַ פלעשעלע מיט שנאַפּס.

הירש בער: נאַטאַשאַ, אַ גלאָז טיי גיכער. מען דאַרף גיין זען, וואָס טוט זיך אויפן יאַריד...

נאַטאַשאַ: אַט באַלד, ריש בער... (ווינקט צו יענקלען. ער באַמערקט ניט. טוט זי אַ שפּיי) טפוי, מוטשיטיעל דו מיינער! (אָפּ אין שטוב)

הירש בער: וואָס האָסטו זיך דאָרט פאַרטראַכט, יענקעלע?

יענקעלע: (צעטראָגן) ר' הירש בער, ניט גוט...

הירש בער: וואָס ניט גוט?

יענקעל: דער פעטער נחום זשאָגט, אַז די נאַכט איז דער טאַטע גע־קומען צו דער מאַמע...

הירש בער: וואָס? דיין טאַטע איז געקומען צו דיין מאַמע? די נאַכט? נו, מסתמא איז דאָרטן, אויף יענער וועלט, אַ דוחק אויף ווייבער... אוי, אוי, ס'רא בעל־עבירה'ניק דיין טאַטע איז! אַזאַ קורצע צייט און שוין רופעט אים דאָס ווייב...

יענקעל: ער האָט זשיך געזשאַלעוועט, אַז איך בין ניט פרום...

הירש בער: נו, אין דעם, זעסטו, איז ער טאַקע גערעכט. פאַרוואָס זאָלסטו, בוילע, טאַקע ניט לערנען אַ פּרק משניות צי אַ בלאַט גמרא, אַ כוואַראַבע דיר אינם הערצעלע?

יענקעל: (שטייט אויף) עך, באַזשע מאַי, באַזשע מאַי, איך ווער משוגע!... וואָס טו איך?

הירש בער: טו אַ גוטן שמעק טאַבאַק... זעץ זיך אַוועק, ווילדער דו. שרעקסט זיך פאַר אַלע נאַרישקייטן. דיין מאַמען האָט זיך געחלום'ט דיין טאַטע, ווייל זי טראַכט מסתמא אַ סך וועגן אים. מיר חלום'ט זיך אויך אַ סך מאָל מיין טאַבאַקערקע, מיינסטו, אַז די טאַבאַקערקע קומט מיר צו חלום? עך אַ כוואַראַבע!...

יענקעל: איז עס ניט עמעס, ר' הירש בער?

הירש בער: עס איז אַזוי אמת ויציב, ווי דיין טאַטע איז דאָרטן אַ קצב. גיי ברייננ מיר מיין טאַבאַקערקע, איך האָב זי פאַרגעסן אין שטוב...

יענקעל: (קראַצט זיך פריילעך דעם קאָפּ) דאָס איז טאַקע ניט עמעס. פאַרוואָס זשיך דער טאַטע אויף מיר זשאַלעווען? איך דאַך דאַוועך פונם שידער!... עך, בייקעס, די וועלף זשאַלן עס פרעשן!... (אָפּ אין שטוב. און גלייך דערהערט זיך פון דאָרט זיין קול: „זלמן, לאָזש נאַטאַשאַ'ן דעם טיי דערלאַנגען"! דאָן זלמן'ס געשריי און נאַטאַשאַ'ס געלעכטער)

זלמן קומט אַרויס פונם שטוב, האַלטנדיק זיך פאַר אַ זייט.

זלמן: אוי, די לונגען האָט ער מיר שיר ניט אָפּגעהאַקט. ר' הירש בער, ער האָט מיך שיר ניט דער'הרג'עט, דער בוילע!...

הירש בער: אַ כפרה פאַר אַ גוטן אידן.

זלמן: ער וועט זיך שמד'ען, דער בוילע, איר וועט זען.

הירש בער: נו, וועט מיט איין למדן בלייבן וויניקער ביי אידן...

זלמן: גאָר נישט, מען טאָר זיך גאָר ניט אָנרירן אָן דער שיקסע...

הירש בער: וואָס דאַרפסטו זיך אָן איר אָנרירן? דו ביזט דאָך אַ פרומער בחורל, נאַטאַשאַ איז ניט קיין מזוזה...

זלמן: אוי, ר' הירש בער, איר זוכט אויך אַמאָל אייער טאַבאַקערקע ביי איר אין בוזים, נישקשה...

הירש בער: זוך איך דאָך ביי איר עפּעס? וואָס זוכסטו, אַ טראַסצע דיר אין האַרצן? (יענקעל קומט אַרויס מיט דער טאַבאַקערקע)

יענקעל: טו זיך אָן ווי אַ פאַניענקע, נאַטאַשאַ! (דערלאַנגט הירש־בערן די טאַבאַקערקע און ווענדעט זיך דערנאָך צו זלמן'ען) גוט, האַ? געקראָגן פון מיר? ווילשט נאָך איינעם, האַ? (טוט אים אַ כאַפּ פאַר אַ האַנט)

זלמן: אוי, יענקעל, לאָז אייך, זאָל איך אַזוי לעבן, ווי איך האָב דיך ליב, לאָז איין!...

הירש בער: וועט איר זיך אויפהערן צו שלאָגן פאַר דער שיקסע, אַ מהומה אויף אייךביידן!...

יענקעל: נו, זלמן, דו'שט ניט זשין קיין הונט, האַ? דושט זשיך ניט טשעפּען, האַ? געדענק, זלמן! (לאָזט אים אָפּ)

זלמן: (קלאַפּט אים איבערן אַקסל) געזונט, ווי אַ בער... אוי, ווען איך וואָלט געהאַט דיין כח!... אָבער אַזוי... יענקעלע, מיר זענען גוטע פריינט. היינט אויפן יאַריד טאַנצן מיר העי האָפּ!... (נעמט אים אַרום און זינגט) „וועליק דיען אידעט, קראַסני יאַיצאַ נעסעט, נעסעט, קראַסני יאַיצאַ נעסעט!...“

יענקעל: אַט אַזשוי בישטו אַ מאַלאַדעץ, זלמן, און איך האָב דיך אויך ליב. נאַטאַשאַ, איכ׳ל אויף דיר וואַרטן אין קרעטשמע, איכ׳ל זשיך גיין אָנטאָן ווי אַ פּאַניטש. (דער געזאַנג פונם דאָרף הערט זיך) נאַטאַשאַ, מען טאַנצט שוין! (אָפּ)

זלמן: ר׳ הירש בער, וועט איר מיך היינט מכבד זיין אויפן יאַריד?

הירש בער: איך האָב דיך געדאַרפט מכבד זיין, איך האָב אָבער קיין כח נישט.

נאַטאַשאַ לויפט אַרויס פונם שטוב אין אַ רויטן, קומאַטשאַווען קלייד מיט לענטעס און קאָראַלן.

נאַטאַשאַ: ריש בער, גייסט?

הירש בער: זע נור, נאַטאַשאַ, ווי דו האָסט זיך אויסגעפּוצט! אַ רויט קלייד, לענטעס... וועסטו מיט מיר טאַנצן?

נאַטאַשאַ: וועסטו מיר קויפן אַ מתנה?

הירש בער: געוויס. אַ גוטן שמעק טאַבאַק, וואו איז מיין טאַבאַקערקע? (וויל זוכן ביי איר אינם בוזים)

נאַטאַשאַ: (שטופּט אים אָפּ און לאַכט) פאַרברענט זאָלסטו ווערן, ריש בער! (לויפט אַוועק)

הירש בער: חאַצע, גענוג זיך דאַרטן דיר צו קוועטשן. קום, מיר וועלן אַ קוק טאָן דעם יאַריד...

חאַצע: (זיין קול פונם שטיבל מיט התלהבות) לעולם יהא אדם ירא שמים, האַי־האַי־האַי! (ווייזט זיך ביים פענצטער, איינגעוויקלט דעם קאָפּ אין אַ טלית, און אונטערשפּרינגנדיק מיט דער גרעסטער התלהבות) ומודה על האמת ודובר אמת בלבבו... האַי! — האַי! — האַי. וישכם ויאמר: האַי־האַי־האַי!... (פאַרשווינדט פונם פענצטער)

הירש בער: (אַרויסגענומען די פּושקע טאַבאַק) דו הערסט, זלמן, ווי ער דאַוונט עס? עך, טראַסצע, אַזש עס ווערט סומנע אויפן האַרצן! (טוט אַ שמעק טאַבאַק) איך קען אַזוי ניט דאַוונען. איך דאַוון פון אַ חסידישן סידור, ער פון אַ מתנגדישן, איינער דאַוונט אַזוי, דער צווייטער אַזוי און ווער ווייסט, ווי מען דאַרף אויף אַן אמת דאַוונען?... נאָך אַלעמען, וואָס ווייסט דאָס נאַריש מענטשל? אפשר איז גאָר דער גלח אַרסעני גערעכט, אַז ער צעטענה׳ט זיך מיט מיר, בשעת ער טרינקט מיט מיר אויס: טרין־טראַוואַ, הירש בער, אַלצדינג איז טרין טראַוואַ. דער מענטש איז אַ מענטש כל זמן ער לעבט, צי אַ ראַבין, צי אַ פּאָפּ, צי אַ טערק, צי אַן אַנדער טשאָרט... כל זמן ער לעבט, איז ער אַ מענטש, שטאַרבט ער אָבער, איז ער ניט מער ווי פּאַדלע...

זלמן: נו, און יענע וועלט?

הירש בער: יענע וועלט? ער גלויבט ניט. ער איז אַן אפיקורס, דער גלח אַרסעני... ער דערציילט מיר אַ מעשה וועגן דעם דיאַקאָן אַרכיפּ... געווען אַ גרויסער שיכור... פּאַר אַ גלעזל שנאַפּס וואָלט ער געגאַנגען אויפן עק וועלט... בעת דער דאָזיקער אַרכיפּ איז געשטאָרבן, מאַכט צו אים דער גלח אַרסעני: ברודער אַרכיפּ, איך בעט דיך, דו זאָלסט קומען צו מיר פון יענער וועלט צו גאַסט. איך וועל דיך מכבד זיין מיט אַזאַ ביסעלע משקה, וואָס זייט דו האָסט געלעבט האָסטו אַזאַ משקה ניט געטרונקען... און אַרכיפּ איז ניט געקומען!... וואָס איז דערפון געדרונגען? זאָל מען זאָגן, אַז וואָס? אַז אַרכיפּ איז אַ גויעשער קאָפּ און האָט פאַרגעסן? פרעגט זיך: סטייטש לעבעדיקערהייט וואָלט ער דאָך ניט פאַרגעסן?... אלא־וואָס־דען? ער איז ניט געקומען, ווייל ער קען ניט גיין און ניט שטיין, ווייל ער מוז דאָרטן ליגן און פוילן, איז דאָך טאַקע דער גלח אַרסעני גערעכט, אַז סוף מענש איז פאַדלע... (זלמן האָט זיך דערווײַלע צוגעגנב׳ט צו הירש בער׳ן און אַרויסגענומען ביי אים דאָס פלעשל שנאַפּס פון קעשענע, האָט זיך געשטעלט צו אים מיטן רוקן און טרינקט)

חאַצע: (שפּרינגט צו צום פענצטער) האַי־האַי־האַי! אבינו שבשמים חי וקים! האַי־האַי־האַי! עשה עמנו צדקה וחסד... בעבור שמך הגדול... (פאַרשווינדט)

הירש בער: זאָגט אָבער חאַצע, אַז סוף גוי איז פאַדלע און סוף איד זענען מלקות! ווער קען זאָגן, וואָס דאָרטן איז? עך, וואָס מאַכט עס אויס? וואָס מיט כל ישראל, זאָל זיין מיט הירש בער׳ן. דערווייל דאַרף מען גיין אין קרעטשמע און פאַרזוכן דעם אמת׳דיקן עולם הזה! (הויבט זיך אויף און טאַפּט אין קעשענע, כאַפּט זיך, אַז דאָס פלעשל איז נישטאָ און דערזעט עס ביי זלמנען אין די הענט) אוי, אַ טראַסצע דיר אין האַרצן, זלמן!

זלמן: איך וועל אייך קויפן אַנדערע. (לויפט אַוועק. הירש בער נאָך אים)

די בינע בלייבט אַ ווײַלע אַליין. פונם דאָרף הערט זיך איצט דער געזאַנג שטאַרקער און ברענעדיקער. אַ האַרמאָניק קוויטשעט און אַ פידל ריפּעט אַן איינטאָניקן דאָרפישן מאָטיוו. עס קומען אויפן הויף זלמן מיט נאַטאַשאַן. ער איז שיכורלעך און האַלט זי ביי אַן אַרבל. נאָך זיי דאָרפישע שיקסעס און כלאָפּ־צעס, אָנגעטאָן יום־טוב׳דיק.

זלמן: (שיכור׳לעך) אָט דאָ וועלן מיר טאַנצן נאַטאַשאַ. שפּילט, די וועלף זאָלן אייך לופן! (זינגט, טאַנצט מיט נאַטאַשאַן. שטעלט זיך אָפּ) נו, גענוג, נאַטאַשאַ! (כאַפּט זי אַן פאַרן אַקסל) ווילסט איצט דעם רינג? (טוט אַ שמיץ דאָס היטל אַן דער ערד) עך, אַז געלעבט זאָל זיין געלעבט! (הויבט אויף דאָס היטל) שאַבאַש! איך שפּיי אויף אַלעמען! ביז אַ קאָפּיקע גיב איך היינט אויס, און טוט מיר עפּעס! נאַטאַשאַ, פאַרוואָס האָסטו ליב יענקלען? אָט דעם בוילע פאַרוואָס האָסטו ליב, פרעג איך דיך? צווישן אייך איז עפּעס דאָ אַן אַנדער זאַך, אַ חוץ אַ ריס, אַ צופּ, אַ שפּיל? (שרייט) איז צווישן אייך עפּעס דאָ אַן אַנדער זאַך, אַ חוץ אַ ריס, אַ צופּ, אַ שפּיל? ניין? אַ מכה וועל איך דיר געבן דעם רינג!... זאָל דיר יענקעל קויפן!... איז צווישן אייך עפּעס דאָ אַן אַנדער זאַך? נאַטאַשאַ, טשאַרט, טייפל דו! (צופּט זי פאַרן אַרבל)

נאַטאַשאַ: (שטויסט אים אָפּ) וואָס אַן אַנדער זאַך? וואָס קראַקעסטו, וואָרענע דו? איך וויל ניט דיין רינג, ווער פאַרברענט מיט דיין רינג!...

זלמן: נו, נו, שעלמאַ, זאָלן דיר די אויגן אַרויס! זיי ניט בייז. אָט איז דיר דער רינג. (זוכט אין דער קעשענע און נעמט אַרויס אַ רינג און טוט איר אָן אויפן פינגער. די פויערן טרינקען דערוויילע. יענקל, אָנגעטאָן יום־טוב׳דיק, אין זיין שוואַרצן פידזשאַק און שטיוול מיט הויכע אַפּזאַצן, מיטן היטל אויף אַ זייט, מעשה דאָרפישער פּראַנט, קומט אויפן הויף שיכור׳לעך און טאַנצט אונטער אויף די פיס, ער האָט באַמערקט, ווי זלמן האָט געגעבן נאַטאַשאַ׳ן דעם רינג, טוט ער אַ ציטער.

יענקעל: די וועלף זשאָלן זשיי פרעשן! אַזשוי גאָר, מתנות נעמט זשי פון דעם הונט? איכ׳ל די ביינער! (לויפט צו צו זלמן׳ען און טוט אים אַ שטויס פון נאַטאַשאַ׳ן) אַוועק, איך וועל דיר די קישקעס אַרוישלאָזשן! (טוט אַ שלעפּ צו זיך נאַטאַשאַ׳ן)

זלמן: (צעמישט) נו, שלאָג זיך, שלאָג זיך, פּרוף! (נעמט זיך אָן ביי די זייטן) אַצינד האָב איך פאַר דיר קיין מורא ניט. איך מאַך פון דיר אַש און שאַבאַש.

יענקעל: (טוט אַ טראַט צו אים) האַ? (זלמן אַנטלויפט)

נאַטאַשאַ: יענקעל, ביזט אַשאַלעיעט?

יענקעל: נאַטאַשאַ, נעם ביי אים ניט קיין מתנות, גיי ניט מיט אים, איך וויל ניט! (רייסט אַרונטער דעם רינג פון איר פינגער). איך וויל ניט!

נאַטאַשאַ: יענקעל, מיין פינגער! (ער שמייסט דעם רינג אָן דר׳ערד, טאַפּטשעט מיט די פיס און שלעפּט זי צו זיך פאַרן אַרבל)

יענקעל: איך וועל דיר קויפן אַ רינג, נאַטאַשאַ, איך וועל דיר קויפן. די וועלף זשאָלן דיך פרעשן!...

חאַצע קומט אַרויס פונם שטוב. זלמן באַווייזט זיך ווידער.

זלמן: (שטייענדיק פון ווייטן) ר׳ חאַצע, איר זעט? ער גייט טאַנצן מיט אַ שיקסע, אַן אבל... ער וועט זיך נאָך שמד׳ן, דער בוילע, און וועט מיט איר כאַסליערע האָבן, איר וועט שוין זען! (פאַרשווינדט)

יענקעל: (טוט זיך אַ כאַפּ) איכ׳ל זשיך שמדען? איך? (בלייבט שטיין צעמישט און קוקט מיט שרעק אַרום זיך) איכ׳ל זשיך שמדען?...

חאַצע: יענקעל, וואָס טראַכסטו זיך? ווי האָסטו קיין רחמנות ניט אויף דיין טאַטן אין קבר? שטייטש, דו גייסט טאַנצן, אַן אבל? יענקעלע, דו וועסט האָבן אַ מיאוסן סוף?... געדענק, דיין טאַטע וועט דיר ניט שוויגן, איך מיין עפּעס... איך וועל גיין שיקן אַהער דיין מאַמע. (אָפּ)

יענקעל: (שעפּצעט) באָזשע מאָי! באָזשע מאָי!... (שלעפּט נאַטאַשאַ׳ן צעמישט)

נאַטאַשאַ: וואו שלעפּסטו מיך?

יענקעל: איך האָב מורא... עס איזש אַזשוי סטראַשנע אַוועק, נאַטאַשאַ, אַוועק!...

נאַטאַשאַ: וואָס באַלטאַיעסטו, יענקעל? דו ביזט שיכור?

יענקעל: (זעצט זיך אויף דר׳ערד. נאַטאַשאַ נעבן אים, ער מורמלט. קוקט אַהינטער זיך צעשראָקן) נאַטאַשאַ! דו זשעסט וועמען? דו זשעסט?

נאַטשאַ: (קוקט זיך אום) וועמען זעסטו? דו ביזט שיכור, יענקל!...

יענקעל: (שעפּצעט) אל מאלעך נעמאַן שמאיע שרול... שמאַיע שרול... מער ווייס איך ניט!... באָזשע מאַי, שמאַיע שרול...

נאַטאַשאַ: דו מאַליעסט זיך, יענקעל?...

יענקעל: נאַטאַשאַ, אוועק גיי!... (פּלוצים מיט וויטאָג) אוי, נאַטאַשאַ, איך בין דאָך אַ איד, איך האָב דאָך אַ טאַטן — מען שמייסט אים דאַרטן... אוי, ווי ער שרעקט מיך, ווי איך האָב מורא!... נאַטאַשאַ, איך בין אָשאַלעיעט! קרעש־צען ווי אַ קריסט טאָר איך זשיך ניט, און מאַליען זשיך ווי אַ איד קען איך ניט! באָזשע מאַי, שמאַיע שרול, שמאַיע שרול... (פאַרדעקט דעם פּנים מיט די הענט און טרייסלט זיך)

נאַטאַשאַ: (רייסט אים די הענט פונם פּנים) יענקעל, סאָקאָל דו מיינער... דו וויינסט? (ער קוקט אויף איר אומגליקלעך) יענקעל, וואָס איז דיר? האַלוקאַ מאַיאַ ביעדנאַיאַ. (צלמ׳ט אים)

יענקעל: (שפּרינגט אויף מיט שרעק) וואָס טושטו? וואָס טושטו? קרעשצע מיך ניט. (בלייבט שטיין מיט גרויסע אויגן און סאָפּעט מיטן גאַנצן קערפּער, זי שפּרינגט אויך אויף צעשראָקן, שטייט קעגן אים און ציטערט. זלמן ווייזט זיך ווידער און גייט צו צו די שיכורע פּויערים)

זלמן: (שטיל) אַט, רעביאַטאַ, נאַט איך פינף גריווינקעס אויף גאַרעלקי. טרינקט און שאַבאַש... צעברעכט אָבער דערפאַר יענקלען די ביינער... (די פּויערים לאַכן און רעדן שטיל)

אַ פּויער: (צוגייענדיק צו יענקלען) העי יענקעל! דו האָסט געטרונקען אונזער גאַרעלקי? איצט קויף אונז דיין גאַרעלקי. (יענקעל קוקט אויף אים ווי אַ גולם) וואָס טאַראַשצעסטו אויף מיר דיינע אויגן? קויף, אַלי... (כאַפּט אים אַן פאַרן לאַץ און טרייסלט אים) קויף, אַלי... (טוט אים אַ שטויס אין ברוסט)

נאַטאַשאַ: (צום פּויער) פאַרוואָס שלאָגסטו יענקלען, פּיאַניצאַ דו אָקאַיאַנער?

יענקעל: (טוט זיך ווילד אַ כאַפּ און אַ רעווע) מיך שלאָגן? (וואַרפט זיך צום פּויער מיט אַן אימפּעט און שלאָגט אים ווילד. דער פּויער שרייט: „אַי בראַטצי, קאַראַאול!" די אַנדערע פּויערים וואַרפן זיך אויף יענקלען, רייסן פון אים דאָס העמד, שלאָגן אים. יענקעל איז צעקאָכט, שלאָגט רעכטס און לינקס. די פּויערים לויפן, ער נאָך זיי אַ ווילדער)

נאַטאַשאַ: (לויפט אים נאָך מיט שרעק) יענקל, גענוג! באָזשע מאַי, ער איז אשאַלעיעט!

יענקעל: (שלאָגנדיק) קאָלי דראַטסיאַ, טאָקי דראַטסיאַ! אהאַ, די וועלף זשאַלן איך פרעשן!...

הירש בער קומט אַן שיכור׳לעך.

הירש בער: העי, טראַסצע! (וואַרפט זיך אַריין צווישן יענקלען און די פּויערים. זיי בלייבן אַלע שטיין) איך האָב געמיינט, אַז איר טאַנצט דאָ, שלאָגט

איר זיך גאָר, טראַסצע וואַשע מאַטערי!... (יענקעל מיט אַ צעריסן העמד גייט און זוכט זיין היטל)

נאַטאַשאַ: (אויפהויבנדיק זיין היטל) זיי האָבן דיך געשלאָגן, יענקל?

יענקעל: מיך געשלאָגן? אָהאָ!...

נאַטאַשאַ: (כאַפּט אים אָן ליידנשאַפטלעך) סילאַטש דו מיינער, בער דו ווילדער, סאָקאָל דו שיינער! כאַ־כאַ־כאַ! ווי דו האָסט זיי געמאָלן מיט דיינע שטאַרקע הענט! כאַ! כאַ! כאַ... (די פּויערים, איינער טאַפּט די נאָז, אַ װאַנדערער האַלט זיך פאַרן אויער, אַ דריטער הינקט אונטער אויף אַ פוס. אַלע בורטשען, קוקן בייז אויף יענקלען)

זלמן: ר׳ הירש בער, האָט דער בוילע כח, הלוואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן...

הירש בער: דו דאַרפסט ניט האָבן קיין כח, וואָרים אַז אַ חזיר זאָל האָבן הערנער, וואָלט ער די וועלט חרוב געמאַכט, טראַסצע טוואָיע מאַטערי. (נעמט אַרויס פון אונטערן בוזעם אַ פלאַש שנאַפּס) אַרטיעם, איוואַן, מיקאָלאַי, יענקעל, טרינקט, פאַמירעט זיך. יענקלען דאַרף מען ניט אָבידען. ער איז אַ ווילדער מענש, אָבער אַן אמת׳ער מענש, אָן פאַלשע חכמות, אַ מענש ווי גאָט האָט באַשאַפן... וועסטו אים ניט אַריינלייגן קיין פינגער אין מויל, וועט ער ניט אָפּבייסן... טשעפּעט ניט קיין בער, ער האָט לאַפּעס מיט שאַרפע נעגל... כאַ־כאַ־כאַ! יענקעלע, קום אַהער. (יענקעל מיט נאַטאַשאַ׳ן גייען צו) יענקעל, איך האָב דיך האָלד... איך האָב דיך אַלע מאָל האָלד, אָבער איצט, אַז איך האָב אַריינגעגאָסן, מחילה, האָב איך דיך נאָך מער האָלד. (גיט אים אַ גלעזעלע שנאַפּס) טרינק, מיין זון. (יענקעל וויל ניט) טרינק, טראַסצע דיר אין האַרצן! (יענקעל טרינקט אויס) פאַרבייס מיט נאָך איינער. (יענקעל טרינקט ווידער) אָט אַזוי! און איצט מיט נאָך איינער. (שטרעקט אויס דאָס גלעזעלע צו יענקלען. יענקעל וויל נעמען, הירש בער טוט עס אַ כאַפּ צוריק) אַ מכה, דאָס גלעזעלע טרינק איך אַליין!...

יענקעל: (לאַכט שיכור) הו־הו־הו... גוטער ספּירט, ר׳ הירש בער, פּער־ווי סאָרט ספּירט... עמעשער, ר׳ הירש בער! און איך בין שיכור, הו־הו־הו!...

הירש בער: און דו, זלמן׳קע, קריגסט ביי מיר אַ מכה. און איר, רעביאַ־טאַ, פאַמירעט זיך מיט יענקלען, וועט איר אויך קריגן!... (אַלע — „יענקעל, יענקעל!" קריכן צו אים, קלאַפּן אים איבערן אַקסל, ער לאַכט. הירש בער גיט אָפּ די פּויערים די פלאַש שנאַפּס) און איצט זאָל ווערן פריילעך... רעביאַטאַ, יענקעל, נאַטאַשאַ! איך האָב האָלד צו זען, ווי איר טאַנצט! טאַנצט אַביסעלע! איך קען אויך טאַנצן, אָבער אויף איין פוס...

אַלע: טאַנצוי, יענקעל! טאַנצוי, נאַטאַשאַ!... (אַ פּויער הויבט אָן צו שפּילן אויף אַ האַרמאָניקע, אַ צווייטער אויף אַ פידל. יענקעל און נאַטאַשאַ לאָזן זיך אַוועק טאַנצן. אַלע אַרום זיי פּילדערן און טאַנצן. חאַצע באַווייזט זיך אויפן הויף.)

חאַצע: אַי, ער טאַנצט טאַקי, אַן אבל!... אָט דאָס הייסט באַקלאָגט אַ טויטן טאַטן! (יענקעל טוט זיך אַ טרייסל)

הירש בער: טאַנץ, יענקעל, הער אים ווי די קאַץ, דעם קעלמער מורילע!

אלע: טאַנצוי, יענקעל, טאַנצוי! (יענקעל טאַנצט ווייטער מיט נאַטאַשאַ'ן. דער עולם טאַנצט מיט, זינגט און פּילדערט)

זלמן: אָן גייט זיין מאַמע!...

נחום קומט צו לויפן מיט אַ פּאָר פלעשער שנאַפּס אין ביידע הענט.

נחום: (שרייט פון ווייטן) **יענקעל, אַ קרענק דיר אין האַרצן, טאַנץ ניט מיט שיקסעס, און טענה ניט!** (פאַרשווינדט)

יענקעל: (קוקט זיך אום, טאַנצנדיק) **העי, איך טאַנץ און באַסטאַ!... העי, מוזיקאַנטי, לעבעדיקער, זשיוועי!... נאַטאַשאַ, העי, האָפּ־האָפּ!** (קלאַפּט זיך מיט די כאַליוועס, דאַן מיטן הינטן אָן דר'ערד קעגן דער טאַנצנדיקער נאַטאַשאַ'ן)

אלע: אַי דאַ, יענקעל, מאָלאָדיעץ, פּראַכוואַסט!...

חייקעלע קומט צולויפן.

חייקע: אוי מומע פרומע, ער טאַנצט נאָך מיט די שיקסעס! יענקעל, די מאַמע גייט!

פרומע קומט צולויפן.

פרומע: (לויפט צו אים מיט פאַרקאַשערטע הענט) **יענקעלע, אומגליק מיינער, דער טאַטע וועט היינט ווידער קומען מיך מוטשען, ווי איז מיר!** (ער בלייבט שטיין צעשראָקן)

הירש בער: יענקעלע, הער ניט דיין מאַמע'ס באַיקעס! טאַנץ! (יענקעל נעמט ווידער טאַנצן)

פרומע: יענקעלע, אכוואַטניק, לאָז דיין טאַטן רוען אינם קבר! ער טאַנצט)

חייקע: וואַרט, וואַרט, דער פעטער וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיטן גוי!..

(פּלוצים ווייזט זיך אויס יענקלען, אַז ער הערט זיין פאַטער'ס קול: יענקעלע זיי א איד! אוי, וועט מען שמייסן!)

יענקעל: (טאַנצנדיק, קאַרטשעט זיך צוזאַמען, שרייט מיט שרעק) **איר הערט? איר הערט?** (קוקט זיך אַרום מיט שרעק)

הירש בער: טאַנץ! (יענקעלע הערט ווידער זיין פאַטער'ס קול)

יענקעלע: (צולויפנדיק צו זיין מוטער) **מאַמוניו, דו הערשט?** (דריקט זיך צו איר מיט שרעק)

פרומע: איך הער גאָר נישט, יענקעלע, וואָס הערסטו?

הירש בער: ער האָט, מחילה, גוט אַריינגעשנאַפּסט, מוז ער הערן אין קאָפּ! (יענקעלען דאַכט זיך, ער זעט זיין פאַטער אין תכריכים, אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער פון דעם פישער'ס שטיבל)

ישעיהו'ס קול: **יענקעלע, זיי אַ איד; זיי אַ איד, אוי, וועט מען שמייסן!**

יענקעל: (האַלב משוגע פאַר שרעק) **מאַמוניו, ראַטעווע מיך!** (וואַרפט זיך אויף דר'ערד מיט גרויסע אויגן אויפן פענצטער) **אוי, טאַטוניו, איכ'ל זשיין אַ איד... איכ'ל זשיין אַ איד. טשעפּע ניט! טשעפּע ניט!...** (וואַרפט זיך אַרום אויף דר'ערד מיט די הענט אויסגעשטעלט, אַקוראַט ווי ער וואָלט וועלן זיך פאַרטיידיקן קעגן וועמען)

פ אָ ר ה אַ נ ג

דריטער אַקט

דאָס פּישער־שטיבל. הירש בער זיצט אויף אַ בענקל און שמירט זיינע שטיול מיט וואַרווע. חאַצע זיצט ביים טיש און מאַכט איין ציצית אין אַן ארבע כנפות, וואָס ליגט אויפן טיש. זלמן נייט איין אַ קנעפּל אין זיינעם אַ קאַפּטן. אין דרויסן איז שטאַרק כמורנע און אַ שטורם בושעוועט.

חאַצע: (דרייענדיק די פעדים פון די ציצית מיט גרויס כוונה) **אלף — לשם מצוה, בית — לשם מצוה, גימל — לשם מצוה...**

הירש בער: חאַצע, וואָס מיר פאַלט איין: דו ביזט אַ גרויסער למדן, זאָלסט מיר מוחל זיין. דו פאַרשטייסט נישט קיין עסק. אָט מאַכסטו איין ציצית אין יענקעלע׳ס אַרבע כנפות, האָסט אים געמאַכט פאַר אַ פרומאַק, ער קוועטשט זיך שוין נעבאַך ביים דאַוונען באַלד אַזוי ווי דו... וואָס טויג עס דיר, קעלמער? פאַרשטייסט דען ניט, אַז וואָס וויניקער צדיקים עס וועלן זיין אויף יענער וועלט, אַלץ מער מיוחס וועסטו דאָרט זיין, טראַסצאַ טוואָיעי מאַטערי?

חאַצע: (באַגייסטערט) ניט אמת, ר׳ הירש בער? גאָט׳ס חסד איז זייער גרויס, איך מיין עפּעס! ווער וואָלט זיך עס געקענט ריכטן מיט אַ חודש צוריק, אַז יענקעלע׳ס גוי׳עש האַרץ זאָל זיך אַזוי מורא׳דיק באַקערן צו אידישקייט! (טוט אַ פּאַטש אין די הענט מיט התלהבות) אוי, גאַטעניו־פאַטערל, ווער קען נאָך וויזן אַזוינע נסים ונפלאות, ווי דו! דאָס שוואַכסטע האַרץ מאַכסטו שטאַרק אין דיין אמונה... דעם פונק פון אידישקייט בלאָזטו פאַנאַנדער אין אַ פלאַם, אין אַ הייליקן פייער!... גאַטעניו, אוי גוואַלד! אַצינדער איז עשרת ימי תשובה, און יענקעלע דאַוונט מיט כוונה, יענקעלע זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים... און אָט איז זיין ארבע כנפות און ער אַליין האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים איינמאַכן כשר׳ע ציצית! גוואַלד, וואָס פאַר אַ נסים האָט גאָט באַוויזן, גוואַלד, איך מיין עפּעס, גוואַלד! (כאַפּט זיך דרייען מיט אַ ברען די ציצית) **אלף, לשם מצוה, בית, לשם מצוה...**

הירש בער: איך מיין אויך עפּעס, חאַצע. פאַר יעדע עולה מאַכסטו גאָט שולדיק. מאַכסט קראַנק אַ געזונטן, שטאַרקן מענשן; משוגע — אַ קלאָרן מענשן, און ווער איז שולדיק? גאָט, נעבעך!...

זלמן: איר זאָגט, אַז יענקעלע איז פרום געוואָרן און אין דאָרף רעדט מען, אַז יענקעלע קליבט זיך שמד׳ן און וועט כאַסליערע האָבן מיט נאַטאַשאַ׳ן.

הירש בער: העי דו, זלמנקע, סמאַראָוואַז דו, אַ טראַסצע דיר אין האַרצן! דאָס איז דיין קאָפּ, דו האָסט עס פאַנאַנדערגעלאָזן אַזאַ סלוך! היט זיך, זלמנקע, ווען יענקעלע זאָל זיך אַמאָל אַ נעם טאָן צו דיר, מעגסטו זיך שוין אָפּזעגענען מיט דיין נאַרישן קאָפּ, אַ מהומה אויף דיר! (זלמן לאַכט) אַהאַ, דער שטורם האָט זיך אָבער נישקשה׳דיק צעפּאַלאַשעט! היינט וועלן מיר שוין מוזן זיצן אין דער־היים און רוען... זלמנקע, טו אַ קוק, וואָס איז דאָרטן מיט די שיפן, צי האָט נישט אָפּגעריסן פון ברעג?

זלמן: איך הולך... (טוט אָן דעם רעקל און קוקט אַרויס פונם פענצטער) אהא, ווי די כוואַליעס האָבן זיך צעיושעט אויפן אָזערע, שפּרינגען אַרום, ווי ווייסע שעפּסן... (רוקט אָן דאָס היטל) איך גיי...

הירש בער: זלמנקע, אַז דו גייסט, פרעג שוין פאַר איין גאַנג דעם שטורם, וואָס גוואַלדעוועט ער אַזוי? אפשר וויל ער אַ שמעק טאַבאַק?...

זלמן: ער וויל אַ גלעזעלע פון אייער אמת׳דיקע!... גיט, איך וועל אים אַרויסטראָגן... (לאַכט)

הירש בער: אַן אמת׳ע טראַסצע וועל איך דיר געבן... גיי!... (זלמן אָפּ. לאַכנדיק. הירש בער גייט צו צום פענצטער און קוקט אַרויס) אוי, אוי, עס טוט זיך חושך אין דרויסן! יעסין אויף דער וועלט... אַלע יאָר אין דער צייט וואַרפט די אָזערע אַ העלישע קדחת... די בוימער אינם וואַלד הויבן אָן צו פּילן אַ ברעכעניש, אַ שטעכעניש אין די זייטן, קרעכצען, שרייען נעבעך „חי וקים!" און עס העלפט זיי טאַקי, נעבעך, ווי אַ טויטן באַנקעס! דער קאַלטער ווינט איז זייער מלאך המות און ער זינגט זיי זיין ברוך דיין אמת... עך, און אַט ערשט איז דאָך געווען זומער! דאָס גאַנצע לעבן איז אַזוי: אַט בליט מען, אַט וואַקסט מען און אַט פאַרדאַרט מען! (זיפצט און טוט אַ שמעק טאַבאַק)

פּראָקאָפּ קומט אַריין דורכגענעצט, מיט אים צוזאַמען רייסט זיך אַריין אַ הודיען פונם ווינט אין טיר.

פּראָקאָפּ: איש אַ פּאַגאַדושקאַ, נ׳דאַ, טאַ־טאַ! (נעמט אַרויס אַ פּיפּקע פונם מויל און פאַררויכערט) פאַרסט נישט היינט אויפן אָזערע, ריש־בער?

הירש בער: ניין, פּראָקאָפּ.

פּראָקאָפּ: טאַ־טאַ! און איך מוז ווידער אין וואַלד. שוין צוויי וועגעלעך האָלץ געבראַכט... מען מוז נאָך אַ דריטן מאָל פאָרן — טאַ־טאַ! פאַרלירן אַ טאָג אין כאַזיאַיסטוואָ איז אַן עבירה, בראַט! ריש־בער, איך וויל ביי דיר אַן עצה פרעגן, דו ביזט אַ קלוגער מענש... מיט מיין נאַטאַשקאַ׳ן איז ניט גוט. צי מען האָט איר עין הרע געגעבן, צי זי איז קראַנק, אָבער דאָס מיידל דערקען איך גאָר ניט; אָן זיצט זי דאָרט, אין אונזער פּאַלאַווינע, און טראַכט, און אַכ־צעט. וואָס־וועןן? עך, באַזשע מאַי, קיין טאָלק קען איך פון איר ניט דערגיין! ריש־בער, זי איז דאָס איינציקע, וואָס איך האָב אויף גאָט׳ס וועלטל... גיב אַ גוטע עצה, וואָס טו איך? צי זאָל איך זי פירן צו אַ זנאַכאַר, אָדער צו דעם פעלדשער פון דער וואָלאָסט, האַ, ריש־בער?

הירש בער: מאַך איר חתונה, פּראָקאָפּ, אַט וואָס! פאַר אַזאַ מיידל, ווי נאַטאַשאַ, איז דער בעסטער זנאַכאַר און דער בעסטער פעלדשער — אַ יונגער געזונטער מוזשיק!

פּראָקאָפּ: אמת, אמת, ריש־בער, איך האָב אויך אַזוי געטראַכט. נאַטאַשאַ וויל אָבער ניט הערן פון דעם... די בעסטע כלאָפּצעס פונם דאָרף ווילן זי האָבן. זי זאָגט אָבער: ניעט, דאַ ניעט... עך, וואָס טו איך מיט איר? (עס דערהערט זיך אַ ווילדער רעווען פון דרויסן) וואָס איז דאָס? צי אַ מענש רעוועט עס אַזוי, צי דער ווינט?...

הירש בער: דער ווינט. (ווידער דאָס רעווען)

פראָקאָפּ: ניין, דאָס איז ניט דער ווינט, דאָס רעוועט אַ מענש... טאַ־טאַ! איש אַ רעווען, ווי מען וואָלט אַ מענשן געדושעט!...

הירש בער: (טוט זיך אַ כאַפּ) אוי, דאָס איז יענקעל! מסתמא חלומ'ט זיך אים עפּעס ווידער! (דאָס רעווען)

חאַצע: טאַקי יענקעלע'ס קול... אים חלומ'ט זיך עפּעס ווידער, ווי איז מיר!

פראָקאָפּ: וואו איז יענקעל?

הירש בער: ער איז נישט געזונט, קען זיך קיין אָרט ניט געפינען, איז ער אַוועק צו דיר אין שייער אויף די פרישע היי זיך צולייגן.

פראָקאָפּ: זאָל ער נור מיר די היי ניט צעטאָפּטשן... נו, מען דאַרף פאָרן אין וואַלד... עך, אַ פּאַגאַדושקאַ, טאַ־טאַ!... (אָפּ)

הירש בער: וואָס איז דאָרט מיט יענקלען?... איר האָט אים אַלע אַזוי אָנגעשראָקן מיט אייערע חלומות און מוסר זאָגן, אַז ער האָט איצטער מורא אי פאַר טויטע, אי פאַר לעבעדיקע, אַ מהומה אויף אייער אַלעמענס קעפּ!

יענקעל מיט אַ קאָפּ פול מיט היי, אַ צעטומלטער, מיט מוטנע אויגן, קומט אַריין, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, און סאָפּעט שווער. זלמן פירט אים פאַר אַ האַנט און שמייכלט.

יענקעל: (דערזעענדיק חאַצען, וואַרפט זיך צו אים מיט אַ קרעכץ) ר' חאַצע, ר' חאַצע, שוין ווידער! ווידער!...

חאַצע: וואָס?

יענקעל: (פאַרצווייפלט, און ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער) דער טאַטע! שוין ווידער!... (טוליעט זיך צו אים.)

זלמן: (לאַכט) איך הער ביים אַזערע אַ רעווען, ווי פון אַ געקוילעטן אָקס. איך לויף אַריין אין שייער, ערשט יענקעלע ליגט אויף די היי, וואַרפט זיך אַרום מיט די הענט און פיס און רעוועט: טשעפּע ניט! טשעפּע ניט! איך האָב אים געמוזט דערלאַנגען עטלעכע בוכצעס אין זייט, ביז ער האָט זיך אָטשוכעט... כאַ! כאַ! כאַ!

הירש בער: וואָס שצירעסטו דיינע ציין, מורילע דו?... (צו יענקעלען) יענקעלע, זיי דו ניט קיין דזיקאַן... טראַכט ניט אַזוי פיל וועגן דיין טאַטן, וועט ער זיך דיר ניט חלומ'ען. (וויין, ווי צו אַ קינד) נאַר דו, דיין טאַטע איז איצט פון דיר צופרידן. דו ביסט גוט, פרום, אַ מענש אַ פאָלנער, ווי דער קעלמער וויל, ווי דיין פעטער נחום וויל... אוי, אויף זיי געזאָגט געוואָרן, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון דיר! טפוי, אַ גוטע טראָסצע זיי אין האַרצן! (צו זלמנ'ען) נו, וואָס שטייסטו? האָסט שוין געזען די שיפן?...

זלמן: איינע האָב איך שוין אַרויפגעשלעפּט.

הירש בער: און די אַנדערע?

זלמן: איך גיי גלייך. (מאַכט נאָך יענקלען) הו־הו־הו, טשעפּע ניט! טשעפּע ניט! האָב איך אים אַריינגעבוכצעט! כאַ! כאַ! כאַ! (אָפּ)

הירש בער: נו, יאָ, אויף אַ געפאַלענעם בוים שפּרינגען ציגן. זלמן ווידער אַריין.

זלמן: ר׳ הירש־בער, דער גלח ארסעני וויל אייך זען, גיכער, ער וואַרט אויף אייך אין זיין וואָגן. ער וויל אַביסעלע פיש און האָט פאַר אייך אַביסעלע י״ש... וועט איר מיר געבן אַביסעלע פון דעם אמת׳דיקן?

הירש בער: דער גלח ארסעני?... (אָפּ מיט זלמנ׳ען.)

יענקעל: ר׳ חאַצע, וואָש טוט מען?

חאַצע: ראשית, טו אָן דיין ארבע כנפות... (טוט אים אָן) אפשר איז ער איצט צו דיר געקומען, מחמת דו ביזט געגאַנגען אָן אַן ארבע כנפות... איך מיין עפּעס. וואָס האָט ער דיר געזאָגט?...

יענקעל: ער האָט געזשאָגט... ער האָט געזשאָגט... (ציטערט) זשיי אַ איד, האָט ער געזשאָגט... פאַרוואָש איצט, ר׳ חאַצע?... פאַרוואָש איצט? איך בין דאָך פרום... פאַרוואָש איצט, ר׳ חאַצע? (פאַרדעקט דאָס פּנים און ציטערט.)

חאַצע: מסתמא איז דאָס מחמת דיינע פריערדיקע עבירות... וואָס וויים איך? ווייַ איז מיר, איך מיין עפּעס!...

יענקעל: יע, יע, דערפאַר... איך האָב געזשינדיקט... אָי, ווי איך האָב געזשינדיקט! (שעפּטשעט) באָזשע מאַי, שמאַיע שרול, שמאַיע שרול!... ר׳ חאַצע, וואו איזש דער תהלים?

חאַצע: (גיט אים דעם תהלים) ווילסט אַ קאַפּיטעלע תהלים זאָגן? זאָג, זאָג טאַקע, יענקעלע... איך וועל אויך זאָגן... אוי, ס׳ארא גאָט מיר האָבן, איך מיין עפּעס! (מישט אויף אין תהלים) אָט דאָ זאָג: ליום שני... קאַפּיטל למד. היינט איז דאָך מאָנטאָג... (זעצט זיך אָן אַ זייט און זאָגט שטיל מיט אַ ניגון אויסנווייניק) מזמור שיר חנוכת הבית לדוד...

יענקעל: (מיט דעם זעלבן ניגון, האַרצברעכנד) מיזשמור שיר קענוקאָס העבויאיש לאַדוואויד... ארעמיקאָ האדונאָי כי דאַלושיני הולאי שעמאַכטע האָוואָי לי... ר׳ חאַצע, וואָש, פרימערנאָ קומט אַ אידן, ווען ער זשינדיקט מיט אַ גויעשער שיקשע?...

חאַצע: (זאָגנדיק תהילים פאַר זיך) נו, נו, אסור להפסיק... הפכת מספדי למחול לי פתחת שקי ותאזרני שמחה...

יענקעל: (זאָגט אין זיין תהילים) האדונאָי העלישאָ מין שול נפשי הוישאינע מימאָרדי וואָיר... איזש וואָזש־זשע זשאָגט איר, ר׳ חאַצע, האַ?

חאַצע: הם... וואָס?

יענקעל: ווען מען זשינדיקט מיט אַ גויעשער שיקשע? איזש וואָש־זשע, האָ?...

חאַצע: מיט אַ שיקסע ווען מען זינדיקט, וואָס קומט דערפאַר? אוי, איך מיין עפּעס, נאָך ערגער ווי מיט אַ אידישער אשת איש! סקילה איז ווייניק פאַר דעם... שרפה, הרג וחנק זיינען אַ שפּיי פאַר דעם, איך מיין עפּעס! איך האָב אַמאָל געהערט, ווי דער קעלמער מגיד, זכר צדיק לברכה, האָט וועגן דעם גע׳דרש׳נט. הער אויס, יענקעלע, מעגסט הערן. (מיט פייער און מיט אַ ניגון פון אַ מגיד) אַ אידן, וואָס האָט געזינדיקט מיט אַ גויה אויף דער וועלט — וואָס האָט מען אים געטאָן, בעת ער איז געקומען אויף יענער וועלט? מען האָט אים, ראשית, אויסגעשמירט אין גאַנצן מיט סמאַלע פונם

קאָפּ ביז די פּיס און מען האָט אים איבערגעגעבן צום מלאך דומה אין די הענט אַריין. (יענקעלע הערט מיט שרעק) און וואָס־זשע האָט דער מלאך דומה געטאָן? ער האָט געלאָזט צו זיך רופן די יפת תואר לילית, ימח שמה וזכרה, און לילית, פאַרשטייסטו מיך, איז ניט גלאַט אַבי אַ נקבה קיי און שפּיי... איך מיין עפּעס! זי איז אַ נקבה בראַנד און פייער, אַז קיין איד זאָל זי ניט קענען. אַ לשון פעך און שוועבל, אויגן — פייערדיקע בליצן, און אַ יפת תואר איז זי, ממש אַ גוואַלד! די זון האָט ניט אַזאַ ליכטיק פּנים ווי זי. זי איז כמעט אַזאַ יפת תואר, ווי אונזער מוטער רחל, יעקב אבינו׳ס ווייב, איך מיין עפּעס! דו קענסט דאָך אַליין פאַרשטיין, ווי שיין זי איז, אַז זי איז די רעכטע האַנט פון דעם יצר הרע, אַז זי איז די פּלונית׳טע פון דעם אשמדאי, פון דעם מלך פון אַלע שדים און רוחות... הקיצור, לילית, ימח שמה, טוט זיך אַ נעם צום אידן, וואָס האָט געזינדיקט מיט דער גויה אויף דער וועלט... טוט אויף אים אַ קוק, און אַ בליץ צינדט אָן זיין מוח; טוט אים אַ זאָג „ברוכים הבאים אַ איד", און אַ שאַרפער חלף שניידט דורך זיין האַרץ... זי שעמט זיך ניט פאַר אַ פרעמדן מאַנסביל, לילית, ימח שמה, מאַכט צו אים הולטייסקע שטיק: טוט אים אַ גלעט דאָ, דאָרט, ביז זי באַ׳כישוף׳ט אים... ער פאַרגעסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז און וויל זי אויך אַ גלעט טאָן. אָט דעמאָלט, איך מיין עפּעס... טוט זי אים אַ כאַפּ אָן אָט ווי ער שטייט אַזוי אויסגעשמירט מיט סמאָלע, און קנאַק אין ברענענדיקן אויוון אַריין, און קנאַק אין ברענענדיקן אויוון אַריין!... (יענקעל קאָרטשעט זיך צוזאַמען פאַר שרעק) דאָס פייער כאַפּט אים אַרום פון אַלע זייטן; ער שרייט, בעט זיך רחמים און זי, לילית, מיט אַ גאַנצער חברה שדים און לצנים, טאַנצן קעגן אויוון, לאַכן און רייצן זיך מיט אים: האַ, וועסטו זינדיקן מיט אַ גויה, האַ? וועסטו זינדיקן מיט אַ גויה? (מאַכט דערביי צו יענקעלען מיטביידע הענט און די אויגן ברענען ביי אים)

יענקעל: (כאַפּט אים פאַר ביידע הענט) ר׳ חאַצע, ר׳ חאַצע, גענוג! (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ) וואָס זשאָל איך טאָן! אַך, שרעקט מיך ניט אַזוי!... איך ווער משוגע! זשאָגט מיר, וואָש איך זשאָל טאָן? ר׳ חאַצע, אַפילו שטאַרבן האָב איך מורא!... (פאַרצווייפלט) אַך, ר׳ חאַצע, אַך!...

האַצע: וואָס, יענקעל?

יענקעל: איך... איך... (טוט זיך אַ קלאַפּ אין די ברוסט) באָזשע מאָי, באָזשע מאָי, שמאָיע שרול, שמאָיע שרול!... (צעווײנט זיך רחמנות׳דיק.)

הירש בער מיט אַ פלעשל שנאַפּס.

הירש בער: גאָט שיקט צו דער פיש די וואַסער, דעם גלח ארסעני פיש און מיר דעם גלח ארסעני מיט אַ פלעשעלע אמת׳ער סמירנאָווס אָטשישצענע... (באַמערקט אַז יענקעל וויינט) יענקעל וויינט? אַך, אָבער גאָט שיקט ניט צו אַ גוטע טראַסצע דעם קעלמער מורילע!... וואָס ווינסטו, יענקעל? וואָס האָט ער דיר שוין ווידער אָנגעפּלאַטשקעט?

יענקעל: ניין, ר׳ הירש בער, ר׳ חאַצע איזש אַ גוטער מענש, ער זשאָגט דעם עמעש... ר׳ הירש בער, איך האָב געזשינדיקט, אָי, האָב איך געזשינדיקט... וואָש זשאָל איך טאָן, ר׳ הירש בער?

הירש בער: לאָז זיך אויפעסן אַ לעבעדיקער פון חאַצען און ער זאָל מיט דיר דערוואָרגן ווערן, אַט וואָס דו זאָלסט טאָן! ווילדער דו, דו ביזט דאָך שוין פרום, וואָס ווילסטו נאָך?...

יענקעל: (פאַרצווייפלט) אָבער ליליש, אַט די מיט די פייערדיקע אויגן?... אַט די מיט די בליצן?... און זשי קנאַקט אין אויוון! און זשי קנאַקט אין אויוון!... און עס פּאַליעט די סמאָלע, און עס זשאַרעט, און עס ברענט, ברענט! באַזשע מאַי, שמאַיע שרול, שמאַיע שרול!...

הירש בער: לילית?... האָסט אים שוין געגומען סטראַשען מיט לילית'ן אויך?...

חאַצע: איך האָב אים נאָר דערציילט דעם קעלמער'ס אַ דרשה... קיין אחריות ניט, פאַרשאַטן וועט עס אים ניט, איך מיין עפּעס!...

הירש בער: דער קעלמער האָט דיך משוגע געמאַכט, און דו מאַכסט אים משוגע! (יענקעל זעצט זיך אויפן לעזשאַנקע, זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און זיפצט.)

נחום, פרומע און חייקע אַריין.

נחום: אַ גאָט העלף! (זעצט זיך און זיפצט)

הירש בער: אַהאַ, ברוכים הבאים, די גאַנצע קאַפּעליע איז דאָ! וואָס זיפצסטו, נחום? ווילסט אַ שמעק טאַבאַק?

נחום: ר' הירש בער, נישט גוט! ישעיהו איז דאָך שוין היינט ווידער ביי מיר געוועזן, זאָלט איר מיר מוחל זיין... ניט גוט און טענה ניט!

פרומע: און ביי מיר איז ער דען היינט ניט געוועזן, וואָס?

חייקע: און צו מיר קומט דער פעטער ישעיהו אויך שוין די צווייטע נאַכט...

יענקעל שפּרינגט אַרונטער מיט אַ גוואַלד פון לעזשאַנקע, שלעפּט מיט אַ טאָפּ, וואָס צעפליט אין בראָזגעס; אַלע שפּרינגען אויף צעשראָקן. יענקעל מיט מוטנע אויגן און מיט אַן אָפן מויל קוקט פאַר זיך.

הירש בער: טפוי זאָלט איר ווערן! אַי, איר קאָנט דאָך טאַקע משוגע מאַכן דעם קלאָרסטן מענשן מיט אייערע חלומות! רבונו של עולם, ווי לאַנג נאָך וועט ישעיהו גיין צו אייך, גייט איר שוין אַמאָל צו אים!... אַז איר ווילט, קענט איר נעמען מיט זיך דעם קעלמער אויך, און זאָל זיין אַמאָל אַ סוף!

נחום: דאָס איז נישט קיין שוטקע, ר' הירש בער, פּרימעריטשע, ער האָט דאָרט אויך דערהערט, וואָס מען רעדט אינם דאָרף, אַז יענקעל וויל זיך שמד'ן...

חייקע: און כאָסלעריע האָבן מיט דער שיקסע... אוי, וואַרט, וואַרט, בוילע, ער וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיט דיר, דיין טאַטע! (וויינט אין אַרבל)

פרומע: ישעיהו האָט מיך היינט שיר ניט דערוואָרגן אינם בעט.

יענקעל: (צונויפגעקאָרטשעט, מיט אויסגעשטעלטע הענט וואַרפט זיך צו זיין מוטער) איך? איכ'ל זשיך שמאַדן? איך? מאַמוניו, זאָל איך קראַפּירן, ווי אַ הונט! אוי, וואַש וויל מען פון מיר? (שטאַרק ליידנשאַפטלעך) מאַמוניו, ניט עמעש, ניט עמעש! זשאָל מיך דער טאַטע זאַדושען, אויב דאַש איזש עמעש... מאַמוניו, איך בין אַ פרומער איד. (כליפּעט רחמנות'דיק) איך בין

אַ פרומער איד. תהילים זשאָג איך... איך דאַוון... איך בין פרום... ר׳ חאַצע, כאָטש איר זשאָגט מיין מאַמע!... ר׳ הירש בער, כאָטש איר זשאָגט!...

חאַצע: איך מיין עפּעס, אַז יענקעל איז אַצינד פרום, הלוואי אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן.

הירש בער: לאָזט אים צופרידן מיט אייערע חלומות, אַלע בייזע חלומות צו אייערע קעפּ! קום אַהער, יענקעל! (שלעפּט אים צו צו זיך. יענקעל דריקט זיך צו צו זיין ברוסט, ווי אַ הילפלאָז קינד) שאַ, שאַ, יענקעל, וויין ניט. דו ביזט איצט פרום, גאָט זעט עס און קלייבט אַוודאי נחת פון דיר... און זיי הער ניט, זיי זיינען משוגעים! עך, טראַסצע, וואָס איז ער, יענקעל? אַ גרויסע עופה׳לע מיט זיין שכל, אַ שטאַרקער בער מיט זיין גבורה. צערייצט איר דעם בער, איז אַז אַך און ווי דעמאָלט צו אייך. צערייצט איר אָבער די עופה׳לע, איז אַז אַך און ווי צו אים!

יענקעל: ר׳ הירש בער, איר ווייסט דאָך... איר ווייסט דאָך... זשאָגט מיין מאַמען... טאַטעלע — ר׳ הירש בער, איר זשייט מיר אַן עמעשער טאַטעלע, איר זשאָגט מיין מאַמע, אַזש דער טאַטע וועט קומען, זשאָל זשי אים זשאָגן, אַזש איך בין אַ פרומער איד... תהילים זשאָג איך, קריאת שמע זשאָג איך. (קלאַמערט זיך אָן אים און מיט וויטאָק) טאַטעלע — ר׳ הירש בער! טאַטעלע — ר׳ הירש בער!...

פרומע: וואָס זאָל איך אים זאָגן, יענקעל? און אַליין ווייס ער דען ניט, אַז דו ווילסט זיך שמד׳ן און כאַסליערע האָבן מיט נאַטאַשאַ׳ן?

יענקעל: וואָש? מיט נאַטאַשאַ׳ן חאַשינע האָבן? איך? (קאָרטשעט זיך צוזאַמען) מיט נאַטאַשאַ׳ן? עך, באָזשע מאָי, באָזשע מאָי, שמאַיע שרול! שמאַיע שרול! (פאַלט צו דער וואַנט און וויינט הילפלאָז)

הירש בער: זלמן׳קעס קאָפּ! דאָס איז אַ ליגן, כזב ושקר...

האַצע: איך מיין עפּעס, אַז דאָס איז כזב ושקר... יענקעל קוקט גאָר ניט איצטער אין גאַנצן אויף אַ פרעמדער נקבה, ניט וואָס אויף אַ שיקסע, איך מיין עפּעס...

יענקעל: (טוט זיך אַ כאַפּ) ער, ער זשיינע באַיקעס, זלמן׳קעס!... איכ׳ל אים די קישקעס אַרויסלאָזן! מאַמוניו, חייקע איזש מיין כלה, חייקע! (כאַפּט אָן ווילד חייקען פאַר אַ האַנט) זשי איזש מיין כלה, די וועלף זשאָלן זשי פרעשן, זשי! מיט איר וועל איך חאַשינע האָבן! נור מוטשעט ניט, האָט רחמנות!

חייקע: (מיט שמחה) טאַטע, אַ טאַטע, דו הערסט, וואָס יענקעל זאָגט? אוי, איך גלויב אים... יענקעל, דיין טאַטע האָט אונז געזאָגט אַ ליגן... אַ כאַלעריע!...

פרומע: ווי איז מיר, חייקעלע, אויף וועמען האָסטו געזאָגט אַ כאַלעריע?..

חייקע: (צעשראָקן) איך האָב נישט געמיינט דעם פעטער שאַיען. (שלאָגט זיך איבער די ליפּן)

נחום: אַוואו איז די בייטש?... (חייקעלע שפּרינגט אָפּ אַהינטער יענקלען) בהמה דו, זאָלסט מיר מוחל זיין, ער באַמיט זיך דאָרטן פאַר דיר, אַ שלאָג זאָל דיך נעמען, און טענה ניט!

פרומע: ר׳ הירש בער, מיר זיינען געווען ביים רב אין אָסטראָווגע און האָבן אים דערציילט די גאַנצע מעשה מיט יענקלען און ער האָט אונז געזאָגט, כאָטש יענקעל איז אַן אבל, פונדעסטוועגן זאָלן מיר אים וואָס גיכער חתונה מאַכן, כדי צו ראַטעווען אים פון שמד. דערפאַר איז ביי אונז געבליבן, אַז די חתונה זאָל זיין אין דריי וואָכן אַרום, דעם צווייטן טאָג חול המועד סוכות... זעט, ר׳ הירש בער, אַז ער זאָל וועלן חתונה האָבן מיט אַן אידיש קינד (כליפּעט)

הירש בער: נו, ער זאָגט דאָך אַליין, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט חייקען, וואָס ווילט איר נאָך?

פרומע: דו הערסט, יענקעל?

יענקעל: גוט, גוט, איכ׳ל חאַשינע האָבן, איכ׳ל חאַשינע האָבן...

נחום: זע, יענקעל, דו זאָלסט אונז נאָר ניט אונטערפירן, פרימעריטשע. צו א חתונה מוז מען זיך גרייטן... אַ שטיקל וויל איך קוילענען פאַר דער חתונה, איך וועל קוילן דעם ראָבן בייקל, זאָלסטו מיר מוחל זיין, דאַרף מען זיין זיכער, אַז דער חתן איז אַ חתן און די חתונה איז אַ חתונה, און טענה ניט!

יענקעל: (אויפגערעגט) איכ׳ל חאַשינע האָבן, חאַשינע האָבן, כאָטש מאָרגן... אבי לאָזשט מיך!... (קלאַפּט זיך אין קאָפּ) לאָזשט דיכענען מיין קאָפּ, די וועלף זשאָלן אייך פרעשן! (זלמן אַריין) איכ׳ל חאַשינע האָבן, אָבי מוטשעט ניט אַזשוי!...

זלמן: דו האָסט חתונה, יענקעל? מיט וועמען?

יענקעל: (טוט זיך אַ וואָרף אויף אים מיט אַ ווילדן רעווען) מיט נאַטאַ־שאַ׳ן! (טוט אים אַ שליידער אַן דר׳ערד.)

זלמן: יענקעל, קאַראַאול! יענקעל, האָב רחמנות!

יענקעל: (דריקט אים צו דר׳ערד) איכ׳ל זשיך שמאַדען האַ? איכ׳ל זשיך שמאַדען?!

אַלע: יענקעל, לאָז אים אָפּ!

הירש בער: (כאַפּט אָן יענקלען, חאַצע העלפּט) לאָז אים אָפּ יענקעל! זיין טריפה׳נע נשמה וועט פון אים אַרויס אָן דיר! (שלעפּט אים אָפּ פון זלמן׳ען)

זלמן: (שפּרינגט אויף) אוי, ער האָט מיך שיר ניט דער׳הרג׳עט!

יענקעל: (טוט זיך אַ ריס פון הירש בער׳ן) איכ׳ל זשיך שמאַדען, האַ? (טוט זיך ווידער אַ לאָז נאָך אים)

זלמן: אוי, ער איז ווילד געוואָרן! (לויפט אַרויס)

יענקעל: איכ׳ל אייך אַלעמען די קישקעס אַרויסלאָזשן, אַלעמען, די וועלף זשאָלן אייך פרעשן!...

נחום: די טריפה׳נע בלוט האָט זיך אין אים צעקאָכט! יענקל, וואָיעווע ניט אַזוי! איך בין דאָ, זאָלסט מיר מוחל זיין, דיין מאַמע איז דאָ, דיין כלה איז דאָ, האָב דרך ארץ, זאָלסט מיר מוחל זיין, און טענה ניט!

יענקעל: (ווילד) איך טענה ניט, איר טענה׳ט! איכ׳ל חאַשינע האָבן מיט חייקע׳ן! איך בין פרום! תהלים זשאָג איך! קריאת שמע זשאָג איך! וואָש נאָך ווילט איר פון מיר? אַרויש! אַרויש פון דאַנען! איכ׳ל (כאַפּט אַ

בענקל, טוט אַ שמיץ אַן דר׳ערד, דער בענקל צעפליט אין שטיקער) אַרויס, איר מאַכט מיך משוגע!...

הירש בער: יענקעל, מאַך ניט חרוב פראַקאַפּ׳ס שטוב!... און איר גייט איך געזונטערהייט.. ער וועט שוין חתונה האָבן... דערוויילע גייט מיר צו אַלדע שוואַרץ יאָר!

נחום: נו, מילא, אַ גוטן, זאָלט איר מיר מוחל זיין. קום, פרומע, חייקע!

חייקע: יענקעל, אַ גוטן טאָג דיר. (ער שװייגט)

פרומע: אַ גוטן טאָג דיר, מיין זון... נאַרוניו, וואָס דאַרפסטו זיין אַזוי אין כעס? איך מיין דאָך אוודאי ניט דיין רעה!...

יענקעל: (פלוצים וואַרפט זיך צו איר, וויין און מיט רחמנות) מאַמוניו! אַט דאָ, אַט דאָ... אַ שריפה איז דאָ ביי מיר אינם קאָפּ... אַ פייער ברענט דאָ ביי מיר!... (קלאַפּט זיך אין קאָפּ) מאַמוניו, זשיי ניט בייזש, איך האָב דיך ניט געוואָלט אַבידען! זשאָג דעם טאַטן, ווען ער וועט קומען, אַזש איכ׳ל חאַשינע האָבן מיט חייקען... מאַמוניו, איכל חאַשינע האָבן, איכל זשיין פרום. זשאָג זשע דעם טאַטן, ער זשאָל מיך ניט מוטשען אַזשוי, ער זשאָל מיך ניט שרעקן...

פרומע: נו, נו, יענקעל, איכ׳ל שוין זאָגן... וויי איז מיר, ווי דו קוקסט אויס!... נו, זיי־זשע געזונט, מיין קינד! (אָפּ מיט נחום׳ן און חייקע׳ן)

הירש בער: נו, אַוועק! ברוך שפּטרנו! (יענקעל זעצט זיך ביים טיש און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ. הירש בער גייט צו צום פענצטער) עס לייטערט זיך אויס... מיר וועלן, דאַכט זיך, היינט קענען אַרויספאָרן אויפן אָזערע... חאַצע, איך רעכן, מיר זאָלן דערוויילע די שיפן אַרומזען... קום, קעלמער, פאַרקאַשער אָקאַרשט די אַרבל.

חאַצע: דו גייסט, יענקל מיט אונז?

הירש בער: לאָז אים זיך אָטשוכען, אַ רחמנות! אוי, קעלמער, קעלמער, יענקל׳ס מלאך המות דו! נו, קום שוין, קום, טראַסצע טוואָיעי מאַטערי! (ביידע אָפּ)

יענקל בלייבט זיצן אַליין ביים טיש מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ, טיף פאַרטאָן אין זיך.

נאַטאַשאַ קומט אַריין אויף די שפּיץ־פינגער קוקט זיך אַרום פאַר׳גנב׳עט.

נאַטאַשאַ: (גייט צו צו אים) יענקעל! (ער שפּרינגט אויף מיט אַ ווילדן געשריי און קוקט אויף איר מיט צעשראָקענע אויגן און סאָפּעט שווער. זי איז אויך דערשראָקן פון זיין געשריי) וואָס האָסטו זיך דערשראָקן, יענקעל? ביזטו קראַנק? ווי דו זעעסט אויס, סאָקאָל טי מאָי!... (ער וואַרפט זיך פלוצים מיטן פנים צום טיש און וויינט פאַרשטיקט) יענקל, דו וויינסט? פאַרוואָס? איז דיר אויך אַזוי שלעכט, ווי מיר? (גלעט אים) נו, וויין ניט, יענקעל... וויין ניט... מיר וועלן בעסער ריידן... מיר זיינען אַליין... שוין פיר וואָכן, ווי דו אַנטלויפסט פון מיר... פאַרוואָס, יענקעל?... איך האָב דאָך דיר, קיין שלעכטס ניט געטאָן? נו, טו אַ קוק אויף מיר!... (נעמט אים אַרום און שעפּצעט) איך ליב דיך, וואָ, ווי איך האָב דיך ליב, סאָקאָל טי מאָי!... אַז דו וואָלסט וויסן, וויפל איך האָב

זיך אָנגעסטראַדאַיעט פאַר דער צייט... יענקעל, מאַי יענקעל!... (דריקט זיך צו איס)

יענקעל: (הויבט אויף דעם קאָפּ און קרעכצט אַרויס) אַך, נאַטאַשאַ, איך לייד אַזשוי, אַזשוי... פאַרוואָש ביזשטו ניט קיין אידישע, נאַטאַשאַ ?! (טוט זי ווילד אַ כאַפּ און קוקט איר אַריין אין די אויגן) נאַטאַשאַ, דו ביזשט אַזשוי שיין, איך האָב דיך אַזשוי ליב ! דיינע אויגן, נאַטאַשאַ, דיינע אויגן, ליליש, אַ כישוף ליגט אין זשיי, אַ כישוף. דו ביזשט, נאַטאַשאַ, האַטשעס ליליש !... אוי־אוי־אוי ! (קושט זי ווילד און ברעכט זי אין זיינע אָרעמס)

נאַטאַשאַ: (האַלט אים אַרומגענומען) יענקעל, וואָס האָט דאָ הייקע געטאָן ? פאַרוואָס האָסטו מיך די לעצטע פיר וואָכן ניט געלאָסצעט ?... איך האָב געוואָרט אויף דיר אין וואַלד און דו ביזט ניט געקומען. איך האָב דיך געזוכט דאָ און דו האָסט מיך נישט געזען !... פאַרוואָס ? אוי, איך האָב געמיינט, אַז איך ווער אַשאַלעיעט !

יענקעל: אַה, שוויג, שוויג, טייזול ! אוי! נאַטאַשאַ, אוי! (קושט זי ווילד)

נאַטאַשאַ: (דריקט איר קאָפּ צו זיין ברוסט) איוואַן דער פישער האָט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט זיך קרעשצען און וועסט מיט מיר חתונה האָבן.

יענקעל: (אויפשפּרינגנדיק בלייך און צעשראָקן) קרעשצען ? איך ?... (צווישן די ציין) נאַטאַשאַ, חייקע איזש מיין כלה, חייקע !... דו ביזשט אַ וויעדמאַ, אַ טייוול !... קריך ניט צו מיר, קריך ניט, זשאָג איך דיר, דו ביזשט אַ טייוול! אַנטלויף פון מיר, איך וועל דיך טויטן ! אוביו, וויעדמאַ, אוביו, אַנטלויף !...

נאַטאַשאַ: (הענגט זיך אָן אָן זיין אָרעם) יענקעל, דו וועסט חתונה האָבן מיט חייקע'ן ? און וואָס זאָל איך טאָן, האַלוקא מאַיאַ ביעדנאַיאַ ? יענקעל, איך ווער באַלד מוטער !...

יענקעל: (שפּרינגט אָפּ, ווי אַן אָפּגעקאָכטער) דו ?! מוטער ?! דו ?!... (ווילד) וויעדמאַ !! טייוול!!! (טוט זי אַ שטויס אין ברוסט)

נאַטאַשאַ: (פאַלנדיק אויף דר'ערד) אובעי מעניאַ, אובעי מעניאַ ! אַניט וועט מיך דער דיעדושקאַ טויטן ! (שלאָגט זיך אין ברוסט) טויטע מיך ! אובעי מעניאַ, אובעי !...

יענקעל: (פאַלט צו צו איר מיט אַ יאָמער) נאַטאַשאַ, אוי־אוי־אוי! נאַטאַשאַ! (קושט זי ווילד און קרעכצט. טוט זיך דאַן אַ כאַפּ) וואָש טו איך ? (שפּרינגט אויף) וואָש זשאָל איך טאָן ?... באָזשע מאַי, שמאַיע שרול, שמאַיע שרול!... (לויפט אַרויס מיט אַ פאַרשטיקטן יאָמער פונם הויז)

נאַטאַשאַ: (טוט זיך אַ הויב פון דר'ערד) יענקעל ! (וואַנקט צוריק) יענקעל !... (דרייט זיך צוזאַמען, ווי אַ בייגל, מיטן פּנים אין שויס און וויינט רחמנות'דיק)

פּראָקאָפּ קומט אַריין מיט אַ פייפקע אינם מויל. דערזעענדיק נאַטאַשאַ'ן אויף דר'ערד, נעמט ער אַרויס פאַרוואונדערט די פייפקע פונם מויל און טוט אַ קראַץ די פּאַטילניצע.

פּראָקאָפּ: (גייט צו צו איר, רואיק) נאַטאַשאַ! (זי טוט אַ ציטער, אַ קרעכץ, הויבט אויף דעם קאָפּ, בלייבט שווייגן און קוקט אויף אים מיט אויגן, וואָס

דריקן אויס געבעט, מורא און וויטאָג) טאַ־טאַ! דו ביזט נאָך אַלץ קראַנק? וואָס קוקסטו אויף מיר, ווי אַן אָפּגעשציפּלטעטער ציפּליאַניקל? מיידל, האַ?...

נאַטאַשאַ: (טוט זיך אַ וואָרף צו אים און כאַפּט אים אַרום זיינע קני מיט אַ יאָמער) דיעדושקאַ פּראַקאָפּ, זיי מיר מוחל, איך בין אַ פאַרשאָלטענע!... פאַר־לאָרן איז מיין קאָפּ, פאַרלאָרן! דיעדושקאַ, אובעי מעניאַ, טויט מיך! איך בין אַ פּאַטאַסקוכאַ, אַ צעלאָזענע! איך וועל באַלד מוטער, דיעדושקאַ, איך האָב געזינדיקט... טויט מיך, איך וועל באַלד מוטער! (קושט אים די פיס) טויט מיך!...

פּראָקאָפּ: (טוט אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער) ביזטו משוגע, מיידל? וואָס האָסטו געזאָגט? נאַטאַשאַ, דו ברעשעסט! (טרעט אָפּ צעמישט עטלעכע טריט פון איר און סאָפּעט שווער) טאַ־טאַ! (קראַצט זיך אין פּאַטילניצע) דער־פאַר איז זי געווען אַזוי! טיזול דו! (פויזע. זי וויינט. ער גייט צו צו איר און טוט זי אַ שטויס מיטן פוס) שטיי אויף, מיידל! ווער איז דער כלאָפּעץ, האַ?

נאַטאַשאַ: יענקעל, דיעדושקאַ, יענקעל!

פּראָקאָפּ: (טוט אַ שפּרונג) יענקעל? דער נעכריסט? דער זשיד?! (קוקט אויף איר מיט וועלפּישע אויגן. פויזע. שטיל, צווישן די ציין) נו, מיידל נו?... (גייט צו צו איר מיט לאַנגזאַמע טריט, מיט אַ צענויפגעדריקטן פויסט אין פאָראויס) וואָס זאָל איך טאָן מיט דיר, פּאַטאַסקוכאַ, וואָס? (הויבט איבער איר דעם פויסט)

נאַטאַשאַ: (אויף די קני, בויגט איין דעם קאָפּ) טויטע מיך, דיעדושקאַ, טויטע מיך! מיר איז שווער צו לעבן!...

פּראָקאָפּ: (לאָזט אַרונטער די האַנט) טאַ־טאַ! עך, נאַטאַשאַ, עך, פּאַ־טאַסקוכאַ דו, וואָס האָסטו געהאַט צו מיין אַלטן, סיוועך קאָפּ? צי האָבן געפעלט כלאָפּצעס אינם דאָרף, וואָס האָבן זיך געשדכנ'ט צו דער קראַסאַוויצע נאַטאַ־שאַ'ן? פאַרוואָס האָסטו זיך סניוכעט מיט אַ נעכריסט? נאַטאַשאַ, וואָס וועט פון דיר איצט ווערן? וואָס'ער ערלעכער מוזשיק וועט איצט וועלן קוקן אין דיין זייט? עך, פּאַטאַסקוכאַ, פּאַטאַסקוכאַ, האָב איך דיר ניט געזאָגט, דו זאָלסט זיך היטן? האַ?!..

נאַטאַשאַ: ער איז געווען מיין שיינער סאָקאָל, דיעדושקאַ! איך בין שול־דיק, מיין זינדיק האַרץ איז שולדיק... איך האָב אים געליבט, איך בין שולדיק!... (פויזעט צו אים אויף די קני, די הענט אויסגעשטעלט צו אים)

פּראָקאָפּ: טאַ־טאַ, דו ביזט שולדיק! (קלאַפּט אויס די פּיפּקע אויף דער האַנט און שטאָפּט זי אָן מיט טאַבאַק) דו ביזט שולדיק! (רייבט, אָן אַ שוועבעלע און פאַררויכערט) טאַ־טאַ, ווער דען איז שולדיק! (גייט דורך די שטוב, פּיפּ־קענדיק, און שטעלט זיך ווידער אָפּ קעגן איר) נו, מיידל, וואָס וועט איצט זיין? אַז דיין כלאָפּעץ וואָלט געווען אַ מוזשיק, אַ כרעסטיאַנין, וואָלט איך אים שוין פאַרן קאָפּ צו דיר געבראַכט, אַז ער זאָל מיט דיר חתונה האָבן... אָבער יענקעל, דער נעכריסט? (טוט זיך אַ וואָרף ווילד צו איר) פּאַטאַסקוכאַ דו, אַז דו האָסט געוואָלט זיין אַ פּאַטאַסקוכאַ, האָסטו ניט געקענט מיט אייגענע כלאָפּ־צעס? אוביו סטערוואַ, אוביו! איך וועל דיך טויטן! (הויבט די הענט איבער איר).

נאַטאַשאַ: (קלאַמערט זיך אָן זיינע פיס) טו עס, דיעדושקאַ, טו. מיר איז שווער צו לעבן!

פראָקאָפ: (טוט זי אַ שטויס פון זיך) פראַטש! דו אקאַלעיעסט נאָך ניט! דיך וועל איך נאָך זען!... וואו איז דער נעכריסט? ער וועט זיך שוין ביי מיר קרעשצען! אַניט איז דאָ די האַק, מיט וועלכער איך האַק האָלץ אינם וואַלד! וואו איז ער ?!... (לויפט אַרויס)

נאַטאַשאַ: (וואַרפט זיך נאָך אים) דיעדושקאַ!... באָזשע מאָי, ער וועט טויטן יענקלען!... דיעדושקאַ!... (לויפט אַרויס נאָך אים)

די בינע אַ ווײַלע אַליין.

יענקעל קומט אַריין פאַרטאָן אין זיך מיט אַ ליידנדן געזיכט. נעמט דעם תהילים פונם טיש און קושט אים.

פראָקאָפ קאַלטבלוטיק מיט דער פיפקע אין מויל און מיט אַ האַק איבערן אַקסל; אין זיינע אויגן נור, וואָס קוקן ווי ביי אַ הונגעריקן וואָלף, שפיגלט זיך אָפּ זיין אויפרעגונג.

פראָקאָפ: (צוגייענדיק צו יענקלען, טוט אים ווילד אַ שלעפּ פאַרן אַקסל צו זיך) נעכריסט, אַהערצו! (יענקעל קוקט אויף אים צעשראָקן. פראָקאָפ האַלט אים פאַרן אַקסל און קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין) וואָס האָסטו געהאַט צו מיין נאַטאַשאַ'ן? ענטפער! (יענקעל לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און צעוויינט זיך ווי אַ קינד) ענטפער, נעכריסט! וואָס האָסטו געהאַט צו מיין מיידל?...

יענקעל: (הילפלאָז) מיין שולד, פראָקאָפ, מיין שולד!

פראָקאָפ: טאַ־טאַ, דיין שולד! פאַרוואָס־זשע זאָל נאַטאַשאַ ליידן, אַז דאָס איז דיין שולד?... וואָס זאָל איך טאָן מיט דיר, ענטפער.

יענקעל: איך ווייש ניט.

פראָקאָפ: (לאָזט אים אָפּ) דו מוזט מיט איר חתונה האָבן.

יענקעל: (צעשראָקן) האַ?

פראָקאָפ: (מיטן האַק איבער אים) דו מוזט מיט איר גיין צום פּאָפּ אַרסעני און זיך קרעשצען!

יענקעל: ניין, ניין, איך בין אַ איד, איך בין אַ איד!...

פראָקאָפ: (מאַכט מיטן האַק) קריגסטו ביי מיר מיטן האַק איבערן קאָפּ, אַז דו וועסט זיך ניט קרעשצען!

יענקעל: (בויגט איין דעם קאָפּ) אָט האַק, פראָקאָפ, האַק! איכ'ל זיך אָבער ניט קרעשצען, איך בין אַ איד! אַ איד! אַ איד!

נאַטאַשאַ ווייזט זיך אין פענצטער, דאָן טוט זי אַ געשריי: ריש־בער, זלמן, חאַטשאַ, ראַטויטע!... און לויפט אַריין אין שטוב, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, מיט די אויגן אויסגעגלאָצט אויפן האַק, וואָס פראָקאָפ האַלט אין לופטן איבער יענקעלס קאָפּ...

נאַטאַשאַ: (צולויפנדיק צו פראָקאָפן) דיעדושקאַ! (כאַפּט אָן די האַק) זלמן, הירש בער און חאַצע לויפן אַריין.

פּראָקאָפּ: זאָל ער זיך גיין קרעשצען, איך וועל אים דער׳הרג׳ענען!
(רייסט אַרויס זיין האַנט מיטן האַק פון נאַטאַשאַ׳ס און פאַרמעסט זיך ווידער אויף יענקעלען) וועסטו זיך קרעשצען, זשיד ?!

יענקעל: נייך, נייך, ניין! איך בין אַ איד! אַ איד! אַ איד!

זלמן: (שפּרינגט צו און כאַפּט אַרויס די האַק. פּראָקאָפּ כאַפּט אָן דאָן יענקלען ביים האַלז און ווערגט אים) **וואָס האָסטו געהאַט צו מיין נאַטאַשאַ׳ן?!**
(שליידערט אים אָן דר׳ערד און שטיקט אים. אַלע וואַרפן זיך צו אים)

פ אָ ר ה אַ נ ג

פערטער אַקט

די בינע שטעלט פאָר ישעיהו'ס קרעטשמע. מען גרייט זיך דאָרט צו דער חתונה, וואָס דאַרף היינט פאָרקומען. **נחום** אָנגעטאָן אין זיין שבת'דיקער זשו־פּעצע, מיט פאַרקאַשערטע פּאָלעס, לויפט אַרום פאַרהאַוועט, פאַרשמאַיעט, שלעפּט אַרויס טישן, בענק. **פרומע** העלפט אים. **חייקע**, אויסגעפּוצט, שטייט און שיערט מעשענע לייכטער.

פרומע: מען דאַרף זיך איילן. שוין אַזוי שפּעט, באַלד קומען מענטשן און איך גיי אַרום ווי אַ שיקסע, ניט אָנגעטאָן, ווי איז מיר!

חייקע: טאַטע, אַ טאַטע, וואו איז אַהינגעקומען יענקעל?

נחום: וואָס פרעגסטו היינט אויף יענקלען? דו? וואָס ליגט דיר היינט יענקעל אין קאָפּ? היינט איז דיין חתונה און דאַרפסט נאָר טראַכטן וועגן דיינע עבירות, און טענה ניט!...

חייקע: (שיערט די לייכטער) טאַטע, אַ, טאַטע, צו דער חופּה איז דאָך גאָט מוחל די עבירות, האַ?

נחום: אַוודאי, אויף דעם, פרימעריטשע, איז דאָך די חופּה, כדי גאָט זאָל מוחל זיין די עבירות...

הירש בער קומט אַריין.

חייקע: טאַטע, אַ טאַטע, וועט גאָט מוחל זיין יענקעלען זיינע עבירות אויך, האַ?

הירש בער: יענקעל'ס עבירות האָט דער גלח אַרסעני מוחל געווען פאַר אַ צענערל... עך, טראַסצע, ווען דער גלח אַרסעני וואָלט נאַטאַשאַ'ס עסק ניט גלאָט געמאַכט, וואָלט יאַנקעלע ווער וויס וואו אַצינד געווען... אפשר אין גן עדן! און דו, חייקעלע, וואָלסט זיך געדאַרפט זוכן אַן אַנדער בייקעלע! ווי דו שיינסט היינט, חייקעלע, אַן אמת'ע יפת תואר, אַ כפּרה אַ בת מלכה!

פרומע: וואָס מיינט איר? עס איז טאַקי אַ נס מן השמים! וואָס טוט מען, ווען דער גלח אַרסעני וויל חלילה ניט נעמען קיין געלט און שפּאַרט זיך דוקא איין, אַז יענקעלע זאָל זיך שמדן? אַזוי אָבער בלייבט יענקעלע טאַקי אין אידישע הענט, אַ דאַנק גאָט... דער זכות פון זיין טאַטן איז אים בייגעשטאַנען...

הירש בער: אוי, קינדערלעך, קינדערלעך, און דאָך טוט מיר ווייי דאָס האַרץ פאַר פראַקאָפּ'ן, פאַר נאַטאַשאַ'ן... אמת, זיי זיינען אפילו גוים, אָבער... עך, טראַסצע! געווען אַזאַ גוטער פראַקאָפּ, אַ קלוגער און וואָס איז ער איצט? אַן זיצט ער דאָרטן און שיכור'ט, די גאַנצע כאַזאַיסטווע געבראַשעט און שיכור'ט... און נאַטאַשאַ קלייבט זיך איצטער דאָרטן אַוועקצוגיין אין קינפּעט אין נאָוואָסעלסק צו אירער אַ מומע... עך, טראַסצע, אַ ביטערער רחמנות. כ'לעבן, זיי זיינען אפילו ערלים... אָבער זיי ווייינען דאָך אויך מיט טרערן, און אַז נאַטאַשאַ קרעכצט, צעררייסט דאָס האַרץ איר קרעכצן אויך... עך, טראַסצע! (טוט אַ שמעק טאַבאַק)

נחום: אוי, זאָלט איר מיר מוחל זיין, ר׳ הירש בער, איר זייט אַן אַפּיקורס טאַקי אויף אַן אמת׳ן! האָצע איז דאָך געקעכט, פּרימעריטשע... וואָס־זשע האָבן מיר געזאָלט טאָן?... לאָזן יענקעלען חתונה האָבן מיט איר, האָ? זאָלט איר מיר מוחל זיין...

הירש בער: דאָס איז שוין אַן אַנדער שאלה... פון ביידע זייטן טריף, נחום... דאָס איז טאַקי וואָס עס הייסט — אַ טראַסצע פון פאָרנט און אַ טראַסצע פון הינטן...

נחום: טאָ טענה׳ט ניט, זאָלט איר מיר מוחל זיין!...

חייקע: טאַטע, אַ, טאַטע, אוי, וועל איך היינט וויינען צו דער חתונה, אַז גאָט זאָל מוחל זיין יענקלען די זינד... אַי האָט יענקעל געזינדיקט, אַ כאָלעריע! ..

פּראָקאָפּ שיכור, וואַנקט אויף די פיס, קומט אַריין.

פּראָקאָפּ: ריש בער? טאָ־טאָ!... (קנייטשט מיט די ליפּן) ווילסט מיט מיר טרינקען, האָ? פּרומקאָ, אַ טשאַרקו גיב!

הירש בער: איך וויל ניט טרינקען, פּראָקאָפּ. גיי בעסער אַהיים, נאַטאַשאַ וויל זיך מיט די פּראַשצאַיען, זי גייט אַוועק צו איר טיאָטקע אין נאָוואָסעלסק...

פּראָקאָפּ: (קוקט אויף אים מיט מוטנע אויגן און קאָרטשעט מיט די ליפּן) נאַטאַשקאָ? טאָ־טאָ!... (צעלאַכט זיך שטיל, מיט אַ דינעם קינדערשן געלעכטער) ניטאָ ביי מיר קיין נאַטאַשקאָ... הו־הו־הו, אַוועק, אַוועק, (ווייזט מיטן האַנט אויף דר׳ערד) זי איז אין דר׳ערד אַוועק מיטן טייוול!... (פּייפט) ניט מיין קינד איז נאַטאַשקאָ, נאָר דעם טייוולס קינד!... נו, ריש בער, וועסטו אויסטרינקען, צי ניין?..

הירש בער: גיי אַהיים, פּראָקאָפּ... מענש, וואָס ווערט פון דיין כאַ־זאַיסטווע?...

פּראָקאָפּ: מיין כאַזאַיסטווע? פאַרברענט זאָל זי ווערן! וואָס דאַרף איך די כאַזאַיסטווע?... אין קבר וועל איך דאָס מיט זיך נעמען, צי וואָס?... (צעלאַכט זיך מיט זיין קינדערשן געלעכטער) איך דאַרף גאָר ניט, גאָר ניט... טאָ־טאָ! טרינק, גיס אַריין איינס נאָך דער אַנדערער!... טרינק און ניע טשערטאָ! (טאַנצט אונטער) טרינק, טראַכט ניט, זינג דיינע פּיעסניעס און שטאַרב, אָקאָ־לעיע, ווי אַ הונט — טאָ־טאָ, כע־כע־כע!.. (זינגט) „עך טי בעריאָזאָ, טי מאָיאָ בעריאָזאָ"... (אָפּ, זינגנדיק, מאַכנדיק מיט די הענט צום טאַקט פון זיין זינגען)

הירש בער: (זיפצט) פאַרפאַלן, מען קאָן שוין זאָגן רבנן קדיש נאָך פּראָקאָפּ׳ן...

נחום: רבנן קדיש? וואָס רעדט איר, ר׳ הירש בער? זאָגט כאָטש: להבדיל, פּרימעריטשע, זאָלט איר מוחל זיין!

הירש בער: אַה, איך האָב פאַרגעסן, אַז רבנן קדיש קען מען נאָר זאָגן נאָך אַזאַ תלמיד חכם ווי דו ביזט, ר׳ נחום הגאון! עך, טראַסצע, נאַ, דערפאַר נעם אַ גוטן שמעק טאַבאַק!...

פרומע: וואו איז יענקעל? איצט, אַז פּראָקאָפּ איז אַוועקגעגאַנגען, דאַרף ער זיך ניט באַהאַלטן... אוי, ר׳ הירש־בער, האָט יענקעלע מורא פאַר פּראָקאָפּ׳ן!

דערזעט ער אים פון ווייטן, הייבן אים אָן העגט און פיס צו ציטערן, און ער באַ־האַלט זיך. אַפּנים, ער האָט אים גוט אָנגעשראָקן מיטן האָק!

הירש בער: אפשר באַהאַלט ער זיך פון אים ניט מחמת ער האָט מורא פאַר אים, נאָר מחמת אַן אַנדער זאַך? איך האָב אַמאָל אַ הינטל אויסגעבראָכן אומגערן אַ פוס, איז אַלע מאָל דערנאָך, אַז איך פלעג אים דערזען הינקנדיק, פלעג איך אָפּקערן דעם קאָפּ... היינט אַ פשיטא, אַז מען ברעכט אויס אַ מענשן בײדע פיס!...

נחום: נו, מאַלע וואָס פריער איז געווען, זאָל דאָס נעמען דער קאַדיק, אבי איצט ווערט יענקעלע אַ מענש... שוין אַ וואָך ווי ישעיה ווייזט זיך ניט צו אונז און ניט צו אים. אַפּנים, אַז ישעיה איז דאָרט זיכער געוואָרן מיט דער חתונה, האָט ער זיך דאָרט באַרואיקט...

הייקעלע: ר׳ הירש בער, אַ, ר׳ הירש בער, אוי, האָט מען יענקלען געמאַכט אַ גאַרניטערל אַ דראַפּענעם, אַט איר וועט אים שוין היינט זען אונטער דער חופה — אַ מחיה! און אַ זייגערל האָט מען אים געקויפט מיט אַ קייטעלע... און אַט איז אַ זיידן פאַטשיילקעלע פאַר אים אויך!... (ווייזט אַ ווייס טיכל)

נחום: חייקעלע, חייקעלע, טראַכט מיר ניט היינט פון יענקלען, אַן עבירה, זאָלסט מיר מוחל זיין!...

חייקע: אוי, אַז ער קריכט מיר אין קאָפּ!.. (קלאַפּט זיך אין קאָפּ)

יענקעל אַריין צעטראָגן.

יענקעל: ער איזש אַוועק? (דערזען הירש־בערן) איר, ר׳ הירש בער? (גייט צו צו אים) עש איזש מיר סטראַשנאַ צו קוקן...

הירש בער: אויף וועמען?

יענקעל: אויף פראָקאָפּ׳ן. א רחמנוש!... עך, ר׳ הירש בער, די וועלף זשאַלן מיך פרעשן, איך בין אַ מאַזוריק!...

נחום: יענקעלע שילט זיך ניט היינט! היינט איז דאָך דיין חתונה, זאָלסט מיר מוחל זיין, טאָ טענה ניט!...

יענקעל: וואָש מיר חאַשונע? איך בין אַ שלעכטער מענש און באַסטאַ!

הירש בער: יענקעלע, נאַרוניו דו, שענערע מענשן ווי דו, טוען אָפּ אַזעלכע זאַכן. ניט דו ביזט דער ערשטער און ניט דו ביזט דער לעצטער... שלאָג זיך אַרויס פונם קאָפּ... און אַט איז דיין כלה, חייקעלע, וועגן איר טראַכט!...

נחום (כאַפּט אונטער) און טענה ניט!...

יענקעל: (ציט אָפּ הירש בערן אָן אַ זייט און שטיל) ר׳ הירש בער, חייקעלע איזש אַ זאַראַזאַ, מיר איזש נודנע צו קוקן אויף איר... זשי איזש מיין כלה, דער טאַטע וויל אַזשוי, אָבער די וועלף זשאַלן זשי פרעשן!... ר׳ הירש בער, ניט גוט! ניט גוט!...

הירש בער: זיי ניט קיין ווילדער, יענקעל... חייקע, וואו איז יענקעלע׳ס זיידענע פאַטשיילקעלע?

חייקע: (נעמט דאָס זיידן טיכל און טוט אים אָן אויפן האַלז) אוי, ווי שיין... טראָג געזונט, יענקעלע! וויז ר׳ הירש בער׳ן דיין זייגער און קייטעלע...

יענקעל: וואָש האָשטו מיר אָנגעטאָן די פּאַטשיילקע? (רייסט עס פון זיך) דו בעשער טו אָן אַ שטריק מיר אויפן האַלדז און זאַדושע מיך! (שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ זייגער מיט אַ קייטל) נאַ דיר דאָש אויך אַוועק, נ־נאַ!

הירש בער: (האַלט אים אָפּ) יענקעלע, טראָג דער כלה׳ס מתנות, פאַר־שעם זי ניט. נאַרוניו, אַז דו וועסט איר געבן אַ מתנה, וועט זי אויך טראָגן... פרומע, וואו איז יענקעל׳ס נייער גאַרניטערל?... זאָל ער אָנטאָן.

פרומע: אין דער צווייטער פּאַלאַווינע... איך האָב פאַרפּאַסקודעטע הענט...

חייקע: איך וועל ברענגען יענקעלען דעם גאַרניטער׳ל! (אָפּ)

יענקעל: (דורכגעגאַנגען דאָס צימער, שטעלט ער זיך ווידער אָפּ נעבן הירש בערן און שטיל) ר׳ הירש בער, איך האָב געהערט, אַז זשי גייט היינט אַוועק אין נאָוואָסעלסק צו איר מומען. איזש דאָש עמעש?

הירש בער: ווער?

יענקעל: זשי, זשי... נאַטאַשאַ... (זיפצט)

הירש בער: טראַכט ניט וועגן איר...

יענקעל: איך האָב פינף רובל... וויל איך עש איר געבן...

חייקע מיטן גאַרניטור אַריין.

חייקע: זעט, ר׳ הירש־בער, סאַראַ שיינער... אַ דראַפּערער, זאָל ער טראָגן געזונטערהייט!... (אַ קלינגען פון גלעקלעך און אַ „טפּררו״)

נחום: אוי, דאָס האָט געמוזט קומען חאַצע מיט דער חופה פון שטאָט! פרומע, קער זיך! שטאָטישע מענשן קומען!

פרומע: אוי ווי איז מיר, די טישן זיינען נאָך ניט געגרייט! חייקעלע, פיר אַריין די געסט אין יענער פּאַלאַווינע!

חייקע: (שפּאַרט אַריין יענקלען דעם גאַרניטער אין די הענט) איך לויף! פוץ זיך אויס, כאַלעריע, דו ביזט דאָך אַ חתן. וואָס שטייסטו? (אָפּ)

חאַצע אין שבת׳דיקע מלבושים אַריין.

חאַצע: נו, געקומען! די חופה, דער שמש, דער מאַרשאַליק, די כלי זמר, איך מיין עפּעס, אַ אידישע חתונה!

נחום: האָט דער וואָראָנער מיינער גוט גע׳הלך׳ט, האַ, ר׳ חאַצע? (קוועלט) אַ פערד אַ לייט, פרימעריטשע, האַ, ר׳ חאַצע?

חאַצע: אַ פערד איז אַ פערד... אונזערע צען אויסגעדאַרטע אידן האָט ער פאַרשלעפּט, איך מיין עפּעס!

הירש בער: אַז ער האָט געקענט פאַרשלעפּן אַזאַ משא ווי דיך, חאַצע, איז ער שוין אַ גוטער פערד!..

חאַצע: נו, מילא! קומט צו די געסט. אַ חרפה, פרעמדע אידן!

פרומע: איך לויף זיך אָנטאָן. (אָפּ)

נחום: קומט, ר׳ הירש בער. מיר וועלן דערווייליע דאָרט מאַכן אַ קנאַק... יענקעל, טו זיך אָן אויף גיך, אויף גיך, מאַרודע ניט, אַ קלאָג צו דיר!... (אָפּ מיט הירש בערן און חאַצע׳ן)

יענקעל בלייבט אַליין מיטן גאַרניטער אין די הענט.

יענקעל: (אַ שמיץ געטאָן דעם גאַרניטער אָן דר׳ערד) די וועלף זאָלן דיך פרעשן!... (פון דרויסן דערהערט זיך פלוצים אַ קראַקן פון אַ וואָראָנע, ער טוט זיך אַ צאַפּל)

נאַטאַשאַ קומט אַריין מיט אַ קלומיקל אויפן פּלייצע און מיט אַ שטעקן אין האַנט. זי איז אָנגעטאָן אין אַ ווייסער סערמיאַגע מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ איבער די אויגן, קוים וואָס זי טרעט. יענקל דערזעעט זי, בלייבט ער שטיין, ווי אַן איינגעגראָבענער.

נאַטאַשאַ: דער דיעדושקאַ איז דאָ אויך ניטאָ... (דערזעט יענקלען, טוט זי זיך אַ צאַפּל און קערט זיך אום צוריק צו דער טיר. יענקעל טוט זיך אַ וואַרף נאָך איר)

יענקעל: נאַטאַשאַ! (זי בלייבט שטיין) דו גייסט אין נאָוואָסעלסק?

נאַטאַשאַ: אַוועק, דושעגובעץ! אַוועק, ראַזבאָיניק! בעסער וואָלט מען מיך געפירט אַ טויטע אויף די מאָגילקעס, איידער איך זאָל גיין, אַ פּאַטאַסקוכע, צו מיין מומען אין דאָרף!...

יענקעל: (גייט צו צו איר און מורמלט) נאַטאַשאַ, פאַרגיב מיר!...

נאַטאַשאַ: אַוועק פון מיר! ראַזבאָיניק. איך וועל דיר די אויגן אויס־קראַצן! (וואַרפט זיך צו אים און בלייבט שטיין געבראָכן און וויינט אויפן קול)

יענקעל: (קלאַפּט זיך אין ברוסט) יאָ, יאָ, נאַטאַשאַ, טו דאָס, רייס אַרויס ביי מיר די אויגן! רייס אַרויס ביי מיר דאָס האַרץ! איך בין אַ ראַזבאָיניק, נאַטאַשאַ! נאַטאַשאַ, עך נאַטאַשאַ, איך בין אַזוי אומגליקלעך! אַי־אַי! (צע־וויינט זיך)

נאַטאַשאַ: דו ביזט אומגליקלעך? כאַ! כאַ! כאַ! און אַ זיידן פּאַטשיילקעלע טראָגסטו אויפן האַלז, ווי אַ פּאַניטש! און דאָרט, אין יענער פאָלאָווינע, וואַרטן אויף דיר מוזיקאַנטן און אַ כלה. ראַזבאָיניק, אוי, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? איך בין געווען אַן ערלעך מיידל און היינט בין איך אַ פּאַטאַסקוכאַ!... איך בין געווען אַ יתומה אויף גאָט׳ס וועלט, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען, אַ זיידן האָב איך נור געהאַט, אַ גוטן דיעדושקאַ, האָב איך אים אויך פאַרלאָרן. אפילו זעגענען זיך האָט ער מיט מיר ניט געוואָלט! באַזשע מאָי, דער דיעדושקאַ פאַרקאָפּ האָט מיך פאַרשאָלטן! (ס׳הערט זיך אַ קראַקן פון אַ וואָראָנע. זי מיט שרעק) הערסט, הערסט, ווי די וואָראָנע קראַקעט? זי טראָגט מיר נאָך מיין זיידנ׳ס קללה! אויף דיין קאָפּ זאָל זי פאַלן, דושעגובעץ, אויף דיין קאָפּ!

יענקעל: (צונויפגעקאַרטשעט פון דעם קראַקען) נו, וואָס זשאָל איך טאָן? זשאַג! איכ׳ל אַלעס טאָן, דיר צו העלפן! (קלאַפּט זיך אין ברוסט) נאַטאַשאַ, איך וויל דיר העלפן, אפילו שטאַרבן וואָלט איך פאַר דיר געוואָלט!

נאַטאשא: יענקעל, סאָקאָל דו מיינער, נור דו אַליין קענסט מיר העלפן... איך האָב דאָך דיך אַזוי ליב, האָלוקאַ מאָיאַ בעדנאַיאַ! יענקעל, קרעשצע זיך!

יענקעל: (שפּרינגט אָפּ צעשראָקן) ניין, ניין, ניין! נאַטאַשאַ, איך בין אַ איד! ליליש וועט מיך אַזשוי אויך קנאַקן אין אויוון! אוי נאַטאַשאַ, פאַרוואָס ביזשטו ניט קיין אידעשע? איך בין אַזשוי אומגליקלעך! איך האָב דיך ליב

און דו ביזשט ניט קיין אידעשע! איך וויל דיך ראַטעווען און איך בין אַ איד!... (צעוויינט זיך הילפלאָז)

נאַטאַשאַ: טאַ זאָלסטו זדאָכניען, ראַזבאַיניק, אַז דו ווילסט זיך ניט קרעשצען! זאָל דיין חייעטשקע, אַז זי וועט מיט דיר חתונה האָבן, פאַרלירן אי דיך, אי איר טאַטן, אי איר מאַמען, אַזוי ווי איך. און טאָמער האָט זי אַ זיידן, זאָל ער זי אויך פאַרשילטן אַזוי ווי מיין זיידע מיך! דו זאָלסט זדאָכניען, דיין חייעטשקע זאָל זדאָכניען... (דאָס קראָקען פון דער וואָראָנע) דו הערסט די וואָראָנע? (ער שפרינגט אָפּ מיט שרעק) איצט וועסטו זיכער זדאָכניען! (זי גייט צו דער טיר)

יענקעל: (וואַרפט זיך נאָך איר מיט פאַרצווייפלונג אינס קול) נאַטאַשאַ! זי בלייבט שטיין. ער נעמט אַרויס אַ פינף רובל פון דער קעשענע) איך האָב פינף רובל, נעם! (שפּאַרט איר אַריין אין האַנט)

נאַטאַשאַ: אַוועק! (וואַרפט אַוועק דאָס געלט)

יענקעל: (נעמט אַרויס זיין זייגער און קייט) נעם, נעם! האָלובושקאַ, נעם אַלעס! (נעמט אַרונטער דאָס זיידן טיכל פון האַלז) נעם, האָב ראַחמאָנעס! (זי שמייסט עס אַלעס אַוועק, קאָרטשעט זיך צוזאַמען און וויינט אין אַרבל)

פּראָקאָפּ שיכור, קומט אַריין מיט אַ שטריק אין די הענט.

פּראָקאָפּ: כפרומקאַ! אַוואו איז כפרומקאַ? איך האָב געבראַכט די שטריק, זאָל זי מיר פאַר דעם געבן אַ האַלבע קוואָרט!

יענקעל: (טוט זיך אַ וואָרף אים צו די פיס) אַלטער פּראָקאָפּ, זשיי מיר מוחל! איך האָב געזשינדיקט קעגן דיר, אַ וויי איך האָב געזשינדיקט! אָבער קעגן מיין טאַטן און קעגן גאָט האָב איך נאָך מער געזשינדיקט! (קושט אים די פיס און וויינט)

פּראָקאָפּ: כפרומקאַ, אַ האַלבע קוואָרט!...

יענקעל: (הויבט זיך אויף פון דר׳ערד און גיט פּראָקאָפּן דעם זייגער) נעם דיעדושקאַ, און גיב מיר דיין שטריק! (שפּאַרט אים אַריין דעם זייגער און נעמט די שטריק) פּראַשצאַי, פּראָקאָפּ! פּראַשצאַי, נאַטאַשאַ! (אָפּ מיט דער שטריק)

נאַטאַשאַ: דיעדושקאַ, זעגן זיך מיט מיר!...

פּראָקאָפּ: כפרומקאַ, אַ האַלבע קוואָרט, וואו איז זי?... (אָפּ)

נאַטאַשאַ: (לויפט אים נאָך) דיעדושקאַ, זעגן זיך מיט מיר! (בלייבט פּלוצים שטיין) די שטריק... (קוקט צעמישט)

הירש בער און חייקע אַריין.

חייקע: וואו איז ער? די אידן פרעגן, וואו איז דער חתן?...

האָצע לויפט אַריין.

האָצע: ר׳ הירש בער, גוואַלד, יענקעלע האָט זיך אויפגעהאָנגען! (לויפט אַרויס. הירש בער און חייקע נאָך אים. נאַטאַשאַ טוט זיך אַ וואָרף צו דער טיר. שפּרינגט אָפּ מיט אַ פאַרצווייפלטן געשריי. אַ טומל פון דרויסן און אַ יאָמער...)

פּראָקאָפּ דערשיינט ווידער, בלייבט שטיין אין דער טיר.

פּראָקאָפּ: כפרומקאַ, אַ האַלבע קוואָרט!...

פ אָ ר ה אַ נ ג

דער גאָלדענער שטראָם

דראַמע אין 4 אַקטן

פערזאָנען

●

אַרע — 50 יאָר אַלט, פריער אַ פעדלער, נאָכדעם אַ בויער פון בראַנזוויל און פלאַטבוש

עטל — 20 יאָר אַלט, זיין טאָכטער

שרהקע — 30 יאָר אַלט, זיין טאָכטער

פּיניע — 30 יאָר אַלט, שרה׳קעס מאַן

דר. הודקין — 25 יאָר אַלט

פרומע — 70 יאָר אַלט, אַרע׳ס מאַמע

רייטשל —20 יאָר אַלט, פריער אַ באַרדערקע ביי אַרע׳ן, נאָכדעם זיין ווייב

סעמקע בלום — 31 יאָר אַלט, פריער אַן אַגענט ביי זינגער׳ס ניי־מאַשינען און נאָכדעם אַ רייכער ריעל עסטייטניק

חיים עלי — 40 יאָר אַלט, אַרע׳ס בוכהאַלטער

אברהם גוטמאַן — 50 יאָר אַלט, פריער אַן אָרימער קרעמער און נאָכדעם אַ רייכער ריעל עסטייטניק

מירקע — 50 יאָר אַלט

ביילקע — עטלעכע און צוואַנציק

ווייבער און מענער

די האַנדלונג קומט פאָר אין בראַנזוויל, אין דעם היסטאָרישן בום פון הייזער און לאַנד, אין 1903, בעת עס איז אויפגעקומען, צוזאַמען מיט בראַנזוויל, פלאַטבוש און באָראָ־פּאַרק, אַ קלאַס רייכע אידן וואָס זיינען שפּעטער, אין יאָר 1907, אין דער צייט פון גרויסן קריזיס, צוריק געוואָרן אָרימעלייט

ערשטער אַקט

די בינע שטעלט פאָר צוויי צימערן, אָפּגעטיילט איינס פונעם אַנדערן דורך אַ וואַנטל מיט אַ טיר, וואָס פירט פון איינעם אין דעם צווייטן. ביידע האָבן גרויסע פענצטער מיט ווייסע ראַמען. דורך די אָפענע פענצטער זעט מען הילצערנע זײַלן פון אַ גרויסן גאַניק, וואָס פירט אין הויז אַרײַן און אויך בײַמער. די טאַפּעטן אויף די ווענט זײַנען אַלטע, דאָ און דאָרט אָפּגעריסן. אינעם צימער רעכטס בײַ אַ וואַנט, וואָס אויף איר הענגען די בילדער פון דעם ווילנער גאון און משה מאָנטעפיאָרע, שטייט אַן אַלטע זאָפע. אויף דער אַנדערער זײַט אַ קאָמאָד, אויף וועלכער עס שטייען מעשענע לײַכטער און אַ סאַמאָוואַר. אין מיטן אַ טיש מיט אַ נאַפט־לאָמפּ, אונטער אַן אַבאַזשור פון ראָזעווע פּאַפּיר. בײַ די זײַטן אַלטע, פּשוטע שטולן. איין טיר רעכטס פירט צו דער קיך און צום גאַניק. אַ צווייטע טיר רעכטס פירט צו אַנדערע צימערן. אין דעם צווייטן צימער שטייט נאָר אַ פּאַרבעטע בעט און אַ טישל, וואָס אויף אים ליגן עטלעכע העפטן פון יידישע ראָמאַנען און אַ בערשטל, וואָס אין אים איז אַרײַנגעשטעקט אַ קאַם און אַ פּודער־קעסטעלע. אויף דער וואַנט פּאַזע טישל, אַ רונדער שפּיגל אין אַ בראָנזענער ראַם. ווײַטער אַביסל אין אַ ווינקל, אַ פּאַראַוואַן און הינטער אים זעט מען הענגען אויף דער וואַנט פרויען־קליידער. עס איז שפּעט נאָכמיטאָג אין אַ הייסן יוני־טאָג.

פרומע זיצט אינעם צימער רעכטס קעגן פענצטער מיט ברילן אויף די אויגן און צירעוועט אַ זאָק אויף אַ גלאָז. פונעם גאַניק דערטראָגן זיך טריט און עס באַווײַזט זיך **פיניע**. ער גייט דורך דעם גאַניק אין דער זײַט צו דער הויז־טיר. פרומע, וואָס זיצט איבערגעבויגן איבער דער אַרבעט, הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך אום אויפן גאַניק.

פיניע, מיט אַ שוואַרץ בערדל, כיטרע, לעבעדיקע אויגן; ער איז אָנגעטאָן אָרעם.

פיניע: א גוטינקן אייך, באָבע.

פרומע: פיניע, דו פעדלסט גאָר היינט ניט?

פיניע: איר ווייסט גאָר ניט, באָבע? איך האָב דאָך אָנגעשטעלט אַן אַנדערן, אַז ער זאָל פאַר מיר פעדלען — מיסטער ראָקעפעלערן!

פרומע: וואָס הייסט?

פיניע: דאָס הייסט פּשוט און ממש, זאָל מר. ראָקעפעלער אויך כאַפּן אַ פּאָר דאָלער פון פעדלערײַ. נעבעך, אַ גרויסער נצרך. דאַרף זאָרגן פאַר אַ פאַמיליע. איך וויל אים געבן אַ שאַנס. איך האָב שוין גענוג געפעדלט. זאָל איצטער ראָקעפעלער אַביסל פעדלען.

פרומע: וואָס הייסט? איך פאַרשטיי דיך ניט. צי דו חכמהסט זיך אַזוי, צי דו מיינסט עס אויף אַן אמת. דו גייסט דינגען אַ מענטשן, אַז ער זאָל פאַר דיר פעדלען? און וואָס וועסטו טאָן?

פיניע: איכ׳ל פאַרנעמען זיין פּלאַץ, באָבע. ראָקעפּעלער וועט פאַר מיר פּעדלען און איכ׳ל פאַר אים טאָן זיין אַרבעט.

פרומע: דו וועסט פאַר אים טאָן זיין אַרבעט? וואָס פאַר אַן אַרבעט?

פיניע: ציילן זיינע מיליאָנען, שניידן זיינע קופּאָנס, פאָרן אין אַטאָ־מאָבילן, עסן געבראָטענע טייבעלעך און טרינקען די בעסטע ווייַנען, קורץ, באָבעניו, לעבן אַ חזירשן טאָג און פייפן אויף דער וועלט!

פרומע: טפוי, צו דיין קאָפּ! נאָר זיך געחכמה׳ט, געחכמה׳ט און גע־חכמה׳ט!

פיניע: (צעלאַכט זיך) כאַ, כאַ, כאַ! האָט נאָר ניט מורא, באָבעניו. ראָקע־פעלערן וועל איך ניט אָפּגעבן מיין פּרנסה, און עס איז אַ סברה, אַז ער וועט מיר זיין פּרנסה אויך ניט אָפּגעבן. איך האָב זיך נאָר דערמאָנט אָן ראָקעפעלערן, ווייל ביי אונדז אין בראָנזוויל גייט היינט אָן אַ ריעל עסטייט בום און יעדער איינער טראַכט צו ווערן אַ ראָקעפעלער און דעם שווער וויל מען אויך איינ־ריידן, אַז ער זאָל ווערן אַ ראָקעפעלער...

פרומע: איך פאַרשטיי ניט דיינע חכמות. דו וועסט טרינקען אַ גלאָז טיי?

פיניע: געבנוג הייס אָן דעם. (זעצט זיך און פאַררויכערט אַ סיגאַרעט)

פרומע: טאָקע פאַרוואָס פּעדלסטו היינט ניט?

פיניע: איך האָב היינט געפּעדלט, באָבע, געפּעדלט, האָט נאָר ניט מורא. מיין פּאַק פּעדלעריי האָב איך געלאָזן דאָרטן אויפן גאַניק. דאָס גיי איך איצטער צו אַ פאַרמער אַ פּאָר מייל פון דאַנען. פאַרבייגייענדיק אייער הויז, איז מיר איינגעפאַלן, איכ׳ל אָקאָרשט אַ שמעק טאָן וואָס הערט זיך דאָרטן, ביי מיין שווער. פאַרט מיין שווער. אַ דאַנק אים האָב איך דאָך אַ ווייב אַזאַ יפת תואר ווי מיין שרה׳קען. באָבע, האָט דער שווער שוין אריינגעלייגט זיינע פּאָר דאָלאַר צוריק אין דער באַנק?

פרומע: ער וועט עס טאָן מאָרגן...

פיניע: מאָרגן? עפּעס האַלט ער מיר צו לאַנג דאָס געלט ביי זיך. שוין באַלד אַ וואָך ווי ער האָט ס׳געלט אַרויסגענומען פון די בענק. באָבע, איך האָב מורא...

פרומע: וואָס האָסטו מורא?

פיניע: איך האָב מורא, אַז מען זאָל דעם שווער פאַרט ניט איינריידן, אַז ער זאָל אַריינשפּאַרן זיינע פּאָר אָפּגעשפּאָרטע דאָלער אין דער׳ערד אריין, אין די „לאָטס“ מיין איך...

פרומע: ער טראַכט שוין ניט מער דערפון. ביז היינט אין דער פרי האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטן דערפון. גאַנצע נעכט איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב און אַלץ געטראַכט, צי זאָל ער, צי זאָל ער ניט איינשטעלן זיין געלט אין די ... אין די ... נו אין אָט דאָס, וואָס זיי קויפן ביי אונדז אין בראָנזוויל.

פיניע: אין פּאַרסלס, אין לאָטס. שוין צייט געוועזן זיך אויסצולערנען אָט די ווערטער, באָבע. דאַכט זיך קינד און קייט ריידן איצט אין בראָנזוויל

וועגן לאַטס און פּאַרסלס. דאַכט זיך אונדזערע בראַנזווילער ציגן מעקען וועגן לאַטס און פּאַרסלס.

פרומע: יאָ, יאָ, דאָס מיין איך טאַקע, כ׳האָב אים אַלץ אָפּגערעדט דער־פון, אָפּגערעדט. קריך ניט, אַרע, האָסט געהאַרעוועט אַזוי שווער און ביטער ביים פּעדלען ביז דו האָסט דאַנקן גאָט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט דאָלער, דאַרפסטו דאָס היטן, מיין זון. ביז היינט אין דער פרי איז ער געקומען צו מיר און געזאָגט, אַז איך בין גערעכט און, אַז ער וועט מאָרגן צוריק אַריינטראָגן דאָס געלט אין באַנק.

פיניע: וועט ער דאָס טאָן? מחמת קיין איבעריקן שכל האָט ער דאָך ניט, דער שווער, און אַזאַ חברהמאַן ווי סעמקע, דער אַדעסער זשוליק, אַט דער אַגענט פון די זינגערס ניי־מאַשינען, קען אים נאָך אַמאָל איינריידן. (פון גאַניק דערביי באַוויזט זיך אַרע מיט אַ פּאַק אויף די אַקסלען) זע נאָר, אַט קומט דאָך טאַקע דער שווער!

פרומע: אַרע קומט?

(אַרע, מיט אַ גרויסער באָרד, אין אַן אַלטן רעקל, מיט אַ פּאַק אויף די אַקסלען, קומט אַריין. אויפן קאָפּ אַן אַלטער שטרויענער הוט. ער זעט אויס מיד און פאַרשוויצט)

פרומע: פאַרוואָס אַזוי פרי, אַרע?

אַרע: (אַרונטערגעלאָזט זיך אויף דער זאָפע, מיטן פּאַק) פרי גאָר? שוין באַלד צייט מנחה צו דאַווענען. אוי, קיין כוח ניטאָ צו שלעפּן זיך אין אַזאַ היץ מיטן שווערן פּאַק.

פרומע: (העלפט אים אַרונטערנעמען דעם פּאַק) פאַרמאַטערט, מיין זון, האַ?

אַרע: כ׳האָב געהאַט איצטער אַ בייזע באַגעגעניש! אַ הונט איז מיך באַפאַלן און אַ גוי.

פרומע: וויי איז מיר, וואו?

אַרע: בעת איך בין איצטער געגאַנגען פון אַ קאַסטאָמער, אַ פאַרמער. איך האָב ביי אים אויפגעמאַנט אַן אַלטן חוב, פערציק סענט. גיי איך מיר אַזוי פון אים איבערן וועג צו אַן אַנדער פאַרמער, און דער זאַמד אונטער די פיס ברענט אַזוי ווי אַש, וואָס מען וואָלט אַרויסגעשאָרט פון אַ הייסן אויוון. פאָרט אַן אַנטקעגן אַ וואָגן און אַ גרויסער שוואַרצער הונט לויפט אַן פריער. ווער איך דאָך מסתמא אַ פאַרציטערטער ווען איך דערזע דעם הונט, און איך וויל שוין אָפּקערן זיך פון וועג און לאָזן זיך גיין צום פעלד צו. ערשט דער הונט איז שוין דאָ מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ, און אויסגעשטשירעטע ציינער, און מיט אויגן אַזיינע בייזע, אַ מורא. איך זע, אַז ער וויל מיך אַ ביס טאָן.

פרומע: אוי, אַ בראָך איז צו מיר.

אַרע: זוך איך אַ שטעקן, ניטאָ. כאַפּ איך אַ הויפן זאַמד פון דר׳ערד און זאָג דעם פּסוק: „איך בין יעקב, דו ביזט עשו (עיסאַוו) ועסטו מיך בייסן, וועל איך דיך צערייסן״...

פרומע: געזאָגט? נו?

פּיניע: האָט זיך דער כלב מסתמא דערשראָקן און געמאַכט אַ ויברח, האַ?

אָרע: דערשראָקן האָב איך זיך דוקא און ניט דער הונט. ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי דער פּאָלע. פאַר שרעק האָב איך גענומען שרייען, האָב אים מיטן פוס אַ זעץ געטאָן אין בויך אַריין, און ער האָט זיך עטלעכע מאָל איי־בערגעדרייט אויפן רוקן און איז דערנאָך אַנטלאָפן מיט אַ סקאַוואַוטש.

פּיניע: אָט דאָס איז דער בעסטער פּסוק פאַר אַ הונט.

אָרע: דערנאָך אָבער, איז אַרונטערגעשפּרונגען דער גוי פון וואָגן, אַ גוי אַ הורג נפש, איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָט מיר אַרונטערגעשלעפּט דעם העט איבערן שטערן, אַ ריס געטאָן די באָרד און מיט אַזאַ רציחה מיך אַ שטויס געטאָן מיטן פּאַק, אַז איך בין שיר ניט בלינד געוואָרן פון דעם זאַמד. נו, נו. (טרייסלט די באָרד מיט אַ האַנט און זיפצט)

פרומע: רבונו של עולם, וואָס ער שטייט זיך אויסעט פון די גוים און פון די הינט ביז ער פאַרדינט אַ פּענע.

אָרע: שדים וויסן די הינט, פאַרוואָס זיי באַפאַלן מיך אַזוי. אָט דו, פּיניע, פעדלסט דאָך אויך, פונדעסטוועגן טשעפּען זיי דיך ניט.

פּיניע: פאַר מיר האָבן די הינט דרך ארץ, ווייל איך שרעק זיך ניט. שוועך, אַ כלב איז בטבע ניט בעסער פון אַ מענטשן. ווילט איר, אַז אַ מענטש זאָל פאַר אייך דרך ארץ האָבן, דאַרף ער מורא האָבן, אַז איר זאָלט אים ניט פאַרפאָרן אין שנוצע אַריין. איר האָט אָבער מורא פאַר הינט, דערפאַר באַפאַלן זיי אייך.

אָרע: פון קינדוויז אָן, זינט דעם אוריאַדניקס הונט, ביי אונדז אין שטעטל, האָט מיך אַ ביס געטאָן, ציטער איך פאַר הינט ווי פאַר פייער.

פרומע: איי, נו, רבונו של עולם! אין דער היים, אין יאַדעוויץ, איז ער געווען אַ שטיקל הענדלער. געהאַנדלט מיטן גוי אויפן מאַרק. און דאָ מוז ער האָבן צו טאָן מיט הינט. כדאי געווען צו פאַרשלעפּן די ביינער דאָ קיין אַמע־ריקע.

פּיניע: מילא, מ׳דאַרף הלך׳ן. כ׳האָב נאָך ווייט צו גיין. שווער, אידער איך גיי אַוועק, וויל איך אייך זאָגן, אַז אויב איר האָט מורא פאַר הינט, דאַרפט איר פאַר סעמקע בלום, דעם אַגענטל פון די זינגערס ניי־מאַשינען, אודאי מורא האָבן. היט אייערע פאַר דאָלער, שווער. טראָגט זיי אַריין צוריק אין באַנק, אַניט וועלן זיי בלייבן ביי אָט דעם אַדעסער זשוליק.

פרומע: כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער טוט דאָס. מאָרגן וועט ער דאָס טאָן.

פּיניע: ביז מאָרגן לעבט נאָך סעמקע. און ער קען אים נאָך איינרעדן, אַז ער זאָל מיט אים קויפן דעם פּאַרסל. עפּעס אַ גרויסע קונץ איינצורעדן דעם שווער, וואָס? ער האָט דאָך שכל וויפיל אַ קינד.

אָרע: (הויבט זיך אויף) פּיניע, דו ביזט דאָך אַ יונגערמאַן אַ למדן, מיט אַ גוטן קאָפּ. איך בין אַ פשוטער איד, אַן עם הארץ, קיין סך שכל האָב איך ניט,

וואָס איז דאָ צו ריידן, דערפאַר ווייס איך ניט אויף וואָס פאַראַ וועלט איך בין. פיניע, איך בעט דיך, זידל זיך אָבער ניט, רייד מיט מיר אַמאָל ווי מיט אַן אייגענעם שווער, און גיב אַן עצה. אפשר וואָלט גאָט פאָרט רחמנות געהאַט אויף מיר. אָט האָט ער דאָך אויף אַנדערע יאָ רחמנות געהאַט אין אָטאָ דעם אַ... ווי רופט זיך דאָס? יאָ, יאָ, איך מיין, אין אָטאָ דעם בום... ווער נאָר עס שטעקט זיך צו צו אָטאָ דעם בום ביי אונדז אין בראָנזוויל, ווערט דאָך נתעשר. אַ סך אידן, וואָס איך קען, האָבן זיך דאָך אָנגעשאַרט גאָלד, בערג גאַנצע מיט גאָלד. אפילו חיים זיוסע פליך איז אַ איד אַ נגיד געוואָרן פון אָטאָ דעם בום. ער האָט מיט עפּעס אַ חברה געקויפט אַרום סטאָון עוועניו אַ פאַרסל און געכאַפּט אויף זיין חלק עפּעס גאָר אַן אוצר מיט גאָלד. פון האַנט צו האַנט פאַרדינט מען טויזנטער. אפשר, האַ?... אפשר? וואָס זאָגסטו? כ'ווייס?... זאָל איך פאָרט צושטיין צו אברהם גוטמאַן און צו מר. בלומען און קויפן מיט זיי שותפות יענעם פאַרסל, וואָס זיי ווילן קויפן? וואָס זאָגסטו? נאָר זידל מיך ניט, כ'בעט דיך...

פיניע: וואָס איך זאָג? (מיט אַ ניגון) יתגדל ויתקדש שמה רבאָ, בעלמא...

פרומע: ביזטו משוגע, פיניע? וואָס זאָגסטו קדיש, ניט דאָ געדאַכט?

פיניע: אַזוינע צאַפּלדיקע הונדערטער... פינף שטיק לעבעדיקע, צאַפּלדיקע, כמעט צען יאָר געהאָדעוועט זיי, געציטערט איבער זיי ווי איבער די אויגן פונעם קאָפּ, און מיטאַמאָל פאַרזינדיקט זיי און באַגראָבן אין די בראָנזווילער בלאָטעס, צווישן די בראָנזווילער ציגן און אין דעם טייסטער פון דעם אָדעסער זשוליק, סעמקע בלום... נו, באָבע, און איר האָט נאָך אויף מיר פאַריבל, למאי איך האָב ניט געווען דרך ארץ פאַר אים. ווי קען מען האָבן דרך ארץ פאַר אַזאַ שוטה, ווי מיין שוועד איז?

פרומע: ער איז אַזוי קלוג ווי דו, פיניע. און פאַר אַ שוועד דאַרף מען האָבן דרך ארץ, יונגאַטש!

אָרע: מילא, דרך ארץ, מוחל. איך האָב פאַר אים דרך ארץ, אַ למדן. פיניע, ס'האַרץ זאָגט מיר, אַז כ'זאָל יאָ איינשטעלן דאָס געלט און קויפן מיט זיי דעם פאַרסל, אָבער דער שכל זאָגט מיר, טאָמער חלילה וחס, כ'ווייס? איכ'ל דיך פאָלגן, פיניע, נאָר גיב נאָר דו אַ טראַכט מיט דיין גוטן קאָפּ, פאַרוואָס וויל אברהם גוטמאַן און מר. בלום אויך אַריינלייגן געלט? פאַרוואָס האָבן זיי ניט מורא? זאָג, אָבער זידל זיך נאָר ניט.

פיניע: אברהם גוטמאַן איז ניט קליגער פון אייך. און סעמקע בלום וויל אריינלייגן זיין האַנט אין אייער ביידנס טייסטער. שוועד, פאַר אָט דעם סעמקע בלום זאָלט איר זיך היטן ווי פאַר פייער, זאָג איך אייך נאָכאַמאָל. דעם דאָזיקן אָדעסער זשוליק האָב איך אַ סך מאָל געטראָפן ביי מיינע קאָסטאָמער־קעס. פרעגט גאָרניט וואָס פאַראַ חברהמאַן דאָס איז. דערזעט ער אַ אישה כאַפּט אים די ניכפה. ער קלייבט ניט אויס, אַ יידישע, אַ גוי'ישע, אַ שוואַרצחנו'דיקע, אַ אישה מיט רויטע האָר, מיט שוואַרצע, אַ פאָר יאָר עלטער, יינגער, אַבי אַן אישה. און מזל האָט ער צו זיי, נאָך מער ווי שלמה המלך. אַ שיינער יונג, אַ פראַנט, און אַ מויל פעך און שוועבל, קלעפּן זיך די ווייבער צו אים ווי פליגן

צו האָניק. ער גיט זיי מאַשינעס ועלכע ער וויל, נייע, אַלטע, בראָך, צרות, קריגט ביי זיי דאָס געלט אַרויס, און וואָס קריגט ער ביי זיי ניט? און איז נאָך פאַרהייראַט אויך. אַט אַזאַ חברהמאַן איז דאָס.

פרומע: רייטשלען האָט ער דאָך שוין אויך אַריינגעשפּאַרט אַ מאַשין.

פיניע: ער וועט פון איר מסתמא מאַכן אַ לייט. זי שלעפּט זיך שוין אַרום מיט אים. לעצטע וואָך האָב איך זיי שוין שפּעט ביינאַכט געטראָפן, ניט ווייט פון דאַנען,ביים וועלדל...

אָרע: (פּלוצים, מיט אַן אַנדער טאָן) טאַקע? ווייס איך, זי איז אַ שטיפּער־קע, אָבער אַן אָרנטלעך קינד.

פרומע: אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן, אַזאַ טריפענע האַלדז, כראָמשק, כראָמשק, אַז פאַרווײלן זאָל איר.

אָרע: וואָס שוין ווידער?

פרומע: כ'האָב זיך היינט אין דער פרי צעקריגט מיט איר. ביז וואַנען דו פאַרדינסט אַ פּענע — און זי, די טריפענע האַלדז, מאַכט אַ תל פון דעם צוקער. זעצט זי זיך אַוועק טרינקען טיי, וואָלט זי דעם גאַנצן צוקער איינגעשלונגען. פיר שטיקלעך אין אַ גלאָז, פיר שטיקלעך צוקער, כראָמשק, כראָמשק, כראָמשק.

אָרע: דו דאַרפסט זיך ניט קריגן מיט איר, מאַמע, זי קען נאָך אַרויס־מופן, אַ שאָד דריי דאָלער אַ וואָך.

פיניע: (טוט זיך אַ כאַפּ) נו, מ'דאַרף גיין. אַלזאָ, שווער, זייט ניט קיין שוטה, און היט אייערע פאַר דאָלער. אַ גוטן. (אָפּ)

פרומע: אונדזער פיניע איז אַ חכם, אָבער אַ גרויסער יונגאַטש. פאַר זיין שווער האָט ער געדאַרפט אַביסל דרך ארץ האָבן.

אָרע: פאַרוואָס זאָל ער פאַר מיר דרך ארץ האָבן, ס'שטיינס געזאָגט? ווער בין איך און וואָס בין איך? אַ פּעדלער...

פרומע: און ווער איז ער, ניט קיין פּעדלער, וואָס?

אָרע: ער איז אַ למדן, געלערנט אַמאָל אין מירער ישיבה און בכלל אַ גרויסער קענער און אַט פאַר אַזאַ איינעם דאַרף מען דרך ארץ האָבן.

פרומע: אָרע, דאָ איז דאָך פריער ווידער געוועזן איטשע חוה דוואָשעס וועגן דעם שידוך מיט באַשע צירל'ס. וואָס זאָגסטו, מיין זון, ווי לאַנג וועסטו זיצן אַן אלמן?

אָרע: מאַמע, מיר ליגט דאָס אפילו ניט אין דער לינקער פּאה.

פרומע: פאַרוואָס, מיין זון? זי איז אַ יונגע אלמנה, אַ ווייבל אַ בריה. יענע דיינע, חוה דוואָשע, אונדז צו לאַנגע יאָר, זאָל זי מיר מוחל זיין, האָט דאָך דיר די יאָרן פאַרקרענקט. כ'ווייס דאָך, מיין זון, וואָס פאַראַ ווייב זי איז דיר געוועזן. היינט פאַרוואָס זאָלסטו איצט ניט האָבן קיין געזונטע ווייב?

אָרע: איכ'ל אַפריער חתונה מאַכן עטלעך. (נעמט אַרויס אַ טיכל, מאַכט אַ קניפּל און פאַרדריקט דאָס אין דער האַנט) שלעפּ, אַרויס, מאַמע.

פרומע: וואָס איז דאָס?

אָרע: שלעפּ אַרויס, כ'האָב זיך עפּעס דערטראַכט. (פרומע שלעפּט און ציט אַרויס דאָס קניפּל)

אָרע: (מיט פרייד) יאָ.

פרומע: וואָס האָסטו זיך אַזוי דערפרייט?

אָרע: גאָרנישט, גאָרנישט, עפּעס, מאַמע, פּרואוו נאָכאַמאָל. (זי ציט דאָס מאָל אַרויס אַ ברעג אַן דעם קניפּל — ווערט ער אויפגערעגט און אומעטיק) נייַן, אַט האָסטו דיר!

פרומע: וואָס איז דאָס?

אָרע: גאָרנישט. (פון דרויסן דערהערט זיך אַ ווייבערש קול וואָס רופט אַ ציג: „דזשיג, דזשיג, דזשיג, דזשיג!" נאָך דעם באַוויַזט זיך מירקע, די בעקערקע, מיט אַ טוך איבערן קאָפּ, אויפן גאַניק, שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין פענצטער און פרעגט פאַרהאַוועט)

מירקע: האָט איר מיר געזען מיין ציג, פרומע?

פרומע: זי איז דאָ פריער געווען אויפן גאַניק, מירקע, ווי אַלע מאָל. כ'האָב זי אָבער מיט דער קאַטשעלקע פאַרטריבן. מיר האָט שוין דערעסן צו קערן אירע באָבקעס פון גאַניק. האָסטו געזען אַזאַ אַקציע אויף דיין לעבן? ברענגט די באָבקעס צו מיר און די מילך ברענגט זי צו אַן אַנדערן.

מירקע: (לאַכט) דאָס באַווייזט, פרומע, וואָס פאַראַ חכמה מיין ציג איז. איר וועט אָבער פון איר לאַנג שוין ניט ליידן. כ'האָב דאָך פאַרקויפט מיין הויז צו סאַמועלסאָנען און קלייב זיך אַריבער קיין סעקמען סטריט מיט מיין בעקעריי און מיט האַק און פּאַק. וועל איך שוין מיין ציג אויך מיטנעמען. עס וועלן דאָך שוין באַלד ניט בלייבן קיין ציגן דאָ אויף אונדזער גאַס. זינט דער בום, פעלן שוין דאָ איבער צען ציגן. מען קויפט אויס די הייזער, קלייבט מען זיך אַרויס פון דאָ מיט די ציגן ערגעץ וואו אַנדערש.

אָרע: (גייט צו צום פענצטער) איר האָט אויך פאַרקויפט אייער הויז, מירקע?

מירקע: אודאי, מען כאַפּט איצט די הייזער פון די הענט. איך הער, אַז מען וועט אַרונטעררייסן מיין הויז, און אויך אַנדערע, און מען וועט זיך שטעלן בויען נייע. האָט איר געזען, רב אָרע, ווי מען האַקט אויס דאָרטן אונדזער וועלדל? מען זאָגט, אַז חיים זוסע פּליך מיט נאָך אַנדערע אידן, האָבן דאָרטן אָפּגעקויפט דעם גאַנצן פּאַרסל און זיי שטעלן זיך בויען נייע הייזער.

אָרע: (פאַרטראַכט) יאָ, כ'האָב געהערט. (גלעט זיך די באָרד)

מירקע: (פאַרהאַוועט) נו, אַ גוטן. דזשיג, דזשיג... (אָפּ)

אָרע: נאַ, איכ'ל גיין דאַוונען מנחה (גייט און קערט זיך אום צוריק) מאַמע, וואָס בלייבט פּאַרט? באַלד וועלן דאָ זיין אברהם גוטמאַן און מר. בלום. איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז איך וועל מיט זיי קויפן דעם פּאַרסל. אפשר וועל איך אויך האָבן מזל ווי די אַנדערע.

פרומע: אָרע, מאַך זיך ניט אומגליקלעך. דו האָסט אַזוי שווער געאַרעוועט אויף די פינף הונדערט דאָלער. מיט הינט זיך ארומגעשלאָגן, גזלן!

אָרע: נו, גוט, גוט, איכ'ל מאָרגן אַריינטראָגן דאָס געלט צוריק אין באַנק אַריין. (מורמלט אַרויס) רבונו של עולם, ווען איך וואָלט געקענט ביי דיר פרעגן אַן עצה... (אָפּ)

רייטשל, יונג און פריילעך, אין אַ רויטער בלוזקע, לויפט אַריין דורך דער גאַס־טיר מיט געפילדער, האַלטנדיק אין האַנט אַ געלט־בײַטל.

רייטשל: גוט יום טוב, פרומע.

פרומע: (אונטער דער נאָז) אַ גוט יאָר.

רייטשל: ביי אונדז אין שאַפּ איז היינט געווען יום טוב. מען שטעלט דאָרט אַריין מער מאַשינען, דערוויל האָט מען די אַרבעט אָפּגעסטאָפּט, און מען האָט אַ גאַנצן טאָג ניט געאַרבעט. (נעמט אַרויס אַ קליין שפּיגעלע פון געלט־בײַטל און שטעקט אַרויס די צונג) מיר איז אַזוי ניט גוט אין מויל. פרומע, איז מיין צונג עפּעס ווייס?

פרומע: עס ניט אַזויפיל, וועט ניט זיין ווייס.

רייטשל: כ'האָב מורא, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל איר גיט ניט קיין פריש עסן. (באַהאַלט דאָס שפּיגעלע אין געלט־בײַטל)

פרומע: זאָל זיין ווי דו זאָגסט.

רייטשל: בורטשע, בורטשע, (מאַכט איר נאָך) זאָל זיין ווי דו זאָגסט... גוואַלד, פרומע, וואָס האָט איר צו מיר, וואָס האָט איר מיך אַזוי פיינט?

פרומע: ווייל אין דיר, רייטשקע, איז קיין יידישע האָר ניטאָ. ווייל איך האָב פיינט, אַז אַ יידישע מיידל שפּרינגט פון דער הויט, טאַנצט און קערט וועלטן.

רייטשל: ווער דען זאָל טאַנצן, אַזאַ אַלטע יידינע ווי איר? איר קענט דאָך ניט. איר ווילט, אַז איך זאָל אייך אויסלערנען טאַנצן? קומט! (כאַפּט זי אַרום)

פרומע: אה, אוי, אוי, טשעפּע זיך אָפּ, אָנטשעפּעניש דו! כ'האָב קיין כוח ניט צו דיר. (שטויסט זי אָפּ)

רייטשל: איז דאָ אַ גלאָז טיי?

פרומע: גיי, נעם טיי, אַבי שווייג!

רייטשל: איך צאָל געלט פאַר מיין טיי.

פרומע: אַ דאַנק דיר, רייטשקע, נאָך אומזיסט האָט מען דיר געדאַרפט געבן עסן און טרינקען.

רייטשל: הערט זשע אויס, פרומע, אַז איר וועט ווייטערריידן צו מיר אַזוי ווי היינט אין דער פרי, מוף איך אַרויס פון דאַנען. איך וויל דאָס ניט ליידן, איר הערט?

פרומע: (צעמישט) ווייס איך, נאַרעלע, כ'האָב גאָרניט געמיינט, עס און טרינק געזונטערהייט. דו צאָלסט פאַר דעם. איך ברענג דיר אַריין אַ גלאָז טיי (אָפּ רעכטס. רייטשל מאַכט איר נאָך מיטן קאָפּ ווי איינער זאָגט: — „דערשראָקן זיך, האַ?" שלעפּט אַרויס פון איר געדיכטן קנופּ אַ בראָנזענעם קאַם און די האָר צעשיטן זיך איר איבער די אַקסלען. זי קעמט און זינגט מיט אַ יידישן אַקצענט) „וואָלס מי אַראונד, ווילי, אַראונד, אַראונד, אַראונד".

פרומע: (אַריין מיטן גלאָז טיי און צוקערניצע — שטעלט עס אויפן טיש) נאַדיר טיי.

רייטשל: (קוקט אַריין אין צוקערניצע) אַהאַ, ריכטיק איבערגעציילט, איך וויל, אַז איר זאָלט מאַכן אַ טעות, פרומע.

פרומע: אַ טעות? וואָס טעות?

רייטשל: איר האָט דאָ אריינגעלייגט פונקט דריי שטיקלעך צוקער און איך וויל, אַז איר זאָלט אַמאָל מאַכן אַ טעות און אַריינלייגן פיר.

פרומע: שלאָג זיך קאָפּ אין וואַנט, אכוואַטניצע דו! ניטאָ מער קיין צו־קער, ניטאָ, ד'האָסט אין דער פרי געפּטרט.

רייטשל: (העכער) פרומע, איך וויל, אַז איר זאָלט מאַכן אַ טעות, אַ פערטע שטיקל צוקער אַריינלייגן.

פרומע: נאַר, עס איז דאָך צוקער, עס וואַלגערט זיך דאָך ניט אויף די גאַסן. גזלן'טע, נו, טרינק און לאָז גרייטן צום טיש, מען דאַרף עסן סאַפּער.

רייטשל: איר ווילט ניט? אַלרייט (לויפט אַריין אין קיך און קערט זיך באַלד אום מיט אַ גאַנצן הויפן צוקער) איכ'ל אייך שוין אויסלערנען. (זעצט זיך און ציילט) ניט 1, ניט 2, ניט 3 ניט 5, ניט זיבן... נו פרומע, האָט איר דאָס געדאַרפט? וואָלט ניט בעסער געווען ווען איר וואָלט געמאַכט אַ טעות אין איין שטיקל (טרינקט, לאַכט און צעהוסט זיך פון געלעכטער)

פרומע: (ציט מיט די אַקסלען) אַי, איז דאָס אַ רייטשקע! נו! (אָפּ רעכטס) (אָרע קומט אַריין)

רייטשל: איר זייט גאָר אין דער היים, רב אָרע? פאַרוואָס עפּעס היינט אַזוי פרי?

אָרע: איך בין היינט געקומען אַביסל פריער, ווייל עמיצער דאַרף קומען אַהער.

רייטשל: כ'ווייס ווער. זאָגן אייך? דער שדכן וואָס רעדט אייך דעם שידוך מיט מיין לאַנדספרוי, באַשע צירלס. געטראָפן האָ?

אָרע: ווייס איך וואָס דיר פאַלט איין? (זעצט זיך) איך טראַכט אפילו ניט פון דעם.

רייטשל: טאַקע? איר טראַכט גאָרניט דערפון? אַי, גייט שוין גייט, איך גלויב אייך ניט.

אָרע: פאַרוואָס גלויבסטו ניט?

רייטשל: דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איר זייט ניט קיין מלאך. (גייט צו צו אים) אוי, געוואַלד, ווען איר נעמט אַראָפּ די באָרד, וואָלט איר דאָך געקענט טאָן אַ שידוך נאָך מיט אַ יונג שיין ווייבל. וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר?

אָרע: (מורמלט) איך בעט דיך, רייטשל, קריך מיר אַזוי ניט אין די אויגן אַריין. זיי ניט קיין שטן מקטרג. דו ביזט אַ רוח אין שטוב. די מאַמע איז געדעכט. וואָס טשעפּעסטו זיך צו מיר? וואָס בין איך עפּעס אַ שייגעץ, אַ יונגאַטש?...

רייטשל: איך האָב הנאה צו זען ווי איר צאַפּלט זיך, ר' אָרע, בעת איך טו אייך אַ טשעפּע. איך וויל אייך אַראָפּפירן פון וועג, ר' אָרע! אָט אַזוי ווי יענע לילית דעם תנא אין דעם ספר, וואָס איר האָט מיר אַנומלט געלייענט.

אָרע: דו ביזט טאַקע לילית, און איך זאָג דיר דעם אמת, ווען איך וואָלט ניט געוואוסט, אַז דו ביזט אַן ערלעך קינד, נאָר גלאַט אַ בראַנד אַ שטיפערקע, וואָס איז ניט אַזיסן קיין בייז, וואָלט איך דיך מורא געהאַט צו האַלטן ביי מיר אין שטוב. דערפאַר זאָג איך דיר, אַז אַזאַ מיידל ווי דו דאַרף אַזוי ניט קערן אַ וועלט און דאַרף אַזוי ניט ריידן. פע, ניט שיין.

רייטשל: (אים אין טאָן) פע, ר'אָרע, ניט שיין, אַ פרומער איד טאָר ניט קוקן וואו מען דאַרף ניט...

אָרע: האַ, וואָס זאָגסטו?

רייטשל: איך זאָג נאָך דערוויילע גאָרניט. נאָר ווען איר וועט קוקן נאָך אַמאָל אין מיין טיר, ווי איר האָט דאָס היינט אין דער פרי געטאָן, וועל איך עס זאָגן עטלען און אפשר אייער מאַמען אויך.

אָרע: (צעמישט) האַ, וואָס רעדסטו, הולטייקע, ווי הייסט כ'האָב געקוקט צו דיר? דו קאָנסט דאָך, חלילה, אויפן פייער אַרויפברייינגען, אוי ווי איז מיר! (קוקט שטאַרק צעטומלט)

רייטשל: נו, נו שרעקט זיך ניט. איך וועל קיינעם ניט דערציילן, אָבער, ר' אָרטשעקל, טייערינקער, גאָלדענער, איך בעט איך, קוקט ניט וואו איר דאַרפט ניט. איר זאָגט דאָך אַליין, אַז איך בין אַן ערלעכע מיידל, וויל איך ניט, אַז צוליב מיר זאָל אַ פרומער איד האָבן זינדיקע רעיונות. זאָגט איר עס מיר צו? וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר, האַ האַ האַ?

אָרע: (מורמלט צעטומלט) איך... איך... רייטשעלע, האָב געוואָלט זען, אויב עטעלע איז ביי דיר אין רום...

רייטשל: אַי, אַי, ר' אָרע, קענט איר ניט אויסטראַכטן קיין קליגערן תירוץ. מילא, איך בין אייך דאָס מאָל מוחל, אָבער געדענקט זשע, נאָך אַמאָל זאָלט איר קיין חזיר ניט זיין.

אָרע: (לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ און זיפצט אַריין אין זיין באָרד, שטייענדיק צו רייטשלען מיטן רוקן) אַ מצוה אויף מיר, די אויגן זאָלן מיר אַרויס. (פרומע קומט אַריין)

פרומע: עטל איז נאָך נישטאָ.

רייטשל: עטל איז אַוועק צו שרה'קען. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט דאָרטן עסן סאַפּער.

פרומע: אָט האָסטו דיר. און איך האָב היינט געקאָכט איר מאכל, בולבעס מיט פלוימען.

רייייטשל: דאָס איז מיין מאכל אויך, פרומע. זאָל איך נאָר ניט אָרן. איכ'ל אויפעסן עטעל'ס חלק אויך...

פרומע: דו וואָלסט מיך אויך אויפגעגעסן.

רייטשל: ניין, דאָס גראָד נישט, גיב אַ קוק אַזאַ מאכל. — ר' אָרע איז מר. בלום שוין דאָ געווען?

אָרע: ניין. פון וואַנען ווייסטו, אַז ער דאַרף דאָ זיין?

רייטשל: כ'ווייס. איר זעט דאָך.

אָרע: (גייט זיך דורך איבערן שטוב און גלעט זיך פּאָרטראַכט די באָרד, פלוצים) **איך הער רייטשל, אַז דו ביזט מיט אים ווי אַנדערע צוויי.**

רייטשל: (כיטרע) **און ווי זיינען אַנדערע צוויי, ר׳ אָרע?**

אָרע: חלילה וחס, דו זאָלסט נאָר ניט מיינען, אַז איך מיין עפּעס. כ׳ווייס, אַז דו ביזט אַן אָרנטלעך קינד, כאָטש אַ שטיפּערקע אַזאַ. איז דערפאַר מיין עצה, אַז דו זאָלסט אַנטלויפן פון אַט דעם מיסטער בלום, מחמת איך הער, אַז ער איז גאָרנישט קיין שיינער מענטש.

רייטשל: (מיט געפיל) **אוי, אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַראַ שיינער מענטש. וועלכע מיידל וואָלט דאָס ניט געוואָלט שטאַרבן פאַר אים? ווען מען זעט אַזאַ ליכטיק פּנים. ווען מען הערט ווי ער רעדט. ער איז דאָך אַזוי גע־בילדעט, ר׳ אָרע. רעדט אַזויפיל שפּראַכן.**

אָרע: דו ביזט דאָך אַ גרינע, רייטשל, נאָך קיין צוויי יאָר אין לאַנד, דערפאַר ווייסטו ניט ווי מען דאַרף זיך היטן דאָ אין אַמעריקע פאַר אַזעלכע ווי ער.

רייטשל: (מיט אַ שמייכל) **איך בין אַ גרינע, נאָר איר זייט דער ריכטי־קער יענקי דודל.** (זינגט) **יענקי דודל וואוינט אַפּטאַון...** (שלאָגט זיך איבער) **הלואי וואָלט ער נאָר ניט געווען קיין באַווייבטער, וואָלט ער געמעגט...** (גייט צו צו אים און זאָגט אים אויפן אויער) **ניט נאָר קוקן אין שליסל־לאָך צו מיר אין רום, נאָר איך וואָלט פאַר אים די טיר אינגאַנצן געעפנט; קום אַריין, דו ליבער, קום אַריין, דו טייערער...** (טוט זיך אַ כאַפּ) **נאַ, כ׳דאַרף איבערבייטן מיין ווייסטל. פרומע, דערלאַנגט עסן.** (אָפּ לינקס)

פרומע: (גרייטנדיק צום טיש) **אַזוי ווי אַ ניט־גוטער אין שטוב. אַז גאָט וואָלט אויסגעלייזט אונדזער שטוב פון איר אינגאַנצן, וואָלט אויף אַן אמת געווען אַ נס.**

אָרע: (טוט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ) **יאָ, מאַמע, אפשר וואָלט איך טאַקע געטאָן אַ שידוך מיט יענער וואָס מען רעדט מיר? אַ איד טאָר ניט לעבן אָן אַ ווייב.**

פרומע: אודאי, דאָס האָב איך שוין לאַנג געזאָגט. אָרע, גיי וואַש זיך, כ׳דערלאַנג באַלד צום טיש. (אָפּ)

(פון דעם צוגעמאַכטן צימער וואו רייטשל טוט אָן אַן אַנדער בלוזקע, שטייענדיק הינטער דעם פאַראַוואַן, דערהערט זיך איר געזאַנג. איצט זינגט זי אַ אידיש פאָלקס־ליד. אָרע קוקט זיך אום אויף איר צוגעמאַכטן צימער מיט צעמישטע אויגן. הויבט זיך אויף און מאַכט עטלעכע טריט צו דער טיר פון איר צימער)

אָרע: (מורמלט) **ווי איז מיר, זי מאַכט מיך מבולבל. אַזוי ווי אַ קליפּה. ניין, זאָל איך בעסער בלינד ווערן.** (שטעלט זיך אָפּ און קערט זיך אום צוריק מיט געבעטן) **רבונו של עולם, מער ניט, שטראָף מיך ניט דערפאַר. דו ווייסט דאָך ווי מיין חוה דוואָשע האָט געקרענקט. צוועלף יאָר כמעט אָן אַ ווייב. אַ זינדיקער מענטש.**

פרומע קומט אַריין מיט טעלער, שטעלט זיי אויס אויפן טיש.

פרומע: פאַרוואָס גייסטו זיך ניט וואַשן, אָרע?

אָרע: האַ?

פרומע: גיי וואַש זיך.

אָרע: איך וויל ניט עסן. מאַמע, רייטשל איז טאַקע פאַר אונדז ניט קיין באַרדערקע. זי איז אַ שטן מקטרג. מען דאַרף איר הייסן מופן.

פרומע: אודאי וואָלט גלייכער געווען, אַז דער רוח וואָלט אין שטוב ניט געווען, אָבער דריי דאָלער אַ וואָך, איז אַ ביטערע עבירה. כ'מוז נאָך צולויפן אין דער גראָסערי. זע, אָט קומען זיי דאָך. מר. בלום און אברהם גוטמאַן.

אָרע: זיי גייען שוין. (ווערט אויפגערעגט) וואָס ענטפערט מען זיי?

(סעמקע בלום, אַ יאַר 30, אַ פראַנט, און אברהם גוטמאַן, אַן עלטערער מאַן, אָרים אָנגעטאַן)

סעמקע בלום: העלאָו! נו ר' אָרע, זייט איר שוין פאַרטיק?

אָרע: ניין, מר. בלום, דערווייל נאָך נישט. (צעמישט)

סעמקע: וואָס הייסט?

אָרע: איך האָב מורא. בלוטיק געלט. צען יאָר געאַרבעט אויף די פינף הונדערט דאָלער. אויסגעשטאַנען זיך אַלערליי צרות, אי פון הינט, אי פון שקצים און פאַר מיין עטלען דאַרף איך אויך האָבן אויף נדן, איר מיינט עפּעס ס'איז אַ קאַטאָוועס?

סעמקע: נו, מיסטער גוטמאַן, איך האָב אייך אָבער געזאָגט, אַז מיר טאָרן זיך ניט אָנהייבן מיט אים. גיכער וועט איר אַרויסקריגן ביי אַ באָק מילך, ווי ביי אים אַ פּעני.

גוטמאַן: אָט האָסטו דיר. פירט אונדז אַרום אַ גאַנצע וואָך, דאָ גיט ער, דאָ ניט. איר האָט דאָך ערשט היינט אין דער פרי צוגעזאָגט, אַז איר קויפט מיט אונדז בשותפות דעם פאַרסל. וואָס איז שוין ווידער?

אָרע: איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, מיסטער גוטמאַן, איך וויל, נאָר איך האָב עפּעס מורא. און מיין אייגענער פּיניע רעדט מיך אויך אָפּ פון דעם, און די מאַמע מיינע זאָגט מיר אויך, אַז איך זאָל דאָס ניט טאָן.

סעמקע: טאָ מעגט איר גיין צו אייער באָבען.

אָרע: (מיט פאַרדרוס) אַהין וועלן מיר אַלע גיין. איר, מיסטער בלום, אויך. כאָטש איר האַלט זיך פאַר אַזאַ חכם. דער מלאך המות וועט זיך גאָרניט דערשרעקן פאַר אייער גלאַט צינגעלע.

גוטמאַן: ר' אָרע, גאָלד וואַלגערט זיך אין די גאַסן, שטיקער גאָלד, מענטשן ווערן רייך. מען פאַרדינט טויזנטער פון האַנט צו האַנט. דער פאַרסל ביי דער אַלטער גויה איז אַ ווילדע מציאה, אַז אימיצער אַן אַנדערער וועט זיך דערוויסן וועגן דעם, וועט ער דאָס אויסכאַפּן.

סעמקע: אָבער וואָס רעדט איר אים איין. ער האָט מורא, זאָל ער לייענען קריאת־שמע און זיך לייגן שלאָפן. מיר וועלן קריגן אַן אַנדער שותף.

גוטמאַן: איך האָב מורא צו דערציילן וועגן דער מציאה אימיצן אַנדערש, מען וועט דאָס אויסכאַפּן, און אונדז געבן קאָמישאָן. געוואַלד, ר' אָרע, מיר שטעלן דאָך אויך איין אונדזערע לעצטע געלט. מיסטער בלום האָט פאַרזעצט

זיין ווייבס צירונג. איך האָב אויך אויסגעליידיקט די קעשענעס ביז דער לעצטער פּעני. איר קענט דאָך מיך, איך וועל דאָך חלילה ניט אויסנאַרן ביי אייך דאָס געלט.

סעמקע: מיר זיינען ערלעכע מענטשן, פאַר גאָד׳ס סייק!

אָרע: מוז איך אַריינלייגן די גאַנצע פינף?

גוטמאַן: מען דאַרף האָבן פופצן הונדערט דאָלער, ניט איין פּעני ווייניקער. גיט מיסטער בלום זעקס, איך פיר און איר פינף.

אָרע: (פאַרטראַכט, דריקט די אַקסלען) כ׳ווייס... קלער אַהין, קלער אַהער, קלער אַהער, קלער אַהין. קאָן זיך קיין עצה ניט געבן. (פויזע) מילא, וואָס גאָט וועט געבן, דאָס וועט זיין. גוט, איך גיי נעמען דאָס געלט אין יענעם רום. (אָפּ רעכטס)

סעמקע: (גיט אַ שטויס גוטמאַנ׳ען) גייט אים נאָך, ער קען נאָך ווידער חרטה האָבן. (גוטמאַן אָפּ נאָך אָרען)

(רייטשל עפנט די טיר, קומט אַריין אין אַן אַנדער בלוזקע, די האָר נאָך צעלאָזן, דערזעט סעמקען, ווערט זי צעמישט און טוט אַ מאַך צו איט מיטן קאָפּ)

סעמקע: (קוקט אויף איר אַפּריער מיט אַ בייזער מינע, דערנאָך טוט ער זיך אַ וואָרף צו איר) איך וויל אויף אייך זיין ברוגז, נאָר איך קען ניט, יו בעד גוירל. (טוט זי אַ כאַפּ פאַר אַ האַנט און ציט זי אַוועק אין איר צימער און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. זי גייט אים נאָך אַ צעמישטע) פאַרוואָס האָסטו מיך נעכטן געלאָזט וואַרטן? איך בין געשטאַנען און געוואַרט און געוואַרט אויף דיר און דו ביזט ניט געקומען? וואָס מיינט דאָס? דו טרייבסט שפּאָס מיט מיר?

רייטשל: (מורמלט) איך האָב ניט געקאָנט, איך האָב ניט געדאַרפט גיין מיט אייך.

סעמקע: (ווייך און אַריינגעקוקט איר אין די אויגן) פאַרוואָס?

רייטשל: (שטיל) איך האָב מורא צו גיין מיט אייך. איך גלויב אייך ניט. איר באַהיוט זיך ניט. איר באַנעמט זיך ניט ריכטיק. (פלוצים נערוועז) און וואָס זאָל איך מיט אייך גיין? גייט מיט אייער ווייב. (נעמט פלעכטן די האָר)

סעמקע: טוט עס ניט. אַזוי זייט איר שענער. דאַרלינג, איינדזשל, קופּידאָנטשיקל מיינער! (נעמט צונויף אירע האָר אונטער איר גאָמבע און באַדעקט מיט זיי אירעביידע באַקן) אָ, ווי שיין! טשטאָ זאַ פּרעלעסט! ווי אַ ראָזע אין מאַי! זאָל איך שטאַרבן אויב אַ ראָזע אין מאַי איז אַזוי באַצויבערנד! ווי זאָגט דער גרויסער רוסישער פּאָעט פּושקין: „זאַריאַ מאַיאַ קראַסנאַיאַ״ אָך, גאָד, גאָד, איר קענט פאַריקט מאַכן!

רייטשל: מיסטער בלום, וואָס ווילט איר האָבן פון מיין לעבן? וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? איר האָט דאָך אַ ווייב, ווי איז מיר!

סעמקע: און אַז איך האָב אַ הויז, דערפאַר טאָר מיר ניט שמעקן דאָס עסן אין אַ רעסטאָראַנט בעסער? אַי, אַ כפרה די גאַנצע וועלט ווייבער פאַר דיזער געטין! (וויל זי אַרומנעמען)

רייטשל: (זיך אַ ריס געטאָן פון אים) לאָזט מיך! און אויב איך בין פאַר אייך נאָר אַ רעסטאָראַן, בין איך אייך מתרה, מיסטער בלום, אַז איר קענט זיך דערוועגן ביי מיר מיטן ערשטן ביסן! אָ, איר קענט מיך ניט!

סעמקע: דאָס איז דאָך נאָר געוועז אַ וויץ.

רייטשל: איך גלויב אייך ניט, מיסטער בלום, איך האָב פאַר אייך מורא, איך מוז זיך היטן פאַר אייך.

סעמקע: שעמען זאָלסטו זיך אַזוי צו רעדן, רייטשל. מיר ניט גלויבן? וואָס איז, דו זעסט ניט, דו פילסט ניט ווי ערנסט איך מיין מיט מיין ליבע? רייטשל, צוויי אויגן האָב איך, און זיי ביידע זעען נאָר דיך, דיך, און דיך. מיין האַרץ איז פול מיט דיר, מיין קאָפּ איז פול מיט דיר. מיינע אַלע געדאַנקען, מיינע אַלע געפילן, זיינען נאָר וועגן מיין איינציקער געטין, וועגן מיין איינציקער רייטשל. ווען איך גיי, ווען איך שטיי, ווען איך שלאָף, איז נאָר רייטשל, רייטשל, און רייטשל. מיט אַ פּאָר אָוונטן צוריק האָב איך פאַרבראַכט מיט מיין פריינט, מיין לאַנדסמאַן, דעם באַרימטן אַרטיסט יעקב פּ. אַדלער, און מיט דעם באַרימטן פּראָפעסאָר, יעקב מיכאַילאָוויטש גאָרדין. זיצן מיר אַזוי אין וויינקעלער און טרינקען וויין און ריידן וועגן גאָרדין'ס נייער פּיעסע „דער מטורף", וואָס מיין פריינט אַדלער האָט די וואָך אויפגעפירט. מיטאַמאָל פרעגט ביי מיר אַדלער אויף רוסיש — מיר רעדן שטענדיק רוסיש צווישן זיך — „גאָלובטשיק, פּאַרוואָס זעט איר אויס אַזוי שלעכט?" האָב איך אים דערציילט דעם גאַנצן אמת. קיין ליגנער בין איך ניט, נאָ, קיין מאָל ניט, נאָ סערי, קיינמאָל ניט. האָסטו געדאַרפט הערן ווי איך האָב גערעדט וועגן דיר. סאַי אַדלער און סאַי גאָרדין האָבן מיך דערנאָך געבעטן, אַז איך זאָל דיך אַמאָל ברענגען אין טעאַטער און באַקענען מיט זיי. און איכ'ל עס אַמאָל טאָקע טאָן. איכ'ל דיך באַקענען מיט מיינע צוויי בעסטע פריינט, די גרעסטע מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט. דו נאַר, דו נאַר וואָס דו ביסט, ווען איך וואָלט דיך אַזוי ניט ליב געהאַט, וואָלט איך געקענט פאַר דיר אָנשרייבן אַזאַ ליד? ... דו געדענקסט מיין ליד, האַ, וואָס איך האָב פאַר דיר ספּעציעל געשריבן? — „רייטשל, רייטשל, יאַ סטראַדאַיו ליוביאַ טאַק פּלאַמענאַ טעביאַ, אי דיען אי נאָטש פּאָוטאָראַיו, ליובליו טעביאַ, ליובליו טעביאַ"!

רייטשל: אי, מיסטער בלום, איר צעמישט מיר דעם קאָפּ!...

סעמקע: קומט היינט מיט מיר. מיר וועלן זיך דורכגיין, איך מוז מיט אייך ריידן וועגן עפּעס...

רייטשל: ניין, ניין, איך האָב מורא פאַר אייך, איר קענט ווידער משוגע ווערן! ווי דאַמאָלס אינעם וואַלד...

סעמקע: איך שווער אייך, אַז איך וועל זיך האַלטן ווי אַ דזשענטלמאַן. נו, גוט, מיר וועלן אין וועלדל ניט גיין. מיר וועלן אויפן בולוואַר גיין, דאָרטן וועלן מיר זיצן אויף אַ בערגל ווי אַנומלט, איר געדענקט יענע לבנה־נאַכט?...

רייטשל: (מורמלט) איך האָב מורא...

סעמקע: פאַרוואָס האָט איר מורא? נו, גוט, איכ'ל האַלטן ביידע הענט מיינע אין די קעשענעס... איכ'ל נאָר קוקן אויף אייך און ריידן...

(אָרע און גוטמאַן קומען אַריין)

גוטמאַן: מיסטער בלום, וואו זייט איר?

סעמקע: (פון רייטשלס צימער) אָט גלייך קום איך. איך קאָלעקטיר פון מיס רייטשלען אַ פּאָר דאָלער פאַר אַ מאַשין. איכ׳ל איר נאָר אָנשרייבן דעם רעסיט. (ווענדט זיך דערנאָך צו רייטשלען און רעדט צו איר שטיל. זי שאָקלט מיטן קאָפּ און אָפּ אין אַ צימער לינקס, ער נאָך איר)

אָרע: איז די גויה ווייט פון דאַנען?

גוטמאַן: אָט דאָ, עטלעכע טריט פון דאַנען.

אָרע: מיר זאָלן נאָר ניט אַריינפאַלן...

גוטמאַן: זייט זיכער...

אָרע: מיין גאַנץ פאַרמעגן. (גייט דורך דאָס צימער און זיפצט) מסתמא וועט גאָט רחמנות האָבן, האַ, מר. גוטמאַן? ער ווייס דאָך, אַז מיר ביידע זיינען קיינע ראָטשילדס, האַ, מיסטער גוטמאַן?

גוטמאַן: איך האָף צו אים...

אָרע: (מיט אַ רחמנות קול) ער וועט אַנדז ניט אומגליקלעך מאַכן, האַ, מיסטער גוטמאַן? עטלעכע נדן... און אַז ער זאָל חלילה וחס... ווי, ווי, ווי... (כאַפּט זיך אָן פאַרן קאָפּ)

(רייטשל און סעמקע פון לינקס)

רייטשל: אָבער געדענקט זשע, מיסטער בלום, איר זאָלט זיין אַ דזשענטלמאַן.

סעמקע: זיכער, וואו זאָל איך פאַר אייך וואַרטן, צאַריצאַ מאַיאַ?

רייטשל: איך ווייס ניט, וואו ווילט איר שפּאַצירן?

סעמקע: ווייסט איר גאַר וואָס, איכ׳ל אייך אָנקלאַפּן אין פענצטער, וועט איר אַרויסקומען. איך דאַרף דאָ נאָר פאַרטיק ווערן מיט אָרען און מיט דעם אַנדערן, קום איך גלייך און קלאַפּ אייך אָן אין פענצטער.

רייטשל: מען קען אייך נאָך דערזען.

סעמקע: איך פאַרזיכער אייך, אַז קיינער וועט מיך ניט זען ביי אייך אונטערן פענצטער. אַלזאָ, אָפּגעמאַכט?

רייטשל אָלרייט.

סעמקע: גודביי! (קומט אַריין אין צווייטן צימער צו גוטמאַנען און אָרען)

אָרע: פאַרטיק? קומט. קומט גיכער, די מאַמע קען נאָך אונטערגיין, זי טאָר ניט וויסן. (פאַר זיך) רבונו של עולם, ווייז דיין רחמנות, אָפּ מיט גוטמאַנען און סעמקען)

(רייטשל, קומט אַרויס, לויפט צו צום פענצטער און קוקט אַרויס. דערנאָך גייט זי דורך דאָס צימער, פאַרטאָן אין זיך און זעצט זיך ביים טיש און פלעכט פונאַנדער אירע האָר. דאָן בלייבט זי שטיין, פלוצים)

רייטשל: און ער האָט אַ ווייב... (צעוויינט זיך, ביים טיש, און שפּאַרט צו צו אים דעם שטערן)

(פרומע קומט אַריין)

פרומע: **נו, הערינג איז שוין אויך דאָ. אָרע, וואו איז ער? ער האָט גאָר אויפגעהערט צו עסן. רייטשל, וואָס האַלטסטו אַזוי דעם קאָפּ?**

רייטשל: (הייבט אויף דעם קאָפּ פון טיש) **גאָרנישט...**

פרומע: **זעץ זיך עסן, אַז דו ווילסט...**

רייטשל: (אויפהייבנדיק זיך) **איך וויל ניט...**

פרומע: **בולבעס מיט פלוימען.**

רייטשל **איך וויל גאָרנישט.**

פרומע: **טאַקע אויף אַן אמת? וואָס הייסט? דו זאָלסט ניט וועלן עסן, אויב אַזוי ביזטו דאָך טאַקע קראַנק.**

(רייטשל גייט אַריין צו זיך אין צימער, נעמט אַ העפט פון אַ אידישן ראָמאַן פון טישל וואו עס שטייט אויך אַ לאָמפּ מיט אַן אַבאַזשור, לייגט זיך אויפן בעטל און לייענט)

פרומע: (פאַרזעצנדיק) **וואָס דען, אַז מען איז אַ הלעיטני...** (נעמט איר זאַק, טוט אָן די ברילן, זעצט זיך קעגן פענצטער און שטריקט. ס'ווערט טונקעלער)

רייטשל: (לייענט) **דער פאַלשער מאַרקיז איז געווען אַן אויסוואורף, אַן אוממענטש, אַ טייוול אין מענטשלעכן געשטאַלט, און ער האָט געדענקט, אַז יעצט האָט ער די שיינע מאַטילדע אין זיין נעץ, ער האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך איר איבערן וואַלד, און די אומגליקלעכע מאַטילדע איז געלאָפן ווי פון אַ ווילדעס טיער פאַרפאָלגט, און געשריען הערצרייסנד: אַדאָלף, ראַטע מיך... זי האָט שוין אָבער קיין קרעפטן ניט געהאַט מער צו שרייען און צו לויפן, און דער אויסוואורף, דער פאַלשער מאַרקיז, איז שוין באַלד געווען נאָענט צו איר. זי האָט שוין זיין פייערדיקן אָטעם געפילט הינטער זיך, און זי האָט געפילט, אַז זי איז פאַרלאָרן, אַז באַלד, באַלד וועט זי זיין ביי דעם לומפּ אין די הענט. זי האָט מיט די לעצטע קרעפטן גענומען שרייען: אַדאָלף! אַדאָלף! פלוצים האָט זי דערפילט ווי דער לומפּ האָט זי אָנגעכאַפּט פון הינטן ביי דער טאַליע, מיט זיינע אייזערנע הענט. זי האָט געקעמפט ווי אַ צערייצטע טיגערן. דער שופט איז אָבער געווען שטאַרקער פון דער אומגליקלעכער מאַטילדע, און ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן און, ווי אַ ווילדעס טיער, אויסגעשריען: יעצט וועסטו זיין מיינע, מיינע;** (רייטשל ברעכט זיך אונטער שטאַרק נערוועז): **„אַי, וויי איז מיר! וויי איז מיר!“** (אַזוי ווי עס איז דערווייל געוואָרן נאָך טונקעלער אין איר צימער, הייבט זי זיך אויף אויפן בעט, רוקט זיך צו מיט איר ביכל נענטער צום פענצטער) **וואו האַלט איך? יאָ... וועסטו זיין מיינע! מיינע; מיינע!** (לייענט ווייטער נערוועז) **דער באַנדיט האָט צוגעשטעלט אַ פיסטאָלעט צו איר שטערן און אויסגעדונערט: — באַראָנעסע מאַטילדע, — ווילט זיך אויס, אָדער דעם טויט, אָדער איר געהערט יעצט מיר“... „דעם טויט! דעם טויט! אוממענטש, שופט, לומפּ, ווילדעס טיער“, האָט די עלדישע מאַטילדע אויסגעשריען. „ער האָט זי אַ וואָרף געטאָן...** (רייטשל ווערט אַלץ נערוועזער און רוקט זיך אַלץ מער אין פענצטער אַריין) **ער האָט זי אַ וואָרף געטאָן, אַ כאַפּ געטאָן זי... פלוצים האָט זיך דערהערט אַ שאָס און דער פאַלשער מאַרקיז איז געפאַלן מיט**

אַ דורכגעלעכערטער ברוסט... (מיט התפעלות) האַ, וואָס? אַ מצוה אויפן באַנדיט! (לעזט ווייטער) „דאָס איז געווען דער באַראָן אַדאָלף, וועלכער איז אָנגעקומען אין דעם ריכטיקן מאָמענט, ווען דער פאַלשער מאַרקיז האָט שיר ניט פאַר־אומגליקט זיין געליבטע. מאַטילדע האָט זיך געוואָרפן איר רעטער אויפן ברוסט: „רעטער מיינער, ענגל מיינער, דער אַלמעכטיקער גאָט האָט דיך צוגעשיקט, זאָנסט וואָלט איך געווען פאַרלאָרן! (רייטשל ווישט זיךביידע אויגן און לייענט ווייטער מיט טרערן אין קול) „דער איידעלער באַראָן האָט זי גע־קושט און געוויינט פאַר פרייד און גערעדט: „דו בלום פון מיין הערצן, דו ליכטיקע זון פון מיינע אויגן, דו שיינער ענגל, דו געטין פון מיין זעלע (רייטשל ברעכט זיך אונטער) אַי, ווי שיין, פונקט ווי מיסטער בלום רעדט צו מיר... (עס ווערט גאַנץ טונקל) צו פינצטער צו לייענען. וואָס איז ווייטער? (מישט איבער אַ פּאָר בלעטלעך און קוקט אַריין) האַ, חתונה געהאַט, חתונה געהאַט! דער באַראָן טאַקע מיט מאַטילדען, אַי גוט, אַי גוט... (לייגט זיך צוריק אויפן בעט און לייגט אַוועק אויפן טישל דעם ראָמאַן. עס ווערט גאַנץ טונקל)

(עטל קומט אַריין, אָרים געקליידט)

עטל: דו, באָבע, וואָס זיצטו עפּעס אין דער פינצטער? (פרומע דרימלט) באָבע, דו שלאָפסט? (טוט זי אַ טרייסל) באָבע!

פרומע: (טוט זיך אַ כאַפּ) האַ? כ'האָב געאַרביט באַמערקט ווי איך האָב איינגעדרימלט... (שטייט אויף) דער טאַטע איז נאָך נישטאָ? טאָמער קומט ער, זע ער זאָל עסן. איכ'ל זיך אויף אַ ווײַלע צושפּאַרן.

עטל: וואו איז דער טאַטע? (צינדט אָן דעם לאָמפּ)

פרומע: איז אַוועק פאַרנאַכט ניט געגעסענערהייט און איז נאָך נישטאָ.

עטל: אָלרייט. וואו איז רייטשל?

פרומע: דאָרטן ביי זיך. איז עפּעס חולה'דיק, האָט אויך ניט געגעסן. איך גיי זיך צולייגן. (אָפּ רעכטס)

עטל: (אַריינקומענדיק צו רייטשלען אין צימער) שלאָפסט גאָר, רייטשל?

רייטשל: דו, עטל?

עטל: יאָ, דו שלאָפסט?

רייטשל: ניין, איך ליג אַזוי.

עטל: וואָס עפּעס אין דער פינצטער?

רייטשל: אָט אַזוי, כ'האָב זיך פאַרטראַכט. צינד אָן דעם לאָמפּ, עטעלע. דער קאָפּ טוט מיר וויי.

עטל: דער קאָפּ גאָר? (צינדט אָן דעם לאָמפּ) דו האָסט געוויינט?

רייטשל: איך, געוויינט? וואָס פאָלט דיר איין?

עטל: נו, וואָס הערט זיך מכוח דער באַראָנעסע מאַטילדע? דער מאַרקיז האָט זי געכאַפּט?

רייטשל: אַ מכה, ער האָט געכאַפּט אַ קויל אין האַרצן אַריין, דער באַנדיט.

עטל: (מיט התפעלות) וואָס זאָגסטו? טאַקע, פון וועמען?

רייטשל: פון דעם ריכטיקן מאַן. ער האָט זי שוין אָט, אָט געכאַפּט, פּלוצים איז געקומען דער באַראָן אַדאָלף מיט אַ ביקס און האָט אים פאַרטיק געמאַכט.

עטל: אויף טויט?

רייטשל: ניין, דערווײַלע איז ער נאָך נישט געשטאָרבן. נאָר מסתמא וועט ער שוין איינגעמען אַ מיתה משונה.

עטל: (באַגייסטערט) איז גוט, רעכט אויף אים, אַ מצוה אויף אים, ער האָט דאָס כשר פאַרדינט. נו, און זי, די באַראָנעסע?

רייטשל: זי, פאַרשטייט זיך, זי האָט זיך דערפריידט, איז געפאַלן איר געליבטן אויפן האַלז, און האָט זיך צעקושט...

עטל: אַזוי? געקושט? איז גוט. איצטער וועט מסתמא זיין ביי זיי אַ שיינע חתונה?

רייטשל: איך שטעל מיר פאָר. דיך, עטעלע, וועט מען אויף אַזאַ חתונה ניט רופן.

עטל: און דיך רייטשל, אויך ניט.

רייטשל: מיך אויך ניט. (פאַרטראַכט זיך, פּויזע) עטעלע, איך וויל דיך וואָס פרעגן. הער נאָר, וואָס וואָלסטו געטאָן, אַז דו וואָלסט זיך פאַרליבט אין אַ מאַן, וואָס וואָלסטו דעמאָלט געטאָן?

עטל: וואָס? איך פאַרשטיי דיך ניט.

רייטשל: אַז דו וואָלסט זיך פאַרליבט אין אַ פאַרהייראַטן מאַן, וואָס וואָלסטו געטאָן?

עטל: ביזט משוגע? וואָס הייסט איך וועל זיך פאַרליבן אין אַ פאַרהיי־ראַטן? גיי שוין גיי.

רייטשל: אָבער, אַז דו וואָלסט זיך דאָך פאַרליבט אין אַ פאַרהייראַטן מאַן, וואָס וואָלסטו דעמאָלט געטאָן?

עטל: כ׳ווייס? אַזאַ זאַך קען איך אפילו ניט באַנעמען מיטן מוח.

רייטשל: אַיאָ, עטעלע, אַז דאָס איז אַן אומגליק?

עטל: מען דאַרף זיין משוגע אַזאַ זאַך צו טאָן.

רייטשל: אמת, מען דאַרף זיין משוגע, אמת...

עטל: אָבער פאַרוואָס פרעגסטו דאָס, רייטשל?

רייטשל: איך פרעג דאָס אַזוי. גלאַט אין דער וועלט אַריין. (פּויזע) עטל, ווי געפעלט דיר מיסטער בלום.

עטל: שוין ווידער מיסטער בלום? דו האָסט דאָך ביי מיר אַזוי פיל מאָל געפרעגט ווי אַזוי ער געפעלט מיר.

רייטשל: אַיאָ, ער איז אַ נייס דזשענטלמען?

עטל: נו געוויס, אָבער פאַרוואָס פרעגסטו אַלץ ווי אַזוי ער געפעלט מיר?

רייטשל: איך פרעג אַזוי... (צעלאַכט זיך) איך פרעג דיך ווייל... מיר דאַכט זיך, אַז דו ביזט אין אים פאַרליבט.

עטל: (טוט זיך אַ כאַפּ) איך, פאַרליבט אין אים? ביזט משוגע!

רייטשל: (לאַכט העכער) יאָ, יאָ, דו ביזט אין אים פאַרליבט, מען זעט דאָס (פיבעריש) מען מוז זיך אין אים פאַרליבן, ער איז אַזוי שיין, אַזוי ליב, אַזאַ דזשענטלמען און ווי ער רעדט רוסיש, אַזוי געבילדעט. רעדט ער, צעמישט ער דעם מוח. און טוט ער אויף דיר אַ קוק, איז ווי אַן ענגל וואָלט אויף דיר געקוקט, ווי אַ געטלעכע געשטאַלט, און נעמט ער אַן דיין האַנט איז, אוי, אַזאַ מחיה, אַזאַ כיעס...

עטל: ווייס איך וואָס, ער ליגט מיר אפילו ניט אין דער לינקער פּיאַטע. איך האָף, אַז גאָט וועט מיר צושיקן דעם ריכטיקן.

רייטשל: וואָס פאַראַ ריכטיקן אַן ערך וואָלסטו געוואָלט האָבן, עטל?

עטל: אַן אנשטענדיקן באַי, עפּעס אַ ריכטיקן אַרבעטער. ער זאָל פאַר־דינען אַ פופצן־צוואַנציק דאָלער אַ וואָך. איך וואָלט דעמאָלט געווען צופרידן.

רייטשל: און איך וואָלט צופרידן געווען מיט אַ קלענערן פאַרדינער, אַבי ער זאָל זיין אַזוי שיין, און ליב און אַזאַ דזשענטלמען, ווי... (מאַכט צו די אויגן, און רייבט זיך מיט דער האַנט אין שטערן. מען קלאַפּט אַן מיט דער האַנט אין פענצטער. ביידע טוען זיך אַ צאַפּל)

עטל: (שפּרינגט אָפּ) איי, ווער איז דאָס?

רייטשל: (זעצט זיך אויפן בעט) ווער קאָן דאָס זיין? (קריכט אַרונטער פון בעט און פאַרריכט די האָר)

עטל: אפשר אַ שכור׳ער גוי, אפשר אַ גנב, איך האָב געזען אַ האַנט.

רייטשל: דאָס דאַכט זיך דיר, דער ווינט האָט מסתמא אַ קלאַפּ געטאָן.

עטל: ניין, אַ האַנט, איך האָב אַליין געזען, אָט ווידער, אַ האַנט, אַ האַנט, איך האָב מורא!

רייטשל: גיי, האָסט זיך איינגערעדט. אַי טוט מיר וויי דער קאָפּ, איכ׳ל זיך אַביסל דורכגיין.

עטל: יעצט? וואָס רעדסטו, האָסט גאָרניט קיין מורא? (עס באַווייזט זיך ווידער אַ האַנט אויפן פענצטער) אוי, ווידער!

רייטשל: טאָקע! איי, כ׳האָב מורא, איכ׳ל אַריינלויפן צום שכן! (לויפט אַרויס)

עטל: אַי באָבע, (לויפט אַרויס רעכטס, באַווייזט זיך גלייך מיט פרומען) עפּעס עמיצער האָט געקלאַפּט אין פענצטער. אַ גנב! שפּאַר צו די טיר, רייטשל איז אַנטלאָפן צום שכן.

פרומע: שאַ, שאַ, וואָס שרייסטו, קיין גנבים וועלן דאָ ניט קריכן, וואָס האָבן זיי דאָ צו גנב׳ענען? וואו איז דער טאַטע? שוין אַ דריי שעה ווי ער איז אַוועק. וואו קאָן ער זיין. גיי, גיי שלאָפן, עטעלע, גיי, דאַרפסט אויפשטיין פרי צו דער אַרבעט.

עטל: כ׳האָב מורא, באָבע, קום אויך.

פרומע: איך וועל באַלד קומען.

עטל: אַ גוטע נאַכט באָבע. (אָפּ)

(עס דערהערט זיך אַ קלאַפּן אין גאַס־טיר, פון גאַניק)

פרומע: (טוט אַ ציטער) טאַקע עמיצער (מיט שרעק) ווער איז דאָרטן?
אָרע׳ס קול: עפן די טיר.

פרומע: (טוט זיך אַ כאַפּ) זע נאָר, דאָס איז דאָך אָרע. (עפנט)
(אָרע אַריין שכור. שטעלט זיך אָפּ, מאַכט צו פרומען מיטן קאָפּ און שמייכלט)

אָרע: (צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן) ששש... (קוקט זיך אַרום, און מאַניעט מיט אַ פינגער פרומע׳ן צו זיך) מאַמע, שש...

פרומע: (צעשראָקן) אָרע, וואָס איז מיט דיר? וואָס איז דאָס? שכור?

אָרע: אַביסעלע, מאַמע, אַביסעלע, געהאַט אַ שטיקל שמחה. כ׳האָב געטרונקען שאַמפּאַניער. שמעקט ווי היימישער קוואַס, אָבער מען ווערט פון דעם שכור.

פרומע: וואָס האָסטו געטרונקען?

אָרע: שאַמפּאַניער! זאָל איך אַזוי לעבן מיט דיר צוזאַמען. דו ווייסט ניט וואָס דאָס איז? נו יאָ, פון וואַנען זאָלסטו וויסן? איך האָב ביז היינט אויך ניט געוואוסט. גאָר די גרויסע מיליאָנשטשיקעס טרינקען דאָס. ראָטשילד, זאָגט מען. ס׳זידט ווי רוסישער קיסלאָשטשי. אָבער אַ טעם האָט דאָס, ווייס איך. איין גלעזל ראָזשינקעס וויין וועל איך ניט פאַרבייטן פאַר צען גלעזער פון דעם דאָזיקן שאַמפּאַניער. נאָר שכור פון דעם ווערט מען, וואָס אמת איז אמת. מאַמע, דו הערסט וואָס איך רייד, דו שלאָפסט ניט? איך שלאָף ניט? איז דאָס אונדזער שטוב? איז דאָס ניט אַ חלום? (צופּט זיך די באָרד) מאַמע, טו מיר אַ ריס די באָרד, טו מיר אַ ריס, אַ צופּ, גיב מיר אַ פּאַטש, איך וויל וויסן אויב איך שלאָף...

פרומע: (מיט שרעק) אָרע, ווי איז מיר, ער איז משוגע געוואָרן.

אָרע: (שלעפּט אַרויס אַ פּאַק מיט געלט פון אונטערן בוזים) מאַמע, זאָג מיר, וואָס איז דאָס, געלט, האַ? אַ גאַנצער אוצר, פינף און צוואַנציק הונדערטער. אַיאָ מאַמע, דו זעסט טאַקע יאָ, חלום איך ניט, מאַמע? (פרומע שטייט אָן לשון, קוקנדיק אויפן געלט) געקויפט ביי דער גויה דעם פּאַרסל, די לאַטס, געגעבן פופצן הונדערט דאָלער האַנט געלט און דערנאָך איז געקומען סאַמיועלסאָן און אונדז געגעבן יעדן צו צוויי טויזנט דאָלער ריווח און אונדז נאָך מכבד געווען מיטן קיסלאָטשי, מיטן שאַמפּאַניער, מיין איך. (טוט פלוצים אַ טרייסל פרומען) מאַמע, איז דאָס ניט אַ חלום, האַ?

פרומע: אָרע, האָב רחמנות טשעפּע מיך ניט (טרעט אָפּ פון אים) רבונו של עולם, וואָס איז דאָס?

אָרע: דאָס איז ניט קיין חלום. דאָס איז מיין מאַמע, און דאָ האַלט איך דאָס געלט, און איך האָב געטרונקען שאַמפּאַניער. אין חלום וואָלט איך קיין שאַמפּאַניער ניט געטרונקען. דאָס האָב איך פאַרדינט פון די לאַטס, געקויפט פון דער אַלטער גויה, פאַרקויפט צו סאַמיועלסאָנען, גאָט זאָל אים יאָרן געבן.

פרומע: (פלוצים) אָרע, טאַקע? דו האָסט געקויפט דאָס און גאָט האָט רחמנות געהאַט?

אָרע: (שעפּטשעט) אַן אוצר מאַמע, אַן אוצר, צוויי טויזנט דאָלער ריווח אויף מיין חלק.

פרומע: אוי גאָטעניו, ער האָט רחמנות געהאַט. באַהאַלט, באַהאַלט, באַהאַלט!

אָרע: (שלעפּט זי צו צו דער סאָפע) קום אַהער, מ׳דאַרף ציילן, (זעצט זי אַוועק לעבן זיך) הונדערטער מאַמע, לעבעדיקע, צייל, העלף ציילן. (לייגט איר די אַסיגנאַציעס אויפן שויס) ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי, ניט פיר, ניט פינף, דאָס האָב איך פאַרמאָגט, מיין אָפּגעשפּאָרט געלט, און דאָס האָט מיר גאָט היינט צוגעשיקט.

פרומע: און וויפיל איז דאָ?

אָרע: צוויי טויזנט, און יענע פינף הונדערט, אין איינעם צוויי טויזנט פינף הונדערט דאָלער. מאַמע, איך בין איצט אַן עושר, איכ׳ל ניט דאַרפן מער פּעדלען. (פאַלט צו צו איר און קושט זי)

פרומע: אוי ווי איז מיר, מיין קאָפּ פאַרנעמט דאָס ניט, גוטינקער, טייערינקער גאָט, אוי ביזטו אַ גאָט. איך דאַנק דיר פאַר מיין אָרען. (נעמט צונויף דאָס געלט מיט ציטערדיקע הענט) וואו וועסטו אַזאַ אייגנס באַהאַלטן? מען קען נאָך חלילה...

אָרע: מאָרגן טראָג איך אַריין אין באַנק. עטעלע וועט איצט האָבן נדן.

פרומע: אָבער וואו באַהאַלט מען דאָס דערווייַלע?

אָרע: אפשר אונטערן בעט מאַמע, דאָרטן איז אין דער פּאָדלאָגע דאָ אַ גרויסע לאָך.

פרומע: ביזטו משוגע, די מייז קענען נאָך חלילה אַוועקשלעפּן, וואָס דיר קען איינפאַלן!

אָרע: דו ביזט גערעכט, מאַמע, און מיר איז דאָס גאָרניט איינגעפאַלן.

פרומע: ווייסטו וואָס, מיין זון, דאָ אין זאָפע איז דאָ אַ לאָך, וועט מען דאָס באַהאַלטן אונטער די שטרוי און איכ׳ל זיך דאָרט צולייגן און היטן.

אָרע: גוט מאַמע, גוט, אָבער איכ׳ל זיך דאָ צולייגן. דו גיי שלאָפן אין דיין בעט. איכ׳ל זיך ניט אויסטאָן אפילו, איכ׳ל אַזוי ליגן אויפן בעט און קיינער וועט ניט וויסן. שפּאַר אַריין מאַמע (פרומע שטופּט אַריין דאָס געלט אין דער זאָפע. ער לייגט אויך אַריין זיין האַנט און זיי ביידע שטופּן דאָס געלט). אָט אַזוי, אָט אַזוי אַ! און אָט לייג איך זיך אַוועק אויף דעם. (ציט זיך אויס אויף דער זאָפע) חאַ־חאַ־חאַ, איך וואָלט וועלן הערן וואָס אונזער חכם פּיניע וועט איצטער זאָגן. ער האָט מיך אַזוי אָנגעשראָקן, איך זאָל ניט זיין קיין שוטה, קיין פערד, קיין אייזל. איך לאַך פון זיין היטעלע, ניט אַזוי, מאַמע?

פרומע: דו דערצייל אים גאָר ניט קיין מעשות. דו קאָנסט דאָך אים. ער וועט נאָך ביי דיר נעמען קליאַנטשען גמילות חסדים און דאָס איז אַזוי ווי אין וואַסער אַריין.

אָרע: קיין פּעני וועט ער אפילו ביי מיר ניט קריגן, ווען איך זאָל אפילו האָבן ראָטשילדס אוצרות. ער האָט פאַר מיר קיין דרך ארץ ניט. איך

בין דאָך דיין שווער, אַ מהומה אויף דיר. מיין טאָכטער איז דאָך דיין ווייב, האָב זשע דרך ארץ פאַר מיר, דו שייגעץ! ניט אַזוי, מאַמע?

פרומע: אוודאי.

אָרע: אמת, דו ביסט טאַקע אַ למדן, אַ קענער, אַן איידעלער מאַן, און איך בין ברוך השם ניט קיין למדן, פונדעסטוועגן בין איך דאָך דיין שווער, ניט אַזוי מאַמע?

פרומע: נו וואָס העלפן דיינע רייד, מיין זון, פיניע איז אַ יונגאַטש.

אָרע: (סטראַשעט מיטן פינגער) **געדענק, פיניע, כ'האָב דיר געגוג פאַר־שוויגן. זייט דו ביסט מיין איידעם, האָסטו זיך איבער מיר איזדיעקעוועט, געררופן מיך אָקס, בהמה, שוטה. כ'האָב געשוויגן, ווייל דו ביסט געווען דער חכם און איך דער נאַר, איצטער אָבער, ווער איז אַ חכם, האַ? איך פייף אויף דיר, מאַמע, ניט אַזוי? איך פ־פ־פייף...** (שלאָפט איין — פרומע גייט אַרויס אויף די שפּיץ פינגער רעכטס. קומט באַלד אַריין מיט אַ קישעלע, און לייגט אים אונטער'ן קאָפּ, בייגט זיך צו צו אים און גיט אים אַ קוש. דערנאָך הויבט זי אויף ביידע הענט אין דער הייך)

פרומע: (פליסטערט) **איך דאַנק דיר גאָטעניו, איך דאַנק דיר...** (לעשט אויס דעם לאָמפּ און גייט אַרויס אויף די שפּיץ פינגער. אויף דער בינע לבנה־שיין, וואָס פאַלט דורכ'ן פענצטער. שטיל. ס'הערט זיך אָרע'ס כראָפּן. פויזע. דערנאָך דערהערט מען אַ שליסן פון דער גאַס־טיר. **רייטשל** קומט אַריין מיט וואַקלדיקע טריט, צעשויבערטע, צעוויפּגעקאָרטשעט, זי גייט אַריין אין איר צימער, זעצט זיך אויף איר בעט מיט אַ פאַרצווייפלטער מינע)

רייטשל: (מורמלט) **געהיט זיך און געהיט זיך, און איצט... נאַדיר!** (פאַלט צו אויף איר בעט און כליפּעט)

פאָרהאַנג

צווייטער אַקט

(אין אַ יאָר און אַ האַלב שפּעטער)

(אַ רייך צימער ביי אָרע'ן אין אַ שיינעם הויז. פענצטער און טירן רעכטס און לינקס. אין צענטער זעט מען אַ צווייטן צימער מיט ביכער־שאַפעס. עטל אין אַ העלן סוט זיצט ביי אַ פּיאַנאָ און שפּילט. ניט ווייט פון איר זיצט פרומע און שטריקט אַ זאָק)

עטל: (הערט אויף צו שפּילן) אוי, די פינגער ברעכן מיר!

פרומע: שפּיל ניט מער.

עטל: ווען איך וועל ניט פּראַקטיצירן, וועל איך קיינמאָל ניט קענען שפּילן. אוי, עפּעס ליימענע פינגער. באַלד וואָס הויבן זיי אָן צו ברעכן. וואָס איז מיט זיי געוואָרן? דאַכט זיך, צו דער מאַשין אין שאַפּ האָבן זיי אַמאָל אַזוי גוט געטויגט. די בעסטע „האַנט" בין איך געווען אין שאַפּ.

פרומע: ניט איצטער געדאַכט... (מען קלינגט) עמיצער קומט...

עטל: (שפּרינגט אויף) עס מוז זיין מיין דאָקטאָר! (וויל לויפן)

פרומע: זיץ! זיץ! דיין חתן וועט שוין קומען. מען וועט שוין עפענען די טיר אָן דיר. צוויי דינסטן זיינען, דאַנקען גאָט, דאָ...

(סעמקע בלום אַריין)

סעמקע: העללאָו!...

פרומע: העללאָו, אַן אורח. זיצט, מיסטער בלום.

סעמקע: וואו איז מיסטער כיריג?

פרומע: אָרע איז דאָ אין דעם צווייטן רום, מיט אַ לאַנדספרוי.

סעמקע: מיט אַ לאַנדספרוי? עפּעס אַ יונגע?

פרומע: ניין, אַן עלטערע פרוי... געקומען ביי אים פרעגן אַן עצה. דאַנקען גאָט, אי לאַנדסלייט, אי לאַנדספרויען קומען איצטער צו אים פרעגן עצות. לייגן ביי אים איין געלט, נדן פאַר זייערע טעכטער. מען ווייס, אַז מיין זון איז איצטער, אַ דאַנק דעם אויבערשטן, אַ בטוח... און נאָך גמלות חסדים קומט מען אויך צו אים. און ער גיט: יעדן גיט ער.

סעמקע: און ווען עמען האָט ער דאָס צו פאַרדאַנקען, פרומע? אַלץ מיר, אַלץ מיסטער בלומ'ען. ווען ניט איך און דער „בום" וואָלט ער נאָך איצט געפּעדלט. מיט גוואַלד האָב איך אים דעמאָלט אַריינגעשלעפּט אין דעם ריעל־עסטייט בום. איצט האָט ער אי כבוד, אי געלט... יאָ, פרומע, דאָס וואָס דער ריעל־עסטייט בום האָט אויפגעטאָן, וואָלט אפילו גאָט אַליין ניט געקענט אויפטאָן...

פרומע: איי, איי, מיסטער בלום, רעדט ניט אויף גאָט, דעם בום האָט ער געמאַכט... נאַ, איך האָב שוין פאַרלאָרן אַן אויג! (פאַרריכט די זאָק) גאָט האָט געוואָלט, אַז מיין זון זאָל ווערן אַ גביר, האָט ער צוגעשיקט אַפריער דעם

בום און נאָכדעם איך צו מיין אָרע׳ן... אַ גוטער שליח זייט איר געווען פון גאָט, מיסטער בלום!

סעמקע: אָל בעט יור סוויט לייף, פרומע! אָבער וואָס זאָגט איר, וואָס מיר מאַכן פון בראָנזוויל. איר קענט דערקענען בראָנזוויל? פרומע, האַ? נייע גאַסן מיט נייע הייזער פאַר מיילן וויט! דאָס טוען אויף אַלץ מיר, די נייע רי־עלסטייטניקעס. מיר טרייבן דעם בום. רייסן אַרונטער די בערגלעך, האַקן אויס די וועלדלעך, פאַרשיטן די גריבער, די זומפן, די בלאָטעס און בויען, בויען, בויען. געדענקט מיינע ווערטער: מיר וועלן אויסבויען די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט, און איך וועל זיין אַ מיליאָנער, אפשר גאָר דער מעיאָר פון שטאָט, צי אַ סענאַטאָר. אַ און אייער זון, פרומע, וועט אויך זיין אַ מיליאָנער. ער האָט שוין אַזוי פיל געלט, אַז איך קען וועטן, אַז ער וואָלט אַזוי פיל געלט ניט געקענט איבערציילן.

פרומע: וואָס דאַרפט איר ציילן זיין געלט, מיסטער בלום? ער האָט דען ביי עמיצן דאָס פאַרנומען? גאָט האָט דאָס אים געגעבן און זאָל גאָט אַליין פירן וויטער דעם חשבון פון מיין זון׳ס אייגנס...

עטל: פאַרוואָס פאַרגינט מען ניט אַזוי מיין פּאַפּאַ׳ן? וואָס אַרט עס מענטשן, אַז ער איז רייך געוואָרן? און מיר פאַרגינט מען אויך ניט, הלמאי דאָקטאָר הודקין איז מיין חתן...

פרומע: נו, אַ דאגה דיר, זאָלן אונדזערע שונאים צעפּוקעט ווערן. פונעם שאָפּ האָט דיך גאָט אויסגעלייזט? אַ חתן אַ דאָקטאָר האָסטו? דיין טאַטע קאָן דיר מאַכן אַ שיינע חתונה? היינט וואָס אַרט דיך? זינדיק ניט, קינ־דעלע. הלוואי וואָלט דיין שוועסטער שרה׳קע דיין מזל געהאַט. וואָלט זי ניט חתונה געהאַט מיט פיניע׳ן. פיניע איז אַ יונגאַטש. ער האָט ניט געדאַרפט זיין דיין טאַטנ׳ס איידעם. ער פאַרגינט אויך ניט דיין טאַטן. (עטל צעוויינט זיך פלוצים. פרומע טוט זיך אַ כאַפּ) קינדעלע, וואָס איז מיט דיר, וואָס וויינסטו? (עטל וויינט)

עטל: אוי באָבע, דו זאָגסט שרה׳קע האָט ניט קיין מזל, און מיין מאַמע? ווען זי וואָלט איצטער געלעבט, וואָלט זי זיך געקאָנט אויסרוען. אין אָרימקייט איז זי געשטאָרבן. איר גאַנץ לעבן האָט זי אָפּגעקרייענקט.

פרומע: שאַ, שאַ, וויין נישט, נאַרעניו, ווען דיין מאַמע וואָלט ניט גע־שטאָרבן, קען זיין, וואָלט קיין בום גאָר אינגאַנצן ניט געווען, און דיין טאַטע וואָלט געבליבן אַ פעדלער. זאָל זי מיר מוחל זיין, זי איז גאָרניט געווען קיין מזל׳דיקע, דיין מאַמע. זינט זי איז געשטאָרבן, אַ ליכטיקן גן עדן, זאָל זי האָבן, האָט זיך דער גאַנצער שלימזל אָפּגעטאָן פון דיין טאַטן.

עטל: (הויבט זיך אויף) יאָ, יאָ, דו האָסט זי ניט ליב געהאַט, דערפאַר רעדסטו אַזוי. רייד ניט אַזוי וועגן מיין מאַמע, דו הערסט? דו ביזט אַ שלעכטע.

פרומע: נו, זאָל זיין אַז איך בין אַ שלעכטע.

עטל: רעדסט נאָך ווען אַ פרעמדער מענטש איז דערביי. (אָפּ רעכטס)

פרומע: געווען װעמען האָלט צו האָבן. מיין זון האָט זיך זיין גאַנץ לעבן מיט איר אָפּגעמוטשעט. וואָס ווייסטו וואָס מיר זיינען פון איר אויסגעשטאַנען? אַליין איז זי געווען געל ווי אַ וועקסענע יום כפור ליכט, הויט און ביינער. יאָרן לאַנג געקרענקט און האָט ניט פאַרגונען אים, למאי ער קרענקט ניט ווי זי. מיינע שונאים זאָלן האָבן אַזעלכע ווייבער.

סעמקע: דערפאַר וועט אייער זון איצטער חתונה האָבן מיט אַ יונגער, שיינער פרוי.

פרומע: ער וויל ניט. איך האָב אים שוין געזאָגט, אַז ער זאָל חתונה האָבן, וויל ער ניט.

סעמקע: וואָס הייסט ער וויל ניט? ער וויל.

פרומע: איך זאָג אייך, ער וויל ניט.

סעמקע: און איך זאָג, אַז ער וויל.

פרומע: איר זאָגט מיר?! איך ווייס דאָך.

סעמקע איך ווייס אויך, פרומע.

פרומע: וואָס ווייסט איר?

סעמקע: אַז איך זאָג, אַז איך ווייס, מסתמא ווייס איך. מיסטער בלום האָט פיינט צו זאָגן ליגן.

פרומע: זאָל זיין, אַז איר ווייסט.

סעמקע: איז דאָ געווען רייטשל?

פרומע: דער רוח? יאָ, זי קומט דאָ אַריין צו עטלען. זי גייט דאָך אויך באַלד חתונה האָבן.

סעמקע: מיט וועמען?

פרומע: עפּעס מיט אַ רייכן אַלמן, זאָגט זי. אַ רחמנות נעבעך, עס וועט זיין אַ גוטער בראָך צו זיינע יאָרן, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן. זי וועט אים שוין פאַרטאַנצן די יאָרן.

סעמקע: ווער איז ער? איר קענט אים?

פרומע: ווער קען אים? ווען איך וואָלט אים געקענט, קען זיין, וואָלט איך אים געזאָגט וואָס פאַראַ סחורה זי איז. איר הערט, פאַר צוויי יאָרן, ניט איצטער געדאַכט, ווען זי איז געווען ביי אונדז אַ באָרדערקע, האָט די גאַל ביי מיר שיר ניט געפּלאַצט. איי, איי וועט עס יענער אַלמן אַריינכאַפּן אַ מציאה. באַשערט עמיצן אַן אומגליק.

(אָרע, אין אַ העלן אנצוג, און מיט אַ יאַרמולקע, קומט אַריין פון רעכטס)

אָרע: (אומקוקנדיק זיך אַהינטער) גודביי, גייט געזונטערהייט. (דער־זעט סעמקע׳ן), אָי, מיסטער בלום, אַ גוטינקן העלאָו אייך.

סעמקע: העלאָו, מיסטער כיריג, איך בין געקומען הערן עפּעס נייעס פון אייך.

אָרע: נייעס? איר הערט דאָך, אָט די לאַנדספרוי וואָס איז ערשט אַוועק, זי האָט מיר געבראַכט איר טאָכטער׳ס נדן. פרעג איך זי, פאַרוואָס ניט אין באַנק? בין איך דען מער בטוח פון דער באַנק? זאָגט זי מיר:

„ביי אייך איז זיכער, און מען דאַרף נישט שטיין און שטופּן זיך און ריידן ענגליש“, כאַ, כאַ, כאַ.

סעמקע: דערלעבט, האַ? מיסטער כיריג? און מען קומט נאָך צו אייך נאָך עצות אויך.

אָרע: וואָס הייסט? מען קומט, ווי צו אַ גוטן אידן. אויף נאמנות איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז איך בין אַזאַ חכם, און אַז איך האָב אַזויפיל נאַרישע לאַנדספּרויען. גיב זיי עצות וועגן דאָקטוירים, שידוכים, קינדער, געשעפטן, איך ווייס? וועגן וואָס ניט?

סעמקע: אוודאי, אַז מע האָט די מטבע איז אָלרייט אויף דער וועלט. זאָגט מיר נאָר, וואָס הערט זיך וועגן יענער געשיכטע? וועט איר מאַכן מיט מיר געשעפט?

אָרע: פאַר זעכציק טויזנט, און דאָס איז אייך. ביי אַן אַנדערן וואָלט איך געבעטן מער. האָט איר געזען די הייזער? צאַצקעס, קאָרטינקעס. איר הערט, מיסטער בלום, ווען איר נעמט צו ביי מיר די הייזער היינט, וועט אייך קאָסטן מיט פינף טויזנט דאָלער ווייניקער ווי מאָרגן, און מאָרגן מיט אפשר צען טויזנט דאָלער ווייניקער איידער איבערמאָרגן. (טוט אים אַ כאַפּ ביים אַקסל) קוקט, פון דאַנען זעט מען אַרויס דעם גאַנצן בלאָק הייזער. (פירט אים צו צו אַ פענצטער און ווייזט אים מיט דער האַנט) קוקט, איר קוקט נאָר אַן, פאַרגעסט ניט, אַז דאָס איז פּענסילווייניע עוועניו. זעט, זעט, סאַראַ קאָרטינקעס, הייזער האַ? פּאַלאַצן! און איך פרעג אייך, ווי קומט דאָס צו מיר? ס'איז דאָך מיין פּלאַן.

סעמקע: מיר אין בראַנזוויל זיינען אַלע געוואָרן גרויסע אַרכיטעקטאָרס. — אפשר פינף און פופציק, מיסטער כיריג?

אָרע: קיין פינף סענט לאָז איך ניט אַרונטער, זעכציק!

סעמקע: צוגעקלאַפּט! איך שיק אייך נאָך אַרויס היינט דעם טשעק.

פרומע: אָרע, דאָ איז מען פריער געוועזן פון דער תלמוד תורה, דו ווייסט, מיין זון?

אָרע: איך ווייס, זייט איך בין געוואָרן פּרעזידענט פון דער תלמוד תורה, טוט מען דאָרטן אָן מיר קיין זאַך ניט. מ'איז היינט צו מיר געקומען פרעגן, צי מען זאָל דאָרטן אַנשטעלן אַ נייעם לערער, וואָס זאָל לערנען מיט די קינדער... ווי הייסט דאָס? אוי, ווי הייסט דאָס? אויפן שפּיץ צונג ליגט דאָס מיר, יאַ, יאַ, עברית, דאַכט זיך אַזוי. וואָס ווילן זיי האָבן פון מיינע יאָרן? (כמעט פאַרצווייפלט) וואָס ווייס איך דערפון? האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ פּרעזידענט און איך דאַרף זיצן, ווען מען פאַרהערט די קינדער, און מישן זיך אין אַזוינע זאַכן, וואָס איך קוק אין דעם ווי אַ האָן אין בני אדם. עס איז דאָך אַ בזיון, ווי קום איך צו זיין אַ פּרעזידענט פון אַ תלמוד תורה?

פרומע: (מישט זיך אַריין) אָרע, דו רעדסט שוין ווידער נאַרישקייטן? וואָס איז, פאַרוואָס זאָלסטו ניט האָבן אַביסעלע כבוד? ווייניק צדקה גיסטו? ווייניק העלפסטו אויס מענטשן? דו האָסט געגנוג צרות געהאַט אויף דיין לעבן, מעגסטו איצטער האָבן אַ ביסעלע נחת.

אָרע: וואָס פאַראַ נחת, מאַמע? איך האַלט דאָך דאָס פאַר אַ בזיון. וואָס פאַראַ מחותן, בין איך, אַזאַ עם הארץ, מיט קדושה, מיט תורה? אָט למשל, מאַמע, אַ רב צו זיין איז דאָך אַוודאי אַ כבוד. נו מאָל זיך אויס, אַז מען מאַכט מיך פאַר אַ רב און מען קומט צו מיר, אַז איך זאָל פסק'ענען שאלות. וואָלט דאָס ניט געווען אַ בזיון, מאַמע, האַ? אָט אַזאַ בזיון איז, ווען איך בין פרעזידענט פון תלמוד תורה. מאַמע, איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, איכ'ל זיך קריגן מיט זיי, אַז איך זאָל ווערן אויס פרעזידענט. נאָט אייך געלט, וויפיל איר ווילט, איכ'ל חלילה די תלמוד תורה ניט לאָזן פאַלן, אָבער אַזאַ עם הארץ ווי איך, וויל ניט זיין קיין פרעזידענט.

סעמקע: אַפנים קיין גרויסער למדן זייט איר ניט, מיסטער כיריג?

אָרע: (טוט אַ זיפץ) פון וואַנען? אַ פריץ האָט פאַרלאָרן, וואָס? ביז צוועלף יאָר האָב איך געלערנט אין אַ חדר און דערנאָך עט... איי, מיסטער בלום, איר הערט, ווען איך בין איצטער אַ שטיקל למדן, כאָטש ווי מיין איידעם פיניע, איי איי איי, איצטער, ווען גאָט האָט מיר געהאָלפן, וואָלט איך געלערנט יומם ולילה, וואָלט אָכטונג געגעבן, אַז אין דער תלמוד תורה זאָל מען ריכטיק לערנען. אַזוי, אָבער בין איך אין דעם אַ בלינדער. מען זאָגט מיר לערנען עברית, קומט דאָס אויס ביי מיר פּידרעך.

סעמקע: וואָס מיינט דאָס, מיסטער כיריג?

אָרע: איך מיין, איר פאַרשטייט, אַזוי לערנט מען געוויינלעך וידבר — האָט גערעדט, ווילן יענע לערנען וידבר, איז וידבר. קומט דאָס אויס פאַר מיר פּידרעך. און אפשר זיינען זיי גערעכט? וואָס ווייס איך? זיי זיינען דאָך די למדנים און איך בין דאָך דער עם הארץ. מילא, פאַרפאַלן. וועט איר טרינקען טיי, מיסטער בלום? מאַמע, זיי זיך מטריח און הייס אַריינטראָגן אַ פאָר גלעזער טיי אַהער.

פרומע: (הויבט זיך אויף) מיט וואַרעניעס?

אָרע: דערלאַנג וואַרעניעס אויך.

פרומע: אַ דאַנק גאָט, אין שטוב ביי אונדז קריגט מען היינט פון פויגל-מילך. (אָפּ)

סעמקע: וואָס הערט זיך מיט אייער עניין, מיסטער כיריג, איך מיין מיט דעם ריכטיקן עניין?

אָרע: רייטשל, דאַרף דאָ באַלד זיין. איכ'ל היינט מאַכן אַ סוף. איך וועל זיי זאָגן, אַז איך גיי מיט איר חתונה האָבן.

סעמקע: (לאַכט) אוי וועט דאָ היינט זיין פריילעך, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז איר זייט דאָס דער אַלטער, רייכער אַלמן, וואָס גייט מיט איר חתונה האָבן.

אָרע: איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איינמאָל פאַר אַלעמאָל, היינט מוז איך מאַכן אַ סוף, לענגער וואַרטן איז קיין שכל ניט.

סעמקע: (לאַכט) און קיין כוחות, זיינען טאַקע אויך ניטאָ, אמת, מיסטער כיריג?

אָרע: איי, איר זייט אַ שייגעץ. (פויזע) יאָ, מיסטער בלום, איך פאַרגעס אַלץ ביי אייך צו פרעגן... פאַרוואָס איז רייטשל מיט אייך אַזוי לאַנג ברוגז געווען?

סעמקע: כ׳ווייס, פאַר אַ ליטל נאָטינג. אָה, מיט איר דאַרף מען וויסן ווי צו ריידן.

אָרע: יאָ, יאָ, זי איז אַ האָנאָראָווע. באַלד־וואָס ברוגז׳ט זי זיך. אָבער אַ טייער קינד. וואָס זי טוט אַמאָל אַ שטיף? פאַרוואָס ניט? אַ יונגע ציגעלע פאַבריקעוועט אַמאָל. נישקשה, ווען מיין מאַמע וועט זי בעסער דערקענען, וועט זי זי אויך האָלט האָבן.

סעמקע: איר זעט אָבער, מיסטער כיריג, ווי איך האָב געהאַלטן דעם סוד? איר האָט מיר דעמאָלט דערציילט וועגן דעם און מיך געבעטן, איך זאָל שווייגן, איז שאַ! וואָס אַרט אייך, זי וועט אייך זיין אַ טייער ווייב. איכ׳ל מיט איר אויך נאָך אַ שמועס טאָן וועגן דעם, פאַרלאָזט זיך אויף מיסטער סעם בלום.

(פרומע מיט די וואַרעניעס, הינטער איר אַ דינסט מיט צוויי גלעזער טיי)

פרומע: אַן אומגליק און גאָר. מען דאַרף האָבן צוואַנציק אויגן צו די דינסטן. איין דינסט איז געווען ווייניק, נאָך צוויי אַריינגענומען! ווער האָט דאָס אַזויפיל כוח אויף זיי אַכטונג צו געבן? רבונו של עולם, זיי מאַכן דאָך חרוב די שטוב.

אָרע: וואָס שוין ווידער?

פרומע: טאָפּטשען מיט די פיס אויף די קאַרפּעטס. קאָסטן אַזויפיל געלט.

אָרע: נו, אַ דאגה דיר אַ גרויסע.

פרומע: וואָס הייסט אַ דאגה? און, אַז עס וועט ליגן גאָלד אויף דר׳ערד, דאַרף מען אויף דעם אויך טרעטן? אוי, מיין זון, ווען איך זאָל ניט אַכטונג געבן מיט מיינע אַלטע אויגן, וועלן אפילו קורח׳ס אוצרות דיר ניט סטייען. וואו וועסטו טרינקען דעם טיי?

אָרע: אין דעם צווייטן רום. קומט, מיסטער בלום. (אַלע אָפּ, לינקס. פרומע קערט זיך צוריק, זעצט זיך ווידער אויף איר פריערדיקן אָרט מיט דעם זאָק. די דינסט גייט דורך דאָס צימער און אָפּ רעכטס, מען קלינגט)

פרומע: (שרייט) ביילקע, עפן נאָר דאָרטן די טיר, מען האָט געקלונגען. (צו זיך) מסתמא עטעלע׳ס חתן, דער דאָקטאָר.

(רייטשל אָנגעטאָן מיט שיק און עטל מיט איר. אין די הענט האַלט רייטשל אַ שאַכטל קאָנפעקטן)

רייטשל: העלאָו, פרומע.

פרומע: (אונטערן נאָז) אָה, סקאָצל קומט.

רייטשל: (גייט צו צו איר) אַ שטיקעלע קענדי, פרומע?

פרומע: כ׳וויל ניט. מוחל.

רייטשל: נאַ, נעמט און זייט ניט ברוגז. (שפּאַרט איר אַריין אַ צוקערקע אין מויל)

פרומע: טפו, עפּעס אַ זיס־חלשות.

רייטשל: אוי, פרומע, איר זייט גאָרניט קיין מבינ׳טע אויף גוטער סחורה.

פרומע: דערפאַר בין איך אַ מבינ׳טע אויף אַזאַ גוטער סחורה ווי דו ביסט.

רייטשל: געוואַלט, פרומע, פאַרוואָס האָט איר מיך איצטער פיינט? איך בין שוין ביי אייך ניט מער אייער באַרדערקע, איך נוץ שוין ניט מער אייער צוקער, איך נוץ שוין ניט מער אָפּ אייער בעט, איך טאַנץ ניט מער אויף אייער פּאָדלאָגע, און איך פאַרשריי אייך, דאכט זיך מיר, ניט מער אייער קאָפּ, פאַר־וואָס האָט איר מיך איצט פיינט?

פרומע: איך האָב דיך ניט פיינט. ווער זאָגט דיר, אַז איך האָב דיך פיינט? אַבי דו ביזט פון דער ווייטנס און ניט דאָ ביי מיר אין שטוב, האָב איך דיך ניט פיינט.

רייטשל: מילא, אַבי עמיצער אַנדערש האָט מיך ליב. ווי געפעלט דיר מיין נייע קלייד, עטל. (דרייט זיך פאַר איר)

עטל: ביוטיפול. ווידער דער חתן?

רייטשל: ווער דען? איך אליין וועל באַצאָלן צוויי הונדערט דאָלער פאַר אַ קלייד?

פרומע: ער מוז דאַרט זיין אָדער אַ משוגענער, אָדער אַ הולטאַי, דיין חתן.

רייטשל: אַזוי מיינט איר?

פרומע: און אויב ער איז דאַרטן אַ קלאָרער מענטש, האָב איך אויף אים גריילעך רחמנות.

עטל: באָבע, איך האָב דיך געבעטן, זאָלסט זיך מיט איר ניט קריגן ווען זי קומט צו מיר.

רייטשל: אַ דאגה דיר עטל, זאָל זי.

פרומע: וואָס איז? וואָס איז? דו מיינסט ווייל זי האָט געקראָגן אַ רייכן אלמן פאַר אַ חתן, דערפאַר מוזן מיר זיך היטן פאַר אַ וואָרט מיט איר?

רייטשל: איר פאַרגינט מיר ניט מיין רייכן חתן, פרומע, האַ?

פרומע: איך פאַרגין דיר ניט? אַ דאַנק גאָט וואָס איך אַליין דאַרף מיט דיר ניט חתונה האָבן.

עטל: קום, רייטשל, אַריין אין פראָנט רום.

פרומע: (טוט זיך אַ כאַפּ) גייט ניט אַהין. איר וועט מיר טאָפּטשען אויפן קאַרפּעט. איך גיי אַוועק פון דאַנען. איכ׳ל אייך מער ניט שטערן, אַבי טאָפּטשעט ניט אויפן קאַרפּעט. (הויבט זיך אויף און ברומט פאַר זיך אַרויס) פאַרוואָס האָב איך זי אַזוי פיינט? (אָפּ רעכטס)

רייטשל: (קוקט איר נאָך) ווען זי וואָלט געוואוסט ווער מיין חתן איז, וואָלט זי שוין אַזאַ מויל ניט געעפנט אויף מיר.

עטל: פאַרוואָס ברענגסטו ניט אַמאָל דיין חתן אַהער?

רייטשל: אָט, נאָך אונדזער חתונה. דו וועסט אים שוין זען. איר וועט שוין אַלע אים קענען. (צעלאַכט זיך. גייט צו צום פענצטער רעכטס און קוקט

אַרויס, דערנאָך פלוצים) זע נאָר עטל, (טוט אַן עפן אויף דאָס פענצטער און שפּאַרט אַרויס דעם קאָפּ)

עטל: (צוגעגאַנגען) וואָס איז דאָרט?

רייטשל: זע נאָר דעם שיין, ווייס הינטעלע. (הויבט אָן פייפן)

עטל: מיין דאָקטאָר האָט מיר צוגעזאָגט, אויך צו קריגן אַ שיין, ווייס הינטעלע.

רייטשל: (מאַכט צו דאָס פענצטער) איכ׳ל זיך אויך קריגן אַזאַ הינ־טעלע.

עטל: דיין חתן איז דען אַ ציוויליזירטער מענטש?

רייטשל: איכ׳ל אים שוין ציוויליזירן.

(סעמקע, פון לינקס)

סעמקע: העלאָו, רייטשל.

רייטשל: (דערזעט אים, ווערט זי צעמישט — מיט אַ טאָן ווי ברוגז) העלאָו. (קערט אָפּ דעם קאָפּ)

סעמקע: (צו עטלען) עטל, פּליז, קאָנט איר מיר געבן אַ גלאָז וואַסער?

עטל: שור. (אָפּ)

רייטשל: (רעדט שנעל) איר האָט מיר צוגעזאָגט ניט צו קומען מער אַהער.

סעמקע: נאָך אייער חתונה האָב איך געמיינט.

רייטשל: נאָך מיין חתונה... (טוט אַ זיפץ) ווען איר וואָלט געוואוסט מיט וואָס פאַראַ הארצן... מיסטער בלום, נאָך איצטער, זאָגט נאָר איין וואָרט און אויס חתונה... איך האָב אים ניט ליב, איר הערט, איך קען אים ניט אויסשטיין. מיט אים גיי איך זיך פאַרסמן. איר קענט מיך ראַטעווען. זאָגט נאָר איין וואָרט.

סעמקע: רייטשל, דאָראָגאַיאַ מאַיאַ, גלויב מיר, ווי זאָגט דער פּאָעט נעקראַסאָוו?...

רייטשל: הערט אויף מיט אייערע פּאָעטן, איר האָט מיך משוגע געמאַכט מיט אייערע פּאָעטן.

סעמקע: גלויב מיר, אַז איך ליב דיך ניט ווייניקער ווי דו מיך, אַז איך לייד אפשר נאָך מער ווי דו, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיינע וויל זיך דאָך נישט גטן?! אַזוי איז שוין אונדזער ביידנס ביטערער שיקזאַל. מער ווי טראַכטן פון מיין שיינער געטין טאָר איך ניט.

רייטשל: איר רעדט נאָר שיינע ווערטער. דעמאָלט, אין יענעם אויפדערנאַכט, האָט איר מיר אויך דעם קאָפּ פאַרדרייט, מיך פאַראומגליקט מיט אייערע זיסע רייד.

סעמקע: שאַ! ביזסטו משוגע, אָרע איז אין יענעם רום!

רייטשל: טאָ האָט רחמנות, מיידט מיך אויס, איר צעמישט מיר דעם מוח ווען איך דערזע אייך. איך ווייס דאַן ניט וואָס איך רייד און וואָס איך טו.

סעמקע: וועל, רייטשל, איך האָב דיר שוין נעכטן געזאָגט, מען מוזליידן ווי בראַווע מענטשן. מיר וועלן פאַרבלייבן פריינט, דער בעסטער פריינט

דיינער וועל איך זיין. אייביק, אייביק וועל איך זיין גרייט דיר צו העלפן. דו ווייסט הייראַטן, מיסטער כיריג׳ן. קיין בעסערער שידוך קען גאַרניט זיין פאַר דיר.

רייטשל: קיין בעסערער שידוך קען גאַרניט זיין פאַר מיר ווי אַטאַ דער, האַ? אַלרייט. (מיט גאַל) נו אַוודאי, קיין אנשטענדיק מיידל בין איך דאָך שוין מער ניט. און יענער איז רייך, און מיר וועט ביי אים זיין גוט. אָבער איך וועל אים ליבן אויך, איר הערט, יאָ יאָ, אייך אויף צולהכעיס, וועל איך אים ליבן. איך האָב אים שוין איצטער ליב, גזלן!

סעמקע: שאַ, שאַ, עטל קומט!

(עטל קומט, מיטן גלאָז וואַסער, סעמקע נעמט דאָס וואַסער) טענקיו. (אויסגעטרונקען) (צו רייטשלען) וועלן מיר זיך נאָך זען?

רייטשל: אפשר אויף יענער וועלט, דאָ ניט.

סעמקע: וועל איך דאָן, הייסט דאָס, האָבן דעם ריכטיקן גן עדן אויף יענער וועלט. (רייטשל קערט אָפּ פון אים דעם קאָפּ) גודביי! (אָפּ)

עטל: ד׳האָסט זיך מיט אים ווידער צעקריגט?

רייטשל: איך האָב אים אין דר׳ערד, דעם שאַרלאַטאַן!

(פרומע קומט אַריין פון רעכטס)

פרומע: (צוגעגאַנגען צו דער טיר און רופט) ווילסט נאָך אַ גלאָז טיי, אָרע?

(אָרע קומט אַרויס)

אָרע: ניין, מאַמע, (דערזעט רייטשלען) רייטשל? מאַמע, פאַרוואָס בעטסטו ניט רייטשלען זיך זעצן?

פרומע: זי זעצט זיך ניט געבעטענערהייט, דו קענסט זי ניט?

אָרע: (לויפט צו צו איר) מאַמע, אוי ווײ איז מיר, ווי רעדסטו? ביי מענטשן רעדט מען ניט אַזוי. (שטיל) זאָג איר, איי בעג פאַרדען.

פרומע: וואָס נאָך זאָל איך איר זאָגן?

אָרע: מאַמע, איך בעט דיך, זאָג איר איי בעג פאַרדען, טו מיר די טובה.

פרומע: נו, שאַ, שאַ, ס׳געהערט גאָר, אַ נייעס גאָר, יוצא זיין פאַר רייטשקען אויך. (צו רייטשלען) רייטשל, אי בעג... ווי זאָגסטו, אָרע?

אָרע: (שטיל) פאַרדען.

פרומע: נו זאָל זיין אַזוי ווי דו זאָגסט, פאַרדען, פאַרדען, שוין גוט? צופרידן?

אָרע: (צו רייטשלען) זי האָט חלילה קיין שלעכטס ניט געמיינט.

רייטשל: אַ, נעווער מיינד.

עטל: (גייט צו צו אָרע׳ן און מאַכט צו אָם שטיל) פּאַפּאַ.

אָרע: וואָס, מיין קינד? (קוקט אויף איר מיט ליבע)

עטל: (שטיל) דו דאַרפסט זאָגן איי בעג יאָר פאַרדען, ניט איי בעג. דער דאָקטאָר האָט נעכטן געלאַכט.

אָרע: און ווי זאָג איך? אַהאַ, איך ווייס שוין, דו זאָגסט איי בעג פּאַרדען? (חזרט איין) איי בעג פּאַרדען, איי בעג פּאַרדען. גוט. איכ'ל שוין געדענקען. (לאַכט) איכ'ל זיך שוין אויסלערנען ריידן ווי עס באַדאַרף צו זיין. הלוואי וואָלט איך זיך אַזוי אויסגעלערנט צו לערנען אַ פּרק משניות. (צו פרומע'ן) מאַמע, איך האָב צו דיר אַ בקשה. זיי אַזוי גוט טו אַ רוף אַהער שרה'קען און פּיניע'ן. (חזרט ווידער) אַי בעג פּאַרדען, אַי בעג פּאַרדען, אַי בעג פּאַרדען. (רייטשל און עטל שטייען און ריידן שטיל צווישן זיך)

פרומע: שרה'ען און פּיניע'ן רופן? וואָס עפּעס מיטאַמאָל? דו ווילסט דאָך ניט, אַז דער יונגאַטש פּיניע זאָל אַהער גיין צו דיר.

אָרע: ער איז טאַקע אַ יונגאַטש. אָבער אַן אייגענער. מיט אַן אייגענער מכה, מאַמע, מוז מען זיך קראַצן.

פרומע: גוט, מיין זון, איך גיי.

אָרע: האָב קיין פאַריבל ניט, מאַמע, וואָס איך בין דיך מטריח. איך דאַרף זיי האָבן וועגן אַ זייער נויטיקן ענין.

פרומע: (הויבט זיך אויף) אָט, איך גיי. (וויל גיין)

אָרע: (מיט התפעלות) מאַמע, כ'האָב גאָר פאַרגעסן דיר צו דערציילן, איך גיי דאָך באַלד בויען אַ נייע תלמוד תורה, און אונדזער רב, דעם יאַנאָוויצער (גייט צו צו איר און זאָגט איר שטיל) האָב איך געהייסן אויסגעפינען ווער ביי אונדז דאָרט אין שטעטל איז אַן אָרימע כלה. איך וויל יענער צושיקן אויפן נדן. אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן און אונדזער עטעלע האָט אַזאַ חתן, מעג אַן אָרימע כלה פון אונדזער שטעטל אויך חתונה האָבן.

פרומע: (מיט פרייד) אוי גאָטעניו, איך דאַנק דיר פאַר אָט דעם נחת. (הויבט אויף ביידע הענט און אָפּ)

אָרע: (צו רייטשלען) ווען גאָט האָט מיר געהאָלפן, וויל איך עפּעס אויפטאָן פאַר אַנדערע אויך.

רייטשל: קיין עולה ניט. אַ מענטש דאַרף זיך פירן לייטיש.

אָרע: כ'ווייס, דאַכט זיך איך טו וואָס איך קען. קיין נדבה זאָג איך קיינמאָל ניט אָפּ. חברה גמילות חסדים, חברה תהלים, די תלמוד תורה, אַלע קריגן ביי מיר, און וואָס עס איז שייך לעבן אַזוי אויף אַ לייטישן אופן, האָב איך אַ הויז, די שענסטע, אַ קאַראַט מיט פערד, אַ דאָקטאָר אַ חתן פאַר מיין עטלען און דאָ האָב איך זיך איינגעפּיקסט טייערע שאַפעס מיט ביכער. אַלע האָבן זיך דאָס איצט איינגעפּיקסט אין זייערע הייזער, האָב איך זיך דאָס אויך ביי זיך אין דער הויז. טייערע ביכער. קאָסטן אַ שיינע מטבע. (שטיל) און אַלץ צוליב דיר. מחמת כ'האָב געוואָלט, אַז ווען דו וועסט מיט מזל חתונה האָבן, זאָלסטו געפינען ביי מיר אַלץ ריכטיק ווי ביי לייטן (גייט אַריין אין צימער אין הינטערגרונט און שלעפּט אַרויס אַ דיקן בוך פון שאַפע) זע נאָר ביכער, ווי זיי זיינען איינגעבונדן. לעדער מיט גאָלדענע אותיות. דאָס איז... דאָס איז... (צו עטלען, וועלכע זיצט איצט לעבן דער פּיאַנאָ) עטעלע, ווי הייסט דאָס בוך מיט די גאָלדענע אותיות וואָס דיין דאָקטאָר לויבט אים אַזוי?

עטל: שעקספיר, פּאַפּאַ.

אָרע: יאָ, יאָ, שעקמיר. דער דאָקטאָר זאָגט אַז גאָר פּלאַי פּלאַים. זע נאָר אַ סחורה.

רייטשל: איר האַלט דעם בוך פאַרקערט.

אָרע: (דרייט אים איבער) איי בעג פּאַרדאָן. אָבער זע נאָר אַ סחורה. שעקמיר, גאָלדענע אותיות. ריכטיקע לעדער און ווי שווער. (וועגט אויף דער האַנט) צען פונט איין בוך. מסתמא ווערט דאָס געלט. איך ווייס, אַז דער דאָקטאָר זאָגט, ער ווייס דאָך מסתמא. אין דעם פאַרלאָז איך זיך אינגאַנצן אויף דעם דאָקטאָר. וואָס ווייס איך וועגן אָטאָ דעם אָ? (שטעלט אַריין דעם בוך צוריק אין שאַנק)

רייטשל: נאָ, מ׳דאַרף גיין.

אָרע: (טוט זיך אַ כאַפּ) האַ? גיין? וואַרט. (ווינקט צו איר מיט די אויגן זי זאָל בלייבן. גייט צו צו עטלען און טוט זי אַ קוש) קינדעלע, דיין דאָקטאָר קומט באַלד. האָסט זיך געדאַרפט עפּעס אַ פוץ טאָן. ביי לייטן טוט זיך אַ כלה אָן, אַז עס בלישטשעט און פינקלט פון איר. אָט קוק אָן רייטשלען, זעסט, קיין עין הרע ניט, בלישטשעט ווי אַלע זיבן זונען.

עטל: (הויבט זיך אויף פון דער פּיאַנאָ) איך גיי, איכ׳ל אָנטאָן די ווייסע דרעס.

אָרע: און די ווייסע שיך אויך, מיין קינד. אַ דאָקטאָר׳ס אַ כלה, מוז זיך אָנטאָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ דאָקטאָרשע.

עטל: גודביי, רייטשל.

רייטשל: גודביי, עטל. (צו אָרע׳ן) אַ ליב מיידעלע.

אָרע: אַלץ הייסט, אַ ליב. דאָס אויג פון קאָפּ איז זי ביי מיר.

רייטשל: דאָס אויג פון קאָפּ? איר האָט דאָך געזאָגט, אַז דאָס אויג פון קאָפּ איז ביי אייך אַן אַנדערע.

אָרע: (גלעט זיך די באָרד) דאָס הייסט... אַי בעג פּאַרדען... איינע איז זי, און דאָס צווייטע ביזטו, גנב! (קוקט זיך אום אויף אַלע זייטן, און שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ שאַכטל) אָט, פאַרניץ געזונטערהייט. (גיט איר)

רייטשל: (עפנט דאָס שאַכטל) אוירינגען? אַ דאַנק.

אָרע: אַכט הונדערט באַצאָלט. טאָקע די וואָס דו האָסט געוואָלט.

רייטשל: נאָכאַמאָל אַ דאַנק.

אָרע: וואָס דאַנקסטו מיר, נאַרעלע, דאָס איז דאָך אַ מתנה פון דיין חתן. איך האָף, אַז דיר וועט ניט פאַרדריסן, אַז דו וועסט חתונה האָבן מיט מיר.

רייטשל: פאַרוואָס זאָל מיך עפּעס פאַרדריסן?

אָרע: כ׳מיין דאָך. ווי אַ בת מלכה וועסטו ביי מיר לעבן. פון פייגל מילך וועט דיר ביי מיר ניט פעלן. וואָרום דו ווייסט דאָך דעם אמת, רייטשעלע, ווי דו ביזט מיר איינגעבאַקן אין האַרצן.

רייטשל: איך האָב אייך אויך ליב. וואָס איר זייט אַביסל עלטער איז ביי מיר קיין חסרון ניט. עלטערער וויין, זאָגט מען, איז געשמאַקער.

אָרע: וואָס? עלטער? לאָך זיך אויס פון דעם. איך האָב דאַנקען גאָט כוח ווי צען יונגע און, ווידער, איכ'ל דיר זאָגן דעם אמת, רייטשל, מיט דיר קען איך דאָך רעדן אָפן, דו ביזט שוין כמעט מיין אייגענע ווייב. (גייט איבערן צימער און גלעט זיך די באָרד)

רייטשל: רעדט, רעדט, שעמט זיך ניט.

אָרע: איך מיין דאָך, וואָס איז דאָ וואָס צו שעמען זיך פאַר דיר? (וויל זאָגן, שעמט זיך דאָך און הויבט אָן צו הוסטן)

רייטשל: נו, וואָס האָסטו מיר געוואָלט זאָגן?

אָרע: האָ? אפשר? כ'וויים, א... אפשר, אפשר, אפשר, ביזטו נאָך צו יונג, אַז איך זאָל מיט דיר ריידן דערפון. אָבער... כ'מיין, מיינע איז געווען אַזוי קראַנק, אַז, אַז... קורץ, רייטשל, איך בין מער בחור פון אַלע יונגע בחורים...

רייטשל: שעמען, שעמט איר זיך נאָך מער ווי אַ יונגער בחור, כמעט ווי אַ יונג נאַריש מיידל.

אָרע: איך שעם זיך? וואָס הייסט, איך שעם זיך? גאַרנישט, כ'בין דאָך ניט עפּעס אַ יונגאַטש. אַ איד, ווי זאָגט מען, ניט קיין הולטאַי, חלילה, ניט קיין מיסטער בלום, חלילה... (גייט צו צו איר) רייטשל, דו מיינסט, אַז ווען איך וואָלט וועלן, וואָלט איך ניט געקענט מאַכן אָט די אַלע תנועות פון די היינטיקע יונגע שקצים? (טוט זי אַ גלעט) אַזוי, אַ געזונט דיר אין האַרצן. פריער, ווען דו ביזט געווען מיין באַרדערקע האָט זיך מיר אפילו ניט געחלומט, אַז דו, אַזאַ מויד קיין עין הרע ניט, וועסט אַמאָל זיין... מיין כלה. ווי שיין דו ביזט, אוי געוואָלד, אַז איך האָב גאָר קיין לשון ניט. רייטשעלע, אוי! אוי! אוי! אוי! (טוט זי אַ קוש)

רייטשל: (רוקט זיך אָפּ פון אים) אוי, אייער באָרד מאַכט פון מיין פנים אַ תל. פאַרוואָס זעט איר ניט צו טאָן עפּעס.

אָרע: וואָס פאַלט דיר איין, נאַרעניו? ווען איך האָב געפּעדלט און די לאָופערס האָבן מיך מיט שטיינער פאַרוואָרפן און געשריען „וויסקערס” האָב איך מיין באָרד ניט געטשעפּעט. אַ פשיטא, איצטער, אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן, און איך דאַרף ניט מורא האָבן פאַר קיין לאָופערס, און איך בין נאָך אַ פּרעזידענט פון אַ תלמוד תורה אויך.

רייטשל: מילא, ווען אייך איז דאָס ליב, איז מיר ניחא.

אָרע: באַלד וועלן זיי אַלע וויסן, אַז מיר גייען חתונה האָבן. אוי רייטשל, מיר איז אויפן האַרצן אַזוי שמחת תורה'דיק. איך בין פאַרשכורט ווי פון גוטן וויין. גאָטעניו, בין איך טאַקע דאָס יענער אָרע צי אַן אַנדערער אָרע? יענער האָט דאָך אפילו קיינמאָל ניט געחלומט פון אַזאַ עולם הזה. רייטשל, זאָג, וואָס אַזוינס זאָל איך טאָן דו זאָלסט זיין צופרידן?

(מען קלינגט)

רייטשל: עמיצער קומט אַהער. אפשר זיינען דאָס אייערע, איכ׳ל אריינ־גיין אין יענעם צימער. (אָפּ לינקס)

(אברהם גוטמאַן קומט אַריין, שטאַרק אויסגעפּראַנטעוועט, מיט גבורדיקער האַלטונג)

גוטמאַן: אַ גוטן. איך בין געווען ביי דיר אין אָפיס, אָרע, האָט דיין בוכהאַלטער מיר געזאָגט, אַז דו ביזט דאָ און האָסט שוין דעם טשעק פאַר מיר.

אָרע: יאָ, יאָ, איך האָב אים. איך דאַרף אים נאָר אונטערשרייבן. (נעמט אַרויס פון אונטערן בוזים אַ טשעק) צוועלף טויזנט דאָלער, האַ, אַברהם?

גוטמאַן: יאָ, צוועלף.

(אָרע כאַפּט אַ פעדער פון אַ טישל דערביי, זעצט זיך אַוועק, פאַרקאַטשעט הויך דעם אַרבל און הויבט אָן צו פירן מיט דער פעדער איבערן טשעק, רעדט דערביי לאַנגזאַם)

אָרע: אַזאַ פאַסיקל, דאָ אַזאַ פאַסיקל, און פאַרטשעפּעט אַהער מיטן קעפּל. און דאָ ווי אַ וואָוו, און ווי אַ ח און ווי אַ קרומע קעפּל און נאָכאַמאָל פאַרטשעפּעט און נאָך דעם אַזאַ פאַסיקל און דאָס ווערט אַראָן קיריג. (הויבט זיך אויף און ווישט אָפּ מיטן אַרבל דעם שטערן) נאָ! אַברהם, דו האָסט זיך שוין אויסגעלערנט אונטערצושרייבן דיינע טשעקס? איך האַרעווע נאָך אַלץ, ווען איך דאַרף אונטערשרייבן אַ טשעק. און דערביי מוז איך נאָך געדענקען די פאַסיקלעך, מיט די עקעלעך און די קעפּעלעך, אָט אַזוי ווי חיים עליע, מיין בוכהאַלטער, האָט מיך אויסגעלערנט. אַניט קען איך ניט אַרויסקריכן.

גוטמאַן: און איך פייף אויף דעם, אָרע. ווי איך שרייב ניט אונטער מיינע טשעקס בין איך דער גרעסטער שרייבער. אַנו זאָל מיר ווייזן עמיצער מיטן בעסטן כתב, אַז ער זאָל געבן זיינעם אַ טשעק אויף פופציק טויזנט ווי מיינער מיט די לאַפּאַטעס און קאַטשערעס — אַ מכה!

אָרע: (קוקט אים אָן) אברהם, איי אברהם, איך קוק אויף דיר און איך וואונדער זיך, וואָס פון דיר איז געוואָרן זינט גאָט האָט דיר געהאָלפן.

גוטמאַן: וואָס איז?

אָרע: אָט, געהאָט אַמאָל אַ באָרד, אויסגעזען עפּעס יידישלעך און היינט מיט די וואָנצעס, אָן אַ באָרד, עפּעס גאָרניט דער פריערדיקער אברהם גוטמאַן.

גוטמאַן: וואָס איז? דו בענקסט נאָך דעם פריערדיקן אברהם גוטמאַן? איך בענק ניט נאָך דעם. אָרע, דו ביזט אַ שוטה. דו פאַרשטייסט ניט ווי צו לעבן. לערן זיך פון מיר. טאָקע געגעבן צדקה, געהאָלפן אָרימעלייט, גע־דאַוונט אפילו יעדן טאָג, אָבער פון עולם הזה דאַרף מען אויך הנאה האָבן. פריער, אַז מען איז געווען אָרימע לייט, נו, איז נו, האָט מען זיך געקענט עפּעס העלפן? אָבער היינט, און עס איז דאָ אַזויפיל צו זען און צו הערן, עס איז דאָ אַזויפיל הנאה צו האָבן.

אָרע: איי שווייג, דו ביזט געוואָרן אַזאַ הולטאַי ווי אַלע אַנדערע. באַלד, באַלד, ווי מיסטער בלום. מען דערציילט זיך דאָ אָן, אַז עס איז סדום און עמורה אין בראָנזוויל. מע הולטאַיעוועט, און מע... מע . . . אַז ס׳איז דאָך גאָר מיאוס צו

ריידן דערפֿון. און אפֿילו חיים זוסיע פֿליך, זאָגט מען, האָט זיך געגט מיט זיין ווייב און חתונה געהאַט מיט זיין דינסט.

גוטמאַן: (לאַכט) נו, מיינסטו, אַז ער איז אַ נאַר?

אָרע: פֿע, מיר געפֿעלט עס ניט.

גוטמאַן: אַ, איך האָב דאָך פֿאַרגעסן, דו ביזט דאָך פּרעזידענט פֿון דער תּלמוד תּורה.

אָרע: איך וואָלט עס דיר אָפּגעגעבן. איך בין ניט געגאַרט. איך ווייס, אַז מיר קומט ניט אַזאַ כּבֿוד.

גוטמאַן: ביזטו אַ בהמה, ביזטו אַ פֿערד, פֿאַרוואָס קומט דיר ניט אַזאַ כּבֿוד? דיך קאָסט דאָס ניט קיין געלט, וואָס?

אָרע: (טוט זיך אַ גלעט די באָרד) אברהם גוטמאַן, נישט איך קען דיך פֿאַרשטיין, נישט דו קענסט מיך פֿאַרשטיין, זאָלן מיר בעסער דערפֿון ניט ריידן. זאָג מיר בעסער, ווען שטעלסטו זיך בויען אויף סעינט מאַרקס עוועניו.

גוטמאַן: די טעג. איך וויל פֿון דיר אַ טובֿה, אָרע. ביי אונדז אין שול דאַרף מען איצט אויסוויילן אַ נייעם גבאי. פֿאַרוואָס קומט שמואל עליע׳ן צו זיין גבאי, פֿרעג איך דיך? וואָס איז, ער גיט מער געלט אויף דער שול ווי איך אָדער דו? פֿאַרוואָס זאָל ניט זיין גבאי דו אָדער איך?

אָרע: איך וויל קיין גבאי ניט זיין, מוחל. און אַזאַ איד ווי דו טאָר אודאי קיין גבאי ניט זיין. שמואל עליע דאַרף בלייבן גבאי, ווייל ער איז אַ פֿרומער איד און אַ למדן.

גוטמאַן: איי, ביזט אַ שוטה. (אָפּ)

(מען קלינגט ווידער. אָרע צוגעגאַנגען צום פֿענצטער)

אָרע: אַהאַ, דאָקטאָר! עטל וואַרט אויף אייך.

(רייטשל אַרויסגעקומען פֿון לינקס)

רייטשל: אייער דאָקטאָר קומט?

אָרע: יאָ, איכ׳ל גיין אָנזאָגן עטעלען. (אָפּ לינקס)

רייטשל: (מיט גאַל) עטל אַ דאָקטאָר. און איך, די כּלה פֿון — נו! נו!

(דאָקטאָר הודקין, אַ פּראַנט, אין אַ העלן אַנצוג, קומט אַריין)

הודקין: האו דו יו דו.

רייטשל: העלאָו, די דאָקטאָרשע, איך מיין עטל, איז ביי זיך אין רום.

הודקין ווי גייט עס אינען? מיס ע...

רייטשל: ניט מיס ע... נאָר מיס קאַץ, מיס רייטשל קאַץ.

הודקין: יאָ יאָ, מיס קאַץ, איך פֿאַרגעס אימער ווי זי הייסן.

רייטשל: אַזאַ שלעכטן זכּרון האָט איר, דאָקטאָר? דערפֿאַר איז מיר אַ חידוש וואָס איר פֿאַרגעסט ניט צו ריידן דייטש.

הודקין: ע, ע, זי ווילען מיך הייטע ווידער באַליידיקן ווי דאַן?

רייטשל: עס הויבט זיך גאַרניט אָן, פֿון מיינעטוועגן קענט איר אפֿילו ריידן טערקיש.

הודקין: איכ׳ל אייך זאָגן, מיס קאָץ, אַ דאָקטאָר מוז ריידן דייטש מיטן אומוויסנדן פאָלק, אַז ניט וועט מען פאַר אים קיין דרך ארץ ניט האָבן, אָבער מיט אייך קען איך ריידן מאַמע לשון.

רייטשל: מיט מיר קאָנט איר אינגאַנצן ניט ריידן.

(אָרע אַריין)

אָרע: העלאָו דאָקטאָר. עטעלע בעט דעם פאַני דאָקטאָר, ער זאָל צו איר אַריינקומען אין רום.

הודקין: זאָ? דאַן מוז מען צו איר גיין. (אָפּ לינקס)

אָרע: אַ פיינער חתן, דער פאַני דאָקטאָר. ווערט די צען טויזנט דאָלער, האַ? און ווער וואָלט אַמאָל געזאָגט, אַז איך וועל האָבן אַן איידעם אַ דאָקטאָר?

רייטשל: (קוקט אַרויס דורכן פענצטער) אייער איידעם פיניע גייט.

אָרע: (טוט זיך אַ כאַפּ) פיניע גייט, און וואו איז די מאַמע מיט שרה׳קען? דאָס האָב איך זיי געדופן וועגן אונדזער עניין. גיי רייטשל אַריין אין יענעם רום און וואַרט דאָרטן.

רייטשל: איר וועט זיך פאַר זיי ניט איבערשרעקן, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן אַז איר זייט דאָס מיין חתן?

אָרע: האָב ניט מורא, איך האָב זיי גערופן, ווייל איך בין אַ איד ניט קיין הולטאַי און קינדער זיינען קינדער. אָבער דעות מיר זאָגן, דאָס ניט. גיי, גיי, פאַרלאָז זיך אויף מיר.

(מ׳ע קלינגט)

רייטשל: איך גיי. (טוט אים פּלוצים אַ קוש) כ׳האָב אייך ליב, איר הערט (אָפּ לינקס)

(אָרע בלייבט שטיין מיט באַגייסטערטע אויגן לעבן דער טיר דורך וועל־כער זי איז אַרויס)

(פיניע אַריין)

פיניע: העלאָו, שווער, די באָבע האָט מיר געזאָגט, אַז איר דאַרפט מיך זייער נויטיק האָבן.

אָרע: יע, איך וויל זיך מיט דיר דורכריידן. איך האָף אָבער, אַז דו וועסט היינט ניט זיין קיין שייגעץ, זעץ זיך.

פיניע: (אָוועקגעזעצט) זיץ איך. (וואַרפט זיך אָפּ אין קרעסלע און ציט אויס די פיס)

אָרע: וואָס האָסטו אַזוי די פיס אויסגעצויגן, ווילסט מיר וויזן דיינע שיינע שיך? אוי, פיניע, פיניע, אַ מענטש טראָגט שיך מיט צעקרימטע קנאַפל, מיר אויף צו להכעיס. אַזאַ שייגעץ.

פיניע: זעט איר שווער, און איר זאָגט, אַז איך בין אַ שייגעץ. אין איין מינוט האָט איר באַליידיקט אי מיך, אי מיינע פיס, אי מיינע שיך, און אַ שייגעץ בין איך. נו, זאָגט אַליין שווער, קען אַ פעדלער האָבן גאַנצע שיך? דער־מאָנט זיך נאָר אין וואָס פאַראַ שיך איר זייט אַרומגעגאַנגען בעת איר האָט געפעדלט.

אָרע: (שטרענג) פיניע!

פיניע: כ׳מיין ניט חלילה אייך צו באַליידיקן, שווער. נאָר אַז מען גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג און מען קלאַפּט אין די טירן און שרייט: טייבלקלאָטס, ליידי, אַנדערוועיר, הענדקערטשיפס, לוק עט מאַי גודס, נו, איר געדענקט דאָך, מוזן די שיך...

אָרע: פיניע, דער דאָקטאָר איז דאָ, צאַפּ מיר ניט מיין בלוט.

פיניע: דער דאָקטאָר איז דאָ? (הויבט זיך אויף) איך דאַרף אים טאַקע האָבן.

אָרע: וואָס דאַרפסטו אים?

פיניע: איך וויל אים פרעגן, ווי שמעקט עס אים צו האָבן אַ שוואָגער אַ פּעדלער?

אָרע: איכ׳ל דיך שיקן צו אַלדי שוואַרצע יאָר, דו פאַרשוואַרצסט מיר די אויגן! איך בעט זיך ביי דיר, פּעדל ניט, נעם צוויי טויזנט דאָלער און טו ביזנעס. און אַזאַ שייגעץ, איי בעג פּאַרדאָן...

פיניע: כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט, שווער.

אָרע: (מיט געבעטן) פיניע, דו ביזט דאָך עפּעס ניט קיין פּראָסטאַק, ניט קיין פּשוטער פאַרך, דו ביזט דאָך עפּעס אַ למדן מיט תורה, טו מיר אַ טובה, נעם צוויי טויזנט און פאַרשוואַרץ מיר ניט די אויגן.

פיניע: איי, שווער, זאָלט איר לעבן, הלמאי זאָלט איר זיך מיט מיר דינגען. עס איז אַ פּשוטער חשבון. שווער, ווען איר האָט געוואָלט האָבן אַן איידעם אַ דאָקטאָר, האָט איר אַוועקגעלייגט צען טויזנט מזומנים, דאַרף איך לוינען אַוועקלייגן פינף טויזנט כדי ניט צו האָבן אַן איידעם אַ פּעדלער. דאַכט זיך אַ קלאָרער חשבון, שווער, ניט אַזוי?

אָרע: (גייט זיך דורך דאָס צימער, און גלעט זיך די באָרד, שטעלט זיך פּלוצים אָפּ) קום אַהער, שייגעץ, (פיניע צוגעגאַנגען) וועסטו זיין אַ מענטש?

פיניע: וואָס הייסט? אודאי.

אָרע: ניט קיין שייגעץ? וועסט האָבן דרך ארץ פאַר דיין שווער?

פיניע אודאי, אודאי, דרך ארץ פאַר אייך בנפשי ובחיי, ווי דען?

אָרע: געדענק זשע, מאָרגן קריגסטו דעם טשעק.

פיניע: די גאַנצע פינף?

אָרע: יאָ, אויב דו וועסט זיך נאָר היינט האַלטן ווי אַ מענטש.

פיניע: וואָס הייסט נאָר היינט, איכ׳ל זיך אַלעמאָל האַלטן ווי אַ מענטש. שווער, איך דאַנק אייך.

אָרע: ניט מיר דאַנק, נאָר דעם אל רחום וחנון, וואָס האָט געהאָלפן דיין שווער.

פיניע: דאַנק איך אייךביידן. שווער לעבן, איר ווייסט, ווי איר קוקט אויס מיט אייער באָרד? ווי רב יצחק אלחנן.

אָרע: (גלעט זיך די באָרד צופרידן) זכר צדיק לברכה.

(הודקין און עטל קומען אַריין)

פיניע: העלאָו דאָקטאָר.

הודקין: האָ, זי זינד דאָס.

פיניע: יאָ, איך האָב דעם פּלעזשור.

אָרע: (שטיל) פּיניע, רייד מיט אים דייטש, דו קאָנסט דאָך. פּאַני דאָקטאָר, פּיניע עפנט אויך באַלד אַ גרויסע ביזנעס.

הודקין: זאָ, עס פרייט מיך. מיט גליק.

אָרע: שאַ, זיי גייען שוין. (ווערט אויפגערעגט און הויבט אָן צו שפּרייזן איבערן צימער און גלעט זיך די באָרד. דר. הודקין זעצט זיך אויף דער זאָפאַ און פאַררויכערט אַ ציגאַר. עטל לעבן אים. פּיניע גייט צו צו דער אַרויסגאַנגס טיר דורך וועלכער פרומע און שרה׳קע מיט אַ טוך איבער די אַקסלען קומען אַריין)

פרומע: אַ גוטן, דאָקטאָר.

הודקין: העללאָו, גרענדמאַ.

(שרה׳קע גייט צו צו פּיניע׳ן)

שרה׳קע: איך קען אויף אים ניט קוקן, דעם דאָקטאָר, צען טויזנט דאָלער זאָל ער...

פּיניע: מילאַ, מיר האָבן אים אין דער אדמה. איך האָב געוואונען מייַן סטרייק, איך קריג פינף טויזנט דאָלער.

שרהקע: (מיט שמחה) טאַקע? (צו אָרע׳ן וועלכער גייט נאָך אַרום פאַר־טראַכט איבערן צימער און גלעט זיך זיין באָרד) אַ גוטן אָוונט דיר, טאַטעניו.

אָרע: (טוט זיך אַ כאַפּ) אַ גוטן אָוונט, אַ גוטן אָוונט, שרה׳קע. הערט אויס קינדער, איר זייט אַלע דאָ און איך וויל מיט אייךריידן וועגן אַ נייטיקן ענין.

פּיניע: שרה׳קע, מיר געפעלט עפעס ניט אַזאַ הקדמה.

אָרע: קינדערלעך, דאַנקען גאָט, איר זייט ביי מיר אַלע פאַרזאָרגט. נאָר טאָמער חלילה וועט איר אַמאָל דאַרפן יאָ אָנקומען צו מיר, וועל איך אייך אודאי העלפן. איך האָף קינדער, אַז איר אַלע וועט קעגן דעם גאָרניט האָבן.

פּיניע: (שטיל) שרה׳קע, עס שמעקט מיט אַ שידוך.

שרהקע: ווי איז מיר...

אָרע: קינדערלעך, איר ווייסט, אַז מיין לעבן מיט אייער קראַנקער מאַמע, אונדז אַלעמען צו לאַנגע יאָר, איז ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. נאָר, וואָלט אייער מאַמע געלעבט, וואָלט איך זיך אודאי מיט איר ניט געגט. אין אָט דעם שיינעם הויז וואָלט זי ביי מיר געוואוינט און די בעסטע וואוילטאָגן וואָלט זי ביי מיר געהאַט. ס׳איז איר אָבער ניט באַשערט געווען. הקיצור, קינדערלעך, צו לעבן אַן אלמן איז גאָר קיין לעבן ניט. אַ הויז מוז האָבן אַ בעל הבית׳טע, דערפאַר האָב איך זיך מיישב געווען, אַז איך זאָל חתונה האָבן.

עטל: דו הערסט?

הודקין: דאָס איז אינטערעסאַנט.

שרהקע: אוי אַ ווייטאָק איז מיר, וואָס הייסט, עס פעלט אַ בעל הביתטע, און וואו איז די באָבע?

פרומע: וואָס הייסט, די באָבע? איך האָב אים שוין לאַנג געזאָגט, אַז ער דאַרף חתונה האָבן. אַ איד לעבט ניט אָן אַ ווייב און אַ שטוב דאַרף האָבן אַ ייִנגערן מענטשן ווי איך בין.

שרהקע: וועל איך אַריינרופן צו איך פירן די באַלעבאַטישקייט. ניט אמת, פיניע? וואָס שוויגסטו?

פיניע: (צופּט זי ביי אַן אַרבל) דו שריי אויך ניט, איך דאַרף מאָרגן קריגן דעם טשעק.

שרהקע: אַזוי גיך, און די מאַמע האָט מען שוין פאַרגעסן (צעווײנט זיך) טאַקע זייער שיין, אַן עלטערער איד...

אָרע: (פּלוצים) שוויג, דו חצופה! איך האָב אייך געוואָלט ווי אַן ערלע־כער טאַטע, צו דערציילן, אַז איך גיי חתונה האָבן, אָבער אייערע עצות האַלט ביי זיך. איך בין אַ לעבעדיקער מענטש. פון אייער מאַמען האָב איך קיין האָניק ניט געלעקט. שוויגט, אַז ניט גייט מיר צו אַלדי שוואַרץ יאָר.

פיניע: נו טאַקע נו, עס איז אַ בפירוש'ע גמרא: „נשא אשה בילדותו, ישא אשה בזקנותו" אַ איד, הגם ער האָט שוין מקיים געווען די מצוה פון חתונה האָבן אין זיינע יונגע יאָרן, איז אויף דער עלטער דאַרף ער נאָכאַמאָל מקיים זיין די דאָזיקע מצוה. שוויגט לעבן, זאָל זיין מיט מזל. ווער איז זי?

אָרע: זי וועט אייך ניט געפעלן, אָבער מיר געפעלט זי. אַ כשרע אידישע טאָכטער, אַן ערלעך מיידל.

אַלע: וואָס? אַ מיידל?!

פרומע: (גייט צו צו אים) ווער איז דאָס מיידל, אָרע? אַן עלטערע מסתמא, האַ?

אָרע: מאַמע, זי איז זייער אַן ערלעך קינד, מיט אַ גאָלדן האַרץ, אַ דימענט. איך האָב צוויי טעכטער און קיין קדיש ניט. דער דאָקטאָר איז ניט קיין קדיש און אויף פיניע'ן קען מען זיך ניט פאַרלאָזן.

פרומע: מיין זון, זאָל זיין מיט מזל, דיר דאַרף קיינער קיין דעות ניט זאָגן. ווער איז זי, מיין קינד?

אָרע: אַט באַלד. (לאָזט זיך גיין צו דער טיר לינקס און קערט זיך אום באַלד צוריק) האָט רחמנות, קינדערלעך, מאַמע, ווייזט איר אַלע אַ פריינטלעכע מינע, ווייל חלילה וחס איך קען נאָך פון די כלים אַרויס. איך בעט אייך נאָכאַמאָל. (פאַרשווינדט אין טיר לינקס)

פיניע: מזל טוב אייך, מחותנים פון חתנ'ס צד. וויין ניט שרה'קע, באַהאַלט דיינע טרערן ביז וואַנען מען וועט דיין טאַטנ'ס כלה באַזעצן.

שרהקע: אַ מיידל האָט זיך אים פאַרוואָלט.

פרומע: נישקשה, קיין עולה ניט! ביי אונדז אין שטעטל האָט אברהמצע דעם רב'ס אפילו זיין דריטע ווייב אויך געגומען אַ מיידל!

פיניע: אודאי, באַבעניו, אַז מען וויל מקיים זיין אַזאַ גרויסע מצוה, קען מען מיט אַ מיידל אויך...

(אָרע פירט אַריין רייטשלען)

אָרע: שעם זיך ניט, רייטשעלע... אָט, אָט דאָס איז זי!

אַלע: (שטאַרק איבערראַשט) זי?!

הודקין: האַלי מאָזעס!

עטל: רייטשל?! אוי, דער פאָפאַ איז דאָס דיין רייכער חתן!

שרהקע: מאַמעלעך, איך וועל זיך די באַקן צעקנייפן!

פּיניע: איך גיי באַלד טאַנצן אַ דזשיג!

פרומע: (שטייט אָן לשון מיט פאַרבראָכענע הענט. פלוצים) אָרע, ווי איז צו מיר, אָט די טענצערקע! ביזטו משוגע! (רייטשל הייבט אָן צו כליפּען)

אָרע: (אויפגערעגט) שוויגט! קיין דעות! קיין דעות!... איר איין נאָגל איז מיר טייערער ווי אייער לייב און לעבן! זי איז ערלעכער און בעסער פון אייך אַלעמען! זע נאָר, זי וויינט! נו, שאַ, רייטשעלע! (זי פאַלט צו צו זיין ברוסט) גזלנים, צאַפּט איר ניט דאָס בלוט! וואָס ווילט איר פון מיר? איך האָב דאָך שוין אייך אַלעמען פאַרזאָרגט! מאַמע, גיי צו צו איר, איך בעט דיך... כאָטש זאָג דו איר אַ פריינטלעכן וואָרט!

פרומע: (מורמלט) ווי איז צו מיינע אַלטע יאָרן! (פלוצים גייט זי צו צו רייטשלען) רייטשל... מילא... פאַרפאַלן... הער אויס... מיין אָרע... אויסער גאָט איז ער מיר טייערער פון דער גאַנצער וועלט... פאַר אים וואָלט איך זיך די האַלדז געלאָזט שניידן. אין איינעם מיט אים געהונגערט. אין איינעם מיט אים געדאגה'ט. געפרייט זיך אינאיינעם מיט אים. און צוליב אים האָב איך מיינע אַלטע ביינער אַהער פאַרשלעפּט! רייטשל, ער איז מיר זייער טייער, זייער טייער. מילא, מסתמא אַזוי באַשערט; מסתמא וויל אַזוי גאָט... איך האָב זיך אויף דעם גאָרניט געריכט. גאָרניט געריכט. זיי כאָטש אים אַ גוטע ווייב, רייטשל... (קושט זי און וויינט)

אָרע: אָט אַזוי, מאַמעניו, אָט אַזוי! אוי, ביזטו אַ גוטינקע, אַ וואוילינקע! איר זייטביידע גוטינקע, וואוילינקע. איך דאַנק דיר, מאַמעניו! און דיר רייטשעלע אויך! (נעמט זיי ביידן אַרום)

פאָרהאַנג

דריטער אקט

(דאָס זעלבע צימער. צוויי יאָר שפּעטער. אַרום 11 אין דער דער פרי, 1907. **אָרע** זיצט ביים טעלעפאָן און רעדט)

אָרע: חיים עלי, דעם טשעק פאַר מיין שטעטל זאַלסטו, למען השם, נישט פאַרגעסן. יאָ, אַ טשעק ווי אַלע מאָל. און אונדזער רב שיק אויך אַרויס דעם טשעק... וואַרט, וואַרט, חיים עלי, פון איצטער אָן זאָלסטו אים אַרויס־שיקן יעדע וואָך אַ פּאָר דאָלער מער. אַ לאַנדסמאַן, פאַרשטייסטו מיך, און אַ רב, און די רביצין איז ביי אים קראַנק געוואָרן. אַ רחמנות נעבעך! האַ? אודאי. מאַך אויס דעם טשעק פאַר דער תלמוד תורה אויך. וואָס? דעם טשעק פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע? נו, וואָס קען איך העלפן? מאַך אויס אַט דעם טשעק אויך אויף סאַמיועלסאָן'ס נאָמען. אַז זיי אַלע גיבן טשעקס פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, אפילו חיים זוסיע פליך אויך, און סאַמיועלסאָן שטייט צו צו מיר, אַז איך זאָל אויך געבן, קען איך זיך אָפּזאָגן? האַ? זיי האָבן געגעבן אויף דעם קלויסטער אויך, וואָס מען בויט אויף סעקאַנט מאַרקס עוועניו? איך ווייס. זיי האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל אויך געבן. זיי טענה'ן, אַז אויף אַזאַ'ן אופן וועלן זיי אָנהאַלטן פריינטשאַפט מיט די גויעשע שכנים, און אַז מיר וועלן עפּעס אונדזער באַנק אין בראַנזוויל, וועט עס אונדז אויך צונוץ קומען... איך האַלט עס פאַר דער גרעסטער חרפּה. סטייטש, העלפן בויען קלויסטערס!... יאָ, דו וועסט מיך טרעפן ביי די הייזער אויף סטערלינג פּליים. איך גיי באַלד אַהין. חיים עליע, זע זיך מיט סאַמיועלסאָנען. אויב ער וועט מיר געבן דעם פּרייז פאַר די הייזער אויף האָוערד עוועניו, וואָס ער האָט מיר לעצטע וואָך געבאָטן, בין איך צופרידן זיי צו פאַרקויפן... האַ? (מיט גאָר אַן אַנדער טאָן) יאָ, מיינע איז געקומען נעכטן אויפדערנאַכט פון אַטלאַנטיק סיטי. וואָס זי מאַכט? איצט שלאָפט זי נאָך. (זיפצט) דו קענסט מיר זאָגן צוויי מאָל: ליב זאָל מיר זיין דער גאַסט, מחמת זי האָט געבראַכט מיט זיך נאָך אַן אורח... װעמען? אַ נייעם הינטעלע!... נו, מילא. יאָ, יאָ, חיים עלי, איכ'ל באַלד דאָרטן זיין. (לאָזט אַרונטער דעם טעלעפאָן־רער אויפן הענגער און שטייט אויף. גייט זיך דורך דאָס צימער און קוקט אויף דער צוגעמאַכטער טיר פון רייטשעלס שלאָף־צימער רעכטס) איי־נו, רבונו של עולם! (גייט מיט אַמאָל צו צו דער טיר און הערט זיך צו. פּויזע) **רייטשל!** (קלאַפּט שטיל אין איר טיר) דו שלאָפסט, רייטשל? שוין 11 דער זייגער, רייטשעלע. שוין צייט אויפצושטיין. איך וויל דיר עפּעס זאָגן... שלום עליכם דיר אָפּגעבן. איך האָב דאָך דיך נאָך ניט געזען... קיין וואָרט מיט דיר ניט אויסגערעדט... נאַרעלע, איך בין דאָך דיין מאַן כּדת, און ביזט מיין ווייב כּדת. עפן די טיר!... (פּויזע. דאָן אויפגע־רעגט צווישן פאַרשצעמטע ציין) הולטאַיקע, עפן די טיר! געדענק, מרשעת דו, וועסט דאָך מסתמא דאַרפן באַלד קומען נאָך געלט צו מיר!...

(פרומע אַריינגעקומען פון לינקס)

פרומע: (מיט שפּאָט) וועק ניט דיין נחת און איר נייעם קדיש׳ל!...

אָרע: (טוט זיך אַ כאַפּ) האַ? זי איז אויסגעמאַטערט פונעם וועג, דאַרף זי זיך אויסרוען. מילא, מאַמע, מיש זיך ניט, איך בעט דיך. איך האָב דאָס שוין אַזויפיל מאָל געזאָגט: זאָל דיך ניט אַרן, וואָס זי טוט!

פרומע: אוי, אָרע, ווען דו וואָלסט ניט געווען מיין זון!... דו מיינסט אַז איך האָב ניט געהערט ווי דו ביזט דאָרטן אַרומגעגאַנגען ביי זיך אין רום אַ גאַנצע נאַכט און געקרעכצט און געזיפצט? איך האָב אפילו געהערט ווי דו האָסט ביי איר געקלאַפּט ביינאַכט אין דער טיר, אַ ווייטאָג איז מיר!...

אָרע: (לאַכט פון ווייטאָג) מאַמע, ווער עס האָט געדאַרפט הערן האָט ניט געהערט, נאָר דו האָסט געהערט... (טעלעפאָן קלינגט. אָרע גענומען די טרובקע) ווער? מרס. כיריק? יאָ, זי איז אינדערהיים. ווער וויל ריידן צו איר? האַ? אירע אַ באַקאַנטע, וואָס זי האָט געטראָפן אין אַטלאַנטיק סיטי? אָט באַלד, שיק איך זי צום טעלעפאָן! (לויפט צו צו רייטשל׳ס טיר) רייטשל, אַ טעלעפאָן פאַר דיר, גיכער!

פרומע: מען רופט זי מסתמא צו אַ קערטל. מען האָט שוין דערשמעקט, אַז זי איז אין דער היים.

(רייטשל אין אַ פּעניואַר און אין רויטע שטעק־שיך אַריין מיט אַ וויס־הינטעלע אין די אָרעמס)

אָרע: אַ גוט מאָרגן, מיין ווייב. שלום עליכם דיר...

רייטשל: (פאַרהאַוועט און אונטער דער נאָז) גוט מאָרגן, גוט מאָרגן! (געכאַפּט די טעלעפאָן־טרובקע) העלאָו! ווער איז דאָס? ווער? (טוט זיך אַ כאַפּ) אָה, דאָס ביזטו? נעכטן ביינאַכט געקומען... מילא, וועגן דעם וועלן מיר ריידן, ווען מיר וועלן זיך זען... האַ? ניט איצטער דורכן טעלעפאָן. איך זאָג דיר, ניט איצטער... גוט, איך טו זיך אָן גלייך... גודביי! (לאָזט אַרונטער די טעלעפאָן טרובקע אויפן הענגער)

אָרע: איז וואָס־זשע מאַכסטו פאַרט, רייטשל?

רייטשל: (פאַרהאַוועט) איך האָב קיין צייט ניט. איך דאַרף זיך אויף גיך אָנטאָן, און איך בין מיד אויך. דו האָסט דאָך מיך ניט געלאָזט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. געקלאַפּט מיר אין דער טיר.

אָרע: איך האָב געוואָלט זען, וואָס דו מאַכסט. שוין אַ וואָכן פינף דיך ניט געזען. און איידער דו ביזט אוועקגעפאָרן ביזטו דאָך אויך געווען ניט מיט אַלעמען. איינמאָל האָט דיר אונטערן לעפעלע געשפּאַרט, און אַן אַנדערש־מאָל האָט דיר דער קאָפּ ווי געטאָן, דער בויך, דער קריזש האָט דיר געבראָכן. איך קען דען דיינע אַלע חלאת׳ן? נו, האָב איך געוואָלט וויסן צי ביזטו כאָטש איצטער מיט אַלעמען. איך בין דאָך דיין מאַן, צום שוואַרץ יאָר!...

רייטשל: איך האָב קיין צייט ניט צו ריידן מיט דיר איצטער. איך דאַרף זיך אָנטאָן. מיר וועלן ריידן שפּעטער.

אָרע: זאָג מיר כאָטש, וואָס דיין הינטעלע מאַכט, אויב דו ווילסט ניט זאָגן וואָס דו מאַכסט!

רייטשל: חכמה זיך ניט און לאָז צורו. דערפאַר ווייל דו האָסט מיך ניט געלאָזט די נאַכט שלאָפן, וויל איך מיט דיר איצטער ניט ריידן. (אַריין אין איר צימער און פאַרקלאַפּט די טיר)

פרומע: נו, אָרע?

אָרע: נו־נו!

פרומע: און דו שווייגסט?

אָרע: און דו, מאַמע, שוויג אויך. איך בעט דיך! (גייט זיך דורך דאָס צימער) מאַמע, איך בעט דיך, דו לאָז מיך איצטער אויך צורו. מחמת איך בין דאָך אַ לעבעדיקער מענטש, מאַמע... דו מיינסט עפּעס, אַז איך בין פון אייזן, האַ? פון אייזן? איך קען נאָך חלילה אַרויסשפּרינגען פון די כלים און גאָט ווייסט, וואָס, וואָס, וואָס... מאַמע, טו מיר אַ טובה. איך האָב קיינ־מאָל דיר ניט פּוגע בכבוד געווען, חלילה, אָבער אַז זי טוט און דו רעדסט קען איך אַמאָל טאַקע חלילה... איכ׳ל גיין אַוועק אַ ווײַלע צו מיינע הייזער אויף דער אוערד עוועניו. אויב עמיצער וועט אויף מיר פרעגן, זאָלסטו זאָגן, אַז איכ׳ל באַלד זיין צוריק.

פרומע: (זיפצט) גוט, מיין זון. (אָפּ מיט אים לינקס)

(ביילקע פון לינקס אַריינגעלאָפן און צוגעלאָפן צו רייטשעל׳ס טיר).

ביילקע: (שטייענדיק פאַר דער טיר) יאָ, יאָ, מאַדאַם, איך גרייט אָן פאַרן הינטעלע עסן. טשיקן עסט דאָס? איך האָב פרישע סמעטענע, אפשר דאָס? צי אפשר גאָר אַ שטיקעלע טייערע קייק? יענער אייערער האָט דאָך ליב געהאַט קייק. ווי איז זיין נאָמען, מאַדאַם? האַני? אוי, אַ שיינער נאָמען. און בייסן בייסט ער זיך ניט? וואָס? נאַר אידן, וואָס האָבן לאַנגע בערד? איי, זייט איר אַ גנבטע, מאַדאַם! (אָפּ לינקס)

(פרומע און סעמקע פון לינקס)

פרומע: אוי, איז זי אַ קללה אין שטוב, מיסטער בלום! אַ סך גלייכער געווען, אַז מיין אָרע וואָלט געבליבן אַן אָרימאַן.

סעמקע: אַ סקאַנדאַל!

פרומע: זיצט. מיין זון קומט באַלד, האָט ער געזאָגט. (סעמקע זעצט זיך און פאַרויכערט אַ סיגאַר) וואָס ווייסט איר וואָס מיר שטייען זיך אויסעט פון איר. ס׳הינטעלע איז דאָך איר טויזנט מאָל טייערער אידער איר מאַן.

סעמקע: אַ סקאַנדאַל, אַ סקאַנדאַל! אייער זון גיט איר צופיל נאָך. אַ ווייב איז ווי אַ ווילד פערד, דער מאַן מוז איבער איר שטענדיק האַלטן די לייצעס, אַניט שפּרינגט זי פון די האַלאַבליעס. איך קען די ווייבער!

פרומע: אמת, אמת, זי שפּרינגט פון די האַלאַבליעס. זי טוט וואָס זי וויל, און ער גאָרנישט. „מאַמע, מיש זיך ניט״, טענה׳ט ער אַלץ צו מיר. פאַר־שטייט איר מיך, מיסטער בלום, זי מאַכט מיין אָרע׳ן אומגליקלעך, מאַכט אַ תל פון זיין געלט און פון זיין געזונט און איך זאָל שווייגן! יאָ, מיסטער בלום, איר זאָגט, אַז אַ ווייב איז אַ פערד און מען דאַרף האַלטן איבער איר די לייצעס, און איך זאָג אייך, אַז אַ מאַן איז נאָך ערגער ווי אַ פערד, ווען ער לאָזט זיך פירן פון אַזאַ קליפּה ווי רייטשקע!

סעמקע: אַ סקאַנדאַל!

(רייטשל מיטן הינטעלע אין די אָרעמס. זי איז אָנגעטאָן ווי צום אַרויס־גיין)

רייטשל: העלאָו, מיסטער בלום!

סעמקע: העלאָו, העלאָו! (הויבט זיך אויף)

פרומע: (צוגעגאַנגען צו אים — שטיל) איר זעט? ס'ניי קדיש'ל!...

סעמקע: (אונטער דער נאָז, דרייענדיק דעם סיגאַר פון איין מויל־ווינקל אין דעם אַנדערן) אַ סקאַנדאַל! — נו, מען דאַרף גיין.

פרומע: גייט ניט אַוועק. ער קומט באַלד.

סעמקע: (צו רייטשלען) איך בין געקומען זען אייער מאַן וועגן ביזנעס.

רייטשל: שוין אַזאַ מזל האָט איר, מיסטער בלום, ווען איר קומט, טרעפט איר אים ניט, מיין מאַן. ווי געפעלט אייך עפּעס מיין האַני? געבראַכט אים פון אַטלאַנטיק סיטי. איר וועט אים זען שפּעטער ווי ער וועט ביי מיר אויס־קוקן. איכ'ל אים יעדן טאָג באָדן און וואַשן מיטן טייערסטן זייף, מיטן ריכטיקן, מיטן שמעקנדיקן זייף! איר זעט אָט די קרייזעלעך? אַיאַ, ווייס ווי שניי? וועל זיי נאָך ווייסער מאַכן, און דאָ וועל איך אים אָנטאָן אַ סטיינגע אַ רויטע... טו מיך אַ קושינקע, האַני, דיר! בייבעלע, מיינע... (קושט דאָס הינטעלע)

פרומע: (טוט זיך אַ צאַפּל) אוי, גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד! (טוט אַ קוק פאַרצווייפלט אויף רייטשלען און אָפּ לינקס)

רייטשל: אָט אַזוי־אַ. דאָס איז דערפאַר, ווייל זי האָט מיך אַזוי ליב. איך האָב זי אַזוי ליב און איך וויל, אַז זי זאָל צעפּוקעט ווערן!

סעמקע: (אַ קוק געטאָן אין דער טיר, אין וועלכער פרומע איז פאַר־שוואונדן, קערט זיך אום צו רייטשלען און טוט זי אַ כאַפּ פאַר אַן אָרעם) ווי שיין דו ביזט היינט אין אָט דעם העלן קאָסטיום! (וויל זי קושן)

רייטשל: (האַלט אים אָפּ צוריק) פּליז, פּליז! ערשטנס ווער איז דאָס די ליידי וואָס האָט מיך פריער אָפּגערופן פאַר דיר?

סעמקע: דאָס מיידל פון מיין אָפיס.

רייטשל: און ווידער, וואָס האָסטו דאָ אויפגעטאָן פאַר די עטלעכע טעג וואָס דו ביזט געקומען פון אַטלאַנטיק סיטי? געדענקסט וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט?

סעמקע: וואָס האָב איך דיר צוגעזאָגט?

רייטשל: געדענקסט ניט, האַ? אָט דאָס איז די צרה, וואָס דו גע־דענקסט ניט, וואָס דו רעדסט! דו רעדסט און רעדסט און אַזוי ווי אַ הונט וואָלט געבולן!...

סעמקע: העי, העי, מאַדאַם! דו רעדסט ניט מיט דיין מאַן! דו רעדסט צו אַ דזשענטלמאַן! דאָנט פאַרגעט דאָס! אַזאַ שפּראַך וויל איך ניט ליידן!

רייטשל: לייד ניט, אויב דו ווילסט ניט (ווייכער) מיר צוגעזאָגט, אַז אַזוי גיך ווי ער וועט קומען קיין ניו יאָרק, וועט ער זען צו טאָן עפּעס וועגן דעם גט מיט דער ווייב, און צום סוף — עטלעכע טעג מיר אפילו ניט געשריבן. אַוועקגעפאָרן פון אַטלאַנטיק סיטי און ווי אין דר'ערד אַריין!

סעמקע: איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען, רייטשל.

רייטשל: איך גלויב דיר שוין ניט מער. האָלסט זיך אין איין גטן מיט דיין ווייב די גאַנצע צייט, און עס איז אפילו קיין אָנהויב ניטאָ. גענוג, אָדער איך אָדער דיין פאַצעצע!

סעמקע: רייד ניט קיין נאַרישקייטן, רייטשל.

רייטשל: (נערוועז און אויפגערעגט) וואָס טוסטו מיט מיר? וואָס מאַכסטו פון מיר? איך וויל ניט זיין דאָס, וואָס דו מאַכסט פון מיר! אַן אַנדערש מאָל פיל איך, אַז איך וואָלט אויסגעקראַצט די אויגן סאַי דיר און סאַי מיר אַליין, למאַי איך האָב זיך געלאָזט אַזוי דעם קאָפּ פאַרדרייען!

סעמקע: (רואיק און מיט אַ שפּאָטישן שמייכל) שאַ, קאָך זיך ניט. איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך בין ניט דיין מאַן. דו ווילסט ניט? דאַרף מען ניט. גוד ביי! (לאָזט זיך גיין צו דער טיר — קערט זיך אָבער באַלד צוריק) איך ליב דיך! איך ליב דיך משוגע! אָבער איך וואָלט ניט געווען קיין מאַן און קיין דזשענ־טעלמאַן אודאי ניט, ווען איך וואָלט מיט גוואַלד אַרויפגעצוואונגען מיין ליבע אויף דיר... גודביי. (גייט ווידער צו דער טיר און קערט זיך צוריק)

רייטשל: איר האָט דאָך שוין געזאָגט צוויי מאָל „גוד ביי", פאַרוואָס האָט איר זיך צוריקגעקערט?

סעמקע: „איר"? שוין גאָר „איר"?

רייטשל: יאָ, אָדער „איר" אָדער „דו" אינגאַנצן, אַז ניט איז „איר" און צום טייוול גייט!

סעמקע: (געלאַסן) צום טייוול וועל איך נישט גיין, אָבער מיטן טייוול וועל איך יאָ גיין. טרעפן מיר זיך מאָרגן?

רייטשל: הערט אויף.

סעסמקע: דעם אַדרעס ווייסטו. דאָרט וואו דו ביזט געווען לעצטן מאָל איידער מיר זיינען געפאָרן אין אַטלאַנטיק סיטי.

רייטשל: (העכער) הערט אויף!

סעמקע: שריי ניט. וואָס דאַרפסטו זיך נאַריש מאַכן? וועסט דאָך קומען!

רייטשל: ניין!

סעמקע: (לאַכט) און איך זאָג, אַז דו וועסט יאָ קומען! כמעט יעדעס מאָל הער איך פון דיר דעם ניין, ניין, און צום סוף יאָ!...

רייטשל: ווייל דו האָסט מיך משוגע געמאַכט.

סעמקע: ווייל דו האָסט מיך ליב. ווייל מיט מיר ביזטו גליקלעך.

רייטשל: מער אומגליקלעך. דו ווייסט ניט, ווי איך פיל נאָך דעם, ווען איך בלייב אַליין מיט זיך. ווי איך האָב דערנאָך זיך פיינט למאַי איך האָב דיך ליב. ווי איך האָב מיין מאַן פיינט, למאַי ער איז רייך געוואָרן. ווי איך וואָלט וועלן דעמאָלט אַנטלויפן, אין דר׳ערד זיך באַגראָבן!... סעם, מאַך אַ סוף, האָב רחמנות!...

סעמקע: (גלעט זי איבערן אַקסל) נאָר ניט אַזוי פאַרצווייפלט. אין מיין האַרצן האָב איך שוין לאַנג געמאַכט אַ סוף. דו ווייסט דאָס, און איך גיב דיר

נאָכאַמאָל מיין וואָרט פון אַן ערן־מאַן און פון אַ דזשענטעלמאַן, אַז גאָר אין גיכן וועל איך מאַכן דעם ריכטיקן סוף. איך דאַרף נאָר פאַרקויפן די הייזער, וואָס איך האָב מיט אירע ברידער אין שותפות. פאַרשטייסט דאָך אַליין, רייטשל, אַז ווען זי זאָל זיך אָנשטויסן, אַז צווישן דיר און מיר איז עפּעס, זיינען זיי דריי שותפים און איך בין איינער. פאַרשטייסטו דאָך, וואָס דאָס קען מיך קאָסטן. (ער נעמט אַרויס דאָס הינטל ביי איר פון די הענט און לאָזט דאָס אַרונטער אויף דר׳ערד, נאָך דעם, ציט ער זי צו צו זיך) כ׳האָב דאָך דיך אַזוי ליב, רייטשל. גלויב מיר, נאָך אַ קורצע צייט. ווילסט מיר גלויבן? ווייז, אַז דו גלויבסט מיר. טו מיך אַ קוש.

רייטשל: (פּלוצים אַ וואָרף געטאָן זיך אים אויפן האַלז) גאָט מיינער, ער איז שטאַרקער פון מיר!...

סעמקע: דאָס איז ליבע! (הויבט אָן מיטאַמאָל צו ריידן רוסיש) ליובאָוו נעבעסנאַיאַ, מאַי אַנגעל!...

רייטשל: (פליסטערט) דאָס איז די קליפּה, די משוגעת, די אויסגע־לאַסנקייט, איך קען מיר אָבער ניט העלפן...

סעמקע: קומסטו מאָרגן?

רייטשל: יאָ, איך מוז. עס איז שטאַרקער פון מיר.

סעמקע: יאָ, נאָך עפּעס, איך וויל, אַז דו זאָלסט מיט דיין מאַן ריידן וועגן עפּעס...

רייטשל: וועגן וואָס?

סעמקע: וועגן דעם, ווער עס זאָל זיין דער פּרעזידענט פון דער נייער באַנק.

רייטשל: מוז איך דאָס? אפשר וואָלסטו מיט אים אַליין גערעדט. מיר איז שווער...

סעמקע: פאַרוואָס?

רייטשל: איך וועל מוזן ווידער מיט גוואַלד צו אים שמייכלען און זיין גוט צו אים...

סעמקע: דאָס מוזטו סיי ווי סיי... דאָס זאָלסטו ניט פאַרגעסן. ביז וואַנען־וואָס מוזטו זיין פאַרזיכטיק. מוזטו אָנווענדן שכל, טאַקט...

רייטשל: סעם, אַזוי ווי דער טויט איז דאָס ביי מיר! יעדעס מאָל, ווען ער ווייזט מיר אַרויס אַ לאַסקע, אָדער ווען איך צווינג זיך אַליין אַרויסצוואַ־ווייזן אים עפּעס אַזוינס, פיל איך, ווי איך וואָלט דאַרפן ריצן־אויל איינגעמען.

סעמקע: אוודאי, קיין פאַרגעניגן איז דאָס ניט, איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אָבער וואָס קענסטו זיך העלפן? דו מיינסט, אַז מיר אַליין, מיט מיין ווייב, איז בעסער? נאָר גאָרנישט, אַז מען מוז, מוז מען. איך בעט דיך, דאַרלינג, זע, אַז ער זאָל מיר העלפן ווערן דער פּרעזידענט פון דער נייער באַנק, וואָס מיר גייען גרינדן אין בראָנזוויל, מחמת כ׳האָב געהערט, אַז אברהם גוטמאַן וויל היינט קומען צו דיין מאַן און אים פאָרלייגן, אַז פּרעזידענט פון דער באַנק זאָל זיין אָדער ער, אָדער דיין מאַן. זאָגסט עס מיר צו? טו דאָס, דאַרלינג.

רייטשל: אָלרייט, כ׳וועל זען, וואָס כ׳קען טאָן.

סעמקע: (טוט זיך אַ כאַפּ) און נאָך עפּעס, רייטשל. איך האָב באַמערקט, אַז איינע פון דיינע דינסטמיידלעך, ביילקע, קוקט אונז נאָך...

רייטשל: איך האָב דאָס שוין לאַנג באַמערקט. הלואי דערציילט זי אָרע׳ן, אַז זי האָט עפּעס באַמערקט, וואָלט דאָס געהאָלפן צו מאַכן אַ סוף. ווארום עס איז מיר זייער שלעכט, סעם, זייער און זייער שלעכט. ס׳ווילט זיך מיר אַמאָל צערייסן דאָס פלייש אויף זיך. כ׳האָב דאָך זיי אַלעמען אזוי פיינט אין הויז, און, אַ חוץ אָרע׳ן, האָבן זיי דאָך מיך אויך אַזוי פיינט!

סעמקע: פליז, רעד ניט מער אַזוי.

רייטשל: טאָ רעד דו אויך ניט. (הויבט אויף ס׳הינטעלע פון דער ערד) קום פּרינצעלע, איכ׳ל דיך אָנקאָרמענען און נאָכדעם אויף דער פרישער לופט. (פרומע אַריין)

סעמקע: (טוט זיך אַ כאַפּ) קורץ, מאַדאַם, איר מעגט אויף מיר ברוגז זיין, איך האָב אָבער ליב צו זאָגן דעם אמת. אַ פרוי דאַרף היטן איר מאַן׳ס באַלעבאַטישקייט. זאָגט אייער מאַן, אַז איך בין דאָ געווען. גודביי. (אָפּ)

פרומע: האָסטו געהערט, רייטשקע, וואָס ער האָט געזאָגט? יעדער לייטישער מענש וועט עס דיר זאָגן.

רייטשל: איך פרעג ביי אייך ניט, און רעדט צו מיר וואָס ווייניקער. קום, האָני. (אָפּ)

פרומע: (מורמלט, קוקט איר נאָך מיט אויגן פול מיט שנאה) זי זאָל שוין ניט קומען צוריק.

(פיניע אָנגעטאָן ווי אַ פראַנט)

פיניע: העלאָו באָבע, אַ גרוס איך פון דעם שווער.

פרומע: וואו האָסטו אים געזען?

פיניע: איך האָב אים געזען מיט חיים עלי׳ן אויף האוערד עוועניו און ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ גאָלדענעם זייגער פאַר מיין בענילען, אַ מתנה, ווייל ער האָט געענדיקט פּאַבליק סקול מיט אַזעלכע אויסצייכענונגען.

פרומע: דיין שווער גיט אויס געלט אויף אייך אַלעמען און וואָס פאַראַ דאַנק קריגט ער פון אייך?

פיניע: פון מיין בענין, באָבע, וועט ער האָבן נחת. ער וועט זיין אַ פּראָ־פעסאָר, מיין בעני. וואוהין איז עפּעס געפאָרן די מאַדאַם יצר הרע מיט איר קדיש? זי האָט מיר געהייסן וואַרטן אויף איר.

פרומע: וואָס איז, וואָס דאַרף זי דיך? עפּעס נייע מציאות?

פיניע: איך דאַרף זי, באָבע, און ניט זי מיך. איך בין געקומען ביי איר אויפמאָנען פאַר די פאַר וואָזעס, וואָס איך האָב פאַר איר געקויפט אין „אָקשן״.

פרומע: זאָלן דיר די אויגן אַרויס, פיניע.

פיניע: וואָס האָט איר צו מיינע אויגן, באָבע?

פרומע: ווען דו וואָלסט פאַר איר ניט געזוכט...

פיניע: וואָלטן אַנדערע פאַר איר געזוכט.

פרומע: וויפל הונדערטער האָסטו ביי איר פאַרדינט, הא, פאַר אָט די אַלע שמאַטעס, וואָס דו זוכסט אויס פאַר איר?

פיניע: נו, און ווען אַ פרעמדער וואָלט ביי איר פּאַרדינט, וואָלט מער מצווה געווען? מיטן שווער׳ס געלט, באָבע, בין איך, דאַכט זיך, מער מחותן, ווי אַ פרעמדער.

פרומע: דער שווער האָט דיר ווייניק געלט געגעבן, בלוט־זויגער דו?

פיניע: איי, באָבע, הלוואי וואָלט איך צען מאָל אַזויפיל ביי אים אַרויס־געריסן. איר זעט דען ניט, באָבע, ווי מען מאַכט אַ תל פון דעם שווער׳ס פאַרמעגן? די מאַדאַם יצר הרע וועט אַלצדינג...

פרומע: אי, איך זע, איך זע, ווי איז צו מיר. וואָס טוט מען, פיניע, ווי אַזוי ראַטעוועט מען דיין שווער? גיב אַן עצה...

פיניע: וואָס פאַראַ עצה קען מען געבן ווען דער שווער אַליין קען זיך קעגן איר קיין עצה ניט געבן.

פרומע: אוי, וויי איז מיר. ווי קען ער גאָר קוקן אויף איר, אויף אַזאַ מרשעת?

פיניע: אויף דעם ענטפערט טאַקע די גמרא: „אשה כלי מלא צואה ופיה מלא דם, והכל רצין אחריה״, וואָס דער טייטש דערפון איז אַזוי: די פרוי איז אַן אומריינע כלי, איר פּיסקעלע איז פול מיט בלוטיקע קללות און דאָך מחמת דער יצר הרע, רחמנא לצלן, האָט אַזאַ שליטה אויפן מענשן, לויפן אַלע נאָך איר נאָך, אפילו אַלטע פרומע אידן אויך!...

פרומע: אמת, די גמרא איז גערעכט, וויי איז צו מיר! אָבער ווי העלפט מען זיך פּאַרט, פיניע?

פיניע: איר ווילט הערן אַן ערלעכע עצה, באָבע?

פרומע: נו?

פיניע: פאַרזאָרגט זיך אויך מיט אַ קניפּל, באָבע, כאַפּט וואָס איר קאָנט, אַניט וועט די בחורטע אַלצדינג פאַרכאַפּן!

פרומע: (אַן אָנגעצונדענע) וואָס רעדסטו, הולטאַי דו? וואָס האָט איר זיך אַלע אָנגעזעצט אויף אָרע׳ן? איכ׳ל ניט לאָזן, אַז מען זאָל אים אומגליק־לעך מאַכן. מיט אַלע מיינע אַלטע כוחות וועל איך זיך ראַנגלען פאַר אים. גזלנים! רוצחים! מיר הייסט ער אויך כאַפּן! פאַרכאַפּט זאָלט איר ווערן, פאַרכאַפּט, פאַרשרפט, פאַרברענט, טפוי, צו אייער אַלעמענס קעפּ! (אָפּ)

פיניע: אָט דאָס הייסט, אַז מען איז אַמאָל אָפּנהאַרציק מיט מענשן, נאַ, מילא, וואָס הערט זיך דאָרט ביים שווער אין די ביכער־שאַפעס? (גייט צו און שלעפּט אַרויס פון אַ שאַפע אַ פּאָר ביכער) אַרויסראַטעווען היינט רבי שעקספּירן פון אָט דער תפיסה!

(שרה׳קע, אָנגעטאָן ניט צום דערקענען, אַריינגעקומען פון לינקס)

שרהקע: דו ביזט דאָ, פיניע? איך בין געקומען איבעררײדן מיט ביילקען. זי האָט מורא, טאָמער וועט זי דאָ פאַרלירן דעם פּלאַץ, ווען זי וועט דער־ציילן. בין איך געקומען איצטער איר זאָגן, אַז אונזער דאָקטאָר וועט זי נעמען צו זיך אין הויז, אויב זי וועט דאָ פאַרלירן דעם פּלאַץ.

פיניע: דו גייסט ערשט פון דעם פּאַני דאָקטאָר?

שרהקע: יאָ, אוי פּיניע, האָט אונדזער עטל נעבעך ביי אים אַ מערכה, וויינט און קלאָגט אַזבאַך, אויף אירע יאָרן. ער לאָזט איר דעם קאָפּ ניט אויפהויבן. וואָס זי טוט געפעלט ניט דעם דאָקטאָר, און נאָכאַנאַנד וואָרפט ער איר אויף, אַז זי האָט געדאַרפט זיין אַ ווייב פון אַ פּעדלער און ניט פון אַ דאָקטאָר.

פּיניע: ער מיינט מסתמא, פון אַ פּעדלער, וואָס זאָל זיין אַזאַ גראָבער נפש ווי ער, דער פּאַניע דאָקטאָר.

שרהקע: עטל, נעבעך, וויינט איצטער פאַר מיר, הלואי וואָלט זי חתונה געהאַט פאַר אַן אָרנטלעכן אַרבעטאָרער, איידער פאַר אַזאַ דאָקטאָר...

פּיניע: זאָל זי טענות האָבן צום בום... נאַ, נעם אַהיים די ביכער, דאָס איז פאַר אונדזער בענילען...

שרהקע: שוין ווידער ביכער? דו האָסט דאָך שוין ניט וואו זיי צו לייגן.

פּיניע: נעם, נעם, דאָ אין הויז איז דאָך ניטאָ קיינער ווער עס זאָל זיי אַפילו אויסלופטערן. ליגן, נעבעך, דאָ ווי אין תפיסה, און ביי אונדז וועט אונ־זער בענילע און איך אַליין...

שרהקע: (נעמט די ביכער) פון מיינעטוועגן.

(פרומע אריינגעקומען פון לינקס)

פרומע: אַ גוט מאָרגן, שרה׳קע, וואָס פאַראַ ביכער האָלסטו עפּעס?

פּיניע: דאָס איז פאַר אונדזער בענילען. דער שוואָער האָט בפירוש גע־זאָגט, אַז ווען נאָר איך וועל דאַרפן פאַר בענילען ביכער, זאָל איך נעמען.

פרומע: נעמסט אַליין, האַ? וויניק ביכער דאָ געגומען? כאַפּסט, האַ? (רייסט אַרויס די ביכער ביי שרה׳קען פון די הענט) שטעל אַוועק צוריק אויף זייער אָרט! (שטעלט די ביכער צוריק אין דער שאַפע)

שרהקע: זאָל דאָס זיין אונדזער לעצטע דאגה! איך גיי זען ביילקען. (לויפט אַרויס, לינקס)

פרומע: כל זמן מיינע אויגן זעען, וועט איר דאָ ניט כאַפּן! (אָפּ לינקס)

(רייטשל מיטן הינטל קומט אַריין פון לינקס)

פּיניע: אַזוי גיך? אַ פיין הינטעלע. ווייסט איר זיין יחוס אויך?

רייטשל: פּיניע, פּיניע, ניט זיין קיין צו גרויסער חכם. איר ווייסט דאָך, אַז מיר פאַרשטייען זיך איינער דעם אַנדערן.

פּיניע: אַן שפּאַס. די אַלע היינטיקע לידיס אין בראַנזוויל, וואָס האָבן אַזעלכע הינטעלעך, ווייסן זייער „פּעדיגרי״, זייער יחוס און אָפּשטאַמונג. אַ הינטעלע אָן אַזאַ יחוס־בריוו קויפן ניט אונדזערע היינטיקע בראַנזווילער לידיס!

רייטשל: נו, גוט, גוט... האָט איר געבראַכט ס׳הערצל, וועגן וועלכן איר האָט מיט מיר גערעדט?

פּיניע: שפּעטער. עס איז ביי דער מרס. רובין, איך מוז אויסטראַכטן עפּעס אַ תירוץ ווי אַזוי דאָס ביי איר אַרויסצוקריגן.

רייטשל: ברענגט עס. איך וויל עס אָנקוקן. וואַרט, איך טראָג אייך אַרויס דאָס געלט פאַר די וואָזעס. (אָפּ רעכטס און קערט זיך באַלד צוריק אַן

דעם הינטל מיט אַ האַנט־טאַש אין דער האַנט און דערלאַנגט פּיניע׳ן דאָס געלט)

פּיניע: א דאַנק. איכ׳ל אייך שפּעטער ברייגנען ס׳הערצל. איך זאָג אייך, אַז אַזאַ אַנטיקל קען מען זוכן סיידן ביי אַ ליידי פון דער פינפטער עוועניו. (טוט זיך אַ כאַפּ) **דער שווער גייט!**

רייטשל: איך וויל אים טאַקע איצטער זען. עפּעס בלאָזט ער זיך אויף מיר, נאָר, מסתמא, וועט ער זיך איבערבעטן, ווי דענקט איר? איכ׳ל זיך דער־ווילע גיין איבערטאָן! (אָפּ רעכטס)

(אָרע און חיים עלי. אַ איד אַ קורצזיכטיקער, אַ באַברילטער, מיט אַ שוואַרץ בערדל, קומען אַריין)

אָרע: אָ, פּיניע, דו ביזט דאָ? נו, וואָס זאָגסטו אויף דעם פּסק וואָס איך האָב נעכטן געכאַפּט אויף דער אַסיפה ביי די לאַנדסלייט פון אונדזער נייעם אונטערשטיצונגס פאַראיין.

פּיניע: אַן עזות פּנים אַ איד געווען, אַ סאָציאַליסט. דערפאַר איז ער אייך אַזוי באַפאַלן.

אָרע: און איך זאָג דיר, אַז ער איז גערעכט געווען. (טוט זיך אַ קער צו חיים עלי׳ן) דער רב, מיין לאַנדסמאַן, האָט מיר געוואָלט צושאַרן נאָך אַ ביסל כבוד. אונדזערע לאַנדסלייט מאַכן אַן אונטערשטיצונגס פאַראיין, האָט דער רב, זאָל געזונט זיין, דוקא געוואָלט, אַז איך זאָל זיין פּרעזידענט. בעט איך זיך ביי אים, גוואַלד רבי, איך וויל ניט, איך וויל ניט זיין קיין פּרעזידענט, וואָס האָט איר צו מיר? איך בין מוחל אָטאָ דעם גאַנצן כבוד. טענה׳ט דער רב אַז נאָר מיר קומט צו זיין פּרעזידענט, מחמת איך האָב געגעבן מער געלט ווי די אַנדערע לאַנדסלייט. אַז עס שפּרינגט דאָ ניט אַרויס איינער אַ לאַנדס־מאַן מיט אַ גוואַלד: — פאַרוואָס קומט מיר דער כבוד? דערפאַר וואָס איך האָב אריינגעקראָגן אַ מאַטניאַ? איך האָב עפּעס געהאָרעוועט אויף מיין געלט, וואָס? דאָס געלט האָט מיך עפּעס בעסער געמאַכט, קליגער געמאַכט, געביל־דעטער געמאַכט? כ׳קען דאָך ניט אונטערשרייבן געהעריק מיין נאָמען! זיינען זיי אַלע געווען אין כעס. איך האָב אָבער געטענה׳ט, אַז ער איז גערעכט. אמת, אַ פּאַרך איז ער, אַן עזות פּנים איז ער, אָבער גערעכט איז ער! טאַקי, וואָס פאַראַ חכם בין איך און וואָס פאַראַ יחסן, האַ?

חיים עלי: ניין, ר׳ אָרע, יענער איז שוין גאָרניט גערעכט. און אויב מענטשן ווילן אייך אָפּגעבן כבוד איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווייסן, אַז איר האָט עס פאַרדינט. און איר אַליין, ר׳ אָרע, האָט אויך געמעגט אַביסל מער האַלטן פון זיך. לגבי די אַנדערע נייע גבירים פון בראַנזוויל, וואָס איך קען, האָט איר ביי זיך גאָרניט וואָס אַראָפּצופאַלן. לגבי זיי זייט איר אַ גדול, ר׳ אָרע!

אָרע: אי, חיים עלי, וואָס פאַראַ גדול בין איך, וואָס רעדסטו נאַריש־קייטן? אָט פרעג פּיניען: פּיניע, בין איך אַ גדול? אָבער איצטער וועסטו דאָך מיר דעם אמת ניט זאָגן. (טוט אַ לאַך) ניין, חיים עליע, איך וויל ניט זיין גע־נאַרט אין זיך. עס איז ניט קיין קונץ צו זיין גענאַרט אין זיך. איך ווייס, ווער איך בין און וואָס איך בין!

חיים עלי: ר׳ אָרע, איר זייט אַן ערלעכער איד און איר גיט אַ סך צדקה ניט צוליב דעם, אַז לייט זאָלן וויסן — אַזוי ווי דער אברהם גוטמאַן!

אָרע: עט, וויס איך... נאַ, זעץ זיך בעסער און זאָלן מיר דערפון מער ניט ריידן.

פיניע: (פלוצים) שווער, איך וויל אייך עפּעס זאָגן. איך האָב געהערט, אַז מען וויל מאַכן פאַר פּרעזידענט פון דער נייער באַנק דעם אַדעסער זשוליק, סעמקע בלומען, זאָלט איר למען השם דאָס ניט דערלאָזן, ניט איר, איר הערט? געדענקט, וואָס איך זאָג אייך. איך קום דאַ שפּעטער צוריק. (אָפּ)

אָרע: (טוט זיך אַ גלעט די באָרד) יאָ, מיסטער בלום אַרבעט טאַקי אויף אַלע כלים צו ווערן פּרעזידענט פון דער באַנק. וויס איך, ווער וועט דאָס אים לאָזן? איצט, חיים עלי, צו אונדזער ענין — איז וואָס איז די אונטערשטע שורה, כ׳מיין וויפל דאַרף איך צאָלן צו דעקן די מאָרגעדזשעס?

חיים עלי: (שלעפּט אַרויס פון אונטערן בוזים אַ בויגן פּאַפּיר) אַטאַ דאַ האָט איר אַלסדינג. פאַר די הייזער אויף סעינט מאַרקס עוועניו דאַרפן מיר צאָלן אין בילדינג ענד לאָון אַסאָשיאיישאַן דרייסיק טויזנט אין דריי וואָכן אַרום, און אין אַ וואָך שפּעטער פערציק פאַר די הייזער אויף האוערד עוועניו. אַרום און אַרום זיבעציק טויזנט דעם חודש.

אָרע: און וויפל קעש האָבן מיר אין די באַנקען?

חיים עלי: אין דער נעשאַנעל באַנק אַרום צוויי און צוואַנציק טויזנט און אין דער סטייט באַנק, נישט פיל, אַ זיבן־אַכט טויזנט.

אָרע: נישט מער? (שטייט אויף און גייט זיך דורך איבערן צימער) אַ נאַרישקייט געווען, געדאַרפט פאַרקויפן פאַריקע וואָך די הייזער אויף האוערד עוועניו, ווען סאַמיועלסאַן האָט געבאָטן הונדערט און פופציק.

חיים עלי: איך גלויב אויך אַזוי, ר׳ אָרע. אַז עס געפעלט מיר עפּעס נישט וואָס עס בלייבן שטיין אַזויפיל הייזער ליידיק. ניט קיין גוטער סימן, ר׳ אָרע, כ׳האָב מורא פאַר ערגערע צייטן.

אָרע: לאָך זיך אויס דערפון. פאַראַיאָרן האָט מען אויך גערעדט, אַז עס קומען ערגערע צייטן, און אַזעלכע צייטן הלואי ווייטער. בין איך דאָס יאָר לגבי פאַראַיאָרן אָרימער געוואָרן?

חיים עלי: הלואי אויף אַלע אידן געזאָגט געוואָרן. פונדעסטוועגן געפעלט מיר ניט, וואָס אין דער לעצטער צייט שטייען אַזויפיל הייזער ליידיק און וואָס קיין קונים זיינען אַזויפיל נישטאָ און וואָס די באַנקען האָבן טאַקי אָנגעהויבן צו מאַכן שוועריקייטן...

אָרע: זאָג מיר חיים עלי, וויפל אַן ערך בין איך היינט ווערט, לויט דיין חשבון?

חיים עלי: (אריינגעמענדיק דאָס בערדל אין האַנט) איך קאָן דאָס אייך זאָגן אויפן אָרט. נאָך מיין חשבון, זייט איר ווערט, אַרום און אַרום, מיט די חובות וואָס איך קומט, און וואָס פון אייך קומט, איבער אַ פערטל מיליאָן.

אָרע: האָט איר אויך גערעכנט דאָס געלט, וואָס עס קומט יענע וואָס האָבן ביי מיר איינגעלייגט?

חיים עלי: דאָס איז אויך געלט? אינגאַנצן אַ צען־צוועלף טויזנט.

אָרע: ביי אונדז איז דאָס קיין געלט ניט. ביי זיי אָבער, איי, איי, איי. איך געדענק נאָך ווען איך בין געווען אַ קבצן. (טוט זיך אַ כאַפּ) האָב איך פאַרשריבן שלמה זלמן דעם שוואַרצנס עטלעכע הונדערט דאָלער וואָס ער האָט נעכטן ביי מיר איינגעלייגט? (לויפט אַרויס לינקס און קומט באַלד צוריק מיט אַ גרויסן העפט מיט לעדערנע טאָוולען. מישט אויף) יאָ, יאָ, אָט דאָס איז דאָס. שלמה זלמן דער שוואַרצער, חמשה מאה דאָלער. אָט אין דעם רייסטער זיינען פאַרשריבן די אַלע קבצנים וואָס ברענגען צו מיר איינצולייגן? (טעלעפאָן קלינגט — נעמט דעם רעסיווער) העלאָ, ווער רעדט? האַ? דער לאַיער? וואָס? די באַנק האָט באַשלאָסן אויף אַ ספּעציעלן מיטינג פון אירע דירעקטאָרן נישט צו געבן מער קיין געלט אויף נייע הייזער? וואָס? דערווייל אויף עטלעכע מאָנאַטן? אָט האָסטו דיר! (לאָזט אַרונטער דעם רעסיווער) דו הערסט, חיים עלי? די באַנק, וואָס האָט געזאָלט געבן אַ מאָרגעדזש אויף די נייע הייזער, וואָס איך האָב זיך געקליבן צו שטעלן בויען די וואָך, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן דאָס געלט. וואָס זשע טוט מען איצטער? איך האָב דאָך שוין באַשטעלט אַרבעטער. זיי דאַרפן קומען די וואָך. דאָס גאַנצע מאַטעריאַל האָב איך דאָך שוין באַשטעלט. די אַלע פּלענער שוין אויסגעאַרבעט.

חיים עלי: ס'איז אַ שלעכטער סימן, ר' אָרע.

אָרע: שוין אַ לאַנגע צייט, ווי, אַז עס קומט צו געבן אַ בראָנזווילער אידן אַ מאָרטגעדזש, שלעפּן זיי אים אַרום חדשים לאַנג. מחמת דעם ווילן מיר דאָך איצטער האָבן אונדזער אייגענע באַנק, אָבער, ווייס איך וואָס. זאָל אונדז זיין אַזאַ דאגה מיט געזונט ווי מיר וועט זיין אַ דאגה צו קריגן דעם מאָרטגעדזש! קיין אומגליק ניט. און אפשר וועל איך דערווייל פאַרקויפן די הייזער, מילא. (עס דערהערט זיך רייטשל'ס געזאַנג. אָרע הערט זיך צו, נאָכדעם, שטיל) הלואי וואָלט מיר געווען אַזאַ דאגה מיט איר־אַ. (זיפצט)

חיים עלי: אייער ווייב זינגט דאָס?

אָרע: יאָ.

חיים עלי: פאַר אַזאַ שיין ווייבל ווי אייערע פּאַסט טאַקע צו זינגען אַזוי שיין.

אָרע: (שטיל און פאַרטראַכט) אַלץ הייסט שיין. ווי די ליכטיקע זון, אָבער וואָס העלפט עס? אוי, חיים עלי, חיים עלי.

חיים עלי: וואָס איז, ר' אָרע?

אָרע: גאָרנישט, אַ נאַרישקייט.

חיים עלי: וואָס פאַראַ נאַרישקייט, ר' אָרע?

אָרע: כ'ווייס, כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, כ'שעם זיך דאָס גאָר אַרויס־צורײדן אפילו.

חיים עלי: פאַר מיר, ר' אָרע, דאַרפט איר זיך ניט שעמען.

אָרע: כ'ווייס, כ'בין שוין ניט קיין יונגערמאַנטשיק. אַ איד שוין אַ זיידע. אַ חרפה צו האָבן אַזעלכע נאַרישע רעיונות אין קאָפּ.

חיים עלי: וואָס פאַראַ רעיונות, ר' אָרע?

אָרע: כ׳מיין טאָקע וועגן מיר און מיין ווייב. זי איז אַזוי יונג, אַזוי שיין, זי איז דאָך ייִנגער פון מיין ייִנגסטער טאָכטער. טראַכט איך ביי זיך אַ סך מאָל, אוי גאָט, ווען איך בין ייִנגער מיט אַ יאָר 20. הערסט חיים עלי, אַ העלפט פון מיין פאַרמעגן און אפשר נאָך מער, וואָלט איך אַוועקגעגעבן, אַבי צו זיין אַבי־סעלע ייִנגער, און טאָקע אַביסעלע שענער אויך. (שלאָגט זיך איבער) חיים עלי, בין איך ניט אַן אַלטער פערד, האַ? (הייבט זיך אויף פון אָרט און גייט דורך דאָס צימער און זיפצט) נישט גוט, חיים עלי, זייער נישט גוט, און איך קען זיך גאָר קיין עצה ניט געבן?

חיים עלי: עפּעס שוין ווידער?

אָרע: ווידער? עס האָט אַפּנים, אויפגעהערט. חיים עלי, איך רייד מיט דיר ווי מיט אַן אייגענעם מענטשן. אַ חוץ מיטן רב און מיט דיר רייד איך דאָך מיט קיינעם ניט דערפון און אַרויסריידן זיך מוז איך, אַניט וועל איך פּלאַצן. געקומען נעכטן פון אַטלאַנטיק סיטי, אַ ווייב איז געקומען צו איר מאַן אַהיים... עס איז דאָך גאָר אַ חרפּה צו ריידן דערפון! אוי וואָס פאַראַ יסורים, חיים עלי! ניין, ניט כדאי געוועזן צו ווערן רייך. זינט איך בין גע־וואָרן אויס אָרימאַן, האָב איך דאָך קיין איין ריכטיק רואיקן טאָג ניט געהאַט. איך לויף, איך האָווע, בוי נאָך הייזער, נאָך הייזער, די שענסטע הייזער, קאָר־טינקעס, הייזער פּאַלאַצן — נו, איז וואָס, האַ? האָב איך נאָך צען טויזנט דאָ־לער, נאָך צען מאָל צען טויזנט דאָלער, האָב איך מילי־מילי־מיליאָנען דאָלער — האָב איך גאַנץ בראַנזוויל ביי זיך אין קעשענע, — נו איז וואָס, האַ? איז מיר דערפון גוט? איז ביי מיר אינדערהיים דערפאַר שטיל און רואיק? זיינען זיי אַלע צופרידן? בין איך אַליין צופרידן? ניין, אַזעלכע יסורים ווי איך האָב היינט, אין אַט דעם שיינעם הויז מיט די דינסטן אינם שטוב און מיט די אַלע הייזער, קען מען סיידן אין גיהנום האָבן! אָה, וואָס איז דאָ צו ריידן! ניט גוט, ניט גוט, ניט גוט... איך זאָג דיר, חיים עלי, איידער צו זיין אַזאַ גביר איז שוין בעסער צו זיין אַ פּעדלער.

חיים עלי: וואָס רעדט איר, ר׳ אָרע? פונדעסטוועגן, אַז גאָט האָט אייך געהאָלפן און איר זייט רייך געוואָרן, האַלט איר אויף די תלמוד תורה, האָט איר אויפגעבויט אַ בית מדרש, שטיצט איר לאַנדסלייט און צדקה אַנשטאַלטן...

אָרע: חיים עלי, איך האָב נישט לאַנג צוריק געלייענט אין „קב הישר", אַז אַ פּרוטה פון אַן אָרימאַן, אַ פרומען ייִדן, וואָס ער גיט שטילערהייט בסתר, איז מער אָנגענומען ביי גאָט ווי טויזנטער און טויזנטער גאָלדענע רענדלעך, וואָס נגידים גיבן כדי מען זאָל וויסן, אַז זיי זיינען גרויסע בעלי־צדקות.

חיים עלי: דאָס איז אַזוי, רב אָרע, פונדעסטוועגן מיט דער פּרוטה פון אַן אָרימאַן קען מען קיין תלמוד תורה ניט אויפהאַלטן און קיין בית מדרש ניט בויען... (נאָך אַ קורצער פּויזע) אפשר, רב אָרע, וואָלט איר פאַרט נאָכגעגעבן פון שלום בית וועגן?...

אָרע: וואָס מיינסטו?

חיים עלי: איך מיין וועגן אייער באָרד. איר האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז איר געפעלט ניט אייער באָרד.

אָרע: דאָס מיינסטו? מײן לאַנדסמאַן, דער רב, האָט עס מיר אויך געזאָגט. פון שלום בית װעגן זאָל איך דאָס טאָן. כ'האָב דאָס שוין געװאָלט טאָן, אָבער איך שעם זיך, עפּעס װײַזט זיך מיר אויס אַז צו טאָן דאָס איז אַ חרפּה פאַר אַזאַ אידן װי איך...

חיים עלי: אָבער צוליב שלום בית װעגן. איך בין זיכער, אַז נאָך דעם װעט אײער װײַב...

אָרע: (זיפצט) װער װײס?... אַפּנים, אַז סוף כל סוף װעל איך דאָס מוזן טאָן. כ'װײס... אפשר... איך װיל אוודאי, אַז בײ מיר זאָל זײן שלום בית און דער רב זאָגט, אַז קײן הייליקערע זאַך װי דאָס איז גאָרנישטאָ.

חיים עלי: אוודאי...

(רײטשל קומט אַרײן אַן איבערגעטאָנענע אין אַן אַנדער קלײד)

רײטשל: (באַגריסט חיים עלי'ן) העלאָו!

חיים עלי: אָה, אַ גאַסט, איר זעט אויס זײער גוט!

רײטשל: און, אַז איך זע אויס גוט, װאָס קומט מיר אַרױס, װען איך געפעל ניט מײן מאַן!

חיים עלי: (הויבט זיך אויף) ר' אָרע, איכ'ל צוגײן איצטער צו האָוערד עװעניו. מיר דאַרפן דאָרטן אויפמאַנען אַביסל דירה־געלט.

אָרע: יאָ, יאָ, חיים עלי, טו דאָס. מען װעט דאַרפן האָבן געלט דעם חודש פאַר די בילדינג ענד לאָון אַסאָשיאײשאַן. און איכ'ל אויך צושיקן פּיניע'ן שפּעטער צו סאַמיועלסאָנ'ען אָדער גאָר צו חיים זוסיע פליך װעגן די הײזער אויף האָוערד עװעניו.

חיים עלי: גוט. גודביי מאַדאַם. אַ גוטן, ר' אָרע. (אָפּ)

אָרע: גײ געזונטערהײט. אַן אים בין איך װי אַן אַ קאָפּ. איך האָב די גאַנצע צײט געזוכט אַזאַ בוכהאַלטער, װאָס זאָל זײן אַן ערלעכער פרומער ייד...

רײטשל: (אַװעקגעלײגט זיך אויף דער סאָפע און פאַרלײגט די הענט אַהינטערן אַקסל, קוקט אָן אָרע'ן) זיך שוין איבערגעבעטן?

אָרע: (אַװעקגעזעצט זיך און קוקט אויף איר) דו האָסט טענות?

רײטשל: װער, איך? איך האָב צו דיר קײן טענות. דו נאָר לאָז מיך צורו װעסטו זען װי איך װעל דיך צורו לאָזן.

אָרע: װאָס הײסט לאָזן דיך צורו? (הויבט זיך אויף) ביזט מײן װײַב? האָב איך חתונה געהאָט מיט דיר כדת משה וישראל? װאָס מײנט דאָס, רײטשל?

רײטשל: דאָס מײנט, אַז אימיצן פון אונדז איז באַשערט געװען אַן אומגליק.

אָרע: מיר, רײטשל.

רײטשל: מיר איז ניט בעסער פון דיר, אָרע.

אָרע: פאַרװאָס? פעלט דיר עפּעס בײ מיר? האָסטו בײ מיר עפּעס געבעטן און איך האָב דיר אָפּגעזאָגט?

רײטשל: (שלאָגט אים איבער) װאָס װילסטו?

אָרע: מען אַנטלויפט ניט נאָכאַנאַנד אין קאַנטרי און מען לאָזט מיך איבער אַלײן. איך בין דײן מאַן. איך האָב מיט דיר ניט דערפאַר חתונה גע־

האָט. און וואָס טוסטו, אַז דו קומסט אפילו? ווען זע איך דיך? און וויפל מאָל פֿאַרשפּאַרסטו די טיר, ווערסט מיטאַמאָל ברוגז, פֿאַרוואָס? פֿאַר ווען? און איך, כאַטש קלאַפּ זיך קאָפּ אָן דער וואַנט. איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, רייטשל, איך רייד מיט דיר איצט אָן כעס. און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, ס׳איז נאָך דאָ דער רבֿ, ביי יידן איז דאָ אַ גט. אמת, דו ביזט מיר שטאַרק איינגעבאַקן אין האַרצן, אָבער איידער אַזאַ לעבן, איידער אַזאַ גיהנום... איך האָב דאָס דיר שוין אַ סך מאָל פֿריער געזאָגט, און איך זאָג דאָס דיר איצט אויך. אָן כעס, זאָג איך דאָס דיר, אָן כעס. דו זעסט? איך בין דען עפּעס אין כעס?

רייטשל: קום אַהער, אָרע, זעץ זיך לעבן מיר. איך וויל מיט דיר וועגן עפּעס ריידן.

אָרע: טאָקע זעצן זיך? וויפל געלט דאַרף דאָס מיך קאָסטן, האַ?

רייטשל: נו, ווילסטו דאָך זיך קריגן.

אָרע: איך? איך קריגן? וואָס פֿאַלט דיר איין, רייטשל?

רייטשל: אַז דו רעדסט אַזוי, מסתמא ווילסטו זיך קריגן. ווילסטו דאָך מסתמא ניט, אַז איך זאָל זיין גוט צו דיר.

אָרע: ווייל איך ווייס, אַז יעדעס מאָל, ווען דו ווילסט ביי מיר עפּעס אַרויסקריגן, ווערסטו אַזוי גוט צו מיר.

רייטשל: (טוט זיך אַ כאַפּ) ווילסט ניט, בין איך אויך צופֿרידן. (שפּרינגט אַרונטער פֿון סאָפֿע) און ער האָט נאָך טענות. (טוט אַ גלעט מיט די הענט אי־בער איר פֿיגור און איבער די היפֿטן) איך ווער עפּעס צו דיק. אָרע, דענקסטו ניט, אַז איך בין עפּעס צו דיק געוואָרן?

אָרע: (קוקט אויף איר פֿיגור און מורמלט אַרויס) אַט, אַט, זי הויבט שוין אָן מיט אירע געגנגעלעך. מיט אירע חנדלעך, ווייניק ברען איך נאָך. (טוט זיך אַ וואַרף צו איר) קליפּה, וואָס האָסטו צו מיר? וואָס מוטשעסטו מיך אַזוי? זיך איינגעגעסן מיר אין די ביינער, נישט אַרויסצורייסן, אַזוי ווי דו וואָלסט מיר עפּעס אונטערגעטאָן!

רייטשל: (שטופּט אים אָפּ פֿון זיך) אַוועק, לאָז אָפּ! עס שלאָגט דאָך אַ חלשות פֿון דיר און פֿון דיין באָרד.

אָרע: (בלייבט שטיין צעטומלט) אַ, ווידער?

רייטשל: (טוט זיך אַ כאַפּ) איך האָב געוואָלט זיין גוט צו דיר, אָבער, אַז דו נעמסט זיך קריגן מיט מיר... (גייט צו צו אים און לייגט אים אַרויף די האַנט אויפֿן אַקסל, ווייכער) כ׳האָב גאָרניט געמיינט, אָרע, איך זאָג דיר דעם אמת, אַז איצט האָב איך אפילו ניט אין זינען געהאַט זיך צו קריגן מיט דיר. אדרבא, פֿאַרקערט, נו זיי ניט אין כעס. (שטעלט אים אויס די באַק) נאַ, טו מיך אַ קוש.

אָרע: (שטופּט זי אָפּ) לאָז מיך. איך קען דיך איצט ניט קושן, עס וועט מוזן נעמען אַ סוף, רייטשל.

רייטשל: וואָס ווילסטו, זאָג.

אָרע: קיין זאַך ניט, ווי נאָר, אַז דו זאָלסט זיין אַ ליטיש ווייב, און אויפֿהערן מיך צו פּייניקן אַזוי.

ריטשל: גוט, גוט.

אָרע: ניט אַרומלויפן גאַנצע נעכט, שדים ווייסן וואו, און נאָכדעם קו־מען פאַרטאָג און איך זאָל הערן, אַז דאָ טוט דיר ווי דער קאָפּ, דאָ שפּאַרט דיר אונטערן לעפּעלע און, דאָ ביזטו קראַנק אויף אַן אַנדער חלאַת. און אַזוי אָפּט אָוועקפאָרן וועסטו אויך ניט, און דעם הינטעלע וועסטו מער ניט האַלטן אין הויז.

רייטשל: וואָס האָסטו צו האָני׳ן?

אָרע: ביי מיר איז ער ניט קיין האָני, ביי מיר איז ער אַ כלב, אַן אומריינע חיה אין שטוב.

רייטשל: דיין טאָכטער עטל מעג האָבן אַ הינטעלע, פאַרוואָס טאָר איך ניט?

אָרע: עטל׳ס מאַן איז אַ דאָקטאָר, און דיין מאַן בין איך, דאָס פאַר־געסטו.

רייטשל: ניין, דאָס פאַרגעס איך ניט. איך וויל דיך אָבער פרעגן, אָרע, פאַרוואָס קומט עטלען אַ שיין הינטעלע אַ מאַן, אַ שיינער און אַ יונגער, און מיר קומט אפילו קיין שיין הינטעלע אויך ניט?

אָרע: (בלייבט שטיין) אַ מאַן אַ יונגער, האָ? אַ יונגערמאַן, האָ? פאַר־וואָס האָסטו חתונה געהאַט מיט אַן אַלטן מאַן? האָב איך דען דיך געצוויט דערצו? (פרומע קומט אַריין)

פרומע: אָרע, אברהם גוטמאַן וויל דיך זען.

אָרע: איך גיי. (צו רייטשלען) איך בין נאָך ניט פאַרטיק, איך וועל מיט דיר שפּעטער ריידן. (אָפּ מיט פרומען)

רייטשל: (אַליין, וואַרפט זיך אויף אַ שטול, כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ מיטביידע הענט און קרעכצט אַרויס) אָך גאָט, וואָס פאַראַ גיהנום!
(אָרע און אברהם גוטמאַן אַריין)

אָרע: זייט איר דאָרטן משוגע געוואָרן אַלע? וואָס הייסט יידן גיבן אויף אַ קלויסטער? און דו, אברהם, צום שוואַרץ יאָר, ביזט דאָך נאָך אַ פּרעזידענט פון אַ תלמוד תורה אויף מיין אָרט דאָרטן!

גוטמאַן: נו, אַז דו האָסט ניט געוואָלט, האָב איך גענומען. וואָס מיינסטו, עס וואַלגערן זיך אויפן גאַס פּרעזידענטן? ס׳קאָסט מיר גענוג געלט! און איך האָב פיינט אַרויסצוואַרפן געלט! און מכוח דעם קלויסטער, ביזטו אַ נאַר. מיר ווילן זיין פריינט מיט אונדזערע קריסטלעכע שכנים און, ווידער, פאַר־וואָס האָט דזשימי סאַליוועז, דער דעמאָקראַטישער קאָנגרעסמאַן אונדזערער געוואָלט איינגעבן אַ ספר תורה ביי אונדז אין שול? אויב ער מעג טאָן אַזאַ זאַך, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט טאָן דאָס, און טאָקי פאַרוואָרפן זיי די אויגן מיט עט־לעכע דאָלער פאַרן קלויסטער? ווען מיר וועלן עפענען אונדזער באַנק וועט עס אונדז צונוץ קומען!

אָרע: איי, הער אויף, איך קען דאָס ניט הערן.

רייטשל: (וועלכע קוקט אָן די גאַנצע צייט אברהם גוטמאַן׳ען, הויבט זיך מיטאַמאָל אויף) און ווער וועט זיין פרעזידענט פון אייער נייער באַנק, מיסטער גוטמאַן?

גוטמאַן: אָט וועגן דעם טאַקי בין איך געקומען ריידן מיט אייער אַלטן.

רייטשל: פרעזידענט, דאַרף זיין דער מאַן וואָס איז געפאַלן אויף דעם פלאַן צו עפענען אַ נייע באַנק אין בראַנזוויל. איר ווייסט דאָך מסתמא וועמענס פלאַן דאָס איז, מיסטער גוטמאַן? דאָס איז מיסטער בלום׳ס פלאַן!

גוטמאַן: (אַ ווייש טוענדיק זיך מיט דער רעכטער האַנט די ווייסע וואַנצעס, אונטער דער נאָז) דער פלאַן איז אונדזער אַלעמענס. מען האָט מיט אונדז אָנגעהויבן מאַכן מאַנקי ביזנעס מיט די באַנקען, ווען מיר דאַרפן קריגן מאָרטגעדזשעס אויף אונדזערע נייע בילדינגס, איז אונדז דערפאַר איינגעפאַלן אַ פלאַן צו עפענען אונדזערע אָן אייגענע נייע באַנק און צו ווייזן דער וועלט, אַז מיר, בראַנזווילער ריעל עסטייטניקעס, קענען באַשטיין אַליין אונדזער שטעטל.

רייטשל: (קאָקעטיש) איר זייט טאַקי גערעכט, מיסטער גוטמאַן, אַזאַ יאָר אויף מיר ווי איר זייט גערעכט. אָבער אַ פרעזידענט פון אַ באַנק דאַרף זיין אַ געבילדעטער דזשענטלמאַן. ער דאַרף קאָנען ריידן שיין, און זיין עפּעס אַ מאַן! ניט אמת, אָרע?

אָרע: (אַרויסגעמורמלט) איך ווייס? דו מיינסט דאָך מיסטער בלומען. כ׳ווייס, אפשר ביזטו גערעכט. אַ צונג האָט ער, דאָס קען מען ניט לייקענען. אַ מענטש מיט... כ׳ווייס?

גוטמאַן: (טוט זיך אַ כאַפּ) אַ וואָ? (ציט אויס די האַנט צו אָרע׳ן) דו זעסט, אָרע? וואַקסט אַטאָ דאָ האָר, אָט אַזוי, וועט יענער זשוליק זיין פּרעזידענט פון אונדזער נייער באַנק! אָדער איך וועל זיין פרעזידענט, אָדער פון מיינעטוועגן דו. אַניט וועט מען ניט פידלען.

רייטשל: (זיך אַ כאַפּ געטאָן) מיסטער גוטמאַן, אַ באַנק פאָדערט אַזאַ מאַן ווי מיסטער בלום פאַר פרעזידענט. און אויב איר מאַכט אימיצן אַנדערש פאַר פרעזידענט, וועט מיין מאַן ניט ריזיקירן מיט זיין קאַפּיטאַל, נאָו סער!

גוטמאַן: האַ? און וואָס זאָגסטו אַליין, אָרע? זאָג מיר נאָר, פאַרוואָס רייסט זי אַזוי דעם פעלץ פאַר דעם אָדעסער זשוליק? מיסעס, (לייגט אַריין דעם פויסט אין מויל) שאַ, מען קען נאָך מיינען... בעסער שווייגט, בעסער רייסט ניט אַזוי פאַר אים דעם פעלץ. מען רעדט שוין... געדענקט!

רייטשל: וואָס אַרט מיך, אַז מען רעדט? זאָל מען ריידן, אַז אירווילט קענט איר אויך ריידן, לאָך איך פון אייער קאָפּ אויך, מיסטער גוטמאַן. זע נאָר, אַריסטאָקראַטן געוואָרן! זע נאָר, ווער עס וויל זיין פרעזידענט? איר קענט דאָך ניט אונטערשרייבן אייער נאָמען ווי געהעריק איז!

אָרע: רייטשל, געוואַלד! וואָס איז דאָס פאַראַ ווערטער? וואָס איז דאָס אינגאַנצן דייך דאגה?

רייטשל: אָרע, איך וועל דיך ניט לאָזן אַריינלייגן דיין געלט, אויב מיסטער בלום וועט ניט זיין דער פרעזידענט. (אָפּ רעכטס)

גוטמאַן: פע, מיר געפעלט עס ניט! ביי מיר וואָלט שוין מיין ווייב... פע, אָרע, מיר געפעלט ניט וואָס זי רייסט אַזוי דעם פעלץ פאַר יענעם... אָרע, דו בעסער טו אַ קוק ביי זיי אין דעם ענין... איך זאָג דיר! טו אַ קוק, מען רעדט שוין...

אָרע: האַ? איך בעט דיך, רייד ניט ווי אַ פאַרד. נאָר הולטאַיסטווע ליגט זיי אין קאָפּ.

גוטמאַן: א, וואָס איז דאָ צו ריידן מיט אַ שוטה? איך וועל לויפן זיך זען מיט אַנדערע. (גייט און שטעלט זיך אָפּ) די באַנק מוזן מיר עפענען וואָס גיכער, ווארום היינט האָט מען מיר אָפּגעזאָגט צו געבן געלט אויף מיינע נייע הייזער!... (אָפּ)

אָרע: (צוגעגאַנגען צו דער טיר רעכטס) רייטשל?

(רייטשל קומט אַרויס)

רייטשל: וואָס איז, אָרע? (שמייכלט צו אים)

אָרע: נו, טאַקע, רייטשל, פאַרוואָס רייסטו אַזוי פאַר מיסטער בלום'ען דעם פעלץ?

רייטשל: איך זאָג נאָר מיין מיינונג, ווייל דו גייסט אַהין אויך אַריינ־לייגן גענוג געלט.

אָרע: און האָסטו געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט? אַז, מען רעדט? נו, אודאי, אַז מען זעט דיך אַ פאָר מאָל מיט אָטאָ דעם סעמקען, קען מען מיינען, חלילה, גאָט ווייס וואָס!

רייטשל: (אַרויפלייגנדיק ביידע הענט ביי אים אויפן אַקסל, קוקט אים קאָקעטיש אַריין אין פנים) נו, מיינען זיי! דו אָבער, אָרע, מיינסט דאָך ניט.

אָרע: איך? דו ביזט טאַקע אַ הולטאַיקע, פאַרצאַפּסט מיר טאַקי מיין בלוט, אָבער אַזוינס אויסטראַכטן? (טוט אַ שפּיי) ווי קען מען גאָר אויסטראַכטן אַזוינס?

רייטשל: אוי, דו ביזט דאָך אַזאַ קינד, אָרע. איז מיר טאַקי גאָר אַ וואונדער, וואָס אַזאַ קינד זאָל האָבן אַזאַ באָרד!

אָרע: (צעשמייכלט זיך) ווידער די באָרד? (פויזע. טוט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ) גוט! וועט עס זיין אַ רפואה צו דיין שפּאָרן אונטערן לעפעלע און צו דיינע אַנדערע חלאַת'ן, האַ? אפילו דער רב האָט געפסקנט, אַז מען מעג פון שלום בית וועגן!...

(פיניע קומט אַריין)

אָרע: אַהאַ, פיניע, איך דאַרף דיך טאַקע האָבן. ווילסט דאָך כאַפּן אַ קאָ־מישאָן, האַ? גיי אַריבער צו סאַמיועלסאָן'ען און פרעג אים, וואָס ער וועט געבן פאַר דעם בלאָק הייזער מיינע אויף האָוערד עוועניו.

פיניע: איר ווילט, אַז איך זאָל שוין צוגיין, שווער?

אָרע: האָסט נאָך צייט, קענסט מאָרגן צוגיין. איך דאַרף איצטער האָבן געלט פאַר די בילדינג־ענד לאָון אַסאָשיאיישאָן.

פיניע: איכ'ל היינט ביינאַכט זיין ביי אים.

אָרע: דו'סט נאָך דאָ פאַרבערענגען? איך קום באַלד צוריק. (אָפּ האַסטיק)

פּיניע: (נעמט אַרויס אַ שאַכטל פון אונטערן בוזים און דערלאַנגט רייטשלען) אַט דאָס איז עס. איר זייט אַ מבינטע אויף דעם? עפנט דאָס) קוקט דאָס נאָר אָן. מרס. רובין וועט מיר בלייבן אַ שונא אויף טויט. זעט נאָר, וואָס פאַר אַן אַרבעט.

רייטשל: (באַטראַכט דאָס) אַ שיינע זאַך. זיינען דאָס אמתע בריליאַנטן?

פּיניע: וואָס הייסט? איר קענט מיך ניט? וואָס בין איך, אַ שווינדלער?

רייטשל: וויפל איז דאָס ווערט?

פּיניע: צוויי און דריי און פינף מאָל אַזויפיל וויפל איר וועט באַצאָלן. ס'איז גאָר קיין פּרייז ניטאָ פאַר אַזאַ אַנטיקל. נאָר גאַרנישט, וואָס דאַרף איך אייך צוריידן? וואָס דאַרף איך, אַז מרס. רובין זאָל מיר בלייבן אַ שונא אויף טויט?

רייטשל: הקיצור פּיניע, וויפל?

פּיניע: ביי מרס. רובין וואָלט איך געוואָלט פינף הונדערט דאָלער.

רייטשל: און ביי מיר?

פּיניע: נישט אַ פּעני ווייניקער. גיט אַהער. (נעמט אַרויס ביי רייטשלען דאָס שאַכטל פון די הענט) איך זע שוין, אַז איר זייט אויף דעם נישט קיין בעלנ'טע... (לייגט דאָס אַריין אין בוזים קעשענע)

רייטשל: פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך בין ניט קיין בעלנטע אויף דעם? בין איך דווקא אַ בעלנטע. און זאָגן אייך דעם אמת, פּיניע, אַז מיר אַרט אפילו ניט, טאָמער צאָל איך אייך איבער. ערשטנס, איז דאָס אַ שיינע זאַך, צווייטנס, פאַרגין איך ניט מרס. רובין אַזאַ שטיקעלע צירונג, זי פאַרדינט עס ניט. שפּילט זי אין קאָרטן, צאָלט זי ניט, שפּילט אַלץ אויף טראָמבע, און דריטנס, פאַרוואָס זאָלט איר ניט פאַרדינען? בפרט נאָך ווען אייער שווער וועט דערפאַר באַצאָלן? נו, גיט אַהער.

פּיניע: אוי, זייט איר אַ גנב'טע, שוויגער'ל! (דערלאַנגט איר דאָס שאַכטל)

רייטשל: דער שווער אייערער וועט קומען, וועל איך ביי אים נעמען געלט. (אָפּ מיטן שאַכטל רעכטס)

פּיניע: (באַגלייט זי מיט די אויגן) אוי, אַ כוח...

(פּויזע. ביילקע גייט דורך די בינע. פון אַ צווייטן צימער הערט זיך דאָס שלאָגן פון אַ זייגער צוועלף מאָל. פּיניע לייענט אַ צייטונג)

(אָרע קומט אַריין, מיט אַ זייער קורץ אַרונטערגעשאָרענער באָרד. פּיניע דערזעט אים, בלייבט ער שטיין מיט אויסגעגלאָצטע אויגן)

פּיניע: שווער לעבן, דאָס זייט איר? כ'האָב דאָך אייך גאָרניט דערקענט.

אָרע: (אַ פאַרשעמטער) דו מיינסט וועגן מיין באָרד? אַ חרפּה, האַ? אַ בושה, האַ? ווי זע איך איצטער אויס, פּיניע?

פּיניע: כ'ווייס, ווי אַן אַלטער פּריץ.

אָרע: אַן אַלטער, האַ? אַלט, האַ? על כל פּנים, פּיניע, אַז צו דער עלטער איז גאָר קיין רפואה נישטאָ!

פּיניע: אַלט איז ניט יונג, שווער־לעבן!...

אָרע: יאָ, יאָ, אַלט איז ניט יונג (שטעלט זיך אַוועק קעגן שפּיגל) ווי אַן אַלטער דיאַק! אַ חלשות צו קוקן! איך שעם זיך פאַר דער מאַמען, פּע!...

פיניע: (מורמלט) אוי, אַ בראָך צו רייטשקען, וואָס פאַרא חורבן זי האָט געמאַכט פון זיין באָרד און פון אים אינגאַנצן!...

אָרע: איך האָב מורא, פיניע, אַז ווען די מאַמע וועט אַ קוק טאָן אויף מיר, וועט זי פאַלן אין חלשות. איי, איי, איי, דער באַרבער דזשעקסאָן איז אַ גרויסער פערד, אַ סאָציאַליסט, אַן אַפּיקורס, האָט ער דאָס געטאָן מיט רשעות.

פיניע: וואָס מיינט איר, שווער?

אָרע: פאַרשטייסטו מיך, פיניע, איך קום אַריין צו אים און זאָג אים, אַז ער זאָל מיר אַביסל אַרונטערשערן די באָרד, האָט ער מיר אַוועקגעשאָרן די באָרד מיט אַלץ מיט אַן אַנדער! אַז איך האָב דערנאָך אַ קוק געטאָן אין שפּיגל וואָס ער האָט געטאָן מיט מיין באָרד איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן!

פיניע: ווייס איך, נאַרישקייטן! אַ טייערע מציאה אַ באָרד! אפילו ביי די היגע רבנים איז דאָס אויך קיין מציאה ניט! און ווידער, שווער לעבן, אַ יונגע ווייב איז טייערער פון אַן אַלטער באָרד!

אָרע: (אַ פּאַטש טוענדיק אים איבערן אַקסל) איי, דו שייגעץ, דו ביזט שוין דאָ מיט דיינע לצנות? ניין, פיניע, אפשר האָב איך דאָס ניט געדאַרפט טאָן. ווען דער מענטש פאַרלירט דעם קאָפּ איז שלעכט. איך האָב דאָס געטאָן צוליב עפּעס און דער רב האָט מיר טאַקי צוליב דעם געהייסן טאָן, און ווער ווייס צי וועט דאָס העלפן!

(רייטשל קומט אַריין)

רייטשל: (אָנקוקנדיק אים פאַרוואונדערט) **אָרע?** (צעלאַכט זיך הויך אויפן קול)

אָרע: (טוט זיך אַ צאַפּל און שטיל) וואָס לאַכסטו אַזוי? דיר געפעלט ניט ווי איך זע אויס?

רייטשל: איך לאַך וואָס דו האָסט זיך פאַרט געעגט מיט דיין באָרד. מזל טוב!

אָרע: נו, ווי אַזוי זע איך עפּעס אויס, האַ? צופרידן?

רייטשל: (שפּאָטיש) זייער צופרידן, זייער און זייער צופרידן, דו ביזט איצטער אַ פאַרשוין, אַ מאַנאַרך. (לאַכט ווידער)

אָרע: (מיט אַ צערייצטן געשריי) שאַ! לאַך ניט! הער אויף צו לאַכן מרשעת דו!

רייטשל: (צעשראָקן) אָבער... אָבער... אָרע, זע נאָר ווי ער האָט זיך צעקאָכט, איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דו ביזט אַזאַ כעסן. דו פאַרשטייסט שוין ניט קיין שפּאַס, וואָס?

אָרע: ביי דיר איז דאָך אַלץ אַ שפּאַס. ביי מיר פּלאַצט די גאַל און ביי דיר איז דאָס אַ שפּאַס.

רייטשל: כ'האָב ניט געטאָרט אַ לאַך טאָן?

אָרע: פון וואָס לאַכן? איך האָב דאָס געטאָן צוליב דיר, צוליב דיר האָב איך דאָס געטאָן. דו האָסט אַלץ געהאַט צו מיר טענות, פאַרוואָס איך טראָג

אַזאַ באָרד, נו בין איך איצטער געגאַנגען, און דיר צוליב געטאָן! וואָס ביי מיר אין האַרצן טוט זיך, דאָס דערצייל איך דיר ניט. אָבי שלום־בית, אָבי דו זאָלסט זיין צופרידן. מיטאַמאָל — נאַדיר! זי לאַכט. געלאַכט פון מיר פ ר י ע ר א ו ן ל אַ כ ט פ ו ן מ י ר א י צ ט ע ר. דאָס וועט מער ניט זיין, רייטשל, דאָס וועט מער ניט זיין!

(פיניע גנבעט זיך אַרויס אויף די שפּיץ פינגער און אָפּ לינקס)

רייטשל: (לייגט איר קאָפּ ביי אים אויפן אַקסל און קוקט אים אַריין אין די אויגן אַריין) אָרע... ביזט טאַקע אין כעס?

אָרע: אָט־אָט־אָט מיט דעם... מיט דעם... מיט אָט די פאַלשע גענגעלעך דיינע... אָט מיט ריידעלעך דיינע, די ווייכינקע, האָסטו מיר תמיד די נשמה אַרויסגענומען, ביי דער נאָז געפירט, און אַלצדינג ביי מיר אַרויסגעקראָגן. דו זאָלסט אָבער איצטער וויסן, אַז אויס, נישט מער! דו הערסט? נישט מער!

(שטופּט זי אָפּ פון זיך)

(פרומע קומט אַריין)

אָרע: אוי וויי, די מאַמע! (פאַרשטעלט מיט ביידע הענט די באַקן, אַזוי ווי די ציין וואָלטן אים וויי געטאָן)

פרומע: וואָס האַלסטו זיך פאַר די ציין, אָרע? זיי טוען דיר וויי?

אָרע: (מורמלט) גאָרניט, מאַמע. אַ סיבה געטראָפן!

פרומע: אַ סיבה? (טוט אַ פּאַטש מיט די הענט) קרוינדעלעך מיינע, וואו איז דיין באָרד, אָרע? דו האָסט דאָך אַ פּנים פון אַן אַלטן משומד, וויי איז צו מיינע אַלטע יאָרן.

אָרע: (מורמלט) איך בעט דיך, מאַמע, איך האָב זיך ניט געקענט העלפן...

פרומע: צ ו ל י ב א י ר האָסטו דאָס געטאָן, הולטאַי דו, צ ו ל י ב א י ר!

אָרע: מאַמע, איך בעט דיך, האָב דו כאָטש רחמנות, כאָטש דו מוטשע מיך ניט!

פרומע: זי וועט דיך נאָך טרייבן צו שמד, חלילה, אָט די קליפּה!

רייטשל: (לאַכט צערייצט, דערנאָך מיטאַמאָל) שווייג, אַלטע מכשפה! גייט אַרויס פון דאַנען!

אָרע: (טוט זיך אַ כאַפּ, צולויפנדיק צו איר מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט) א ו י ף ו ו ע מ ע ן?! ווער איז אַ ן אַ ל ט ע מ כ ש פ ה?! ו ו ע מ ע ן ט ר י י ב ס ט ו?! א י ך ו ו ע ל ד י ך!!!

רייטשל: אַקעגן אים) נו, נו, נו? (לאַכט אים אין פּנים אַריין)

אָרע: (מיט אַן אַרונטערגעלאָזטער האַנט) איכ׳ל דאַכט זיך היינט פון זינען אַראָפּ!

(אין אָט דער צייט דערהערט זיך פון דרויסן געשריי: „עקסטרע! עקסטרע! נעשאָנעל באַנק... פּרעזידענט סויסייד — עקסטרע״! דערנאָך רוקן זיך אַריין קעפּ אין אַלע פענצטער מיט די זעלביקע געשרייען און פאַרשווינדן מיט אָט די געשרייען.

פיניע: (פון דרויסן אין אַ פענצטער) **די נעשאָנעל באַנק האָט באַנק־ראָטירט.**

(**רייטשל** און נאָך איר **אָרע** לויפן צו צו צוויי באַזונדערע פענצטער, די עקסטרע געשרייען הערן זיך שטאַרקער)

(**חיים עלי** לויפט אַריין מיט אַ צייטונג אין דער האַנט, שטאַרק אויפ־געועגט)

חיים עלי: ר׳ אָרע, אַן אומגליק, אַ גרויסער אומגליק!... די נעשאָנעל באַנק האָט באַנקראָטירט... דער פרעזידענט פון נעשאָנעל באַנק האָט זיך גענו־מען דאָס לעבן... אַנדערע באַנקען קראַכן, שרייבט מען, אַן אומגליק!!...

(אַלע בלייבן שטיין צעטומלט, צעשראָקן און קוקן אויף חיים עלי׳ן)

פאָרהאַנג

פערטער אַקט

(דאָס זעלביקע צימער ווי אין פֿאַריקן אַקט. עטלעכע חדשים שפּעטער. פֿון רעכטס לויפֿט אַריין **אָרע** מיט אַ פֿאַרצווייפֿלטן אויסדרוק און הינטער איס **מירקע** מיט אַ טוך איבער די אַקסלען)

מירקע: מיין געלט, גזלן, מיין טאָכטער׳ס נדן...

אָרע: מירקע, וואַרט אויס נאָך אַ ביסעלע, איכ׳ל צוזאַמענעמען, איכ׳ל צוזאַמענקלאַפּן. אייער טאָכטער׳ס נדן וועל איך, חלילה, ניט פֿאַרכאַפּן, ווי איז מיר.

מירקע: איך קען מער ניט וואַרטן. איך לויף אייך שוין נאָך אַזאַ שטיק צייט. איך ווער משוגע, מיין טאָכטער ווערט משוגע! גזלן, מיין טאָכטער האָט דאָך אַזויפֿיל יאָרן געאַרבעט אין שאַפּ אויף דעם געלט. ר׳ אָרע, אָט דאָ זיץ איך, איך וועל זיצן און זיצן און וויינען און קלאָגן אויף אייערע יאָרן ביז איר וועט מיר אָפּגעבן מיין טאָכטער׳ס נדן. (זיצט אויף אַ שטול און צעיאָמערט זיך אויפֿן קול) אוי ווי איז מיר! מיין טאָכטער צירעלע, אַ יתומה׳לע נעבאַך, אָן אַ טאַטן, האָט אַריינגעשפּאַרט איר בלוטיקן נדן צו אַזאַ רוצח אין די הענט!

אָרע: האָט רחמנות, מירקע, איכ׳ל אייך באַצאָלן.

מירקע: האַ? באַצאָלן? (הויבט זיך אויף) נו! (שטרעקט אויס די האַנט צו אים) לאָמיך אַמאָל זען!

אָרע: וואַרט צו נאָך אַ טאָג. איך וועל זען צו קריגן פֿאַר אייך דאָס געלט.

מירקע: מער קיין מינוט ניט. איך האָב געוואַרט וואָכן און חדשים. (זעצט זיך ווידער אויפֿן פֿריערדיקן אָרט) אָט דאָ וועל איך זיצן און זיצן און וויינען און קלאָגן. איכ׳ל אייער געביין פֿאַרשילטן. די אויגן וועל איך אייך אויסקראַצן... אויף די גאַסן וועל איך שרייען. איכ׳ל אייך נאָכלויפֿן, קיין רו וועט איר ביי מיר ניט האָבן. אין מיטן נאַכט, אַז איר וועט שלאָפֿן, וועל איך אייך אין די פֿענצטער קלאַפּן. איכ׳ל אייך אינגאַנצן די שויבן אויסברעכן... מיין טאָכטער צירעלע׳ס נדן... אַזויפֿיל יאָרן אויף דעם געאַרבעט אין שאַפּ!...

אָרע: (שטיל און פֿאַרצווייפֿלט) איכ׳ל משוגע ווערן, יידענע. איך האָב דאָך מער אָנגעוואָרן פֿון אייך. אָט ערשט ניט לאַנג אַן עושר געוועזן. הונדערטער טויזנטער פֿאַרמאָגט. ווער ווייסט וויפֿל איך האָב פֿאַרמאָגט. איך ווייס ניט. גאָט אַליין ווייסט... און היינט — שטויב און רויך, אַ חורבן. ניט קיין הייזער, ניט קיין געלט — טראַך, אין דר׳ערד אַריין... ביי די באַנקן געבליבן. פֿאַרקלאָזט. צוגענומען... אַ בלוטיקער אביון בלייב איך. אפֿילו אָט דאָס הויז, איר זעט? קיין טשוועקל אפֿילו איז שוין מער ניט מיינס. מען נעמט עס אַוועק, מען פֿאַר־קלאָזט עס...

מירקע: איך וויל ניט וויסן. נעמט ביי אייער ווייב. מען זאָגט, אַז זי איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. איך קען ניט צוזען דעם צער פֿון מיין קינד.

אָרע: יאָ, יאָ, איך וועל דאָס טאָן, מירקע. מיין ווייב מוז נאָך עפּעס האָבן געלט. זי האָט צירונג. איך וועל זיך באַדיי מיט איר שלאָגן און אייער געלט וועט איר צוריק קריגן. דעם נדן פון כלות און דאָס געלט פון אלמנות וועל איך ניט אַריינכאַפּן. (טוט זיך אַ וואָרף רעכטס און רופט) רייטשל! רייטשל! פאַרשווינדט און קומט צוריק און זוכט דורנאָך אין די אַנדערע טירן, רופנ־דיק: רייטשל!) שוין ווידער נישטאָ, באַהאַלט זיך פון מיר. (קוקט אָן מירקען וועלכע וויינט איצט אין דער שטיל און לייגט איר אַרויף אַ האַנט אויף אַן אַקסל) מירקע, וויינט ניט אַזוי. דאָס לעצטע העמד, איר הערט? דאָס לעצטע העמד וועל איך פאַרזעצן... אַלצדינג וואָס איז דאָ ביי מיר אין שטוב... מירקע, אויף מיין יידישקייט שווער איך אייך, אַז איך האָב שוין לאַנג מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט... איר מיינט מסתמא וואָס?... מחמת איך בין אויס גביר?... ניין. איז מילא, איז מען נישט קיין גביר מער. אָבער וואָס איך קען ניט באַצאָלן אַזעלכע בלוטיקע חובות, ווי אייערע! געלט פון יתומים און אלמנות, און נדן פון אָרימע כלות... אָט אָ דאָס גיט מיר קיין רו ניט... דאָס לאָזט מיך ניט שלאָפן קיין נעכט. איך בעט אייך, מירקע, קומט אַביסעלע שפּעטער. איך וועל צולויפן אפשר צו מיין איידעם פּיניע׳ן אָדער צו דעם אַנדערן, צו דעם דאָקטאָר. איר האָט מיין וואָרט, אַז איר וועט היינט קריגן, קומט שפּעטער.

מירקע: געדענקט זשע, רב אָרע, איכ׳ל קומען מיט מיין טאָכטער און מיר וועלן ביידע וויינען אויף אייערע יאָרן. (אָפּ)

אָרע: (קוקט איר נאָך און זיפצט, דערנאָך הויבט ער אָן צו זאָגן תהלים) „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים”... (מורמלט אַרויס) אוי ווי איז מיר... איצט האָב איך שוין צייט צו זאָגן מיין יום תהלים... (זאָגט ווייטער דעם תהלים און גייט צו צו אַן אָפענעם פענצטער און קוקט אַרויס, מיטאַמאָל) אברהם! אברהם גוטמאַן! קום אַריין! (לויפט אַרויס און קערט זיך באַלד צוריק מיט אברהם גוטמאַן׳ען, וועלכער זעט אויס שטאַרק דערשלאָגן)

גוטמאַן: (מיט אַ פאַרשטיקטן קול) איך גיי דאָס איצטער פון חיים זוסיע פליך... דו האָסט דאָך מסתמא שוין געהערט...

אָרע: וואָס געהערט?

גוטמאַן: ער איז דאָך שוין עליו השלום...

אָרע: חיים זוסיע?!

גוטמאַן: יאָ, יאָ, היינט אין דער פרי... ער האָט אַלצדינג פאַרלאָרן און זיין ווייב, די אַמאָליקע דינסט זיינע, איז איצט, ווען ער איז אָרים געוואָרן, פון אים אַוועק. האָט ער געמאַכט אַ קורצן סוף. מען האָט אים געפונען מיט אַ שטריק אַרום האַלדז הענגען אויף אַ טיר ביי אים אין שטוב...

אָרע: ברוך דין אמת... איי, איי, איי, אַזאַ מעשה גאָר אָפּגעטאָן!

גוטמאַן: (זאָגט שטיל אָרע׳ן אויפן אויער) ער איז אַ חכם, דו הערסט, אָרע? די קליגסטע זאַך האָט חיים זוסיע געטאָן. איידער אַזוי צו ליידן איז בניק און אַ סוף!

אָרע: רייד ניט קיין נאַרישקייטן, אברהם.

גוטמאַן: ניט ריידן קיין נאַרישקייטן? וואו נעמט מען איצטער די חכמה, אָרע? אַ שיינער תכלית פון אונדז געוואָרן, וואָס זאָגסטו, האַ?

אָרע: נו, נו...

גוטמאַן: אַ נייע באַנק עפּענען!...

אָרע: נו, נו...

גוטמאַן: מיך פאַר פּרעזידענט מאַכן, דיך פאַר פּרעזידענט מאַכן, דעם אַדעסער זשוליק פאַר פּרעזידענט מאַכן, און היינט, אפילו קיין רבנן קדיש נאָך דעם ניט געזאָגט, איי־איי־איי!

אָרע: (מורמלט) נו, נו, מילא!...

גוטמאַן: קיין שכל ניט געהאַט אָפּצולייגן אַ פּאָר צענדליק טויזנט דאָ־לער. איצטער כמעט אַ בעטלער. געוואָלט זיך ראַטעווען, פאַרזעצט דער ווייב'ס צירונג און היינט, ניט קיין צירונג און ניט קיין געלט. דעם אויטאָמאָביל אַוועקגענומען, דאָס הויז וואו איך וואוין נעמט מען אַוועק. אַ קבר בלייבט, נאָר צו באַגראָבן זיך. (גיט זיך אַ כאַפּ) אָבער דאָס הויז פאַרלאָז איך ניט, סיידן טויטערהייט...

אָרע: ביי מיר נעמט מען אויך צו דאָס הויז...

גוטמאַן: איך האָב שוין געהערט, נו, פרעג איך דיך, פאַרוואָס האָט גאָט זיך אַזוי געשפּילט מיט אונדז? ווער האָט אים געבעטן מיך אַזוי רייך צו מאַכן? נאַ דיר געלט, אברהם! נאַ דיר, כבוד! נאַ דיר אַלצדינג וואָס דו ווילסט און נאָכדעם א י ב ע ר ן ק אָ פּ... א י ב ע ר ן ק אָ פּ... א י ב ע ר ן ק אָ פּ... אוי, מיט וואָס פאַראַ שווערער דוביגע! איך וועל אָבער ניט ליידן מער...

אָרע: רייד ניט קיין נאַרישקייטן, טו נאָר ניט נאָך חיים זוסיען, דו וועסט פאַרלירן אי די וועלט, אי יענע וועלט!

גוטמאַן: (טוט זיך אַ כאַפּ) איך קען שוין ניט אַריבערטראָגן מער די יסורים. און פאַרוואָס וועל איך עפּעס פאַרלירן יענע וועלט אויך? איך האָב אַ גערעכטע טענה צו גאָט. ווער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל מיך אַפּריער אַזוי רייך מאַכן? האָסטו רחמנות געהאַט און דו האָסט מיך אַזוי אויפגעהויבן — טאָ וואַרף מיך ניט דערנאָך ניינצן איילן אין דר'ערד אַריין... וואו איז דאָ דער יושר? גאָט איז דאָך אַן אל רחום וחנון, דאַרף ער דאָך האָבן יושר, ניין? אָט דאָס וועל איך פאַר אים טענה'ן... אָט דאָס! דו בלייבסט דאָ אָרע, אָדער דו גייסט מיט מיר?

אָרע: איך וואַרט אויף חיים עלי'ן.

גוטמאַן: איז אַ גוטן! (גייט און שטעלט זיך אָפּ) און דער אַדעסער זשו־ליק בלייבט ביי זיין געלט. ער וואָלט איצטער געקענט אָפּקויפן גאַנץ בראָנז־וויל מיט באַראָפּאַרק צוזאַמען... פאַרוואָס נעמט ניט דיין ווייב ביי אים אַ ריכטיקן גמילות חסד וואָס וואָלט דיר געהאָלפן? ער וואָלט איר געליען! איך וויס, אַלע ווייסן דאָס...

אָרע: (טוט זיך אַ צאַפּל) שוין ווידער?! הער אויף צו ריידן לשון הרע און רכילות אויף אַנדערע. ס'איז אַ ליגן, דאָס איז כזב ושקר און דערפאַר האָט

דאָס גאָט אונדז אַלעמען געשטראָפט! ווייל מיר זיינען אַזעלכע הולטאַיעס און האָבן אַזוינס אין קאָפּ...

גוטמאַן: און באמת, וואָס גייט דאָס מיך אָן און ווי קען איך איצטער גאָר ריידן דערפון? מילא, אַ גוטן. (אָפּ)

אָרע: (זיפצט) ווער ווייס... אפשר זיינען זיי גערעכט. סתם אין דער וועלט אַריין וועלן זיי דאָך ניט אויסטראַכטן! וואו איז זי איצטער? אפשר, גאָר מיט יענעם... (טוט זיך אַ כאַפּ) פון וואָס טראַכט איך? זאָל דאָס... זאָל דאָס... זאָל דאָס?...

(חיים עלי קומט אַריין)

חיים עלי: (טוט אַ פיר מיט ביידע הענט) ניט געקענט פועלן, ניט גע־קענט, אַז עס קומט צו געלט האָבן מענטשן עפּעס שטיינערנע הערצער... אָדער מע טראָגט אַריין געלט ביז מאָרגן צוועלף, פאַר דאָס הויז, אַניט איז פאַרקלאָזט. כ'האָב זיך ס'האַרץ אויסגערעדט, כ'האָב כמעט געוויינט, רב אָרע, אָבער גיי וויין, טענה, אַז, ווען עס קומט צו דעם דאָלער איז נישטאָ קיין מענטשן...

אָרע: מילא, חיים עלי, זאָל זיין, מסתמא וויל גאָט אַזוי. דאָס אַרט מיך ניט אַזוי ווי דאָס וואָס איך האָב ניט צו באַצאָלן יענע, די אָרימעלייט... חיים עלי! באַצאָלט זיי! און צוגעלעגט זיך שלאָפן און שלאָפן. כ'האָב אַזוי לאַנג שוין ניט געשלאָפן, חיים עלי. קום מיט מיר צו פיניע'ן. כ'האָב אים געגעבן אַזויפיל געלט, אפשר וועט ער איצט רחמנות האָבן אויף מיר. כ'וועל אים זאָגן, ער זאָל צונעמען אַלץ מיט אָן אַנדער פון שטוב און אָבי... (אָפּ מיט חיים עלי'ן לינקס — פויזע. פון אַ צווייטן צימער קלינגט דער זייגער פיר מאָל. רייטשל און סעמקע קומען אַריין)

סעמקע: צו וואָס האָסטו מיך גערופן אַהער?

רייטשל: כ'האָב געוואָלט קומען צו דיר אַהיים, נאָך דעם אָבער האָב איך זיך דערמאָנט ווי דו האָסט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר דיין ווייב, דער־פאַר האָב איך דיר טעלעפאָנירט.

סעמקע: דערפאַר דאַנק איך דיר, רייטשל. איך האַלט שטענדיק פון דעם פּרינציפּ: בעסער צען מאָל זיך אויסהיטן איידער איינמאָל אַריינפאַלן. פונ־דעסטוועגן ווייזט זיך מיר אויס, אַז דו היטסט זיך ניט גענוג, כ'מיין פאַר דיינע אייגענע דאָ אין הויז. זיי וועלן דאָך אַמאָל מוזן דערשמעקן.

רייטשל: אָרע האָט שוין דערשמעקט. ער האָט מיר שוין עטלעכע מאָל אַנצוהערעניש געגעבן, אַז מען רעדט, און די משפּחה זיינע, פאַרשטיי איך, האָט שוין אויך עפּעס דערשמעקט. אָט דערפאַר טאַקי האָב איך דיך איצט גערופן.

סעמקע: דערפאַר?

רייטשל: יאָ, ווייל איך ריכט זיך, אַז אָרע וועט מיר מאַכן היינט אַ סצענע, און איכ'ל אים אַלצדינג דערציילן. און אַ חוץ דעם, האָב איך מורא, אַז ער וועט בעטן ביי מיר מיין צירונג, כדי עס צו פאַרזעצן און באַצאָלן די חובות זיינע. מירקע'ן און די אַנדערע. איך ווייס, אַז ער וויל דאָס טאָן.

סעמקע: איז וואָס בין איך שולדיק? וואָס האָט דאָס אַלצדינג צו טאָן מיט מיר?

רייטשל: איך וויל דיר איצטער איבערגעבן די צירונג מיינע. באַהאַלט דאָס פאַר מיר.

סעמקע: וואָס הייסט באַהאַלטן פאַר דיר? די גאַנצע געשיכטע געפעלט מיר ניט. דזשיזעס... גאָר אַזאַ זאַך?! און וואָס הייסט, זיי האָבן דערשמעקט און זיי ריידן? האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז דו זאָלסט זיך היטן? די גאַנצע צייט האָב איך דיך געוואָרנט — היטן זיך, קיינער טאָר דערווייליע ניט וויסן — מיטאַמאָל — נאַדיר! דער מאַן האָט דערשמעקט, אַנדערע האָבן דער־שמעקט, עס פעלט נאָך, אַז מיינע זאָל אויך אויף ריכטיק זיך דערוויסן. דע־מאָלט, גודביי, מיט הויט און ביינער בין איך אַן אָפּגעקאָכטער. אירע ברידער וועלן מיך דאָן דערשטיקן אין אַזאַ צייט. ניין, אַזאַ אידיאָט בין איך ניט. עס טוט מיר לייד, רייטשל, איך באַדויער זייער, אָבער אויב צווישן אונדז מוז זיין אַ סוף, ביזטו אַליין שולדיק אין דעם...

רייטשל: (צעטומלט) סעם, הער נאָר ווי דו רעדסט...

סעמקע: איך קאָן מיר ניט העלפן. גלויב מיר, אַז איך רייד דאָס מיט אַ ריס אין האַרצן. אַז יעדעס וואָרט קאָסט מיך אַ שטיק געזונט. אָבער ווהאָט די העל, אַז מען רעדט און מען ווייס, מוז דאָך קומען צו אַ סוף, ניין?

רייטשל: (מורמלט) איז דאָס דער סוף, סעם? אַזאַ סוף נאָך אַזאַ לאַנגער צייט? נאָך די אַלע האָפענונגען, נאָך די אַלע דיינע צוזאָגונגען?

סעם: איך קאָן ניט העלפן. און זאָגן דיר דעם אמת? — פאַר דיר אַליין איז אויך בעסער אַזוי, וואָרום פון גט'ן זיך מיט מיינער איז אָפּגערעדט. איצטער אודאי ניט. טאָ וואָס טויג דאָס דיר? נו, האָב איך דיר איצטער גע־זאָגט דעם גאַנצן אמת...

רייטשל: (אַן אויפגערעגטע, קוקט אים גלייך אין פנים, נאָך דעם טוט זי אַ טראָט צו אים) האַ? דו רעדסט דאָס אַזוי?

סעמקע: (אָפּגעטראָטן פון איר) רייטשל, ניט זיין ווילד...

רייטשל: (צעלאַכט זיך) ווי ער האָט זיך דערשראָקן, דער העלד מיינער! (מיטאַמאָל הויבן טרערן אָן זי צו שטיקן) סעם, ווי אַזוי האָסטו דאָס געקאָנט אַרויסלאָזן פון מויל? דערמאָן זיך נאָר, ערשט נעכטן ביזטו דאָך געווען אַזוי גליקלעך מיט מיר...

סעמקע: איך בין געווען גליקלעך, און דו ניט? די אַלטע ווייבערשע טענות. איך האָב זיי שוין געהערט, געהערט ניט איין מאָל. אָט די זאַכן זיינען פיפטי־פיפטי, דו הערסט, פיפטי־פיפטי און איך האָב פיינט אָט דעם סאָרט בלאָפס, הער אויף?

רייטשל: וואָס פאַראַ באַנדיט דו ביזט. און ווי איך וואָלט דאָס געוואָלט דיר אָנשפייען אַ פולן פנים...

סעמקע: (טוט זיך אַ כאַפּ) איז, וואָס איז דאָ מיט דיר צו ריידן, גודביי!

(אָפּ)

(רייטשל וואַרפט זיך אויף אַ שטול און צעוויינט זיך) (אָרע און חיים עלי קומען אַריין. רייטשל הויבט זיך אויף און אַפּ אין איר צימער רעכטס, און פאַרמאַכט די טיר)

אָרע: יאָ, חיים עלי, אַזוי איז דאָס־אָ. ווען עס קומט צו געלט איז ניטאָ קיין טאַטע, ניטאָ קיין שווער. פע... ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אַזאַ קללה?

חיים עלי: די סאָציאַליסטן זיינען באַלד גערעכט, רב אָרע.

אָרע: איי־איי־איי, איז דאָס אַ קללה, ווען ניט אָטאָ דאָס געלט, חיים עלי, וואָלט דאָך מיינע מיט מיר אויך ניט חתונה געהאַט, און מיין לעבן וואָלט אָט די גאַנצע צייט ניט געווען אַזאַ גיהנום... זי איז דאַכט זיך ערשט דאָ געווען. באַהאַלט זיך פון מיר. כ'האָב נעכטן איר געזאָגט, אפשר וואָלט זי מיר אויסגעהאָלפן מיט איר צירונג...

(פרומע קומט אַריין)

פרומע: דו'סט געהערט, אָרע? נעבאך אברהם גוטמאַן האָט זיך אָנגעטאָן אַ מעשה...

אָרע: (טוט זיך אַ כאַפּ) אברהם גוטמאַן?! וואָס רעדסטו, ער איז דאָך ערשט דאָ געווען. דו מיינסט אפשר חיים זוסיע'ן.

פרומע: חיים זוסיע האָט דאָס געטאָן אין דער פרי און ער, אָט ערשט־אָ, געקומען אַהיים און זיך אָנגעטרונקען מיט געז, און... ברוך דין אמת...

אָרע: ברוך דין אמת... (מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ טומל פון דרויסן. חיים עלי לויפט צו צום פענצטער)

חיים עלי: אָה, זיי קומען דאָ ווידער, מירקע, מיט די אַלע אַנדערע...

אָרע: (צעטומלט) נו, וואָס טו איך מיט זיי?.. איך האָב שוין מער קיין כוח ניט...

חיים עלי: (טוט זיך אַ כאַפּ) איכ'ל צומאַכן די טיר, זאָלן זיי קומען מאָרגן. (פאַריגלט די טיר. אַ קלאַפּן פון דרויסן, מיט אַ געשריי: עפנט!!)

אָרע: לאָז זיי אַריין, חיים עלי...

חיים עלי: ניין, איר האָט איצטער קיין כוח ניט פאַר זיי... (שרייט אין טיר אַריין) יידן, ווייבער, קומט מאָרגן! רב אָרע וועט מאָרגן פאַר אייך אַלעמען האָבן געלט. לאָזט אים קומען צו זיך אַביסל, יידן.

מירקעס קול: (פון הינטער דער טיר) ער נאַרט אונז אָפּ! ער האָט מיר פריער געזאָגט, איך זאָל קומען שפּעטער...

אָרע: לאָז זיי אַריין, חיים עלי.

חיים עלי: ניין!

פרומע: אוי ווי איז מיר, איך קען דאָס ניט אויסהאַלטן (פאַרברעכט די הענט און אָפּ לינקס)

(ביי אַלע פענצטער ווייזן זיך פון דרויסן מירקע, און די אַנדערע, מענער און פרויען מיט געשרייען: רב אָרע, אונדזער געלט! רב אָרע, אונדזער געלט! באַצאָלט! באַצאָלט! באַצאָלט! מיר וועלן אויסברעכן די שויבן, די ווענט פון אייער הויז וועלן מיר צענעמען)

אָרע: (לויפט אַרום צעטומלט און שטעלט זיך אָפּ לעבן רייטשל׳ס צו־געמאַכטער טיר. צו דעם עולם) וואַרט אַ ווײַלעטשקע, איין מינוט נאָר! (עס ווערט צווישן עולם שטיל) חיים עלי, גיי אַרויס צו זיי און זאָג, אַז איכ׳ל זיי באַלד אַלעמען זען.

חיים עלי: וואָס ווילט איר טאָן?

אָרע: איך ווייס שוין וואָס צו טאָן. גיי, און וואַרט מיט זיי אויפן גאַניק ביז וואַנען איכ׳ל אייך אַ רוף טאָן. (חיים עלי אָפּ, די איבעריקע פאַרשווינדן פון די פענצטער) (קלאַפּט אָן אין רייטשל׳ס טיר) רייטשל, עפן די טיר. רייטשל! איצט זאָלסטו אויפעפענען, אַז ניט וועל איך די טיר אויפברעכן. (רייטשל עפנט די טיר און קומט אַרויס מיט אַ שקאַטולקע וואו איר צירונג ליגט)

רייטשל: וואָס ווילסטו?

אָרע: וואָס טראָגסטו דאָס?

רייטשל: מיין דזשולערי.

אָרע: וואוהין טראָגסטו דאָס?

רייטשל: איז דאָס דיין דאגה אויך? ס׳איז מיין דזשולערי קען איך טראָגן, וואו איך וויל.

אָרע: און איך האָב געמיינט, אַז דו טראָגסט איצט די דזשולערי... אַז דו ווילסט מיר העלפן אַזוי ווי איך האָב נעכטן ביי דיר געבעטן.

רייטשל: כ׳האָב דאָס אפילו אינם זינען ניט.

אָרע: רייטשל, העלף מיר זיי באַצאָלן. ס׳איז בלוטיקע חובות, רייטשל, איך קען ניט רוען... איך קען ניט צומאַכן מיט אַן אויג די נעכט. ווייז כאָטש איצט, אַז דו ביזט אַ לייטישע ווייב...

רייטשל: הער אויף, און דיינע רייד וועלן דיר גאָרניט העלפן. די דזשולערי איז מיינס, כאָטש בלייבן ביי עפּעס פאַר דעם וואָס כ׳האָב חתונה געהאַט מיט אַן אַלטן מאַן, וואָס ער איז מיר די גאַנצע צוויי יאָר געווען מיאוס.

אָרע: (טוט זיך אַ צאַפּל) אַה, קלאָרע דיבורים!... הייסט דאָס, אפשר דאָס וואָס יענע ריידן האָבן זיי ניט אויסגעטראַכט? גיב אַהער די דזשולערי!

רייטשל: אין די נעק!

אָרע: (צעלאַכט זיך שטיל) העהע, זייער שיין! פיין! אַ מצוה אויף מיר! איצטער איז שוין אַלצדינג קלאָר! ניט קיין רכילות האָבן יענע הייסט דאָס אויסגעטראַכט.

רייטשל: ווען איר וואָלט ניט געווען אַזאַ אַלטער נאַר, וואָלט איר דאָס שוין לאַנג געדאַרפט וויסן. באַשערט געווען אַן אומגליק, זייט איר רייך געוואָרן. און איך האָב זיך סניוכעט פון פריער מיט אַט יענעם שאַרלאַטאַן, וואָס האָט מיך אויסגענוצט און מיך געמאַכט פאַר אַ צעלאָזענער, און מיר מיין האַרץ פאַר־סמט, און מיין קאָפּ פאַרסמט, און אינגאַנצן פון מיר געמאַכט אַ תל!...

אָרע: רייטשל, הער וואָס דו רעדסט?

רייטשל: איך הער וואָס איך רייד! און איר זאָלט אויך הערן, וואָס איך רייד צו אייך! איך וואָלט דאָס שוין לאַנג אייך געזאָגט, ווען ניט יענער שאַר־לאַטאַן, יענער אומגליק מיינער! אייער אָטעם איז פאַר מיר געווען סם! אייערע

לאַסקעס אַ גיהנום! איצט פאַרשטייט איר אַליין, אַז ס'איז בעסער פאַר אייך, אַז איר זאָלט מיך גט'ן!

אָרע: (וואַקלענדיק זיך אויף די פיס, מורמלט) אָט אַזוי־אָ, אַזוי... מרשעת! פאַרוואָס?! האָסטו דאָס געדאַרפט טאָן? האָב איך דיר דען ניט געזאָגט, אַז דו קענסט קריגן ביי מיר אַ גט? אָבער, אַ דאַנק גאָט, איצטער וועט מיר גרינגער זיין אַרויסצורייסן דיך פון מיין האַרצן, פון מיין מוח! כע, כע, כע, (לאַכט נערוועז. מיטאַמאָל) די דזשולערי אַהער! (כאַפּט אָן איר האַנט)

רייטשל: ניין! ניין! (ווערט זיך מיט אים)

אָרע: אַהער, חצופה! אַהער, מרשעת! איך דאַרף דאָס פאַר זיי, פאַר זיי, פאַר זיי! (אַרויסגעריסן די שקאַטולקע ביי איר פון די הענט)

רייטשל: (לאַכט צערייצט און אויפגערעגט) איך וועל אויף דעם ניט וויינען. איך האָב מער אָנגעוואָרן. (אָפּ צוריק אין איר צימער און פאַרקלאַפּט די טיר)

אָרע: (דעקט צו דעם פּנים מיט ביידע הענט און לאָזט זיך אַרונטער אויף אַ שטול און צעוויינט זיך שטיל) פאַרוואָס, גאָט? פאַרוואָס? פאַר וועלכע חטאים? (פויזע) נו, מילא... (הויבט זיך מיטאַמאָל אויף ווישט אויס די אויגן, גייט צו צו דער טיר און רופט) חיים עלי!

חיים עלי מיט מירקע'ן און די אַלע אַנדערע קומען אַריין מיט אַ טומל) יידן, איך וויל אייך אַלעמען באַצאָלן ביז אַ פּעני, אָט דאָ איז מיין ווייב'ס צירונג (עפנט די שקאַטולקע און שיט אַרויס אויפן טיש, מיט אַ קלינגעריי, בראַסלעטן, אוירינגלעך, רינגען, בראָשן, שפּילקעס און אַנדערע שטיקלעך צירונג) איר זעט, אַ סך טויזנטער האָט דאָס געקאָסט! מער וויפל איך בין אייך שולדיק, חיים עלי וועט דאָס פאַרזעצן און וויפל ער וועט קענען קריגן וועט ער אייך באַצאָלן, און אָטאָ דאָ — (גייט צו צו די שופלאַדן) איז אויך גענוג זילבער און אַנדערע טייערע כלים און געפעס. אויב עס וועט זיין עפּעס צו עסן וועט מען קענען עסן מיט בלעכענע לעפל און גאָפּל. (נעמט דעם טישטוך פון טיש און צעשפּרייט, נעמט די שופלאַדן און שיט אַריין אין טישטוך לעפל, גאָפּל) טאָמער וועט עפּעס פאַרבלייבן פאַר מיר איז אוודאי גוט, אַניט, מאַכט אויך ניט אויס, אַבי באַצאָלט, אַבי באַרואיקט זיך, אַבי ניט האָבן אַזעלכע בלוטיקע חובות אויפן קאָפּ! (נעמט אַרויס זיין זייגער) נאַט, דאָס אויך פאַר אייך.

חיים עלי: לאָזט עפּעס איבער פאַר זיך, רב אָרע!

אָרע: איך טראַכט מער ניט דערפון. אוי, יידן, פאַרשאָלטן זאָל זיין דאָס געלט! די גרעסטע קללה איז געלט! נישט גאָט האָט דאָס אויסגעטראַכט, נאָר דער שטן המשחית!

(פרומע וועלכע שטייט די גאַנצע צייט לעבן אַ טיר און זעט אַלץ וואָס עס קומט פאָר)

פרומע: מיין זון, ביזט געערעכט! (גייט צו צו אים) געלט נעמט מען ניט מיט זיך אויף יענער וועלט, אָבער מעשים טובים יאָ! אַבי דו האָסט די קליפּה פון הויז אַרויסגעטריבן, איז שוין אַלצדינג גוט! און ווידער, מיין זון, דעם

בית מדרש און די תלמוד תורה האָסטו דאָך אָפּגעשפּאָרט אויף הונדערט און צוואַנציק יאָר. דאָס וועט שוין ביי אונדז קיינער ניט קענען אַוועקנעמען! וואָס וויינסטו, מיין זון?

אָרע: אַזוי ווי אַ חלום... ווער האָט דאָס געדאַרפט, מאַמע? אַזוי ווי אַ חלום, אַ מורא׳דיקער חלום... וואָס פאַראַ קללה איז דאָס געלט...

(חיים עלי לייגט צוזאַמען די זאַכן, די איבעריקע שטייען אַרום אים און קוקן)

פאָרהאַנג

אויפגעפירט געוואָרן אין 1910

איבער ימען גרויסע
די נעקסט-דאָריקע

אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטן

פערזאָנען פון דעם ערשטן אַקט:

●

קוליע — 50 יאָר — אַ שמיד.

וועלוועלע — 25 יאָר — זיין זון, אַ שמיד. שפּעטער — אין אַמעריקע — אַ שניידער ביי פרויען־מאַנטלען.

הינדעלע — זיין ווייב — 20 יאָר.

כיענקע — קוליעס טאָכטער — 20 יאָר.

דער רב פון שטאָט — 65 יאָר אַלט.

בן ציון, דער חתן — 25 יאָר אַלט

בערל-לייבצע — דער פּראָצענטניק פון שטעטל — 50 יאָר.

חוה דוואָשע — 70 יאָר.

יחיאל די ציג — דער בעל־עגלה פון שטעטל.

שטעטלדיקע ווייבער און מיידלעך און א. וו.

פּערזאָנען פון די אַנדערע דריי אַקטן:

●

גימפּל ריאַבטשיק — אַ שניידער ביי פרויען מאַנטלען (קלאָקמאַכער) — 30 יאָר.

קלאַרא — זיין ווייב — 28 יאָר.

ווילי — (דער פריערדיקער וועלוועלע) אַ שניידער ביי פרויען מאַנטלען.

כיענע — בן ציונס ווייב.

בן ציון — אַ שניידער ביי פרויען־מאַנטלען.

גיטל — קלאַראַס מאַמע — 45 יאָר.

קוליע — אַ פּעדלער מיט שליסלען.

ערשטער אַקט האַנדלט אין אַ רוסישן קליינשטעטל אין יענע יאָרן, ווען מע האָט דאָרט געגלויבט, אַז אַמעריקע געפינט זיך ערגעץ הינטער די ימען גרויסע, אונטער דער ערד ערגעץ. די אַנדערע דריי אַקטן האַנדלען אין אַמע־ריקע אין דעם דאַמאָלסדיקן ניו־יאָרקער יידישן קוואַרטל, אין אַ טענעמענט הויז.

אָנגעשריבן אין 1915, געשפּילט צוערשט אין נעשאָנאַל טעאַטער דורך ב. טאָמאַשעווסקי, בערטאַ גערסטין, לעאָן בלאַנק, בינע אַבראַמאָוויטש, סעם קעסטין און דאָרא ווייסמאַן, אין 1916 אונטערן נאָמען „די נעקסט־דאָרגע", ווי אויך דורך אַנדערע טרופּעס אין פאַרשיידענע צייטן, ביז דער לעצטער צייט.

ערשטער אַקט

אַ גרויס צימער ביי קוליע דעם שמיד אין הויז. די ווענט זיינען געקאַלכט. דאָ און דאָרט איז די שקאַטורקע פון זיי אַרונטערגעפאַלן, און דראַניצעס סטאַרטשען פון זיי אַרויס, ווי ביינער פון אַ סקעלעט... גאַנץ־נידעריקע פענצטער, וואָס זיינען אָפן. האָרט הינטער זיי זעט זיך אַ גרינע פריזבע און ווייטער אַ ביסל — אַ בוים, באַשאָטן מיט ווייסער מאַיאָווער בליאונג. עס איז אַ שיינער בייטאָג אינעם חודש מאַי. הינדעלע, אַ יונג ווייבל, פון אַ יאָר 20 מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ, פּאַקט קליידער און וועש אין אַ קאָרב, וואָס שטייט אויף אַ טיש אין מיטן צימער. לינקס — אַן אויוון מיט אַ ליעזשאַנקע, אויף וועלכער עס ליגן אַנדערע פעקלעך. ניט ווייט דערביי אַ טיר, וואָס פירט אין אַ צווייטן צימער. רעכטס די גאַס טיר. אַ באַנק מיט אַ פּאָר פּראָסטע שטולן. אַ קאַנאַפּע, מיט שטרוי אַרויסגעשטאַרצט פון אונטער דער צעריסענער סאַראַטע, אַ קאָמאָד, אויף וועלכן עס שטייען עטלעכע מעשענע לייכטער און אַ סאַמאָוואַר...

הינדעלע (פּאַקנדיק, זינגט צעטראָגן אַ לידל, מיט אַ פאַרשטיקטער שטים, אין וועלכער טרערן הערן זיך).

גייט אַ שאַלטאַק איבערן גאַס,
לערנען קען ער גאָרניט, —
ער גייט אַרום פּוסט און פּאַס
און טוט נאָר וואָס מען טאָר ניט.
אַי, ווי איז מיר...

(ווישט אָפּ מיט די ברעגן פונעם טיכל די אויגן).

בערל־לייבצע דער וואַכערניק, אַ דיקער ייד מיט אַ רויטער באָרד, אַ יאָר 50, אין אַ לאַנגער זופּצע, מיט פאַרשטויבטע שטיוול, מיט אַ שטאָק אין דער האַנט, קומט אַריין פון רעכטס דורך דער גאַס טיר).

בערל־לייבצע: אַ גאָט העלף!... וואָס איז עפּעס די קוזניע צוגעמאַכט? וואו זיינען זיי?

הינדעלע: אויפן בית־עלמין, ר׳ בערל־לייבצע.

בערל־לייבצע: אויפן בית־עלמין גאָר?

הינדעלע: זיי זיינען אַוועק זיך זעגענען מיט דער שוויגער... וועלוועלע און כיענקע פאָרן דאָך היינט קיין אַמעריקע. (טוט אַ זיפץ.)

בערל־לייבצע: יע, איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז דיין מאַן פאָרט... וואָס זשע איז דיין שווער געגאַנגען זיך זעגענען? ער פאָרט דאָך ניט...

הינדעלע: וואָס רעדט איר, ר׳ בערל־לייבצע? ער איז דאָך אַ טאַטע. מער ווי די צוויי קינדער האָט ער דאָך ניט. ער איז געגאַנגען צו דער שוויגער בעטן, אַז זי זאָל דאָרטן אַ גוטע בעטערין זיין פאַר זיי... זיי דאַרפן פאָרן

איבער ימען גרויסע, איבער מדבריות וויסטע... אַי, ר׳ בערל־לייבצע, צי־טערט מיר אַזוי דאָס האַרץ. איך האָב שוין עטלעכע נעכט ניט געשלאָפן...

בערל־לייבצע: דו פאָרסט אויך?

הינדעלע: ניין. אָבער מיין װעלװעלע פאָרט, און פאַר כיענקען שרעקט מיר אויך דאָס האַרץ — אַ שװעגערין...

בערל־לייבצע: לאָזט דיך, הייסט עס, דיין מאַן איבער און פאָרט אַליין אַוועק קיין אַמעריקע. האַ; איך וואָלט עס ניט געקענט... סטייטש, ערשט דריי חדשים נאָך דער חתונה... אַ יונג װייבל, שיינט װי אַלע זיבן זונען. מען דאַרף זיין אַ צדיק, צו קענען אַוועקפאָרן אויף איין טאָג פון אַזאַ װייבעלע, װי דו, דריי חדשים נאָך דער חתונה, היינט אַ פשיטא, נאָך קיין אַמעריקע!... כאַ, כאַ, װער וואָלט עס געגלייבט, אַז דיין װעלװעלע זאָל זיין אַזאַ צדיק!... סיידן ער האָט דיך ניט האָלד...

הינדעלע: (פאַרשעמט) מיין װעלװעלע האָט מיך נישט האָלד?... רבונו של עולם, צייט מיר װעלן לעבן!...

בערל־לייבצע: און דו װעסט גאָרניט בענקען נאָך אים?

הינדעלע: וואָס הייסט, איך װעל ניט בענקען נאָך אים? װי קאָן מען עס ניט בענקען נאָך אַן אייגענעם מאַן, ר׳ בערל־לייבצע? (צעװיינט זיך). איבער ימען גרויסע, איבער מדבריות וויסטע דאַרף מיין װעלװעלע פאָרן, ביז ער װעט אַהינצוצו קומען אין דער אַמעריקע, אונטער דר׳ערד...

בערל־לייבצע: (נעמט אַרויס אַ געקעסטלט טיכל פון אַ קעשענע און גייט צו צו איר) נו, שאַ, שאַ, װיין ניט! איך קען ניט זען װי אַזאַ יפת־תואר װי דו װיינט! (ווישט איר מיט זיין טיכל די אויגן) שאַ, שאַ! איך האָב אַ װייך האַרץ, איך קאָן דאָס ניט זען — (באַהאַלט דאָס טיכל און טוט איר אַ גלעט איבער אַ באַק) נו, שאַ! שאַ!

הינדעלע: מסתמא אַזוי באַשערט... כ׳װייס, אפשר איז אַזוי בעסער. אַלע פון אונדזער שטעטל, וואָס זיינען אַהינצו אַוועקגעפאָרן, שרייבן דאָך פון דאָרטן, כוויי?... אַז מען דאַרף כאָטש צופוס לויפן אַהינצוצו. װעט אפשר אים אויך גאָט העלפן. קוזיניעס זיינען דאָך דאָרטן מסתמא אויך פאַראַן און פערד פעלן דאָך דאָרט מסתמא אויך ניט...

בערל־לייבצע: פערד, דאַנקען גאָט, פעלן ערגעץ ניט... נו, שאַ, שאַ! (טוט זי אַ גלעט איבערן רוקן).

הינדעלע: (שפרינגט אָפּ פון אים) ר׳ בערל־לייבצע, וואָס טוט איר? פע, אַזאַ חרפה! איך וואָלט עס גאָרניט געגלייבט אויף אייך!

בערל־לייבצע: (לאַכט) כאַ־כאַ־כאַ! עפּעס... איך... איך... מיין עפּעס, חלילה? נאַרעלע דו, אַן עלטערער מענטש איז ניט קיין הולטאַי, חלילה. וואָס מיינסטו עפּעס, איך האָב, חלילה, אַ מחשבה זרה אין קאָפּ? װי אַ לייבלעכער טאַטע האָב איך דיך אַ גלעט געטאָן, אָט װי... װי... אַי, גיי שוין, גיי, דו האָסט מיך פאַרשעמט!...

הינדעלע: איר האָט מיך אויך פאַרשעמט... דאָס איז ניט שיין. איך האָב עס פיינט.

בערל־לייבצע: אינגאַנצן פיינט? אפילו ווען וועלוועלע?...

הינדעלע: וועלוועלע מעג דאָס. איך האָב דערפאַר מיט אים חתונה גע־האַט, אַז ער זאָל דאָס מעגן.

בערל־לייבצע: ביי דיין וועלוועלען קאָן מען דאָס פועלן אָן חתונה אויך. מיט די שיקסעס און די גויעס, מיט וועלכע ער האָט זיך אַלע יאָרן אַרומגע־שלעפּט, האָט ער דאָך ניט חתונה געהאַט, האַ?

הינדעלע: דאָס איז אַלץ געווען, ביז ער האָט חתונה געהאַט... איצטער איז ער דער אָרענטלעכסטער מאַן אויף דער וועלט. און אַז אָך און ווי וואָלט איך געווען, ר׳ בערל־לייבצע, ווען ער וואָלט געזען, ווי איר האָט מיך פאַר־שעמט. איר ווייסט דאָך, אַז ער לייגט צו אַ האַנט... איר וואָלט באַדאַרפט וידוי אַפּריער אָפּזאָגן...

בערל־לייבצע: צי איך ווייס, אַז דיין וועלוועלע קען געבן אַ קלאַפּ, מען זאָל דערזען דעם טאַטן אויף יענער וועלט? כוח האָט ער ווי צען עשו׳ס...

הינדעלע: קיין עין־הרע ניט, הלוואי צייט זיין לעבן. ווען מען טשע־פּעט אים אָבער ניט, וועט ער קיין פליג אויף דער וואַנט ניט אָנרירן!

בערל־לייבצע: חלילה, קיין פליג אויף דער וואַנט וועט ער טאַקע ניט אָנרירן. נאָר אינעם בית־המדרש, אַז עמעצער קריגט מיט אַ האַנטוך אינעם קאָפּ, ווייסט מען, אַז דאָס האָט געטאָן וועלוועלע, די ווילדע בריאה! אַז מען געפינט עמיצענס טלית־זעקל אינעם האַנטפאַס, ווייסט מען, אַז וועלוועלעס חכמה איז דאָס. און ווער וואַרפט די ערגסטע שישקעס תשעה־באב אין די בערד? — טאַקע וועלוועלע די ווילדע בריאה! און ווער צעברעכט אַ באַנק פורים צו דער מגילה קלאַפּנדיק המנען? — טאַקע ווידער וועלוועלע, די ווילדע בריאה! וואָס מיינסטו, אינעם בית־המדרש וועט מען טאַקע בענקען נאָך אים...

הינדעלע: (אויפגעבראַכט) פאַרוואָס רופט איר אים „ווילדע בריאה״? ער איז אַזוי אָרענטלעך ווי אַלע! ער דאַוונט, פאַרפעלט נים קיין מנחה, קיין מעריב, לייענט קריאת־שמע, זאָגט אַמאָל אַ קאַפּיטל תהלים, איז מעביר די סדרה יעדן שבת, פאָלגט מיך, וואָס איך זאָג אים. פאַרוואָס רופט איר אים „ווילדע בריאה״, האַ?

בער־לייבצע: וואָס ביסטו אין כעס? מען רופט אים אַזוי פון קינדווייז אויף. אַלע ביי אונדז אינעם שטעטל האָבן צונעמענישן. און אַז מען רופט מיך בערל־לייבצע פּיי?...

הינדעלע: בערל־לייבצע פּיי? איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געהערט...

בערל־לייבצע: וואָס הייסט דו האָסט ניט געהערט? מסתמא האָסטו יאָ געהערט... פּיי! פּיי! בערל־לייבצע פּיי! איך מיין... (זאָגט איר שטיל אויפן אויער) בערל־לייבצע פּיאַווקע.

הינדעלע: אָ, אָט דאָס האָב איך יאָ געהערט...

בערל־לייבצע: נו, וועמען אַרט עס? זאָלן זיי מיך אַזוי רופן, אַבי מען זאָל מיר צאָלן מיין וואָכער...

הינדעלע: און מיר שטייט ניט אָן, מען זאָל מיין וועלוועלען רופן „ווילדע בריאה״. פאַר דער חתונה האָט מען אים געמעגט אַזוי רופן. היינט אָבער, זינט ער איז מיין מאַן, איז ער גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. אויף שיקסעס קוקט ער זיך מער אפילו ניט אום, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. איר הערט? אסור זאָל מיר זיין, אויב וואָסער זון האָט אַזויפיל אָפּשיי פאַר זיין טאַטן, ווי מיין וועלוועלע פאַר דעם שווער. איר קאָנט דאָך מיין שווער?

בערל-לייבצע: צי איך קען דיין שווער? אויך אַ ווילדער! דאַנקען גאָט כאָטש דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי מורא פאַר דעם אוריאַדניק!...

הינדעלע: דער שווער כאַפּט זיך דאָך באַלד שלאָגן, שלאָגט ער אַמאָל מיין וועלוועלען אויך. מיינט איר, אַז וועלוועלע וועט אים אַמאָל אַ קרום וואָרט זאָגן? דער שווער שלאָגט אים, ווי אַ רוצח, און ער, וועלוועלע, לאַכט. פאַר־אַכטאָגן זונטאג איז דער שווער אַרויס פון די כלים, האָט ער אַרויסגעריסן אַ האַלאַבליע פון אַ וואָגן און געגעבן מיט איר האַקן וועלוועלען. אַ נס וואָס איך בין דערביי געווען, האָב איך געגעבן וויינען. דעמאָלט האָט דער שווער די האַלאַבליע אָוועקגעוואָרפן. פאַר מיר האָט דער שווער דווקא אָפּשיי...

בערל-לייבצע: אַי, אַי, האָט ער אים ניט איבערגעבראָכן אַ ביין?

הינדעלע: אַ דאַנק גאָט, עס האָט אים ניט געשאַדט...

בערל-לייבצע: און וואָס האָט דיין וועלוועלע געטאָן?

הינדעלע: גאָרנישט. געלאַכט. ער לאַכט אַלעמאָל, אַז דער שווער שלאָגט אים.

בערל-לייבצע: אַ ווערדע אַ גרויסע ביי דיין וועלוועלען צו כאַפּן מיט אַ האַלאַבליע, אָט ווי אַ פליג וואָלט אים אַ פּורקע געטאָן. סיידן, אַז דיין שווער זאָל אים מכבד זיין מיט אַ דובינע, צי מיט זיינעם אַ שווערן האַמער, וואָלט ער דערפילט...

הינדעלע: אוי, זאָל גאָט אויסהיטן! בייסט זיך בעסער אָפּ די צונג!

בערל-לייבצע: מילא, איכ׳ל דערוויילע גיין. זאָג דיין שווער, ער זאָל מיר אָנגרייטן דעם וואָכער, איכ׳ל שפּעטער קומען. (גייט צו דער טיר)

הינדעלע: וואַרט נאָר, ר׳ בערל-לייבצע, איך וויל אייך עפּעס פרעגן.

בערל-לייבצע: וואָס? (שטעלט זיך אָפּ).

הינדעלע: ר׳ בערל-לייבצע, זאָגט מיר דעם אמת, איר ווייסט דאָך מסתמא: אייערע קינדער לייענען אַ בלאַט, איר זייט אַן איינגייער ביים אוריאַדניק, ביים פּריץ אינעם הויף... זאָגט מיר, איז אַמעריקע טאַקע אונ־טער דר׳ערד?...

בערל-לייבצע: מסתמא. מחמת די ערד איז אַזוי אוסטראַיעט, אַז... אַז... נו, יאָ, יאָ, אונטער דר׳ערד, אונטער דר׳ערד, ווי דען?...

הינדעלע: אונדזער לערער, וואָס האָט מיך געלערנט שרייבן, זאָגט דאָס אויך. ער ווייס דאָך: ער שרייבט דאָך די אַלע אַדרעסן אַהינצוצו... זאָגט ער אויך: אַמעריקע איז אונטער דר׳ערד. ווען ביי אונדז איז טאָג, איז דאָרטן נאַכט, און בעת ביי אונדז איז נאַכט, איז דאָרטן טאָג. אַלצדינג קאַפּויר ווי ביי

אונדז. און מענטשן לעבן דאָרטן גליקלעך, דערציילט ער. חיונה האָט יעדער און פאַר אַן אוריאַדניק האָט מען דאָרטן אַ האָר ניט מורא...

בערל־לייבצע: דאָס האָב איך אויך געהערט. אָבער — ווייס איך — נאַרישקייטן, באָבקעס! פאַר אַן אוריאַדניק גאָר ניט מורא האָבן! ווי אַזוי עפּעס האָט מען ניט מורא פאַר נאַטשאַלסטוואָ? מסתמא זיינען דאָרטן אויך דאָ זאַקאָנעס; און אַז עס זיינען דאָ זאַקאָנעס, מוז מען זיי איספּאָלניאַיען; און אַז זיי זאָלן איספּאָלניאַיעט ווערן, זיינען מסתמא דאָרטן אויף דערויף פאַראַן די ריכטיקע נאַטשאַלסטוואָ; און אַז נאַטשאַלסטוואָ איז דאָ, האָט מען פאַר איר מורא און מען מוז איר אַמאָל אַריינשטעקן אין יד אַריין... כ׳ווייס, נאַרישע מענטשן, גלייבן אַלע נאַרישקייטן! זאָג־זשע דעם שווער דיינעם, אַז איכ׳ל קומען נאָכן וואָכער...

הינדעלע: איכ׳ל זאָגן, ר׳ בערל־לייבצע. איז גאָר קיין אַנדער וועג נישטאָ אַהינצוצו ווי מיט אַ שיף איבער ימען?... (האַלט דערביי אַ פּאָר זאָקן און קוקט אויף אים).

בערל־לייבצע: אויף שמערלס הינקענדיקער קליאַטשע וועסטו אַהינצו־צו ניט קענען פאָרן... איכ׳ל באַלד קומען צוריק. (אַנטלויפט)

הינדעלע: (קוקט אים נאָך; ווישט זיך אָפּ מיט די זאָקן די אויגן און פּאַקט זיי אין קאָרב אַריין. זי פּאַקט די אַנדערע זאַכן און זינגט מיט טרערן אין קול)

גייט אַ שאַלטאַק איבערן גאַס,
לערנען קען ער גאָרניט;
ער גייט אַרום פּוסט און פּאַס
און טוט וואָס מען טאָר ניט.

(צעוויינט זיך) אַ, גאַטעניו־פאָטערל, ברענג אַריבער מיין וועלעוועלען בשלום איבער די ימים די גרויסע, איבער די מדבריות די וויסטע!...

קוליע, מיט אַ שוואַרץ־קאַלטענעוואַטער באָרד, אין אַ ווינטערדיקן קאַפּטן, פון אונטער וועלכן עס זעען זיך אַרויס די ברעגעס פון אַן אַרבע כנפות מיט ציצית, אין וואַטאָווע הויזן און אין שווערע, פאַרשטויבטע שטיוול, קומט אַריין. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ היטל מיט אַ צעבראָכענעם דאַשעק. די הענט זיינען ביי אים שוואַרץ, אַזוי אויך דער נאַקן. ער טרעט שווער, קאַטשעט זיך אין גאַנג און סקראָבעט מיט די שטיוול)

קוליע: (שלעפּט אַרויס פון אונטערן בוזעם אַ דיקן ספרל) נאַ, געקויפט אַ נייעם סידורל, מיט תהילים... גרויסע אותיות מיט נקודות, וועט פאַר אים זיין גרינגער צו דאַווענען. (טוט אַ קוש דעם ספרל) נאַ, פּאַק אים אַריין!

הינדעלע: עס איז דאָך שוין דאָרטן אַריינגעפּאַקט אַ סידורל...

קוליע: יענער איז אַ שמאַטע, קוים וואָס מען זעט אַרויס די נקודות...

הינדעלע: ער קען דאָך גוט לייענען אָן נקודות אויך...

קוליע: די מעשה־ביכלעך... אָבער אינעם סידור, צי אינעם תהילים, קאַראַבקעט ער זיך ווי אַ פערד אַן פּאָדקעוועס אויף אַ גליטשיקן באַרג. ווייניק אים געפּאָלקעוועט! פּאַק אַריין!

הינדעלע: (טוט אַ קוש דעם סידורל און פּאַקט אים אַריין אינעם קאָרב) וואו איז ער, וועלוועלע?

קוליע: ער מיט כיענקען זיינען נאָך דאָרטן אויפן בית־עולם געבליבן. זעגענען זיך דאָרטן מיט די קברים. עס איז דאָך דאָרטן דאָ, קיין עין הרע, אַ גאַנצע משפחה... אַ לייבלעכע מאַמע, צוויי לייבלעכע ברידער, צוויי לייב־לעכע שוועסטער. גאָט ווייסט, צי וועלן וועלוועלע און כיענקע נאָך אַמאָל זען זייערע קברים... אפשר מיין קבר אויך ניט...

הינדעלע: האָט וועלוועלע עפּעס געוויינט?

קוליע: סטייטש געוויינט? געגאָסן האָט ער זיך, געגאָסן ווי אַ ביבער... איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען, אַז וועלוועלע זאָל וויינען. בעת איך האָב אים אפילו די הויט געפּאַסעוועט, האָט ער קיינמאָל ניט געוויינט. און היינט, אַז ער האָט דערזען זיין מאַמעס קבר, איז ער פאַרצאַפּלט געוואָרן, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן קבר און זיך צערעוועט, ווי אַ געקוילעטער אָקס: „מאַמע, מאַמע, איך פאָר אַוועק, אפשר אויף אַלעמאָל... זיי געזונט, מאַמע”!... (ווישט זיך מיט די הענט די אויגן)

הינדעלע: (כליפּעט) איבער ימען גרויסע פאָרט ער, איבער מדבריות ווינסטע...

קוליע: דאָס ווייס זי שוין, דיין שוויגער... איך האָב איר דערציילט אַקוראַט... אַי, פּאַסקודנע! פון זעקס קינדער צוויי געבליבן, צוויי אויגן אינעם קאָפּ, און זיי ווער איך היינט אויך אָן... הינדעלע, אָ, הינדעלע...

הינדעלע: וואָס איז, שווער?

קוליע: עס איז מיר איינגעפאַלן... דו זעסט דעם בוים? (ווייזט אויפן בוים, וואָס זעט זיך דורכן פענצטער). זעסט, ווי ער בליט? אַ מחיה, האַ? נו, למשל, אַז מען נעמט און מען האַקט אים אָפּ פיר צווייגן און מען באַגראָבט זיי אין דר׳ערד אַריין, און די איבעריקע צווייגן ווערט ער אויך אָן, וואָס וועט דעמאָלט ווערן פון אים, האַ? אַ גאָר נישט! אַ פאַרדאַרטער שטיק קלעצל! אַזוי, להבדיל, איז מיט מיר. פיר קינדער מיט דער ווייב באַגראָבן, די איבע־ריקע צוויי פאָרן אויך אַוועק... (קראַצט זיך דעם קאָפּ) וואָס וועט פון מיר ווערן אַליין? דו וועסט דאָך שפּעטער אויך אַוועקפאָרן אַהינצוצו? וואָס וועט פון מיר ווערן אויף די עלטערע יאָרן? אפילו אָנצושרייען וועל איך ניט האָבן אויף וועמען. מיין האַרץ איז דאָך אויך ניט פון קליאַטשע. ביז היינט האָב איך געהאַט וועמען צו קושן, וועמען צו פאַטשן, איך בין געווען אַ טאַטע... אוי, טאָכטערל, איז מיר קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן...

הינדעלע: שווער, מיר איז אויך זייער קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן...

קוליע: אָבער פאַרפאַלן. דער פּאַס איז שוין אַרויסגענומען. געקאָסט אַ שטיק גאָלד. נייע שטיוול. אַ נייער גאַרניטער. העמדער אים און כיענקען. מיר האָבן זיך דאָך ראַזאָראַיעט! פון די ק״ן קערבלעך, וואָס דו האָסט אים געגעבן נדן, איז דאָך איבערגעבליבן אַ מכה! זאָלן זיי פאָרן... איך האָב עס טאַקע דאָרטן אויפן בית־עולם דיין שוויגער, דיר צו לאַנגע יאָר, אויך געזאָגט. „זעלדע”, האָב איך איר געזאָגט, „אונדזערע קינדערלעך, אונדזערע עופהלעך...

איך האָב זיי געהייסן פאָרן. אברהמל די דאַרע קישקע, אַזאַ בן־פּקוע, איז אַהינצוצו אַוועקגעפאָרן, איז ער דאָרט שיר אַ רויטשילד געוואָרן. עסט, שרייבט ער, חלה מיט פלייש אַלע טאָג. שיינדל די שוואַרצע האָט דאָרט חתונה געהאַט אָן אַ קאָפּיקע נדן. לאה׳קע די קורנאָסע, אַזאַ הולטאַיקע, האָט דאָרטן פון פייגל־מילך. אפילו בן־ציון, דעם רבס בחורל, פאָרט היינט אויך מיט אונדזע־רע קינדערלעך אויף איין פור אַהינצוצו... זעלדע, דו פאַרשטייסט דאָך אונדזער אָבסטאַיאַטעלסטווע אַקוראַט: אין פרנסה איז מען געשלאָגן, אין קוזניע איז נישטאָ וואָס צו טאָן. כיענקע איז אַ כלה־מויד און נדן קען איך איר געבן אַ מכה. זי איז אַ נייטערקע, וועט זי דאָרטן פאַרדינען געלט. זעלדע, זאָלן זיי פאָרן געזונטערהייט. נו, וואָס קען מען זיך העלפן, נאַרעלע? ניט גוט? פאַסקודנע? נו, אוודאי איז פאַסקודנע. אָבער צוליב לייבלעכע קינדער מוזן מיר ליידן, נאַרעלע. טו זיך אַ סטאַרע דאָרטן פאַר זיי ביי דעם רבונו של עולם, כלאָפּאָטשע זיי אויס אַ ביסעלע מזל. דערפאַר, אַז גאָט וועט זיי העלפן, וועלן זיי צושיקן געלט אויף אַ נייער מצבה פאַר דיר...

הינדעלע: (טוט זיך אַ כאַפּ ווי פון שלאָף) וועלוועלע גייט... אויף וועמען שרייט ער דאָרט? (מען הערט פון דרויסן אַ קול: „פּאַשאָל! פּאַשאָל!")

קוליע: (רוקט זיך אַרויס דורכן פענצטער) זע נאַר, ער יאָגט זיך נאָך דעם אוריאַדניקס הונט! (שרייט) וועלעוועלע, ווילדע בריאה. טשעפּע ניט דעם כלב, אַהערצו גיי! (עס דערהערט זיך אַ סקאַוואָטשען פון אַ הונט) אַי, אַי, ער האָט אים צעבראָכן אַ ביין, דעם אוריאַדניקס הונט! (שפּרינגט אויף) איכ׳ל אים די ביינער צעפּאַלקעווען! וואָס האָט ער צו מיר? אויפן פייער וועט ער מיך אַרויפברענגען!

הינדעלע: שווער, פאַרגעסט ניט, אַז ער פאָרט היינט אַוועק...

קוליע: דערפאַר וויל ער מיר לאָזן אָן אַטיעזדנע, איך זאָל האָבן צרות פון דעם אוריאַדניק?...

וועלעוועלע, מיט אַ קליין בערדעלע, אין אַ פּידזשאַק, מיט אַ שוואַרצן שאַליק אַרום האַלדז, אין נייע שטיוול מיט הויכע כאַליוועס, אין אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק אויף אַ זייט קאָפּ. קומט אַריין פון דער גאַס טיר. אויפן פנים אַ גוטמוטיקער שמייכל.

וועלוועלע: אויב דער באַלעבאָס סקאַוואָטשעט ניט, זאָל זיין הונט סקאַוואָטשען!...

קוליע: אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין, וואָס האָסטו געטאָן, ווילדע בריאה? וואָס הייבסטו זיך אָן מיטן אוריאַדניק, מיטן אָדון מיט די מעשענע קנעפּלעך, וואָס הייבסטו זיך אָן?

וועלוועלע: איצטער פייף איך אויף אים. זאָל ער מיך קומען אַריינזעצן אין אַמעריקע!...

קוליע: נו, נו, הינדעלע, דו הערסט? דו הערסט? איך שפּרינג אַרויס פון די כלים... איוואַן! כאַריטאָן! מיטן אוריאַדניק הייבסטו זיך אָן? גוואַלד, האַלט מיר צו די הענט, מחמת... מחמת... איך קען ניט! איך שפּרינג פון

די האָלאָבליעס! איכ׳ל אים צעפּאָלקעווען דיביינער. איכ׳ל ניט קוקן, וואָס ער פאַרט היינט אַוועק!... ווילדע בריאה, ער וועט דיך נאָך איינזעצן!

וועלוועלע: ער קען ניט. ער האָט קיין פּראַווע ניט. איך האָב אַ פּאַס...

קוליע: ער פייפט אויף דעם פּאַס...

וועלוועלע: ער קען ניט פייפן. ער האָט קיין פּראַווע ניט צו פייפן אויף אַ פּאַס. טאַטע, אים אַליין האָב איך דאָס געדאַרפט אַזוי צעברעכן אַ פּוס. דו ווייסט?

קוליע: וואָס זאָל איך וויסן?

וועלוועלע: איך גיי מיט כיענקען פון בית־עלמין, טרעפן מיר אים אָן. — „זדראַווע. — זדראַווע. איר פאָרט קיין אַמעריצע? — מיר פאָרן קיין אַמעריצע. — צעקוש זיך, כיענקע, מיט מיר“, — מאַכט ער.

הינדעלע: ווײַ איז מיר, נו?

קוליע: אירער אַ קרוב, אַ בראַנד אים אין די ביינער! וואָס אַ מעשענעם קנעפּל קען זיך פאַרוועלן!...

וועלוועלע: הקיצור, וועט זיך כיענקע מיט אים צעקושן? טוט ער זי אַ כאַפּ אָנעט, אַקוראַט ווי זי וואָלט ניט געווען קיין מיידל, נאָר אַ שיקסע! אוי, אַ כאָליערע, שיר־שיר בין איך אים ניט אַריינגעפּאָרן מיט אַ „שמור וזכור“ אין כראַפּע אַריין! איך האָב געמוזט אַריינשפּאָרן די קולאַקעס אין די קעשענעס און זיי האַלטן דאָרטן, ווי אויף אַ קייט, אַ ניט, חלילה, וואָלט איך אים אַוודאי דערהרגעט!...

הינדעלע: נו? האָט ער זי געקושט?

וועלוועלע: ניט געקושט, נאָר זי געקוועטשט ווי אַ שיקסע!... ער וואָלט זי נאָך מער געקוועטשט, האָב איך אים אַזוי אַ קראַץ געטאָן מיט דער פּלייצע, איז ער פון איר אָפּגעפלויגן און האָט שיר האַלדז און נאַקן ניט צע־בראָכן...

קוליע: אוי ווײַ איז מיר, ראַסטאַנט! דו ווייסט דאָך, אַז איך ציטער פאַר אים ווי פאַר פייער! איצטער וועט ער דאָך מיך אומגליקלעך מאַכן. נו, האָט ער זי אַ קוועטש געטאָן, כאַפּט אים דער שוואַרץ יאָר! פאַרשווייגט מען. ער איז דאָך אַן אוריאַדניק. וואָס הייסט, זיך פאַרטשעפּן מיטן אדון מיט די מעשענע קנעפּלעך!...

וועלוועלע: וואָס האָסטו פאַר אים מורא? דו האַנדלסט מיט געגנבעטע פערד, וואָס?

קוליע: הער נאָר, הער, ער פרעגט גאָר, וואָס האָב איך פאַר אים מורא! וואָסער ייִד האָט דאָס ניט מורא פאַר אַן אוריאַדניק? אַ פּשיטא נאָך איך. כמעט יעדן טאָג הרגע איך אָן אַ גוי, אַז ער וויל מיר צעדרייען פאַר דער אַרבעט. אַז דער אוריאַדניק איז ניט אין כעס, הרגעט מען אָן דעם גוי און ער באַצאָלט. איצטער אָבער... האַ, ממזר, האַ?...

וועלוועלע: טאַטע, איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: דאָס האָט מיך אַזוי אויפגעקאָכט, אַז איך האָב זיך דערמאָנט אויף אַלע שלעכטע מענטשן פונעם שטעטל: אויפן אוריאַדניק און אויף בערל־לייבצע פּיאַווקע. איידער איך פאַר

אַוועק, האָב איך חשק זיי די פיס אויסצודרייען. אפשר וועלן די מענטשן ניט ליידן פון זיי נאָכדעם אַזעלכע צרות...

קוליע: הער אויף, אַ בראָך צו דיינע יאָרן!

הינדעלע: שווער, וואָס שילט איר אים פאַר זיין אַוועקפאָרן? (צעוויינט זיך)

קוליע: האַ? איך האָב אים געשאָלטן? אוי, גוואַלד! (טוט זיך אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ) קוליע, דו ביסט דאָך ניט שיכור? ווען שילסטו היינט, היינט, אַ קרענק דיר אין דיינע ביינער! (טוט זיך אַ וואָרף צו וועלוועלען) זון מיינער, עופהלע מיינס, אויף וויסטע פעלדער זאָל דאָס פאַלן! דיין טאַטע איז אַ נאַר, אַ גולם; דו קאָנסט דאָך אים? קוליע כריוק! אַז ער שפּרינגט אַרויס פון די כלים... מיר פאַר דיינע ביינער, מיין זון!... קום, איכ'ל דיך אַ קוש טאָן!... (צעקושט זיך מיט אים) וואו איז כיענקע?

וועלוועלע: זי איז אַוועק צו חוה־דוואָשען, אָפּנעמען ביי איר אַ גרוס פאַר איר טאָכטער אין אַמעריקע..

קוליע: קינדערלעך מיינע, עופהלעך מיינע... איך האָב דאָך אייך אַזוי האָלד. איר זייט דאָך מיר אַזוי טייער. און איר פאָרט דאָך היינט אַוועק, און גאָט ווייסט, ווען איך וועל אייך נאָך אַמאָל זען. ביידע אויגן פון קאָפּ פאַרליר איך דאָך. זון מיינער, פאַרגעס ניט דיין טאַטן אין אַמעריקע. קיין צוויי טאַטעס האָסטו ניט, דו הערסט?...

וועלוועלע: איך וועל דיך ניט פאַרגעסן, טאַטע, זיי זיכער. (גייט צו צו הינדעלען) און דיך, הינדעלע, אוודאי ניט. (זי צעוויינט זיך) וויינסט גאָר? פע! נו, וואָס וויינסטו? וויין ניט, איך בעט דיך, וויין ניט! (עס דערהערן זיך טרערן אין זיין קול אויך) נו, הער־זשע אויף! הער זשע אויף! דו מיינסט, אַז מיר איז גרינג פון דיר אַוועקצופאָרן? ווי אַזוי וועל איך לעבן אָן דיר איין טאָג?... (צעכליפּעט זיך און גייט ארויס פון טיר, לינקס)

קוליע: אים נעבעך איז אויך געגוג אָנגעדריפּעט אויפן האַרצן. ניט אומזיסט האָט ער דעם כלב צעבראָכן אַ ביין. ניט געווען קיין אַנדערער צו וועמען דאָס ביטערע האַרץ אויסצולאָזן. אַי, ווי פאַסקודנע עס איז אויפן האַרצן! (הינדעלע ווישט די אויגן מיט אַ העמד, וואָס זי לייגט אין דער קאָרב אַריין).

כיענקע, אין אַ שבת'דיקן קאָלירטן קלייד, אָן אַ הוט, מיט אַ לאַנגן צאָפּ, לויפט אַריין פון דער גאַס טיר. אין די הענט האַלט זי אַ בריוול.

כיענקע: (מיט התפעלות און פאַרסאָפּעט) אוי, מאַמעלעך מיינע! פון שאַשקע דער ראַבער איז אָנגעקומען אַ בריוו צו חוה־דוואָשען פון אַמעריקע! אוי, מאַמעלעך מיינע, וואו איז וועלוועלע? (וועלוועל קומט אַריין פון לינקס, ווישנדיק מיט די אַרבל די אויגן. זי דערזעט אים, שרייט זי אויס מיט התפעלות:) וועלוועלע, קום אַהער, איך בין געגאַנגען צו חוה־דוואָשען, אָפּנעמען אַ גרוס פאַר איר שאַשקען, האָט זי מיר געוויזן אַ בריוו, וואָס זי האָט נעכטן פון שאַשקען באַקומען. קום, סט'הערן, וואָס פאַר אַ מדינה עס איז אַמעריקע! אוי, מאַמעלעך מיינע, מען קען משוגע ווערן! אָט איז דער בריוו.

חוה־דוואָשע וועט באַלד דאָ זיין. זי וועט עפּעס ברענגען פאַר איר טאָכטער, וועט זי דעם בריוו אָפּנעמען.

וועלוועלע: נו, נו, לייען־זשע. לאָמיר הערן!

כיענקע: טאַטע, אַ טאַטע, הער נאָר מיט קאָפּ! הינדעלע, אַהער!

וועלוועלע: אַי, גיב שוין אַהער דעם בריוו. (רייסט אַרויס דעם בריוו) ביז וואַנען זי טוט זיך אַ קער! וואָס טאַראַראַטשעוסטו דאָרטן?... (נעמט פאַנאַנדער דעם בריוו. הינדעלע שטעלט זיך הינטער זיין רוקן און קוקט אויך אַריין אין דעם בריוו. כיענקע שטייט לעבן איר טאַטן קעגן וועלוועלען. ער הייבט אָן צו לייענען:) „טייערע מאַמינקע, נעכטן בין איך אָנגעקומען קיין נעוויאָרק בשלום. מענדעלע, זאָל לעבן, האָט מיך אָפּגענומען פון דער שיף. איך האָב אים גאָר ניט דערקענט. פאַר די דריי יאָר, וואָס ער איז אין אַמעריקע, איז ער יינגער געוואָרן אויף צען. ער איז גאָר געוואָרן אַ גאַנצער שטשאָגעל. דו וואָלסט גאָר ניט דערקענט דיין זון, טייערע מאַמינקע. און לעבן לעבט ער זיך, הלוואי אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן! דריי חדרים פאַרוואוינט ער אין אַ גרויסן מויער אויף אַ זעקסטן עטאַזש. און אויפן בריק ליגן ביי אים אַזוינע טייערע זאַכן, וואָס אַזוינע זעט מען ניט אַפילו ביי בערל־לייבצע פּיאַווקע יום־טוב אויפן טיש. אין צוויי חדרים ליגט אַזאַ סאַראַטע מיט שיינע קעסטעלעך און אין איין חדר אַ גרויסער שטיק סאַמעט מיט אויסגעמאָלטע צוועטן — עס איז נאָר אַ פאַרדראָס, וואָס מען טרעט אויף דעם מיט די פיס"...

קוליע: דאָס איז ביי מענדל ענדיק אַזוי אין שטוב? גוואַלד, עס פאַר־טופּעט זיך מיר ניט אינעם מוח!...

כיענקע: (טוט אים אַ צי ביים אַרבל) הער ווייטער, טאַטע, הער ווייטער!

וועלוועלע: דו הערסט, הינדעלע?

הינדעלע: לייען, לייען, איך הער!

וועלוועלע: (לייענט ווייטער) „און עסן עסט מען ביי אים פון אַלדאָס־גוטס, פון פייגלמילך פעלט אים ניט. יעדן אינדערפרי פלעצלעך מיט קאַווע, ווי ביי אונדז שבועות. און פלייש מיט חלה אַלע טאָג. און קרופּניק, אַפילו פאַרווייסטן, וויל ביי אים קיינער ניט עסן"...

קוליע: אַי, אַי, אַי, אַ כוואַראַבע. האָט געקראָגן דאָרטן אַ פאַנסקע קישקע!...

כיענקע: (צופּט אים) לאָז לייענען, שטער ניט!

וועלוועלע: דו האָסט געהערט, הינדעלע? פלעצלעך מיט קאַווע. חלה מיט פלייש. זעסט? שאָשקע די ראַבע שרייבט עס אויך. איז דאָך דאָס, אַפּנים, פאַרט אמת?...

הינדעלע: יע, אָבער ביז וואַנען מען קומט צו אַהינצוצו... נו, מילא, לייען ווייטער...

וועלוועלע: וואו האַלט איך? פלעצלעך מיט קאַווע... חלה מיט פלייש... קרופּניק... אַט דאָ־אָ! (לייענט:) „און וואַסער איז דאָ אין שטוב, מען דאַרף נישט שלעפּן פונעם טייך, ווי ביי אונדז אינעם שטעטל. — מען טוט אַ דריי אַ קראַן, גייט וואַסער פון די ווענט"...

קוליע: האָ? וואָס הייסט? (נייגט צו דעם אויער מער צו וועלוועלען און נעמט אַריין די באָרד אין פויסט)

וועלוועלע: (לייענט) „און קיין לאָמפּ דאַרף מען אויך ניט. אַז מען וויל, עס זאָל זיין ליכטיק, טוט מען אָ דריי אַזאַ שרייפּל און מען לייגט צו אַ שוועבעלע, ווערט ליכטיק אפילו אין מיטן נאַכט"...

קוליע: (שאָקלט דעם קאָפּ) גאָטס וואונדער! גאָטס וואונדער!

וועלוועלע: „און קיין אויוון, ווי ביי אונדז איז דאָ אויך ניטאָ. אַז מען וויל דאָ קאָכן, טוט מען אַ דריי אויך אַ שרייפּל און מען שטעלט אויף דעם אַרויף די טעפּלעך, און עס קאָכן זיך די בעסטע מאכלים... מענדל גריסט דיר און ביילקע, און די קינדערלעך, זאָלן זיין געזונט. מיר וועלן באַלד דיר אַרויסשיקן אונדזערע בילדער. מאַמינקע, איך בין געווען ביים פּעטער מאָדזשען צוגאַסט, איז ער גאָר אַ רויטשילד. ער וואוינט אין אַ מויער מיט גאָלדענע שפּיגלען ביזן באַלקן און ביינאַכט ברענען ביי אים אין שטוב אַזוינע לבנות אין גלעזערנע פּעסלעך, ווי אויף דער שיף, וואו איך בין געפאָרן. און די ווענט אין שטוב זיינען ביי אים גאָלע רויטער סאַמעט. איך האָב אַ טאָפּ געטאָן אַ וואַנט, איז זי אַזוי גלאַט און ווייך און איך האָב מיר געטראַכט: הלוואי האָב איך אַזאַ רעטאַנדע!... און עסן עסט מען ביי אים געבראָטענע הינער אין מיטן וואָך און אַזוינע טייערע מאכלים, וואָס איך קען זיי גאָר ניט אָנרופן".

קוליע: ביי וועמען? ביי מאָדזשע זשרעבעץ? ביי דעם פערד־גנב? (לאָזט זיך אַרונטער אויף אַ שטול) און איך האָב געמיינט, אַז ער זיצט דאָרטן אין אָסטראָג. פאַר־אַכט־יאָרן האָט ער דאָך ביי מיר די קליאַטשע צוגעגנבעט, אַ בראָך צו אים!

וועלוועלע: נו, האַ, הינדעלע, דאַרפסטו ווינען? דאַרפסטו מורא האָבן?

כיענקע: פון אונדז נאָך וועט איר אויך הערן גוטס, וואַרט אָקאָרשט!... נו, ענדיק דעם בריוול, וועלוועלע.

וועלוועלע: (מיט אַ שמייכל) עס איז מיר קאַלט געוואָרן... עס וואַרפּט מיך... אַזאַ מדינה! און מיר זיינען זיך נאָך אַלץ מיישב... געדאַרפט פאַרן אַהינצוצו נאָך מיט יאָרן צוריק, וואָלטן מיר איצט געווען לייט! (ווישט זיך די נאָז מיטן אַרבל) וואו האַלט איך? אָט דאָ־דאָ... (לייענט) „און די מויערן אין נעוויאָרק זיינען נאָך העכער ווי אונדזער קאָסטיאָל. ווען מען פאַררייסט דעם קאָפּ, זעט מען קוים די דעכער. און איבער די דעכער יאָגן זיך מאַשינען מיט מענטשן, און די מענטשן האָבן גאָר ניט מורא, טאָמער וועלן זיי אַראָפּפאַלן. און מענדל זאָגט, אַז קיינמאָל נאָך איז אַ מאַשינע ניט אַראָפּגעפאַלן פון אויבן"...

קוליע: איבער מיין שכל! איבער מיין שכל!...

וועלוועלע: „און פון אוריאַדניקעס האָט מען דאָ ניט קיין צרות. מענדל זאָגט, אַז אין נעוויאָרק זיינען פאַראַן אַ סך יידישע נאַטשאַלניקעס אויך. און איינמאָל איז ביי זיין באַלעבאָס אויף דער פאַבריקע געווען אַ סטאַטשקע און מענדל האָט אויך געסטאַטשקעוועט, האָט אים איינער אַ נאַטשאַלניק, דערציילט מענדל, אַרעסטריט און אים שיר דעם קאָפּ צעשפּאַלטן. איז יענער נאַטשאַלניק אויך געווען אַ ייד... אָדנים סלאָוואָם, מאַמינקע, יידן האָבן דאָ פאַלנע

פּראָוועס!... — דיין טאָכטער שאָשקע״)... (מיט התפּעלות טוט ער אַ כאַפּ הינדעלען) הינדעלע, מאַמינקע, די ניכפּה זאָל מיך כאַפּן פאַר דיר. האָסט גע־הערט? נו, האַ?

הינדעלע: איך ווייס ניט, וועלוועלע, מיר איז אויפן האַרצן עפּעס אַזוי שווער, אַזוי שווער, אַז מיר קריכט איצטער גאָר נישט אין קאָפּ...

קוליע: (שאָקלט דעם קאָפּ) אַ גרויל, אַ גרויל, וואָס מען הערט זיך אָנעט פון דאָרטן! דאָס איז איבער מיין שכל, איבער מיין שכל!...

כיענקע: (נעמט ביי וועלוועלען דעם בריוו) ווי לאַנג מיינסטו, הינדעלע וועט געדויערן ביז וועלוועלע וועט נאָך דיר שיקן? (אַרויס אין טיר לינקס)

וועלוועלע: באַלד וועל איך נאָך דיר שיקן, אין אַ פּאָר חדשים אַרום. מיינסט עפּעס, הינדעלע, אַז איכ'ל קענען לעבן אָן דיר אפילו איין טאָג? זאָל איך שטאַרבן, זאָל איך קראַפּירן אָט דאָ אויף דעם אָרט...

הינדעלע: אוי, וועלוועלע, שווער זיך ניט היינט, שווער זיך ניט היינט!...

וועלוועלע: (שטיל) ווען איך וואָלט געהאַט גענוג געלט, וואָלסטו היינט אויך געפאָרן. אוי, אַ זיסע ניכפּה דיר אין האַרצן, ווי אַזוי וועל איך דאָרטן קענען לעבן אָן דיר!

הינדעלע: (שטיל) וועלוועלע, אַ, וועלוועלע...

וועלוועלע: וואָס, הינדעלע?

הינדעלע: איך וויל דיר עפּעס זאָגן...

וועלוועלע: וואָס?...

הינדעלע: וועלוועלע... (לאָזט אַרונטער די אויגן) אוי, איך שעם זיך! שפּעטער!...

וועלוועלע: זאָג איצטער. וואָס שעמסטו זיך?

הינדעלע: גאָרנישט, גאָרנישט, שפּעטער!... (נעמט ווידער פּאַקן דעם קאָרב. וועלוול העלפט איר).

קוליע: (פאַרטראַכט און ווי צו זיך אַליין) וואָס זאָגט מען אַביסל צו מאַדזשע זשרעבעץ? איבער מיין שכל! איבער מיין שכל!...

חוה־דוואָשע, אַן אַלטע יידענע מיט אַ פּאַטשיילע, קומט אַריין פון רעכטס. אין די הענט האַלט זי אַ פּעקעלע.

חוה־דוואָשע: נו, שוין איבערגעלייענט מיין שאָשקעס בריוו? וואָס זאָגט איר עפּעס, האַ?

קוליע: (הייבט זיך אויף) דאָס איז איבער מיין שכל, חוה־דוואָשע. אייער ברודער מאַדזשע זשרעבעץ איז דאָרטן געוואָרן גאָר אַ לייט!...

חוה־דוואָשע: אַ דאַנק גאָט, אַ דאַנק גאָט. און וואָס זאָגסטו אויף מיין מענדלען, זאָל ער לעבן? אַי, אַי, אָבער וואָס קומט אַרויס? די קינדערלעך זיינען דאָרטן, איך דאָ. — ווען איך וועל מאָרגן שטאַרבן, וועט אפילו קיין קינד ניט זיין, וואָס זאָל מיך ריכטיק באַקלאָגן, וועט קיין קינדס טרער אויף מיין קבר ניט פאַלן און מיין זון וועט אויף מיין לוויה קיין קדיש ניט קענען זאָגן, פינצטער און ביטער איז מיר!... (זעצט זיך און שאָקלט דעם קאָפּ).

קוליע: אָ, אָ, אָט דאָס איז דאָך מיין בראָך אויך. מיט וועמען וועל איך בלייבן אויף די עלטערע יאָרן? און אַז איך זאָל שטאַרבן, חלילה?... וואָס ווייסט דער מענטש? היינט לעבט ער און מאָרגן פּוץ — די נשמה אַרויס, און פּאַרטיק! ווער וועט מיך דעמאָלט באַקלאָגן? וואו וועט דעמאָלט מיין קדיש זיין? עך, פּאַסקודנע און גאָר! (שלעפּט אַרויס אַ פלעשל שנאַפּס פון כאַלעווע) הינדעלע, דערלאַנג מיר אַ גלעזל!

הינדעלע: שווער, איר וואָלט בעסער היינט ניט געטרונקען...

קוליע: איך האָב זיך היינט די גאַנצע צייט איינגעהאַלטן. פון אינדערפרי אָן ליגט עס ביי מיר אין כאַלעווע. אָבער מער קען איך ניט. עס איז מיר אַזוי ביטער אויפן האַרצן. איכ׳ל זיך מאַכן פריילעכער.

וועלוועלע: טאַטע, אַ טאַטע, דו בעסער טרינק איצטער ניט. דו קענסט נאָך, חלילה, איבערכאַפּן די מאָס און דאָ וועט שפּעטער זיין דער רב, באַגלייטן זיין זון בענצען, איז ניט שיין, פּאַסט ניט!...

קוליע: נו, אַ קאַפּעטשקע, מיין זון, נאָר אַ טראָפּעלע... אויפן האַרצן איז מיר אַזוי פּאַרדריפּעט, מיין זון!

וועלוועלע: נו, מילא, וועל איך אויך נעמען אַ ביסעלע. מיר איז אויפן האַרצן אויך נישקשהדיק פּאַסקודנע. (נעמט אַ גלעזלעע און טראָגט צו צום פּאָטער).

קוליע: (נעמט דאָס גלעזעלע) נאָר אַ קאַפּעטשקע! (גיסט אָן דאָס גלאָז פול) לחיים, מיין זון. גאָט זאָל געבן, אַז דו זאָלסט קדיש זאָגן נאָך מיר! (טרינקט אויס און דערלאַנגט דאָס גלעזעלע וועלוועלען און גיסט אָן).

חוה־דוואָשע: אָמן!...

וועלוועלע: נאָך אַ ביסעלע, טאַטע, פולער! לחיים, טאַטע! לחיים, הינדעלע! אַז גאָט וועט געבן און איכ׳ל אין אַמעריקע זאָגן דיר, לחיים, וועט מיר זיין פריילעכער אויפן האַרצן! (טרינקט אויס) טייערע משקה! טאַטע! אַ טאַטע, גיס אָן נאָך אַ גלעזעלע! איך וויל אָוועקפאָרן אַ פריילעכער פון דאַנען!

הינדעלע: (לויפט צו צו אים) ניין, ניין, גענוג!

קוליע: זאָל ער טרינקען־געזונטערהייט. ער וועט ניט שיכור ווערן פון נאָך אַ גלעזעלע. סיידן ער וועט אַ גאַנצע קוואָרט אויסטרינקען. דו ווייסט דאָך, הינדעלע, אַז ער קען טרינקען! איכ׳ל אויך נעמען נאָך אַ גלעזעלע. (גיסט אָן און דערלאַנגט וועלוועלען)

הינדעלע: דו טרינק ניט מער, וועלוועלע.

וועלוועלע: איך בעט דיך, הינדעלע, מאַמענקע, בלויז נאָך אַ גלעזעלע.

הינדעלע: ניין. גענוג!

וועלוועלע: עס וועט מיר זיין גרינגער פון דיר אָוועקצופאָרן, נאַרעלע!

הינדעלע: ניין, איך וויל ניט. דו זאָלסט מער טרינקען, איך וויל ניט און גאָר!

קוליע: (אַנגעגאָסן) טרינק, טרינק, וועלוועלע, דעם לעצטן מאָל מיט דיין טאַטן, טרינק!

וועלוועלע: אַז זי וויל ניט, טאַטע, דאַרף מען ניט. דו ווייסט דאָך, אַז איך פאָלג זי... (גייט צו ווידער צום קאָרב, הינדעלע נאָך אים)

קוליע: נו, וועל איך אויסטרינקען דיין חלק. לחיים! (טרינקט אויס און באַהאַלט דאָס פלעשל אין כאַלעווע) גרינגער געוואָרן אַ ביסל אויפן האַרצן. וואָס טראָגט איר דאָס פאַר אַ פעקל, חוה־דוואָשע?

כיענקע קומט אַריין פון לינקס

חוה־דוואָשע: גאָמלקעס. איך וויל שיקן מיינע קינדערלעך. הער נאָר, קוליע, וועמען זאָל איך די גאָמלקעס געבן אין האַנט אַריין — וועלוועלען צי כיענקען? ווער פון זיי איז מער נאַשער, האַ?

קוליע: ביידע גוטע האָלעטיינעס!... שיקט עס בעסער מיט בן־ציון דעם רבס זון...

חוה־דוואָשע: אַי, לעבן זאָלסטו, ווי אַזוי פאַרשאַפט מען זיך מיטן רבס אַ קינד? איך האָב גאָר די העזה ניט.

קוליע: אויך אמת. אַ רבס אַ קינד איז ניט אַ נאַש בראַט!...

כיענקע: חוה־דוואָשע, איר קענט שיקן די גאָמלקעס מיט אונדז. זייט זיכער, מיר וועלן זיי ניט אויפעסן. שמערל קאַטוף שיקט מיט אונדז אַ גאָלדע־נעם בעכער אויך, צו זיין טאַכטער דרשה־געשאַנק. גיט אַהער! (נעמט דאָס פעקעלע פון אירע הענט און גיט איבער וועלוועלען) פּאַק עס אַריין!

וועלוועלע: (נעמט דאָס פעקעלע) טרוקענע גאָמלקעס? מען דאַרף דאָס באַהאַלטן וואָס ווייטער פון מיין יצר־הרע! (שטופּט עס טיף אינעם קאָרב)

כיענקע: (פלוצים) אוי, מאַמעלעך מיינע, איך דאַרף זיך נאָך גיין אָפּ־זעגענען מיט פערלען און דבורהקען און כאַסקען, און מאַריאַשקען... און בענצע איז נאָך אויך נישטאָ. די פור וועט דאָך באַלד קומען! נאַט אייך דעם בריוו צוריק, חוה־דוואָשע! (שלעפּט אַרויס פון אונטערן בוזעם דעם בריוו, דערלאַנגט און לויפט אַרויס רעכטס).

חוה־דוואָשע: (האַלטנדיק דעם בריוו) איר זעט? דאָס איז מיין בעסטער אוצר! (שלעפּט אַרויס פון אַזאַ רימענער קעשענע, וואָס הענגט ביי איר אויף אַ זייט קלייד אונטער דער פאַטשיילע, אַ גאַנץ פעקל מיט בריוו) איר זעט? אַלץ בריוו פון דאָרטן, פון מיין מענדלען, זאָל לעבן. דאָס איז מיין טייערסטער אוצר. איך קען ניט לייענען, ברוך השם, איך ווייס אָבער יעדן בריוו אויף אויסווייניק... (לייגט פאַנאַנדער די בריוו) אָט אין דעם שרייבט ער, אַז ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע בשלום. אין דעם, אַז ער האָט אַ דירה געדונגען. אין דעם, אַז ער אַרבעט, דאַנקען גאָט, און פאַרדינט צען קערבלעך אַ וואָך. אין דעם, אַז בערעלע איז געוואָרן בר־מצווה. אין דעם, אַז חנה־לאה איז געלעגן געוואָרן און געבאָרן מירעלען... אַי, אַי, אַמאָל אין מיטן דער נאַכט דערמאָן איך זיך, אַז דאָרטן ווייט, ווייט, איבער אַלע ימען, טיף אונטער דר'ערד, וואוינט מיין מענדעלע און מיינע אייניקלעך און איך קען זיי ניט זען, ווערט מיר, ניט פאַר אייך געדאַכט, אַזוי שלעכט אויפן האַרצן און איך קלער: וואָלט איך געהאַט פליגלען, וואָלט איך צו זיי געפלויגן, צופוס וואָלט איך צו זיי געלאָפן, אַז איך וואָלט געוועזן יינגער כאָטש מיט פערציק יאָר... מיר ווערט אַזוי ביטער,

אַזוי פינצטער אויפן האַרצן, קינדערלעך מיינע... נאָר איין טרייסט האָב איך דעמאָלט: איך צינד מיר אָן אַ ליכט, נעם מיר אַרויס אָט די אַלע בריוו און לייען, כאָטש איך קען ניט לייענען, און וויין, און וויין...

קוליע: (שיכורלעך) און איכ׳ל אויך וויינען. מיין האַרץ איז אויך ניט פון קליאַטשע. איך אַ טאַטע, ברוך השם. (נעמט אַרויס פון כאַלעווע דאָס פלעשל) וואו איז דאָס גלעזל?

וועלוועלע: טאַטע, אַ טאַטע, כאַפּ הײַנט ניט אַריבער די מאָס. איך האָב דיר געזאָגט: דער רב וועט קומען באַגלייטן בענצען, וועט זיין ניט שיין...

קוליע: (נעמט דאָס גלעזל) וואָס איז מיר דער רב? דער רב איז ניט מיין קינד. נאָך אים וועל איך ניט וויינען. (גיסט אָן, טרינקט אויס, באַהאַלט דאָס פלעשל אין איין כאַלעווע און דאָס גלעזל אין דער צווייטער) איר גייט, חוה־דוואָשע? איך גיי אין אייער וועג. איכ׳ל גיין קויפן אַ פּאָר פעקלעך ציצית און אַ פּאָר כשרע מזוזות אים מיטצוגעבן. פּאַסקודנע!

חוה־דוואָשע: קום, קוליע! וועלוועלע, טאַטקעלע, איך בעט דיך, עס־זשע ניט אויף די גאָמלקעס. נו, פּאָר געזונט.

וועלוועלע: זייט געזונט, חוה־דוואָשע. די גאָמלקעס וועלן אַהין אָנקומען בלאַגאָפּאָלוטשנע!...

חוה־דוואָשע: גאָט זאָל דיך אַהינצוצו ברענגען בשלום...

קוליע: אָמן! אָמן! (ווישט זיך די אויגן און גייט אַרויס מיט חוה־דוואָשען, רעכטס)

וועלוועלע: נאַ, דאַנקען גאָט, פּאַרטיק!... אַלצדינג איז שוין איינגעפּאַקט! (מאַכט צו דעם קאָרב) וואו איז טאַקע בענצע?

הינדעלע: זיין פּעקל איז דאָך שוין דאָ... אָן, דאָרטן אויף דער לעזשאַנקע. צו וועמען וועט ער פּאָרפאָרן? (זעצט זיך אויפן באַנק)

וועלוועלע: ער פאָרט מיט אונז אויף אונדזער אַדרעס, צו לייבקען...

הינדעלע: אַ שיינע זאַך, דעם רבס זון וועט פּאָרפאָרן דאָרטן צו לייבקען... וואָס פּאָרט ער? אַ רבס אַ זון וואָלט דאָ געקענט טאָן אַ שיינעם שידוך... וואָס וועט ער טאָן דאָרטן?

וועלוועלע: ער וויל, זאָגט ער, דאָ ניט זיין קיין מלמד, צי אַ שוחט, ווי זיינע ברידער. ער וויל, זאָגט ער, זיין אַ מענטש און לעבן ווי אַ מענטש. אין אַמעריקע וועט ער זיך אויסלערנען אַ מלאכה...

הינדעלע: דעם רבס זון?

וועלוועלע: דער רב ווייסט דאָס אויך. דערפאַר לאָזט ער דאָך אים פּאָרן. דאָ שטייט אים ניט אָן, אַז זיינער אַ זון זאָל זיין אַ בעל־מלאכה, אָבער אין אַמעריקע?... נישקשה, בענצע וועט דאָרטן ניט פּאַרפאַלן ווערן. כיענקע איז אַ גוטע נייטערקע און איכ׳ל, מסתמא, אויך אַכטונג געבן אויף אים...

הינדעלע: וואָס קענט איר טאָן פון זיינעטוועגן? דו וועסט דאַרפן קלייבן געלט פאַר מיר. און כיענקע... זי איז דאָך שוין אַ מיידל ניט קיין עופה׳לע, זי דאַרף דאָך עפּעס אויך טראַכטן וועגן אַ תכלית, וועגן נדן...

װעלװעלע: (כיטרע) נו, נו, װעט זי טראַכטן... (מיט אַ פּאַרסודעטער מינע) הינדעלע, װען דו װאָלסט געװאוסט... איך טאָר דאָס ניט דערציילן... איך האָב צוגעזאָגט כיענקען... אוי, דו װייסט גאַרניט, װאָס פאַר אַ מיוחסת דו װעסט אינגיכן זיין...

הינדעלע: אַ מיוחסת, איך?...

װעלװעלע: דו און איך, און דער טאַטע — יחסנים! אויס קוליע כריוק!...

הינדעלע: װאָס הייסט?

װעלװעלע: דו װעסט ניט זאָגן? דאָס װעט בלייבן אַ סוד? װעל איך דאָס דיר דערציילן.

הינדעלע: װאָס?

װעלװעלע: שװער זיך אַפּריער, אַז דו װעסט עס קיינעם ניט דערציילן?

הינדעלע: נו גוט, איך שװער זיך.

װעלװעלע: זאָלסט אַזוי לעבן?

הינדעלע: זאָל איך אַזוי לעבן.

װעלװעלע: מיט מיר אינאיינעם?

הינדעלע: מיט דיר אינאיינעם — אָמן!

װעלװעלע: צװישן כיענקען און בענצען איז אַ שטילע ליובאָװ. אין אַמעריקע װעלן זיי חתונה האָבן!...

הינדעלע: אוי, װיי איז מיר! װאָס רעדסטו? דער רב, נעבעך, װעט דאָך קריעה רייסן! קרוינעלעך מיינע, איכ׳ל זיך די באַקן צעקנייפּן!!

װעלװעלע: שאַ! דער רב קען נאָך דערהערן, װעט ער אים ניט לאָזן פאָרן! אוי, אַז דער טאַטע װאָלט עס געװאוסט, פאַר שמחה װאָלט ער אַ קאַזאַטשקע אָװעקגעגאַנגען טאַנצן!

הינדעלע: אַ װייטיק איז מיר, אַ רחמנות, נעבעך, אויפן רב!...

װעלװעלע: ליובאָװ, נאַרעלע, אַ קאַטאָװעס ליובאָװ! עס איז דאָך גאָר קיין געשמאַקערע זאַך אויף דער װעלט ניטאָ! פרעג מיך װאָס רב־שמאָװ, יחוס־פיכעס? ליובאָװ, מאַמעלע, ליובאָװ! עס איז דאָך אַזוי זיס לעבן אַזאַ װייבעלע װי דו. קיין געשמאַקערע זאַך, װי אייער װייבערשע פּאַראַדע, איז דאָך גאָר אויף דער װעלט נישטאָ. אַ זיסע ניכפּה׳לע דיר אין הערצעלע אַריין!... עס איז מיר אַזוי שװער פון דיר אָװעקצופאָרן. אָט אַזוי־אַ װי פון אַן אייזערנער קייט װאָלט איך זיך געדאַרפט אָפּרייסן... (פּאַלט צו צו איר) מאַמעלע מיינע, ליובאָװ מיינע, װי אַזוי װעל איך קענען לעבן אָן דיר אפילו איין טאָג דאָרטן! איכ׳ל דאָך נאָכאַנאַנד טראַכטן װעגן דיר: װאָס דו טוסט דאָרטן? װאָס דו מאַכסט דאָרטן? צי בענקסטו דאָרטן? צי װיינסטו דאָרטן?...

הינדעלע: (צעװיינט זיך) איכ׳ל װיינען, אוודאי װעל איך װיינען. איך האָב דיך אויך האָלד, װעלװעלע מיין גאָלד! און ביז װאַנען דו װעסט ניט אַריבער־פאָרן די ימען, װעל איך אוודאי משוגע װערן!...

װעלװעלע: נו, װיין ניט, הינדעלע, די גאַנצע װעלט פאָרט דאָך אַריבער די ימען, מיך װעט מסתמא דער רוח אויך ניט נעמען. נו, שאַ, שאַ! װאָס האָסטו מיר פריער געװאָלט דערציילן, הינדעלע?

הינדעלע: (ווישט זיך די אויגן) זעץ זיך לעבן מיר. (ער זעצט זיך) וועל־וועלע, אַ, וועלוועלע, מיר דאַכט זיך... (פאַרשעמט זיך)

וועלוועלע: וואָס, מאַמעלע?...

הינדעלע: (שטילער) מיר דאַכט זיך, אַז... אַז... (טוט זיך פלוצים אַ וואָרף צו אים, זאָגט אים עפּעס אויפן אויער און באַהאַלט איר פּנים ביי אים אויף דער ברוסט)

וועלוועלע: (טוט זיך אַ כאַפּ מיט אויסגעגלאָצטע אויגן) אוי! הינדעלע, טאַקע? ווייסט דאָס אויף זיכער? מאַמעלע מיינע! מאַמעלע מיינע! מאַמעלע מיינע! (כאַפּט זי קושן) אוי, איצטער וועט מיר נאָך זיין שווערער פון דיר אַוועקצופאָרן! ווי לאָזט מען דיך איבער? אַז איך וואָלט געקענט מיטנעמען דיך אין אַ קעשענע, אינם האַרצן, אינם קאָפּ! גוואַלד, גוואַלד! דו הערסט? אַ יינגל, אַ יינגל, למען השם אַ יינגל! איך וויל ניט קיין מיידל!... (שפּרינגט אויף) איצטער האָב איך דיך נאָך טויזנט מאָל מער האָלט. (לאַכט און רייבט זיך די הענט פאַר שׂימחה) גוואַלד! גוואַלד! (לויפט איבערן שטוב)

הינדעלע: ווען עס וועט קומען די צייט, וואָלט איך אַזוי געוואָלט, דו זאָלסט דעמאָלט זיין לעבן מיר...

וועלוועלע: וואָס רעדסטו, נאַרעלע? אין דריי חדשים ארום ביסטו שוין דאָרטן ביי מיר... איכ'ל, אַפּנים, איצטער קענען רוען? קראַפּירן זאָל איך ווי אַ הונט! (זעצט זיך ווידער לעבן איר) אינעם שטוב ביי אונדז וועט אויך זיין צוגעקליבן, ווי ביי אַ גראַף. מיר וועלן אויך וואוינען אין אַ הויכן מויער אויף אַ זעקסטן עטאַזש. און אויפן בריק ביי אונדז וועט אויך ליגן אַ סאַראַטע מיט שיינע קעסטעלעך, און ווי אַ פּאָר טייבעלעך וועלן מיר דאָרט לעבן: דזשוב, דזשוב אין די פּיסקעלעך! ווילסט עסן, הינדעלע? נאַ דיר פּלעצעלעך מיט קאַווע!... נאַ דיר חלה מיט פליישׁ! נאַ דיר מאַרצעפּאַנעס! ווילסט אַ גלאָז וואַסער? צו־געגאַנגען צו דער וואַנט, אָנגעצאַפּט און טרינק געזונטערהייט! עס איז דיר פינצטער, הינדעלע? צוגעלייגט אַ שוועבעלע צום שרייפל, און עס איז ליכטיק אין דעם גאַנצן הויז! און וועט אַ קליין וויזליקל ביי אונדז זיין, וועלן מיר אים נעמען אויף דער מאַשינע אינדערהויך און וועלן פליען מיט אים איבער די מענטשן, איבער די ביימער, איבער די דעכער — טראַק־טראַק־טראַק — בערעגיס!...

הינדעלע: הלוואי, ריבונו של עולם! ווי דערלעבט מען דאָס שוין!... (קוליע אַריין מיט אַ פּעקעלע אין דער האַנט)

קוליע: נאַ, עטלעכע פּעקלעך ציצית, דריי מזוזות, נעם מיט זיך. יחיאל די ציג שפּאַנט שוין די פערד...

וועלוועלע: (באַהאַלט דאָס פּעקעלע אין אַ קעשענע) איך בין שוין פאַר־טיק... וואָס מאַרודיען דאָרטן יענע? וואו זיינען זיי?

בערל־לייבצע אַריין.

בערל־לייבצע: מען פאָרט, מען לויפט פונעם שטעטל, דאָס גאַנצע שטעטל וועט זיך, חלילה, אַזוי צעפאָרן! וואָס לויפט מען אַהין, ווי אויף אַ יאַריד, רבונו של עולם?

קוליע: איר זעט דאָך! אַ גוטינקן אייך, ר׳ בערל־לייבצע!...

װעלװעלע: (שטיל צו הינדעלען) אַ גוטינקע מכהלע אים! אים האָב איך נאָך מער פײנט, װי דעם אוריאַדניק. א רוצח אַ ייד, אַ קרענק אים אין די ביינער!...

בערל־לייבצע: דו האָסט שוין אָנגעגרייט?

קוליע: טאַטקעלע, איר װעט שוין מוזן װאַרטן נאָך אַ װאָך. דאָס גאַנצע געלט די עופהלעך מיינע אַװעקגעגעבן. אַ װייטע נסיעה, ר׳ בערל־לייבצע, אין אַמעריקע.

בערל־לייבצע: װאָס הייסט? דאַרפסט מיר צאָלן װאָכער, גיסטו זיי אַװעק מיין געלט. איך קען אַליין זיין אַ בעל־צדקה אויף מיין געלט. כריוק דו, װאָס איז עס פאַר אַ גאַזלאַװאַיע?

װעלװעלע: כריוקעט ניט, ר׳ בערל־לייבצע, פּיאַװקע!...

קוליע: (מיט כעס) שטילער, װילדע בריאה, צו װעמען רעדסטו אַזוי?

בערל־לייבצע: אַ דאגה. רוף מיך פּיאַװקע, אַבי באַצאָל מיר מיין װאָכער, ר׳ װעלװעלע.

װעלװעלע: דער טאַטע װעט אייך באַצאָלן. האָט ער אייך שוין אַמאָל ניט באַצאָלט? גייט! גייט! אַניט קען איך אייך נאָך לאָזן אַן „אַטיעזדנע״ פאַרן אַװעקפאָרן...

בערל־לייבצע: בויאָן, װילדע בריאה, װאָס האָסטו צו מיר?

קוליע: װאָס האָסטו צו בערל־לייבצען?

װעלװעלע: איך האָב אים פײנט, װי אַ חזיר, װי אַ שפּין. היינט זאָג איך אייך דעם גאַנצן אמת. אַ רוצח אַ ייד זייט איר. איר װאָלט גאָר דאָס בלוט געזויגן ביי די אַנדערע! גייט! גייט!...

קוליע: ר׳ בערל־לייבצע, אַן אַנדער צייט װאָלט איך אים דערפאַר צעפּאַסקעװעט די ביינער. היינט אָבער... ער פאָרט דאָך אַװעק, מוז איך דאָך אים פאַרשװייגן. בעסער טשעפּעט זיך אָפּ פון אים. מחמת איך װייס, אַז ער טראָגט אויף אייך שוין לאַנג אַ האַרץ. האָט קיין פּאַראיבל ניט, גייט בעסער איצטער אַװעק. איר װעט מיך מאָרגן זען. װאָס דאַרפט איר, אַז ער זאָל אייך צולייגן אַ האַנט?

בערל־לייבצע: איך האָב פאַר אים קיין מורא ניט! װעלװעלע, פאַרגעס נאָר ניט, אַז דער אוריאַדניק עסט ביי מיר פיש יעדן פרייטאָג־צונאַכטס! דו קענסט נאָך ביי מיר היינט פאָרן ערגעץ אַנדערשװאו...

װעלװעלע: איך פייף אויף אייך, איך פייף אויף אייערע פיש און פייף אויף אייער אוריאַדניק! איך דריי אייך באַלד אויס ביידע פיס און קומט מיך קלאָגן אין אַמעריקע! איך זאָג אייך: האַיידאַ פון דאַנען! (װיל זיך אַ װאָרף טאָן)

הינדעלע: (כאַפּט אים אָן) װעלװעלע, ביסט משוגע? גיי אַריין אין יענעם קאַמער. איך בעט דיך, גיי זשע אַריין, נו, (מיט געװיין:) גיי־זשע אַריין!

װעלװעלע: נו, שאַ, שאַ, איך גיי, עס זיך ניט אָפּ דאָס האַרץ, װאָס דיר איז אונטער איין נאָגל צו זיין קאָפּ. רופט דעם טאַטן כריוק! אייער טריפהנער גליק, װאָס מיין הינדעלע איז דאָ. (גייט)

בערל־לייבצע: נו האָ! נו?

קוליע: (גלעט אים איבערן אַקסל) נו, ר׳ בערל־לייבצע, וואָס קען מען טאָן? איך האָב קיין האָרץ ניט צו כאַפּן אַ שטעקן. איכ׳ל אייך מאָרגן באַצאָלן. מאָרגן שמיד איך ביים פריץ די פערד...

בערל־לייבצע: מאָרגן אָבער זאָלסטו מיר באַצאָלן פאַר צוויי וואָכן.

קוליע: אויך רעכט. פאַר צוויי, פאַר צוויי! (גלעט אים איבערן אַקסל) גייט, גייט געזונטערהייט! גייט, גייט געזונטערהייט!...

בערל־לייבצע: אַי נו, ביז וואַנען איך מאַן איין מיין שווער־פאַרהאָרעוועט געלט! (פאַרשווינדט לינקס)

קוליע: מיטן קאָפּ אין דר׳ערד! אַ פיאַווקע, אַ בלוט־זויגער, אַ שפּאַנישע פליג! דרך־ארץ אָבער דאַרף מען פאַר אים האָבן. טאַקע אמת אַ גרויסער רוצח, דערפאַר רופט מען אים פיאַווקע, אָבער אַנקומען קומט מען דאָך אָן צו אים, ניט אַזוי, הינדעלע?

הינדעלע: אַוודאי.

כיענקע קומט אָן פון רעכטס

כיענקע: נו, דאַנקען גאָט, מיט אַלעמען זיך געזעגנט. בענצע און דער רב גייען שוין אויך אַהער.

קוליע: דער רב גייט אַהער? (כאַפּט אַ שטול, רוקט צו צום טיש און קלאַפּט אָפּ מיט דער פּאָלע) דאָס ערשטע מאָל וואָס דער רב איז ביי מיר אין שטוב!

דער רב, אַן אַלטער ייד מיט אַ ווייסער באָרד, אין אַ שוואַרצער זופּעצע און אין שיך, מיט ווייסע זאָקן, און בן־ציון, אַ בחור אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק מיט אַ קליין בערדעלע און אין אַ לאַנגען סורטוק.

דער רב: אַ גאָט העלף אייך!

קוליע: ברוך הבא, רבי! זיצט! (טראָגט אים אַנטקעגן דעם שטול, וואָס ער האָט פריער אָפּגעווישט מיט דער פּאָלע)

וועלוועלע קומט אַריין פון לינקס.

וועלוועלע: א גוט מאָרגן אייך, רבי!

דער רב: אַ גאָט העלף דיר, וועלוועלע. נו, שוין פאַרטיק, אין אַ גוטער שעה?

וועלוועלע: שוין פאַרטיק, רבי. יחיאל מיט דער פור קומט אויך גלייך.

דער רב: איך בעט דיך, וועלוועלע, גיב דו אַכטונג אויפן וועג אויף מיין בן ציונען. דו ביסט פאָרט עלטער, געזינטער, קיין עין־הרע.

וועלוועלע: איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, רבי, ווי אַ לייבלעכן ברודער וועל איך אים היטן.

בן ציון: (שטיל צו כיענקען) פאַרגעס ניט צו נעמען אַ שערעלע אויפן וועג.. ווי נאָר מיר וועלן אַרויספאָרן פונעם שטעטל, וועל איך מקצר זיין די פאות. איך וויל ניט אויסקוקן ווי אַ קליינשטעטלדיקער מלמד. דו הערסט?...

כיענקע: גוט. איך גיי שוין אויפזוכן אַ שערעלע. (אַרויס, לינקס)

דער רב: אַי, אַי, אַי, אַט אַזוי איז עס, קוליע. מיר פאַרזייען אונדזערע קינדער אויף אַלע אַרבע פינות העולם... איך האָב זיך אויף דעם גאָרניט געריכט. מילא, מסתמא וויל גאָט אַזוי. זאָל זיין מיינער אַ זון אויך אַ בעל־מלאכה!...

קוליע: וואָס הייסט, רבי, אייער זון אַ בעל־מלאכה?

דער רב: יע, קוליע, דערויף פאָרט ער דאָך, צו לערנען זיך דאָרטן אַ מלאכה...

קוליע: אייער זון, רבי? אַ קרענק איז מיר!

בן ציון: אַ בעל־מלאכה צו זיין איז גאָר קיין חרפה ניט. אַ סך פון אונדזערע תלמידי־חכמים זיינען אויך געווען בעלי־מלאכות.

דער רב: אמת, מיין זון, אמת, קיין גרויסע חרפה איז דאָס ניט. בלייב נאָר אַן ערלעכער ייד...

וועלוועלע: (שטיל צו הינדעלען) אַז דער רב וואָלט געוואוסט, אַז ער איז איצטער ביי זיין מחותן אין שטוב...

הינדעלע: אַז אָך און וויי איז, נעבעך, צום רב!...

כיענקע מיט אַ שערעלע פון לינקס, גייט צו צו בן ציונען, און טוט צו אים אַ ווינק.

בן ציון: הע? (גייט צו צו איר)

כיענקע: (גיט אים דאָס שערעלע, שטיל) וועט זיין גוט?

בן ציון: יאָ, זייער גוט. (באַהאַלט דאָס שערעלע אונטערן בוזעם)

פון דרויסן דערהערט זיך אַ פאָרן פון אַ וואָגן און אַ „טפרו". דערנאָך אַ שיכורער קול: „קולקאַ!"

קוליע: (טוט אַ שפרונג) אוי, וויי, דער אוריאַדניק! (לויפט אַרויס)

כיענקע: (טוט זיך אויך אַ כאַפּ) אוי, צי וועט ניט זיין עפּעס אַ צרה? אוי, איך האָב מורא!...

הינדעלע: אוי, אַ ווייטיק איז מיר, איך האָב אויך מורא!...

וועלוועלע: (צעמישט) וואָס האָט איר מורא? מיר האָבן שוין אַרויסגעגומען אַ פּאַס. ער קען אונדז גאָר נישט טאָן. ער האָט קיין פּראָווע ניט... אַ ניכפה אויף מיר, פאַרוואָס איך האָב אים געטשעפּעט!...

קוליע אַריין צעמישט.

קוליע: גיי, וועלוועלע, בעט אים מחילה.

וועלוועלע: האַ?

קוליע: און דו, כיענקע, גיי אויך בעט אים מחילה. אַזוי וויל ער. אַ ניט וועט ער אָנטאָן צרות. איך האָב אים שוין אַ קוש געטאָן אין דער טריפהנער לאַפּע און אין יד האָב איך אים אויך אַריינגעשטעקט אַ חצי רו"כ... ער האָט זיך פאַרטשעפּעט מיטן אוריאַדניק!

הינדעלע: גיי, וועלוועלע, בעט איבער דעם אָדון מיט די מעשענע קנעפּלעך!

וועלוועלע: אַי, וואָלט איך אים איבערגעבעטן! מיט אַ „שמור וזכור" אין כראַפּע אַריין, אַז אַלע מעשענע קנעפּלעך זאָלן ביי אים צעפּליען אויף אַלע

זייטן!... איך זאָג אייך, רבי, אַז שוין צוליב דעם אַליין, מען זאָל ניט דאַרפן ליידן פון די מעשענע קנעפּלעך און פון בערל־לייבצע פּיאַווקע, דאַרף מען לויפן קיין אַמעריקע! (נעמט אַרויס פון אַ קעשענע געלט) טאַטע, גאָ גיב אים נאָך אַ פּאַלטיניק, זאָל ער דערוואָרגן ווערן. איך קען איצטער ניט אָנקוקן זיין חזירשע כראַפּע. איך האָב מורא פאַר זיך אַליין. זאָג אים, אַז איך בין שיכור, איך קען צו אים ניט אַרויסגיין!

כיענקע: גיב, איכ׳ל צו אים אַליין אַרויסגיין. (נעמט ביי אים דאָס געלט און לויפט אַרויס)

דער רב: אַ שלעכטער אָדון, מען ליידט פון אים אָן אַ שיעור. אי ער נעמט, אי ער בייסט! אי, דער ביטערער גלות!... אפשר, וועלוועלע, ביסטו גערעכט. מען הערט זיך אָנעט אַזוינע גוטע בשורות פון אַמעריקע... אפשר טאַקע האָט גאָט באַשאַפן די אַמעריקע, כדי יידן זאָלן קענען אויסרוען זייערע ביינער דאָרטן פון דעם שווערן גלות?... (מען הערט ווי דער וואָגן פאָרט אָפּ)

כיענקע אַריין און שפּייט

כיענקע: טפוי, מיט די טרפהנע וואָנצעס מיר גלייך אין מויל!... (שפּייט)

אַ נייער וואָגן פאָרט צו.

הינדעלע: יחיאל די ציג מיטן וואָגן... (ווישט זיך די אויגן) שוין!

קוליע: שוין דאָ?

יחיאל, אַ ייד מיט אַ ווילדער באָרד, אין אַ קאַפּטן, מיט אַ רויטן גאַרטל, הינטער וועלכן עס שטעקט אַ בייטש.

וועלוועלע: נעמט אָט די פּעק פון דער ליעזשאַנקע.

יחיאל נעמט די פּעקלעך און גייט אַרויס.

הינדעלע שטיקט די טרערן.

כיענקע טוט אָן אַ מאַנטל, וועלוועלע, אַן אויבערראָק.

קוליע: (טוט זיך אַ קלאַפּ אין האַרצן) רבי, טאַטקעלע, בענטשט מיינע עופהלעך! זיי זאָלן יידן בלייבן, זיי זאָלן גאָט ניט פאַרגעסן, זייער טאַטן, רבינקע טייערער!...

דער רב: (הייבט זיך אויף) קינדערלעך, דער גוטער גאָט, דער יידישער גאָט, זאָל מיט אייך אַלעמאָל זיין, וואו איר וועט זיך קערן און ווענדן!

קוליע טוט זיך אַ וואָרף צו כיענקען און קושט זי און סאָפּעט מיט דער נאָז. דערנאָך — צו וועלוועלען און קושט אים. פון דרויסן קומען אָן מיידלעך און פרויען. חוה־דוואָשע אויך צווישן זיי, און שטעלן זיך אַרום די פענצטער.

וועלוועלע: נו, הינדעלע, דו זאָלסט ניט בענקען, דו הערסט? זיי געזונט!

הינדעלע: (שטיל און שלינגענדיק די טרערן) זע־זשע, געדענק זשע, וועלוועלע, איכ׳ל דאָ משוגע ווערן, חלילה, אַז איכ׳ל פון דיר באַלד ניט קריגן קיין בריוו! (פאַלט אים אויפן האַלדז, קושט אים און וויינט)

וועלוועלע: (מיט טרערן אינעם קול) איכ׳ל דיר שרייבן... אַוודאי... אָבער דו שרייב מיר אויך. אַ נישט וועל איך אוודאי משוגע ווערן!..

(טוט אַ נעם דעם קאָרב פונעם טיש צו זיך אויפן אַקסל)

דער רב: נו, אין אַ גוטער שעה! געדענק, בן ציון, וואָס איך האָב דיר געזאָגט: אַמעריקע איז אַ פרעמדע מדינה. דו וועסט זיך דאָרטן פאַר לייטן ניט דאַרפן שעמען צו ווערן אַ בעל־מלאכה. פאַר גאָט אָבער, מיין זון, זאָלסטו זיך דאָרטן שעמען. גאָט לעבט דאָרטן אויך, מיין זון. זיין יאָך וואַרף פון זיך ניט אַראָפּ. היט די יידישקייט און געדענק, ווער דיין טאַטע איז און ווער דיין זיידע, זכר צדיק לברכה, איז געווען (פּליסטערט און מיט טרערן אינעם קול:) זיין זכות זאָל דיר ביישטיין, מיין קינד! (צעקושט זיך מיט אים און ביידע אָפּ, קושנדיק די מזוזה)

קוליע: וועלוועלע, האָסט געהערט דעם רבס הייליקע ווערטער? אָט דאָס וויל איך אויך זאָגן: היט דאָרטן שטאָט, מיין זון, זיי דאָרטן ניט קיין ווילדע בריאה, זון מיינער! און אויף איר גיב דאָרטן אַכטונג, אויף כיענקעלען, אַ יונגע טיאָלקע, אַז דעם טאַטנס אויגן וועלן אויף איר ניט אַכטונג געבן, קאָן זי נאָך דאָרטן פאַבריקעווען מיט יונגאַטשעס, אַ קלאָג צו זיי, זאָלסטו דאָס ניט לאָזן, דו הערסט? אַז דו וועסט זען, אַז אַ יונגאַטש מאַכט צו איר הולטאַיסקע שטו־קעס, צעפּלעט אים דעם מוח מיט אַן אייזן, מיט אַ האַמער, צעברעך אים רוק און לענד, אַ מהומה אויף אים! און זי, די שיקסע, פּאַטש אויך אויס — זיי איר אַ טאַטע, מיין זון! (טוט זיך אַ כאַפּ) ניין, ניין, דו זאָלסט זי נישט טשעפּן, מיט דיין האַנט קענסטו נאָך, חלילה, איר דעם לונג און לעבער אָפּרייסן. (טוט זיך אַ וואָרף צו כיענקען) טאָכטער מיינע, פייגעלע מיינע, לאָמיר זיך נאָך אַמאָל צעקושן! (קושט זי) נאַ דיר נאָך אַ פּערטעלע אויפן וועג! (גיט איר אַ מטבע)

כיענקע: (שמייכלענדיק און מיט טרערן אינעם קול) מעגסט זיין רואיק, טאַטע, מיט קיין יונגאַטשעס וועל איך ניט האָבן צו טאָן. מיר איז גענוג איינער... נו, זיי געזונט, טאַטע! (אָפּ, קושנדיק די מזוזה)

וועלוועלע: הינדעלע, איכ׳ל אים זאָגן! זאָל ער האָבן אַ ביסל נחת! טאַ־טע, דו זאָלסט אָבער שווייגן דערווייל, ביז דו וועסט ניט קריגן אונדזער בריוו פון אַמעריקע. דו ווייסט, אַז כיענקע האָט שוין אַ חתן?

קוליע: האַ?

וועלוועלע: און מיטן מחותן וועסטו זיך ניט דאַרפן שעמען אויך. ווייסטו ווער איר חתן איז? בן ציון! דעם רבס זון! מיר זאָלן אַזוי קומען קיין אַמעריקע געזונטערהייט!...

קוליע: (צעטומלט) וואָ־וואָ־וואָס באַראַבאַטשעסטו, ווילדע בריאה?...

הינדעלע: אמת, שווער, דאָס איז אמת! איר דאַרפט אָבער דערווייל ניט ריידן!...

קוליע: אוי, די ניכפּה כאַפּט מיך! דאָס איז אמת? זאָלסטו אַזוי לעבן, הינדעלע? אוי, איכ׳ל פון זינען אַראָפּ! ממזרים, וואָס האָט איר געטאָן? ווי איז מיר, איכ׳ל דאָך דאַרפן אַנטלויפן פון שטעטל... מען וועט דאָך פון מיר לאַכן. מען וועט דאָך טייטלען אויף מיר מיט די פינגער. זע נאַר, קוליע כריוק איז דעם רבס אַ מחותן! קוליע כריוק... וואָס האָב איך צום רב? פאַר־

וואָס זאָל ער איבער מיר האָבן אַזאַ בושה, אַזאַ חרפּה? פאַרוואָס זאָל איך אים פאַרצאַפּן זיין בלוט? דער רב וועט זיך דאָך דאַרפן באַגראָבן, ממזרים!...

וועלוועלע: נו שאַ, שאַ, זאָל דאַכטן, אַז דו ביסט אויך אַ רב און דו טוסט אַ שידוך...

קוליע: איך אַ רב, קוליע כריוק? קוים וואָס איך בראַדזשע אַרויס פון אַ קאַפּיטל תהילים, ברוך השם, אַ שמיד, אַן עם הארץ... וואָס האָט איר געהאַט צום רב?

וועלוועלע: איך האָב געמיינט, אַז איכ׳ל דיך דערפרייען, אַז דו וועסט כאַטש אַוועקגיין טאַנצן אַ קאַזאַצקע פאַר שמחה... טאַטע, דאָס איז אַ באַ־שערטע זאַך פון גאָט. ער האָט דיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ מיוחס, פאַרשטייסט?...

הינדעלע: נו, וואָס איז דאָרטן? סיזוויסיי בענצע ווערט דאָך אַ בעל־מלאכה...

קוליע: האַ? (פּלוצים) און פאַרקערט, אַז גאָט וויל אַזוי, איז מסתמא... טאַ וואָס־זשע שריי איך? זאָל דאַכטן, אַז איך האָב געגעבן אַ פּאָר טויזנט קערבלעך נדן פאַר אַזאַ יחוס. אַי־אַי! גאָט זיצט אויבן און פּאָרט אונטן. אינעם קאָפּ פּאַטופּעט זיך דאָס ניט ביי מיר! איכ׳ל לויפן אויפן בית־עלמין, אָנזאָגן זעלדען די גוטע בשורה! (זעצט זיך אויף אַ שטול און שאָקלט דעם קאָפּ) אַי, אַי, אַי!...

וועלוועלע: נו, זיי געזונט, טאַטע, שרייב בריוו! (אַרויס מיט הינדעלען, קושנדיק די מזוזה. קוליע, פאַרטאָן אין זיך, באַמערקט ניט, ווי ער איז אַרויס, שמייכלט, פּאַטשט אין די הענט, שאָקלט זיך און אייקעט. פון דרויסן שטימען: „גריסט לאה׳קען!״ „גריסט כאַסקען!״ „גריסט אַמעריקע, זאָגט זיי דאָרטן אָן, אַז מיר וועלן דאָרטן אויך באַלד זיין״. דערנאָך חוה־דוואָשעס קול: „די גאַמלקעס, זעט, קינדערלעך, עסט מיר ניט אויף״. נאָכדעם דערהערט זיך, ווי דער וואָגן פאָרט אָפּ).

קוליע: (שפּרינגט אויף) די פור איז אָפּגעפאָרן? (טוט זיך אַ וואָרף) יחיאל, וואָרט! אַנטלויף ניט! מיט די ציפּליאַטקעלעך מיינע וויל איך זיך נאָך אַמאָל צעקושן, מיט כיענקעלעס חתן!... יחיאל, פאַרכאַפּט זאָלסטו ווערן!... (לויפט אַרויס)

די בינע בלייבט אַ רגע אַליין. דערנאָך קומען אַריין צוריק פון דער גאַס קוליע און הינדעלע, ביידע צענויפגעקאָרטשעט, מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ.

קוליע: (מורמלט) אַוועקגעפאָרן... אויס, נישטאָ מער קיין ציפּליאַט־קעלעך, ניטאָ מער קיין קינדערלעך... ביידע אויגן מיר אויסגעריסן פונעם קאָפּ...

הינדעלע (הייבט אויף די הענט) גאָטעניו, איבער די ימען גרויסע, איבער די מדבריות וויסטע, ברענג אים אַריבער בשלום אַהינצוצו!...

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

צווייטער אַקט

די בינע שטעלט פֿאָר צוויי באַזונדערע שטיבער אין אַ טענעמענט־הויז אויף סאָפֿאָלק סטריט די באַזונדערע שטיבער זיינען אָפּגעטיילט איינע פֿון דער צווייטער דורך אַ וואַנט און אַ טיר. די שטוב רעכטס איז די דירה פֿון בן ציון און כיענע. די שטוב לינקס איז די דירה פֿון גימפּל ריאַבטשיק און זיין ווייב. ביידע דירות האָבן טירן, וואָס זיי פֿירן אין די אַנדערע חדרים, און פֿענצטער, דורך וועלכע עס זעען זיך אַרויס די דעכער פֿון די אַנטקעגנדיקע טענעמענט־הייזער. קאָנטיק, אַז די דאָזיקע דירות געפֿינען זיך אויף דעם אויבערשטן שטאָק פֿון אַ הויכן טענעמענט־הויז.

אַ הייסער בייטאָג אינעם חודש יולי, צווישן צוויי און דריי. אין דער דירה לינקס איז קיינער נישטאָ, און אין דער דירה רעכטס זיצן ביים טיש **בן ציון** און **כיענקע** און זיי טרינקען סאָדע־וואַסער, וואָס כיענקע גיסט אָן אין גלעזער פֿון אַ גלעזערנער כלי. בן ציון איז מיט אַ יונג שוואַרץ בערדל, אין אַ העמד, אָן אַ וועסט, מיט אַרונטערגעלאָזטע שלייקעס, און כיענקע איז מיט אַ הוט אויפֿן קאָפּ, אָנגעטאָן ווי צום אַרויסגיין.

בן ציון: (טרינקט און באַלעקט זיך) אַי, אַי, אַ מאַכל! ניט אמת, מיין ווייב?

כיענקע: אוודאי. אין אַזאַ הייסן טאָג קאַלטע סאָדע־וואַסער — איז אַ פּקוח נפש!!

בן ציון: בפֿרט נאָך, אַז מען טרינקט עס אינדערהיים, ניט אין שאַפּ, און לעבן אַזאַ חיותל ווי דו... דעם טעם פֿונעם גן־עדן פֿילט מען, זאָלן מיר אַזוי ביידע לעבן!...

כיענקע: (לאַכט גליקלעך) דו ווייסט, בענצע, איך בין אַזוי צופֿרידן, וואָס דו ביסט צופֿרידן.

בן ציון: סטייטש בין איך צופֿרידן! דו הערסט, מיין ווייב? שוין באַלד אַ יאָר נאָך אונדזער חתונה און אויפֿן האַרצן איז מיר נאָך אַלץ אַזוי יום־טובדיק. פֿון דער חופּה־נאַכט אָן, אַזוי ווי די פֿריילעכקייט האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי ניט אויפֿגעהערט עד היום.

כיענקע: רבונו של עולם, זאָל אָט די פֿריילעכקייט אונדז ניט פֿאַרשטערט ווערן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!

בן ציון: זי וועט ניט פֿאַרשטערט ווערן. נאַרעלע, איך בין דאָך ניט דיין ברודער ווילי און דו, חלילה, ביסט ניט די „נעקס־דאָריקע" קליפּה. טפֿוי! וואָס דערמאָן איך זיי, ווען איך רייד וועגן אונדזער ליבע! אלף אלפֿים הבדלות — טפֿוי! ביי אונדז איז קדושה און ביי זיי איז טומאה!

כיענקע: ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן אויף אונדזער ווילין? ער האָט דאָך היינדעלען אַזוי ליב געהאַט!

בן ציון: נאָר איבער אַזאַ איינעם, ווי ער, האָט אַזאַ נקבה ווי די „נעקסט־דאָריקע״ געקאָנט אַזאַ שליטה האָבן. און אַז דו ווילסט, איז דאָס גאָר קיין קשיא אויך ניט. אַזאַ געזונטער בוהאַי איז צוויי יאָר אָן זיין ווייב. און וואו? אין אַמעריטשקע, וואו די ווייבער שעמען זיך ניט און האָבן אַראָפּגעוואָרפן די בושה און חרפה פון זיך!... אַוודאי, אַז ער וואָלט געווען אַ צדיק... איז אָבער די מעשה, אַז ווען עס קומט צו דעם ווייבערישן מין, איז קיינער ניט, ניט דער בעסטער יונגערמאַן, אַ צדיק!...

כיענקע: אַזאַ אומגליק! און וויפל איך טענה ניט צו אים...

בן ציון: איז ווי צו דער וואַנט. אַוודאי. וואַרט, אפשר אַז הינדעלע וועט היינט קומען מיט דיין טאַטן...

כיענקע: אוי, וועט זיך דאָ אָנהייבן אַ חתונהקע, ערשט די ריכטיקע חתונהקע!

בן ציון: יאָ, עס וועט זיין פריילעך ביי אונדז.

כיענקע: אַז אַך און ווי צו אַזאַ פריילעכקייט. ווען הינדעלע וועט זיך כאַפּן צו איר בראָך... און אפשר... אפשר וועט ער רחמנות האָבן איבער איר. אין נאַטור איז ער דאָך אַזאַ דימענט...

בן ציון: איצט דווקא האָט ער יענע ניט אין זינען. ער איז אינגאַנצן פאַרטאָן מיטן סטרייק. קומט אַהיים פאַרטאָג, לויפט אַוועק אינדערפרי. גוואַלד, ווער וואָלט זיך דאָס אינדערהיים געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דיין ברודער וועלוול וועט דאָ זיין אַזאַ פאַרברענטער יוניע־מאַן און קעמפער פאַר די אַרבעטער־אינטערעסן?

כיענקע: און אַ רעדנער דאָ געוואָרן. טאַקע, ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן אויף אים...

בן ציון: סטייטש אַ רעדנער. ביי אונדז אין דער גאַנצער יוניע וועסטו ניט געפינען קיין צווייטן צו אים. סטייטש רעדט ער! סטייטש אַרבעט ער! רעדט מיט די הענט, מיט די פיס. און אַ געמבע האָט ער, טאַקע באַלד ווי יאָזעף באַ־ראַנדעס אַליין. נישט אַלע מאָל פאַרשטייט מען, וואָס ער רעדט; ער מיינט אָבער גוט, און די ברידער־אַרבעטאָרער פּאַטשן אים בראַוואָ.

כיענקע: איך אַליין האָב אים אויך געפּאַטשט בראַוואָ, אַז די הענט זיינען מיר אויפגעשוואָלן, ווען איך האָב אים אַמאָל געהערט ריידן ביי די אַר־בעטאָרער... וואו נאָר האָט ער זיך דאָס אויסגעלערנט?...

בן ציון: ביי באַראַנדעסן. ער קען דאָך יענעמס רעדעס אויף אויסווייניק. גאָט זאָל מיר אַזוי העלפן, אַז ער רעדט, וויל ער נאָר נאָכמאַכן יענעם, אפילו מיט דער געמבע זיינער. סטייטש איז ער אַ חסיד פון באַראַנדעסן. צו הערן יענעם וועט ער אפילו לויפן אין פייער...

כיענקע: נעכטן איז ער געקומען אַהיים מיט אַ צעריסענעם הוט.

בן ציון: עס איז אַ וואונדער, וואָס ער קומט מיט אַ גאַנצן קאָפּ. דעם גאַנצן טאָג האָלט ער דאָך מלחמה מיט סקבעס. אוי, האָט ער כוח! אויף אַ מנין יידן געזאָגט געוואָרן. ערשט איצטער ביים סטרייק לעבט ער אַ טאָג!

כיענקע: (טוט זיך אַ כאַפּ) **אוי ווי, בענצע, מיר האָבן זיך פאַררעדט און גאָר פאַרגעסן, אַז מיר דאַרפן שוין גיין צו דער שיף!**

בן ציון: (טוט אַ כאַפּ אויף זיך די שלייקעס) **ביסט גערעכט. קום!** (כאַפּט אַרויף אויף זיך דאָס רעקל און נעמט דעם הוט. זי נעמט צו פונעם טיש די גלעזערנע כלי מיט די גלעזער און אָפּ מיט בן ציונען אין דער טיר רעכטס).

די בינע איז דערנאָך אַ ווײַלע ליידיק. אין דער דירה לינקס שלאָגט דער זייגער דריי מאָל. נאָכדעם דערהערט זיך פון אַ זײַטיקער טיר לינקס אַ געזאַנג פון אַ פרוי: **„אַה, וואַלץ מי עגעין, ווילי, אַראָנד, אַראָנד!"**

קלאַרא, 25, אויסגעפּוצט אין אַ שיין קלייד, מיט אַ שטיקערײַ אין דער האַנט. זי קומט אַרײַן פון דער טיר לינקס.

קלאַרא: (זינגענדיק) **אַראָנד, אַראָנד, אַראָנד!** (שטעלט זיך ביים שפּיגל פון דער ביוראָ, וואָס שטייט לינקס קעגן אַ פענצטער, פאַרריכט זיך די בלאָנדע קרייזלעך אַרום די שלייפן, דרייט זיך און בויגט זיך פאַרן שפּיגל, באַטראַכט די טאַליע, טוט אַ ציִ דאָס קלייד ביי די היפּטן און ביים בוזעם, כאַפּט דערנאָך דאָס פּודער־קעסטעלע, וואָס ליגט דערביי, און פּודערט זיך אויס די באַקן. זעצט זיך נאָכדעם אויף אַ שאַקל־שטול, שטיקט און זינגט) **אַה, וואַלץ מי עגעין, ווילי, אַראָנד, אַראָנד, אַראָנד!...**

גיטל, 45, אין אַ שייטל, מיט אַ פאַטשיילע איבער די אַקסלען, קומט אַרײַן מיט אַ זײַטיקער טיר רעכטס. אין די הענט אַ פּאַפּירן זעקעלע.

גיטל: **ווילסט קנישקעלעך אויף סאַפּער?**

קלאַרא: **יאָ, מאַמע, קנישקעלעך.**

גיטל: **אָבער דײַן מאַן האָט עס דאָך ניט ליב?**

קלאַרא: **אַז דו וועסט קוקן, וואָס דער ליטוואַק האָט ליב, וועסטו אים מוזן יעדן טאָג געבען הערינג און פּאַטייטאָס, און פּאַטייטאָס און הערינג... מאַך, מאַך קנישקעלעך!...**

גיטל: **זאָג, וואָס ווילסטו פון אים? וואָס האָסטו צו אים? פאַרוואָס טוסטו אים אַלץ צו להכעיס?** (לייגט ס׳זעקעלע אויפן טיש)

קלאַרא: **איך טו אים גאָרנישט צו להכעיס, מאַמע. ער ליגט מיר אפילו ניט אין זינען!**

גיטל: **וואָס הייסט, דײַן מאַן ליגט דיר ניט אין זינען? ער מוז דיר ליגן אין זינען. ער אַרבעט, נעבעך, גענוג שווער פאַר דיר. קלאַראַ, טאָכטער מײַנע, באַזין זיך. ערשט פיר יאָר אַז איר האָט חתונה געהאַט. איך מיט דײַן טאַטן, אונדז צו לאַנגע יאָר, האָבן אָפּגעלעבט 20 יאָר אין בוקאַרעשט און קיינמאָל קיין קרום וואָרט ניט געזאָגט איינער דעם אַנדערן...**

קלאַרא: **דער טאַטע איז ניט געווען קיין ליטוואַק. איר ביידע זײַט געווען רומייניער, האָט איר געקענט שטימען...**

גיטל: **ביז נישט לאַנג האָט איר דאָך אויך ביידע געשטימט. מיט זעקס חדשים ערשט צוריק, ווען איך בין געווען ביי דיר, ביסטו דאָך געווען אין אים אַזוי פאַרליבט? וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק מיט אַמאָל?**

קלאַרא: איך האָב אים קיינמאָל ניט ליב געהאַט, ווי מען דאַרף ליב האָבן, ווי איך פאַרשטיי איצט, וואָס ליבע איז! איך האָב זיך נאָר איינגערעדט, אַז איך האָב אים ליב, ווייל ער איז געווען אַ גוטער קלאָקס־אָפּרייטאָר און האָט פאַרדינט העכער 20 דאָלאַר אַ וואָך און געספּענדעט געלט אויף מיר. מאַמע, איך בין געווען נאַריש. אַ שיין מיידל, ווי איך, האָט זיך ניט געדאַרפט לאָזן פאַרבלענדן די אויגן פון אַ ליטוואַק, און נאָך פון אַזאַ ליטוואַק! (טוט זיך אַ כאַפּ פונעם שטול) ער איז דאָך אַזאַ פאַרזעעניש, מאַמע! מיטן שפּיציקן בערדל, ווי ביי אַ באָק! איינגעבויגן, איינגעהויקערט — און דאָס איז מיין מאַן, און איך מוז נאָך האָבן אין זינען, וואָס ער האָט ליב צו עסן און וואָס ער האָט ניט ליב... גוואַלד, פאַרוואָס זעט ער אויס אַזוי? פאַרוואָס פּוצט ער זיך ניט ווי אַנדערע? איך בין דאָך אַ לעבעדיקער מענטש, איך קען דאָך אויף אים ניט קוקן, מאַמע!...

גיטל: קלאַרא, דו ביסט אַראָפּ פון זינען. דו קאָנסט נאָך, חלילה, ברעכן האַלדז און נאַקן. טאָכטער, געדענק...

קלאַרא: וואָס זאָל איך געדענקען, וואָס?

גיטל: מאַך אַ סוף מיט דעם נעקסט־דאָריקן, וועט דיין מאַן דיר ווידער אָנהייבן צו געפעלן...

קלאַרא: שוין ווידער דער נעקסט־דאָריקער? יענער איז איפּערזיכטיק, ווי אַ קאַץ, אויף אים און דו רעדסט אויך!...

גיטל: אויב צווישן אייך איז גאָרנישט, היינט פאַרוואָס, אַז דיין גימפּל וויל מופּן פון דאַנען, ווילסטו ניט?

קלאַרא: ווייל איך וויל ניט. קנישקעלעך האָט ער פיינט, די רומס האָט ער פיינט, נאָר מיך האָט ער ליב און פּאָטייטאָס מיט הערינג!...

גיטל: אַ מאַן דאַרף מען נאָכגעבן...

קלאַרא: איך האָב אים גענוג נאָכגעגעבן...

גיטל: גימפּל וועט אים אַמאָל אַרויסטרייבן פון הויז...

קלאַרא: וועמען — ווילין? נו, וועל איך גיין צו ווילין אין הויז.

גיטל: פון דאַרטן וועט זיין שוועסטער דיך אַרויסטרייבן.

קלאַרא: נו, וועלן מיר זיך טרעפן אין דרויסן ערגעץ. וואו זיך צו טרעפן קען מען שוין געפינען...

גיטל: ווי איז מיר, דו הערסט, וואָס דו רעדסט? הייסט עס, קלאַרא, אַז דו גיסט שוין אַליין צו, אַז דו ביסט מיטן „נעקסט דאָריקן" אַ נאָענטע מחותנתטע?

קלאַרא: וואָס לייגסטו מיר אַריין ווערטער אין מויל, וואָס איך האָב ניט געזאָגט? איך פאַרברענג מיט אים ווי מיט אַ גוטן באַקאַנטן, דאָס אַלץ.

גיטל: היינט וואָס מיינסטו, אַז דו וועסט זיך מיט אים טרעפן?

קלאַרא: צו להכעיס גימפּלען וועל איך זיך מיט אים טרעפן. זאָל ער נאָר זיך דערוועגן אים אַרויסצוטרייבן. מען וועט ניט טרייבן קיין מענטשן ביי מיר פונעם הויז. איך בין ניט שולדיק, וואָס דער ליטוואַק איז איפּערזיכטיק ווי אַ קאַץ. דערפאַר זאָל איך האַלטן די טיר צוגעשלאָסן פאַר מענטשן, וואָס

זיינען מיר אָנגענעם? מאַמע, איך האָב דיר צען מאָל געזאָגט און זאָג עס דיר נאָכאַמאָל: ווילי איז מיינער גאָר אַ גוטער באַקאַנטער. מיר איז אָנגענעם מיט איהם צו פאַרברענגען, ווייל ער איז אַ דזשענטעלמען און איז ניט אַזאַ טויטע פאַרזעעניש ווי גימפּל!...

גיטל: אויב ער איז נאָר דיינער אַ גוטער באַקאַנטער, הייסט וואָס דערציילט גימפּל, אַז...

קלאַרא: אַז ער האָט באַמערקט, ווי ווילי האָט מיך געקושט? דאָס מיינסטו?...

גיטל: נו יאָ, אַ ווייטיק איז מיר...

קלאַרא: ווילי איז אויף אַ ווילע משוגע געוואָרן... ניט געפערלעך, מאַמע, מען קען זיין אַן אנשטענדיקער דזשענטעלמען און קושן אַ ליידי...

גיטל: אַן אנשטענדיקער מאַן, וואָס האָט אַ ווייב, וועט ניט קושן קיין פרעמדע פרוי, וואָס האָט אַ מאַן.

קלאַרא: (צעלאַכט זיך) אַז זי איז אַ מיאוסע פרוי וועט ער זי ניט קושן...

גיטל: און אַן אנשטענדיקע פאַרהייראַטע פרוי וועט ניט לאָזן, אַז אַ פאַרהייראַטער מאַן זאָל זי קושן...

קלאַרא: זיי רואיק, מאַמע, איך לאָז איהם נישט, אַז ער זאָל מיך קושן. איך בין ניט אַזאַ נאַר, ווי דו דענקסט...

גיטל: אַז אַך און וויי צו דיין קלוגשאַפט!...

קלאַרא: (פּלוצים) הער אויס, מאַמע, איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט צו מיר אַזוי ריידן. אויב גימפּל האָט דיך אָראָפּגעבראַכט פון פילאַדעלפיע, דו זאָלסט מיר דערגיין די יאָרן, וועסטו מוזן פאָרן צוריק. איכ׳ל טאָן, וואָס מיר געפעלט ענד דאָטס אָלל!...

גיטל: געדענק, קלאַרא, דו וועסט זיך דערנאָך רייסן די האָר אויפן קאָפּ... דו פאַרגעסט, אַז דער נעקסט דאָריקער האָט אַ ווייב אין דער היים...

קלאַרא: (אויפגעבראַכט) אוי, וואָס ווילט איר פון מיר! (טוט אַ שמיץ די שטיקערייַ אויפן טיש) ער האָט אַ ווייב?... איך ווייס! זאָל ער גיין מיט איר צוזאַמען אין די העל אַריין! ניט ער גייט מיך אָן, ניט זיין ווייב גייט מיך אָן. לאָזט מיך צופרידן! וואָס בינדט איר זיך צו מיר? איך האָב דאָך שוין דריי טעג איהם ניט געזען! שוין דריי טעג, ווי ער ווייזט זיך ניט. אַז ער וואָלט פאַרליבט געווען אין מיר אויף אַן אמת, וואָלט איהם דען אָפּגעהאַלטן דער סטרייק פון צו קומען צו מיר? מאַמע, אויס! איכ׳ל איהם אַרויסטרייבן, ווען ער וועט קומען. וואָס דאַרף איך די צרות? ער האָט אַ ווייב, זאָל ער שיקן נאָך איר, זאָל ער פאָרן צו איר, זאָלן זיי ביידע פון מיינעטוועגן... מאַמע, נאָ מאַר! קאָך הייַנט פּאָטייטאָס אויף סאַפּער מיט הערינג!... און זאָג גימפּלען, ער זאָל פּיקסן זיין בערדל, ער זאָל ניט אויסזען אַזאַ טויטע בריאה... מאַמע, איך בין דאָך אַ יונגע פרוי, אַ לעבעדיקער מענטש! (צעוויינט זיך)

גימפּל, אַ בלייכער יונגערמאַן, מיט אַ שוואַרץ, שפּיציק בערדל, מיט פּאַרמרה־שחורהטע אויגן, אין אַ צעשפּילטען העמד, אָן אַ וועסט, מיטן רעקל איבערן אָרעם, קומט אַריין פון דער טיר לינקס.

גיטל: וואָס עפּעס אין מיטן טאָג, גימפּל?

גימפּל: (וואַרפט דאָס רעקל אויף אַ שטול) איך האָב געאַרבעט היינט נאָר אַ האַלבן טאָג. איך דאַרף עפּעס טאָן... וואו זיינען עפּעס די נעקסט־דאָריקע? איך האָב געקלאַפּט ביי זיי אין דער טיר, ענטפערט מען ניט.

גיטל: מסתמא זיינען זיי ערגעץ אַוועק.

גימפּל: (טוט אַ קוק אויף קלאַראַן) וואָסי? וואָס וויינט עפּעס מיין נחת? אויסגעפּוצט זיך אין דער דרעס, וואָס געפעלט יענעם, און וויינט...

גיטל: גימפּל, איך בעט דיך, זאָל פון היינט אָן זיין רואיק אין שטוב. זי זאָגט שוין אַליין, אַז זי וועט אין יענעמס זייט אפילו ניט אַ קוק טאָן. זי וויל ניט, אַז דו זאָלסט האָבן יסורים, זאָגט זי, און זאָל יענער זיך נאָר דער־וועגן אַריינקומען — זאָגט זי — וועט זי אים אַרויסטרייבן...

גימפּל: שוויגער, גלייבט איר ניט, זי בלאָפט! זי קאָן איך נאַרן, אָבער ניט מיך. איך ווייס אַלצדינג וואָס ביי זיי טוט זיך. ערשט מיט עטלעכע טעג צו־ריק האָב איך זיך עפּעס אונטערגעהערט. זי ווייס, וואָס! איך האָב איר איבערגעזאָגט יעדן וואָרט, וואָס זי האָט אים געזאָגט. וואָסי, ניט אמת, האַ? וואָסי, נחת מיינער, דו וועסט אפשר לייקענען?

קלאַראַ: איך האָב ניט וואָס צו לייקענען. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער איז פאַרהייראַט און ער זאָל מיך לאָזן צורו.

גימפּל: און ער זאָל שיקן אַ גט זיין ווייב... האַ? נו? וואָסי, ניט אמת? (קלאַראַ ענטפערט ניט)

גיטל: דאָס האָט זי געמאַכט שפּאַס פון אים. איך ווייס עס. גימפּל, נאַ־רעניו, דו האָסט זי דאָך ליב און זי זאָגט, אַז זי וועט יענעם אויפן שוועל ניט אַרויפלאָזן. וואָס ווילסטו נאָך?

גימפּל: זי האָט דאָך אָבער מיך ניט ליב. אָט אַלצדינג טוט זי מיר צו־להכעיס. איך פרעג איך, שוויגער: וואָסי? פאַרוואָס? איך אַרבעט ווי אַן אייזל אינעם שאַפּ, שלאָג זיך אַרויס פון די כוחות כדי צו פאַרדינען נאָך 10 דאָלאַר, נאָך 10 דאָלאַר, אַז זי זאָל האָבן גענוג אויף אַלצדינג... וואָסי, איך זשאַלעווע איר עפּעס, חלילה? וואָסי, איר פעלט עפּעס, חלילה, ביי מיר? גיב איך איר ניט אָפּ די לעצטע פעני — וואָסי?...

גיטל: אַי, אַז איר וואָלט געהאַט אַ קינד, וואָלטן די צרות אפשר ניט געוועזן...

גימפּל: דאָס איז דאָך וואָס איך טענה. זי וויל אָבער ניט! איך האָב דאָך אַזוי ליב קינדערלעך; זי וויל אָבער זיין אַ פריייער פויגל, אַז זי זאָל זיך קענען ליובקען מיט אַן אַנדערן... וואָסי, איך פאַרדין ניט גענוג אויף אַ קינד? צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך סטעדי פאַרדין איך! אמת, די לעצטע צייט מאַך איך אויס ווייניקער, מחמת איך בין אַן אַ קאָפּ, מחמת זי האָט מיר דעם מוח צעמישט. איך מאַך אַ קלאָק און טראַכט גאָר וועגן זיי... אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן, וואָס פאַר אַן אַרבעט איך גיב איצט אַרויס! איינע פון די בעסטע „הענט" געוועזן אין שאַפּ און איצט בין איך אַ קאַליקע, אַ פושער. איכ'ל נאָך פאַרלירן דעם פּלאַץ אויך! זע נאָר, זע נאָר, ווי זי האָט זיך אויסגעפּוצט! אין דעם קלייד, וואָס יענעם געפעלט, אין דעם קלייד, אין דעם קלייד!...

קלאַרא: נו, מאַמע, נו? קען מען זיין גוט צו אים? קען מען אים ליב האָבן?

גימפּל: דו מוזט מיך ליב האָבן, איך אַרבעט אויף דיר! פאַר דיין ברויט צאָל איך, פאַר דיינע קליידער צאָל איך, פאַר דיינע שיך צאָל איך! פאַר דיין פּויקער, אַז דו פאַרשפּילסט צאָל איך! איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט, איך בין דיין מאַן, הולטאַיקע, דו מוזט מיך ליב האָבן!...

קלאַרא: איך מוז, איך מוז, אָבער אַז איך קען ניט? פאַרוואָס באַמיסטו זיך ניט, אויסצוזען אַזוי, אַז מען זאָל קענען קוקן אויף דיר? פאַרוואָס קוקסטו אויס ווי אַ שוואַרץ יאָר?

גימפּל: אַז דו וואָלסט געזעסן אין שאַפּ אין אַזאַ היץ און געדרייט די קאַטערינקע, וואָלסטו אויסגעזען נאָך ערגער ווי אַ שוואַרץ יאָר! זע נאַר, ווי זי האָט אָנגעפּודערט אירע באַקן! פאַר וועמען, האַ? פאַר וועמען?...

קלאַרא: פאַר זיך אַליין. וואָס ווילסטו, איך זאָל אויך אויסזען אַזוי ווי דו, צעזויפגעהויקערט, מיטן בערדעלע, ווי ביי אַ באָק! אוי, גוואַלד! דו וואָלסט כאַטש דאָס בערדעלע דיינס אַרונטערגענומען! האָב רחמנות, גימפּל, טו עפּעס, מאַך, איך זאָל קענען קוקן אויף דיר!...

גימפּל: איך דאַרף דיר געפעלן אַט אַזוי ווי איך בין. מיין בערדל טשעפּע איך ניט. קיין איין האָר אפילו ניט. ביי מיר איז די יידישקייט טייער. איך אַרבעט ניט שבת. איך דאַוון יעדן טאָג. ביי דיר איז יידישקייט אַ שפּיי, ביי מיר אָבער ניט. יענער איז דאָך דיר געפעלן טאַקע דערפאַר, ווייל ער דאַוונט ניט, טראָגט קיין באָרד ניט...

קלאַרא: לאָז צופרידן יענעם...

גימפּל: דו לאָז אים צופרידן, וועל איך אים אויך לאָזן צופרידן...

גיטל: זי האָט דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז זי וויל מער יענעם ניט קענען. וואָס ווילסטו נאָך? געקומען אין מיטן טאָג פונעם שאַפּ זיך קריגן!...

גימפּל: פאַרוואָס טראָגט זי אָט דאָס קלייד? איך האָב אַליין געהערט מיט מיינע אויערן, ווי יענער האָט איר געזאָגט, אַז אין דער דרעס זעט זי אויס ווי אַ פּיקטשע אַ ליידי?... זאָל זי אָנטאָן אַן אַנדער קלייד. איך קען אויף איר ניט קוקן!...

קלאַרא: (צעוויינט זיך) וואָס וויל ער פון מיר?... וואָס פּייניקט ער מיך? אָט דווקא וועל איך טראָגן דאָס קלייד, אָט דווקא, ווייל דו רעדסט!...

גימפּל: קלאַרא, דו וועסט זיך אויסריכטן אַ שוואַרצן סוף... וואַרט, וואַרט, עס וואַרט שוין אַ באַמבע פאַר אייך ביידן!...

קלאַרא: (פּלוצים) אַלרייט!... דו ווילסט איך זאָל אָנטאָן אַן אַנדער קלייד? גוט! וועסטו מיך דאַן שוין מער ניט פּייניקן?

גימפּל: איך פּייניק דיך? דו האָסט מיר דאָס האַרץ צעריסן, דעם מוח צעמישט, און איך פּייניק דיך! קלאַרא, אַנטלויף דו נאַר פון דער קליפּה, לאָמיר נאָר אַרויסמופן פון דאַנען און דו וועסט שוין זען! דו וועסט נאָך מיר זיין טייערער ווי אַמאָל...

גיטל: קלאַרא, טאָכטער מיינע, מופט אַרויס פון דאַנען...

קלאַראַ: (נאָך אַ פויזע) אַלרייט!... אָבער טאַקע באַלד, שוין מאָרגן... אַנטלויפן פון דאַנען... ניט וואַרטן ביז דער מאַנאַט וועט אַריבער..

גימפּל: אוי שוויגער! איך גלייב דאָך ניט מיינע אויערן!... קלאַראַ... קלאַראַ, מאַמע מיינע... דו הערסט? אוי, איך האָב דאָך גאָר קיין לשון ניט! הייסט עס, דו מופסט? האָסט נאָכגעגעבן? דיך וועט עס ניט פאַרדריסן, דו וועסט זען! און איכ'ל פון הויט קריכן, אויסצוזען אַנדערש! אַז דו ווילסט, וועל איך אַפּילו אַ צילינדערהוט אָנטאָן; אַפּילו אַ „טוירקי טראָט" וועל איך זיך אויסלערנען טאַנצן, אַבי דו זאָלסט זיין צופרידן! שוויגער, עס זיינען דאָ רומס... איך ווייס וואו... קומט טאַקע גלייך, מיר וועלן זיי גיין אָנקוקן, מיר וועלן זיי תיכף נעמען... אַנטלויפן פון דאַנען וואָס גיכער... דעם קאָפּ אויסרוען, דאָס האַרץ... קום דו אויך, קלאַראַ...

קלאַראַ: גיי מיט דער מאַמען. איכ'ל דערווייל דאָ אָנטאָן אַן אַנדער קלייד...

גיטל: איך האָב דאָך געוואָלט צושטעלן סאַפּער?

גימפּל: איז ניט קיין סאַפּער. וועלן מיר ניט עסן היינט קיין סאַפּער... וועלן מיר עסן אין אַ רעסטאָראַן... קלאַראַן צוליב וועל איך עסן היינט קנישקעלעך! און אַלע טאָג וועל איך עסן קנישקעלעך...

גיטל: וואַרט, איך גיי גלייך! (נעמט דאָס זעקעלע פונעם טיש און אָפּ לינקס)

גימפּל: און דאָס קלייד פאַרקויף צו אַ רעגס־פּעדלער. אַ שאָד אַפּילו, אַ ניי קלייד. איך קאָן עס אָבער ניט זען מער פאַר מיינע אויגן...

גיטל מיט דער פּאַטשיילע איבער די אַקסלען אַריין פון לינקס.

גיטל: קום, גימפּל!...

גימפּל: קומט, קומט, אין אַ גוטער, מזלדיקער שעה! וואַרט, שוין לאַנג זי ניט געקושט. (גייט צו צו קלאַראַן און טוט זי אַ קוש) טפוי, עפּעס זויערע פּודרע! מסתמא צו שטאַרק זיך צוגעכאַפּט! (צעלאַכט זיך) אָבער געשמאַק; איך האָב זיך פּשוט מחיה געווען. (אָפּ מיט גיטלען)

קלאַראַ: (בלייבט אַליין, שאָקלט דעם קאָפּ און זיפצט. נאָכדעם, צוגעגאַנגען צו דער ביוראָ, נעמט זי אַרויס פון דאָרט אַ בילד, קוקט אויף דעם און זיפצט ווידער. זי גייט צו צום טיש, זעצט זיך און קוקנדיק אויפן בילד, מורמלט זי) ווילי, אַ מכה דיר אינעם האַרצן, ווי דו האָסט מיר דעם קאָפּ צעמישט!... ווילי, ווי שיין דו ביסט, ווי געזונט דו ביסט! אַזאַ שיין פּנים, ווי דיינס, אַזעלכע ליכטיקע אויגן, אָבער אַז דו ווילסט ניט שיקן קיין גט דיין ווייב און ווייזט זיך ניט דריי טעג נאָכאַנאַנד, טאָ גיי מיר אין דר'ערד אַריין! (צעררייסט דאָס בילד און וואַרפט די שטיקלעך אויף דר'ערד און שפּאַרט צו דעם פּנים צום טיש. עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ, צוערשט אין דער טיר פון בן ציונס דירה, נאָכדעם אין דער טיר פון גימפּלס וואוינונג. קלאַראַ טוט זיך אַ כאַפּ) קאָם אין!

ווילי קומט אַריין אַ פראַנט, מיט אַ בלוי, געפּרעסט העמד, העלע פּאַנטאַלאָנעס, אַרומגעכאַפּט מיט אַ געלן לעדערנעם פּאַס, אַ גאָלדענעם זייגער,

וואָס ליגט ביי אים אין אַ זייטיקער קעשענע פון זיינע הויזן. אונטערן אָרעם טראָגט ער אַ רעקל; אויף די פיס — געלע לאַקירטע שיך. דער שטרויענער הוט איז ביי אים פאַררוקט אויף דער פּאַטילניצע. אַרום האַלדז איז ביי אים אָנגעבונדן אַ ווייס טיכל. ער קוקט אויס פאַרשוויצט און זיין פּנים, אָן אַ בערדל, שמייכלט גוטמוטיק. דאָס רעכטע אויג איז ביי אים רויט און יעדע ווילע טוט ער עס אַ טאַפּ.

ווילי: **העלאָ! וואו זיינען עפּעס מיינע? ביי זיי איז צוגעשלאָסן די טיר... סעי, קלאַראַ, איז ביי מיר עפּעס דאָ אויף דעם אויג?**

קלאַראַ: (אויפגערעגט) **פּליז, פּליז, נאָר ניט קיין קלאַראַ! אויס קלאַראַ! וואָס פאַר אַ קלאַראַ בין איך איך? איך בין מיסעס ריאַבטשיק... גייט! זייט מיט מיר ניט קיין מחותן!...**

ווילי: (צעלאַכט זיך) **אוי, די ליידי איז בייז! ווידער בייז! אַז דו ביסט בייז, גלייך איך דיך נאָך מער... וואָס פאַר אַ פּיקטשע פון אַ ליידי דו ביסט, אַ ניכפה דיר אינעם האַרצן!** (וויל זי אַ גלעט טאָן)

קלאַראַ: (שטויסט אים אָפּ פון זיך) **אַוועק! איר האָט זיך דריי טעג ניט געוויזן, טאָ גייט ווייטער!...**

ווילי: **אָ, אָט דערפאַר ביסטו בייז? געבענקט נאָך מיר? און איך? דו מיינסט, אַז איך האָב נאָך דיר ניט געבענקט? אַ רוח אין מיין האַרצן, איך האָב דאָך געמיינט אַז איך קראַפּיר פאַר בענקעניש. אָבער דער סטרייק, קלאַראַ... זיי זיינען דאָך אַלע פינצטערע קעפּ, סקעבישע נשמות, די ניכפה זאָל זיי נעמען! איך און ברודער סיימאָנקע טראַסק און ברודער דזשעק קאַרל מאַרקס זיינען דאָך די איינציקע אין דער יוניע, וואָס פאַרשטייען ריכטיק די אַרבעטאָרער־אינטערעסן. מיר מיט אונדזערע רעדעס, מיט אונדזערע הענט האַלטן דאָך אויף דעם גאַנצן סטרייק. איז עפּעס דאָ ביי מיר אויפן אויג, קלאַראַ? עס שמאַרצט אַזוי, זשיוועס!...**

קלאַראַ: **פון מיינטוועגן האָט מען אייך געמעגט ביידע אויגן אַרויס־נעמען!...**

ווילי: (לאַכט) **דעמאָלט וואָלט איך דאָך ניט געקענט זען די שיינע פּיקטשעלע פון אַ ליידי!**

קלאַראַ: **וואָלט גלייכער געווען. פאַר מיר אוודאי! אויב צוליב דעם סטרייק האָט איר פאַרגעסן, אַז איך בין דאָ אויף דער וועלט, איז אייער ליבע אַ בלאָף...**

ווילי: **מיין ליבע איז אַ בלאָף, מיין ליבע? זשיוועס! קלאַראַ, ליבע קען ניט זיין קיין בלאָף און ביי מיר איז עס אוודאי קיין בלאָף ניט! אָט ווי אין דעם ראָמאַן „דער בלוטיקער אַדיע", וואָס מיר האָבן געלעזן, שרייבט זיך דאָרט ריכטיק: „ליבע איז לעבן און אָן לעבן איז... איז... קיין לעבן ניט!... דו געדענקסט די ווערטער, האַ? טייערע ווערטער! גאָלדענע ווערטער! ליבע איז לעבן און אָן לעבן איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט! דו פאַרשטייסט וואָס פאַר אַ טיפער געדאַנק?**

קלאַרא: איך פאַרשטיי שוין גאָר גוט. איר אָבער פאַרשטייט ניט, ווען צוליב דעם סטרייק...

ווילי: וואָס הייסט? דו ווייסט וואָס עס הייסט אַ סטרייק? ביי דעם סטרייק פאַרגעסט מען אַלצדינג און אַלעמען. אַרבעטער־אינטערעסן, קאַמף פאַר דער יוניע, פאַרשטייסט?... און, אַ חוץ דעם, איכ׳ל דיר זאָגן דעם אמת: איצטער לעב איך דאָך! איך אַרבעט, איך האַלט רעדעס, איך לערן בלק מיט די סקעבס... אַזוי די גאַנצע צייט דריי די קאַטערינקע. ביי מיר איז דאָס אַ טויטע זאַך. ביי מיר קוועטשן מיט די פיס די קאַטערינקע ביים מאַכן די קלאָקס איז אַקוראַט ווי פעדערן פליקן. איך בין דאָך געוואוינט פון קינדוויז אויף צו לעבעדיקער אַרבעט, צום שווערן האַמער און קאָוואַדלע: בינג! באַנג! בינג־באַנג! עס קלינגט דער האַמער... עס שפּריצן פונקען!... די פינגער ברענען.. דאָס גאַנצע לייב ברענט ווי אַ שטיק פייער... עך, עס בענקט זיך מיר טאַקע אַמאָל נאָך דעם האַמער און קוזניע!...

קלאַרא: הלוואַי וואָלט איר דאָרט געבליבן אין אייער שטעטל...

ווילי: דו בלאָפסט!...

קלאַרא: איך וויל אָבער ניט הערן אייערע מעשות. זיי אינטערעסירן מיך ניט...

ווילי: דו מוזט הערן, דו מוזט אַלצדינג הערן, וואָס איך דערצייל דיר. קיין שלעכטס וועל איך דיר ניט דערציילן... אוי, דרייט מיר דאָס אויג, אַ ניכפּה! איז עפּעס דאָ אַ סימן, קלאַרא?

קלאַרא: ווער האָט עס אייך אַזוי צעבוטשערט?

ווילי: אַ פּאָליסמאַן מיט זיין קאַטשעלקע... ער האָט דאָך מיר געקענט אַרויסנעמען אַן אויג, אַ קלאָג צו אים! אָבער אויסגעפּירט האָט ווער? אַלץ איך און ברודער דזשעק קאַרל מאַרקס!... איך שטיי מיר ביים שאַפּ און וואַרט, איך זאָל קענען פּאַלמעסן אַ סקעב. קומט צולויפן צו מיר ברודער סיימאַנקע טראַסק און זאָגט מיר: „גיכער, ווילי, קום אין האָל! קנור, די סקעבישע נשמה, שרייט מען זאָל אויפגעבן דעם סטרייק!“. קומען מיר צולויפן אינעם האָל, מעשים טוען זיך דאָרטן! אַ טומל, אַ גוואַלד. די ברידער אַרבעטאָרער זיינען צעקאָכט. ברודער דזשעק קאַרל מאַרקס איז שוין הייזעריק פון שרייען, נאָר מען הערט אפילו ניט זיין „פּאָינט צו אָרדער“. דער טשערמאַן, ברודער גימפּלאָוויטש, פּאָלגט, וואָס דער סקעב, ברודער קנור, זאָגט אים. וואָס זשע טוט מיינער? פאַרקאַטשעט ער די אַרבל און אויפן קול הויך אַ געשריי: „שאַרעפּ, גרינהאָרנס! שאַרעפּ, פינצטערע מוחות! שאַרעפּ, סקעבישע נשמות!“ שרייט צו מיר ברודער קנור: „דו שאַרעפּ!“ און דער ברודער טשערמאַן האַלט מיט אים. אַז איך טו אַ געשריי: „ברודער מיסטער טשערמאַן, איך מאַך אַ פּאָינט צו דער אָרדער, אַז איר זייט אַ גאַט פאַרדאַמטער סקעב!“ שרייען די ברידער אַלע: „הורא!“ און פּאַטשן מיר. האָב איך דערנאָך געהאַלטן אַ רעדע, דו האָסט געדאַרפט הערן, די ניכפּה האָט זיי אַלעמען געכאַפּט! „ברידער אַרבעטאָרער, דאָס איז אַ יוניע, אַ סטרייק... אין רוסלאַנד האָט מען מורא צו זאָגן אַ וואָרט בעריל־לייבצע פּיאַווקע, מחמת ער

איז אַ ייד אַ נגיד, כאָטש ער איז אַ הונט און מען האָט אים געדאַרפט אויס־דרייעןביידע פיס... דאָ אָבער, אין אַמעריקע, וואָס איז אַ פרייע קאַנטרי, איז אַן אַרבעטאָרער אויך אַ מענטש, דאַרף ער פאַרשטיין וואָס יוניע איז, וואָס סטרייק איז, וואָס סקעב איז... זאָלן מיר סטרייקן, אַ ניכפּה אויף אייך! הערט ניט, וואָס קנור זאָגט אייך — איכ'ל אים ביידע פיס אויסדרייען! — הערט, וואָס דזשעק קאַרל מאַרקס זאָגט אייך! זייט איר חזירים אָדער יוניע־לייט? ענטפערט, אַ ניכפּה אויף אייך! ענטפערט, ממזרים, ענטפערט!"... איז געוואָרן אַ הורא, אַזש די ווענט האָבן געציטערט. מיט אַמאָל טוט אַ כאַפּ דער טשערמאַן דעם האַמער און בוכץ מיר אין פּלייצע! אַז מיינער טוט ניט אַ כאַפּ דעם טשערמאַן, ברודער גימפּלאָוויטש, און אַ הייב אין דער לופטן און אַ פּאַך מיט אים ברודער קנורן איבערן קאָפּ, אַז ער האָט גענומען סקאַוואוטשען, ווי אַמאָל דעם אוריאַדניקס הונט ביי אונדז אין שטעטל, ווען איך האָב אים די פיס אונטערגעהאַקט, און דזשעק קאַרל מאַרקס איז מסתמא אויך נישט געשטאַנען ליידיק, און סיימאַנקע טראַסק האָט אויך געאַרבעט. פון די בענק אַ תל געמאַכט, פון די שטולן אַ תל געמאַכט, ביז עס זיינען אָנגע־לאָפן פּאָליסלייט און איינער האָט מיר אַ קראַץ געטאָן מיט זיין קאַטשעלקע... אָבער אויסגעפירט האָבן מיר, ניט די סקעבישע נשמות!... פונדעסטוועגן האָט מען מיר געהייסן זיך אָפּטראָגן...

קלאַראַ: איר זייט שוין פאַרטיק? איצט גייט, איך האָב נאָך אייך נישט געבענקט...

ווילי: איך גלויב דיר ניט.

קלאַראַ: איר ווילט ניט אַוועקגיין? וועל איך אַוועקגיין.

ווילי: סעי, דו בלאָזסט זיך דאָך טאַקע אויף אַן אמת? פאַרוואָס?

קלאַראַ: איר זייט אַ בלאַפער; איך ליג אייך אפילו ניט אינעם זינען; איר האָט זיך נאָר געשפּילט מיט מיר... איך האָב ביי זיך באַשלאָסן, אַז אויס...

ווילי: וואָס אויס? וואָס רעדסטו? פע, אַזוי צו ריידן וואָלט געפּאַסט פאַר אַ גרינהאָרן, ניט פאַר אַן אַמעריקאַנער ליידי! איך האָב דיך ניט אינעם זינען, איך? וואָס מיינסטו עפּעס, אַז ביי מיר איז עס אַ שפּילכל? (שלעפּט אַרויס פונעם רעקל אַ קעסטעלע קאָנפעקטן). נאַ, שוין צוויי טעג, ווי איך האַלט עס פאַר דיר. קיין צייט אַלץ ניט געווען. קום שפּעט אַהיים, גיי אַוועק פרי, דיך ניט געקענט זען! נו, האָב איך דיך אינעם זינען?

קלאַראַ: איך בין אייך מוחל די קענדי... (נעמט ביי אים ס'קעסטעלע און וואַרפט עס אויפן טיש).

ווילי: אַזוי (שלעפּט אַרויס אַ קוויטאַנציע פון אַ קעשענע און ווייזט איר) און דאָס ביסטו מיר אויך מוחל?

קלאַראַ: וואָס איז דאָס?

ווילי: אַ רעסיט פון דעם גט... נעכטן אַוועקגעשיקט מיט אַ בריוו צו אונדזער מחותן דעם רב, אַז ער זאָל דאָס איר איבערגעבן. נו, האָ?...

קלאַראַ: (קוקט אויף אים מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. דאַן טוט זי זיך אַ וואַרף צו אים) ווילי!...

ווילי: נו, איז מײן ליבע אַ בלאָף, האַ?

קלאַרא: (לײדנשאַפטלעך) ווילי, ווילי! (קושט אים) איכ'ל משוגע ווערן פאַר גליק! בעד באַי, בעד באַי, פאַרוואָס האָסטו מיר עס גלײך ניט געזאָגט?

ווילי: צו פאַרנומען געוועזן מיטן סטרײק... מילא, אַבי געפּטרט. אַראָפּ אַזאַ שווערער באַרג פונעם קאָפּ!... (זיפצט)

קלאַרא: הײנט וואָס זיפצסטו, יו בעד באַי? דאַרפסט דאָך זײן צופרידן, דאַרפסט דאָך זײן גליקלעך, ווי איך?... ענדלעך באַפרײט זיך, באַפרײט זיך!...

ווילי: (זיפצט ווײטער) עס איז מיר אַזוי שווער געווען דאָס צו טאָן, אַקוראַט ווי איך וואָלט זיך געדאַרפט אַ צאָן אויסרײסן... וואָס? אײן צאָן? צען צײנער! און אפשר נאָך שווערער!... איך האָב זיך מיר אַלץ פאַרגעשטעלט, ווי זי קריגט דאָרטן דעם גט און ווײנט, און רײסט אויף זיך די האָר... זשיוועס, אַזאַ צער בעלי חיים אויף איר!...

קלאַרא: פאַרוואָס? זי האָט דאָרטן שוין דיך אוודאי פאַרגעסן... און ווידער — וואָלסטו דען געקאָנט איצט לעבן מיט אַ קלײנשטעטלדיקער גרינהאָרן?...

ווילי: אָט דאָס איז די מעשה!... איך האָב עס מיר טאַקע געטראַכט: אמת, אַ רחמנות אויף איר, זי וועט ווײנען, אָבער אויף מיר איז דאָך אויך אַ צער בעלי חיים. ווי וועל איך קאָנען וואוינען מיט איר? זי וועט מיך איצ־טער ניט פאַרשטײן! ביי איר אינעם מוח איז פינצטער; זי איז פרום ווי אַ שטעקן. זי וועט מיך דערזען אָן אַ באָרד, וועט זי קריעה רײסן. זי וועט זען, אַז איך דאַוון ניט, וועט זי מיר די יאָרן פאַרקלאָגן. זי וועט זען, אַז איך רויכער אום שבת, וועט זי פּלאַצן. נישט אַזוי?

קלאַרא: אַוודאי. איך האָב עס דיר שוין לאַנג געזאָגט...

ווילי: וואָלט זי כאָטש פאַראַיאָרן געקומען, ווען איך האָב איר גע־שריבן, זי זאָל קומען, וואָלט זי אפשר ביז איצטער זיך אויסגעגרינט; איך וואָלט זי אפשר אויפגעקלערט; זי האָט אָבער אַלץ אָפּגעלײגט, אָפּגעלײגט... בין איך שולדיק, זאָג אַלײן?...

קלאַרא: נאַרעניו, און אַז זי וואָלט געקומען, וואָלט זי דען געווען פאַר דיר דאָס ריכטיקע ווײב? וואָלט זי דען געקאָנט דיך ריכטיק ליב האָבן? וואָלסטו דען געקאָנט זיך ווײזן מיט איר צווישן לײטן? דײן ווײב דאַרף זײן גאָר אַן אַנדערע. זי דאַרף זײן פרײלעך, לעבעדיק; דאַרף קאָנען זינגען אַמאָל אַ סאָנג, דאַרף פאַרשטײן, ווי זיך אָנצוטאָן; דאַרף זײן אַן אויפגעקלערטע; דאַרף קאָנען מיט אַ מענטשן רײדן, ווען עס קומט אויס; דאַרף קאָנען דיך פאַרשטײן, און ליב האָבן דאַרף זי קאָנען, ליב האָבן אַזאַ פײערדיקן יונג ווי דו ביסט, אַזאַ זיסן, אַזאַ ליכטיקן, אַזאַ שטאַרקן, אַזאַ גיבור!... ווילי, דו ווײסט גאָר ניט, ווי איך קאָן ליב האָבן!...

ווילי: אָט דאָס וואָס איך טראַכט מיר: אין דער הײם איז זי טאַקע גע־ווען פאַר מיר דאָס בעסטע ווײב און איך האָב זי ליב געהאַט, ווײל מיר בײדע זײנען געווען גלײכע גרינהאָרנס... זי איז נאָך געווען מער גרינהאָרן פון

מיר... סטייטש, אַ גרינהאָרן! איך דערמאָן זיך: פאַרן אַוועקפאָרן זאָגט זי מיר אויפן אויער, אַז זי איז שוין... יו נאָו... מיין איך דאָך, אַז אָט־אָט עס קומט! פאַרזאָג איך איר נאָך: אַ ייִנגל, למען השם, אַ ייִנגל! אַ נעכטיקער טאָג, נישט קיין ייִנגל און נישט קיין מיידל. עס האָט זיך איר גאָר געחלומט!...

קלאַראַ: (צעלאַכט זיך) אוי, אַ קוני לעמל!... אַזוי אומוויסנד איז זי?...

ווילי: אָט אַזוי פינצטער איז ביי איר דאָרטן אינעם קאָפּ!... פונדעסט־וועגן איז דאָך אויף איר אַ צער בעלי חיים... אַ לעבעדיקער מענטש... אמת, אַ גרינהאָרן, אָבער אַ האַרץ האָט זי דאָך און ליב האָבן האָט זי מיך אויך ליב געהאַט... (טוט זיך אַ קלאַפּ אין האַרצן) אוי, אַ ניכפּה אויף מיר, איך האָב אַ צו וויך האַרץ! (ווישט זיך די אויגן)

קלאַראַ: דו וויינסט גאָר? וואָס דאַרפסטו וויינען? קאָנסט חרטה האָבן; איך האַלט דיך ניט צו.

ווילי: איך וויין ניט. נאָר עס קלעמט מיר דאָס האַרץ. די פּאָפּלעקציע וועט זי דאָך דאָרטן כאַפּן! אָבער בין איך שולדיק? ליבע איז דאָך ניט קיין דזשאָוק! ליבע איז לעבן און אָן לעבן איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט. אַז איך קאָן אָן דיר ניט לעבן. איך קאָן ניט. אַז דו וועסט מיר הייסן אַרויסשפּרינגען דורכן פענצטער, וועל איך דאָס טאָן. אַז דו וועסט מיר הייסן קריכן נאָכן טעלערל פון הימל, וועל איך קריכן!...

קלאַראַ: אויב אַזוי, הייס איך דיר ניט ריידן מער וועגן איר! איך וויל ניט, דו הערסט? עס קאָסט מיר געזונט!...

ווילי: נו גוט, איכ׳ל ניט ריידן. און אין דער אמתן, וואָס קען זי האָבן צו מיר, האַ? געלט האָב איך איר די גאַנצע צייט געשיקט. און ווען ניט דער סטרייק וואָלט איך איר איצטער געשיקט הונדערט דאָלאַר מיט איין מאָל. זאָל זי דאָרטן חתונה האָבן...

קלאַראַ: זי וועט דאָרט חתונה האָבן אָן דיין געלט. דו ביסט ניט קיין ראָטשילד...

ווילי: אַי, ווען איך וואָלט געווען ראָטשילד. איך וואָלט איר אַ גאַנצן מיליאָן געשיקט. איכ׳ל היינט פאַרזעצן מיין זייגער און קייט און איר אַוועק־שיקן דאָס געלט.

קלאַראַ: דו וועסט עס ניט טאָן. דו דאַרפסט זאָרגן פאַר זיך אַליין. דו פאַנגסט אָן אַ ניי לעבן, דאַרפסט האָבן אַ נייע ווירטשאַפט...

ווילי: דאָס וועל איך טאָן, דאָס מוז איך טאָן, ענד דאַט׳ס אָל, מער וועל איך וועגן איר ניט טראַכטן!

קלאַראַ: אָלרייט! הער זשע, ווילי, דאָס גאָלדן זייגערל דיינס מיטן גאָלדן קייטל וועל איך דיך ניט לאָזן פאַרזעצן; איך האָב פינף און צוואָנציק דאָלאַר, וועל איך דיר זיי געבן און שיק איר אַוועק, און פאַרגעס זי, אין גאַנצן פאַרגעס זי, דו הערסט?

ווילי: (מיט התפּעלות) דו גיסט פאַר איר פינף און צוואַנציק דאָלאַר? אוי, אַזאַ גוטינקע! דערפאַר וועל איך דיך נאָך טויזנט מאָל מער ליב האָבן!

(טוט זי אַ נעם אָן ביי דער טאַליע) דו קראַסאַוויצע מיינע! דו פּיקטשע פון אַ ליידי מיינע!

קלאַרא: אוי, אוי, ווילי, דו וועסט מיר איבערברעכן אַ ביין!...

ווילי: (לאָזט זי אָפּ) כאַ־כאַ־כאַ! אוי, דאַלע! אַט אַזוי אַ וואָלט איך דיך אַ נעם געטאָן אויף די הענט און וואָלט דיך צעבראָכן, דערשטיקט פאַר ליבע!...

קלאַרא: ווילדער! (לאַכט)

ווילי: (זעצט זיך אויף אַ שטול) קום, זעץ זיך צו מיר אויפן שויס. איצטער מעגסטו דאָך. באַלד וועסטו זיין אינגאַנצן מיינע!

קלאַרא: יאָ, יאָ, איצט מעג איך. פריער האָב איך ניט געטאָרט. איך בין אַן אַנשטענדיקע פרוי. דו וועסט מיר קיינמאָל ניט קאָנען אויפוואַרפן, אַז איך בין געווען אומאַנשטענדיק פאַר דער חתונה. פריער זיך געגט און דער־נאָך חתונה געהאַט, און ערשט דאַן... און ערשט דאַן... ווילי! (קושט אים)

ווילי: אוי, משוגענע, קוש ניט מיט די ציין...

קלאַרא: ווילי, איך פיל ווי צו טאַנצן, ווי צו שפּרינגען, ווי צו שרייען: „גוואַלד, ענדלעך!"... ער וועט קומען באַלד. ער איז אַוועק דינגען נייע רומס...

ווילי: וואָס הייסט?

קלאַרא: איך בין געווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַזוי בייז אויף דיר. איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט שוין קיינמאָל ניט גטן דיין ווייב, האָב איך אים גע־הייסן נעמען רומס דיר אויף צו להכעיס, און אַנטלויפן פון דאַנען! איצט אָבער, איצט... (שפּרינגט אַרונטער פון זיין שויס) אַ גט! אַ גט! איך האָב דיך פיינט, איך קען אויף דיר ניט קוקן! אַ גט! אַ גט, פאַרזעעניש דו!...

ווילי: (הייבט זיך אויף) קלאַראַ, דאַרפסט אים דערקלערן מיט גוטן; ער איז דאָך אויך אַ לעבעדיקער מענטש. גימפּל, צי מר. ריאַבטשיק — אָט ווי אַ ליידי רעד צו אים! — אַזוי און אַזוי... עס איז נאָ יוז. עס איז טאַקע ניט גוט, עס איז טאַקע אויף דיר אַ צער בעלי חיים, באַט אַז מען האָט ליב, איז פאַרפאַלן! ליבע איז לעבן און אָן לעבן איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט. אָט אַזוי רעד צו אים, ווי אַ ליידי רעד צו אים!...

קלאַרא: פאַרלאָז זיך אויף מיר, איכ'ל שוין וויסן, וואָס אים צו זאָגן...

ווילי: איך וויים, אַז דו ביסט אַ קלוגינקע. (בייגט זיך איין און הייבט אויף פון דר'ערד אַ שטיקל פון דעם צעריסענעם בילד) זע נאָר, מיין נאָז! וואָס איז דאָס?

קלאַרא: (צעמישט) איך... איך... ער האָט עס געטאָן! ער האָט גע־פונען דיין בילד, האָט ער עס צעריסן! (כאַפּט די איבעריקע שטיקלעך פון דר'ערד)

ווילי: אַ ניכפּה אויף אים! אויב אַזוי איז ער ניט קיין דזשענטלמען, נאָר אַן אינדיאַנער, און איך אַליין וועל מיט אים אַ רעד טאָן!

גימפּל קומט אַריין. דערזען ווילין מיט זיין ווייב, בלייבט ער שטיין אַ צעטומלטער.

גימפּל: (מורמלט) ער איז שוין ווידער דאָ? וואָסי, האָ? וואָסי, האָ?

ווילי: (צעמישט, פילט זיך ניט אָנגענעם) מיסטער ריאַבטשיק, הערט מיך אויס. געוויס, איך פאַרשטיי... קיין גרויסער מאכל איז דאָס נישט... מען האָט ליב אַ ווייב, און נאָך אַזאַ ווייב, אַזאַ פּיקטשע פון אַ ליידי. קיין גרויסער מאכל איז דאָס ניט. נישטאָ וואָס צו ריידן. אָבער, זשיוועס, מען דאַרף דאָך האָבן שכל אויך... זי האָט אייך ניט ליב. איז וואָס איז די יוז, האָ?

גימפּל: וואָסי? זי האָט אייך ליב, האָ? ניט דערלעבן וועט איר עסביידע ביי מיר! וואָסי, גזלן, וואָס האָט איר צו מיר? וואָסי? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך אייך געטאָן? זי האָט דאָך מיך שוין געשיקט נעמען רומס. איך האָב דאָך שוין די רומס גענומען. פינף דאָלאַר שוין איינגעצאָלט, מאָרגן צו מופן. די שוויגער איז דאָך דאָרטן געבליבן, וואַשן די פאָדלאָגעס... וואָסי?... פאַרוואָס האָט איר מיט אַמאָל ווידער דער קאַלטן פאַרדרייט? וואָסי? ווייל זי האָט אייך דערזען, איר פאַרפירער דערזען?... איכ׳ל דאָך אייך אַרעסטן, פאַרפירער! איבערן וואַסער וועל איך אייך פאַרשיקן!

בן ציון קומט אַריין אין דער דאָזיקער צייט אין זיין וואוינונג און טוט אויס זיין רעקל.

ווילי: אַרעסטן קענט איר מיך ניט. ביי אונדז איז אַלצדינג ווי ביי אַ דזשענטעלמען און לעידי.

גימפּל: אַ דזשענטעלמען זייט איר, אַ דזשענטעלמען? אוי, איכ׳ל אים דעם קאָפּ צעשפּאַלטן!

ווילי: פאַר די זאַכן האָב איך קיין מורא ניט. און צופיל זאָלט איר מיך ניט סטראַשען, וואָרעם פאַר מיין פּיקטשע פאַרדינט איר אויך איך זאָל אייך אויסדרייען אַ האַנט!...

בן ציון אין זיין צימער הערט זיך צו.

גימפּל: וועלכע פּיקטשע? וואָס פאַר אַ פּיקטשע?

קלאַראַ: (טוט זיך אַ כאַפּ) גימפּל, עס וועט דיר ניט העלפן. איצט איז אַלצדינג געענדיקט; איך האָב ליב ווילין!...

גימפּל: האָ? איצט זאָגסטו שוין דאָס אַליין, האָ? וואָסי, וואָסי? מכשפה, דו האָסט דאָך מיר פריער געזאָגט עפּעס אַנדערש? וואָסי?

קלאַראַ: פריער איז געווען עפּעס אַנדערש און איצט איז ווידער עפּעס אַנדערש. גימפּל, ווילי האָט צוליב מיר אָפּגעגט זיין ווייב...

גימפּל: וואָס? אוי, סאַראַ בלאָף! דאָס איז אַ בלאָף! קלאַראַ, איך ווייס, אַז דאָס איז אַ בלאָף. ער נאַרט דיך אָפּ!

ווילי: איך נאַר זי אָפּ? זשיוועס! (נעמט אַרויס די קוויטאַנציע פון קעשענע) אָט דאָ איז דער רעסיט פון דעם גט, וואָס איך האָב איר אָוועקגע־שיקט. ביי מיר איז ליבע ניט קיין בלאָף. ליבע איז לעבן און לעבן אָן ליבע איז קיין לעבן ניט, דו ענדערסטענד, גרינהאָרן?...

גימפּל: (צעטומלט) דער רעסיט פון גט? (טוט זיך אַ כאַפּ) וואו איז בענ־צע? וואו איז זיין ווייב? וואָס טוט זיך דאָ?

קלאַרא: גימפּל, גיב מיר אַ גט! מיט דיר וויל איך ניט לעבן און אָן ווילין קען איך ניט לעבן!

גימפּל: שווייג, וואָרעם איכ׳ל דיר די מיתה מאַכן! (טוט זיך אַ וואָרף צו איר)

ווילי: (טוט איס אַ כאַפּ) פאַמעלעך! קיין ליידי שלאָגט מען ניט!...

גימפּל: אַרויס פון מיין שטוב, איכ׳ל אייך אויך דערהרגענען!

ווילי: פאַמעלעך! איך טו אַ בלאָז אויף אייך, פליט איר ביי מיר אַרויס דורכן פענצטער!

גימפּל: (הילפלאָז) רבונו של עולם, פאַרוואָס האָב איך ניט דעם כוח פון שמשון הגבור, צי פון זשעפריסן, צי פון דזשאַנסאַנען, איך וואָלט דאָך פון אים געמאַכט אַ באַרג אַש! (צעוויינט זיך הילפלאָז)) וואָס האָט איר צו מיר, גזלן? וואָסי, וואָסי, האָב איך אייך אַמאָל שלעכטס געטאָן? האָט רחמנות איבער מיר, ווילי טייערינקער, נעמט ביי מיר ניט אַראָפּ דעם קאָפּ. לאָזט זי צורו, איך בעט אייך, גזלן, האָט רחמנות איבער מיר!...

ווילי: (גערירט) אוי, טראָבל! (זיפצט) אָט אַז איר רעדט אַזוי... אַז איר רעדט אַזוי... ווי אַ מענטש... ווערט מיר אויך ניט גוט אויפן האַרצן. עס איז טאַקע אויף אייך אַ צער בעלי חיים; אָבער, מיסטער ריאַבטשיק, האָט אַביסל שכל... אויף מיר איז דאָך אויך אַ צער בעלי חיים און אויף איר איז דאָך אויך אַ צער בעלי חיים... פאַרשטייט דאָך, מיסטער ריאַבטשיק! זשיוועס! איך רייד דאָך צו אייך, ווי אַ דזשענטעלמען!

גימפּל: טייערינקער, טאָ זייט זשע אַ דזשענטעלמען! (גייט צו צו אים און כאַפּט אים אָן פאַר אַ האַנט) האָט רחמנות, איכ׳ל משוגע ווערן!...

ווילי: נו, וואָס קאָן איך העלפן? אָן איר וועל איך ניט קענען לעבן!...

קלאַרא: יאָ, יאָ, מיר קענען ניט לעבן איינער אָן דעם אַנדערן!...

גימפּל: (פאַרצווייפלט) איך וועל אַרויפרופן אַ פּאָליסמאַן! וואָסי, גזלנים, וואָסי? אוי, (כאַפּט בייסן ביי ווילין אַ האַנט)

ווילי: אוי, מיין האַנט! אוי, ער האָט מיר די גאַנצע האַנט צעביסן! (כאַפּט זיך פאַר דער האַנט)

קלאַרא: ער איז משוגע געוואָרן!

גימפּל: מיט די הענט האָב איך קיין כוח ניט, וועל איך מיט די ציין, מיט די נעגל!...

ווילי: (כאַפּט אַ שטול) איך דערהרגע אים!...

גימפּל: (בייגט איין דעם קאָפּ) נאָ, דערהרגע מיך, אָבער אויף טויט, אויף טויט, וועסטו כאָטש קריגן די עלעקטריק טשער, גזלן!...

(בן ציון לויפט אַרויס פון זיין וואוינונג און דערשיינט באַלד ביי גימפּלען אין דער דירה)

בן ציון: וואָס איז דאָ? (ווילי לאָזט אַרונטער דעם שטול און ווייזט קלאַראַן די האַנט)

גימפּל: (טוט זיך אַ וואָרף צו אים) אָט זייט איר! (שטיל) איך האָב אייך געגעבן צושטייער אויף איר שיפסקאַרטע, איר האָט געזאָגט, אַז זי קומט היינט.

וואו איז זי, גזלן? מיינע בעט דאָך שוין אַ גט. ביי זיי איז דאָך שוין אויס רוחניות, נאָר גשמיות, די ריכטיקע הולטאַיסטוואָ. וואו איז זי?...

בן ציון: (שטיל) כיענקע איז אַוועק זי אַרונטערצונעמען...

גימפּל: האַ? (טוט אַ שפּרונג) אוי, מאַמעלעך מיינע, איך בין געראַטעוועט! (שטיל) איך בעט אייך, זאָגט נאָך דערווייליע גאָרנישט. זיי קענען נאָך אַנטלויפן. אַמעריקע איז גרויס!... (צווישן די ציין) דער רוח וועט אייך שוין כאַפּן, וואַרט! (מאַכט צו ווילין מיט קלאַראַן מיטן פויסט)

בן ציון: קום אַהער, ווילי, פאַר דיר איז עפּעס אָנגעקומען פון דער היים.

ווילי: פון דער היים? פאַר מיר?

בן ציון: יאָ, אַ בריוו פון דיין טאַטן.

ווילי: אַ בריוו פונעם טאַטן? וואו איז ער?

בן ציון: קום איכ'ל דיר געבן! (שלעפּט אים)

ווילי: קום! אַזאַ אינדיאַנער, בייסט זיך גאָר!... איך בין מיט אים ווי אַ דזשענטעלמען, רייד צו אים, גיב אים צו פאַרשטיין, און ער בייסט זיך גאָר!... אַ ניכפּה אויף אים! (אָפּ מיט בן ציון)

גימפּל: (שטעלט אויס אַ פייג זיין ווייב) דו זעסט? אָט דאָס וועסטו האָבן און ניט אים און ניט קיין גט! וואַרט, וואַרט, באַלד וועט דיר שוין פינצטער און ביטער ווערן! (זי לאַכט מיט גאַל) לאַך ניט, לאַך ניט, חצופה, מיט קרעמעניש וועסטו מיר לאַכן. איך בין דיין מאַן און דו וועסט בלייבן מיין ווייב! אפילו ווען דו וועסט אַ מיתה משונה איינגעמען, וועסטו זיין מיין ווייב!...

קלאַראַ: פאַרזעעניש דו, טויטע פגירה דו! מיט גוואַלד וועל איך דיין ווייב ניט זיין! בעסער שטאַרבן! בעסער זיך פאַרסמען!...

גימפּל: אָט מיר ווענן זען! (פאַרשליסט די טיר) וואַסי, דו האָסט מיך פיינט, האַ? און דאָך וועסטו מיך קושן! ווייל דו ווילסט ניט! פּלאַץ און קוש מיך! פּגר און קוש מיך! דו וועסט מיך קושן! אַז איך האָב דיך ליב, וועסטו מיך אויך ליב האָבן! (יאָגט זיך נאָך איר, זי לויפט אַריין אין דער טיר לינקס און פאַרשליסט זיך פון יענער זייט) פאַרשלאָסן זיך, האַ? פאַרשלאָסן זיך? וואַסי, דו מיינסט, אַז איכ'ל ניט קענען אויפברעכן דעם שלאָס, וואַסי, האַ? וואַסי? איכ'ל גיין נאָר קריגן אַ האַמער צי אַ האַק... (גייט צו צו דער טיר רעכטס, שליסט זי אָפּ און גייט אַרויס)

ווילי און בן ציון אַריין אין דער דירה לינקס.

ווילי: דו ביסט געווען אַ גרינהאָרן און געבליבן אַ גרינהאָרן! אַ רבס אַ זון מוז בלייבן אַ מלמד. איך קאָן מיר ניט העלפן, דער גט איז אַוועקגעשיקט און רייד גאָרניט!

בן ציון: זי האָט ניט געקראָגן דיין גט, ווייל זי איז דאָרטן ניטאָ...

ווילי: וואָס הייסט?

בן ציון: (נעמט אַרויס אַ בריוו פון בוזעם-קעשענע) נאָ, לייען דיין טאַטנס בריוו...

ווילי: ווען איז ער אָנגעקומען?

בן ציון: שוין אַ צוויי וואָכן...

ווילי: וואָס הייסט?

בן ציון: ביז היינט האָבן מיר אים געהאַלטן בסוד פון דיר...

ווילי: עפּעס אַן אומגליק? הינדעלע איז געשטאָרבן? ווי איז מיר!...

בן ציון: לייען.

ווילי: אוי, איך האָב מורא אים צו לייענען... דאָס האַרץ זאָגט מיר...

בן ציון: נו, אַז הינדעלע וואָלט געשטאָרבן, וואָלט דיך פאַרדראָסן?...

ווילי: וואָס הייסט, פאַרדראָסן? גרינהאָרן דו, זי איז דאָך מיין ווייב געווען... אַזאַ יונג קינד נאָך...

בן ציון: (לאַכט) נו, לייען.

ווילי: (לייענט) „צו מיין טייערן זון ווועלוועלע, זאָל לעבן אין נחת און אין גליק אמן סלה. ערשטנס שרייב איך דיר, אַז איך בין דאַנק גאָט, געזונט און אַז איך האָב מקבל געווען דיינע צען רובל מיטן בריוו, דאָס זעלבע פון דיר צו הערן. צווייטנס, שרייב איך דיר, אַז איך מיט הינדעלען פאָרן אַרויס מאָרגן איה״ש און איך פיר מיט זיך אַ בערעזעווען שטעקן. איך האָב געוואָלט מיט זיך נעמען אַ האַלאַבליע, צו פאַלקעווען דיר די ביינער, קאָן מען דאָס ניט איינפּאַקן. ווילדע בריאה, אַ קרענק דיר אין די ביינער, וואָס האָסטו זיך דאָרטן צעפּאַלאָשעט?״ (ברעכט זיך אונטער) וואָס איז דאָס?...

בן ציון: לייען, לייען ווייטער... זעסט דאָך. זי זיינען אַרויסגעפאָרן... מיר האָבן זיי געשיקט שיפסקאַרטעס...

ווילי: (צעטומלט) וואָס? זע נאַר וואָס די גרינהאָרנס האָבן דאָ אָפּגעטאָן!... (לייענט ווייטער) „הינדעלע וויסט נאָך גאָר ניט. אונדזער מחותן, דער רב זאָל לעבן, האָט געזאָגט, מען זאָל איר ניט דערציילן ביז זי וועט ניט קומען קיין אַמעריקע, ווארעם פאַר צער קאָן נאָך, חלילה, די פּאָפּלעקציע זי כאַפּן!״... (טוט אַ שמייץ דעם בריוו) אַזוי גאָר? נו, ווועלן מיר זען! גרינהאָרן דו, דו זעסט דיינע לאַנגע אויערן, אַזוי וועט איר מיך זען! איך אַנטלויף שוין!...

גימפּל לויפט אַריין.

גימפּל: (מיט התפעלות) מזל טוב, זיי זיינען שוין דאָ!...

ווילי: אַרויס, אינדיאַנער!

גימפּל עפנט די טיר, כדי אַרויסצולויפן, ס׳קומען אַריין כיענקע און הינטער איר קוליע מיט אַ פּאַק אויפן אַקסל און הינדעלע מיט אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ און מיט אַ פּאַטשיילע איבער די אַקסלען. גימפּל רוקט זיך הינטער־ווייעכץ. ווילי ווערט בלייך און קוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און אַן אָפענעם מויל אויף די גרינע.

בן ציון: שלום עליכם, שווער.

קוליע: בענצע, טאַטקעלע! (צעקושט זיך מיט אים)

בן ציון: און אייך אויך, הינדעלע, שלום עליכם.

הינדעלע: עליכם שלום, בענצע. קיין עין הרע ניט, ווי דו זעסט אויס! און וואו איז מיינער? (גימפּל טורקעט איר אין אַן אַקסל און וויזט אַן אויף ווילין. זי שטיל) וואָס? אַ פּריץ איז דאָ? איך זאָל ניט ריידן הויך?

קוליע: וואו איז די ווילדע בריאה? פארוואס זעט מען אים דא ניט?
כיענקע: ווילי, פארוואס גייסטו ניט צו צום טאטן?
ווילי: (צוגעגאנגען צעטומלט) וואס מאכסטו, טאטע?
הינדעלע: מאמעלעך מיינע, דאס איז דאך מיין וועלעוועלעס קול!
קוליע: הא?... (פויזע. קוקט אויף ווילין מיט אויסגעגלאצטע אויגן) וואו איז די יידישע צורה זיינע? ער זעט דאך אויס ווי אונדזער נייער אוריאדניק.
הינדעלע: טאקע ווי אונדזער נייער אוריאדניק...
קוליע: (מורמלט) אין זיין טאטן שעביטאטן אריין. איך האב גאר מורא זיך אנצוהייבן איצטער מיט אים! (טרעט אפ פון אים)
הינדעלע: אוי, קלאפט מיר אזוי אינעם הארצן, כיענקעלע... עפעס ווי גאר א פרעמדער מאן... ניט קיין יידישער... עפעס שעם איך זיך מיט אים צו קושן, און נאך פאר אן עולם מענטשן... פארוואס גייט ער ניט צו צו מיר? ער שעמט זיך אויך?...
גימפל: (צו הינדעלען) וואסי? וואסי? שעמט זיך ניט. מען שעמט זיך דא ניט צו קושן אפילו מיט א פרעמדן מאן!
קלארא דערשיינט און בלייבט שטיין פארוואונדערט.
כיענקע: מיסעס ריאבטשיק, איכ'ל אייך פארשטעלן: ווילים ווייב פון יוראפ!...
קלארא: הא? (בלייבט שטיין צעטומלט)
ווילי: (טוט זיך מיט אמאל א ריס פון זיין ארט) זשיוועס, וואס האבן זיי געטאן, די גרינהארנס! (צו הינדעלען) איך בין ניט שולדיק, הינדעלע... איך האב דאס ניט געוואלט, אבער דווקא, ווייל איך האב ניט געוואלט... איך קען ניט העלפן, הינדעלע. עס איז א צער־בעלי־חיים אויף דיר, אבער איך קען ניט העלפן... (אויפגעבראכט) גרינהארנס, פארוואס האט איר זי אראפגעבראכט, כדי איר צו פארצאפן דאס בלוט? איר ווייסט דאך! (טוט א כאפ קלאראן פאר אן ארעם) היר איז מאי לעידי, אי לאוו הער, טו די דעוויל, ענד דאטס אלל! מיר וועט מען ניט אנפייפן! גוד באי! (לויפט ארויס מיט קלאראן)
הינדעלע: וואס האט ער געשריען? וואוהין איז ער אנטלאפן? (טוט זיך א ווארף צו קוליען) שווער, איך האב עפעס מורא...
קוליע: עפעס געפעלט עס מיר אויך ניט... וואס טוט זיך דא?...
גימפל (צו בן ציון) אוי, שלעכט!
בן ציון: ביטער!
כיענקע: (טוט זיך א כאפ) ווען דאס זאל מיר אפילו קאסטן מיין לעבן!...

פארהאנג פונעם צווייטן אקט פאלט

דריטער אַקט

אַ חודש שפּעטער

די אייגענע צוויי שטיבער. אין דעם צימער רעכטס זיצט **הינדעלע.** זי טראָגט שוין די אייגענע האָר, אָבער איז נאָך היימיש געקליידט. זי צירעוועט אַ זאָק איבער אַ גלאָז און זינגט מיט שטיקנדיקע טרערן אינעם קול. אינעם צי־מער לינקס זיצט גיטל און לאַטעט אַ העמד. אויפן שויס ביי איר ליגט אַ בריוו. אַרום פינף פאַרנאַכט.

הינדעלע: (זינגט)

„וואָס איך האָב געוואָלט, האָב איך אויסגעפירט,
די קליפּה זאָל אַזוי לעבן;
איך האָב געוואָלט אַ שיין מאַנעלע,
האָט מיר גאָט געגעבן.
איך האָב געמיינט, אַז ער איז שוין מיין,
ווען איך האָב אים באַקומען;
איז געקומען אַ שיין קליפּהלע
און האָט אים צוגענומען!...“

(הייבט זיך אויף פונעם אָרט און אָפּ אַ ווייגענדיקע אין אַ זייטיקער טיר לינקס)

קלאַרא דערשיינט אין דעם צימער פון אַ זייטיקער טיר, קעמענדיק אי־רע האָר.

קלאַרא: האָסטו דער גרינער אָפּגעגעבן ווילים לעטער?

גיטל: ניין! איך האָב דאָך דיר געזאָגט: פאַר אַזוינע זאַכן דינג אַ גויה...

קלאַרא: אוי, מאַמע, פאָר צוריק קיין פילאַדעלפיע.

גיטל: גוט. דאָס קאָנסטו ביי מיר פועלן. פונמיינעטוועגן נאָך היינט. פאַר די פינף וואָכן, וואָס איך בין ביי דיר, האָב איך גענוג געזונט פאַרלאָרן, מיין טאָכטער.

קלאַרא: איך האָב נאָך דיר ניט געשיקט, דו ווייסט עס.

גיטל: איך ווייס עס. נאָך דיין מאַמען האָסטו ניט געבענקט.

קלאַרא: נאָך אַזאַ מאַמען קען מען ניט בענקען. דו ביסט מיר אַ שונא...

גיטל: אוודאי בין איך דיר אַ שונא, ווי דען? ווייל איך וויל, אַז דו זאָלסט זיין אַן אָרנטלעכע פרוי, בין איך דיר אַ שונא...

קלאַרא: (מיט כעס) איך בעט דיך, מאַמע, רעד ניט אַזוי! פאַרוואָס בין איך ניט קיין אָרנטלעכע, ווייל איך גט זיך מיט מיין מאַן?

גיטל: ווייל דו ווילסט אַוועקנעמען ביי אַ גרינער פרוי, נעבעך, איר מאַן.

קלאַרא: אַזוינע זאַכן פּאַסירן ביי די אָרנטלעכסטע פרויען. וואָס דען, ווילסטו, זאָל איך טאָן, ווען איך האָב ווילין ליב, האַ? אפשר ניט געגט זיך און אָן חתונה, האַ? אפשר דאַן וואָלט איך געווען אַן ארנטלעכע פרוי, האַ?

גיטל: טאָכטער מיינע, אַז מען קוקט ניט אויף ראובן דעם ווייסן, איז שמעון דער שוואַרצער אויך גוט, — זאָגט די וועלט אַ קלוג ווערטל.

קלאַרא: און איך קען ניט האַלטן די אויגן צוגעמאַכט כל זמן איך לעב.

גיטל: קלאַרא, מען גיסט ניט אַרויס דאָס אומריינע, איידער מען האָט אַריינגעקראָגן דאָס ריינע...

קלאַרא: אַך, לאָז מיך צופרידן מיט דיינע קלוגע ווערטער!

גיטל: בעסער איין קלוג וואָרט ווי אַ מכה אינעם האַרצן, מיין טאָכטער. דיין ווילי גט נאָך ניט זיין ווייב.

קלאַרא: הלואי בין איך אַזוי זיכער מיט גליק נאָך אונדזער חתונה, ווי איך בין זיכער, אַז ער וועט מיט מיר חתונה האָבן. אָט אין דעם לעטער שרייבט ער איר קלאָר וועגן גט...

גיטל: וואָס הייסט, ער שרייבט איר אַ לעטער? ער קאָן דאָך דאָס איר זאָגן? פאַר די פיר וואָכן, וואָס זי איז דאָ, וואָלט ער איר הונדערט מאָל דאָס געקענט זאָגן, ווען ער וואָלט באמת זי געוואָלט אָפּגטן...

קלאַרא: נו, וואָס זאָל מען טאָן, אַז ער איז אַ צו גוטער? ער דער־ציילט מיר, אַז שוין עטלעכע מאָל האָט ער איר דאָס געוואָלט זאָגן און האָט אַלץ קיין האַרץ ניט געהאַט.

גיטל: דאָס ווייזט, אַז ער האָט נאָך גאָט אין זיין האַרצן; אַז אים איז שווער צו באַגיין אַזאַ עוולה קעגן זיין ווייב, קעגן אַזאַ כשרער, אומשולדיקער נשמה...

קלאַרא: שוויג, מאַמע, שוויג! (טוט אַ שמיץ דעם קאָם אָן דרערד) צאַפּט מיר מיין בלוט, צאַפּט, צאַפּט!... אַזאַ כשרע אומשולדיקע נשמה, נעבעך!... דו ווייסט, פאַרוואָס מיין פּאַרזעניש שרייט שוין ניט מער, אַז ער וועט זיך מיט מיר ניט גטן, האַ? דו ווייסט, פאַרוואָס ער רעדט היינט, אַז ער וועט זיך יאָ גטן מיט מיר, האַ?...

גיטל: ווייל דו האָסט אים דערעסן ווי אַ ביטערע ציבעלע...

קלאַרא: ניין, ווייל ער האָט אויף איר אָן אויג געוואָרפן, אויף דער גרינער... אָט ווי אַ קאַץ אַ מויז האָט ער זי דערשמעקט. קומט פון דער אַר־בעט, און באַלד צו איר! און פוצן האָט ער זיך גענומען, דאָס פּאַרזעניש. דו האָסט דאָך געזען. נו, מאַמעניו? פאַרשטייסט שוין, פאַרוואָס גימפּל רעדט איצט וועגן גטן זיך?

גיטל: דאַרפסטו דאָך זיין צופרידן? דו ווילסט דאָך, אַז ער זאָל זיך גטן מיט דיר?

קלאַרא: אוודאי בין איך צופרידן. אָבער פאַרוואָס זאָלסטו זאָגן, אַז זי איז אַן אומשולדיקע נשמה? וועט אַן אומשולדיקע נשמה, אַ צנועה, האָבן צו טאָן מיט אַ פרעמדן מאַן? דערוויילע האָט ער זיך דאָך מיט מיר נאָך ניט געגט!

גיטל: און אז זי האָט זיך מיט איר מאַן ניט געגט, האָסטו איר עפּעס געקוקט אין די ציין אַריין? דו ביסט דאָך, ווי צו מיינע יאָרן, אוודאי אַ צנועה!

קלאַראַ: מאַמע, הער אויף! איך ווער צעפּלאַצט און זי שטעכט מיך!

גיטל: האָסט אַזאַ גוטן מאַן, ווי גימפּל. ער האָט געאַרבעט, געפּראַצעוועט פאַר דיר, אין די אויגן דיר אַריינגעקוקט, מיט אַמאָל, גזלנטע, נעמסטו און ווערסט משוגע!...

קלאַראַ: אין די אויגן מיר אַריינגעקוקט, האַ? אַ גרויסע זאַך איז עס ביי אַ מאַן, זעסטו דאָך! ערשט האָט ער ביי מיר געסקאַוואַטשעט, ווי אַ הינטל, ווען איך האָב אים בלויז דערמאָנט וועגן אַ גט, — און היינט, אין אַזאַ קורצער צייט, — עס געפעלט אים שוין אַן אַנדערע!... אָבער זאָל ער, איך האָב אים אין דר׳ערד! זאָג נאָר, מאַמע...

גיטל: וואָס, ווילסטו, זאָל איך דיר נאָך זאָגן?

קלאַראַ: איך האָב זי נאָך קיין איין מאָל ריכטיק ניט געזען. איינמאָל בין איך אַריין צו אים, געוואָלט זי ריכטיק אָנקוקן, האָט איר שוועגערין אויף מיר געעפנט אַ מויל, אַז איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט פון דאָרטן, ווי פון אַ פייער. זי איז אויף אַן אמת אַ שיין ווייבל, מאַמע?

גיטל: איך האָב דאָך דיר שוין ניט איינמאָל געזאָגט: ווי די ליכטיקע זון שיינט זי. עס איז אַן אמתער נחת אויף איר צו קוקן. האָר — אַ געדיכטער וואַלד — און אויגן, פאַראומערטע, נעבעך, אָבער גוטע, ווי ביי אַ טויב...

קלאַראַ: (פאַרטראַכט) דו מיינסט, מאַמע, אַז גימפּל... אָבער וואָס אַרט עס מיך? פאַרקערט, זאָל ער!... עס פאַרדריסט נאָר, פאַרוואָס מענער זאָלן זיין אַזעלכע כלבים... סטייטש, די נשמה׳לע איז דאָך אים ערשט אויס־געגאַנגען נאָך מיר, און מיט אַמאָל — נאַ דיר!...

גיטל: אַט־אַט־אַט, קוים געקומען צום שכל! אַ מאַנסביל טאָר מען ניט גלויבן. יעדער מאַנסביל איז אַ הולטאַי בטבע. דערזעט ער אַ פּרוי, קריכן אים אַרויס די אויגן. היינט געפעלסטו אים, מאָרגן אַן אַנדערע. טאָכטער מיינע, שפּיל זיך ניט מיט פייער!

קלאַראַ: איך וועל היינט צולויפן צו אים. ער מוז זיך גטן מיט איר נאָך די וואָך...

גיטל: לויף ניט צו אים, צרה מיינע. אין דער פרי, נאָך איידער ער איז אין שאַפּ אַוועק, צו אים געלאָפן, איצט ווידער? פאַרוואָס לויפט ער ניט צו דיר, אויב דו ביסט אים אַזוי טייער?...

קלאַראַ: איך בין אים טייער, טייער, טייער. געוויס בין איך אים טייער! ער האָט אָבער קיין צייט צו קומען צו מיר, ווייל ער איז ביזי. זינט דער סטרייק האָט זיך געענדיקט, אַרבעט ער שווער, ווייל ער וויל אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט פאַר איר. הונדערט דאָלער וויל ער איר געבן צום גט... (ברעכט זיך אונטער) שאַ, וואָס שריי איך? ער קומט דאָך היינט אַהער!... אַז דו צעמישסט מיר דעם קאָפּ מיט דיינע רייד און מיר דאַכט זיך דאָן, אַז איך פאַרליר אים שוין!... אוודאי קומט ער אַהער... ער וויל מיך היינט נעמען אין וואָלהאַלאַ

האָל, וואו באַראָנדעס וועט רעדן... (צעלאַכט זיך) אוי, וואָס פאַר אַ נאַר איך בין! אַפּנים, מאַמע, ווען עפּעס איז זייער טייער, האָט מען רק מורא, טאָמער פאַרלירט מען דאָס... (גיטל זיפצט) נו, זיפץ ניט, מאַמע, דו וועסט שוין זען אַז נאָך די וואָך וועט ער זיך מיט איר גטן. אַט אין דעם לעטער שרייבט ער וועגן דעם.

גיטל: אוי, ווי איז מיר, איז דאָך שוין ווידער גוט. אויב אַזוי, וואָס אַרט דיך, אַז דיין מאַן טראַכט וועגן יענער?

קלאַרא: כ׳ווייס? מסתמא, ווייל איך בין אַ גרויסער נאַר.

גיטל: קיין גרויסע הכמה ביסטו ניט, מיין טאָכטער. דו ווייסט אַליין ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט דו ביסט.

קלאַרא: אמת, מאַמע, צייטנווייז ווייס איך ניט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין!... (טוט זי אַ גלעט) אָבער גענוג, מאַמע! בעסער גיי און טראָג איר אַריין דעם לעטער...

גיטל: דאָס וועל איך ניט טאָן.

קלאַרא: נו ווייסטו וואָס? טו אַ קוק, אויב איר שוועגערין איז נישטאָ, וועל איך אַליין איר דעם לעטער אַריינטראָגן.

גיטל: הייבט זיך אויף און וואַרפט אַרונטער דעם בריוו פונעם שויס) נו, נו!... אַל רייט, איכ׳ל גיין זען... (אָפּ רעכטס. קלאַראַ הייבט אויף דעם בריוו פון דרערד און פאַרפּלעכט די האָר אין אַ צאָפּ. אין דעם צימער לינקס דערהערט זיך אַ קלאַפּן אין דער טיר. הינדעלע דערשיינט פון אַ זייטיקער טיר און הערט זיך צו צום קלאַפּן)

הינדעלע: קוימען! („קאַם אין!")

גיטל אַריין.

גיטל: איר זייט גאָר אַליין? וואו איז די שוועגערין?

הינדעלע: זי האָט מיר געקויפט אַ דרעש, ליגט די דרעש ניט גוט אויף מיר, האָט זי די דרעש אָפּגעטראָגן אין מאַגאַזין, פאַרריכטן. וועט, מסתמא, באַלד קומען.

גיטל: מען זאָגט, טייערינקע, אַ דרעס...

הינדעלע: יאָ, יאָ, אמת טאָקע, אַ דרעס. כיענע האָט עס מיר שוין אויך געזאָגט. עס איז אָבער שווער צו געדענקען. אַ שווערער לשון, נאָך שווערער ווי דער גויעשער... (חזרט פאַר זיך) אַ דרעס... אַ דרעס איז אַ פלאַטיע...

גיטל: איר וועט זיך שוין אויסגרינען, מיט גאָטס הילף, נאָך אַ יונגע פרוי...

הינדעלע: אַי, טייערינקע, איכ׳ל דאָ גרין און געל ווערן, אין אייער אַמעריקע. בעסער וואָלט איך דערטרונקען געוואָרן אויפן שיף, איידער איך האָב גאָר אייער אַמעריקע אָנגעזען... אַזאַ בראָך, ווער האָט זיך גערינכט אויף דעם? פאַרסט צו אַ מאַן, קוים וואָס דו דערלעבסט צו קומען. שוין צוויי יאָר אים ניט געזען. דאָס האַרץ צאַפּלט זיך: אָט־אָט וועסטו זיך זען מיט דיין וועלוועלען פנים אל פנים; אָט־אָט וועט זיין אַ סוף צו דער בענקעניש; ערשט קומסט צופאָרן — אַ בראָך, אַ חורבן! — דיין מאַן איז קיין מאַן ניט. ער גיט דיר

אפילו ניט אַפּ קיין שלום עליכם, רעדט ניט אויס מיט דיר אַ וואָרט און אַנטלויפט אין „פּראַטשקעס“... קרוינעלע מיינס, איר זייט דאָך אַזאַ טייערע יידענע, ווי קומט צו אייך אַזאַ טאָכטער? און ווי האָט מיט איר געקענט לעבן איר מאַן, אַזאַ פריינטלעכער און אַזאַ אָרענטלעכער?

גיטל: אַי, הינדעלע, זי איז ניט אַלע מאָל געווען אַזוי. ביז זי האָט דערקענט אייער מאַן, איז זי געווען אַן אָרנטלעכע יידישע טאָכטער. ער האָט זי אַראָפּגעפירט פונעם וועג.

הינדעלע: דאָס איז שוין ביי אים אַן אַלטע קרענק. פאַר אונדזער חתונה האָט ער זיך אויך אַרומגעשלעפּט מיט שיקסעס. איך האָב אים ניט געטאָרט לאָזן פאָרן אַליין. אַז מיר האָבן חתונה געהאַט, האָב איך ביי אים געהאַט די גאַנצע דעה; ער האָט גענומען פירן שטאַט; אפשר אַז איך וואָלט אים ניט גע־לאָזן פאָרן אָן מיר, וואָלט איך נאָך איצטער אויך געהאַט ביי אים די גאַנצע דעה. עס איז באַשערט געווען אַן אומגליק.

גיטל: הערט אויס, מיין טאָכטער וועט אייך באַלד אַריינטראָגן אַ בריוו פון אים. נעמט ניט דעם בריוו; זאָל ער אַליין קומען, אייך זאָגן, וואָס ער וויל...

הינדעלע: וואָס הייסט אַ בריוו? ער איז דען אַוועקגעפאָרן פון נעוו־יאָרק? אייערנעכטן איז ער דאָך דאָ געווען?

גיטל: ער איז דאָ, נאָר ער שרייבט אייך אַ בריוו... נעמט ניט צו און יוצא!... זאָל ער אַליין קומען און אייך זאָגן...

הינדעלע: ער וויל דאָך מיט מיר ניט רעדן, אַ וויטאָג איז מיר. ער איז דאָ עטלעכע מאָל געווען, האָט ער מיט מיר קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ווי נאָר ער דערזעט מיך, אַזוי גלייך קערט ער אָפּ דעם קאָפּ, אַזוי ווי פון אַ מלאך המות! בין איך דען שוין אַזוי מיאוס געוואָרן, אַז מען קען אויף מיר ניט קוקן? (צעוויינט זיך)

גיטל: אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי איר זייט שיין. און אַז ער וועט קומען, זאָגט אים, אַז איר וועט אים אַרעסטירן. דאָ איז אַמעריקע, איינגעזונקען זאָל ער ווערן!

הינדעלע: (טוט זיך אַ כאַפּ) אוי, זאָל גאָט היטן! שילט אים ניט! זאָל ער געזונט זיין, זאָל ער גליקלעך זיין, ער איז דאָך נאָך אַלץ מיר אַזוי טייער!...

גיטל: איך שיק אַריין צו אייך מיין מרשעת מיט זיין בריוו. איר זאָלט אָבער דעם בריוו ניט נעמען, איר הערט?

גיטל לויפט אַרויס און דערשיינט דערנאָך ביי איר טאָכטער אינעם צימער לינקס.

גיטל: קענסט צו איר אַריינגיין. זי איז אַליין.

קלאַראַ: אַליין? (אַפּ מיטן בריוו. באַלד דערהערט זיך איר קלאַפּן אין דער טיר רעכטס).

הינדעלע: קיימען! (גיטל פאַרשווינדט פון דעם צימער לינקס אין איינער פון די זייטיקע טירן)

קלאַראַ דערשיינט, קוקט זיך איין אין הינדעלען, וועלכע קוקט אויף איר. (אַ לאַנגע פּויזע)

קלאַרא: איר זייט די גרינע? איך האָב פאַר אייך אַ בריוו...

הינדעלע: דאָס זייט איר מיין וועלוועלעס פאָליובאָווניצע? מאָדנע, און איך האָב געמיינט, אַז איר זעט אויס גאָר אַנדערש...

קלאַרא: ווי, האָט איר געמיינט, זע איך אויס?...

הינדעלע: ווי אַ מכשפה...

קלאַרא: איר האָט זייער שלעכט געמיינט... אַיאָ, איך זע אויס, ווי אַ מענטש?

הינדעלע: וואונדער איך מיך טאַקע... איר זעט אויס, דאַכט זיך, ווי אַן אָרענטלעכע פרוי...

קלאַרא: איך בין אַזוי אָרענטלעך ווי אַלע אַנשטענדיקע פרויען. איר מיינט, אַז וויבאַלד ווילי ליבט מיך...

הינדעלע: איר מיינט מיין וועלוול?...

קלאַרא: איך מיין מיין ווילי...

הינדעלע: אייערער? ער האָט דאָך מיט אייך ניט חתונה געהאַט?

קלאַרא: וועט ער חתונה האָבן. אַ ווייב קען מיט גוואַלד ניט איינהאַלטן אַ מאַן, ווען ער האָט זי פיינט...

הינדעלע: וועלוועלע האָט מיך פיינט?

קלאַרא: אַלץ הייסט פיינט!

הינדעלע: טאַקע פיינט? (ציטערט) ער האָט עס אייך אַליין געזאָגט?...

קלאַרא: ניט איין מאָל. איר מיינט, אַז איך האָב געוואָלט ביי אייך אַוועקנעמען אייער מאַן? אָבער ער האָט מיך צורו ניט געלאָזט, געוויינט און געקלאָגט פאַר מיר: איך האָב זי פיינט, איך האָס זי, אַנקוקן קען איך זי ניט!... ווען זי וועט זיך מיט מיר ניט גטן און דו וועסט מיט מיר ניט חתונה האָבן, וועל איך זיך הענגען, שיסן, דערטרינקען!...

הינדעלע: (מיט אַ געוויין) אוי, געוואַלד, צערייסט מיר ניט מיין האַרץ! (פאַלט אויף אַ שטול לעבן טיש און וויינט. פלוצים טוט זי זיך אַ כאַפּ) איך גלויב אייך ניט! ער האָט עס אייך ניט געקענט זאָגן. און אויב ער האָט עס געזאָגט, האָט איר אים, מסתמא, אַנגעלערנט אַזוי צו זאָגן! איך קען מיין וועלוועלען, ער איז ניט אַזוי שלעכט. און פאַרוואָס? רבונו של עולם, פאַרוואָס? איך האָב אים דאָך קיין שלעכטס קיינמאָל ניט געטאָן, און ער האָט מיך דאָך אַזוי האָלט געהאַט! איר האָט עס אים אַנגעלערנט, איר!... וויי איז מיר, אַז איך וואָלט דאָ מיט אים געווען, וואָלט ער דאָך זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף אייך. אַן מיר איז אין דער היים ביי אים רעכט געווען אפילו אַ שיקסע און דאָ — אַ מכשפה מיט אַ געקראַכמאַלעטן פנים!...

קלאַרא: (צעלאַכט זיך) כאַ! כאַ! כאַ! מען קען שטאַרבן פון אַזאַ גרינ־האָרן! איר גרינהאָרן וואָס איר זייט, אויף וועמען קוקט ער זיך ניט אום — אויף מיר, אָדער אויף אייך? וויפיל מאָל האָט ער גערעדט צו אייך זינט איר זייט דאָ, האַ?...

הינדעלע: איר האָט עס אים אַנגעלערנט, איר! אפשר האָט איר אים עפּעס אונטערגעגעבן, מכשפה!

קלאַראַ: זייט ניט קיין נאַר. ער וויל אויף אייך ניט קוקן, ווייל ער האָט אייך פיינט און ליבט מיך, מיך!

הינדעלע: פאַרוואָס האָט ער מיך פיינט געקראָגן, פאַרוואָס? איז מיין פּנים, חלילה, געשטופּלט געוואָרן? צי בין איך בלינד געוואָרן? די הענט פאַר־לאָרן? די פיס פאַרלאָרן? אַ קאַליקע, חלילה, געוואָרן? פאַרוואָס? איך בין דאָך שענער פון אייך, מכשפה! (טוט זי אַ כאַפּ ביי דער האַנט) קומט אפילו צום שפּיגל און קוקט אַן זיך און מיך, וועט איר זען, וואָס פאַר אַן אויסגעשטער־קאַטורעוועטן פּנים איר האָט!

קלאַראַ: (טוט זיך אַ ריס פון איר) זייט ניט פּרעך! וואָס זאָגט מען צו אַזאַ גרינהאָרן! נעמט דעם בריוו, איך קען לעבן אייך ניט שטיין, שיף שמעקט נאָך פון אייך!...

הינדעלע: דעם בריוו וועל איך ניט נעמען, אייך און אים צו־להכעיס וועל איך ניט נעמען! איך האָב אים פיינט, ווי דעם ערגסטן שונא מיינעם, זאָגט עס אים, זאָגט עס אים, מכשפה, אָבער קיין גט וועל איך ביי אים ניט נעמען, אָט אייך ביידן צו־להכעיס!...

קלאַראַ: וואָס מיינט איר וועלן מיר טאָן? מיר וועלן ביידע אַנטלויפן און דאַן וועט איר אפילו ניט קענען חתונה האָבן מיט מיין פאַרזעעניש...

הינדעלע: אַנטלויפט, אַנטלויפט, איך פאַרגין אייך אַזאַ גליק! ער וועט נאָך פון אייך אויך אַנטלויפן, וואַרט! גאָט וועט אייך שוין באַצאָלן... אוי, ווי איז מיר! ווי האָט געקאָנט אַזאַ אָרענטלעכער מאַן, ווי אייערער, לעבן מיט אייך כאָטש איין טאָג!...

קלאַראַ: אַהאַ, ער ליגט אייך אין קאָפּ? אפילו איצט קענט איר אים ניט פאַרגעסן! וויפיל מענער ווילט איר, האַ? דעם וויל זי צוהאַלטן און יענעם ניט אָפּלאָזן! אַ צנועה, האַ? פונדעסטוועגן, כאָטש איר האַלט מיך פאַר אַ שונא, וועל איך אייך געבן אַן ערלעכע עצה: פאַר גימפּלען זאָלט איר זיך היטן, ער איז ניט קיין מאַן און ניט קיין מענטש... און אויב ער זאָגט אייך, אַז ער האָט אייך ליב, גלויבט אים ניט, דאָס איז ווי אַ הונט געבולן!...

כיענע, אין אַ הוט, אַריין מיט אַ שאַכטל אונטערן אָרעם.

כיענע: זי? וואָס טוט דאָ די אויסגעשטוקאַטורעוועטע פּאַצעצע? אַרויס!

קלאַראַ: (צעמישט) פונדעסטוועגן דאַרפט איר ניט האָבן אַזאַ חוצפה; איר קענט נאָך אַמאָל וועלן אַריינקומען צו אייער ברודער און איך זאָל אייך אויך ווייזן די טיר. טפוי! (טוט אַ וואָרף דעם בריוו אויפן טיש און אָפּ)

הינדעלע: אוי, כיענקעלע, אויף וועמען ער האָט מיך פאַרביטן! (אָפּ מיט אַ געוויין לינקס אין אַ זייטיקער טיר. כיענקע נאָך איר מיטן שאַכטל)

קלאַראַ דערשיינט אין איר וואוינונג. גיטל וויזט זיך פון דער טיר לינקס.

קלאַראַ: וואָס זאָגסטו, מאַמע? אַ צנועה, האַ? גימפּל געפעלט איר אויף אַן אמת. זי וואָלט וועלן ביידן האָבן. גאָר ניט קיין נאַרישע גרינהאָרן!...

גיטל: מיר געפעלט אויך גימפּל. איכ׳ל אַרונטערגיין אין גראָסערי נאָך אַ הערינג. ער קומט באַלד פון דער אַרבעט. (אָפּ רעכטס)

קלאַראַ: גאַר ניט קיין מיאוס ווייבל, אַ בראָך צו איר! (טוט אַ זיפץ און אָפּ לינקס)

כיענקע און הינדעלע דערשיינען אין דער טיר רעכטס פון אַ זייטיקער טיר.

כיענקע: וויין ניט, הינדעלע, אויפן ערגסטן פאַל וועסטו ניט פאַרלאָרן גיין דאָ אין אַמעריקע. יונגע פרויען קענען דאָ אַרבעטן. דו וועסט גאַנץ זיין. און מיר זיינען אויך דאָ...

הינדעלע: מיר וועלן דאָך ווערן פרעמדע, אויס נאָענטע מחותנים? אַז ער וועט מיך אָפּגטן, וואָס פאַר אַ מחותנתטע וועל איך מיט אייך דעמאָלט זיין?...

כיעינקע: דערווייל גט איר זיך נאָך ניט. ער קען זיך נאָך אָטשוכען פון זיין משוגעת. הינדעלע, איך זאָג דיר נאָך אַמאָל: ווען ער זאָל אויף אַן אמת וועלן זיך גטן, וואָלט ער אַנדערש גערעדט...

הינדעלע: ער רעדט דאָך גאָר נישט, ווי איז צו מיר!

כיענקע: אָט דאָס איז די מעשה, וואָס ער רעדט ניט. קומט אַהער אַן אַנגעבלאָזענער, טוט אַ בורטשע עפּעס אונטער דער נאָז און גייט אַוועק אַן אַנגעבלאָזענער... ווען ער וואָלט האָבן אין זינען זיך צו גטן מיט דיר, וואָלט ער ניט געבורטשעט אונטער דער נאָז; ער וואָלט גערעדט קלאָרע דבורים...

הינדעלע: רבונו של עולם, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשראָקן פאַר מיר. קום איך אַריין און טו אַ קוק אויף אים, בעת ער איז דאָ, קערט ער אָפּ באַלד דעם קאָפּ און אַנטלויפט. האָב איך אפשר געקראָגן דעם פּנים פון אַ סטראַ־שידלע, האַ, כיענקע?...

כיענקע: אפשר שעמט ער זיך פאַר דיר און דערפאַר אַנטלויפט ער, אַז ער דערזעט דיך...

הינדעלע: כיענקע, טייערינקע, פאַרוואָס רעדסטו ניט מיט אים אַמאָל אָפּן? זאָל ער רעדן קלאָרע ווערטער...

כיענקע: מיר האָבן גענוג גערעדט, סיי איך אַן סיי בענצע, און סיי דער טאַטע — קיין קלאָרע ווערטער קען מען פון אים ניט הערן, אַז ער איז משוגע... „וועלוול" — טענהט מען צו אים — „וואָס האָסטו צו הינדעלען?" ענטפערט ער אַנגעבלאָזן: „עס איז טאַקע אויף איר אַ צער בעלי חיים, אָבער אויף מיר איז אויך אַ צער בעלי חיים!..." זאָגט מען אים, „וועלוול, ווילי, וואו זיינען דיינע אויגן? סטייטש, ווי קאָנסטו גאָר אַ קוק טאָן אויף דער אויס־געשטוקאַטורעוועטער פּאַצעצע, ווען דו האָסט אַזאַ פּאַרשוין פאַר אַ ווייב?" בורטשעט ער: „אמת טאַקע, הינדעלע איז אַ שיין ווייבל, אָבער אין מיינע אויגן איז קלאַראַ אַ פּיקטשע פון אַ לײדי!..." צי ער ענטפערט גאָר מיט אַ גאַנצער רעדע וועגן ליבע און לעבן. היינט גיי רעד מיט אים!...

הינדעלע: אוי, ווי איז מיר! כיענקע, זי האָט אים עפּעס אונטערגע־געבן, אונטערגעגעבן... עפּעס אַ כשוף...

כיענקע: וואָס מיינסטו? עס קען גריילעך זיין. עס זיינען טאַקע דאָ אַזוינע, וואָס וואַרפן אויס אין קאָרטן און פאַרקויפן ליבע־פראַשקעס... כ׳ווייס? אפשר!...

הינדעלע: אָט־אָט־אָט, דאָס איז עס־אָ! ליובזע־פּראַשקעס!... כיענקעלע, מאַמעלע מיינע, ראַטעווע מיך! קום, דו ביסט דאָך אַן אַמעריקאַנערקע, וואו קריגט מען אָט די פּראַשקעס? אפשר וועל איך אויך קריגן פאַר מיין אומגליק! (מיט געוויין) ער איז דאָך מיר אַזוי טייער, ער איז דאָך מיר אַזוי איינגעבאַקן אינעם האַרצן, אַז איכ׳ל זיך גטן מיט אים, וועל איך דאָך מיין האַרץ מוזן אַרויסרייסן!...

כיענקע: מיר׳ן טאַקע מאָרגן צוגיין צו אַ קאָרטן־וואַרפער!... כ׳ווייס? מיר וועלן פּרובירן... (טוט אַ קוק אויפן בריוו, וואָס ליגט אויפן טיש) וואָס קען ער שרייבן אין זיין לעטער? ניין, מען דאַרף אים ניט עפענען. טאָמער קומט וועלוול צו אונדז, גיבן מיר אים אָפּ ניט געעפנטערהייט... קום, דו וועסט אָנמעסטן די דרעס...

הינדעלע: אַי, וועמען ליגט עס אין קאָפּ? בעסער וואָלסטו מיר געבראַכט תכריכים...

כיענקע: זיי ניט קיין נאַר. דאַרפסט זיך פוצן. אויפן ערגסטן פאַל דאַרפסטו אויסזען שיין... אָט דער נעקסט־דאָריקער, אָט דער מאַן פון דער פאַצעצע... דו האָסט באַמערקט, ווי דו געפעלסט אים?...

הינדעלע: וואָס מיינסטו?

כיענקע: דו האָסט באַמערקט, ווי ער קוקט אויף דיר?

הינדעלע: פאַרוואָס זאָל ער ניט קוקן? דו האָסט עפּעס באַמערקט שלעכטס ביי אים אין די אויגן?

כיענקע: שלעכטס גאָר? חלילה... פאַרקערט!...

הינדעלע: ער איז אַ גאַנץ אָרענטלעכער מאַן, אַזאַ פריינטלעכער... ער האָט, נעבעך, געגוג געליטן פון זיין מכשפה!...

כיענקע: אוי, אוי, אוי, ער וועט שוין קיין חיבוט הקבר ניט דאַרפן ליידן. דערפאַר געפעלסטו אים אַזוי... וואָס מיינסטו? אויפן ערגסטן פאַל וועט ער זיין דער בעסטער שידוך פאַר דיר!...

הינדעלע: (טוט זיך אַ כאַפּ) אוי, ווי איז צו מיר! כיענקע, וואָס רעדסטו? ווי קאָנסטו אַזוי רעדן? אוי, וואָס פאַר אַן אַמעריקע דאָ איז ביי אייך!

כיענקעלע: נאַרעלע, איך וויל נאָר זאָגן, אז אויפן ערגסטן פאַל וועסטו קריגן אַן אַנדערן, וועסט ניט פאַרלאָרן גיין! (ברעכט זיך אונטער) זאָל איך אפשר עפענען דעם בריוו? ניין! ניין!...

קוליע, אין אַ לייווענטענעם רעקל, אין אַ שטרויענעם הוט, מיט אַ פּאַק שליסלען איבער די אַקסלען — קומט אַריין.

קוליע: (אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פּאַק שליסלען) טפוי, אַ ניכפּה אויף אייך!

כיענקע: וואָס איז, טאַטע?

קוליע: מענטשן איז דאָ צו גוט; זיי ווייסן דאָ ניט פון קיין כוואַראַבעס, פון קיין אוריאַדניקעס און פון קיין וואַכערניקעס און פון קיין אַנדערע צרות; זיי פרעסן בולקעס אַלע טאָג און פלייש און פיש, און געמאַרינירטע הערינג; מאַכן גרינג דעם קערבל. נו, איז אַ חידוש, וואָס מען פאַרגעסט דאָ אין גאָט און וואָס מען האָט דאָ ניט קיין בושה און קיין חרפה? אַ מענטש מוז האָבן צרות, ווערט ער דעמאָלט וויסן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט!

הינדעלע: אוי, שווער, און מיר ווייזט זיך אויס פאַרקערט, אַז אַזעלכענע צרות ווי דאָ זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ!

קוליע: דו מיינסט דיין פעקל צרות? אָבער פאַרוואָס, טעכטערל, האָסטו דיין פעקל צרות, האַ? ווייל מען האָט דאָ אויף גאָט פאַרגעסן! און פאַרוואָסזשע האָט מען דאָ אויף גאָט פאַרגעסן, האַ? ווייל די מענטשן האָבן דאָ צופיל וואוילטאָג, אָט פאַרוואָס, מיין טאָכטער! דו געדענקסט ביי אונז אינעם שטעטל דעם בולאַנעם זשערעבעץ, וואָס אונדזער פריץ פאַרט אויף אים אַרויס? אַזוי איז ער, דאַכט זיך, אַ גוטער זשערעבעץ, אַ זשערעבעץ גאָר אַ לייט; נאָר אַז ער שטייט אָפּעט אַ וואָך צייט ביים פריץ אין שטאַל און מען פאַשעט אים און מען שטאָפּט אים מיט האָבער און מיט ברייע, דעמאָלט זאָל איין גאָט שומר ומציל זיין, וואָס פאַר אַ חיה רעה ער ווערט! בריקעט מיט די הינטערשטע פיס; שטעלט זיך אויף די פאָדערשטע פיס; שפרינגט פון די האָלאָבליעס, און דערזעט ער אַ קליאַטשע, איז גאָר סכנת נפשות!... אָט אַזוי־אַ זיינען די היגע מענטשן, להבדיל, סיי מיין אייגענער בנאָק און סיי די היגע ווייבער; אפילו איך אַליין וועל נאָך אויך באַלד, חלילה פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט! מיר איז צו גוט, אַ רוח אין מיין טאַטן אַריין, צו גוט איז מיר! טפוי!...

כיענקע: וואָס איז דיר אַזוי גוט, טאַטע? ראקפעלערן איז בעסער ווי דיר!

קוליע: קיינעם איז ניט בעסער ווי מיר, קיינעם ניט! וואָס פעלט מיר, האַ? שפּיל זיך אַרום און פאַרדין שטיקער גאָלד! היינט האָב איך צוויי קערבלעך פאַרדינט. נעכטן נאָך מער. איך אַרבעט עפּעס? איך גיי זיך אַרום איבער די גאַסן, קלאַפּ אין די טירן און קלייב פינף־סענטיקע, צען־סענטיקע... — שליסלען! שליסלען! — אָלרייט, מיסטער!... אָט דאָ אַ שליסל, דאָרטן אַ שליסל, אַ פּורקע אַהער, אַ פּורקע אַהין אין שליסל־לאָך, אַ פייל געטאָן דעם שליסל, און אהער, געזונט זאָלט איר מיר זיין, פינף סענט, צען סענט!... איז דאָס עפּעס אַן אַרבעט? איך שטיי דאָ עפּעס אין קוזניע און קלאַפּ מיר אַרויס מיטן האַמער דעם געזונט? היינט ווען האָב איך אויף מיין לעבן געגעסן אַזוי ווי איך עס איצטער? פלייש, בולקע, פלעצלעך אין מיטן וואָך — איז אָפּנים אַ חידוש, אַז מען קריגט דאָ צעלאָזענע מחשבות? (נעמט אַרונטער דעם שטרויענעם הוט פונעם קאָפּ) ביי אונדז אינעם שטעטל טראָגט ניט אַזאַ שליאָפּע דער פריץ און דאָ טראָגט אַזאַ שליאָפּע קוליע כריוק!...

כיענקע: פע, טאַטע, וואָס רופסטו זיך אַליין קוליע כריוק?...

קוליע: טאָכטער מיינע, איך בין אַ כריוק, דו ווייסט עס ניט, אָבער

איך ווייס עס. דעם גאַנצן טאָג פיל איך היינט, אַז איך בין אַ כריוק, אַ חזיר, אַ רוח אין מיין טאַטן אַריין! טפוי!...

הינדעלע: וואָס איז דער מער מיט אייך היינט, שווער?

קוליע: הינדעלע, היינט ערשט איז מיר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס דאָ איז אַזאַ הפקר וועלט. מענטשן האָבן דאָ קיין דאגות ניט, איז אַ כפרה דאַוונען, אַ כפרה תהילים זאָגן, אַ כפרה אַ באָרד, אַ כפרה דער יידישער פּנים, און די גאַנצע יידישקייט. אַז עס איז זיי אַזוי גוט, שפּרינגען זיי פון די האָלאָבליעס. ווי איך האָב געזאָגט, דער אויסגעפּאַשעטער בולאַנער זשערעבעץ. סיי די מאַנסביל און סיי די ווייבער, אַ ניכפה אויף זיי!...

הינדעלע: אפשר זייט איר גערעכט, שווער. ווען וועלוועלע וואָלט דאָ אַזוי פיל געלט ניט פאַרדינט, וואָלט געדאַרפט טראַכטן מער וועגן פּרנסה, וואָלט אים, קאָן זיין, די מכשפה דעמאָלט אינעם קאָפּ ניט געלעגן!

קוליע: אָט דאָס איז דאָך וואָס איך טענה! וועגן חיונה דאַרף מען ניט דאגהנען, שפּרינגט מען פון די האָלאָבליעס. מען באָדט זיך דאָ אין איין וואוילטאָג! ווען דאָ וואָלט נאָך געווען אַ ציגעלע, אַ ביימעלע, ווי אין דער היים; צי ווען די וואַנצן וואָלטן אַזוי ניט געביסן, וואָלט דאָך דאָ געווען טאָקע אַן אמתער גן־עדן, טאָקע אַן אמתער ארץ־ישראל!... צו גוט איז דאָ, קינדער־לעך, צו גוט, דעריבער האָט מען דאָ קיין בושה ניט... אײַ־אײַ־אײַ, סטייטש־סטייטש! (שאָקלט מיטן קאָפּ) וואָס איך האָב זיך היינט אָנגעזען! ווייבער זאָלן גאָר ניט האָבן קיין ברעקל בושה! טפוי!...

ביענקע: (צעלאַכט זיך) דעם טאַטן האָט היינט עפּעס געטראָפן! וואָס איז, טאַטע, וואָס איז?

קוליע: אַי, פע, מיאוס אפילו דאָס צו דערציילן! אין דער היים האָב איך עס אפילו ביי קיין שיקסעס ניט געזען, ביי קיין גויעס דאָס ניט געזען. איך האָב מורא, קינדערלעך, אַז... (טוט אַ מאַך מיט דער האַנט)

ביענקע: וואָס, טאַטע?

קוליע: אין דער היים איז עס מיר אפילו אין דער לינקער פּיאַטע ניט געלעגן. איך האָב שוין געמיינט, אַז איכ׳ל שטאַרבן אַן אַלמן... דאָ אָבער... ווי איך זע, וועל איך מוזן חתונה האָבן מיט עפּעס אַ לייטישער אלמנה... איכ׳ל נאָך, חלילה, אַראָפּגיין פונעם וועג אויף די עלטערע יאָרן, אַ רוח אין מיין טאַטן אַריין!...

ביענקע: כאַ! כאַ! כאַ!

הינדעלע: שווער, גאָט איז מיט אייך! איר רעדט דאָס אַזוי?

קוליע: דערפאַר זאָג איך דאָך, אַז איך פיל היינט דעם גאַנצן טאָג, אַז איך בין אַ כריוק, אַ חזיר!... הינדעלע, דו ווייסט גאָר ניט, ווי מענטשן האָבן דאָ פאַרלאָרן די בושה... איך פאַרדריי זיך מיר היינט אין דער גאַס, וואו די קאַר פאַרדרייט זיך, אָט דאָרטן, וואו דאָס גאָלדענע פישל הענגט... גיי איך מיר דאָרטן אַריין אין אַ מויער און קריך מיר אַזוי אַרויף אויף די טרעפּ, און קלאַפּ מיר אָן אין אַ טיר: „שליסלען!״ עפנט זיך די טיר, און אַ אישה רופט מיך אַריין. גיי איך אַריין, ווערט מיר פינצטער אין די אויגן: די אישה איז

האַלב־נאַקעט, אַן אַ קאַפּטע, מיט געזונטע הענט, אַט ווי אַ פּאָר קלעצער, און מיט אַן אָפענעם האַרצן. איך האָב אַזש די אויגן צוגעמאַכט. זאָג איך איר: „מישעסל, פאַרשעמט ניט אַ יידן, טוט עפּעס אָן אויף זיך!" זאָגט זי: „עס איז צו הייס, מיסטער!" טענה איך ווייטער: „איך בין דאָך אַ מאַנסביל, אַן עלטערער ייד!" זאָגט זי מיט אַ געלעכטער: „פאַר אַן עלטערן יידן איז נישטאָ זיך וואָס צו שעמען". נו, וואָס האָב איך געקענט טאָן? האָב איך די אויגן געעפנט, און זי האָט זיך אפילו אַ האָר ניט געשעמט! שפּעטער אין אַן אַנדער מויער — ווידער אַ חצופה! אַזוי היינט דעם גאַנצן טאָג, ווי דער שטן וואָלט זיך מיט מיר געררייצט: עלטערע, יונגע ווייבלעך, — פע, איך האָב זיך אַזש געשעמט אַריינגיין דאַווענען מנחה אין בית־מדרש הגדול. מחמת מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך בין אינגאַנצן טמא, אַ רוח אין מיין טאַטן אַריין!

כיענקע: כאַ! כאַ! כאַ!

הינדעלע: פע, אַ מיאוסע וועלט דאָ!

קוליע: סטייטש, אַ מיאוסע וועלט!... וואָלסטו זען, הינדעלע, ווי אָפּגעפרעסן זיי זיינען!... אַ קאַטאָוועס עסן בולקע, פליש, פלעצלעך אַלע טאָג און קיין דאגות האָט מען ניט... אויסגעטריקנט ווי אין דער היים זיינען זיי ניט... ווייסע, ווי אָקאַרשט־אַרויסגעפאַלענער שניי... טפוי, וואו איז מיין תהילים... (גייט צו צום קאָמאָד און נעמט אַרונטער אַ תהילים, זעצט זיך אויף אַ שטול און הייבט אָן צו זאָגן): „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב...

כיענקע: (שטיל) הינדעלע, אפשר עפענען דעם בריוו?...

הינדעלע: כ'ווייס? וואָס קען ער דאָרטן שרייבן?

כיענקע: דאָס טאַקע וואָלט איך אויך געוואָלט וויסן... אָבער מען דאַרף ניט!... האַ? צי עפענען? ניין, לאָמיר אים בעסער אָפּטאָן און ניט עפענען...

הינדעלע: וואָס קאָן ער דאָרטן שרייבן?

כיענקע: עס איז שווער איינצוהאַלטן זיך. (פּלוצים) אַה, לאָמיר זען, וואָס ער שרייבט! (כאַפּט דעם בריוו פונעם טיש, עפנט און לייענט): „פיל גע־ליבטע הינדעלע!" (ברעכט זיך אונטער) „פיל געליבטע!" — דו הערסט, הינדעלע? טאַטע, דו הערסט, וואָס וועלעוועלע שרייבט? ער האָט צוגעשיקט אַ בריוו...

קוליע הויבט זיך אויף און גייט־צו צו איר, אונטערברעכנדיק דאָס תהילים זאָגן.

הינדעלע: (אויפגערעגט) נו, נו, לייען, לייען ווייטער!...

כיענקע: (לייענט ווייטער) „איך שרייב דיר, פיל געליבטע הינדעלע, אַז איך ליב דיך ניט, איך קען דיך ניט ליבן, און עס איז נאָ יוז, היינט מאָרגן מוזסטו זיך מיט מיר גטן. דיין געליבטער מאַן ווילי."

הינדעלע: מאַמעלעך מיינע! (זינקט מיט אַ יאָמער אויף אַ שטול)

כיענקע: אוי, אַ בראָך צו זייביידן!

קוליע: אַט דאָס שרייבט ער?

כיענקע: דאָ איז נאָך עפּעס צוגעשריבן... (לייענט ווייטער) איך בעט דיך, פיל געליבטע הינדעלע, אַז דו זאָלסט ניט וויינען, וואָרים עס איז נאָ יוז, ביי מיר ווערט אויך דאָס האַרץ צעריסן!...״

הינדעלע: איכ׳ל דאָס ניט איבערלעבן!... (לויפט אַרויס מיט אַ פאַרשטיקטן געוויין לינקס)

קוליע: (טוט אַ שפּיי אויף די הענט) טפּוי, איך לויף גלייך צו אים, איכ׳ל אים מאַכן פאַר אַ קאַליקע! זאָל מען מיך בדאי אַריינזעצן אין אָסטראָג! (טוט זיך אַ וואָרף צו דער טיר)

כיענקע: טאַטע, טאַטע, וואַרט! (ער שטעלט זיך אָפּ) לויף ניט צו אים, מאַך אים ניט קיין סקאַנדאַלן, דאָ איז אַמעריקע.

קוליע: וואָס מיר אַמעריקע? איך פייף אויף דער אַמעריקע! ער וויל זיך דאָך אומגליקלעך מאַכן! נאַר טו־מאַך, וועט עפּעס העלפן? אין דער היים וואָלט איך מיט אַ האַלאַבליע פון אים די קליפּה אַרויסגעשלאָגן און דאָ איז דאָך קיין האַלאַבליעס אין גאַנצן ניטאָ!

כיענקע: די „נעקסט־דאָריקע״ האָט אים ריכטיק פאַרפירט!

קוליע: אַ קרענק איר אין די ביינער אַריין! ביי אונדז אינעם שטעטל וואָלט מען אַזאַ בחורטע מיט סמאָלע אויסגעשמירט פאַר אַזאַ מעשה, און דאָ וואוינט זי אין שכנות מיט לייטן, און שאַ! אפשר זאָל איך גאָר אַריינגיין צו דער קליפּה, בעטן, האַ? מיט גוטן וועל איך זי בעטן. איכ׳ל זי ניט זידלען, אַ שוואַרץ יאָר אויף איר קאָפּ! ראשית, האָב איך מיט איר נאָך קיינמאָל ניט גערעדט. איינמאָל זי געזען פון דער ווייטנס, בעת איך בין אויף אַ ווילע צו איר מאַמען אַריינגעגאַנגען, אויסרעדן אַ ביסל דאָס האַרץ... אַי, איר מאַמע איז אַ טייערע יידענע, אַ צדקניות!... דו הערסט, טאָכטער מיינע? אַ צער בעלי חיים, נעבעך, אויף איר! אַן אלמנה, איבערגעלאָזן אין פילאַדעלפיע אַ קרעמל אויף איר ייִנגסטער מיידל און איז געקומען אַהער שלום מאַכן. נו, מאַכט זי שלום, זעסט דאָך! אַ טייערע יידענע!... איז וואָס זאָגסטו, האַ? איז כדאי צו גיין זי בעטן, האַ?...

כיענקע: כ׳ווייס? איך גלויב ניט, אַז עס וועט עפּעס העלפן, וואָס טוט דאָרטן הינדעלע? (אָפּ לינקס)

קוליע: איכ׳ל פּרואוון! (אָפּ רעכטס. פּויזע. עס דערהערט זיך אַ קלאַפּן אין דער וואוינונג לינקס. קלאַראַ דערשיינט, איבערטוענדיק אַ קאַפּטל, איין אָרעם איז אָנגעטאָן, דער צווייטער נאַקעט, די ברוסט אָפן)

קלאַראַ: קאַם אין!

קוליע אַריין. דערזעט איר נאַקעטקייט, טוט ער זיך אַ כאַפּ און קערט אָפּ דעם קאָפּ.

קוליע: (קוקנדיק אַן אַ זייט) אַ גוטינקן אייך! (ווישט זיך מיטן אַרבל דעם שטערן)

קלאַראַ: (זייער פריינטלעך) זע נאָר וואָס פאַר אַ גאַסט, ווילים פּאָפּאַ! זיצט!... (טוט אַן שנעל די קאַפּטע)

קוליע: (נויגט זיך, קוקנדיק אַלץ אָן אַ זייט) אַ דאַנק! אַ דאַנק! אַ שיינעם דאַנק!...

קלאַרא: קומט, זעצט זיך. וואָס קוקט איר אַהין?

קוליע: (טוט אַ קער דעם קאָפּ צו איר, דערזעט, אַז זי האָט די קאָפּטע שוין אָנגעטאָן, זעצט ער זיך) האָט קיין פּאַריבל ניט. ביי מיר איז וואָס אויפן לונג דאָס אויף דער צונג... איז אַפּנים אַ חידוש, וואָס מיין ממזר איז משוגע געוואָרן פון אַזאַ מאַכינאַציע, האַ?...

קלאַרא: וואָס מיינט איר?

קוליע: כ׳מיין, האָט קיין פּאַריבל ניט... אָט דאָס, וואָס איר ווייזט זיך פאַר מאַנסביל, מיין איך, אַן חרפּה, אַן בושה... אַזאַ ווילדע בריה, ווי מיין ממזר. אַז ער דערזעט אַזאַ מין מאַכינאַציע, ווערט ער משוגע. רבונו של עולם, וואָס ווייזט איר דאַ אין אַמעריקע אייערע געזונטע, גראָבע ליטקעס? אַן על־טערן מענטשן קאָנט איר דאָך אויך, חלילה, איבערפירן!...

קלאַרא: איר זייט גערעכט. אָבער, גלויבט מיר, אַז איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר אייך. איך בין זייער אַ שעמעוודיקע... איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז מיין מאַמע, בין איך אַזוי אַרויס... גלויבט מיר, אַז איך וואָלט ניט געוועזן אַן אָרנטלעכע, כשר׳ע יידישע טאָכטער, וואָלט מיך אייער זון אַזוי ניט ליב געהאַט!...

קוליע: כזב ושקר! אפילו א שיקסע איז ביי מיין ממזר אויך אַ סחורה. איך קען אים ניט, וואָס?

קלאַרא: נו, מילא... וועט איר אפשר טרינקען טיי? איך האָב טייערע איינגעמאַכטס.

קוליע: איך וויל ניט...

קלאַרא: אפשר אַ גלעזעלע קאַרשן־בראַנדי? איך האָב נאָך פון פאַר־אַיאָרן. אייער ווילי האָט עס זייער ליב. איר ווילט?

קוליע: איך בין ניט געקומען צו אייך אויף כיבוד... הערט אויס: איך האָב צו אייך אַ פּראָסבע...

קלאַרא: וואָס מיינט איר אַ „פּראָסבע״?...

קוליע: איך מיין אַ פּראָסבע... אַ, איך האָב פאַרגעסן, אַז איר פאַר־שטייט ניט קיין גויאיש: אַ רומענישע זייט איר. אייער מאַמע פאַרשטייט אויך ניט קיין גויאיש. שטאָב טי סגאַריעלאַ, סטשערוואַ! שטאָב טי סדאָכלאַ! אָדין גלאַז דערעוויאַנני טעביע, דרוגאַי סטעקליאַנני, אַ וו׳קישקאַך — אַ בראַנד!...

קלאַרא: האַ?

קוליע: אָמן סלה, דאַי באָג!...

קלאַרא: וואָס רעדט איר? רעדט, איך זאָל אייך פאַרשטיין...

קוליע: איך בין געקומען אייך זאָגן, אַז עס איז דאַ אַ גאָט אויף דער וועלט, יושר, רחמנות... סטייטש, איר מאַכט דאָך אומגליקלעך אַ יידישע טאָכטער!

קלאַרא: איך בין ניט שולדיק.

קוליע: לאָזט מיין ממזר צורו! זאָל ער אין כּף הקלע גיין, די ווילדע בריאה, אַניט וועל איך אים אין דרערד אַריינשלאָגן!

קלאַרא: הערט־זשע אויס, איך וואָלט וועלן זיין פריינטלעך צו איך...

קוליע: נו, נו, אדרבה, אדרבה, זייט אַ גוטינקע, האָט רחמנות. אַ דוואַד־צאַט גאַדאָוואַיאַ כאַלעריע נאַ טעביאַ!...

קלאַרא: אויף וויליִן האָב איך רחמנות און ער איז מיר טייערער ווי די גאַנצע וועלט. אַי, אומזיסט אייערע רייד, איך האָב אים ליב און ער האָט מיך ליב, און געסעטלט!... (פלוצים) און איבערהויפּט פאַרשטיי איך ניט, וואָס וויל זי , די גרינהאָרן? גימפּל געפעלט דאָך איר!...

גיטל אַריין מיט אַ הערינג אין אַ פּאַפּיר.

קוליע: (הייבט זיך אויף) אַ גוטן איך! איך בין געקומען צו אייער טאָכטער, זי בעטן...

קלאַרא: ניטאָ וואָס צו בעטן און ניטאָ וואָס צו רעדן! (אָפּ לינקס)

קוליע: אַי־אַי־אַי! ווי קומט צו איך אַזאַ טאָכטער, גיטעלע, זאָלט איר מיר לעבן!

גיטל: איר זעט דאָך!

קוליע: מיין ממזר האָט דאָך איר אַריינגעשריבן אַ בריוו. ער וויל אַ גט, שרייבט ער.

גיטל: כ׳ווייס.

קוליע: נו?

גיטל: נו!

קוליע: אָט דאָס האָט מיר אין גאַנצן צעפּוטשעט דעם מוח! און איך האָב גערעכנט, גיין מיט איך היינט אַ ביסל שפּאַצירן איבערן בריק און אַ ביסל דורכשמועסן זיך...

גיטל: אַי, זאָלט איר מיר לעבן, ר׳ קוליע, לאָזט דאָס צורו, וועמען ליגן דאָס אַזעלכע נאַרישקייטן אינעם קאָפּ!...

קוליע: אמת, נאַרישקייטן. אָבער אַ ייד אַן אַלמן טאָר דאָ ניט לעבן אָן אַ ווייב; מען קען נאָך, חלילה, פונעם וועג אַראָפּגיין!...

גיטל: (צעלאַכט זיך) מיר דאַכט זיך, זאָלט איר מיר געזונט זיין, אַז איר זייט שוין פונעם וועג אַראָפּ! אָבער מיר וועלן נאָך וועגן דעם ענין רעדן. איכ׳ל גיין זען, וואָס הערט זיך מיט סאַפּער...

קוליע: איר זייט אַ טייערע באַלעבאָסטעטשקע, אַ טייערע יידענע. אַ גוטינקן איך! איכ׳ל אַראָפּגיין נעמען אַ שנאַפּס אינעם סאַלון פאַרן עסן (אָפּ רעכטס)

גיטל: (טוט אַ דריק מיט די אַקסלען) כ׳ווייס?...

גימפּל אַריין מיט צוויי שאַכטלען אונטער די פּאַכוועס.

גיטל: וואָס עפּעס היינט פריער?

גימפּל: וואָסי, עס לוינט איך ניט? (לייגט די שאַכטלען אויפן טיש)

גיטל: דו ביסט שוין אויף מיר אויך בייז?

גימפּל: וואָסי, וואָס האָב איך צו אייך? איר זייט ניט שולדיק. איך האָב היינט געאַרבעט אַ האַלבן טאָג, בין איך געגאַנגען זיך קויפן אַ נייעם סוט און אַ נייע העט...

גיטל: ווען דו וואָלסט זיך אַזוי פריער געפּראָנטעוועט פאַר דיין ווייב, קאָן זיין...

גימפּל: איך לאַך פון איר היטעלע! זי איז מיר ניט קיין ווייב מער. נאָך אַ טאָג, איכ'ל זיך מיט איר גטן, און אויס, האָסט געזען? אויספּראָנטעוועט זיך גאָר פאַר אַן אייגענער ווייב! וואָסי? איך דאַרף איר ערשט געפעלן, וואָסי?! אַ ווייב דאַרף ליב האָבן איר מאַן ווי ער איז אָנגעטאָן, אפילו ווען ער איז אינגאַנצן ניט אָנגעטאָן דאַרף זי אים ליב האָבן, אַניט — אַ גט, אַ גט, אַ גט!...

גיטל: גרייטן צום טיש?

גימפּל: איך האָב שוין געגעסן אין אַ רעסטאָראַן.

גיטל: היינט ווידער?

גימפּל: היינט און מאָרגן, און איבערמאָרגן, אַבי ניט זיצן ביי איין טיש מיט אייער טאָכטער. וואָסי? עס איז ניט ווערט, מיינט איר? וואָסי, עס איז מיר אַזאַ מאכל אָנצוקוקן זי, מיינט איר? ווי אַ שפּין האָב איך זי פיינט! נעמט אָט דאָס און טראָגט אַריין צו מיר אין בעד־רום. (אָפּ רעכטס)

גיטל: אוי, וויי איז מיר! (נעמט די שאַכטלען פונעם טיש און אָפּ לינקס)

הינדעלע און כיענקע דערשיינען אין דער טיר רעכטס.

הינדעלע: איך דאַרף קיין קליידער ניט, איך דאַרף גאָר נישט...

כיענקע: ביסט אַ נאַר! איך וויל זען, ווי דו וועסט אויסקוקן אין דער נייער דרעס און העט...

הינדעלע: אין זיינע אויגן וועל איך סיי־ווי־סיי אויסקוקן ווי אַ שוואַרץ־יאָר, אַז איך זאָל זיך אפילו אָנטאָן ווי אַ בת־מלכה!... (מען קלאַפּט אין טיר)

כיענקע: קאָם אין!

גימפּל קומט אַריין מיט אַ שמייכעלע.

גימפּל: העלאָ!

כיענקע: העלאָ, מיסטער ריאַבטשיק! שוין פון דער אַרבעט?

גימפּל: איך האָב היינט אַ האַלבן טאָג געאַרבעט. וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכט איר עפּעס, הינדעלע? (נעמט אַרויס פון אַ קעשענע אַ שאַכטל קאָנפעקטן) ליידיס, איך האָב עפּעס פאַר אייך...

כיענקע: עפּעס אַ גוטע זאַך?

גימפּל: קענדי, שאָקאָלאַד. (דערלאַנגט הינדעלען דאָס שאַכטל; זי נעמט ניט)

כיענקע: פאַרוואָס נעמסטו ניט, הינדעלע? (נעמט אַליין אַ קאָנפעקט) אַי, איר זייט דאָך עפּעס גאָר אַ ריכטיקער קאַוואַליער! טהענק יו!...

גימפּל: וואָסי, איר מיינט עפּעס, אַז איך בין אַ טשיפּ גאַי? נעווער מיינד, אַז איך וויל קען איך אפילו זיין אַ ספּאָרט! וואָסי, האָט זיך דען מיין בראָך אין מיר ניט פאַרליבט, ווייל איך בין געווען אַ ספּאָרט? איר ווערט

ערשט אַ קוק טאָן, ווי איך וועל ספּאָרטעווען, ווען איך וועל פון איר פּטור ווערן!

כיענקע: נעם, הינדעלע, אַ קענדי...

הינדעלע: איך וויל ניט.

גימפּל: נעמט אַ קענדי, איך האָב עס דאָך עקסטרע געבראַכט פאַר איך. (גייט צו צו איר) וואָסי? וואָסי? פאַרוואָס ניט? נו, מיר צוליב! (שטופּט זי ביים אָרעם) נעמט! נעמט!

הינדעלע: נו, מילא, אייך צוליב! (נעמט אַ קאָנפעקט)

כיענקע: טאָמער וואָלט זי שוין אייך צוליב אָנגעמאָסטן די נייע דרעס און העט אויך?...

גימפּל: אַ נייע דרעס האָט זי געקויפט און אַ נייע העט? טאַקע? נו, הינדעלע, מעסט עס טאַקע אָן. וואָסי, פאַרוואָס ניט?...

הינדעלע: לאָזט מיך צורו!

גימפּל: וואָסי, פאַרוואָס ניט, האָ, הינדעלע?

כיענקע: אַפּנים, זי וויל ניט אויסזען שיין... (שטעלט דאָס שאַכטל קאָנפעקטן אויפן טיש)

גימפּל: וואָסי, און אַזוי זעט זי ניט אויס שיין? וואָסי, האָט איר אַמאָל שוין געזען אַ שענערע פון איר?...

כיענקע: מיסטער ריאַבטשיק, איר דערווייל גיט איר דאָ קאָמפּלי־מענטן און איכ'ל גיין זען וואָס הערט זיך דאָרט מיטן סאַפּער. אַניט, חלילה, קען מיך נאָך מיין מאַן אויך אָפּגטן... (אָפּ לינקס)

גימפּל: (צו הינדעלען) דאגהט ניט, הינדעלע, איך בעט אייך, דאגהט ניט. פאָלגט מיך, לאַכט זיך אויס פון זיין היטעלע; ער איז אייך אסור ווערט! גט זיך מיט אים און... אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי איר וועט בעסער מאַכן!...

הינדעלע: אוי, מיין פריינט, גטן וועל איך זיך שוין מוזן... היינט — מאָרגן... ער האָט שוין מיר געלאָזט וויסן...

גימפּל: (טוט אַ שפּרונג) טאַקע? איר גט זיך? היינט? מאָרגן? אוי, הינדעלע, אַ גליק פאַר אייך, זאָלן מיר ביידע אַזוי לעבן! (טוט אַ כאַפּ פונעם טיש דאָס שאַכטל קאָנפעקטן) נעמט אַ קענדי! נעמט אַ קענדי! אפשר צו זיס? אפשר האָט איר ליב זויערע? איכ'ל אייך ברענגען זויערע! (שפּאַרט אַריין דאָס שאַכטל אין די הענט איר) אוי, איצט וועל איך עפּעס אויך קאָנען טאָן!...

בן ציון אַריין.

בן ציון: גוד איוונינג!

גימפּל: איר ווילט א גוטן סיגאַרעטל, בענצע? (כאַפּט אַרויס פון קעשענע אַ קעסטעלע) נעמט! (יענער נעמט) נעמט נאָך איינעם! נעמט נאָך איינעם! (שפּאַרט אים אַריין אין האַנט דאָס קעסטעלע סיגאַרעטן)

בן ציון: וואָס איז עס פאַר אַ גדולה אויף אייך, מיסטער ריאַבטשיק?

גימפּל: וואָסי, איר מיינט, אַז איך בין אַ שלעכטער? גוד ביי דערווייל! איך דאַרף עפּעס טאָן, איכ'ל שפּעטער קומען! (לויפט אַרויס)

בן ציון: משוגע!... (באַהאַלט דאָס קעסטעלע סיגאַרעטן אין אַ קעשענע.)

כיענקע דערשיינט.

כיענקע: בענצע! דו ווילסט דאָך עסן מסתמא? קום; דער טיש איז שוין געגרייט!

בן ציון: מיר וועלן וואַרטן אויף דיין טאַטן. ער שטייט דאָרטן אונטן און רעדט מיט דיין ברודער... (הינדעלע טוט אַ ציטער)

כיענקע: מיט וועלוועלען? וועלוועל איז דאָ?

בן ציון: ער קומט באַלד אַרויף אַהער... ער גייט אַרום ווי אין אַ טשאַד, ווייס ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז...

כיענקע: ער האָט דאָך אַריינגעשיקט אַ בריוו...

בן ציון: איך ווייס שוין... ער גייט אַהערצו... היינט, זאָגט ער, וועט ער שוין רעדן מיט הינדעלען!...

כיענקע: הינדעלע, קום, קום, טו אָן דיין נייע דרעס, דיין העט, זאָל ער זען, אַז דו ביסט מער פאַרשוין אינעם נאָגל ווי די אויסגעשקאַטורעוועטע פּאַצעצע אינגאַנצן!...

הינדעלע: אויב איך קען אים געפעלן זיין נאָר אין דער נייער דרעס און העט, זאָל ער זיך מיט מיר בעסער גטן. מיט דער דרעס און העט האָט ער ניט חתונה געהאַט און זיי האָבן אים אַזוי ניט האָלט געהאַט, ווי איך! (צעוויינט זיך)

גימפּל פליט אַריין אין דעם צימער רעכטס.

גימפּל: שוויגער! שוויגער!

גיטל דערשיינט פון לינקס.

גיטל: וואָס איז דער מער?

גימפּל: זאָגט אייער טאָכטער, אַז מיר גטן זיך היינט! איכ׳ל זיך נאָר איבערטאָן און לויף גלייך באַשטעלן אַ רב פאַר היינט ביינאַכט!

גיטל: וויי איז מיר!...

גימפּל: וואָסי? וואָסי? (אָפּ לינקס. גיטל נאָך אים)

(אין דער טיר רעכטס הערט זיך אַ קלאַפּן)

הינדעלע: (טוט אַ כאַפּ אָן כיענקען ביים אָרעם) אַפּנים ער! רעד דו צו אים, האָב רחמנות!

בן ציון: קאָם אין!

ווילי אויסגעפוצט, ווי געווײנלעך, מעשה פראַנט, קומט אַריין און בלייבט שטיין מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ.

כיענקע: וואָס זאָגסטו עפּעס ניט העלאָ, ווילי? מיר געפעלן דיר שוין אויך ניט? אפשר ווילסטו זיך מיט אונז אויך גט׳ן?

ווילי: (אונטער דער נאָז) העלאָ! מיר געפעלן אַלע, נאָר איך אַליין געפעל זיך ניט. אַז איך וואָלט געקאָנט זיך גטן מיט זיך אַליין, די ניכפּה זאָל מיך נעמען!

בן ציון: מיט דיין שכל האָסטו זיך שוין געגט, ווילי.

ווילי: אמת, אמת, בענצע. (זיפצט) איך שעם זיך פאַר זיך אַליין. גוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק אויף מיר? ווי פּאַסט דאָס פאַר אַ קעמפער אין די אַרבעטאַרער־רייען? ווי פּאַסט דאָס פאַר איינעם, וואָס ער איז אַ ריכטיקער יוניעמאַן און רעדט אַמאָל פאַר די אַרבעטאַרער אויך אויף די פאַרזאַמלונגען? יאַ, יאַ, איך שעם זיך, אַ קלאָג צו מיינע ביינער! (פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און זיפצט ווידער) איך קען זיך אָבער ניט העלפן, ווי איך וואָלט משוגע געוואָרן!...

הינדעלע: (פליסטערט צו כיענקען) כיענקע, מאַמעלע, זע וואָס פאַר אַ פאַרשוין ער איז, קיין עין־הרע, אַן אמתער מאַנאַרכע! ניט אומזיסט האָט אים די מכשפה אונטערגעגעבן! (ליידנשאַפטלעך) גאָטעניו, האַרציקער, מאַך אים מיאוס, אַז מען זאָל אויף אים קוקן ניט קענען! שיק אַן עפּעס אַ צרעת אָט אויף דעם ליכטיקן, שיינעם פּנים!...

כיענקע: (טוט זי אַ כאַפּ פאַר אַ האַנט) שטיל! הינדעלע, דו שילסט דאָס אַזוי?

הינדעלע: אָט ערשט פיל איך, וואָס פאַר אַ סם איז דאָרט ביי מיר אינעם האַרצן! עס ברענט דאָרט אַ העליש פייער! אוי, איך קען אים ניט זען, איך קען ניט, ווי איז צו מיר! (לויפט אָפּ לינקס)

כיענקע: (גייט צו צו ווילין) וואָס שטייסטו, ווילי? פאַרוואָס זיצסטו ניט?

ווילי: (אונטער דער נאָז) איך זיץ מיר געגנוג אין געהאַקטע וואונדן. (נעמט אַרויס אַ שאַכטל סיגאַרעטן, פאַררויכערט און דערלאַנגט בן ציונען דערנאָך דאָס שאַכטל סיגאַרעטן)

בן ציון: (נעמט אַ סיגאַרעט) זע נאַר, דו רויכערסט גאָר סקעב־סיגאַרעטן?

ווילי: (טוט זיך אַ כאַפּ) האַ? (טוט אַ קוק אויפן שאַכטל) אוי, טאַקע, סיגאַרעטן אָן אַ יוניאַן־לייבל! און איך האָב איינעם פון די סיגאַרעטן נאָך געגעבן ברודער דזשעק קאַרל מאַרקס, אַ קלאָג צו מיינע ביינער! (צערייסט דאָס שאַכטל מיט די סיגאַרעטן) אַז איך ווייס ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך גיי אַרום... איך ווייס ניט, וואָס איך טו... איך ווייס ניט, וואָס איך רעד... איך ווייס ניט, וואָס מען רעדט צו מיר... איך קום אין יוניע, שוויג איך, ניטאָ קיין חשק אפילו צו האַלטן אַ רעדע... די יוניע־ברידער וואונדערן זיך אַלע, וואָס איך בין מיטאַמאָל אַזוי שטיל געוואָרן אויף די מיטינגען... דער פאָרמאַן אינעם שאָפּ וואונדערט זיך, וואָס איך אַרבעט אַזוי „סלאָו". די מיסעס פון מיין לאָזשי פרעגט מיך אַלע טאָג, פאַרוואָס איך עס אַזוי ווייניק... פריער איז ביי מיר געווען אַ גאַנץ ברויטל מיט אַ הערינג, מיט אַ סטייק אויף איין צאָן, און איצט איז ביי מיר עסן און ניט־עסן אַלץ איינס!... אָט ווי אַ הון אַ קוואַקטוכע גיי איך מיר אַרום: קוואַק־קוואַק! קוואַק־קוואַק! איך ווייס ניט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין, אַ קלאָג צו מיינע ביינער!... (טוט אַ כאַפּ כיענקען) כיענקע, ביי דיר איז דאָך קלאָר דער קאָפּ, גיב אַן עצה!...

כיענקע: וואָס פאַר אַן עצה קען מען דיר געבן, אַז די אויסגעשקאַטורעוועטע פּאַצעצע האָט דיך משוגע געמאַכט!

ווילי: אמת, אמת, זי האָט מיך משוגע געמאַכט, איך האָב זי ליב. זי פאַרשטייט מיך אַזוי. זי האָט אַזאַ געזונטן פאַרשטאַנד. עס איז דאָך אַ פּלעזשור מיט איר צו פאַרברענגען. אַ ליידי, אַן אמתע ליידי, אַן אַמעריקאַנערקע, און אַזאַ פּיקטשע פון אַ ליידי!...

כיענקע: דו ביסט בלינד, ווילי. זי קעגן הינדעלען קוקט דאָך אויס, ווי אַן אויסגעשקאָטערעוועטע פּאַצעצע.

ווילי: אמת, הינדעלע איז טאַקע אויך זייער שיין. דאָס איז דאָך דער גאַנצער טראָבל מיינער! עס ציט מיך אי אַהער אי אַהין, אי צו דער אי צו יענער... איר הערט — דו, כיענקע, און דו, בענצע? — אַפּנים, אַז איך בין טאַקע משוגע! אין מיטן דערינגען הייבט מיך אָן צו צופּן און צו צופּן ביים האַרצן נאָך הינדעלען, אַז די כאָליערע כאַפּט מיך און גאַר! אַ קוק טאָן אויף איר, האַלטן איר האַנט, צי גאָר אַמאָל אַ קוש טאָן — זי איז דאָך מיין ווייב און צוויי יאָר זי ניט געזען, אַ קלאָג צו מיינע ביינער! קום איך אָבער אַהער — הייבט אָן מיך באַלד צו ציען נעקסט דאָר צו יענער, און סטאָפּ! ניטאָ קיין הינדעלע, איך אַנטלויף צו יענער!... נו, האַ?

בן ציון: כאַ! כאַ! כאַ! דו וואָלסט, הייסט עס, וועלן האָבן ביידע!...

כיענקע: משוגע!...

ווילי: דו לאַכסט, בענצע, האַ? אַ קלאָג צו מיינע ביינער, וואָס פאַר אַ געלעכטער דאָס איז! רבונו של עולם, וואָס איז עס פאַר אַ מין אומגליק! אין מיטן דער אַרבעט — צופּ! — אַהאַ, איך טראַכט וועגן הינדעלען! באַלד נאָך אַמאָל — צופּ! אַהאַ, איך טראַכט וועגן קלאַראַן!... ביינאַכט ליג איך מיר אינעם בעט. איך מאַך צו אַן אויג — אַהאַ, הינדעלען דערזע איך!.. איך מאַך צו דאָס אַנדערע אויג — אַהאַ! — קלאַראַ טאַנצט שוין פאַר מיר!...

בן ציון: כאַ! כאַ! כאַ!...

כיענקע: ווילי, ווילי, אַזאַ משוגענער ווי דו האָט געמעגט צו מאַכן ביידע אויגן!

ווילי: פון מיינעטוועגן! (זיפצט) זשיוועס!

בן ציון: דו ווייסט, וואָס דו זאָלסט טאָן?

ווילי: וואָס? אדרבה, גיב אַן עצה. דו האָסט דאָך אַ גוטן קאָפּ, אַ רבס אַ זון...

בן ציון: נעם די ביידע ווייבער און פאָר מיט זיי צום טערק, דאָרטן וועסטו קאָנען האָבן זיי ביידע!...

ווילי: אַי, הלוואַי וואָלט איך טאַקע געווען אַ טערק, וואָלט איך אַט דעם טראָבל ניט געהאַט!

בן ציון: דאַן וואָלסטו זיך מיט די צוויי ניט צופרידנגעשטעלט... (נעמט אַ צייטונג פון אַ קעשענע און לייענט)

כיענקע: מילא, דערווײַלע ביסטו ניט קיין טערק און מוזסט מאַכן אַ סוף. (פּלוצים) ענטפער מיר: ווען האָסטו פאַרט ליב, צי די שיינע הינדעלע, צי די אויסגעשקאָטערעוועטע פּאַצעצע?...

ווילי: דאָס וואָלט איך געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיר זאָגן!...

כיענקע: איך?!...

ווילי: דו, צי אַן אַנדערער, ווער עס איז מיט אַ קלאָרן קאָפּ... איך ווייס ניט... איך האָב ליב... קלאַראַן... איך האָב ליב... הינדעלען.. אַז איך ווייס אַליין ניט, אַ קלאָג צו מיינע ביינער!

כיענקע: וואָס ביסטו איצט געקומען אַהער?

ווילי: איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל היינט מאַכן אַ סוף..

כיענקע: וועמען?

ווילי: קלאַראַן...

כיענקע: ווילי, הער זיך איין אין דיינע אייגענע רייד. דו זאָגסט דאָך, אַז דו האָסט הינדעלען אויך ליב?...

ווילי: אוודאי. אָבער קלאַראַ פּאַסט מער פאַר מיר. הינדעלע וועט מיך שוין מער ניט קענען פאַרשטיין. איך בין ניט דער אַמאָליקער ווערלוול און זי איז אַ קליינשטעטלדיקע, אַ פרומע... (פּלוצים) נו, טאָקע נו, קלאַראַ איז דען ניט געראָטן? הינדעלע פּאַסט איצט צו מיר, ווי איך פּאַס צו זיין אַ מאַן פון אַ רביצין! יאָ, יאָ, מען מוז מאַכן אַ סוף. עס איז קיין תכלית ניט אַזוי אַרומצוגיין און ניט וויסן אויף וואָס פאַר אַ וועלט מען איז. איכ׳ל זי גטן, וועל איך שוין מער פון איר ניט טראַכטן. יעדן טאָג טענה איך דאָס צו מיר: „טראַכט ניט וועגן איר, ממזריוק, מאַך אַ סוף, האָב נאָר אינעם זינען קלאַראַן, אַ ניכפּה אויף דיר! הינ־דעלע וועט ניט קענען מער מיט דיר הויזן!"... יאָ, יאָ, אמת, אמת, זאָל זיין אַ סוף... איך וויל מיט איר רעדן, וואו איז זי?...

כיענקע: ווילי, געדענק, דו וועסט זיך דערנאָך רייסן די האָר אויפן קאָפּ! הינדעלע וועט זיך קריגן אַ בעסערן מאַן איידער דיך. עס איז שוין דאָ איינער, וואָס וואָלט פאַר איר זיין חיות אָפּגעגעבן...

ווילי: וואָס? איינער איז שוין דאָ... אָט באַלד גלויב איך דיר!...

כיענקע: יאָ, יאָ... דאָ, דאָ... אַ בעסערער איידער דו!...

ווילי: איז דאָך גוט, נו! וועט אויף איר ניט זיין מער קיין צער בעלי חיים!...

כיענקע: און די פּאַצעצע וועט זיך נאָך מיט דיר אָפּרעכענען פאַר הינ־דעלען אויך. זי האָט געהאַט אַן אָרענטלעכן מאַן, וואָס האָט אויף איר געאַרבעט, און זי האָט אים געוואָרפן, און דיך וועט זי אויך אַזוי וואַרפן, געדענק!...

ווילי: (אויפגערעגט) וועמען וועט זי וואַרפן? וואָס רעדסטו? מיך וואַרפט מען ניט! זי האָט מיך ליב. דו ווייסט ניט, וואָס ליבע איז. ליבע איז לעבן און אָן ליבע איז לעבן קיין לעבן ניט, דו פאַרשטייסט? אָבער זי איז אַן ערלעכע פרוי. מיר ליבן זיך אנשטענדיק, אָן שום שאַרלאַטאַנסטווע. און איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט אַזוי רעדן וועגן איר. אַי לאָוו האַר, טו דהי דעוויל, דו פאַר־שטייסט?...

כיענקע: אָל רייט! איך וועל מער מיט דיר ניט רעדן. מאַך אַ סוף און איך וויל דיך מער ניט קענען. אָבער גט זיך וואָס שנעלער, זאָל זי ניט ליידן. דו ווילסט מיט איר רעדן?...

ווילי: (אונטער דער נאָז) יאָ!

כיענקע: איכ׳ל דיר זי גלייך אַריינשיקן!... קום, בענצע, דערוויילע לאָז איך דיך הונגערן — דאָס וואָס איך האָב דערפון! קום, דו וועסט עסן; הינדעלע וועט שפּעטער עסן מיטן טאַטן... אָז אַך און וויי, נעבעך, צו איר, מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט זי וועט עס עסן! (אָפּ מיט בן ציונען)

ווילי זיפּצט. אין דער אייגענער צייט דערשיינט דאָרטן אין זיין וואוינונג גימפּעל, אָנגעטאָן אין אַ נייעס גאַרניטער און אין אַ נייעס שטרויענעם הוט.

גימפּעל: שוויגער, זאָגט איר, אַז איך גיי זוכן אַ רבֿ! (אָפּ רעכטס)

הינדעלע דערשיינט פון לינקס, שטעלט זיך אָפּ ניט דרייסט און קוקט אויף ווילין מיט אויגן, פול ליידן. ער דערזעט זי, לאָזט ער אַרונטער דעם קאָפּ.

הינדעלע: (שטיל) כיענקע האָט מיר געזאָגט... (קוקט אויף אים און לאָזט אַרונטער די אויגן)

ווילי: איך... איך... איך... (טוט אַ זיפּץ) דו האָסט געקראָגן דעם לעטער? איך מיין, דעם בריוו?...

הינדעלע: (מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן) געקראָגן...

ווילי: נו?... (ווידער אַ זיפּץ)

הינדעלע: נו? וואָס קען איך העלפן? זאָל זיין, אַז דאָס איז דיין שלום עליכם! נו, אַז דו האָסט מיך פיינט געקראָגן, זאָל זיין... נו!... (ווישט זיך די אויגן)

ווילי: איך האָב דיך ניט פיינט, זאָל איך קראַפּירן אויב איך האָב דיך פיינט! פאַרוואָס זאָל איך דיך פיינט האָבן? דו האָסט מיר עפּעס שלעכטס געטאָן, וואָס? אָבער, הינדעלע, איך רעד מיט דיר אָפן... מיר מוזן מאַכן אַ סוף... די גאַנצע צייט קלייב איך זיך דיר דאָס צו זאָגן, איך האָב אָבער אַלץ קיין האַרץ ניט געהאַט, היינט אָבער... מען מוז זיך דאָך אַמאָל מיט גוואַלד מאַכן האַרץ, ניט אַזוי?... הינדעלע, איך בין איצט אַן אַנדער וועלוול. איך בין ווילי, דו פאַרשטייסט? זעסט? אָן אַ באָרד. און איך דאַוון ניט. און איך עס מילכיקס און פליישיקס פון איין טעלער און דו ביסט אַ פרומע, און דו וועסט מיך ניט פאַרשטיין — דערפאַר זיינען מיר ניט קיין פּאָר! נעם אַ גט! איכ׳ל דיר נאָך געבן הונדערט דאָלאַר, און האָב דו חתונה מיט דיין גלייכן, און איכ׳ל חתונה האָבן מיט קלאַראַן. נו, וואָס זאָל איך טאָן? אָן איר קען איך ניט לעבן, כאָטש נעם און קראַפּיר!...

הינדעלע: (צעוויינט זיך) ווי איז מיר, אויף וועמען ער האָט מיך פאַרביטן! פאַרוואָס, וועלוועלע, פאַרוואָס? וואָס האָסטו אין איר אַזוינס דערזען? זי איז דאָך אַ מכשפה, דו וועסט דאָך ביי איר פאַרפינצטערט ווערן, ווי איר מאַן איז ביי איר פאַרפינצטערט געוואָרן! וואָלסטו מיך כאָטש פאַרביטן אויף אַ לייטישער פרוי, וואָלט מיר אַזוי ניט ווי געטאָן!

ווילי: זי איז אַ לייטישע פרוי. זי איז אַ ליידי. ווען דו זאָלסט וויסן, דשיוועס, ווי זי איז איינגעבאַקן מיר אינעם האַרצן! (קלאַפּט זיך אין ברוסט) עס איז נאָ יוז, איך קען אָן איר ניט לעבן! וואָרים ליבע איז לעבן, הינדעלע, און אָן ליבע איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט... איך האָב זיך ניט געוואָלט פאַרליבן, זאָל איך פּלאַצן, זאָל איך קראַפּירן אָט דאָ־אָ אויפן אָרט, אויב איך האָב

זיך געוואָלט פאַרליבן! זי איז מיר אָבער אַריינגעקראָכן אין די ביינער אָט דוקא, ווייל איך האָב ניט געוואָלט... זי איז דאָך אַזאַ לײדי, אַזאַ פּיקטשע פון אַ לײדי!... און אַזאַ אָרנטלעכע! זי פּגרט, דאַכט זיך, אַוועק נאָך מיר, פונדעסטוועגן קיין שאַרלאַטאַן לאָזט זי מיך ניט זיין. אַלץ אָרנטלעך, אַלץ אַנ־שטענדיק, ריכטיקע ליבע ווי צווישן אַ דזשענטעלמאַן און אַ לײדי! „ביז אונ־דזער חתונה זיי אַ דזשענטעלמאַן" — זאָגט זי — און איך בין טאַקע אַ דזשענ־טלמאַן, אַן אָרנטלעכער מענטש!...

הינדעלע: זייער אַן אָרנטלעכער מענטש ביסטו, ווײ צו מיינע יאָרן! ווען דו וואָלסט געווען אַן אָרנטלעכער מענטש, וואָלסטו איר די פּודרע פונעם פּנים אַראָפּגעוואַשן, די שקאַטורקע איר פונעם פּנים אַראָפּגעסקראַבעט, דע־מאָלט וואָלסטו ערשט דערזען, וואָס פאַר אַן אָפּגעקראָכענע מכשפה זי איז! פאַלשע האָר טראָגט זי דאָך, דיין פאַרשוין, פּרעג אַפילו ביענקען!...

ווילי: (מיט כעס) אָט ביענקען צו־להכעיס וועל איך זי ליב האָבן!

הינדעלע: (פּלוצים, ווישט אָפּ די אויגן) נו, גוט, גוט! האָב זי ליב, האָב חתונה מיט איר! ווען ווילסטו זיך גטן? היינט? מאָרגן? גוט, ביי מיר געפּועלט! איצטער ביסטו ביי מיר אויך טרפה ווי חזיר! (פאַלט צו מיט אַ געוויין) אוי, וואָלט מיך בעסער דער ים איינגעשלונגען!...

ווילי: (קוקט אויף איר מיט רחמנותדיקע אויגן, פּלוצים) הינדעלע, וויין ניט... דו ביסט נאָך מיר איצט אויך טייער!... (גייט צו צו איר און וויל זי אַרומנעמען)

הינדעלע: (טוט אים אַ שטויס פון זיך) אַוועק, ווילדע בריאה! ווי דער־וועגסטו זיך דאָס?!...

ווילי: (מורמלט) זאָל איך אַזוי לעבן, דו ביסט אַזוי שיין, אַז מען קען קראַפּירן! וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק אויף מיין קאָפּ, אַ קלאָג צו מיינע ביינער!...

הינדעלע: דו ביסט דער אייגענער שאַרלאַטאַן ווי פאַר אונדזער חתונה... מעגסט אַפילו זיין צען מאָל שיין ווי אַ מאָנאַרכע, האָב איך דיך פיינט שנאת מות! דוקא דיר צו־להכעיס האָב איך דיך פיינט! גיי, גיי, האָב חתונה מיט יענער, זי איז טאַקע דיין גלייכן... (מיט אַ יאָמער) רוצח, וואָס מוטשעסטו מיך! ווילסט מיך גטן, טאָ גיב מיר אַ גט וואָס גיכער און זאָל זיין אַ סוף!...

ווילי: אָל רייט, וואָס שרייסטו? אַ גט? אָל רייט, מאָרגן גטן מיר זיך!

קוליע אַריין פון רעכטס.

קוליע: נו?

הינדעלע: אייער זון האָט מיט מיר איצטער גערעדט... צום ערשטן מאָל זינט איך בין אין אַמעריקע און צום לעצטן מאָל, שווער... שווער, איר ווערט שוין מיר אויס שווער!... (אָפּ וויינענדיק)

קוליע: וולעוועלע! וועלוועלע, אַ בראַנד דיר אין די ביינער! (כאַפּט אַריין די פינגער אינעם מויל און בייסט) אוי, אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין, וואו איז אַ שטעקן? (כאַפּט אַ קאַטשעלקע, וואָס ליגט דערביי אויף אַ שטול)

ווילי: (רואיק) טאַטע, אַ טאַטע, פּאַוואָליע! דאָ איז אַמעריקע! (נעמט אַרויס דעם גאָלדענעם זייגער, עפנט אים און טוט אַ קוק)

קוליע: אָט, אַ פריץ, מיט אַ גאָלדענעם זייגער! נו, גיי שלאָג זיך מיט אים, נו, טפוי! (לייגט אַוועק צוריק די קאַטשעלקע אויפן שטול) אוי, ווי איז צו מיר!

ווילי: אַבי דו פאַרשטייסט... נו, אָפּגערעדט זיך, געמאַכט זיך הארץ, געזאָגט און אַ סוף! זאָג איר, אַז מאָרגן גטן מיר זיך! (אָפּ)

כיענקע אַריין.

כיענקע: קום עסן, טאַטע!...

קוליע: אוי, וועמען ליגט עסן אינעם קאָפּ! אוי, הינדעלע מיינע!... (אָפּ מיט כיענקען לינקס)

אַ קלאַפּן ביי קלאַראַן אין דער טיר. קלאַראַ דערשיינט, אויסגעפּוצט.

קלאַראַ: קאָם אין!

ווילי אַריין.

ווילי: גוד איוונינג! שוין אָנגעטאָן? אין אַ האַלב שעה גייען מיר.

קלאַראַ: געווען ביי איר?

ווילי: איך גיי דאָס פון איר. מאָרגן גטן מיר זיך.

קלאַראַ: (מיט פרייד) ענדלעך האָסטו מיך געפאָלגט! נו, אַ דאַנק גאָט! מיינער איז שוין אויך געלאָפן, באַשטעלן אַ רב!...

ווילי: איכ׳ל דיר זאָגן דעם אמת: איך וואָלט שוין וועלן, אַז עס זאָל זיין נאָך אונדזער חתונה. עס איז אַזוי שווער, קלאַראַ, צו בלייבן אַן אנשטענ־דיקער דזשענטלמאַן לעבן אַזאַ לידי, ווי דו ביסט. ווי לאַנג נאָך, האַ? מען איז דאָך ניט מער ווי אַ לעבעדיקער מענטש, ניט אַזוי?...

קלאַראַ: געוויס, ווילי, געוויס. גלויב מיר, אַז איך בין אויך אַ לעבעדי־קער מענטש, דערפאַר אָבער נאָך אונדזער חתונה!... (טוט אים אַ קוש) וועסט טרינקען אַ גלאָז טיי?

ווילי: איך וואָלט געטרונקען אַ ביסל פון דיין טשערי־ברענדי... גיב אַהער!...

קלאַראַ: מען דאַרף ניט. מיר דאַרפן דאָך באַלד ערגעץ גיין... קאָנסט זיך נאָך איינשיכורן און ווערן ווילד, ווי נעכטן...

ווילי: דאַרפסט ניט מורא האָבן. איך וויל נאָר אַ ביסל זיך פריילעכער מאַכן. אויפן האַרצן איז מיר אַזוי פאַרחזירט, זשיוועס!...

קלאַראַ: אָל רייט, איך גיב דיר גלייך; אָבער געדענק, ניט צופיל!... (אָפּ)

ווילי: (קראַצט דעם קאָפּ און זיפצט) ווער קאָן דאָס זיין יענער, וואָס לויפט הינדעלען נאָך?...

קלאַראַ מיט אַ פלאַש שנאַפּס און אַ גלעזל. שטעלט דאָס אויפן טיש.

קלאַראַ: קום צום טיש!

ווילי: אַז איך וואָלט ניט געדאַרפט היינט גיין מיט דיר, וואָלט איך זיך איינגעשיכורט... (זעצט זיך ביים טיש און גיסט זיך אָן דאָס גלעזל)

קלאַראַ: וואָס האָסטו געזאָגט דער גרינער?

ווילי: געזאָגט! (גיסט אָן און טרינקט אויס) איך האָב איר געזאָגט, וואָס מיר האָבן די גאַנצע צייט גערעדט, אַז זי פּאַסט ניט פאַר מיר... אַ שיין ווייבל, אַ קלאָג צו מיינעביינער! (טרינקט ווידער)

קלאַרא: ווער איז אַ שיין ווייבל?...

ווילי: (שיכורלעך) ווער? הינדעלע!...

קלאַרא: אַ גרויסע פּאַרשוין, עס שמעקט דאָך פון איר מיט שיף!

ווילי: ניין, אַ ליגן (טרינקט ווידער אויס) אַ ליגן; אַ שיין ווייבל! (טוט אַ קלאַפּ איבערן טיש) מען קאָן דאָך משוגע ווערן!...

קלאַרא: וואָס איז?

ווילי: אָן דיר קען איך ניט לעבן, מיט איר טאָר איך ניט לעבן; אַ קלאָג צו מיינע ביינער!...

קלאַרא: דו ביסט שוין שיכור!

ווילי: איך בין שיכור? איך? איכ׳ל אויסטרינקען די פלאַש און נאָך אַ פלאַש, און נאָך אַ פלאַש, און איכ׳ל ניט זיין שיכור!... (הייבט זיך אויף און גייט איבערן צימער מיט סאָלדאַטן־טריט) ראַז־דוואַ־טרי! ראַז־דוואַ־טרי! בין איך שיכור? זעסט, ווי איך האַלט זיך אויף די פיס? (טאַנצט אונטער אויף די פיס) בין איך שיכור, האַ? גיס מיר אָן נאָך אַ גלעזעלע!

קלאַרא: גענוג! איך וויל ניט, דו הערסט!

ווילי: נאָר איין גלעזעלע!...

קלאַרא: ווילי, איכ׳ל ווערן בייז!...

ווילי: נו, נו, זיי ניט בייז, אַ ניכפּה דיר אין האַרצן!... איך האָב דאָך דיך אַזוי ליב, אַ קלאָג צו דיינע ביינער! קראַפּירן זאָל איך פאַר דיר, זשיוועס!... דו ווייסט גאָר וואָס? איכ׳ל זיך נאָך מאַרגן מיט איר גטן — און מאָרגן נאָך ווען מיר שטעלן אַ שטילע חופּה, און אַ סוף... האַ?

קלאַרא: וואָס רעדסטו? מיינער דאַרף זיך דאָך נאָך מיט מיר גטן...

ווילי: היינט וואָס וואַרט ער, דיין פּגירה, אַ קלאָג צו זיינע ביינער! עס איז דאָך שוין מער קיין כוחות נישטאָ!...

גיטל אַריין, ווישנדיק מיטן פאַרטוך די אויגן.

קלאַרא: מאַמע, דו ביסט געקומען אַהער וויינען?... גיי אַריין אין צווייטן רום!...

ווילי: זי וויינט? וואָס איז דער מער, גיטל? זייט ניט בייז אויף מיר, זשיוועס, איר ווערט דאָך מיין שוויגער!...

גיטל: אַ גליק האָט מיך געכאַפּט... ווילי, אייער הינדעלע איז דאָך אַזאַ שיין, כשר ווייבל, וואו נעמט איר אַזאַ האַרץ?...

קלאַרא: מאַמע! אַרויס! וואָס ווילסטו? וואָס רעדסטו? גיי! גיי!

ווילי: קלאַרא, זיי אַ ליידי! אַ מאַמע איז אַ מאַמע! אמת, גיטל, הינדעלע איז טאַקע שיין.

קלאַרא: זעץ דיך, ווילי, זעץ זיך, זיי ניט משוגע!

ווילי: (זעצט זיך) איך בין ניט שיכור... אָבער הינדעלע איז אַ שיין ווייבל. דו ביסט אויך אַ פּיקטשע פון אַ ליידי און זי אויך... דו האָסט געהערט? זי האָט שוין איינעם. ער לויפט איר נאָך...

קלאַרא: אוודאי, דאָס איז אמת. גיב איר ניט קיין הונדערט דאָלאַר. גימפּל וועט מיט איר חתונה האָבן אַזוי אויך!

ווילי: גימפּל? וועלכער גימפּל?

קלאַרא: מיינער. ער איז דאָך אין איר פאַרליבט...

גיטל: (זעצנדיק זיך אין אַ ווינקעלע) אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי ער וועט בעסער מאַכן!

ווילי: (קוקט אויף איר מיט אויסגעגלאָצטע אויגן) גימפּל? אָט דיין פּגירה? ער וויל חתונה האָבן מיט הינדעלען? אַ קלאָג צו זיינע ביינער! כאַ! כאַ! כאַ! וואָס? איך האָב חתונה געהאַט מיט הינדעלען, אַז זי זאָל אָנקומען צו אַזאַ... איך טו דאָך אויף אים איין בלאָז, פליט ער דאָך ביי מיר אַוועק צום שוואַרץ יאָר!...

קלאַרא: אַ, דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט! (הייבט זיך אויף) איך טו אָן די העט און מיר גייען! (אָפּ לינקס)

ווילי: גיטל, איז דאָס טאַקע אמת? אייער איידעם וויל מיט איר חתונה האָבן?

גיטל: פאַרוואָס זאָל ער ניט וועלן? זי איז ניט אַזוי שיין ווי קלאַרא? (גייט צו צו אים) גאָט זיך איז אַ גרויסע זינד, און ניט איר און ניט מיין קלאַרא וועלן קאָנען גליקלעך לעבן; זי איז געוואוינט צו הערשעווען איבער איר מאַן און איר וועט זיך ניט לאָזן... געדענקט, איצט איז נאָך ניט צו שפּעט!...

ווילי: און הינדעלע האָט אים אויך ליב, אָט דעם פּגר?...

גיטל: הערט איר דאָך ניט, וואָס מען רעדט צו אייך!

ווילי: (הייבט זיך אויף) איכ'ל אים ביידע פּיס אויסדרייען!... (קראַצט זיך דעם קאָפּ) אוי, טראָבל!... (קוקט זיך אום) זי איז גאָר ניטאָ? וואָס טוט מען? גיטל, איז דאָס אמת, אַז אייער טאָכטער טראָגט פאַלשע האָר?... (גיטל טוט אַ מאַך אומגעדולדיק מיט אַ האַנט און גייט אַרויס, באַוויזט זיך דערנאָך פאַר כיענקעס טיר און קלאַפּט אָן. קוליע דערשיינט)

קוליע: קומט אַריין!

גיטל: וואו איז הינדעלע?

קוליע: טוט זיך דאָרטן אָן. כיענקע וויל מיט איר ערגעץ גיין, אַז זי זאָל דעם צער אַביסל פאַרגעסן. מיין ממזר האָט איר דאָך שוין געזאָגט. אויס!

גיטל: ער איז איצט דאָרטן, ביי מיין צרה... מיינער איז דאָך שוין אויך אַוועקגעלאָפן וועגן אַ גט!...

קוליע: נו?...

גיטל: נו!.. (ביידע אָפּ מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ לינקס)

קלאַרא דערשיינט מיט אַ הוט אין די הענט; ווילי שטייט דאָרט פאַרטראַכט.

קלאַרא: מירן גיין... וואָס שטייסטו אַזוי, ווילי?...

ווילי: האַ?... (קוקט זי אָן מיט שיכורע אויגן)

קלאַרא: דו זעסט דאָך אויס שיכור... אויף מיין וואָרט, איך האָב מורא מיט דיר צו גיין!... וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?...

ווילי: (גייט צו צו איר נעענטער און באַרירט אירע האָר) וואָס איז דאָרט ביי דיר פאַר אַ צעפּעלעך?...

קלאַרא: (איינפאַך) עס זעט זיך דען אַרויס? (נעמט אַרונטער אַ בינטל האָר פונעם קאָפּ)

ווילי: וואָס איז דאָס? עפּעס עקלעך פון מייז!... (פאַרקרימט דעם פּנים)

קלאַרא: אַלע טראָגן עס. דו זעסט עס דען דעם ערשטן מאָל? (טוט עס ווידער אַרויף אויפן קאָפּ)

ווילי: (מורמלט) אַ קלאָג צו מיינע ביינער!... (באַטראַכט זי פונעם קאָפּ ביז די פיס. פּלוצים): וואָס האָסטו אָנגעשאָטן אַזוי פיל פּודרע אויפן פּנים? איך שעם זיך מיט דיר צו גיין אַזוי!...

קלאַרא: ווילי! וואָס איז דאָס? קום, קום אַרויס אין דרויסן, וועסט זיך אויסניכטערן!... (ער זיפצט) וואָס זיפצסטו?...

ווילי: גאָר נישט... (קראַצט זיך דעם קאָפּ) איכ'ל אַריינגיין צו... צו... צום טאַטן... איך דאַרף אים עפּעס זאָגן...

קלאַרא: וועסט אים זאָגן מאָרגן... דו ווילסט דאָך, אַז איך זאָל גיין מיט דיר הערן באַראַנדעסן. קום, מיר וועלן פאַרשפּעטיקן...

ווילי: (גייט) אָט באַלד קום איך צוריק, און מיר גייען...

קלאַרא: וואַרט, ווילדער, אַנטלויף ניט, איך גיי אויך מיט דיר! (טוט אָן די הוט)

ווילי: וואָס וועסטו גיין אַהין? מען דאַרף ניט.

קלאַרא: וואָס האָב איך מורא? זאָלן זיי וויסן, אַז אויב זיי ווילן, דו זאָלסט צו זיי גיין, וועל איך אויך מוזן זיין ביי זיי אַ גוטער גאַסט...

ווילי: (טוט אַ זיפץ) וועל, טו וואָס דו ווילסט! (אָפּ מיט איר)

מען קלאַפּט ביי כיענקען אין דער טיר. קוליע און גיטל דערשיינען.

קוליע: קומט אַריין!

גימפּל, אָן אויסגעפּוצטער, פּליט אַריין.

גימפּל: (פאַרהאַוועט) שוין! באַשטעלט דעם גט אויף מאָרגן... איך מאַך מיר מאָרגן לכבוד דעם אַ יום־טוב, שוויגער. איר זאָגט דאָס אייער טאָכטער!...

גיטל: (מיט טרערן) זאָג איר אָן אַליין די גוטע בשורה!... (ווידער אַ קלאַפּן אין טיר)

קוליע: קומט, קומט, וואָס קלאַפּט איר דאָרטן?

ווילי און קלאַראַ, בלייבן שטיין לעבן טיר.

קוליע: אַ, דער ממזר מיט דער ממזרת האָבן דאָס געקלאַפּט?...

קלאַרא: (שטיל, אַ צופּ טוענדיק ווילין) זע נאָר אויף מיין פאַרזעע־ניש, ווי ער איז אויסגעפּוצט! אַ מכה זאָלסטו איר געבן, ניט קיין הונ־דערט דאָלאַר!...

ווילי: (קוקנדיק אויף גימפּלען, מורמלט אַרויס) **אַ קלאָג צו זיינע ביינער!** (גייט צו צו אים. פּלוצים): **וואָס טוסטו דאָ? גיי אַוועק פון דאַנען! זעסט אָט דאָס?** (ווייזט אים אַ פייג)

גימפּל: **וואָסי? וואָסי? וואָס ווילסטו נאָך?...**

ווילי: (שטיל) **קריך ניט צו פרעמדע ווייבער, איכ'ל דיר אַ פּוס אויסדרייען!**

גימפּל: **וואָסי? וואָסי? דו מיינסט קלאַראַן? איך קריך ניט צו איר, זי בלאָפט דיר! טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, מאָרגן גט איך זי אָפּ, און ווערג זיך מיט איר!**

הינדעלע, אין אַ נייער קלייד און הוט און כיענקע, אויך אין אַ הוט, און בן ציון קומען אַריין. ווילי עפּנט אַזש דעם מויל, ווען ער דערזעט הינדעלען אַן אויסגעפּוצטע...

ווילי: (מורמלט) **דאָס איז זי? מאַמע מיינע, וואָס פאַר אַ פּיקטשע! און אַן בלאָפס!...**

כיענקע: **וואָס טוען זיי דאָ? גימפּל, גוט וואָס איר זייט דאָ. איך און הינדעלע גייען האָבן אַ „גוד־טיים", קומט אויך מיט אונז.**

גימפּל: **מיט פּלעזשור. איך „טריט" היינט.** (גייט צו צו הינדעלען)

ווילי: (גייט צו צו אים און נעמט אים אַן אַ זייט) **איך האָב דאָך דיר עפּעס געזאָגט! וויפיל לעבנס האָסטו, האָ?**

גימפּל: (פאַרוואונדערט) **וואָסי? וואָסי? וואָס איז דער מער?**

ווילי: **קריך ניט צו פרעמדע ווייבער! מאַך מיך ניט משוגע, דו קאַקרוטש!**

גימממפּל: **צו וועלכע פרעמדע ווייבער קריך איך? דו האָסט נאָך טענות?**

קלאַראַ: **ווילי, עס ווערט שוין שפּעט. קום!**

גימפּל: **גיי, גיי, די כלבטע מיינע רופט דיך!**

ווילי: **איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, דו קאַקרוטש, קריך ניט צו הינדעלען, גיי ניט מיט איר. וואָס פאַר אַ מחותן ביסטו מיט איר?**

גימפּל: **האָ? אוי, קינדערלעך, הערט נאָר, וואָס ער וויל — איך זאָל מיט הינדעלען ניט גיין!** (קלאַראַ ווערט צעטומלט, כיענקע טוט אַ צופּ איר מאַן מיט אַ גנבישן שמייכל) **איך לאָך פון דיין היטעלע, ווילי! וואָסי, די גאַנצע וועלט ווייבער וואָלסטו געוואָלט האָבן? איינע האָסטו ביי מיר אָפּגענומען, ווילסט ביי מיר די אַנדערע אויך אָפּנעמען, וואָסי?...**

ווילי: **הינדעלע איז מיין ווייב!** (הינדעלע קוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן און אַטעמט שווער; קלאַראַ איז בלייך און קלאַמערט זיך מיט אַ האַנט אָן דער טיר; כיענקע און בן ציון שטויסן זיך מיט די עלנבויגנס; גיטל צופּט קוליען ביי דער פּאָלע)

גימפּל: **דודקעס, ברודער, דודקעס! קלאַראַ וועט זיין דיין ווייב און ניט הינדעלע! וואָסי?**

ווילי: **הינדעלע!**

גימפל: **און איך זאָג: קלאַראַ! וואַסי? וואַסי?**

ווילי: (טוט זיך אַ וואָרף צו הינדעלען) **הינדעלע, איך בעט דיך, וואָס פאַר אַ מחותנתטע ביסטו מיטן קאַקרוטש?...**

כיענקע: (לויפט צו צו זיי) **גיי, גיי, צו דיין פאַצעצע! הינדעלע וויל דיך ניט קענען. קומט, גימפל!** (שלעפּט אַרויס מיט גוואַלד הינדעלען, וועלכע איז צעטומלט, און גימפּלען)

ווילי בלייבט שטיין אַ פאַרצווייפלטער. קלאַראַ גייט צו צו אים.

קלאַראַ: **ווילי!** (וויל אָננעמען אים פאַר אַן אָרעם)

ווילי: (טוט זי אַ שטופּ פון זיך) **אַוועק, מכשפה, איך קען דיך ניט אָנזען!** (לויפט אַרויס, די איבעריקע קוקן זיך איבער. **קלאַראַ** איז צעטומלט)

(פאָרהאַנג פונעם דריטן אַקט)

פערטער אַקט

די אייגענע צווי צימערן אויף מאָרגן מיטאָג צייט. קוליע, גיטל, **בן ציון** און **כיענקע** זיצן אַרום טיש און טרינקען טיי.

קוליע: דערווייל וועט אונדז היינטיקער טאָג קאָסטן געלט. מיר אַ צווייַ קערבלעך אוודאי...

בן ציון: מיר אויך אַ טאָג ווידזשעס... עס איז אָבער ווערט די קאָמעדיע. זאָל דאַכטן, אַז איך גיי מיט כיענקען אין אַ טעאַטער און עס קאָסט אַ פּאָר דאָלאַר...

כיענקע: אין טעאַטער זעט מען גאָר ניט אַזאַ קאָמעדיע! כאַ! כאַ! כאַ! (פאַרכליניעט זיך מיט דעם טיי, וואָס זי טרינקט)

בן ציון: כאַ! כאַ! כאַ! (פאַרכליניעט זיך אויך מיטן טיי)

קוליע: משוגעים, לאַכט ניט אַזוי; איר׳ט זיך נאָך, חלילה, דערווערגן! (בלאָזט אויפן טיי, האַלטנדיק די גלאָז אין די הענט) לאַכט ניט אַזוי, ממזרים, מיר קיצלען שוין אויך די געדערים! (צעלאַכט זיך פּלוצים און די גלאָז פאַלט ביי אים אַרויס פון די הענט) אַט! (שפּרינגט אויף)

גיטל: כאַ! כאַ! כאַ! אַ סימן מזל, ר׳ קוליע!...

קוליע: אוודאי אַ סימן מזל... די תחתונים נאָר אָפּגעבריט, געקאָנט די הענט אָפּבריען!...

גיטל: ווי איז מיר! אונדז לאַכט זיך און מייַנע ליגט דאָרטן אין צרות און וויינט...

כיענקע: זי דאָרטן און ווערלול דאָ, און גימפּל, נעבעך, ווייסט סתם ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז! כאַ! כאַ! כאַ!... בענצע, דעם פּנים, וואָס גימפּל האָט נעכטן געמאַכט, אין רעסטאָראַן, בעת איך בין אַרויסגעפאָרן, אַז ער זאָל ניט זיין קיין נאַר און זאָל זיך ניט איינרעדן, אַז הינדעלע וועט זיך גטן און וועט מיט אים חתונה האָבן... דעם פּנים, וואָס ער האָט געמאַכט, די פּאָר אויגן וואָס ער האָט אויסגעשטעלט... גוואַלד, איך האָב געמיינט, אַז איכ׳ל פּלאַצן! כאַ! כאַ! כאַ!...

בן ציון: און ווי ער איז אַנטלאָפן, ניט באַצאָלנדיק אפילו פאַר זיין „טריט" אין רעסטאָראַן! כאַ! כאַ! כאַ!

כיענקע: „וואָסי? וואָסי? איר האָט זיך דאָס געשפּילט מיט מיר?!" כאַ! כאַ! כאַ! (פאַלט אויפן שטול און קייקלט זיך פאַר געלעכטער)

בן ציון: אַזאַ קאָמעדיע, גוואַלד! כאַ! כאַ! כאַ! (קייקלט זיך אויך אויפן שטול)

גיטל: משוגעים!...

קוליע: (קוועלט) אַ רבס אַ זון און לאַכט, ווי אַ דזשיקאָן!... (זאָגט גיטלען אויפן אויער): וואָס אַרט אייך, איר וועט מיט מיין יחוס זיך גאָר ניט דאַרפן שעמען. דעם רבס אַ מחותן, דאַנקען גאָט!...

כיענקע: און וואָס טוט ער איצט, גיטל?

גיטל: ער זיצט דאָרטן אין דער קיך און הערט אויס אירע טענות... דאָס רעדעלע האָט זיך אַ דריי געטאָן... איצט איז ער שוין דער תקיף און זי בעט זיך שוין ביי אים...

בן ציון: און ער טענהט נאָך אַלץ זיינס, אַז ער וויל זיך גטן?...

גיטל: דערווייַלע טענהט ער דאָס. ער וועט אָבער בעסער ווערן, איך קען גימפּלען...

קוליע: זאָל זי אים געבן אַ תקיעת כף, אַז זי וועט מער ניט קוקן אויף פרעמדע מאַנסביל...

בן ציון: (מיט אַ שמייכל) אין שלום אמר ה׳ לרשעים — עס איז ניטאָ קיין שלום, זאָגט גאָט, פאַר רשעים...

קוליע: דו לאַכסט, האַ? און ווען־ווען? אויף טאַקע מוזן געבן אַ תקיעת כף, אַז ער וועט מער אויף ווייבער ניט קוקן...

כיענקע: ער וועט שוין ניט קוקן אויף פרעמדע ווייבער...

קוליע: אוי, טאַכטערל, ביסט אַ בר דעת, אַט טאַקע ווי אַ רבס אַ שנור! אַט איצטער פאַרשטיי איך, ווי גוט דאָס איז געווען, וואָס דו האָסט איינגערעדט הינדעלען, אַז זי זאָל מיט אים זיך אַזוי גיך ניט איבערבעטן. זאָל אים טאַקע אַ ביסל וואָרפן די ניכפה, זאָל ער טאַקע ריכטיק מורא האָבן, זאָל ער שלאָגן זיך על חטא, דער ממזר, וועט ער דעמאָלט געדענקען... אוי, ביסטו אַ חכמה?

כיענקע: (לאַכט) אַ רחמנות אויף הינדעלען; איר קריכט, נעבעך, די נשמה אַרויס, וואָלט זיך ממש מחיה געווען, אַז זי זאָל אים אַ קוש טאָן, דאַרף זי גאָר דאָס אַלצדינג אין זיך גובר זיין און שפּילן מיט אים די קאָמעדיע!...

בן ציון: איך האָב מורא, אַז סוף כל סוף וועט זי דאָס ניט אויסהאַלטן...

כיענקע: זי וועט אויסהאַלטן... (שפּרינגט אויף) פונדעסטוועגן דאַרף מען גיין אַ קוק טאָן, וואו האַלט עס ביי זיי דאָרטן... טאָמער האָט זי דאָרטן מער קיין כוח ניט, וועל איך איר אונטערשפּאָרן!... (הינדעלע אַריין פון לינקס מיט אַ שמייכל) אָט איז זי דאָך!... נו?...

הינדעלע: אוי, קינדערלעך, איך האָב שוין מער קיין כוח ניט... עס איז דאָך, נעבעך, אַזאַ ביטערער צער אויף אים, אַז...

כיענקע: אַז דיר ווילט זיך אַזש וויינען... יאָ?

הינדעלע: ניין, אַז מיר ווילט זיך אַזש טאַנצן... (טוט אַ כאַפּ כיענקען) כיענקעלע! כיענקעלע! כיענקעלע! גוואַלד! (הייבט זיך אָן מיט איר צו דרייען)

כיענקע: (דרייט זיך מיט הינדעלען און זינגט) וואָס איך האָב געוואָלט, האָב איך אויסגעפּירט, מיר זאָלן אַזוי לעבן! די קליפּה האָט געוואָלט דיין שיינעם מאַן, האָט גאָט דיר אים צוריקגעגעבן!...

בן ציון: חברה, חברה, ער קען נאָך אַריינקומען!

הינדעלע: (בלייבט שטיין) כיענקעלע, גענוג אים פאַרצאַפּט דאָס בלוט, זאָל זיין גענוג!

כיענקע: וואַרט, ברען ניט אַזוי! האָב געדולד! עס מוז זיין אַ לערע פאַר אַלע מענער, פאַר מיינעם אויך. איר האָט ווייבער, טאָ שעצט זיי, אַ שוואַרץ יאָר אויף איך!...

קוליע: אַ תקיעת כף מוז ער געבן, דער ממזר!...

בן ציון: מיט אַ ציצה...

קוליע: און אַן ארבע כנפות מוז ער אָנטאָן, אַ ייד מוז ער זיין, דער ממזרוק!...

בן ציון: שאַ! ער קומט... חברה, זאָל אַ וואָלקן באַציען אייערע פּנימער! (מען ווערט שטיל און יעדער קוקט אָן אַ זייט)

ווילי פון לינקס מיט אַ פאַרצרהטער מינע.

ווילי: אָל רייט... גוד ביי... (פאַרדרויכערט נערוועז אַ סיגאַרעט)

הינדעלע: (טוט זיך אַ צאַפּל און אַ כאַפּ כיענקען) אוי, ער גייט אַוועק! אוי, זאָל זיין גענוג צו שפּילן זיך מיט פייער!...

כיענקע: האָב ניט מורא, ער וועט קומען צוריק.

ווילי: זאָל זיין אַזוי. גוד ביי! (גייט צו דער טיר)

כיענקע: וואַרט אויס, ווילי. (ער בלייבט שטיין) איידער דו גייסט אַוועק, מאַך אַ סוף. הינדעלע וויל אַ גט און דו האָסט נעכטן אויך געוואָלט זיך גטן מיט איר, טאָ גיב איר אַ גט און זאָל זיין אַ סוף!

ווילי: עס איז אַ בלאַף! (טוט אַ שמיץ דעם סיגאַרעט) איך האָב זיך ניט געוואָלט גטן... איך האָב אַליין ניט געוואוסט, וואָס איך וויל!... צוויי יאָר בין איך דאָ געווען אַליין, כמעט אַ בחור... און די נאַטור פון אַ שאַרלאַטאַן האָב איך דאָך אַלעמאָל געהאַט. אַ קלאָג צו מיינע ביינער! נו, האָט די „נעקסט־דאָריקע" מיך פאַרפירט... דעם קאָפּ האָט זי מיר פאַרדרייט, מיך משוגע געמאַכט... (טוט זיך אַ וואָרף צו הינדעלען) הינדעלע, זאָל איך שטאַרבן, זאָל איך קראַפּירן ווי אַ הונט, זאָל איך בלינד ווערן, אויב איכ'ל אַמאָל אפילו אַ קוק טאָן אויף אַ פרעמד ווייבל!...

כיענקע: זי גלויבט דיר ניט...

הינדעלע: (קערט אָפּ דעם קאָפּ פון איס, דרייט קאָקעטיש מיט די אַקסלען און שטיקט אין זיך די פרייד) איך גלויב דיר ניט... (כאַפּט אַריין דעם אַרבל פון דער קאָפּטע אין מויל, שטיקט אין זיך ס'געלעכטער און לויפט אַרויס לינקס)

כיענקע: האָט זיך, נעבעך, צעווײנט!... (קערט אָפּ דעם קאָפּ און שטיקט אין זיך אויך דעם געלעכטער)

קוליע: אַהאַ, ממזר, די אויגן קריכן דיר איצטער פונעם קאָפּ, האַ? אַ מצוה אויף דיר! וועסט שוין איצטער ווייכן פון פרעמדע ווייבער!... גיי, דו ביסט דאָ געוואָרן אַ פריץ, מיט אַ געגאָלטער מאָרדע, מיט אַ גאָלדענעם זייגער... גיי, טו זשע טאַקע זיך אַ בוכצע צו אירע פיס, בעט זי... און דו דאַרפסט דאַנקען גאָט, וואָס איך האָב ניט אַ האָלאָבליע... אָט איצטער־אָ, אַז דו ביסט אין דרערד מיט די ביינער, האָט מען דיר געקאָנט דערלאַנגען...

ווילי: אמת, אמת, אַ קלאָג צו מײַנע ביינער!... כיענקע, דו ביסט דאָך מײַן שוועסטער... בענצע, קומט, קומט, איר טוט אַ רעד, איכ'ל נאָך אַמאָל פּרוּוון רעדן... זאָל זי מיר מוחל זײַן...

בן ציון: אָל רײַט, ווילי... דו ווערסט דערנאָך געבן אַ טריט? קומט אַלע צו איר, אַ גאַנצער קאָמיטעט! (נעמט ווילין און כיענקען אונטער די הענט) האָט געלאָזט בעטן די מחותּנים צו דער חתונה!... (אָפּ מיט זיי לינקס)

קוליע: נו, גיטל?... (שמייכלט)

גיטל: נו! (שמייכלט אויך)

קוליע: הייסט עס?...

גיטל: כ'ווײַ?... מיר'ן זען!...

קוליע: מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגערעדט?...

גיטל: נו, כ'ווײַ?... זאָל זײַן אָפּגערעדט!...

קוליע: בלייבט עס אַזוי?...

גיטל: נו, כ'ווײַ?... זאָל זײַן בלייבט עס אַזוי!... וואָס הערט זיך דאָרט בײַ מײַנער?...

קוליע: וועלן אויך מסתּמא דורכקומען...

גיטל: וואָס דען, ניין?... גימפּל פּרעגלט זיך נאָך, אָבער ער וועט זיך מסתּמא באַלד איבערפּרעגלען... איך האָב זיי אומיסטנע געלאָזן אַליין...

קוליע: קומט דערווײַלע אַרײַן אין קיך... איר וועט מיר אָנגיסן אַ גלעזעלע גאָריאַטשקע... געוואוינט זיך, געוואוינט זיך... קומט!... (אָפּ מיט איר לינקס)

אין דער דירה לינקס דערשײַנט גימפּל און נאָך אים קלאַראַ מיט צע־פּלאָמטע באַקן און אַ נערוועזע...

גימפּל: עס וועט דיר גאָר נישט העלפן... וואָסי, פאַרוואָס בין איך דיר מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי טײַער, וואָסי? וואָסי?

קלאַראַ: די אויגן האָבן זיך מיר געעפנט... איך בין געווען בלינד, פאַרבלענדט, גימפּל... יענער האָט מיך פאַרפירט, דעם קאָפּ האָט ער מיר פאַרדרייט, ער האָט מיך משוגע געמאַכט... גימפּל, ערשט איצט זע איך, ווי שולדיק איך בין קעגן דיר...

גימפּל: ערשט איצט זעסטו, האַ? דו האָסט זיך איזדיעקעוועט איבער מיר, אין מײַן בלוט זיך געבאָדן... איך בין געווען אַזוי גוט צו דיר... וואָסי? וואָסי? פאַרוואָס?...

קלאַראַ: דו ביסט גערעכט, טויזנט מאָל גערעכט... זאָל איך די וועלט ניט זען, אויב איכ'ל אַמאָל קוקן אויף אַ פרעמדן מאַנספּערזאָן... איכ'ל זיי מיט קאָכעדיק וואַסער אָפּבריען, אַז זיי וועלן זיך שאַרן צו מיר!... גימפּל, זײַ מיר מוחל!...

גימפּל: האַ? (בלייבט שטיין און קוקט אויף איר. פּויזע)

אין דער דירה בײַ כיענקען דערשײַנט אין דער אייגענער צײַט **הינדעלע**, נאָך איר ווילי, כיענקע, בן ציון און צולעצט קוליע און גיטל.

ווילי: מאַך אַ סוף, הינדעלע, זאָג אַז דו ביזט מוחל. (כיענקע ווינקט צו איר, אַז זי זאָל זאָגן „יאָ״)

הינדעלע: (פּלוצים) טאָ געדענק־זשע, ווילי! דו פּייניקער מיינער! (פאַלט אים אויף דער ברוסט)

ווילי: הינדעלע! (קושט זי)

גימפּל: (אין דער איגענער צייט ביי אים אינעם צימער) טאָ געדענק־זשע, קלאַראַ! (כאַפּט זי מיט אַמאָל אַרום) וואָסי? וואָסי? מיט אַמאָל דיר זיס געוואָרן, האַ? אי, דו, שלאָקעלע מיינע... דו מיינסט, אַז איכ׳ל דיך איצטער ווייניקער ליב האָבן? נאָך מער, יענעם בורלאַק צו־להכעיס!... דיך אָוועקנעמען ביי מיר? — אַ גוטע מכה!... (קושט זי און אָפּ מיט איר לינקס)

קוליע: (פּלוצים) נו, קינדערלעך, איצט, אַז אַלצדינג האָט זיך אויסגעלאָזט, אַ דאַנק גאָט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, פאָר איך אָוועק פון אייך...

כיענקע: וואוהין, טאַטע?

קוליע: קיין פילאַדעלפיע, חתונה האָבן מיט גיטלען, זאָל לעבן...

אַלע: האַ? וואָס?

קוליע: איך טאָר ניט, וואָס?

גיטל: (פאַרשעמט) כ׳ווי? ער האָט זיך אין מיר פאַרליבט... (עס ברעכט אויס אַ געלעכטער)

קוליע: וואָס לאַכט איר, ממזרים?

ווילי: טאַטע, מזל־טוב דיר! אָט איצט ווייס איך, אין ווען איך האָב זיך איינגעגעבן! הינדעלע, איצט, אַז דער טאַטע איז אויך פאַרזאָרגט, וועלן מיר טאַקע גיין אַהין?

כיענקע: וואוהין רופסטו זי?

ווילי: הערן באַראַנדעסן. היינט בייטאָג רעדט ער אין וואָלהאַלאַ האָל, אויף אָרטשאַרד סטריט, ביי די סטרייקערס פון גאָלדשטיינס שאָפּ. און מאָרגן וועל איך זי נעמען צו דער פאַרזאַמלונג, צו הערן מיינע אַ רעדע... בישקשה, איצטער, ווען איך ווער צוריק אַ מענטש מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד, וועט זי ווערן ביי מיר אויפגעקלערט אויכעט... יאָ, יאָ, הינדעלע, אַ גוטע קעמפּערין אין די אַרבעטער־רייען וועסטו ביי מיר ווערן...

פ אָ ר ה אַ נ ג

זומער, 1915, ברוקלין, נ. י.

דעם דאָקטאָר׳ס ווייבער

אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטן

פ ע ר ז אָ נ ע ן :

דר. רובין, 35 יאָר

ליזא, זיין פרוי, 28 יאָר

מינקע, אַ דינסט, שפּעטער רובינס צווייטע ווייב, 20 יאָר

דר. רייכמאַן, 60 יאָר

פּייוול, פון פּיט סטריט (בוטשער), 50 יאָר

איציק, אַ בוטשער, 25 יאָר

מיסעס בלום, אַ צושיקערין פון דינסטן, 50 יאָר

רייטשל, אַ דינסט

אַ איד מיט א פּאַטשיילע

ערשטער אַקט

ביי דר. רובין אין הויז. אַ רייך עס־צימער. רעכטס און לינקס ווייסע טירן. אַ טיר אינם צענטער, באַהאַנגען מיט שווערע פּאָרטירן. אין מיטן אַ טיש. שטולן אַרום אים. אַ שאָקל־שטול, אויף וועלכן עס זענען אָנגעוואָרפן צייטונגען און ביכער. אַ זאָפע, אויף וועלכער ביכער און זשורנאַלן ליגן צעשליידערט. אַ טעלעפאָן ביי דער וואַנט. אַרום פינף פאַרנאַכט אינם מאָנאַט אָקטאָבער. ליזאַ, איינפאַך אָנגעטאָן, זיצט ביים טיש און שרייבט, טיף פאַרטאָן אין דער אַרבעט. פּלוצים הייבט זי אויף דעם קאָפּ, קוקט אַ ווייַלע פאַרטראַכט און דריקט מיט אַ האַנט דעם שטערן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס געוואָלט דער־מאָנען. זי הייבט זיך אויף פונם אָרט, גייט צו צום שאָקל־שטול, דערנאָך צו דער זאָפע און זוכט צווישן די ביכער און צייטונגען.

ליזאַ: (פּלוצים) **מינקע!**

(מינקע, אַ יונג, געזונט מיידל, מיט רויטע באַקן, מיט אַ גרויען שירץ פאַרשפּילעט אויף הינטן, קומט אַריין פון לינקס. זי קייט אַ גרינע אוגערקע).

מינקע: **איך בין דאָ מאַדאַם! וואָס איז?**

ליזאַ: **האָט איר ניט געזען דאָ אַן ענגלישן דיקשיאָנערי?**

מינקע: **אַוואָ?**

ליזאַ: **אַ רויטן בוך!**

מינקע **אַוואָ? אַ רויטן בוך? עס וואַלגערן זיך דאָ אַרום אַ סך רויטע ביכער. רויטע און שוואַרצע, און גרינע, און בלויע...**

ליזאַ: **אַ רויטער בוך מיט גאָלדענע בוכשטאַבן... אפשר האָט איר דאָ אויפראָמענדיק...**

מינקע: **אַוואָ? אויפראָמענדיק? ווער האָט דאָ אויפגעראָמט? איר לאָזט דען מיך אויפראָמען? טוט אַ קוק מאַדאַמעניו: אויף דער זאָפע ביכער און צייטונגען. אויף די שטולן ביכער און צייטונגען. אויף די טישן ביכער און צייטונגען. אונטער די טישן ביכער און צייטונגען. אויפן בעט דאָרט ביי אייך ביכער און צייטונגען. אונטערן בעט ביי אייך ביכער און צייטונגען...**

ליזאַ: **שאַ, שאַ, זי האָט שוין אָנגעהויבן! איך האָב יעצט קיין צייט ניט. גייט! גייט!**

מינקע: **רבונו של עולם, ווען־זשע וועט איר האָבן צייט? דער דאָקטאָר האָט מיר נעכטן פאַרגעבן אַ כוואָראָבע פאַרוואָס אינם הויז איז אַזוי אָנגע־וואָרפן...**

ליזאַ: (טוט זיך פּלוצים אַ כאַפּ) **אַהאַ, איך האָב דאָס!** (לויפט צום טיש צוריק און זעצט זיך)

מינקע: **וואָס האָט איר?** (ליזא ענטפערט איר ניט און שרייבט שטאַרק פאַרטאָן אין זיך) **מאַדאַמעניו, א מאַדאַמעניו, וואָס וועט זיין, אַז דער דאָק־טאָר וועט וועלן סאַפּער?..**

ליזאַ: אַי, אַי, שטערט מיר ניט...

מינקע: (גייט צו נענטער צום טיש און שטיל) איר הערט, מאַדאַמעניו? דער דאָקטאָר האָט נעכטן געהאַט אַזוינע קרעמפּפן, אַז איך האָב שוין באַלד געמיינט, אַז ער איז גאָר קיין דאָקטאָר ניט... און דאָס איז דערפאַר, ווייל ער עסט די פּאַסקודסטווע אינם רעסטאַראַן. ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט...

ליזאַ: וואָס? איך דערציילט ער שוין אויך מעשיות?...

מינקאַ: ער דאַרף מיר דען דערציילן? און אַליין זע איך דען ניט, וואָס? קיין פינגער אינם מויל, אַ דאַנק גאָט, דאַרף מען מיר ניט אַריינלייגן. איז וואָס־זשע זאָגט איר, מאַדאַם?

ליזאַ: וואָס ווילט איר, זאָל איך אייך זאָגן? גוואַלד, איך האָב קיין צייט ניט!...

מינקע: מכוח סאַפּער...

ליזאַ: נו, פאַרוואָס קאָכט איר ניט?

מינקע: פאַרוואָס זאָגט איר ניט, וואָס צו קאָכן?

ליזאַ: איך האָב קיין צייט ניט, פרעגט דעם דאָקטאָר, וואָס ער וויל.

מינקע: איך האָב דעם דאָקטאָר געפרעגט...

ליזאַ: נו?...

מינקע: נו־נו! ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט קיין צייט ניט, איך זאָל פרעגן אייך. איר ווייסט, וואָס ער וויל, האָט ער געזאָגט...

ליזאַ: איך ווייס ניט, וואָס דער משוגענער וויל. נו, נו, לאָזט! גייט! איך האָב קיין צייט ניט!

מינקע: איר האָט קיין צייט ניט, ער האָט קיין צייט ניט, און דער־ווייַלע לאָזט זיך עס אויס צו מיין געזונט. פינף פונט האָב איך פאַרלאָרן. איך האָב זיך נעכטן אָפּגעוואויגן ביי מיין פעטער פּיוּוטשן אין פיטט סטריט; פינף יאָר זאָל איך אַזוי לעבן, ווי פינף פונט!

ליזאַ: אַזוי שלעכט איז אייך ביי מיר?

מינקע: ביי אונדז אין דער היים איז געווען אַ גויעש ווערטל: „די פּריצים רייסן זיך אַרום און ביי די קנעכט פליען די האָר פונם קאָפּ!" אָט אַזוי־אַ איז דאָ... איר מיטן דאָקטאָר קריגט זיך אַרום, קאָכט מען ניט קיין דינער און קיין סאַפּער...

ליזאַ: (אויפגערעגט) מינקע, פּליז, קיין נאַר פונדעסטוועגן דאַרפט איר ניט זיין. איר מיינט, אַז איך באַהאַנדל אייך ווי מיינס גלייכן, דאַרפט איר שוין מיר קריכן אויפן קאָפּ? צווישן מיר און דעם דאָקטאָר דאַרפט איר זיך ניט מישן, איר הערט?...

מינקע: אָט אַזוי־אַ! אַז איר שרייט, ווייסט מען כאָטש אַז איר זייט אַ בעל־הבית'טע און אפשר וועט מען ווידער אַמאָל קאָכן דינערס מיט סאַפּערס! (בייסט די גרינע אוגערקע און אָפּ לינקס)

ליזאַ: (באַגלייט זי מיט די אויגן) נו־נו! (פאַנגט אָן ווידער צו שרייבן. פּלוצים, הייבט זי זיך אויף פונם אָרט מיט אַ פאַרטראַכטן שמייכל, נעמט דעם פּאַפּיר פונם טיש, גייט צו צום שפּיגל, שטעלט זיך אַוועק און לעזט פונם

פּאַפּיר) ליידיס און דזשענטעלמען! דער פּראָגרעסיווער געדאַנק האָט שטענ־דיק געהאַט נאָר איין צוועק פאַר די אויגן, צו פאַרבעסערן די סאָציאַלע באַ־דינגונגען פון דער מענשהייט. מיר, מיט אונדזער געבורט־קאָנטראָל באַווע־גונג, האָבן אויך נאָר דעם צוועק. מיר ווילן באַפרייען די פאַרשקלאַפטע פרוי פון די קייטן וואָס די נאַטור האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. מיר ווילן קאָנטראָ־לירן, באַהערשן דעם דעספּאָטיזם פון דער נאַטור. (מען קלינגט) מינקע!

(מינקע אַריין מיט אַ קאַרטאָפל איינגעטונקט אין קרים)

מינקע: אוואָ?

ליזאַ: מען האָט געקלונגען. טוט אַ קוק ווער!

מינקע: אַ פּאַציענט מסתמא. דער דאָקטאָר איז ניטאָ אין אָפיס!

ליזאַ: גייט! גייט! טוט אַ קוק! עס דאַרפן צו מיר היינט קומען עט־לעכע ליידיס אויף אַ מיטינג.

מינקע: היינט ווידער אַ מיטינג? דער דאָקטאָר האָט דאָך געזאָגט...

ליזאַ: מינקע, פּליז! און שלעפּט ניט מיט זיך דעם קאַרטאָפל, עס איז ניט שיין.

מינקע: אָלל־רייט, אָלל־רייט! (שפּאַרט אַריין אין מויל דעם קאַרטאָפל אין גאַנצן און אָפּ רעכטס)

ליזאַ: (לעזט ווייטער פון פּאַפּיר) „מיר ווילן באַפרייען די אומגליקלעכע פרוי פון די צווייפאַכע קייטן, וואָס די נאַטור און די היפּאָקריטישע געזעל־שאַפט האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט“.

(מינקע פון רעכטס)

מינקע: דער דאָקטאָר האָט עס געקלונגען. ער האָט דעם שליסל אין אָפיס פאַרגעסן. ער איז דאָרט מיט אייער אָנקל געקומען.

ליזאַ: (פאַרטראַכט הערט זי ניט. לייענט ווייטער פון פּאַפּיר) „די פרוי איז די אומגליקלעכסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט“.

מינקע: (הערט זיך צו) עט... אַז מען קריגט זיך ניט מיטן מאַן און מען קאָכט אַ ריכטיקן דינער און סאַפּער איז דער פרוי גאָר ניט אַזוי שלעכט...

ליזאַ: (טוט זיך אַ כאַפּ) האַ? איר זאָגט עפּעס?

מינקע: איך זאָג!... איר ווילט גאָר ניט עסן? איר האָט דאָך נאָך היינט גאָר ניט אין מויל געהאַט.

ליזאַ: איך בין ניט הונגעריק.

(מינקע ציט די אַקסלען און אָפּ לינקס)

ליזאַ: (לייענט ווייטער) „זי ליידט אַלס מענש. זי ליידט אַלס פרוי. זי ליידט אַלס מוטער. (מען קלאַפּט אין דער טיר) קאָם אין! ס׳איז גאָר היינט קיין רו ניטאָ.

(דר רייכמאַן, מיט אַ ווייסן קאָפּ, ריין ראַזירטן פּנים, זייער אַ באַוועגלע־כער אַלטינקער, קומט אַריין).

דר. רייכמאַן: העללאָ, ליזאַ!

ליזאַ: (מיט פרייד) אָ, אָנקל, העללאָ. איך דאַרף אייך טאַקע זייער נויטיק האָבן!

דר. רייכמאַן: וואָס איז דער מער?

ליזאַ: איך האָב אָנגעשריבן אַ רעדע, וואָס איך דאַרף האַלטן מאָרגן אין באָסטאָן אויף אַ מאַסנפאַרזאַמלונג וועגן געבורט־קאָנטראָל, וויל איך אייך בעטן, אַז איר זאָלט די רעדע איבערקוקן.

דר. רייכמאַן: ליזאַ, איידער איך האָב זי געלייענט, געפעלט זי מיר ניט. אַזוי שיין ווי דיינע אַמאָליקע רעדעס, איז די רעדע דיינע געוויס ניט.

ליזאַ: וועלכע אַמאָליקע רעדעס מיינע?

דר. רייכמאַן: אָט יענע רעדעס דיינע מיין איך, וואָס דו האָסט אַמאָל פאַר דיין מאַן געהאַלטן, פאַר דיין וואָלאָדיען, ווען אין דיין הויז האָבן נאָך ליבע און פרידן געהערשט.

ליזאַ: ווי איך זע, אָנקל, האָט וואָלאָדיע אייך שוין איבערגעדרייט.

דר. רייכמאַן: מיך, ליזאַ, איז שווער איבערצודרייען. אַן אַלטער זייגער בין איך מיט פעסטע אינגעווייד... אָבער איך האָב איצט וואָלאָדיען געזען, און איך, דיין אָנקל, דיין בעסטער פריינט, בין געקומען דיך צו וואָרנען!... ווייז, וואָס'טו דאָרטן אָנגעשריבן.

ליזאַ: איצטער וועל איך אייך דאָס ניט ווייזן.

דר. רייכמאַן: גיב נאָר אַהער, טאָמער איז דאָרט חכמה, וועט דיין אָנקל אויך קליגער ווערן.

ליזאַ: איך זע שוין מיט וועמען איר האַלט. אָבער נאָט אייך און לייענט, טאָמער וועט איר טאָקע קליגער ווערן. (לאַכט, גיט אים דאָס פּאַפּיר. דר. רייכ־מאַן קוקט אַריין אין דאָס פּאַפּיר)

דר. רייכמאַן: הם.. הם... הם.. יאָ... שטאַרק!... זייער שטאַרק! אַ ביסעלע אָבער... אַ ביסל ניט גענוג ווייבלעך.. אַ פרוי דאַרף רעדן צאַרטער, ווייכער, מיט וואַרימקייט, און אַ ביסעלע קלערער, ניט אַזוי משוגע. ווילסט הערן, ווי דאָס דאַרף אויסגעבעסערט ווערן?

ליזאַ: וועל, מיר וועלן הערן.

דר. רייכמאַן: (הוסט זיך אויס, און מיט כלומרשט זייער אַן ערנסטער מינע) ליידיס און דזשענטעלמען! דער פּראָגרעסיווער געדאַנק האָט געהאָט נאָר איין צוועק פאַר די אויגן, צו פאַרבעסערן די לאַגע פון דער מענשהייט. און אַזוי ווי אַ מאַן, דענק איך, איז אויך אַ טייל פון דער מענשהייט, איז די פליכט פון דער פאַרטגעשריטענער פרוי, וואָס האָט אַ מאַן, ניט צו פאַרביטערן אים די יאָרן, צו געבן אים עסן און טרינקען, אַניט מוז ער נעבעך גיין אין אַ רעסטאָראַן, און ער האָט דערנאָך קרעמפּפן, און דורך דעם ליידט אַ טייל פון דער מענשהייט.

ליזאַ: סטאָפּ אָנקל, סטאָפּ, איי גיט אַהער! (רייסט ביי אים אַרויס דאָס פּאַפּיר)

דר. רייכמאַן: מעגסט עס האָבן. איך קען מיין רעדע אויף אויסווייניק. הער ווייטער: אַן אמת'ע אינטעליגענטע, נאָרמאַל־פאַרטגעשריטענע פרוי איז די, ערשטנס, וועלכע פאַרשטייט, אַז ווען זי זאָל אונטערדריקן איר מוטערשאַפט, וועט זי באַגיין אַ פאַרברעכן קעגן זיך אַליין. ווייל אַ קליין זיס שנוקעלע, איז

פּאָר אָ מאַמען מער פון די שענסטע פּראַזן פון אַלע ביכער, מער אפילו פון די טייערסטע פּערל און בריליאַנטן. דאָס איז איר נשמה יתירה, איר יום־טוב׳דיקע נשמה, וואָס זי האָט פון איר קערפּער אין אַ קליין קערפּערל אַרײַנ־געגעבן. אַזאַ קליין שנוקעלע בינדט פעסטער צוזאַמען די הערצער פון מאַן און פרוי פון טאַטע מאַמע. אַ מאַמע פון אַזאַ שנוקעלע, איז אַ בעסערע פרוי, אַ בעסערע ווייב, און אַ בעסערער מענש. דו פאַרשטייסט, ליזאַ?

ליזאַ: איך פאַרשטיי אייך ניט אָנקל. וואָס איז דער מער מיט אייך? איר שפּאַסט עס צי איר מיינט עס ערנסט?

דר. רייכמאַן: ערנסט, ליזאַ. פאַרדאַמט ערנסט. הלוואי וואָלסטו געהאַט אַ פּאָר שנוקעלעך, וואָלט דיין לעבן איצט ניט געווען אַזוי פּוסט און אומבאַ־פרידיקט אין דער היים, וואָלסטו ניט געזוכט באַפרידיקונג ערגעץ־וואו אַנ־דערש, און דיין וואָלאַדיע וואָלט אַזוי אומגליקלעך ניט געווען.

ליזאַ: נאָך דאָס האָט מיר געפעלט. אַ פּאָר קינדער וואָלט איך נאָך באַדאַרפט האָבן, דאַן וואָלט איך ערשט ריכטיק פאַרשקלאַפט געווען.

דר. רייכמאַן: גלויב מיר, אַז דאָס וואָלט געווען פיל קליגער און אינ־טערעסאַנטער, ווי דו זאָלסט אַגיטירן אַז אַנדערע זאָלן קיין קינדער ניט האָבן.

ליזאַ: אָנקל, אומזיסט אייערע רייד און אומזיסט וואָלאָדיעס רייד. איך וועל טאָן דאָס, וואָס איך דענק און דאַרף טאָן, און איך וועל האַנדלען אַזוי ווי איך פאַרשטיי און ווי איך פיל. איך בין ניט קיין בייבי, ניט קיין שקלאַף, און ניט קיין ברידינג־מאַשין. מיין „איך" וועל איך ניט אונטערדריקן, מעג זיך אפילו וואָלאָדיע גט׳ן מיט מיר.

דר. רייכמאַן: ליזאַ, דו מאַכסט זיך אומגליקלעך. מאַדאַם ראַט האָט דיר דעם קאָפּ פאַרדרייט. פריער האָב איך גערעכנט, אַז דאָס איז נאָר אַ שפּיל ביי דיר אויף אַ ווײַלע, ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז וואָס ווייטער רייסט דיך אַוועק אָט די באַוועגונג אַלץ מער און מער פון דיין מאַן, פון דיין היים, פון אַלע דיינע פריערדיקע אינטערעסן. דו האָסט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז דו ביזט אַ רעדנערין, און דאָס האָט דיך פאַרסמ׳ט. דו האָסט דערזען, וואָס פאַר אַן ערפאָלג מאַדאַם ראַט האָט, ווילט זיך דיר אויך האָבן אַזאַ ערפאָלג. און דאָס וועט דיך, אומגליקלעך מאַכן. מחמת אַזאַ ערפאָלג ווי יענע האָט, וועסטו קיינמאָל ניט האָבן.

ליזאַ: פאַרוואָס דענקט איר, אָנקל, אַז איך וועל ניט האָבן אַזאַ ערפאָלג ווי מאַדאַם ראַט? דערווײַלע וויפיל מאָל איך האָב ניט גערעדט, האָבן אַלע מיינע רעדעס ערפאָלג געהאַט.

דר. רייכמאַן: אָ, אָ, אָ, אָט דאָס איז דיין אומגליק! אַ רעדנערין ווילט זיך דיר זיין! איצט ביזטו שוין פאַרפאַלן! דאָס איז אַזאַ מין חולאת, וואָס אפילו איך, וואָס פּראַקטיציר שוין פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר, האָב אויך דערצו קיין רפואה ניט.

ליזאַ: אמת, אָנקל. ערשט איצט פיל איך אַז איך לעב, אַז איך טו עפּעס, אַז איך האָב עפּעס אינטערעסן. אָנקל, איך בעט אייך, פאַרשטייט מיך, איר

מוזט מיך פאַרשטיין, איך בעט אייך, ערקלערט עס וואָלאַדיען, זאָל ער מיר ניט שטערן.

דר. רייכמאַן: וואָס הייסט, ער זאָל דיך ניט שטערן, ווען דו צעשטערסט אים זיין גאַנץ לעבן?! ליזא, פינף יאָר ביסטו מיט אים פאַרהייראַט, און ביז מיט איין יאָר צוריק האָט איר ביידע געלעבט אזוי גליקלעך, צוזאַמען זייט איר אויסגעגאַנגען, צוזאַמען געלייענט, צוזאַמען פאַרבראַכט. ליזא! ער איז דאָך אַזוי געוואוינט צו דיר... און איצט, זינט דו האָסט זיך אַריינגעלאָזן אין אַט דער באַוועגונג האָסטו אָן אים אין גאַנצן פאַרגעסן. קיין היים, קיין עסן, קיין רו, עס מוז דאָך זיין אַ סוף!

ליזא: וואָס טו איך אים? איך נעם דען פון אים אַוועק דאָס עסן, דאָס הויז? און ווי איז, אַז אַ פרוי פאָרט אַוועק אין גאַנצן אויף אַ יאָר צי צוויי? ניאַנטשען זיך מיט אים, ווי מיט אַ בייבי? אָדער זיין צוגעבונדן צום הויז, ווי אַ הונט אויף אַ קייט, און היטן די בעל־הבית׳ישקייט, דאָס טעפּעלע פאַר מיין מאַן?... ניט איך!... איך האָב מיין זעלבסטשטענדיק לעבן! איך האָב מיין „איך״! מיין פערזענלעכקייט איז עפּעס אויך ווערט!

דר. רייכמאַן: אָ, ליזא, פערזענלעכקייט, פערזענלעכקייט, וואָס האָסטו זיך אַריינגענומען אין קאָפּ? (מען הערט טריט) שאַ, איך הער וואָלאָדיעס טריט!

(דר. רובין, מיט אַ בערדל, קומט אַריין פון רעכטס)

דר. רובין: אָנקל, זאָגט איר, אַז מען האָט איר דאָרט געבראַכט עפּעס אַ פּעקל.

ליזא: אַ פּעקל? אָנקל, פרעגט אים וואו.

דר. רייכמאַן: (קאָמיש) וואָלאָדיאַ, זי פרעגט, וואו?

דר. רובין: אָנקל, אין מיין אָפיס!

ליזא: אָנקל, פרעגט אים, אויב דרוק־זאַכן?

דר. רייכמאַן: אָ, פרעג אים אַליין, וואָס בין איך דיר אַ טעלעפאָן?

ליזא: (קוקנדיק אָן אַ זייט) דער מאַן, וואָס האָט עס געבראַכט, וואַרט נאָך דאָרט?

דר. רובין: אָנקל, זאָגט איר, אַז ער וואַרט מיט אַ „ביל״.

ליזא: דאַרף איך דאָך האָבן געלט. אָנקל, זאָגט אים, אַז איך דאַרף האָבן צען דאָלער.

דר. רייכמאַן: דו הערסט, וואָלאָדיע? זי דאַרף האָבן צען דאָלער...

דר. רובין: איך הער ניט. זאָל זי ביי מיר בעטן, וועל איך הערן.

דר. רייכמאַן: דו הערסט, ליזא, וואָס ער וויל? נו, בעט, בעט. קיין אַנדערער וועט דאָך דיר ניט געבן, נאַר!

ליזא: (אויסשטרעקנדיק די האַנט צו דר. רובין, און קוקנדיק אָן אַ זייט) אַנגעבלאָזענער ענדיק, גיב מיר צען דאָלער.

דר. רובין: (אַרויסנעמענדיק געלט פון פאַקעט מיט אַ האַלב שפּאָטישן שמייכל) נאַ דיר דאָס געלט, דו פערזענלעכקייט, וואָס איז אַזוי אינדעפּענדעט. אפשר וואָלסטו שוין גענומען נאָך אַ פּאָר דאָלער און געקויפט פאַר מיר אַ פּאָר דוצענד זאָקן און אַ פּאָר דוצענד קנעפּלעך? איך גיי דאָך אַרום...

דר. רייכמאַן: (גיט אַ כאַפּ ביידנס הענט אין זײַנע) קינדער, נו, זאָל זיין שלום פון איצט אָן!

דר. רובין: עס ווענדט זיך אין גאַנצן אָן איר.

ליזא: איך טשעפּע דאָך דיך ניט, דו מאַכסט דאָך מיר דעם טויט! אָבער דער מאַן וואַרט דאָרט! (לויפט אַרויס רעכטס) ....

דר. רובין: וואָס איז דאָרט פאַר אַ פּעקל? מסתמא ווידער ביכער מיט עמעצענס ספּיטשעס. איר זעט, אַנקל, אַט די אַלע אָנגעשליידערטע און אָנגע־וואָרפענע ביכער? דאָס זענען אַלץ באַרימטע ספּיטשעס פון פאַרשידענע גרויסע מענשן. אַט מיט דעם אַלעם שטאָפּט זי זיך איצט דעם קאָפּ, וויל אַליין ווערן אַ באַרימטע רעדנערין. זעט, זעט! (נעמט די ביכער פון דער זאָפע, לייענט איבער און וואַרפט זיי צוריק) „רוזוועלטס אַדרעסעס און ספּיטשעס״, „דעפּיו׳ס אַפטערדינער ספּיטשעס׳ס״, „דעמאָסטענעס אָריישענס״, „ציצעראָ׳ס אָרישענס״, „לינקאָלנ׳ס ספּיטשעס״, „בוירקס ספּיטשעס און אָריישענס״ „פּיטס ספּיטשעס״, „לאַסאַל׳ס ספּיטשעס״... נו, אַנקל, איז שוין אַ וואונדער, וואָס איך גיי אַרום אָן קנעפּלעך און אָן זאָקן, און וואָס איך האָב קרעמפּפן?

דר. רייכמאַן: (לאַכט) נו, נו!

דר. רובין: איר לאַכט, האַ? האָט איר מיט איר גערעדט?

דר. רייכמאַן: עס וועט שוין זיין אָלל־רייט. דו אָבער דאַרפסט אויך ניט זיין אַזוי משוגע, וואָלאַדיאַ. עס איז ניט שיין פאַר אַ ראַדיקאַלן און אינ־טעליגענטן מענשן צו וועלן אַזוי באַסעווען איבער זיין פרוי. ליזאַ האָט פּונקט אַזאַ רעכט אויף אירע געדאַנקען און געפילן און אויף איר פאַרגעניגן, ווי דו...

דר. רובין: אויב אַזוי, אַנקל, רעד איך ניט מער... אויב אַזוי האָט זיך אַלעס געענדיקט!

דר. רייכמאַן: וואָס געענדיקט, משוגענער? וואָס?

דר. רובין: ווען אַ אינטעליגענטער מאַן האָט אַ פרוי, וואָס אירע גע־דאַנקען און געפילן זיינען פּונקט קאַפּויער ווי זיינע, און איר פאַרגעניגן פאַר־שאַפט אים נאָר ליידן, דאַן זיינען דאָ פאַר אים נאָר צוויי אויסוועגן: אָדער אַליין גיין צום טייפל, אָדער זי שיקן צום טייפל, און איינס פון די ביידע וועל איך מוזן טאָן!

דר. רייכמאַן: ע, שיק בעסער דיין משוגעת צום טייפל! פאָלג מיך, בע־סער מיט גוטן, זי וועט עס באַלד וואַרפן. מיט קיין בייזן וועסטו מיט איר גאָר ניט מאַכן. דו קענסט דאָך זי!...

דר. רובין: אַנקל, אויסקומען מיט איר מיט גוטן, איז אוממעגלעך, — איך האָב עס שוין געפּרוּווט — און מיט בייזן וועל איך מיט איר אויך גאָר ניט קענען מאַכן. דאַן מוז דאָס געשען. וואָס פריער אַלץ בעסער. איך רעד מיט איר היינט צום לעצטן מאָל — אַהער אָדער אַהין: אָדער אויפגעבן מיך אינגאַנצן, אָדער די מאַדאַם ראָט און די געבורט־קאָנטראָל באַוועגונג. וועלכע איך האַלט פאַר אַ שרעקלעכן סקאַנדאַל... (מיט גאַל) די געבורט־קאָנטראָל באַוועגונג... (שלעפּט אַרויס פון אונטערן בוזעם אַ ליפלעט) איר זעט, דאָס איז איינער פון זייערע ליפלעטס, וואָס זיי פאַרשפּרייטן אויף זייערע פאַרזאַמלונגען

צווישן יונגע־לייט און יונגע מיידלעך. מיינער אַ פּאַציענט האָט עס מיר היינט געגעבן. דאָ ווערט גערעדט וועגן וואָס פאַר מיטלען אַנצואווענדן קעגן מור־טערשאַפט און אין וואָס פאַר אַ שפּראַך! דער געדאַנק אַליין, אַז אין אַזאַ באַוועגונג זאָלן אנטייל נעמען פּראָגרעסיווע מענשן, מאַכט מיך משוגע.

דר. רייכמאַן: דו ביסט אַלעמאָל געווען קעגן אָט דער באַוועגונג, וואָלאָדיאַ.

דר. רובין: און אַלעמאָל וועל איך זיין קעגן אָט דער באַוועגונג. ווייל אָט די באַוועגונג איז איינע פון די רעאַקציאָנערסטע. מחמת לויט איר קומט אויס, אַז דער הויפּט אומגליק אין אונזער לעבן איז ניט די שלעכטע סאָציאַלע סיסטעם, נאָר וואָס מען קינדעלט צופיל. זאָל מען נאָר אַריינברענגען אָרדע־נונג אין דעם „פּרו ורבו״, וועט אונדזער לעבן ווערן אַ גן עדן...

דר. רייכמאַן: (לאַכט) אַפּנים אַזוי...

דר. רובין: און אַ חוץ דעם, האַלט איך, אַז אָט די ליפּלעטס זענען דער געפּערלעכסטער סם פאַר געוויסע מענשן. (באַהאַלט דעם ליפּלעט) (ליזאַ מיט אַ פּעקל פון רעכטס)

ליזאַ: מינקע!

(מינקע אַריין)

מינקע: האַ, איר דאַרפט מיך? אַוואַ?

ליזאַ: מרס. בלום וואַרט דאָרטן אויף אייך.

מינקע: אַוואַ? מיסעס בלום, די צושיקערין? (אַפּ רעכטס)

דר. רובין: וואָס איז דאָרט אין פּעקל, נאָך ביכער מיט ספּיטשעס?

ליזאַ: ניין, בעל הבית.

דר. רובין: וואָס דען?

ליזאַ: עפּעס פאַר עמיצן.

דר. רובין: פאַר עמיצן? דו האָסט דאָך באַצאָלט פאַר דעם.

ליזאַ: (לאַכט) נו, איז דאָס פאַר מיר.

דר. רובין: מעג איך וויסן, וואָס דאָס איז?

ליזאַ: ליפּלעטס.

דר. רובין: (גיט זיך אַ כאַפּ) האַ?... אפשר די זעלבע, ברוטאַלע, שענד־לעכע ליפּלעטס, וואָס מען טיילט ביי אייך אויף די מאַסנפאַרזאַמלונגען פון נאַ־איווע מיידלעך?

ליזאַ: איי, פאַרדריי זיך אַליין דעם קאָפּ! פּליז וואָלאָדיאַ, לאָז מיך צו־פרידן!

דר. רובין: איך פרעג דיך, אויב דאָס זענען די ליפּלעטס?

ליזאַ: די זעלבע ליפּלעטס יאָ! יאָ! יאָ!

דר. רובין: (מיט אַ פאַרשטיקטער אויפרעגונג) די זעלבע, ליפּלעטס, וועלכע איך האַלט פאַר סם פאַר אומשולדיקע מיידלעך, און איך דאַרף נאָך פאַר זיי באַצאָלן? אַהער! אַהער, איך וועל זיי פאַרברענען!

ליזאַ: וואָלאָדיאַ!

דר. רובין: אַהער זאָג איך! (גיט אַ ריס דעם פּעקל פון אירע הענט)

ליזא: (טוט אַ קלאַפּ אין טיש) וואַלאַדיאַ! דעספּאָט! אָנקל, איך קען ניט מער, איך קען ניט! (לויפט אַרויס מיט אַ געוויין, אין דער צענטער־טיר, הינ־טער די פאָרהאַנגען)

דר. רייכמאַן: קינדער, אום גאָטעס ווילן!

דר. רובין: (גייט צו צו דער צענטער־טיר און רעדט אַריין) איך האָב געהערט, אַז אַ מיטינג דאַרף היינט ווידער זיין ביי דיר. איך וויל דאָ ניט האָבן קיין מיטינגען, און וועגן באָסטאָן פאַרגעס אויך. איינמאָל פאַר אַלעמאָל: קלייב זיך אויס, — אָדער דו ביסט דאָ אינגאַנצן, אָדער דו ביסט דאָרט אינ־גאַנצן. דאָטס אָל! (גייט צו צו דר. רייכמאַן) אַזאַ חוצפּה! נעמט נאָך געלט ביי מיר אויף אָט דעם סם! איך וועל עס גיין פאַרברענען! (גייט צו דער טיר רעכטס)

דר. רייכמאַן: (לויפט אים נאָך) הער אויס, וואָלאָדיאַ! (אָפּ מיט אים רעכטס)

(מינקע און מיסעס בלום, אַן עלטערע פרוי מיט אַ שייטל קומען פון רעכטס)

מרס. בלום: דו שטיק פערד דו! היינט איז דיין חודש, נעם אָפּ דיין געלט און זיי געזונט! אַזאַ יאָר אויף אונז ביידן, וואָס פאַר אַ גוטן פּלאַץ איך גיב דיר! אַ שמאַלץ־גרוב! די בעל הביתטע האָט אַליין ליב אַריינצועסן, קאָכט זי פון כל טוב. דו האָסט דאָך ליב קנישעקלעך? איז אַלע טאָג. וואָס טויג דיר אָט דער פּלאַץ? דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז דו האָסט פאַרלאָרן פינף פונט! ביסט אָפּגעשטאַנען צוויי חדשים, איז גענוג!

מינקע: אַז מען טאָר דאָך איך גאָר ניט גלויבן. אויף דעם פּלאַץ האָט איר דאָך אויך געזאָגט, אַז ער איז אַ שמאַלץ־גרוב! איר הערט, מרס. בלום? עס איז אַ מורא, וואָס דאָ טוט זיך. דער דאָקטאָר מיט דער מאַדאַם רייסן זיך אַרום, ווי צוויי קעץ.

מרס. בלום: דאַרפסט דאָך אוודאי דאָ ניט זיין. אין יענעם פּלאַץ לעבן זיך מאַן און ווייב ווי צוויי טייבעלעך.

מינקע: זאָל איך טאַקע גיין? איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, מרס. בלום: איך וואָלט טאַקע אַוועקגעגאַנגען פון אָט דעם פּלאַץ, אָבער איר ווייסט דאָך, מיין איציק אַרבעט דאָ ניט ווייט אין בוטשער־שאָפּ, און, דאָ צווישן אונז גערעדט, איז דאָך קיין בעל־הבית׳טע ניטאָ! קען איך אַלע ווייל צולויפן אַ קוק טאָן, וואָס ער טוט דאָרט, דער ממזר! אוי, מרס. בלום, מיין איציק האָט ביי מיר מיין קאָפּ אַראָפּגענומען. איך האָב שוין קיין קאָפּ ניט. איך האָב שוין קיין האַרץ ניט.

מרס. בלום: וואָס איז דער מער?

מינקע: וואָס זאָל זיין דער מער? ער צאַפּט מיר נאָך אַלץ די עצמות. ער איז אַריינגעקראָכן מיר אין די ביינער אַריין, דער ממזר, און גאָר ניט! איך טענה צו אים: איציק! וואָס וועט זיין דער סוף? ווי לאַנג נאָך וועלן מיר אַזוי אויסגיין? וויפיל איז דער שיעור? איך גיי דאָך אויס, ווי אַ ליכט! האָב מיט מיר חתונה, אַניט גיי אין דער ערד אַריין! וויל ער ניט, ער האָט צייט, זאָגט ער!

מרס. בלום: וואָס איז טאַקע די בהלה אויף דיר? שטיי אָפּ נאָך אַ פּאָר יאָר אויף פּלעצער, קלייב אָן נאָך אַ ביסל געלט, — אַזאַ מיצאַצע, ווי דיין איציק, וועסטו שפּעטער אויך ניט אָנווערן.

מינקע: אוי, וואָס רעדט איר, מרס. בלום? אַלע מיידלעך לויפן דאָך נאָך מיין איציקן ווי הינט נאָך אַ פּאַדלע. די אויגן זאָל זיי נאָר אַרויסקריכן! איך האָב אים דאָך אַזוי ליב, גע׳הרג׳עט זאָל ער ווערן! באַלד וועט ער מסתמא קומען לייען ביי מיר געלט. ווי נאָר עס קומט מיין חודש, באַץ, אַזוי איז ער דאָ! לייט דריי דאָלער, פינף דאָלער.

מרס. בלום: גיט מען ניט. וואָס הייסט, דו גיסט אים געלט?

מינקע: איך קען זיך דען העלפן? איך וואָלט אים אפילו די נשמה אָוועקגעגעבן. איר הערט? פאָלט מיר אַריין אַ גוטער ביסן אין הויז, האַלט איך דאָס פאַר אים. אַז איך האָב אים מער ליב ווי זיך אַליין, ברעכן זאָל ער האַלדז און נאַקן! (מען קלינגט, זי טוט זיך אַ כאַפּ) אוי, דאָס איז ער! איך פיל, ווי מיר האָט זיך אין האַרצן אָפּגעריסן!... (לויפט אַרויס און קומט באַלד אַריין מיט איציק׳ן. ער איז אַ געזונטער בחור, אין אַ ווייסן שירץ מיט פאַרקאַשערטע אַרבל איבער זיינע רויטע געזונטע אָרעמס. ער שמייכלט גוטמוטיק)

מרס. בלום: זע נאָר, טאַקע ער! דו האָסט אים אָבער דערשמעקט ווי, להבדיל, אַ קאַץ אַ מויז.

מינקע: געגוג געזונט קאָסט ער מיך, נעוער מאַינד! (שטיל צו אי׳ציקן) איך האָב עפּעס פאַר דיר... לאַטקעס אויף אַ סך פּוטער, ווי דו האָסט ליב. וועסט אַריינגיין מיט מיר אין קיטשן. איך וועל דיך אָנשטאָפּן, דערוואָרגן זאָלסטו ווערן!

איציק: (לאַכט גוטמוטיק) דענק יו!

מרס. בלום: איר הערט, איציק? איך זאָג איר דאָ, זי זאָל גיין אויף אַן אַנדער פּלאַץ, צוויי דאָלער מער אויפן חודש, און אין קאָרטן שפּילט מען דאָרט אויך טאָג און נאַכט, כאַפּט דאָס מיידל שוין אַריין פון פּינקע״ אַ שיינע עטלעכע דאָלער אַ מאָנאַט, איז זי זיך נאָך מיישב. זאָגט איר אַליין, איז זי ניט אַ נאַר?

איציק: פאַרוואָס ווילסטו ניט גיין, מינקע? פּינקע איז אַ רעכענונג! איך ווייס דאָס! איך שפּיל אַמאָל אויך אין פּאָוקער! גיי!

מינקע: אָבער דאָס איז דאָך אָוואָדע אַ צוואַנציק בלאָק פון דיין בוטשער־שאָפּ? איך פאַרשטיי, דו וואָלסט מיך וועלן האָבן וואָס ווייטער...

איציק: שאַ... וואָס דאַרפסטו טענה׳ן, ווען אַ פרעמדער איז דאָ? מיסעס, זי וועט גיין!

מרס. בלום: איז וואָס זאָגסטו, מינקע? גייסטו?

איציק: זי וועט גיין! אַז איך זאָג, וועט זי גיין!

מרס. בלום: געדענק־זשע, פיר מיך ניט אונטער. איך וועל אויף דיר וואַרטן ביי מיר אין אָפיס אַזייגער אַכט. נעם מיט דיינע זאַכן. וואו איז עפּעס די מאַדאַם? זי קען איך דאָך אויך ניט איבערלאָזן אָן אַ מיידל!

מינקע: איך ווייס ניט, וואו זי איז.

מרס. בלום: נו, וועל איך זי מאָרגן זען. זי וועט שוין מסתמא מאָרגן קומען צו מיר. אַ גוטן. (אָפּ)

מינקע: אָט אַזוי־אָ! גיט עמעצן אַ פּלאַץ, נעמט אָפּ די פּאָר דאָלער, און דערנאָך אין אַ חודש אַרום קומט זי און רעדט אָפּ פון דעם אייגענעם פּלאַץ. און אָט אַזוי מאַכט זי ביזנעס!

איציק: (מיט אַ שמייכל) אַמעריטשקע, וואָס דען?

מינקע: טאַקע אַמעריטשקע, דו ביסט דאָך אויך אַן אַמעריקאַנעץ.

איציק: טענה ניט! שטעק מיר בעסער אַריין אַ פינפער׳ל!

מינקע: איך גיב ניט מער, אפילו קיין פּעני ניט! גענוג, גזלן!

איציק: ווילסט ניט געבן? איז ניט געפּידלט. איך וועל לייען ביי סערקען.

מינקע: זאָג נאָר איציק, זאָג נאָר גזלן, וואָס האָסטו צו מיר? פּירסט זיך מיט מיר שוין אַרום אַ יאָר צייט, בין איך דיר געפעלן? בין איך דיר ניט געפעלן? האָסטו מיך ליב? האָסטו מיך פיינט? עס דאַרף דאָך זיין אַמאָל אַ סוף, גזלן!

איציק: דו ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב, מינקע, אָבער אַלצדינג דאַרף זיין מיט אַ טאָלק, מיט אַן אויסרעכענונג. גלאַט אַריינשפּרינגען און חתונה האָבן, ווי אַ פערד אין האָלאָבליעס, איז ניט קיין ביזנעס! פאַרגעס ניט, אַז מען האָט חתונה, האָט מען באַלד קינדערלעך, און... און עס איז ניט קיין ביזנעס! אָבער זאָל איך גע׳הרג׳עט ווערן, זאָל איך דערוואָרגן ווערן מיט דיינע לאַטקעס, ווען איכ׳ל זיי עסן, אויב איכ׳ל מיט דיר ניט חתונה האָבן. אין עטלעכע חדשים אַרום! נאַ דיר מיין האַנט!

מינקע: (נעמט זיין האַנט) געדענק־זשע, איציק. קום אין קיך עסן די לאַטקעס. (אָפּ מיט איציקן לינקס)

(ליזא קומט אַרויס פון צענטער־טיר, ווישט זיך די אויגן. נעמט דערנאָך אַ בוך פון דער זאָפע. זעצט זיך און קוקט אין אים אַריין. דר. רובין קומט אַריין.)

דר. רובין: ליזא, איך וויל פּרואוון נאָך אַמאָל רעדן מיט דיר רואיק. אפשר וועסטו דאָך איינזען. דו ביזט דאָך אַן אינטעליגענטער מענש, ליזא. דו האָסט דאָך אַמאָל געקענט אַנדערע באַוועגונגען, וואו מען האָט פאַר הויכע אידעאַלן געקעמפט. איז פאַרשפּרייטן אַזעלכע ליפלעטס צווישן יונגע מיידלעך און באַיעס אַ הויכער אידעאַל?

ליזא: יאָ, וואָלאָדיאַ, מיר פאַרהיטן דערמיט טויזנטער און טויזנטער מענשן פון אומגליקן...

דר. רובין: און וויפיל פון זיי טרייבט עס צו פּראָסטיטוציע?

ליזא: (אויפגערעגט) פוי! רעד בעסער ניט צו מיר!

דר. רובין: אומבאַדינגט! איך בין איבערצייגט אין דעם. עס זיצן צענדליקער טויזנטער יונגע מיידלעך און יונגעלייט אין די שעפּער און אין די טענעמענט־הייזער. זיי זיצן אין אַ סביבה, וואו קיין גאָט איז כמעט ניטאָ, וואו קיין מאָראַלישער אָנהאַלט איז כמעט ניטאָ. זייער לעבן איז אַזוי עלנט, אַזוי פּוסט, אַזוי וואָכעדיק. דאָס אומבאַפרידיקטע לעבן זוכט עפּעס אַ באַפרי־

דיקונג, דאָס וואָכעדיקע לעבן עפּעס אַן אינטערעס. ביי אַזאַ מיידל איז דער הויפּט אינטערעס דער בחור. ביי אַזאַ בחור איז דער הויפּט אינטערעס — דאָס מיידל. זיי רייסן זיך איינע צו די אַנדערע, נאָר עפּעס האַלט זיי אָפּ, באַזונ־דערס דאָס מיידל. די מורא שטייט קעגן איר ווי מיט אַ בייטש. די מורא האַלט זי אָפּ. קומט איר צוגיין און זאָגט איר: „סעי, מיידל, האָב ניט מורא. איך האָב פאַר דיר מיטלעך.״ און מען דערלאַנגט איר דעם פּאַמפּלעט...

ליזא: (שפּאַטיש) ווי איז מיר, ווי מאָראַליש דו ביסט געוואָרן, וואָלאַדיאַ. און אַלץ דערפאַר, ווייל עס פעלט אַ קנעפּל ביי דיר אינם רעקל, און ווייל איך היט ניט אָפּ גענוג דיינע טעפּלעך, האַ? אָבער איכ׳ל טאָן מיין גוטע אַרבעט ווייטער, צי דיר געפעלט עס, אָדער ניט. איך האָב אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם. און אויב דאָס וועט אפילו געבן עמעצן פון אָט די עלענדע מיידלעך אַ מעגלעכ־קייט צו געניסן פון לעבן און צו פאַרבלייבן פריי, פּונקט ווי די באַיעס, האַלט איך עס אויך ניט פאַר קיין פאַרברעכן, מיין נייער מאָראַל־פּרעדיקער. איך דער־קלער דיר, אַז די מיידלעך זענען ניט מחויב צו זיין מער מאָראַליש ווי די באַיעס!

דר. רובין: (קוקט זי אָן) רעדסט נאָך מאַדאַם ראַט, האַ? ווי אַ פּאַפּוגאַי רעדסטו איר נאָך. זי קומט דאָך צו דיר היינט צו אַ מיטינג? זאָל זי נאָר קומען! (מען קלינגט)

ליזא: מינקע!

(מינקע לויפט אַריין, עסנדיק אַ לאַטקע)

מינקע: אַוואַ?

ליזא: זעט, ווער עס האָט דאָרט געקלונגען.

מינקע: מאַדאַם, איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן.

ליזא: אַפריער טוט אַ קוק, ווער עס האָט דאָרט געקלונגען.

מינקע: אָלל־רייט. (אָפּ און קערט זיך באַלד צוריק מיט איציקן)

מינקע: (רעדט שטיל צו איציק׳ן) איכ׳ל נאָך היינט אפשר נעכטיקן ביי מיין פעטער פּיוזטשען, אין פּיטט סטריט, וועלן מיר נאָך היינט קענען גיין זען טשאַלי טשאַפּלין.

איציק: (שטיל) אפשר ווילסטו גיין היינט צו אַ פּלעי מיט סאָנגס אין אידישן טעאַטער?

מינקע: ניין. בעסער צו טשאַלי טשאַפּלין.

איציק: אָלל־רייט. האָב זיך אַ גוד ביי! (אָפּ)

מינקע: (צו ליזא׳ן) מאַדאַם, איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן.

ליזא: ווער האָט דאָרט געקלונגען?

מינקע: אַ איד מיט בויכווייטיק. ער האָט זיך, נעבעך, געהאַלטן מיט ביידע הענט ביים בויך. דער דאָקטאָר האָט אים אַריינגערופן. מאַדאַם, איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן. היינט איז מיין חודש און איך גיי אַוועק פון אייך.

ליזא: פאַרוואָס עפּעס מיט אַמאָל?

מינקע: מען גיט מיר אַ פּלאַץ אַ ריכטיקן, מיט ריכטיקע דינערס און סאַפּערס, און מיט „פּינקע״. ביי אייך איז ניט קיין פּלאַץ פאַר מיר. (מען

קלינגט ווידער, און באַלד דערהערט זיך דאָקטאָר רובינס אויפגערעגטער געשריי. ליזא און מינקע לויפן אַרויס אַהין, פונוואַנען זיין געשריי הערט זיך)
(ליזא און הינטער איר דאָקטאָר רובין)

ליזא: (ברעכנדיק די הענט) זייער שיין, וואָלאָדיאַ, טרייבסט מענטשן פונם הויז...

דר. רובין: געפעלט דיר ניט? גיי מיט זיי!

ליזא: איך וועל גיין. איך האָב דאָס שוין פריער באַשלאָסן. אויב דו האָסט געמיינט, אַז איך וועל דיר דערלויבן מיך צו באַהאַנדלען ווי אַ סולטאַן זיינע אַ שקלאַפין, האָסטו אַ גרויסן טעות. איך גיי.

דר. רובין: אָבער געגאַנגענע, זאָל ניט בלייבן ביי די רייד! רעדט נאָך יענער ווי אַ פּאַפּוגאַי: „סולטאַן״, „שקלאַפין״, גיי! נאָר געגאַנגען!
(מינקע פון לינקס, אין גאַנצן איבערגעטאָן קומט אַריין)

מינקע: מאַדאַם, איך בין שוין פאַרטיק! (טוט אַ קוק אויף ליזאַ׳ן און איר מאַן) איך גיי... איר פאַרשטייט? איך וויל האָבן מיין געלט.

דר. רובין: מינקע, האָט איר עפּעס צו עסן פאַר מיר?

מינקע: איך האָב... קדחת האָב איך... די מאַדאַם האָט מיך צו אייך געשיקט, איר האָט מיך צו דער מאַדאַם געשיקט — האָט זיך פון דעם קיין סאָפּער ניט געקעלבט. דאָקטאָר, איך גיי אַוועק פון אייך. מען האָט דאָ אויפ־געהערט צו קאָכן, איך האָב פינף פונט פאַרלאָרן, און דאָ איז שטענדיק אָנ־געוואָרפן, אָנגעשליידערט, פאַר מיר איז דאָ ניט קיין פלאַץ, באַצאָלט מיר!

דר. רובין: בלייבט דאָ, מינקע, איר וועט מער ניט דאַרפן פרעגן ביי דער מאַדאַם וואָס צו קאָכן, און קיינער וועט אייך דאָ מער ניט אָנשליידערן.

מינקע: וואָס הייסט?

דר. רובין: די מאַדאַם וועט דאָ מער אין הויז ניט זיין. זי גייט אַוועק! דאָס הייסט, זי פאָרט אַוועק.

מינקע: טאַקע?

ליזא: (טוט זיך אַ כאַפּ) יאָ, יאָ, מינקע, אַזוי איז דאָס, ווי דער דאָקטאָר זאָגט.

דר. רובין: זי פאָרט אַוועק האַלטן רעדעס איבער דער וועלט. ז׳ איז דאָך אַ גרויסע רעדנערין, די מאַדאַם! פראַזן גאַנצע זעק!

מינקע: זי פאָרט אַוועק? טאַקע? אָבער דאָקטאָר, אויפן נייעם פלאַץ גיט מען מיר צוויי דאָלער מער, מיט „פינקע״.

דר. רובין: איר וועט ביי מיר קריגן מיט דריי דאָלער מער. בלייבט!

מינקע: אַווּ? דריי? בלייב איך דאָ! איך האָב אין דער ערד די „פינקע״! איך גיי זיך צוריק אויספּאַקן.

דר. רובין: און נעמט צו פון דאַנען אַלע ביכער, מינקע.

מינקע: אָלל־רייט! באַלד! דאָקטאָר, אָבער היינט ביי נאַכט וויל איך האָבן „אָוו״. איך גיי מיט מיין איציקן זען טשאַלי טשאַפּלין. (אָפּ)
(מען קלאַפּט אין טיר)

דר. רובין: קאָם אין.

(דר. רייכמאַן קומט אַריין)

דר. רייכמאַן: האָב איך ניט איבערגעלאָזן דאָ ביי אייך אַ בוך פריער?

דר. רובין: ניין, דאַכט זיך. מזל טוב אייך, אַנקל.

דר. רייכמאַן: מיט מזל זאָלסטו לעבן! וואָס איז?

דר. רובין: ענדלעך זיך באַפרייט.

דר. רייכמאַן: פון וואָס זיך באַפרייט?

ליזא: איידער אַרומצערייסן זיך יעדן טאָג און זיין אומצופרידן איינער מיט דעם אַנדערן, איז בעסער צופרידן זיין פון ווייטן. אַנקל, מיר צעשיידן זיך. איך וועל היינט נעכטיקן ביי אייך, אויב איר וועט ערלויבן. מאָרגן וועל איך גיין זוכן מיין אַרבעט.

דר. רייכמאַן: קינדער, איר זייט דאָךביידע אַזעלכע וואוילע, אַזעלכע גוטע, וואָס זייט איר משוגע געוואָרן?

ליזא: עס מוז אַזוי זיין. איך גיי גלייך אַוועק. איך נעם נאָר מיין העט, נאָך מיינע זאַכן וועל איך שיקן. (אָפּ אין צענטער טיר)

דר. רייכמאַן: וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?

דר. רובין: (מיט גאַל) דאָס איז דאָך די מאָדערנע פרוי, אַנקל! ציט דעם הוט פאַר איר, פאַלט כורעים פאַר איר.

(ליזאַ קומט אַריין מיטן הוט אויפן קאָפּ)

דר. רייכמאַן: ליזא, איידער מען טוט אַזאַ שריט, דאַרף מען צען מאָל אַרומטראַכטן.

ליזא: אַנקל, איך האָב צוואַנציק מאָל אַרומגעטראַכט. איך קען זיך מער ניט אינטערעסירן מיט וואַלאַדיאַן און מיטן הויז ווי פריער. פריער האָב איך אין גאַנצן געקענט לעבן מיט זיין לעבן, היינט אָבער קען איך ניט. היינט וויל איך לעבן מיט מיין אייגענעם לעבן אויך. וואַלאַדיאַ, דו ווייסט, אַז קיין הי־פּאָקריטקע בין איך ניט. איך זע, אַז דו קענסט ניט זיין גליקלעך מיט מיר, אַזוי ווי איך בין, און איך קען מיט דיר ניט זיין גליקלעך, אַזוי ווי דו באַ־האַנדלסט מיך, מוזן מיר זיך צעשיידן. אַנדערש ווי איך בין, וועל איך ניט ווערן. איך קען ניט אַנדערש ווערן. וואַלאַדיאַ! (שטרעקט אים אויס די האַנט) וואַלאַדיאַ, לאָמיר זיך ניט צעשיידן ווי שונאים. גלויב מיר, איך בין דיר ניט קיין שונא!...

דר. רובין: (נעמט ניט אָן איר האַנט) איך בעט דיך, אָ! די פּראָזן! גוד ביי! גוד ביי!...

ליזא: אָלל־רייט. (פּלוצים שטאָלץ) גוד ביי! (אָפּ רעכטס)

דר. רובין: (באַגלייט זי מיט די אויגן. טוט אַ זיפץ, און לאָזט זיך אַרונ־טער ביים טיש. פויזע. זיצט אַ ווײַלע מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ. דער־נאָך מיט ביטערניש) און זי... און זי... האָב איך אַמאָל אַזוי ליב געהאַט! אָי, וואָס פאַר אַן אומגליק אַזאַ פרוי איז פאַר אַ מאַן! אַן אינטע־לי־גענטקע, יו נאָו!... אַ ררראַדיקאַלע, יו נאָו! פרייע פרוי פון דעם לעצטן סטייל, יו נאָו!...

דר. רייכמאַן: (קלאַפּט אים איבערן אַקסל) רואיק, וואַלאַדיאַ, זי וועט נאָך קומען צוריק!

דר. רובין: (שפּרינגט אויף) זי זאָל ניט וואָגן, איך האָב גענוג געליטן פון איר „געשוואָלענעם איך״, איך האָס זי איצט!

(מינקע מיט פאַרקאַשערטע אַרבל)

מינקע: איצט וועט ווערן אַ טאָלק אין הויז. עס וועט ניט זיין מער אָנגעשליידערט מיט ביכער, ווי אין אַ חזיר־שטאַל. (נעמט צענויף די ביכער פון דער זאָפע)

דר. רובין: איר הערט, אָנקל? מינקע ווייס אויך, אַז איצט וועט ווערן אַ טאָלק אין הויז. מינקע, מאָרגן אַ יום טוב׳דיקער דינער!

מינקע: אָלל־רייט, דאָקטאָר, אָבי הייסט נאָר! ביי מיר וועט איר שוין קיין קרעמפּס ניט האָבן!

דר. רובין: אויף מיין עהרנוואָרט, ביי מיר איז דאָך היינט אַ יום טוב. באַפרייט זיך, פּטור געוואָרן. איך האָב דאָ ערגעץ אַ פלאַש שאַמפּאַניער! אָנקל, צוליב מיין שמחה. (נעמט אַרויס פון שאַפע אַ פלאַש שאַמפּאַניער מיט גלעזלעך) צוליב מיין גרויסער שמחה (גיסט אָן) לחיים, אָנקל!

דר. רייכמאַן: לחיים, וואָלאָדיאַ! אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך שטעלן שאַמפּאַניער, ווען איר וועט זיך איבערבעטן...

דר. רובין: סיידן אויף יענער וועלט... (טרינקט אויס ווידער) מינקע, איר טרינקט אויך אויס אַ גלעזעלע! איר וועט מיך דאַרפן צוזען! (גיט איר)

מינקע: עפּעס ביטער?

דר. רובין: טרינקט! טרינקט! שאַמפּאַניער!

מינקע: (נעמט דאָס גלעזל) לחיים, דאָקטאָר, גאָט זאָל געבן, אַז איר זאָלט צופרידן זיין פון מיר. (טרינקט אויס) כאַ! כאַ! כאַ!... איר האָט מיך אָפּ־גענאַרט... עס איז דאָך זויער... אַמעריקאַנער קוואַס, מסתמא. (שטעלט אַוועק דאָס גלעזל)

דר. רובין: פון דעם קוואַס פאַרדרייט זיך דער קאָפּ. נו, אָנקל, זאָלן מיר דאָס פלאַש ענדיקן. (טרינקט ווידער) טאָמער וואָלט איר גאָר אריינגעמופט צו מיר?... צוויי פלאָרס האָב איך... גאַנץ אַליין... מיר וועט זיין אַביסעלע אומעטיקלעך... שוין אָפּגעוואוינט... לחיים... זיך גאָר ניט געריכט, אַז היינט... שוין היינט... (טוט אַ קוק אויף דער וואַנט, וואו עס הענגט ליזאַס בילד) כאַ, כאַ, איר זעט? זי קוקט אויף אונדז! די אַמאָליקע ליזאַ, די אַמאָליקע.. ווען זי... ווען זי... האָט נאָך ניט געהאַט אַזאַ „געשוואָלענעם איך״... (צום בילד) דו האָסט דאָך מסתמא געמיינט, אַז איך וועל פאַלן צו דיינע פיס, און וועל דיך בעטן, פריי איך זיך דווקא, פריי איך זיך, אַט דיר אויף צו להכעיס!... דו האָסט אַ „גע־שוואָלענעם איך״? איך האָב צען מאָל אַ „געשוואָלענעם איך״! דו ביסט אַ פרוי מיט אַ פוסטן קאָפּ און מיט אַ לאַנגער צונג!...

דר. רייכמאַן: באַרואיק זיך, וואָלאָדיאַ. מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט ניט געדאַרפט אַזויפיל טרינקען... זי וועט קומען צוריק, איך פאַרזיכער דיך...

דר. רובין: וואָס, קומען צוריק? זי זאָל דאָס ניט וואַגן! איך האָב גע־נוג פון איר געליטן. איך האָב שוין לאַנג פון איר געדאַרפט פטור ווערן. שוין לאַנג, וואָלט מיר איצט... איצט אַזוי ניט וויי געטאָן. (פאַלט צו צום טיש און צעוויינט זיך ליידנשאַפטלעך. מינקע דערשרעקט זיך און לאָזט אַרויס די ביכער פון די הענט און קוקט אויף אים מיט אויסגעגלאָצטע אויגן)

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

צווייטער אַקט

מיט פיר חדשים שפּעטער

דאָס זעלבע צימער, אָן ליזאַ׳ס בילד אויף דער וואַנט. פינף אַוונט. די עלעקטרי איז אָנגעצונדן. מינקע שטייט ביים טעלעפאָן און רעדט.

מינקע: האַ? וואָ? ניין, דאָקטאָר. דאָ איז נאָר געווען אַ איד מיט אַ קאַפּ־וויטיק. איך האָב אים געהייסן קומען אין די אָפיס־אַאורס... איר וועט קומען באַלד? וואָ? איר האָט אַן ערנסטע קייס? אוי ווי איז מיר. וועט איר דאָך היינט קיין הנאה ניט האָבן פון סאַפּער. איך האָב געמאַכט אייער מאכל — בלינצעס... קומט וואָס שנעלער, דאָקטאָר. בלינצעס זענען געשמאַק, אַז מען טונקט זיי וואַרימערהייט אין קרים... וואָ? איך זאָל ניט וואַרטן אויף אייך און עסן? וועגן מיר, דאָקטאָר, זאָלט איר זיך גאָר ניט דאגה׳נען. צייט מיין לעבן זאָל איך אַזוי זאַט זיין. וואָ? האַ? שור, דאָקטאָר, שור. איך בין היינט געוואָרן צוויי און צוואַנציק יאָר. וואָ? צוויי און צוואַנציק... צוויי און צוואַנציק... כאַ! כאַ! אי, גייט שוין, גייט!... וואָ? יאָ, איך הער, וואָס איז דאָס? וואָ? אַ קוש? ווער קושט? איר? וואָס קושט איר עפּעס אין טעלעפאָן? וואָ? איר מיינט עס מיך? אי, גייט שוין, גייט, דאָקטאָר, איר זייט געוואָרן אַ שטיפער די לעצטע צייט!... וואָ? כאַ! כאַ! כאַ! (לאָזט אַרונטער דעם רעסיווער, מען קלאַפּט אין דער טיר רעכטס) **קאַם אין!...**

(איציק אין אַ רעקל, קומט אַריין)

איציק: גוד איווינינג!..

מינקע: גוד איווינינג, איציק! אַן אורח! איך האָב שוין געמיינט, אַז עס איז נאָך דיר!

איציק: וואָס איז?

מינקע: שוין עטלעכע טעג ווי דו האָסט זיך ניט געוויזן. דו ביסט דען אַזוי ביזי?

איציק: אַוואַדע בין איך ביזי. קוים היינט זיך אַרויסגעריסן. איך אַרבעט ווי אַ קאַטאַרזשניק. דער בעל הבית איז אַזוי שלעכט געוואָרן.

מינקע: אַ מצוה אויף דיר. ביזט אַליין שולדיק. מיט מיינע דריי הונ־דערט דאָלער האָסטו געקענט איצט זיין אַליין אַ בעל הבית פון אַן אייגענעם בוטשער שאַפּ.

איציק: מינקע! עס איז שוין ביי מיר אָפּגעמאַכט! גאָר אין גיכן וועל איך מיט דיר חתונה האָבן און דעמאָלט וועל איך האָבן מיין בוטשער־שאַפּ. נאַ! (נעמט אַרויס פון אַ קעשענע אַ באַקסל קענדי) **בעסטע טשאָקאָלאַד...**

מינקע: (נעמט) **דענק יו. ביסט דאָך גאָר עפּעס אַ קאַוואַליער!**

איציק: (לאַכט) אָהאָ, אַנדערע מיידלעך זאָגן דאָס שוין לאַנג! אוי, האָבן זיי מיך ליב! זאָג נאָר, מינקע, פאַרוואָס האָבן די מיידלעך מיך אַזוי ליב? די האָלדז וואָלטן זיי זיך געלאָזט שנײַדן פאַר מיר. זאָל איך גע׳הרג׳עט ווערן.

מינקע: הלוואַי, און מיט דײַנע מוידן אין אײַנעם! גזלן! אפילו הײַנט צו מײַן געבורטסטאָג דערצײַילסטו מיר אויך דײַנע מעשיות? איך ווײס, אַז מײַן געבורטסטאָג האָסטו אפילו אין זינען ניט געהאַט.

איציק: און די קענדי?

מינקע: טאָקע אַ שײנעם פּרעזענט פאַר אַ געבורטסטאָג. דו וואָלסט כאָטש מיר פאַר מײַנע געלט אַ פּרעזענט געקויפט. זאָל איך כאָטש מײנען, אַז דו האָסט מיך אין זינען, רוצח דו!

איציק: איך האָב דיך, איך האָב דיך אין זינען! הײַנט גײיען מיר אין טריאײַטער. דו קענסט זיך שוין גרייטן צו דער חתונה. איך האָב דאָס שוין נעכטן געזאָגט מײַן מאַמען אויך. דאָס איז שוין געסעטלט. מסתמא וועט גאָט העלפן. מען דאַרף דאָך אַמאָל חתונה האָבן.

מינקע: אַוואָ? דו בלאָפסט ניט?

איציק: זאָל איך גע׳הרג׳עט ווערן... פון מײַנעטוועגן אין צוויי וואָכן אַרום.

מינקע: געדענק־זשע איציק, דו וועסט זען, אַז דו וועסט ניט חרטה האָבן. דו וועסט דעמאָלט ניט האָבן אין זינען די אַנדערע מיידלעך: און ווי־דער... אַזאַ ווײַב ווי איך, ביסטו אָסור ווערט. איך פאַרגין דיר גאָר ניט אַזאַ ווײַב. פרעג אפילו דעם דאָקטאָר. ער וועט דאָך פאַר מיר איצט ניט נעמען קײן זאָק ציבעלעס. נעכטן זאָגט ער צו מיר: „מינקע, איך בין מקנא דעם מאַן, וואָס וועט מיט אײַך חתונה האָבן". נו, אַ בראָך דיר אין די בײַנדעלעך אַרײַן, אַז דאָס זאָגט אַ דאָקטאָר!

איציק: קוקט ער נאָך אַלץ אויף דיר אַזוי מאָדנע?

מינקע: קוקט! קוקט! ווי נאָר איך קער זיך אָפּ אַ ביסל, כאַפּ איך זיך, אַהאַ, ער קוקט שוין אַהינטער מיר. טו איך אַ קוק אויף אים, שמייכלט ער אַזוי מאָדנע. און די לעצטע עטלעכע טעג זינט ער האָט זיך גע׳גט מיט זײַן ווײַב האָט ער אָנגעהויבן גאָר צו שטיפן.

איציק: שטיפן? וואָס הייסט דאָס, אין דער ערד אַרײַן? פּע, מיר גע־פעלט דאָס ניט!

מינקע: ווי מײנסטו שטיפט ער מיט מיר, ווי דו? ווי אַ חזיר? האָב נאָר ניט מורא. ער איז דאָך אַ דאָקטאָר, אַ געבילדעטער מאַן!

איציק: האָק מיר ניט קײן ספּאָדיק, און אַ דאָקטאָר מײנסטו קען ניט זײַן קײן חזיר? ווי שטיפט ער מיט דיר? אַדרבה, זאָג.

מינקע: ער שטיפט... שטעלט מיך אָפּ מיט אַמאָל: „מינקע, וואָס איז בײַ אײַך אויפן אויג?" הויבט אויף מײַנע בײדע ברעמען און קוקט, קוקט מיר אין די אויגן אַרײַן, ביז ער צעלאַכט זיך. אָדער: „מינקע, וואָס איז דאָרטן בײַ אײַך אויפן נאַקן?" מײַן איך דאָך, אַז עפּעס האָט דאָרט בײַ מיר אַרויסגע־שלאָגן, ערשט גאָרנישט. ער׳ט מיר גאָר אַ גלעט געטאָן מיטן האַנט איבערן נאַקן, און זיך צעלאַכט. נו, וואָס איז דאָ אַזוינס?

איציק: און איך זאָג דיר, מינקע, אַז דו זאָלסט זיך היטן. וואָרים אָט די קאָמערציע הייבט זיך אָן מיט אַ לאָך, און עס ענדיקט זיך מיט אַן אָך. פרעג מיך.

מינקע: ניט ביי מינקען! דו קענסט זיך שוין פאַרלאָזן אויף איר... דו זעסט אָט אַ דאָס? (ציט אויס צו אים דעם אָרעם) טו אַ טאַפּ איציק. פיל אָט דאָס קישעלע! (טאַפּט זיך דעם מוסקול) זעסט אַ מאָסל, האַרט ווי אייזן! אַז מען איז אַ חזיר, איז אַ הויב דעם מאָסל, און אַ כמאַל אין מאָרדע אַריין, אַז די ציין זאָלן טרעסטשען!

איציק: דעם דאָקטאָר פונדעסטוועגן וועסטו ניט האָבן די העזה.

מינקע: דער דאָקטאָר איז ניט קיין חזיר. אָבער זאָלן מיר בעסער רעדן וועגן אונדזער זאַך. איציק, איך האָב עפּעס פאַר דיר!

איציק: האָסט עפּעס פאַר מיר? וואָס?

מינקע: (שלעפּט אַרויס פון אונטערן בוזים אַ ליפלעט) אָט דאָס, אַ! און איצט וועסטו ניט האָבן מער קיינע תירוצים.

איציק: (נעמט דעם ליפלעט) וואָס איז דאָס?

מינקע: לייען.

איציק: (לעזט) „פאַר מענער און פרויען: וואָס צו גע..גע..ברויכן... (ברעכט זיך אונטער) וואָס איז דאָס? וואו האָסטו דאָס גענומען?

מינקע: אויס קינדער! דאַרפסט מער ניט מורא האָבן. מיין קוזינע עטל האָט עס מיר נעכטן געגעבן.

איציק: דיין פעטער פּיוולס מיידל? וואו האָט זי דאָס גענומען? זי איז דאָך נאָך גאָר אַ קינד... ווי קומט עס צו איר?

מינקע: איך האָב זיך אויך דערשראָקן, אַז איך האָב איבערגעלייענט. איך האָב געמיינט אַז מסתמא האָט עס איר געגעבן איינער פון די וואוילע באַיעס! ווי איז מיר זאָג איך: „עטל, ווער האָט עס דיר געגעבן? סטייטש, אַ מיידל פון זיבעצן יאָר, זאָל זיך אַרומטראָגן מיט אַזוינע זאַכן?" זאָגט זי מיר, אַז זי איז געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג, און דאָרט האָט מיין פריערדיקע מאַדאַם, דעם דאָקטאָרס גע׳גט׳ע ווייב, און נאָך אַנדערע געבילדעטע פרויען, גערעדט וועגן דעם, און אַלע וואָס זיינען דאָרט געווען, האָבן געקראָגן אָט אַזוינע געדרוקטע פּייפּערלעך... האָב איך מיר דעמאָלט געטראַכט, אַז געבילדעטע פרויען טוען דאָס מסתמא... איך ווייס?... סיי־ווי־סיי... אַזוי ווי גאָט אַליין וואָלט אונדז צוגעשיקט, איציק. און איצט וועסטו שוין ניט האָבן מער קיין תירוצים.

איציק: (אַריינקוקנדיק אין דעם ליפלעט, און קראַצנדיק זיך דעם קאָפּ) מאָמע! מאַ־מע! גאַנצע עשרת הדברות פאַר דעם! איך גלויב ניט, אַז זי האָט עס געקראָגן אויף אַ פאַרזאַמלונג. זי האָט דיר געבלאָפט. מסתמא האָט עס איר אַ ריכטיקער חברה־מאַן געגעבן, איינער פון יענע... יו נאָו! איך וועל עס ביי דיר צונעמען.

מינקע: אַ מכה! דאַרפסט עס מסתמא פאַר סערקעלען, האַ?

איציק: (לאַכט) כאַ! כאַ! כאַ! דו דאַרפסט עס ניט האַלטן ביי זיך. ניט שיין.

מינקע: נעווער מיינד! (רייסט עס ביי אים אַרויס און באַהאַלט עס אונ־טערן בוזים)

איציק: (קראַצט זיך דעם קאָפּ) וואו נעמט מען עפּעס אַזאַ, האַ? מינקע, גיב אַהער, איך האָב עס געוואָלט עמעצן ווייזן, האָבן אַביסעלע פּאַן!

מינקע: שאַרלאַטאַן דו, ווייניק פאַן האָסטו מיט מיר? צאַפּסט מיר די עצמות, צאַפּסט, צאַפּסט ביז וואַנען איך וועל טאַקע פאָלגן דעם פּעטער פּיוולען און וועל דיך אַרויסרייסן פון האַרצן ,פון קאָפּ... גיי אין דער ערד אַריין און אַ סוף. וואַרט, וואַרט! דער פעטער פּיוול זוכט דיך. אַז אַך און ווי וועט זיין צו דיין קאָפּ, ווען ער וועט דיך טרעפן.

איציק: איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז מיר וועלן האָבן חתונה, וואָס ווילסטו נאָך? און פאַר דיין פּעטער פּיוול האָב איך קיין מורא ניט. ניט קיין גובערנאַטאָר. אַ בוטשער ווי איך. איך וועל מיט דיר חתונה האָבן אָן זיינע סטראַשונקעס.

מינקע: ווען, ווען, רוצח? ווען, גזלן? דו האָסט פריער גע׳טענה׳ט: נאָך עטלעכע חדשים. זענען שוין אַוועק נאָך עטלעכע חדשים אויך. האָסט מורא פאַר קינדער? האָט גאָט צוגעשיקט אָט דעם פּייפער׳ל אויך. איז שוין איצט אויס קינדער אויך. טאָ מאַך־זשע אַ סוף, האָב חתונה און ווער דער־שטיקט. (מען קלינגט) מסתמא דער דאָקטאָר. נעם אַרונטער די העט. (דריקט אָפּ דעם קנאָפּ ביי דער וואַנט)

איציק: אַרונטערגענומען דעם הוט, עפנט די טיר רעכטס) ניין, ניט דער דאָקטאָר, דאָס איז דיין פעטער פּיוול. מיסטער בינדזשוק, דאָ איז מינקע, דאָ.

(פּיוול בינדזשוק, אַ איד פון אַ יאָר פופציק, מיט אַ רויטער באָרד און רויטע אויגן, אין אַן אַלטן ווינטערדיקן ראָק).

פּיוול: אַהאַ, דער בוטשערוק איז אויך דאָ? אַ גוטן איוונינג. קאַלט! (רייבט זיך די הענט) נו? וואָס הערט זיך עפּעס? זייט איר שוין געקומען צו אַ טאָלק? קומט אייך שוין אפשר אַ מזל טוב? צי נאָך אַלץ געדרייט אַ ספּאָ־דעק, האַ?

מינקע: אַזוי גיך קומט מען מיט אים צו אַ טאָלק? אוי, פּעטערקע, איך האָב שוין קיין כח ניט.

פּיוול: האָב איך אָבער כח! הער נאַר, דו אַמעריקאַנער בוטשערוק דו, איך זוך דיך. איך וויל מיט דיר אַ טענה טאָן. מיר וועסטו ניט דרייען קיין ספּאָדעק, דו לויפער דו!

איציק: וואָס זידלט איר זיך?

פּיוול: ווייל זי איז מיינע אַ פּלימעניצע, אַ יתומה. איך ברעך דיר אויס אַ פוס!

מינקע: שאַ, שאַ, קאָכט זיך ניט אַזוי, פּעטער, און זידלט אים ניט. פאַר־וואָס זידלט איר אים?

פייוול: פאַרוואָס? דו ווייסט, פאַרוואָס, דו לויפּערקע, ווייל איך האָב מורא, אַז סוף כל סוף וועסטו מיר די גאַנצע משפחה פאַרפּאַסקודען. (טוט אַ כאַפּ איציקן ביים אַקסל) אַהער בוטשערוק, וואָס האָסטו צו איר, האַ?

איציק: וואָס בינדט איר זיך צו מיר?

פייוול: וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מינקען? ווען וועסטו מיט איר חתונה האָבן?

איציק: איך האָב שוין איר איצט געזאָגט אַז באַלד.

פייוול: שוין מער ווי אַ יאָר אַז דו זאָגסט עס איר. איך גלויב דיר ניט.

איציק: איצט וועל איך זיכער חתונה האָבן.

פייוול: ווען?

איציק: לאָזט איין מיין אַקסל!

פייוול: איך ברעך דיר אים אויס סיידן דו גיסט מיר אַ תקיעת כף, אַז דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט, האָט ניט אַ הונט געבולן.

מינקע: פּעטער, לאָזט איין איציקן.

פייוול: דו מיש זיך ניט. אַז איך האַלט אים אין מיינע הענט, וועל איך פון אים מאַכן אָדער אַ חתן, אָדער אַ בר מינן.

איציק: לאָזט מיך אָפּ, איך בין דאָך שטאַרקער פון אייך!

פייוול: וואָס? דו ביסט שטאַרקער פון מיר? כאַ! כאַ! כאַ! דו שנעק! גרעסערע אָקסן פון דיר האָב איך אויף מיין לעבן מיט דער האַנט... (טוט אים אַ דריק דעם אַקסל)

איציק: (בויגט זיך צענויף אונטער זיין מעכטיקן דרוק מיט אַ פאַר־קרימט פּנים) אוי... לאָזט!... לאָזט!... מיסטער בינדזשוק.

פייוול: שטאַרקער? דו אַמעריקאַנער בוטשערוק, דו ביסט שטאַרקער פון אַ היימישן קצב? מיט איין שפּיי דער׳הרג׳ע איך דאָך דיך!

איציק: מיסטער בינדזשוק, אָבער גענוג!

מינקע: פּעטער, איר וועט אים נאָך מאַכן פאַר אַ קאַליקע.

פייוול: מינקע, אָדער אַ חתן, אָדער אַ בר מינן. ער וועט מיר ניט פאַר־פּאַסקודען מיין משפּחה. נו, ווען גייסטו מיט איר חתונה האָבן?

איציק: ווען ווילט איר?

פייוול: אין אַ חודש אַרום!

איציק: אין אַ חודש אַרום.

פייוול: גיב אַ תקיעת כף.

איציק: (גיט אים אַ האַנט) אָלל־רייט.

פייוול: (לאָזט אים אָפּ) געדענק־זשע, בוטשערוק, איצט האָסטו מיט מיר גערעדט. אַ חתונה, כדת... מיטן ריכטיקן קנאַק! אין אַ האַלל, מיט כלי זמר, און מיט טענץ, און מיט קערעדזשעס... פאַר דעם האַלל מיט כלי זמר און די קע־רעדזשעס, באַצאָל איך — אַ פּלימעניצע, אַ יתומה אין דער ערד אַריין.

איציק: אָלל־רייט. דאָס איז שוין געסעטלט. (טאַפּט זיך דעם אַקסל) צי האָט איר מיר ניט איבערגעבראָכן אַ ביין?

פּיוול: דערווײַלע נאָך ניט. נאָר טאָמער האָסטו איצט געבולן, וועל איך דיר צעברעכן ניט איין ביין. אַ היימישער קצב לאָזט זיך ניט דרייען אַ ספּאָדעק.

מינקע: (גייט צו צו איציקן) ס׳טוט דיר ווי, איציק?

איציק: (מיט אַ געמאַכטער העלדישקייט) ווייס איך... איך שפּאַס... עס טוט ניט ווי... עס טוט ניט... עס (רייבט זיך דעם אַקסל) וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן? מיר גייען היינט אין טריאייטער. איך האָב שוין די טיקעטס. טו זיך דאָ אָן. זייגער אַכט וועל איך קומען נאָך דיר (רייבט זיך ווידער דעם אַקסל) וועל? דערווײַלע גוד ביי.

פּיוול: איציק! דו גייסט איצט אַהיים?

איציק: יאָ.

פּיוול: פאַרגיי דאָרט אין דראַג־סטאָר און קויף זיך פּאָר עטלעכע סענט נאַשאַטירנעם ספּיריט, און רייב זיך גוט אויס דעם אקסל.

איציק: נעווער מיין. גוד ביי.

מינקע: גוד ביי איציק, איך וועל אויף דיר וואַרטן.

פּיוול: גוד ביי, טראָג געזונטערהייט. (איציק אָפּ רעכטס) כאַ! כאַ! כאַ! אַ היימישער קצב און אַן אַמעריקאַנער בוטשער, האַ? אָט ווי אַ קעלבל קעגן אַן אָקס.

מינקע: אוי פּעטער, עס איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך. איציקן, דאַנקען גאָט, פעלט אויך ניט קיין כח. ער קען אויך געבן אַזאַ קוועטש, אַז די ביינער זאָלן טרעסקעטשען. נאָר גאָר ניט, ער האָט דרך ארץ פאַר אייער באָרד.

פּיוול: זיי ניט קיין בהמה. דרך ארץ האָט ער ניט פאַר מיין באָרד, נאָר פאַר מיינע הענט. ער וועט זיי איצט פילן אין אַלע זיינע ביינער. דערפאַר טאַקע וועט ער מיט דיר איצט חתונה האָבן. אָבער זאָל זיין געגנוג וועגן דעם. איך האָב קיין צייט ניט. ווייסט דאָך וועגן וואָס איך בין געקומען. נו, האָסטו דאָס געלט?

מינקע: איך האָב גאָר פאַרגעסן צו נעמען ביים דאָקטאָר.

פּיוול: מעג אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין. איציק ליגט דיר אין זינען, ניט דיין מאַמע.

מינקע: איר זייט גערעכט, פעטער. ס׳האָט ניט געדאַרפט זיין אַזוי. דערפאַר וועל איך דאָס מאָל שיקן דער מאַמען, מיט אַ פּאָר דאָלער מער.

פּיוול: סטייטש אַ מאַמע... אַ מאַמע איז דאָך אַ מאַמע. ווען ניט זי, וואָלסטו דאָך גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. דאָס לעצטע העמד דאַרף מען פאַרזעצן פאַר אַ מאַמען. בפרט נאָך אין דער איצטיקער צייט פון דער מלחמה. וויפיל וועסטו איר שיקן?

מינקע: צען דאָלער.

פּיוול: וועט זי דאָרט קריגן אַ צוואַנציק רובל. גוט. איך וועל נאָך דער־לייגן אַ פּאָר דאָלער, אַ לייבלעכע שוועסטער אין דער ערד אַריין. זאָל זי דאָרטן קריגן אַ פינף און צוואַנציק רובל.

מינקע: פעטערקע, איר וועט אַזוי גוט זיין און קומען אַ ביסעלע שפּעטער, וועל איך נעמען ביים דאָקטאָר דאָס געלט.

פּיוול: גוט. איך וועל קומען. צוליב דעם וועל איך אפילו צען מאָל קומען. ווען ניט דו וואָלט איך איר אַליין געשיקט. וואָס קען מען העלפן? אַ לייבלעכע שוועסטער אין דער ערד אַריין. און שרייב איר אָן אַ בריוו, אַז אין אַ חודש אַרום וועסטו חתונה האָבן, כדת. און אַז דיין פעטער פּיוול וועט דיך פירן צו דער חופּה, און אַז ער לאָזט זיך קאָסטן אַ פּאָר דאָלער. ער וועט הלילה ניט לאָזן פאַרפאַסקודען זיין משפּחה. און אַז דער חתן איז אַן אַמעריקאַנער בוטשער, איך מיין אַ קצב, אַ באַי מיט אַלע מעלות. אַזאַ מזל אויף אים. אָבער שרייב איר אַז מיט אַלע מעלות.זאָל זי האָבן דאָרטן אַ ביסל נחת. גוד ביי. איך וועל שפּעטער קומען (אָפּ רעכטס)

מינקע: גוד ביי פּעטערקע!... (פּויזע. בלייבט שטיין אַ ווײַלע פאַרטראַכט. דערנאָך טוט זי זיך פּלוצים אַ כאַפּ מיט דער העכסטער פריידׂ) אוי, מאַמע, איך גיי חתונה האָבן! (טאַנצט אונטער) איך גיי חתונה האָבן! חתונה האָבן מיט איציקן! (כאַפּט אַ סערוועטע, דעקט דעם טיש און זינגט דערביי אַ לידל. די טיר רעכטס עפנט זיך שטיל, און דר. רובין אין אַ פוטער מיט אַ סעטשל אין דער האַנט, ערשיינט. ער בלייבט שטיין שטיל, קוקט אויף איר און הערט זיך צו צו איר זינגען מיט אַ שמייכל. זי באַמערקט אים ניט. ביז זי האָט געענדיקט דאָס לידל)

דר. רובין: בראַוואָ! (אַפּלאָדירט)

מינקע: אוי, דאָקטאָר, איך האָב גאָר ניט געהערט ווי איר זייט אַריין! (פאַרשעמט זיך און שטעלט אויס דאָס געשיר אויפן טיש)

דר. רובין: (אויסטוענדיק דעם פוטער) איך מוז זיך אויסלערנען דאָס לידל, עס געפעלט מיר אַזוי, באַזונדערס ווען איר זינגט עס...

מינקע: מען זינגט עס אין טריאייטער...

דר. רובין: (אויפגעהאַנגען דעם פוטער און הוט) אַנו? ווי זינגט זיך דאָס? אַנו, נאָך אַמאָל! פאַנגט אָן!

מינקע: אוי, דאָקטאָר, לאַכט ניט פון מיר. בעסער זעצט זיך אַוועק עסן. די בלינצעס וועלן קאַליע ווערן.

דר. רובין: אַפּריער זינגט. נאָך דעם לידל וועלן די בלינצעס האָבן אַלע טעמים. (גייט צו צו איר און נעמט זי אָן ביים אָרעם) נו, מינקע?...

מינקע: (לאַכט פאַרשעמט) אי, גייט, דאָקטאָר, איך שעם זיך!...

דר. רובין: פאַר אַ דאָקטאָר שעמט מען זיך ניט... נו, מינקע? גוט, איך וועל אָנפאַנגען... (פאַנגט אָן צו זינגען, האַלטנדיק זי ביים אָרעם און אַריינקוקנדיק איר אין די אויגן)

מינקע: (לאָזט אַרונטער די אויגן) פון וואַנען קענט איר דאָס? פון׳ם טריאייטער?...

דר. רובין: איך האָב געהערט ווי איר האָט עס געזונגען עטלעכע מאָל, האָב איך זיך דאָס אויסגעלערנט. נו, מינקע, זינגט מיט מיר, אָבער ריכטיק.

מיט פייער, ניט געשעמט זיך, אַזוי ווי איך וואָלט דערביי ניט געווען! איר הערט? אַניט וועל איך די בלינצעס היינט ניט עסן!...

מינקע: דאָקטאָר, איר מיינט טאַקע אויפן רעכטן אמת, איך זאָל זינגען? אָל־רייט. ביי מיר האָט איר עס גע׳פועל׳ט. מיר אַליין ווילט זיך איצט אויך זינגען. (הוסט זיך אויס, פאַנגט אָן צו זינגען און צעלאַכט זיך)

דר. רובין: נו?... (דאַן זינגען זיי דאָס לידלביידע)

מינקע: (נאָכן זינגען) און איצט דאָקטאָר, זעצט זיך צום טיש, איך דערלאַנג אייך עסן.

דר. רובין (זעצנדיק זיך) מינקע, איר זעצט זיך היינט אויך דאָ עסן!

מינקע: אַווּאַ? וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס?

דר. רובין: מיר איז אומעטיק אַליין צו זיצע ביים טיש...

מינקע אַווּאַ? וואָס עפּעס מיט אַמאָל? שוין אַ פּיר חדשים ווי איר זיצט אַליין ביים טיש און עס איז אייך גאָר ניט אומעטיק און היינט מיט אַמאָל...

דר. רובין: מיר איז די גאַנצע צייט געווען אומעטיק, מינקע, און אַ סך מאָל האָב איך געוואָלט בעטן, איר זאָט זיך זעצן ביים טיש מיט מיר...

מינקע: דאָקטאָר, זייט ניט קיין שטיפער... און אַז אַך און ווי וואָלט מיר געווען, אַז איך זאָל זיצן מיט אייך ביי איין טיש, דעמאָלט וואָלט איך זיך מעגן באַגראָבן!...

דר. רובין: פאַרוואָס, מינקע?

מינקע: פאַר דעם דאָקטאָר. (לאַכט) קיין צו גרויסער נאַר בין איך ניט. ווען אַ דינסט מיידל איז אַזאַ נאַענטע מחותנ׳עסטע מיט אַ דאָקטאָר, דאָס זי זיצט שוין מיט אים ביי איין טיש, מעג זי טאַקע דער׳הרג׳עט ווערן!... איך טראָג אייך אַריין די בלינצעס!!.. (אָפּ לינקס)

דר. רובין: (באַגלייט זי מיט די אויגן. פאַר זיך) די געזונטהייט אַליין! (הויבט זיך אויף פונם אָרט און גייט דורך דאָס צימער און צופּט פאַרטראַכט דאָס בערדל)

(מינקע אַריין מיט צוויי טעלער)

מינקע: אַוועקגעשטעלט אויפן טיש) טונקט איין קרים און עסט, וועט איר הנאה האָבן!

דר. רובין: (עסנדיק) אַ, פיין! פיין! וואו האָט איר זיך אויסגעלערנט צו מאַכן אַזוי גוט אָט די אַלע מאכלים?

מינקע אַ דאגה אייך. עסט געזונטערהייד און זאָל איך וואויל באַקומען... אַבי איר זייט צופרידן!...

דר. רובין: איך בין מיט אייך נאָך מער ווי צופרידן, מינקע, זייט איר זייט געוואָרן דאָ די בעל־הבית׳טע האָב איך זיך גענומען פילן גאָר אַ נייער מענטש. אין הויז די בעסטע אָרדנונג; דאָס עסן אימער אין צייט; וועש דערלאַנגט מען מיר מיט באַטענס; זאָקן ריינע און גאַנצע. איך האָב גאָר אָפּגעלעבט!...

מינקע: איך אויך דאָקטאָר, איך בין אַזוי צופרידן, וואָס איר זייט צופרידן!... איר זאָלט נאָר ווערן אויס שטיפער!..

דר. רובין: וואָס מיינט איר?...

מינקע: איך מיין... איר ווייסט, וואָס איך מיין. איר קוקט אויף מיר מיט אַזוי מאָדנע אויגן... איר טוט מיך אַמאָל אַ גלעט, און אָט איצט, האָט איר גאָר געוואָלט, איך זאָל זיך זעצן מיט אייך ביים טיש...

דר. רובין: (לאַכט) אָבער וואָס קען איך העלפן, אַז איר געפעלט מיר אַזוי? געזונט און פריש, טראָגט זיך ניט אַרום מיט דעם וועלט־שמערץ אינם האַרצן, גייט ניט ראַטעווען די מענשהייט. איאָ, מינקע? (הייבט זיך אויף)

מינקע: וואָס רעדט איר? איך פאַרשטיי אייך ניט...

דר. רובין: עס איז גוט, וואָס איר פאַרשטייט עס ניט. דערפאַר געפעלט איר מיר דאָך אַזוי! זאָלן זיך יענע מיט דעם אַרומטראָגן, די נערוועזע, היס־טערישע ווייבער, וואָס פאַרביטערן אַזוי דאָס לעבן אי זיך, אי די אַנדערע. איר אָבער, מינקע, זינגט ווייטער אייערע איינפאַכע, פשוטע לידער, איר זייט דער אמת׳ער ניט פאַרפעלשטער קוואַל אינם לעבן! (נעמט זי פּלוצים אַרום)

מינקע: (קוקט אים אָן אַפּריער צעטומלט, מיט שרעק) דאָקטאָר! (טוט זיך אַ ריס פון אים און צעוויינט זיך)

דר. רובין: (אויך צעמישט) נו, וואָס וויינט איר, מינקע?... איך... איך... ווייס ניט וואָס צו זאָגן. (קוקט אויף איר און שמייכלט צעטומלט)

מינקע: איך האָב זיך עס אויף אייך ניט געריכט... זע איך אויס אַזאַ האַ? זע איך אויס אַזאַ?...

דר. רובין: וואָס מיינט איר?

מינקע: איך בין אַזאַ אָרענטלעכע מיידל, ווי אַלע אָרענטלעכע. איך בין ניט געבאָרן הינטער אַ פּלויט, אַ טאַטע־מאַמעס אַ קינד בין איך. און אַז אַך און ווי וואָלט אייך געווען, ווען איר וואָלט געווען אַן אַנדערער, ניט קיין דאָקטאָר... פרעגט אָט יענעם פּעמפּיק, וואו איך בין געווען אויפן פּלייס, איי־דער איך בין צו אייך אָנגעקומען. ער געדענקט נאָך דאָרטן דעם כמאָל וואָס ער האָט פון מיר געקראָגן אין פּיסק אַריין, בעת ער איז איינמאָל געווען אַ חזיר... דאָקטאָר... דאָקטאָר. בעסער הערט אויף די חזיר׳שע ביזנעס, אַניט, האָב איך זייער מורא... איר קענט מיר ניט, דאָקטאָר... איך קען דערלאַנגען אַזאַ כמאָל, אַז די ציינער זאָלן טרעשעצן!...

דר. רובין: (שמייכלט) און ווען איך מיין ניט קיין שלעכטס, מינקע?

מינקע: וואָס דען, איר טוט עס ווייל איר זייט אַ צדיק?

דר. רובין: ווען איך מיין ערנסט... (מען קלינגט) ווער קומט דאָרט איצט, צום טייפל!... זאָל מען קלינגען, עפנט ניט די טיר, מינקע!...

מינקע: אַווּאַ? ניט עפענען די טיר? איך פאַרשטיי, וואָס איר מיינט, דאָקטאָר! איך וועל עפענען די טיר, און בעסער, דאָקטאָר, בעסער... (אָפּ) (מינקע קומט אַריין)

דר. רובין: ווער איז דאָרט?

מינקע: דער אַלטער דאָקטאָר. (נעמט צו פונם טיש) דאָקטאָר, איך גיי היינט אַוועק פון אייך... מער ווי דעם חודש וואָלט איך סיי־ווי־סיי ביי אייך ניט געשטאַנען...

דר. רובין: וואָס הייסט איר גייט היינט אַוועק?

מינקע: ווייל איר זייט געוואָרן אַזוי... איך האָב מורא פאַר אייך...

דר. רובין: איר דאַרפט ניט מורא האָבן, מינקע. איך גיב אייך מיין עהרנוואָרט...

מינקע: טאָ געדענקט־זשע, דאָקטאָר, אַניט וועל איך אויך זיין אַ חזיר קעגן אייך. (מען קלאַפּט אין דער טיר רעכטס) קאָם אין! (אָפּ מיט די טעלער לינקס)

(דר. רייכמאַן קומט אַריין)

דר. רייכמאַן: העלאָ, איך האָב געמיינט אַז דו ביזט אינם אָפּיס... וואָס מאַכסטו וואָלאָדיאַ?

דר. רובין: מינקע האָט אייך גאָרניט געזאָגט, אַז איך בין דאָ?...

דר. רייכמאַן: זי האָט מיר גאָרנישט געזאָגט.

דר. רובין: אָ, זייער גוט, זייער גוט!...

דר. רייכמאַן: מען זעט דיך גאָר ניט אָן. אַז דו האָסט זיך גע׳גט מיט ליזאַ׳ן, דאַרפסטו מיט מיר אויך זיין ברוגז? פון דיר, וואָלאָדיאַ, האָב איך עס גאָר ניט ערוואָרטעט. אַלטע פריינט.

דר. רובין: מיט אייך בין איך ניט ברוגז. איך בין אייך דער זעלביקער פריינט ווי פריער. איך קום איצטער ניט צו אייך, ווייל, ערשטנס, איז מיר איצט זייער אנגענעם צו זיצן אין דער היים, און צווייטנס... וועל... איר פאַרשטייט ווארום איך קען ניט גיין צו אייך...

דר. רייכמאַן: צוליב ליזאַ׳ן?..

דר. רובין: יאָ, צוליב איר. איך וואָלט אויסגעמיטן אפילו די סטריט, וואו זי גייט, ווען איך וואָלט נאָר געקענט...

דר. רייכמאַן: פוי, שעם זיך, וואָלאָדיאַ. אַן אינטעליגענטער מענטש האָט ניט געטאָרט אַזוי פילן צו אַ פרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך צעשיידט, ניט מחמת זי איז אים געווען אומטריי, אים באַטראָגן, נאָר צוליב אירע אידייען. זאָל זיין, אַז די אידייען זיינען נאַריש, אָבער אַן אינטעליגענטער מענטש דאַרף זיין טאָלעראַנט אַפילו צום צווייטנס נאַרישע אידייען...

דר. רובין: דאָקטאָר...

דר. רייכמאַן: (ברעכט אונטער) רוף מיך ניט „דאָקטאָר״! אָנקל! אַזוי רוף מיך ווייטער. איך וויל זיין דיינער אָן אָנקל. און טו מיר עפּעס?

דר. רובין: איך וועל אייך צוליב טאָן, און אייך רופן „אָנקל״! טוט מיר אָבער אויך צוליב און דערמאָנט מיר ניט אייער פלימעניצע...

דר. רייכמאַן: אַזוי בייז ביסטו אויף איר?

דר. רובין: איר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, ווי איך קוק היינט אויף אַזעלכע פרויען. זיי זיינען דאָס גרעסטע אומגליק אינם לעבן. די לעצטע צייט האָב איך זיך צוגעקוקט מיט אָפענע אויגן צו מאַנכע פון מיינע באַקאַנטע אינטעליגענטקעס.. קיין אמת געזונטע, גליקלעכע פרוי, האָב איך צווישן זיי ניט געטראָפן. די שפּיט מיט וועלט־שמערץ, יענע מיט שלעכט־פאַרדייטע פראַזן, אַ דריטע קעמפט פאַר פרויען־רעכט, און דווקא מיט אַ היסטעריקע,

און פריער פאַר אַלעם ביי זיך אין דער היים קעגן איר אייגענעם נאַרישן מאַן, פאַרשטייט זיך. אַ פּערטע איז סתּם ניט צופרידן, ניט מיט דער וועלט, ניט מיטן לעבן, ניט מיט איר מאַן, ניט מיט אירע פריינד, ני מיט אירע באַקאַנטע, ניט מיט אירע שכנות, — וואָס וויל זי? זי ווייסט אַליין ניט... היינט היסטע־ריש... מאַי! צעדרייטע, צעריסענע נערוון, באַלד עפּעס — טר־אַק־טראַק־טראַק! טראַק! אַרויסגעשאָסן דעם קוויטש אויף דער העכסטער אָקטאַווע! הענגען זאָלן זיך אַלע מענער, וואָס האַלטן זיך מיט אַזוינע פרויען!...

דר. רייכמאַן: (דריקט מיט די אַקסלען) מיין גאָט, ווי שוואַרץ, וואַלאַדיאַ, דו זעסט איצט די פרויען! אי! אי! אי! אויב אַזוי וועסטו דאָך ניט קענען נאָך אַמאָל חתונה האָבן!

דר. רובין: אויב איך וועל אַמאָל חתונה האָבן, איז נאָר מיט אַ פּשוטער פרוי. אַזאַ איז געזונט אי מיט איר נשמה, אי מיט איר קערפּער. זי ווייסט ניט פון קיינע פראַזן און קיין וועלט־שמערץ. האָט זי חתונה, ווייסט זי אַז זי דאַרף זיין אַ גוטע ווייב, אַ גוטע בעל הבית׳טע, אַ גוטע מאַמע, אָט מיט אַזאַ וועל איך חתונה האָבן, אויב מיר וועט נאָר געלינגען.

דר: רייכמאַן: יאַ! כאַ! כאַ! משוגע אויף טויט!

דר. רובין: אָט, איר וועט שוין זען! איר וועט שוין אַלע זען, אַז גליק־לעך, אמת גליקלעך קען מען זיין נאָר מיט אַ פּשוטער געזונטער פרוי!... איך וועל עס אייך אַלעמען איבערצייגן!..

דר. רייכמאַן: כאַ! כאַ! כאַ! דו וועסט קענען לעבן מיט אַ פרוי אָן בילדונג?...

דר. רובין: בעסער אַ פרוי אָן בילדונג, ווי בילדונג אָן אַ פרוי, ווי אייער פלימעניצע איז! איך וויל האָבן אַ פרוי. איך בין איר מוחל איר הויכע ביל־דונג. און ווען איך ליב זי, זאָל איך ניט דאַרפן אַרויסשטעלן אַ פייג דער נאַטור. איך וויל האָבן עסן, איך וויל האָבן גאַנצע זאָקן, באַטאַנס זאָלן זיין אָנגענייט און קיינע פּרעטענזיעס אויף פרייער פרייהייט. פאַר פראַזן און אַנדערע הויכע ענינים שטייען ביי מיר דאָרט אינם אָפּיס פיר גרויסע שאַפעס אָנגעשטאָפּט מיט ביכער. איר פאַרשטייט?...

דר. רייכמאַן: יאָ, יאָ. איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי, אַז דו ביסט פאַר־ריקט מיין קינד... וועל, איך רעכן אָבער, אַז אין גאַנצן פונם זינען ביסטו נאָך ניט אַרונטער. האָסטו געפונען דאָס קעסטעלע מיט דזשולערי?...

דר. רובין: ניין. איך האָב עס ווידער נעכטן געזוכט, ניט געפונען.

דר. רייכמאַן: ליזא וויל קומען דאָס אויפזוכן.

דר. רובין: דאָס ניט. איך בין מוחל די דזשולערי און איך וויל ניט זי זאָל אַריבערטרעטן מיין שוועל...

דר. רייכמאַן: זי האָט דאָס מיך איצט וועגן דעם געשיקט אַהער. זי וויל ניט אַז עס זאָל זיין דער מינדעסטער פאַרדאַכט, אַז די דזשולערי האָט זי מיט זיך גענומען. דו ווייסט, אַז זי איז אַוועק פון דיר ניט נעמענדיק אפילו אַ

פאַדים פון דיין הויז? איך פאָדער עס אויך פון דיר, וואָלאָדיאַ! איך וויל אויך ניט, אַז דו זאָלסט אויף אַ מאָמענט דענקען... אָבוואָל זי האָט געהאַט אַ רעכט צו נעמען דיינע פּרעזענטן...

דר. רובין: זאָג איך דען, אַז זי האָט די דזשולערי מיט זיך גענומען?...

דר. רייכמאַן: דו זאָגסט עס ניט, נאָר אַזאַ פּראַקטישער מענטש ווי דו ביסט געוואָרן, קען ביי זיך טראַכטן...

דר. רובין: (ווי מיט צולהכעיס) אָלל־רייט! איך בין אַ פּראַקטישער מענטש געוואָרן! אַ פּראַקטישער מענטש! זאָל זי קומען און אויפזוכן די דזשולערי! עס וועט מיר צונוץ קומען. איך גיי אַרונטער אין אָפיס און זאָל זי דאָ קומען...

דר. רייכמאַן: (גייט צו צום טעלעפאָן) אָרטשאַרד אַ־אַ פאָר... העל־לאָ? ליזאַ? דו קענסט קומען. דו קומסט גלייך?... יעס. איך וועל וואַרטן אויף דיר! (לאָזט אַרונטער דעם רעסיווער)

דר. רובין: זי קומט גלייך?

דר. רייכמאַן: גלייך.

דר. רובין: דאַן גיי איך!

דר. רייכמאַן: וואַרט. זאָל זי אַפריער אָנקלינגען, דאַן וועסטו קענען אַרונטערגיין אין אָפיס. וואָלאָדיאַ, פונדסעטוועגן, האָסטו געמעגט אַמאָל אַריינ־קומען. דו ביסט דאָך געגאַנגען צו מיר, איידער דו האָסט מיט ליזאַ׳ן חתונה געהאַט, מעגסטו צו מיר קומען, ווען דו האָסט זיך מיט איר גע׳גט...

דר. רובין: ניין. בעסער קומט איר צו מיר.

דר. רייכמאַן: דאָס דאַרפסטו מיך ניט בעטן. ניט געבעטענערהייט וועל איך צו דיר קומען. אַלטע פריינטשאַפט זשאַווערט ניט ביי מיר!... אָבער דו קום אויך צו מיר. מיר וועלן קענען זיצן אונטן אין אָפיס און ליזאַ וועט זיין אָפּסטערז.

דר. רובין: ניין. (מען קלינגט) זי! וועל, גוד ביי! טאָמער וועט איר מיך וועלן האָבן, בין איך אינעם אָפיס! (אָפּ שנעל רעכטס)

דר. רייכמאַן: נו, נו!... (שאָקלט מיטן קאָפּ און אָפּ רעכטס)

(מינקע קומט אַריין פון לינקס, אָן אויסגעפּוצטע, שטעלט זיך קעגן שפּיגל פון דער ביוראָ, פאַרריכט דאָס קלייד אַרום זיך, און זינגט דערביי עפּעס. מען קלינגט אין דער טיר רעכטס)

מינקע: קאָם אין!

(ליזאַ, איינפאַך אָנגעטאָן, מיט אַ שלייער איבערן פּנים, און דר. רייכמאַן קומען אַריין)

ליזאַ: (מיט אַ פאַרשטיקטער אויפרעגונג) גוד איווינינג, מינקע!

מינקע: אַי, מאַמע! (בלייבט שטיין מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אויף איר)

ליזאַ: וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? (הויבט אויף דעם שלייער איבערן פּנים)

מינקע: איר?... מאַדאַמעניו... ווי... ווי... קומט איר?

ליזא: ווי איך קום אַהער? איך בין געקומען עפּעס אויפזוכן פאַר דעם דאָקטאָר. אַ באַקסל דזשולערי... האָט איר אפשר ניט געזען, ערגעץ אין דער ביוראָ, אַ דונקעלע באַקסל?...

מינקע: איך? ניין. דער דאָקטאָר האָט עטלעכע מאָל געזוכט אין דער ביוראָ...

ליזא: האָט ער אייך ניט געזאָגט וואָס ער זוכט?...

מינקע: שור. איך האָב אָבער געמיינט אַז דאָס איז אייער צירונג, האָט איר עס מיט זיך גענומען?...

ליזא: כאַ! כאַ! האָט דער דאָקטאָר אויך אַזוי געמיינט?

מינקע: איך ווייס ניט וואָס ער האָט געמיינט, ער האָט געזוכט...

ליזא: (שטיל, צו דר. רייכמאַן) זיכער מיינט ער, אַנקל...

מינקע: ווייסט דער דאָקטאָר, אַז איר זייט דאָ?

ליזא: יאָ, יאָ, איך האָב געקראָגן זיין ערלויבעניש, צו קומען אַהער. (דר. רייכמאַן זיפצט) וואָס זיפצט איר אַנקל? (טוט אויך אַ זיפץ)

דר. רייכמאַן: וואָס איך זיפץ? וואָס זיפצטו?

ליזא: וואָס חלום׳ט זיך אייך? איך זיפץ? כאַ! כאַ! מינקע, איר זעט אויס קיין עין הרע, אַזוי ווי אייך וואָלט צוגעקומען אַ 15 פונט. וויפיל דינערס און סאַפּערס קאָכט איר אַ טאָג פאַר דעם דאָקטאָר?

מינקע: איך קאָך גענוג, און דער דאָקטאָר האָט שוין קיין קרעמפּן אויך ניט. איר וואָלט אים נאָר אָנגעקוקט ווי אַזוי ער האָט זיך פּאַפּראַוועט. און ער גייט אַרום אין גאַנצע וועש און אין גאַנצע זאָקן, און אינם הויז זעט אויך אויס אַביסעלע אַנדערש. איר דאַרפט פון מיר ניט לאַכן, מאַדאַם. איידער מען זאָגט מבינות אויף אַן אַנדער פּנים, טוט מען אַ קוק אינם שפּיגל אויפן אייגענעם פּנים! יאָ! (אָפּ מיט אַ איראָנישן שמייכל אין טיר לינקס)

ליזא: (מיט אַ שמייכל) אַנקל, דאַכט זיך אַז איך האָב איצט געכאַפּט אַ גאָב!...

דר. רייכמאַן: דו האָסט עס כשר פאַרדינט... וואָס האָסטו זיך געדאַרפט אַנהייבן מיט איר?...

ליזא: איך ווייס אַליין ניט. נאָר מיר וואָלט זיך אַזוי געוואָלט איצט אַ לאַך טאָן, פון וואָלאַדיעץ. איך וואָלט געהאַט דעם גרעסטן פאַרגעניגן ווען איך זאָל אים קענען אַזוי ריכטיק אַריינקיבעצן!..

דר. רייכמאַן: דערוויילע האָסטו זיך אַליין ריכטיק אַריינגעקיבעצט!

ליזא: איך זיך אַליין? כאַ! כאַ! כאַ! אַ האָר ניט! איך בין צופרידן, פאָלקאָם צופרידן... פריי, קען טאָן וואָס איך וויל, קען גיין וואו איך וויל; קיינער באָסעוועט מיך ניט, קיינער האָט צו מיר ניט קיין פּרעטענזיעס...

דר. רייכמאַן: ליזא, דו דערמאָנסט מיך אָן דעם ווערטל: „אַ באַרימער איז גוט צו שלאָגן״. וואָס מער דו רעדסט אַז דו ביסט צופרידן, אַלץ קלאָרער ווערט מיר אַז דו ביסט גאָר ניט צופרידן!..

ליזא: וועל, איר האָט אַ טעות, אַנקל! (קוקט זיך אַרום) מיין בילד איז שוין ניטאָ... דאָס מעבל איז אויך איבערגעשטעלט, איבערגעדרייט... מערק־

ווירדיק... דאַכט זיך דאָס אייגענע הויז, דאָס אייגענע מעבל, וואָס איך האָב אַליין איינגעקויפט, און אַזוי פרעמד! (טוט זיך אַ כאַפּ) אָבער וואו האָב איך אַוועקגעלייגט די באַקסל דזשולערי? איך געדענק גאָר ניט!

דר. רייכמאַן: דאָס באַווייזט וואָס פאַר אַ בעל הבית'טע דו ביסט געווען!

ליזא: אָנקל, אפשר ווילט איר זיך אויך גט'ן מיט מיר? (שלעפּט אַרויס אַ שופלאָד פון דער ביוראָ) אפשר דאָ? (זוכט) ניין, ניטאָ! (עפנט אַ צווייטן און זוכט) ניטאָ! (טוט זיך אַ כאַפּ) אוי! איך האָב זיך דערמאָנט! אין מיין רום, אין מיין דעסק, אין אַ דראָער!... (צעלאַכט זיך) „אין מיין רום!" „אין מיין דעסק!" כאַ! כאַ! (פאַרשווינדט אין דער צענטער טיר)

דר. רייכמאַן: יעס! יעס! (זיפצט, פאַררויכערט אַ סיגאַר און באַנגט אָן צו שפּרייזן פּאַרטראַכט איבערן צימער)

(ליזא אַריין מיט אַ באַקסל אין איין האַנט און מיט אַ בילד אין דער צווייטער)

ליזא: געפונען! געפונען! (גיט דעם אָנקל די באַקסל) און נאָך עפּעס האָב איך דאָרט געפונען! דאָס ערשטע בילד וואָס ער האָט מיר געשענקט... זאָל איך דאָס מיטנעמען, אָנקל? (קוקט אויפן בילד מיט אַ טרויעריקער מינע) ניין! (טוט אַ וואָרף דאָס בילד אויפן טיש) בעסער ניט!...

דר. רייכמאַן: נעם עס מיט!..

ליזא: ניין, ניין, צו וואָס? מען דאַרף ניט. מיר זיינען איצט פרעמדע מענטשן, אפשר שונאים!... (נעמט ווידער דאָס בילד, קוקט אויף אים) ווער וואָלט דאָן עס ערוואַרטעט? מען קען קיינמאָל ניט וויסן, וואָס מאָרגן וועט זיין! און דאָ איז זיין אויפשריפט! (לעזט) „מיין ליזאַ'ן, אַלס צייכן פון גרויסן גליק". (צעוויינט זיך)

דר. רייכמאַן: (שטיל אויפגערעגט) דו וויינסט גאָר? דו זאָגסט דאָך, אַז דו ביסט צופרידן?...

ליזא: איך בין אַ נאַר, וויין איך... (לייגט אַוועק ווידער דאָס בילד אויפן טיש)

דר. רייכמאַן: יאָ, מיין קינד, ווייל דו ביסט אַ נאַר, און דו האָסט זיך באַנאַרישט, וויינסטו איצט!... אָבער שאַ, די דינסט קומט!

ליזא: איך וועל עס מיטנעמען! (טוט אַ כאַפּ דאָס בילד און לאָזט אַרונטער דעם שלייער איבערן פּנים)

(מינקע אויסגעפּודרעט, קומט אַריין)

דר. רייכמאַן: (דערלאַנגט איר דאָס באַקסל) גיט עס איבער דעם דאָקטאָר... קומט, ליזא! (אָפּ מיט ליזאַ'ן וועלכע גייענדיק, קוקט זיך אַרום אינם הויז, אַזוי ווי זי וואָלט זיך ערשט איצט געזעגנט מיט דעם)

מינקע: (אַליין. עפנט דאָס קעסטעלע) אוי, מאַמע! די אויגן ברענען אויס! בורליאַנטן! אַ בראַנזאַלעט מיט בורליאַנטן! (נעמט אַרויס) איין רינג... צוויי רינגען... דריי רינגען מיט בורליאַנטן! און וואָס איז דאָס? אַ שפּילקע־לע מיט בורליאַנטן! און דאָס! (שלעפּט אַרויס אַ לאַוועליער) און דאָס? אַז איך וואָלט עס געהאַט, אַז איך וואָלט עס געהאַט... מאַמע מיינע, איך וואָלט אפשר

דעמאָלט חתונה געהאַט, כ׳וויס? אפשר מיט אַ מיליאָנשטשיק? (דערהערט דעם דאָקטאָרס טריט, באַהאַלט זי צוריק די חפצים אין קעסטעלע)

(דר. רובין קומט אַריין פון רעכטס)

דר. רובין: נו? האָט זי דאָס געפונען?

מינקע: דאָס איז עס, דאָקטאָר. דאָ! (דערלאַנגט אים דאָס קעסטעלע) אוי, אַזוינע שיינע זאַכן!

דר. רובין: (באַטראַכט זי פאַרוואונדערט) איר זייט היינט אַזוי שיין, מינקע. וואָס האָט איר זיך אַזוי אויסגעפוצט?

מינקע: איך גיי היינט אין טריאייטער... דאָקטאָר, זאָגט מיר נאָר, זענען דאָס טאַקע אמת׳ע בורליאַנטן?

דר. רובין געוויס, מינקע. ווערט איבער טויזנט דאָלער...

מינקע: אוי, מאַמע! און דאָס אַלצדינג איז געווען אירס?

דר. רובין: יאָ, מינקע!...

מינקע: היינט פאַרוואָס האָט זי עס ניט מיטגענומען?

דר. רובין: ווייל זי האָט מיר געוואָלט ווייזן, אַז זי לאַכט זיך אויס פון דעם...

מינקע: אַוואַ? וואָס הייסט? ווי אַזוי קען מען זיך דאָס אויסלאַכן פון בורליאַנטן? אויב אַזוי איז זי דאָך טאַקע משוגע אויף טויט...

דר. רובין: גאַנץ קלאָר איז זי ניט. מינקע, היינט איז דאָך אייער געבורטסטאָג, האַ?

מינקע: יעס דאָקטאָר...

דר. רובין: ווי וואָלט געווען, אַז איך זאָל אייך געבן אַ פרעזענט צו אייער געבורטסטאָג אָט איינעם פון די רינגען, האַ?

מינקע: אַוואַ? כאַ! כאַ! כאַ! איר הייבט שוין אָנעט דאָקטאָר?...

דר. רובין: איך מיין גאַנץ ערנסט, מינקע; (נעמט אַרויס אַ רינג) נעמט!...

מינקע: (קוקט אים אָן, דערנאָך שעפּטשעט זי אַרויס מיט אַ פאַרוואורף) דאָקטאָר, איך בעט אייך!.. בעסער...

דר. רובין: נעמט דעם רינג!...

מינקע: (צעוויינט זיך) וואָס ווילט איר? וואָס זוכט איר ביי מיר? דאָקטאָר, א גוטע מכה! איך בין ניט געבאָרן הינטער אַ פּלויט... איך בין אַן ערלעכע מיידל... איר ווערט מיך מיט דעם ניט אָפּקויפן... איך האָב אַ חתן... מיין פעטער פּיוול וועט דאָ באַלד אויך זיין... בעסער דאָקטאָר, בעסער... איך האָב אייך פריער געזאָגט... לאָזט מיך צורו מיט אייערע חזיר׳שע ביזנעס!...

דר. רובין: איר פאַרשטייט מיך ניט, מינקע!.. איך זוך אייך ניט צו קויפן... איך מיין עפּעס אַנדערש... און גאַנץ ערנסט מיין איך... מינקע, וואָלט איר געוואָלט זיין מיין ווייב?...

מינקע: (גלאָצט אויס אויף אים די אויגן) אַוואַ?

דר. רובין: איך מיין מיין געזעצלעכע ווייב. חתונה האָבן מיט מיר?...

מינקע: (טוט זיך אַ כאַפּ) אוי, מאַמע! דאָקטאָר, קומט צו זיך! וואָס איז דער מער מיט אייך?... דאָקטאָר, איך האָב מורא...

דר. רובין: איך ווייס, אַז אייך געפעלט אַן אַנדערער, יענער באַי... אָבער ער, אויב איך האָב ניט קיין טעות, באַהאַנדלט אייך ניט אַם בעסטן... און ווער ווייסט צי וועט ער מיט אייך אַמאָל חתונה האָבן... איך אָבער מיין גאַנץ ערנסט. איר זייט מיר געפעלן. איך גלויב אַז איר זייט די פרוי, מיט וועלכער איך וועל קענען פירן אַ רואיק, גליקלעך לעבן. איך בין זיכער אין דעם... מינקע, אויב איר קענט מיך ליבן, כאָטש וויפיל ניט איז, דאַן... דאַן...

מינקע: (רוקט זיך אָפּ פון אים מיט שרעק) ער איז משוגע געוואָרן! דאָקטאָר טייערינקער, איר שרעקט מיך!...

דר. רובין: פאַרוואָס שרעק איך אייך?...

מינקע: (מיט שרעק) ווייל איר זייט ניט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד. ווער בין איך, דאָקטאָר?

דר. רובין: איר זייט מינקע...

מינקע: וואָס איז מינקע?

דר. רובין: (לאַכט) מינקע איז אַ וואויל מיידל און איך האָב זי ליב...

מינקע: וואָס הייסט, איר האָט זי ליב? אויף אַ ווייל צי אויף אַלעמאָל?...

דר. רובין: אויף אַלע מאָל.

מינקע: און חתונה האָבן?

דר. רובין: און חתונה האָבן.

מינקע: מיט אַ דינסט?

דר. רובין: מיט אַ דינסט.

מינקע: איר, אַ דאָקטאָר?

דר. רובין: איך, אַ דאָקטאָר.

מינקע: זייט איר ניט משוגע?

דר. רובין: (לאַכט) ניין, מינקע, איך זאָג עס אייך ביי מיין גאַנצן קלאָרן פאַרשטאַנד...

מינקע: האַ? אוואָ? קלאָרערהייט זאָגט איר עס מיר, אַז איך זאָל זיין אייער ווייב, אַ דאָקטאָרקע?...

דר. רובין: יאָ, קלאָרערהייט בעט איך אייך, איר זאָלט מיין ווייב זיין!... (טוט איר אָן איינעם פון די רינגען אויפן פינגער. זי קוקט אויף אים מיט אויסגעגלאָצטע אויגן)

מינקע: (טוט אַ קוק אויפן רינג מיט שרעק) אַי, מאַמע מיינע! אויב אַזוי, וועל איך משוגע ווערן! זאָגט נאָר: איז דאָס אויפן וואָר? דאָס איז דאָך אַ רינג מיט אַ בורליאַנט, האַ? און איר זייט דאָך דער דאָקטאָר? און ביים קלאָרן פאַרשטאַנד?... (צעכליפּעט זיך) דאָקטאָר, וואָס האָט איר מיר צעמישט דעם מוח? וואָס טויג איך אייך? און וואָס וועט זיין מיט איציקן?... (מען קלינגט) אוי, דאָס איז מסתמא מיין פעטער פּיוול! זאָל ער מיך ראַטעווען!...

דר. רובין: איך וועל אים די טיר עפענען! (אָפּ שנעל רעכטס)

מינקע: (טוט זיך אַ לאָז איבערן צימער) אוי, איך וועל משוגע ווערן! וואָס זאָל איך טאָן? קלאָרערהייט וויל ער מיט מיר חתונה האָבן. ווי לאָזט מען אַרויס אַזאַ גליק פון די הענט? אַ דאָקטאָרקע, בורליאַנטן! אָבער וואָס

טו איך מיט איציקן? ווי אַזוי וועל איך גאָר קענען לעבן אָן אים? געה׳רג׳עט זאָל ער ווערן!... אוי, איך וועל משוגע ווערן!... אוי, איך וועל משוגע ווערן! אוי איך וועל משוגע ווערן!...

(דר. רובין און פּיוול קומען אַריין)

פּיוול: אָבער, דאָקטאָר, געדענקט־זשע, כדת! (טוט זיך אַ וואָרף קעגן מינקען) מינקע, טאָכטערל, יתומה׳לע מיינע! דו האָסט דאָך גאָר ניט קיין אידישן מזל.

מינקע: אוי, פּעטערקע! ראַטעוועט מיין קאָפּ! (פאַלט אים אויף דער ברוסט)

דר. רובין: איך וועל אַריינגיין אין צווייטן רום, און איר רעדט זיך דאָ דורך! (אָפּ אין דער צענטער טיר)

פּיוול: נו, נו, מינקעלע, באַרואיק זיך. גאָט האָט געוואָלט דו זאָלסט גליקלעך זיין, און אונזער משפחה זאָל אויך דערהייבן ווערן, וועסטו ווערן אַ דאָקטאָרקע!... אַ דאָקטאָרקע, מינקע אַ דאָקטאָרקע!...

מינקע: אָבער, פּעטערקע, וואָס וועט זיין מיט איציקן?..

פּיוול: ציץ, קאָבילע, דערמאָן ניט זיין נאָמען! טראַכט ניט פון אים!

מינקע: איך וויל איצט ניט טראַכטן פון אים! איך האָב אים אין דער ערד, אָבער ער קריכט דאָך מיר אינ׳ם קאָפּ!...

פּיוול: מינקע, מאַך זיך ניט אומגליקלעך. מען דערלאַנגט דיר אַ גאָל־דענעם אָקס, כאַפּ אים אָן מיטביידע הענט פאַר די הערנער, האַלט אים צו, לאָז אים ניט אָפּ, אַניט, אַ רוח אין דיין האַרצן אַריין!

מינקע: ער וויל טאַקע מיט מיר חתונה האָבן?

פּיוול: כדת! ער האָט זיך פאַרכליאָפּעט אין דיר. מען קען מיינען אַז ער איז משוגע געוואָרן! אַ דאגה דיר! דו טו זיך דיינס! קלאַפּ צו! קלאַפּ צו!... קאָבילע דו, וואָס לאָזטו זיך נאָך איינבעטן?...

מינקע: (נאָך אַ פּויזע) פּעטערקע, איר מיינט, אַז דער דאָקטאָר לאַכט ניט פון מיר?..

פּיוול: וואָס הייסט ער לאַכט פון דיר? און וואו בין איך? הע?... און אַ בריטש מיט אַ פּראָמיס איז אויך דאָ אין אַמעריקע. איך בין אָן עדות!...

מינקע: (פּלוצים) זאָל ער גע׳הרג׳עט ווערן! זאָל ער ברעכן האַלז און נאַקן. ביז איצט האָט ער שוין געקענט לאַנג חתונה האָבן!...

פּיוול: ווער? וועמען שילסטו?...

מינקע: איציקן. אָלל־רייט, פּעטער, אים אויף צו להכעיס. האָט ער ניט געזאָלט מיר אַזוי צאַפּן מיין בלוט...

פּיוול: קאָבילע, דו ביסט דאָך שוין באַלד אַ דאָקטאָרקע, גוואַלד, פון וועמען טראַכטסטו?...

מינקע: איר זייט גערעכט, פּעטער. מער וועל איך פון אים ניט טראַכטן. (קוקט אויפן רינג און רייבט דעם שטיינדל אָן איר קלייד) פּעטער, זעט, סאָר בורליאַנט!...

פּיוול: וואו האָסטו אים גענומען?

מינקע: אַ פּרעזענט פון מיין דאָקטאָר...

פּייוול: פאַרגונען אים געזונטערהייט, דאָקטאָרקע! אוי, וועל איך היינט שרייבן אַ בריוו צו דיין מאַמען, אין דער ערד אַריין! (גייט צו צו דער טיר אין צענטער) דאָקטאָר, זייט־זשע מוחל!...

(דר. רובין אַריין)

דר. רובין: (מיט אַ שמייכל) וועל?...

פּייוול: פאַרטיק געוואָרן מיט דער הגדה. איצט, דאָקטאָר, צו די ריכטיקע קניידלעך. ווען אַ שטייגער זאָל זיין דער ריכטיקער כדת?

דר. רובין: וואָס מיינט איר?

פּייוול: איך מיין די ריכטיקע קניידלעך, די חתונה כדת?

דר. רובין: פון מיינטוועגן אין אַ מאָנאַט אַרום...

פּייוול: אָט דאָס מיין איך. גיט מיר אייער האַנט צוגעקלאַפּט! (טוט אַ פּאַטש דר. רובינען איבער דער האַנט, אַז יענער פאַרקרימט זיך) זייט מיר מוחל, דאָקטאָר, צו שטאַרק אַ פּאַטש געטאָן! איר פאַרשטייט? איך בין געוואוינט צו פּאַטשן איבער אַ האַנט פון אַ נאָש בראָט. דערפאַר אָבער, דאָקטאָר, באַלאַנג איך צו צוויי סאָסייעטיס, און יעדער „מעמבער" האָט אַ געזונטע ווייב, פאַרשטייט איר מיך, און איך וועל אייך שוין צושטעלן קינדבעטן גענוג, פאַרלאָזט זיך אויף מיר!...

דר. רובין: און וואָס זאָגט איר, מינקע?

מינקע: וואָס זאָל איך זאָגן? איך טראַכט מיר: צי איז עס טאַקע אויפן וואָר, צי אין אַ חלום?...

דר. רובין: איך האָף, אַז איר וועט זיין מיט מיר צופרידן...

מינקע: פאַרוואָס זאָל איך ניט זיין מיט אייך צופרידן?..

דר. רובין: און איר וועט מיך ליב האָבן...

מינקע: ווען דען וועל איך ליב האָבן, אַז איר וועט זיין מיין מאַן? הלוואי זאָלט איר מיך אַזוי ליב האָבן, ווי איך וועל אייך ליב האָבן.

דר. רובין: איך וועל אייך זיכער ליב האָבן. (נעמט די דזשולערי פונם קעסטעלע) דאָ זענען שוין אייערע כלה־מתנות. (טוט איר אָן דאָס גאַנצע צירונג. זי קוקט אויף אים, אויף דעם פעטער און אויף די צירונג מיט גרויסע, צעטומלטע אויגן. דאַן לויפט זי צו צום שפּיגל און קוקט זיך איין)

מינקע: (מורמלט) אוי, מאַמע מיינע! (טוט זיך פלוצים אַ וואָרף צו דר. רובין) איך האָב אייך שוין שטאַרק ליב! (טוט אים אַזוי אַ כאַפּ מיט איר גאַנצער קראַפט און טוט אים אַ קוש)

דר. רובין: דאַטס רייט! (לאַכט) איר ווילט דאַכט זיך, היינט גיין אין טעאַטער? איך וועל מיט אייך גיין!

מינקע: אוי, יעס! קומט אָבער גלייך. עמעצער דאַרף קומען און איך וויל אים ניט זען. איך טו זיך גלייך אָן. איר טוט זיך אויך אָן!...

דר. רובין: אָל־רייט! איך בין שוין פאַרטיק! (נעמט זיין פוטער און הוט פון הענגער. מען קלינגט)

מינקע: אוי, דאָס איז ער! פעטער, הייסט אים אַוועקגיין! (לויפט אַרויס לינקס. דר. רובין נאָך איר)

פייוול: ניין, זאָל ער טאַקע אַרויפקומען און זעען מיט זיינע אייגענע אויגן און דערנאָך וועל איך אים זאָגן דעם פסוק! (לויפט אַרויס רעכטס און באַלד דערהערט זיך זיין קול: „קום אַרויף, איציק! קום אַרויף, בוטשאַרוק״! — דערנאָך דערשיינט ער מיט איציקן, וועלכער איז אויסגעפוצט מיט אַ רויטער בלום אינם לאַץ)

איציק: אַוואו איז מינקע?

פייוול: וואו מינקע איז? איז דאָס דיין טאַטנס עסק? הער נאָר דו, בוטשאַרוק, מיט מינקען ביסטו מער קיין מחותן ניט. זי שלאָגט מיט דיר כפרות. זי איז אַ דאָקטאָרקע איצט. דו פאַרשטייסט? און סמייע זיך ניט צו ווייזן מער פאַר אירע אויגן, וואָרים איך וועל דיר אונטערהאַקןביידע פיס!

איציק: וואָס חכמה׳ט איר זיך? וואו איז מינקע? מיר וועלן פאַרשפּעטיקן אינם טריאַייטער!...

(מינקע ערשיינט געאָרעמט מיט דר. רובין פון לינקס)

מינקע: פעטער, איר בלייבט דאָ אַכטונג צו געבן, ביז מיר וועלן קומען צוריק פונם טריאַייטער! (גייט פאַרביי מיט אַ שטאָלצער מינע, שפּילנדיק זיך מיטן לאָרנעט)

דר. רובין: מיר וועלן נעמען אַ טעקסי!... (אָפּ מיט מינקען)

איציק: מאַמע!... (קוקט זיי נאָך מיט צעטומלטע אויגן. פייוול לאַכט)

פ אָ ר ה אַ נ ג

דריטער אַקט

(אין אַ יאַר אַרום)

ביי דר. רובין אינם אָפיס. די בינע איז צעטיילט אויף צווי העלפטן. — איינע רעכטס, שטעלט פאָר דעם „ווייטינג רום", די אַנדערע העלפט — דעם דאָקטאָרס קאַבינעט, וואו ער אונטערזוכט די פּאַציענטן. אין דעם „ווייטינג רום" שטייען עטלעכע שאַפעס מיט ביכער, אַ טיש מיט צייטונגען און וויזיט־קאַרטן, אַ זאָפע מיט שטולן. אויף די ווענט הענגען בילדער; אין דעם קאַבינעט — שאַפעס מיט דעם דאָקטאָרס אינסטרומענטן, אַ פּאָר שטולן, אַ טיש מיט אַ גרינעם געוואַנד און אַ טעלעפאָן. אַ טיר רעכטס פירט פונם קאָרידאָר אינם „ווייטינג רום" אַריין, וועלכער איז אָפּגעטיילט פונם קאַבינעט דורך אַן אַנדער טיר. אַ גרויער ווינטערדיקער נאָכמיטיק. **ריי**טשל, אַ דינסט אין אַ גרויען שירץ, ווישט אַרום מיט אַ טיכל דאָס מעבל. פון דער טיר רעכטס קומט אַריין **מינקע**, אין אַ פעלץ און אין אַ הוט, מיט שניי פאַרשאָטן. אין די הענט טראָגט זי אַ פעקעלע.

מינקע: דער דאָקטאָר איז נאָך ניטאָ?

רייטשל: ניין.

מינקע: געווען עפּעס דאָ פּאַציענטן?

רייטשל: צוויי פרויען און אַ מאַן. זיי וועלן שפּעטער קומען.

מינקע: (טוט אויס דעם פעלץ און דעם הוט) **טראָג עס אַרויף אָפּסטערז.** (גיט דאָס רייטשלען) **און נעם מיט דעם פּעקל אויך. טו זיך אָבער אַ קער. אַזוי ווי אויף גלעזערנע פיס גייסטו! האָט מורא, טאָמער וועט זי זיי צעברעכן!** (רייטשל נעמט די זאַכן און דעם פּעקל און אָפּ בורטשענדיק אין דער טיר רעכטס. מינקע קוקט זיך אַרום אינם צימער, טוט אַ וויש מיט אַ פינגער דעם טיש, און טוט אַ דריק די אַקסלען) **נו! נו!** (קוקט אונטער דער זאָפע און שאַרט אַרויס פון דאָרט מיט אַ פוס אַ שטיקל פּאַפּיר) **נו! נו!... מען קען פּלאַצן פון די דינסטן!** (רייטשל קומט ווידער אַריין) **דו האָסט שוין דאָ געראַמט, גערעטעניש?**

רייטשל: **איך ראַם דאָ, איר זעט דאָך?...**

מינקע: **שור זע איך, שור! נו, וואָס שטייסטו? וואָס קוקסטו אויף מיר? טו זיך אַ ריר, גערעטעניש דו!** (רייטשל הייבט אָן צוווישן מיטן טיכל דאָס מעבל) **זע נאַר, ווי זי קריכט! ביי אַ מיידל דאַרף ברענען!** (טוט אַ ריס פון איר דאָס טיכל) **אַט אַזוי אַרבעט מען, אַט אַזוי!** (ווישט פלינק די שטולן, דעם טיש) **אַט אַזוי אַרבעט אַ ריכטיקע דינסט, דו פאַרשטייסט, גולם?...**

רייטשל: **ווען איך וואָלט געווען אַזוי לאַנג אַ דינסט, ווי איר, וואָלט איך אויך אפשר בעסער געאַרבעט!**

מינקע: (צעמישט) **אַוואָ? וואָס האָסטו געזאָגט?**

רייטשל: איך זאָג, אַז די מיידלעך זענען גערעכט, ווען זיי אַנטלויפן פון אייך. צו זיין אַ דינסט ביי אַן אַמאַליקער דינסט, איז ערגער ווי דער טויט.

מינקע: מאַך צו דיין פּיסק! וואַרט, באַלד דאַרף קומען די מרס. בלום. איך האָב איר נאָך ניט באַצאָלט פאַר דיר. איך שיק אייך ביידן וואו איך האָב אַנדערע מיידלעך אַוועקגעשיקט! גיי, איך דאַרף דיך ניט מער! גיב אַהער דעם שירץ! (רייטשל טוט אויס דעם שירץ און דערלאַנגט איר. זי טוט אים אָן) **איך וועל בעסער אַליין אַרבעטן, ווי אַ קאַטאַרזשניק, איידער צו האָבן צו טאָן מיט אַזאַ גרויסער מויל, ווי דו האָסט!** (אַרבעט מיט אימפּעט, ווישנדיק די שויבן פון אַ שאַפע)

רייטשל: באַצאָלט מיר און איך וועל אַוועקגיין!

מינקע: דיר קומט פאַר דריי טעג. גיי, ברענג אַרונטער אַהער דיינע זאַכן, און איך וועל דיר באַצאָלן.

רייטשל: אָלל־רייט, אָלל־רייט (פאַר זיך) **אַזאַ דינסט־מויד!** (אָפּ רעכטס. פויזע. מען קלינגט. מינקע דריקט אָפּ דעם קנאָפּ, דערנאָך עפנט זי די טיר און קוקט אַרויס) **אָ, איך האָב טאַקע אייך ערשט דערמאָנט! קומט אַריין, קומט אַריין!...**

(מרס. בלום קומט אַריין)

מרס. בלום: עפּעס צום גוטן מיך דערמאָנט?...

מינקע: מער נעם איך ביי אייך ניט קיין מענטשן!

מרס. בלום: וואָס איז? רייטשל טויג אויך נישט?

מינקע: ליימענע הענט, גלעזערנע פיס, און אַ נאַשערין, זאָל מען דאָס גאָר ניט זען! ווי נאָר איך לאָז זי אַ ווײַלע אַליין אָפּסטערז, באַלד, אָוואַ, זי נאַשט שוין! און דאָס מילך, זייט זי איז דאָ, איז מיר עפּעס אויך ניט געפעלן, עפּעס גאָר אַן קרים פון אויבן. מיר דאַכט זיך, אַז זי טרינקט אויס און גיסט צו וואַסער. איך קען שוין דעם קונץ!

מרס. בלום: נו, וואָס, קענסטו זיך העלפן? דו ביסט דאָך אין דעם ניט קיין גרינהאָרן. דו ווייסט דאָך אַז אַ דינסט מיידל דאַרף נאַשן...

מינקע: אָוואָ? ניט ביי מיר. ביי מיר האָט אַ מיידל גענוג צו עסן. פרעס, ווער צעזעצט פרעסנדיק, אָבער נאַש ניט...

(רייטשל קומט אַריין מיט אַ טשעמאָדאַן)

רייטשל: גוט מאָרגן, מרס. בלום, אַ פיינעם פּלייס האָט איר מיר געגעבן. איר זאָלט מיר ווייטער אַזוינע פּלייסעס ניט געבן. איך וויל דינען ביי אַ בעל־הבית׳טע, ניט ביי קיין דינסט, זי מעג אפילו זיין אַ דאָקטאָרקע!...

מינקע: נו, גרויסער מויל, עפן אָקאָרשט דיין טשעמאָדאַן...

רייטשל: איר קענט קוקן, איך האָב ביי אייך גאָר ניט פאַרנומען (עפנט דעם טשעמאָדאַן. מינקע קוקט איבער די זאַכן וואָס ליגן דאָרט)**, נו, גאָר ניט ביי אייך פאַרנומען?** (מאַכט צו דעם טשעמאָדאַן)

מינקע: (שטעלט אַרויף אַ פוס אויף אַ שטול, נעמט אַרויס געלט פון אַ זאָק) **נאַ דיר דיין געלט און פאַר, פאַר, פאַר!...**

ריטשל: (נעמט דאָס געלט) ביי איך האָט מען אויך אַזוי איבערגעקוקט די זאַכן, ווען איר פלעגט אַוועקגיין פון אַ „פלייס״? מסתמא האָבן זיי געוואוסט, אַז ביי איך דאַרף מען איבערקוקן. טפוי, איר דינסט־מויד! (אָפּ)

מינקע: נו, וואָס זאָגט איר צו אַזאַ פּאַצעצע?... אָבער אַלע מיידלעך וואָס איר האָט מיר געגעבן, חוץ ברכה׳קען, זענען אַזוינע... מרס. בלום, איך האָב איך ניט געטאָרט אַריינלאָזן אינם הויז, פאַרוואָס איר האָט אָפּגערעדט ברכה׳קען...

מרס. בלום: זי איז דאָך ביי דיר אָפּגעוועזן צוויי חדשים, איז גענוג. איך קען נישט באַשטיין, אַז מיינס אַ מיידל זאָל שטיין צו לאַנג אויף איין פּלייס, איך דאַרף אויך מאַכן אַ לעבן. דו ווייסט דאָך, ווי לאַנג פלעגסטו ביי מיר שטיין אויף איין פּלייס?...

מינקע: אַוואַ? פון מיר זאָלט איר ניט רעדן, איך בעט איך... באַלד־וואָס, ווען דו, דו!... קענען גאָר ניט פאַרגעסן!... מסתמא דערציילט איר די מיידלעך, אַז איך בין געווען... זי אויך — ווי נאָר עפּעס, באַלד מיך אַ שטאָך געטאָן...

מרס. בלום: ווער הערציילט זיי? אָן מיר ווייסן זיי אויך דאָס. פון דעם גראָסערעמאַן, פון דעם בוטשער. איציק דערציילט זיי נאָך אַלעמען, ווי דו האָסט אַוועקגע׳פּגר׳ט נאָך אים!...

מינקע: איציק אויך? (טוט אַ זיפץ) אוי, ווי איז מיר!...

מרס. בלום: זאָל איך דיר ברענגען אַן אַנדער מיידל?

מינקע: אַוואַ? ניין, איך וויל ניט מער אייערע מיידלעך. איך וועל נעמען ביי אַן אַנדער צושיקערין.

מרס. בלום: טאַקע זייער שיין. דאָ אינם הויז האָט מען די מיידלעך אַלע מאָל ביי מיר גענומען און דו ווילסט ביי מיר אָפּנעמען מיין פּרנסה? אַזוי באַדאַנקסטו מיר, וואָס דורך מיר ביסטו געוואָרן אַ דאָקטאָרקע?

מינקע: איך האָב דאָך איך עפּעס געזאָגט? הערט אויף!

מרס. בלום: מינקעלע, איך האָב פאַר דיין געשריי גאָר קיין מורא ניט און טאָמער נעמסטו ביי מיר קיין מיידל ניט, ווייס איך עפּעס, דאָקטאָרקע...

מינקע: וואָס ווייסט איר?

מרס. בלום: איך ווייס, אַז איציקל געפעלט דיר נאָך. סערקע האָט דיך נעכטן געזען מיט אים ביי טשאַרלי טשאַפּלין. נו, זעסטו, אַז איך ווייס? און דיין מאַן וועט פון דעם אויך וויסן!

מינקע: וואָס וועט ער וויסן? וואָס וועט ער וויסן? די מיסט פון אונטער מיין נאָגל איך דאָך ערלעכער פון איך אינגאַנצן. אַרויס פון דאַנען, אין דער ערד אַריין, אַרויס! וואָרים איך טו איך אַזוי אַ זעץ אַרויס, אַז די ביינער וועלן ביי איך טרעשטשען!

מרס. בלום: גוט, גוט, איך גיי, איך גיי. הייב זיך אָן מיט אַ משוגענער דינסט! (גייט צו צו דער טיר רעכטס, גייט אַרויס און שטעקט צוריק אַריין דעם קאָפּ) מינקע די דאָקטאָרקע, מינקע די דאָקטאָרקע, מינקע די דאָקטאָרקע, טפוי, טפוי, טפוי! (אָפּ)

מינקע: (לויפט צו צו דער טיר און פאַרקלאַפּט זי) אוי, מאַמע מיינע, וואָס צאַפּן זיי אַזוי מיין בלוט! (פאַלט צו צום טיש און צעוויינט זיך. פויזע. עס דערהערט זיך דאָס קלינגען פונם טעלעפאָן אויפן טיש, וואָס שטייט אינם קאַבינעט. זי הייבט זיך אויף, גייט אַריין אַהין און נעמט אָן דעם רעסיווער) העללאָ! ווער? פאַלאַדיאַ? נו, אַבי דו לעבסט... איך האָב ביי דיר זייער אַ טייערן לעבן. בעסער וואָלט איך אַ מיתה משונה איינגענומען, איידער איך האָב דיך דערקענט! אַווּאַ? וואָס איך ווין? איך וועל באַלד אַוועקגיין טאַנצן, מיר איז דאָך אַזוי גוט ביי דיר! אַווּאַ? שור זענען געווען פּאַציענטן. אין פינף מינוט ביסטו אין דער היים? נו, אַ דאַנק גאָט, אַבי דו ווייסט, אַז דו האָסט אַ היים. אַווּאַ? ניין, דר. רייכמאַן איז ניט געווען. אַווּאַ? אָלל־רייט! (לאָזט אַרונטער דעם רעסיווער און ווישט זיך די אויגן. מען קלינגט. זי גייט אַרויס אין ווייטינג־רום״ און דריקט אָפּ דעם קנאָפּ. פויזע. מען קלינגט אין דער טיר) קאָם אין!

(אַ איד מיט אַ פּאַטשיילע אַרום די אויערן קומט אַריין)

איד: (נייגט זיך) איז דער דאָקטאָר דאָ?

מינקע: ער קומט גלייך. זייט אַזוי גוט, מיסטער, ווישט אָפּ אייערע פיס דאָרטן ביי דער טיר. מען דאַרף האָבן אַביסל איידלקייט, מיסטער, אַז מען קומט אַריין צו אַ דאָקטאָר...

איד: (צעשראָקן, לויפט צוריק צו דער טיר און ווישט די פיס) איר זייט גערעכט, גערעכט. פונם זינען מיר אַרויס!...

מינקע: גענוג, גענוג, איר וועט מיר נאָך דאָרט מיט די פיס צערייסן דעם קאַרפּעט. און איצט נעמט אַרונטער דעם הוט און זעצט זיך. (דער איד טוט עס) דער דאָקטאָר קומט אַריין באַלד. מען האָט אים אַוועקגערופן צו זייער אַן ערנסטן קראַנקן. ער איז איינמאָל אַ דאָקטאָר! אַז דאָקטאָר רובין העלפט ניט, קען שוין קיין דאָקטאָר ניט העלפן.

איד: אַזוי? אפשר וועט גאָט געבן, און דער דאָקטאָר וועט מיר אויך העלפן. איך בין שוין געווען ביי אַלע דאָקטוירים, און זייער גאַנצע דאָקטאָריע איז ווערט אַ ציבעלע! קיין איין רעכטער דאָקטאָר איז ניטאָ אין אַמעריקע!

מינקע: זייט איר שוין דאָ אויך געווען?

איד: ניין. דעם דאָקטאָר האָב איך נאָך ניט געפּרואווט. פּיוזל דער בוטשער, מיינער אַ פּאַראיין־ברודער, האָט מיר געהייסן אַהערגיין. ער זאָגט, אַז דאָקטאָר רובין איז זיינער אַ פלימעניק. איך בין שוין דאָ פריער געווען מיט מיין ווייב און מיין אײדים.

מינקע: אָ, איר זייט דאָס דאָ פריער געווען? אייער ווייב און אייער אײדים זענען אויך פּאַציענטן?...

איד: דאָס הייסט זיי, אַ דאַנק גאָט, זענען דווקא געזונט. נאָר זיי זענען מיט מיר מיטגעגאַנגען, כדי טאָמער פאַרגעס איך עפּעס דעם דאָקטאָר צו זאָגן וועגן מיין קראַנקהייט, זאָלן זיי דאָס אים זאָגן...

מינקע: וואָס זיצט איר אַזוי אַרומגעוויקלט מיט דער פּאַטשיילע?

איד: מיר איז קאַלט.

מינקע: וואָס טוט איך וויי?

איד: וואָס טוט מיר ניט וויי? אַ צעבראָכענער שאַרבן, ניט פֿאַר אייך געדאַכט.

מינקע: זייט רואיק, מיסטער, דר. רובין וועט אייך שוין ראַטעווען. מיין מאַן איז, אַ דאַנק גאָט, ניט ווי די אַנדערע דאָקטוירימלעך, וואָס ווייסן ניט פֿון זייער חיות...

איד: (פֿאַרוואונדערט) אייער מאַן?...

מינקע: שור. דאָקטאָר רובין איז מיין מאַן. וואָס דען, האָט איר געמיינט, איז ער מיר?

איד: איך האָב געמיינט... האָט קיין פֿאַראיבל ניט... פֿאַרשטייט איר מיך... איך האָב שוין געטראָפֿן ווייבער פֿון דאָקטוירים, רעדן זיי אַלע דייטש, ענגליש, און איר רעדט אַזוי פּראָסט, ווי מיין ווייב, האָב איך געמיינט, נעמט ניט פֿאַר אומגוט, אַז איר זייט דאָ אַ דינסט...

מינקע: (גיט זיך אַ צאַפּל) אַווּאַ? ווער האָט אייך געזאָגט אַז איך בין אַ דינסט?

איד: קיינער האָט עס מיר ניט געזאָגט חלילה... נאָר אַז איר רעדט פּשוט'ן מאַמע־לשון... כע! כע! כע!

מינקע: איך רעד אויך דייטש און ענגליש. (טוט אויס דעם שירץ און לייגט אים אויף אַ שטול) אָבער מיט געבילדעטע מענשן: מיט מיין מאַן, מיט די אַנדערע געבילדעטע לייט, וואָס קומען אַהער. נישקשה, מיט מיר קענט איר אויך רעדן דייטש, צי ענגליש, צי פּאָ־ראַסייסקי. דאַנקן גאָט, ניט קיין פּראָסטאַק, חלילה. פֿרעגט אפֿילו דעם דאָקטאָרס פֿעטער, ברודער פּייוול דעם בוטשער, ער וועט אייך אויך זאָגן, אַז איך בין ניט קיין פּראָסטאַק.

(דר. רובין קומט אַריין. אין אַ פֿוטער. בלייבט שטיין נעבן דער טיר, און טוט אויס די קאַלאָשן. דער איד הויבט זיך אויף פֿון אָרט.

מינקע: זיצט, מיסטער, זיצט, ער וועט אייך שוין רופֿן.

דר. רובין: (ווי אומצופֿרידן) דר. רייכמאַן איז דאָ ניט געווען?

מינקע: ניין. (דר. רובין גייט אַריין צו זיך אין קאַבינעט)

איד: קוקט אויס צו זיין אַ ריכטיקער דאָקטאָר. רעדט מסתמא דייטש אויך.

מינקע: צי ער איז אַ ריכטיקער דאָקטאָר? דער איינציקער. די אַנדערע דאָקטוירים זענען דאָך בוטשאַרעס. (גייט אַריין צו איר מאַן אין קאַבינעט) אַ נייער פּאַציענט. דער פֿעטער פּייוול האָט אים געשיקט. רעד מיט אים דייטש.

דר. רובין: וואָס? דייטש?

מינקע: וואָס אַרט עס דיך? אַז מען רעדט מיט זיי דייטש, האָבן זיי מער דרך ארץ.

דר. רובין: דיין פֿעטער האָט אים געשיקט? נאַטירלעך, מיט אַ פּאַציענט וואָס דיין פֿעטער פּייוול שיקט, מוז מען ריידן דייטש. קיין אידיש וועט ער דאָך ניט פֿאַרשטיין. מינקע, איך האָב געהערט, ווי דו האָסט מיט אים איצט אויך אַריינגעטענה'ט, אַז איך בין דער איינציקער דאָקטאָר, און די אַנדערע דאָקטוירים זענען בוטשאַרעס. טו דאָס ניט, מינקע.

מינקע: אַוואָ?

דר. רובין: (מאַכט איר נאָך) „אַוואָ״? הער אויף מיט דיין „אַוואָ״! פליז, מינקע. איך בעט דיך, איך קען דאָך דאָס ניט אַריבערטראָגן. איך האָב דיר אַזוי פיל מאָל געזאָגט און געבעטן, רעד וואָס ווייניקער מיט די פּאַציענטן.

מינקע: ער איז שוין געקומען! וואָס ווילסטו? מיט דיר זאָל איך רעדן וואָס ווייניקער, מיט די פּאַציענטן וואָס ווייניקער. איך הער דיך ווי די קאַץ! איך וועל מיט זיי יאָ רעדן. דו האָסט אויפגעהערט צו טענדן צו זיי. וועל איך כאָטש צו זיי טענדן, אַניט וועט מען דאָך ניט אַריינשמעקן צו דיר.

דר. רובין: ביי מיר איז דאָך ניט קיין גראָסערי, ניט קיין בוטשער־שאַפּ, פּאַר־העוועגס סייק, פאַרשטיי דאָך דאָס אַמאָל! מינקע, סוף כל סוף וועל איך אין גאַנצן צומאַכן דעם אָפיס. עס עקלט מיך.

מינקע: וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס קומט דיר עפּעס אַרויס אַ רעה וואָס איך פאַרלויב דיך? אַז אַן אייגענע ווייב זאָל דאָס ניט טאָן, ווער דען? וואָס איך טו איז אים ניט געפעלן, וואָס איך טו!

דר. רובין: (פאַרצווייפלט) זי פאַרשטייט עס ניט, זי פאַרשטייט עס ניט. נו, נו! (טוט אַ זיפץ) שיק מיר אַריין דעם דייטש.

מינקע: (גייט אַרויס פון קאַבינעט) מיסטער, גייט אַריין. (דער איד לויפט אַריין אין קאַבינעט. מינקע נעמט דעם שירץ פון שטול, און אָפּ אין דער טיר רעכטס, ווישנדיק מיט אים די אויגן)

דר. רובין: (צום אידן) נעמט אַרונטער די פּאַטשיילע. (איד טוט עס) וואָס טוט אייך וויי?

איד: אין די קישקעס שניידט מיר.

דר. רובין: וואָס האָט איר געגעסן?

איד: וואָס איך האָב ניט געגעסן, איז ניט פון דעם, הער דאָקטאָר... איך קען אייך זאָגן מיין חולאת אויף אויסנווייניק: דער קאָפּ טוט מיר וויי, אין האַרצן דזשימדזשעט מיר, אין די קישקעס שניידט מיר, און אונטערן לע־פּעלע שפּאַרט מיר.

דר. רובין: טוט זיך אויס...

איד: (אויסטוענדיק זיך) און פיש טאָר איך ניט עסן, און פלייש, נאָר טשיקן, מילך מעג איך טרינקען. און פרישע אייער שמאַטקע, ניט קיין שטאַרקע קאַפּע, ניט קיין שטאַרקן טיי. זעט איר ווי איך ווייס די גאַנצע דאָקטאָריע?

דר. רובין: היינט וואָס־זשע זייט איר צו מיר געקומען?

איד: איך ווייס? איך האָב געוואָלט געבן אייער פעטער אַ „שאָו״! איך ווייס? מיינער אַ פאַראיין־ברודער, האָט אַ פלימעניק אַ דאָקטאָר, נאַ דיר אַ „שאָו״!

דר. רובין: האָט ער אייך געבעטן, איר זאָלט מיר אַ „שאָו״ געבן?

איד: אַוואָדע געבעטן. ער גיט מיר אויך אַמאָל אַ „שאָו״. איך בין אַ קאַסטאָמער־פּעדלער, נעמט ער אַמאָל ביי מיר עפּעס. איי, איי, איי, אַרבעט ער פאַר אייך! אין פאַראיין ביי אונז האָט ער נעכטן אונזער ברודער פּרעזידענט, ברודער מייקל גאָרגעל, שיעור פאַר אַ קאַליקע געמאַכט צוליב אייך.

דר. רובין: (צעטומלט) צוליב מיר?

איד: אַוואַדע צוליב אייך. פאַרשטייט איר מיך, ברודער פיוול, אייער פעטער, וויל, אַז דער פאַראיין אונזערער זאָל אייך אַנשטעלן פאַר אונזער דאָקטאָר, און אונזער ברודער פּרעזידענט, ברודער מייקל גאָרגעל, וויל דווקא דעם אַלטן דאָקטאָר. בקיצור אַ וואָרט פאַר אַוואָרט, און איר קענט דאָך אייער פעטער, ברודער פיוולען. האָט ער אַנגעכאַפּט נעכטן ברודער מייקל גאָרגעל, און דישעט אים. הער דאָקטאָר, אויב איר וועט מיר געבן אַ ריכטיקע רפואה, וועל איך פאַר אייך אויך אַרבעטן ביי אונז אין פאַראיין.

דר. רובין: (טוט אַ קלאַפּ אין טיש) וואָס איז דאָס? מיין גאָט! ער שלאָגט זיך גאָר צוליב מיר? וואָס וויל ער פון מיר? מיין גאָט, ווי איך בין דאָ אַריינגעפאַלן!... צו שאַנד און צו שפּאָט מאַכט ער מיך. מיסטער, טוט זיך אָן!

איד: האַ?...

דר. רובין: טוט זיך אָן און גייט צו אַן אַנדער דאָקטאָר. איך וויל ניט קיין „שאָו" פון דעם בוטשער. און זאָגט אים, אַז ער האָט אייך געבלאָפט. ער איז ניט מיין פעטער, איז קיינמאָל מיין פעטער ניט געווען.

איד: וואָס הייסט?...

דר. רובין: טוט זיך אָן, און גייט, גייט, גייט! (לויפט אַרויס אין „ווע־טינג רום" און הויבט אָן צו שפּרייזן אויפגערעגט) נו! נו! נו! נו!

(מינקע קומט אַריין פון רעכטס)

איד: (צעמישט, טוט זיך אָן שנעל, און גייט אַרויס פון קאַבינעט אין „וועיטינג־רום") איז הייסט עס וואָס, דאָקטאָר? זאָל איך וואָס זאָגן ברודער פיוולען?

דר. רובין: (טוט אַ געשריי) ער זאָל גיין צום טייוול! און אויב ער וועט עמעצן צו מיר שיקן, וועל איך אים אַרויסשמייסן פון מיין אָפיס. און אייך אויך. אַרויס!

איד: אוי!... (לויפט אַרויס רעכטס)

מינקע: (פאַרברעכט די הענט) ווייַ איז מיר!... דו טרייבסט שוין פּאַ־ציענטן פון אָפיס?

דר. רובין: איך וועל דיין פעטער אויך אַרויסטרייבן. ער זאָל מיט מיר זיין, וואָס ווייניקער מחותן.

מינקע: דו ביסט דאָך משוגע?

דר. רובין: איר מאַכט מיך משוגע! הער אויס, מינקע. איך וועל פּרוואוון נאָכאַמאָל דאָס דיר געבן צו פאַרשטיין. איך פּראַקטיציר שוין פופצן יאָר. יאָרן־לאַנג האָב איך שווער געאַרבעט, אום צו קריגן אַ נאָמען פאַר אַן אַנשטענ־דיקן דאָקטאָר, וואָס זאָל רעספּעקטירט ווערן פון זיינע פּאַציענטן אי פון די אַנדערע דאָקטוירים. מיט קיין פאַראיינען בין איך קיינמאָל ניט פאַרבונדן גע־ווען. איך האָב אַלעמאָל געהאַלטן אונטער מיין ווירדע צו פּעדלען צווישן די פאַראיין־ברידער מיט מיין פּראָפעסיאָן, איך האָב זיך ענדלעך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ גוטן נאָמען, אויף אַן אַנשטענדיקער פּראַקטיק, קומט איר איצט צו גיין,

דו מיט דיין פעטער, און איר מאַכט אַ תל פון מיין נאָמען, און פון דעם גאַנצן רעספּעקט, וואָס מע האָט צו מיר פריער געהאַט...

מינקע: אָבער פאַרוואָס? מיר רעדן עפּעס שלעכטס אויף דיר? מיר זאָגן דען, אַז דו ביסט אַ קאַליקע אַ דאָקטאָר? פאַרקערט, מיר שרייען דאָך, אַז דו ביסט דער גרעסטער, דער בעסטער. איינער אין גאַנץ ניו יאָרק. וואָס בינדסטו זיך צו אונז, גזלן!

דר. רובין: (פאַרצווייפלט) נו, גיי טענה צו איר, גיב איר דאָס צו פאַר־שטיין. הער אויס, עפּעס געהירן מוזטו דאָך דאָרט האָבן ביי דיר אין קאָפּ. עס קומען אַריין צו מיר אַלטע פּאַציענטן מיינע. אַ סך פון זיי זענען אינטעלי־גענטע מענטשן, דערציילסטו זיי, אַז איך בין דער גרעסטער, דער בעסטער, דער איינציקער דאָקטאָר אין ניו יאָרק, לאַכן זיי פון דיר. זיי לאַכן פון דיר, זיי לאַכן פון מיר, און דערנאָך דערציילן זיי דאָס זייערע באַקאַנטע, לאַכן יענע אויך פון אונדז. און אַזוי, מינקע, לאַכט מען איצט פון דאָקטאָר רובין, איבער גאַנץ ניו יאָרק.

מינקע: אַוואָ? וואָס איז דאָ צו לאַכן? זאָלן זיי לאַכן מיט קרעמעניש.

דר. רובין: מען לאַכט, מינקע, מען לאַכט. עס איז דאָ פון וואָס צו לאַכן. און דיין פעטער טוט עס נאָך בעסער. ער שלאָגט, ער דישעט, ער ווערגט. מיט זיינע קולאַקעס זוכט ער מיר צו פאַרשאַפן פּאַציענטן. ער פרעגט גאָר ניט, צי איך וויל זיין דער דאָקטאָר פון זיין פאַראיין. ער שלאָגט, דישעט און ווערגט. איצט וועט מען זאָגן, אַז דר. רובין האָט אָנגעשטעלט אַ בויאַן, וואָס זאָל אים מיט זיינע געזונטע קולאַקעס פאַרשאַפן פאַראיינען און פּאַציענטן. איז דאָס עפּעס שיין פאַר מיר? זאָג דו אַליין, מינקע.

מינקע: כאָטש נעם מיר אַראָפּ דעם קאָפּ, איך קען פאָרט ניט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ שלעכטס, איך און מיין פעטער פּיוול טוען דיר. מיר זוכן דאָך נאָר דיין טובה, דו זאָלסט האָבן מער פּאַציענטן. אַ בוטשער אפילו, וואָס איז ניט קיין דאָקטאָר, זאָגט אויך זיינע קאַסטאָמערס, אַז ביי אים קריגט מען דאָס בעסטע פלייש.

דר. רובין: האָ? (טוט זיך אַ צופּ ביי די האָר) גוואַלד!... (לויפט אַריין צו זיך אין קאַבינעט)

מינקע: (גייט אַריין נאָך אים) וועסטו היינט עסן דינער אין דער היים, משוגענער?

דר. רובין: איך וויל ניט. איך האָב שוין געגעסן.

מינקע: היינט ווידער? רבונו של עולם, יעדן טאָג קאָכט מען אָן די בעסטע מאכלים און מען וואַרפט זיי דערנאָך אַרויס.

דר. רובין: נו, דו ווילסט איך זאָל היינט עסן? דו וועסט אָבער שווייגן? אָלל־רייט, איך וועל עסן.

מינקע: איך האָב היינט אַ געפילטע העלזעלע און אַ געפילטע קישקעלע, וואָס נאָך וואָלסטו געוואָלט?

דר. רובין: מער גאָר ניט.

מינקע: אפשר פאַר אַן ערשטן געריכט זאָל איך דיר אויסבראָטן אַ פלאָנדרע?

דר. רובין: בראָט אויס.

מינקע: צי אפשר זאָל איך דיר צעהאַקן אַ הערינגל?

דר. רובין: צעהאַק.

מינקע: צי אפשר אַ ביסמאַרק?

דר. רובין: אַ ביסמאַרק! ביזש שוין פאַרטיק?

מינקע: און וואָס פאַר אַ סוף ווילסטו? (דר. רובין טוט אַ קוק אויף איר און גייט אַרויס אין „וועיטינג־רום". זי נאָך אים) אפשר מילכיקע סופּ? לאָקשן? פאַרפל? קאַשע? צי גאָר אפשר פאַטייטעלעך מיט קרים?

דר. רובין: (פּלוצים) הער אויף! הער אויף! וואָס שטאָפּסטו מיך אַזוי? איך בין דאָך נישט קיין ענדיק. (אַנטלויפט צוריק אין קאַבינעט)

מינקע: (נאָך אים) נו, זאָג אַליין, ביסטו ניט קיין רוצח. איך טראַכט אַלץ, ווי אַזוי דיך צופרידן צושטעלן און דו בריקעסט זיך דערפאַר. אי, אי,, אי! יענע ווייב דיינע, איז געווען טאַקע אַ חכמה, אַז זי האָט דיר געגעבן צו עסן קדחת. סיי־ווי־סיי, אַלץ איינס. אַז איך גרייט אָן פאַר דיר די בעסטע מאכלים, לויפסטו דאָך אויך אין רעסטאָראַן!

דר. רובין: מער ווי דאָס עסן ווייסטו ניט.

מינקע: נו, און אַז יענע ווייב דיינע האָט עפּעס אַנדערש געוואוסט?

דר. רובין: מינקע, איך האָב דיך געבעטן ניט איינמאָל. יענע ווייב זאָלסטו ניט דערמאָנען. דו דאַרפסט ניט, דו טאָרסט ניט. לאָז זי צורו. (טוט אַ זיפץ)

מינקע: אָ... אָלל־רייט. זאָל זיין אַזוי. ווען ווילסטו גיין עסן?

דר. רובין: איך וויל איצט ניט. גיי דו אַרויף, עס אַליין.

מינקע: וואָס מיינסטו? איך בין שוין טאַקע באַלד געוואוינט צו עסן אַליין. פאַרוואָס, גזלן? פאַרוואָס, רוצח דו?

דר. רובין: איך וועל דיר זאָגן דעם אמת. עס איז אַ סך בעסער פאַר אונדז ביידן, אַז מיר זאָלן ביידע זיין וואָס ווייניקער צוזאַמען.

מינקע: אַווּאַ? (קוקט אים אָן מיט אויפגערעגטע אויגן) און דערפאַר קומסטו אַהיים יעדע נאַכט אַזוי שפּעט, אַז איך הער אפילו ניט ווען דו קומסט? דערפאַר, האַ?

דר. רובין: זאָל זיין דערפאַר.

מינקע: ערשט אַ יאָר נאָך אונדזער חתונה, איז שוין אַ זעקס חדשים ווי איך ווייס ניט ווען דו קומסט אַהיים ביי נאַכט. פאַרוואָס, פּאַלאַדיאַ? בין איך מיט אַמאָל אַזוי מיאוס געוואָרן, האַ, פּאַלאַדיאַ? ערשט מיט איין יאָר צוריק איז דאָך דיר די אויגן אַרויסגעקראָכן נאָך מיר! אוי, פּאַלאַדיאַ, פּאַלאַדיאַ!...

דר. רובין: רופסט מיך שוין ווידער פּאַ־לאַ־דיאַ? איך האָב דאָך דיך געבעטן, דו זאָלסט מיר אַזוי ניט רופן. רוף מיך וועלוול, ווילי, טייוול, רוח, נאָר ניט „פּאַ־לאַדיאַ"!...

מינקע: יענע האָט דיך געמעגט אַזוי רופן?

דר. רובין: ווייל יענע האָט מיך אַזוי גערופן, דערפאַר וויל איך ניט, אַז דו זאָלסט מיך אַזוי רופן.

מינקע: וועל איך דיך דוקא רופן פאַלאַדיאַ. אַט דיר אויף צו להכעיס ביסטו מיין פאַלאַדיאַ, מיין מאַן! (טוט פלוצים אַ טופּ מיטן פוס) איך וועל דיך ניט לאָזן מער צו פאַרצאַפּן מיין בלוט, אַ בראַנד דיר אין די קישקעס אַריין.

דר. רובין: (טוט זיך אַ צאַפּל) מינקע! (כאַפּט זיך אָן פאַר די האָר און לויפט אַרויס פון קאַבינעט אין „וועיטינג־רום״)

מינקע: (לויפט אים נאָך) פאַרוואָס האָסטו מיט מיר חתונה געהאַט? ווער האָט דיך געבעטן? דו ביסט דאָך נאָך מיר נאָכגעלאָפן, ניט איך נאָך דיר? האָסט מיט מיר חתונה געהאַט, ווער דערשטיקט, זיי מיין מאַן! דו מוזט! דו מוזט! איך וועל מער ניט שווייגן! איך וועל אויפהויבן אַזאַ געוואַלד, אַז די גאַנצע וועלט וועט זיך צענויפלויפן. זאָל מען וויסן, וואָס פאַר אַ רוצח דו ביסט!

דר. רובין: (צעמישט) אָבער, מינקע, אום גאָטעס ווילן, באַרואיק זיך!

מינקע: קום שוין אַרויף אַפּסטערז עסן. עס איז דער היים! דו האָסט אַ היים! און ביינאַכט ועסטו מוזן קומען אַהיים אין ציים! אין צייט! דו האָסט אַ ווייב! (מיט אַ רחמנותדיקן געוויין) איך בין ניט קיין געבילדעוועטע מאַדאַם, אָבער איך בין דאָך אַ לעבעדיקער מענטש! אַז מען צאַפּט מיר מיין בלוט, טוט מיר דאָך אויך וויי! טוט מיר דאָך אויך ווי, גע׳הרג׳עט זאָלסטו ווערן!

דר.רובין: מינקע! דו ביסט גערעכט. גערעכט. טויזנט מאָל גע־רעכט. אָבער דו קענסט דאָך דאָס אייגענע זאָגן, אָן צו שעלטן זיך. איך מוז דאָך פון דיר אַנטלויפן, ווען דו שילסט זיך אַזוי.

מינקע: ווי אַזוי זאָל איך דיך ניט שילטן, ווען דו האָסט מיך אַזוי אומ־גליקלעך געמאַכט? זאָג, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? איציק וואָלט דאָך מיט מיר סוף כל סוף חתונה געהאַט. איך האָב געמיינט, אַז איך האָב געכאַפּט דעם גליק ביים עק. אַ דאָקטאָרקע וועל איך ווערן, אַ סך דזשולערי וועל איך האָבן, דו וועסט מיט מיר אויסגיין, איך וועל אַנזען אַ וועלט. און, צום סוף — ניט קיין דאָקטאָר, ניט קיין מאַן, ניט קיין וועלט, נאָר צרות, און יסורים, און האַרצ־ווייטיק! (פאַלט צום טיש מיט אַ ליידנשאַפטלעכן געוויין)

דר. רובין: (פאַרצווייפלט מורמלט) אַ פאַרברעכער בין איך, אַ פאַרברע־כער! (גייט צו צו איר, און טוט זי אַ גלעט איבער די האָר) מינקע, באַרואיק זיך. איך וועל זיך באַמיען. דו ליידסט אומזיסט, נעבעך? זאָל מיך דער טייוול נעמען.

מינקע: מיט דיר זאָל איך וואָס ווייניקער רעדן. מיט די פּאַציענטן זאָל איך גאָר ניט רעדן. היינט מיט וועמען זאָל איך יאָ רעדן? מיט די ווענט. וואָס? איך בין דאָך ניט קיין שטומע. עס ווילט זיך דאָך רעדן. אויסגיין איז נישטאָ מיט וועמען. מיט אָבי וועמען שטייט דאָך מיר ניט אָן. איך בין דאָך אַ דאָק־טאָרקע, ברוך השם. און מיין דאָקטאָר גייט ניט מיט מיר. איך האָב אַזוינע שיינע דרעסעס, אַזויפיל דזשולערי, האָסטו דאָך, דאַכט זיך, ניט געדאַרפט זיך שעמען מיט מיר אויסצוגיין.

דר. רובין: נו ,נו. אָלל־רייט, אָלל־רייט. וויין ניט. איך בין שולדיק, מינקע, איך... דו האָסט דאַכט זיך אַ נייע דרעס געוואָלט קויפן ביי וואַנאַמייקערן. (נעמט אַרויס געלט) נאַ, קויף זיך.

מינקע: (שאַרט אַוועק דאָס געלט) וואָס טויג מיר די נייע דרעס, אַז איך האָב ניט מיט וועמען אויסצוגיין.

דר. רובין: איך וועל מיט דיר אָנהויבן ווידער אויסצוגיין, ווי פריער.

מינקע: ווערסטו דאָך מסתמא מיך ווידער שלעפן צו יענע „פלייסעס". איך בין דיר מוחל... שלאָפן און גענעצן קען איך אין דער היים...

דר. רובין: נו, דאָס קען איך ניט העלפן. צו טשאַרלי טשאַפלין וועל איך מיט דיר ניט גיין.

מינקע: (פלוצים, שפרינגט אויף) הער־זשע אויס, פאַלאַדיע. אויב דו ווערסט מיט מיר ניט גיין, האָב איך ווער עס זאָל מיט מיר גיין. מיר שטייט ניט אָן מיט אים צו גיין. און דיר דאַרף אַוודאי ניט אָנשטיין, אַז דיין דאָקטאָרקע זאָל גיין מיט אים. אָבער מיט אימיצן מוז איך דאָך אויסגיין. אַז ניט וועל איך דאָך משוגע ווערן!

דר. רובין: דו קענסט גיין מיט וועמען דו ווילסט. איך האָב ניט דאַגעגן.

מינקע: אפילו מיט איציקן?

דר. רובין: מיט איציקן? וועל, דאָס איז דיין זאַך.

מינקע: דו האָסט גאָר ניט מורא?

דר. רובין: ניין.

מינקע: אַוואָ? (קוקט אים אָן מיט גרויסע אויגן, דאַן טוט זי זיך אַ וואָרף צו אים און קלאַמערט זיך איין אין זיינע אָרעמס) איך האָב אָבער מורא פאַר אים. דערוויילע האָט ער נאָך דרך ארץ פאַר מיר. איך האָב ניט גערעכנט, אַז איך וועל אַמאָל נאָך רעדן מיט אים. די לעצטע צייט איז מיר אַזוי אומעטיק, אַז נעכטן, ווען איך האָב אים געטראָפן, האָב איך אים אַליין געבעטן, אַז ער מיט מיר גיין צו טשאַרלי טשאַפלין. פאַלאַדיאַ, היינט וועט ער ווידער קומען. איך דאַרף מיט אים ניט גיין. איך טאָר ניט. עס פאַסט ניט. מיר איז אָבער אַזוי שלעכט, אַזוי שלעכט... קום דו מיט מיר, פאַלאַדיאַ. קום דו מיט מיר.

דר. רובין: איך קען גיין מיט דיר אין אַ טעאַטער צו אַ פּיעסע, וואָס מיר געפעלט.

מינקע: מיר איז דאָך אָבער אַזוי שלעכט אויפן האַרצן. איך וויל דאָך אַביסעלע פּלעזשור, צו פאַרגעסן זיך? (פאַלט ווידער צו צום טיש)

דר. רובין: (טוט אַ זיפץ) נו, נו. (גייט אַריין צו זיך אין קאַבינעט, זעצט זיך און לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ) (מען קלינגט)

מינקע: (הויבט זיך אויף. דריקט אָפּ דעם קנאָפּ. פּויזע. מען קלאַפּט אין דער טיר רעכטס) קאָם אין!

(דר. רייכמאַן אַריין)

דר. רייכמאַן: איז דער דאָקטאָר אין אָפיס?

מינקע: יאָ. (אָפּ רעכטס מיט אַ טיפן זיפץ)

דר. רייכמאַן: (אַריינקומענדיק אין קאַבינעט) העללאָ, וואָלאָדיאַ.

דר. רובין: (הויבט אויף דעם קאָפּ) העלאָ, (זיפצט)

דר. רייכמאַן: סעי, אָלד באַי, איך האָב דיר שוין אַ וואָך צייט ניט געזען. האָסטו מיך געמעגט אויפנעמען ניט מיט אַ זיפץ, בפרט נאָך, ווען דו ווייסט, אַז דיין זיפצן קען נאָך אַרויסרופן ביי מיר נאָר געלעכטער.

דר. רובין: יאָ, איר מעגט לאַכן פון מיר. איך אַליין וואָלט געלאַכט פון מיר, ווען מיר וואָלט זיך אַזוי אָפּט ניט געגלוסט צו וויינען. און וואָס מיך מאַטערט מער פון אַלץ, איז דאָס, וואָס איך האָב זי אומגליקלעך געמאַכט. גענומען אַ פּראָסטע, פּרימיטיווע נאַטור, וואָס האָט געקענט גליקלעך לעבן מיט איר גלייכן, מיט איר איציקן און האָב איר איבערגעפירט איר גאַנץ לעבן. וואָס טוט מען, איך האָב אויף איר רחמנות.

דר. רייכמאַן: און דאָך?...

דר. רובין: און דאָך קען איך זי ניט אויסשטיין. רעדט זי, פּיל איך אַמאָל, אַז אָט באַלד־באַלד, הויב איך אָן צו סקאווּאטשען ווי אַ הונט. מיין אָפּיס האָט מיר דערעסן, מיין גאַנצע פּראַפּעסיע, אַלע מיינע פּאַציענטן. איך האָב פיינט געקראָגן מיין הויז, זיך אַליין, אַלע מיינע אַלטע פריינט האָב איך פיינט געקראָגן.

דר. רייכמאַן: וואָס האָסטו צו דיינע אַלטע פריינט?

דר. רובין: ווייל איך ווייס, אַז זיי לאַכן פון מיר, אַז איך בין איצט פאַר זיי אַ טעמע אויף זיך לוסטיק צומאַכן. אַנדערע פון זיי, הער איך, רופן מיך „מינקע דער דאָקטאָרקעס מאַן"...

דר. רייכמאַן: ווער איז שולדיק, אַז דו ביזט דאַן אַזוי משוגע געווען?

דר. רובין: יאָ, יאָ, משוגע בין איך דאַן געווען. איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך טו. איך האָב זיך אַליין ניט פאַרשטאַנען. אָבער איך גיב אייך מיין עהרנוואָרט, אַז מיט מינקען האָב איך דאַן געמיינט ערנסט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס וואָס מיר האָט געפעלט ביי ליזאַ׳ן, וועל איך ביי איר געפינען. און איך וועל זיין צופרידן, פאָלקאָם צופרידן. (לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ)

דר. רייכמאַן: עך, וואָלאָדיאַ, דו און ליזאַ ליידן פון דעם זעלביקן פעלער: ערלעכע מענשן, וואַרעמע הערצער, פייאיקע קעפּ, נאָר קיין אָרדנונג איז דאָרט ניטאָ. איר ביידע האָט געהאַנדלט ווי נאַרישע קינדער, און איצט זייט איר ביידע אומגליקלעך, און אַן אומשולדיקער מענטש, די דינסט מיט אייך... דען דו ווייסט גאָר ניט, וואָלאָדיאַ, ווי ליזאַ ליידט איצט און ווי זי האָט דיך ליב.

דר. רובין: (הויבט זיך אויף פון אָרט) זי ליידט ניט מער פון מיר.

דר. רייכמאַן: דאָס קענסטו ניט וויסן. זי פאָרט מאָרגן אַוועק אין אַרגענטינע צו איר ברודער. נאָך פופצן יאָר לעבן דאָ, אַנטלויפט זי איצט פון אַמעריקע. דו ווייסט, פאַרוואָס?

דר. רובין: זי פאָרט טאַקע? (טוט אַ זיפץ)

דר. רייכמאַן: זי זוכט דיך צו פאַרגעסן.

דר. רובין: (נאָך אַ פּויזע) זאָל זי פאָרן. אפשר איז אַזוי בעסער. אפשר וועל איך זי דאַן אויך קענען פאַרגעסן. איך האָב ניט געטאָרט גיין צו אייך טרעפן זיך מיט איר...

דר. רייכמאַן: זי בעט דיך, אַז דו זאָלסט קומען זיך געזעגענען מיט איר.

דר. רובין: איך קען ניט. איך פיל, אַז איך וועל דאַן... (ווישט זיך די אויגן)

דר. רייכמאַן: וואָלאָדיאַ!... (ליגט אים אַרויף אַ האַנט אויפן אַקסל)

דר. רובין: (הויבט זיך אויף) מיין לעבן איז איצט אַזוי פּוסט, אַזוי לער... עך, מיין גאָט!

דר. רייכמאַן: קום, מיר וועלן זיך דורכגיין.

דר. רובין: אָבער ניט צו אייך. איך קען זי מער ניט טרעפן. איך טאָר ניט. דערפאַר בין איך טאַקע די לעצטע צייט ניט אַריינגעקומען.

דר. רייכמאַן: קום, מיר וועלן אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן.

דר. רובין: אָלל־רייט. (טוט זיך אָן)

(מינקע קומט אַריין פון רעכטס. דר. רובין און דר. רייכמאַן גייען אַרויס פון קאַבינעט. גייען פאַרביי איר, ווי זיי וואָלטן זי גאָר ניט באַמערקט)

מינקע: (טוט זיך אַ כאַפּ) דאָקטאָר!..

דר רייכמאַן: האַ?...

מינקע: אַ געבילדעוועטער מענטש זאָגט „גוד ביי", אַז ער גייט אַרויס פון אַ הויז. נשקשה, די צונג וועט אייך ניט אָפּדאַרן!

דר. רייכמאַן: (אָפּגייענדיק) גוד ביי. (אָפּ מיט דר. רובין)

מינקע: אין דער ערד מיטן קאָפּ! אַזוי ווי איך וואָלט דאָ אַ שטיק האָלץ געווען! (מען קלינגט, זי דריקט אָפּ דעם קנאָפּ. פּויזע. דאַן עפנט זי די טיר) קומט אַריין אַהער.

(איציק קומט אַריין מיט אַ פּעקל פליש. בלייבט שטיין מיט גרויס דרך ארץ)

איציק: פליש, מאַדאַם?

מינקע: (נעמט ביי אים דאָס פליש און לייגט עס אַוועק אויף אַ שטול. דערנאָך קוקט זי אים אָן, און טוט אַ זיפץ) איציק, איך האָב נעכטן אַ טעות געהאַט!

איציק: וואָס מיינט איר, מאַדאַם?

מינקע: איך האָב אייך געהייסן ווידער טראָגן מיר פליש אין הויז, און געגאַנגען מיט אייך צו די „מואווינג פּיקטשורס", זאָלט איר וויסן, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט. אייער באָס זאָל ווייטער טראָגן דאָס פליש ווי ביז אַהער. און איר זאָלט זיך מיר פאַר די אויגן ניט ווייזן.

איציק: האַ? אָבער, מאַדאַם, פאַרוואָס?

מינקע: ווייל איר זייט אַ הונט, אַ חזיר. מרס. בלום האָט מיר היינט דערציילט, אַז איר גייט אַרום און באַרימט זיך, אַז איך האָב גאָר אַוועקגעגעבן נאָך אייך.

איציק: אוי, אַ ליגן, מאַדאַם! זי האָט אייך געבלאָפט! איך בין דאָך מיט מיין גאַנצן רעספּעקט צו אייך, מאַדאַם! אמת, עס טוט מיר ווי, איך בין

דאָך ניט מער ווי אַ לעבעדיקער מענטש, אָבער אויף איך רעדן, בעסער וועל איך זיך די צונג אַרויסרייסן!

מינקע: איז דאָס אמת? געדענקט־זשע איציק, איר מוזט פאַרגעסן, וואָס פריער איז געווען. דאַן וועל איך קוקן אויף אייך ווי אויף מיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן, מיר וועלן אַמאָל אויסגיין, ווייל מיין מאַן איז זייער „ביזי״ מיט זיינע „קייסעס״. וועט איר עס געדענקען?

איציק: יעס, מאַדאַם. און איך זאָג אייך צו... מיט מיין גאַנצן רעס־פּעקט, זאָל איך געהרג׳עט ווערן.

מינקע: אָלל־רייט. געדענקט־זשע!

איציק: (טוט זיך אַ קראַץ דעם קאָפּ) מאַדאַם, א מאַדאַם?... איך האָב אייך עפּעס וואָס צו דערציילן. מעג איך?

מינקע: וואָס?

איציק: דר. רייכמאַנ׳ס דינסט האָט מיר נעכטן דערציילט, אַז אייער דאָקטאָר, דאָס הייסט אייער מאַן, שפּילט אַ שטילע ליבע מיט דר. רייכמאַנס פּלימעניצע, דאָס הייסט, מיט אייער מאַנס ערשטער ווייב, מיט אייער פריער־דיקער מאַדאַם.

מינקע: (קוקט אים אָן מיט גרויסע אויגן) אַוואָ? אוי, מאַמע!... איצט איז מיר דאָס קלאָר... אָט דערפאַר, האַ? דערפאַר? איך וועל זיי ביידן די אויגן אויסקראַצן!

איציק: זי האָט מיר דערציילט, אַז גאַנצע נעכט פאַרברענגען זיי.

מינקע: גאַנצע נעכט?

איציק: און זי האָט זיך איינמאָל אונטערגעהערט, האָט זי געהערט, ווי אייער מאַן, דער דאָקטאָר, האָט געזאָגט אייער פריערדיקער מאַדאַם, אַז...

מינקע: אַז וואָס?

איציק: (שטיל) אַז ער האָט איך פיינט...

מינקע: אַוואָ? דאָס האָט ער איר געזאָגט? (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, און פּלוצים) איך האָב זיי ביידן טיף אין דער ערד!... (צעררייצט) אָבער, ווער איז איצט אַ דאָקטאָרקע איך צי זי, האַ? אָט זיי אַלעמען אויף צו להכעיס בין איך אַ מאַדאַם, בין איך אַ דאָקטאָרקע! (פּלוצים מיט אַ פאַרשטיקטן יאָמער) נאָר דו, נאָר דו, געֿהרג׳עט זאָלסטו ווערן, ביזט אין דעם שולדיק!... איך בין דאָך אַזוי אומגליקלעך, איציק. ניט איך בין אַ דאָקטאָרקע, ניט איך בין אַ דינסט, ניט ער האָט מיך ליב, ניט איך האָב אים ליב, ניט ער איז מיין מאַן, ניט איך בין אים אַ ווייב, אַלע באָדן זיי זיך אין מיין בלוט, אפילו די דינסטן מיינע!... איך וואָלט דאָך אָט די אַלע צרות ניט געהאַט, ווען דו, רוצח, וואָלסט איצט גע־ווען מיין מאַן. אוי, איציק, סאַראַ וואונדן, סאַראַ יסורים איך טראָג אין מיין האַרצן. פאַרלאָרן איז מיין יונג לעבן, איציק! אָפּגעשניטן זיינען מיינע יונגע יאָרן, איציק! איך טראַכט אַלץ וועגן דיר, און איך טאָר וועגן דיר ניט טראַכטן! און דאָס האַרץ מיינס ווערט מיר צעריסן, און דער מוח רירט זיך מיר. אוי, איציק, איציק!... (פאַלט צו מיט אַ רחמנותדיקן געוויין צום טיש)

איציק: (שטייט אַ ווײַלע מיט אַן אָפענעם מויל, און מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אויף איר. דערנאָך טוט ער זיך פלוצים אַ וואָרף צו איר) **מינקע!?...** (טוט זי אַ הויב פון שטול און אַ דריק צו זיך מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט) **אוי, דו האָסט מיך נאָך אַלץ ליב, גע'הרג'עט זאָל איך ווערן...**

מינקע: (פאַרגעסט זיך אין זײַנע אָרעמס, מיט משוגענער ליידנשאַפט) **איציק!... מײַן איציק!... מײַן איציק!...** (קושט אים) **איך האָב דיך איצט נאָך מער ליב, נאָך מער ליב ווי פריער... איך האָב דיך אַזוי ליב, איציק, אַזוי ליב, אַז מיר ווילט זיך גאָר דיר דעם גאַרגעל איבערבײַסן! מײַן איציק!...** (פלוצים טוט זי זיך אַ כאַפּ און אַ ריס פון זײַנע אָרעמס) **אוי מאַמע!... וואָס טו איך? גייט אַוועק פון דאַנען!... גייט אַוועק!... נאָך דאָס פעלט מיר? ווי אַזוי האָט איר געסמייעט מיך אַרומצונעמען? דאָס איז אייער רעספּעקט צו מיר? אַרויס!**

איציק: (צעמישט) **אָבער... מינקע... מ־מ־מ־מאַדאַם!!...**

מינקע: איר זאָלט ניט סמייען מער צו קומען אַהער... איר ווערט מיך אומגליקלעך מאַכן... איר ווערט מיך משוגע מאַכן! אַרויס!... (טוט אַ כאַפּ אַ ברום און הויבט אים אַן צו שלאָגן) **אַרויס! קריך מיר ניט אין די אויגן אַריין!... לאַז צורו מײַן קאָפּ! לאַז צורו מײַן האַרץ, רוצח!**

איציק: מאַ־מ־מ־מאַדאַם! (פליט אַרויס פון טיר רעכטס)

מינקע: (בלײַבנדיק אַליין) **אוי, וויי איז מיר, ווי איך האָב אים ליב!** (שטעלט אַוועק דעם ברום אויף אַן אָרט און וויינט. מען קלינגט. זי דריקט אָפּ דעם קנאָפּ. פויזע. מען קלאַפּט אין דער טיר) קאָם אין!

(פּיוול קומט אַרײַן. ער איז שטאַרק אויפגערעגט און גלעט זיך די רויטע באָרד)

פּיוול: גוט מאָרגן, דאָקטאָרקע! איז דער דאָקטאָר דאָ?

מינקע: גייט זוכט אים. אייך דאַרף איך אויך דערפאַר דאַנקען.

פּיוול: פאַרוואָס דאַנקען?

מינקע: פאַר מײַן לעבן, פאַר מײַן גיהנום. איר האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט, פעטער.

פּיוול: הער נאַר, דו! האָלט בעסער איצט צוגעמאַכט דײַן פּיסק, וואָרים איך בין איצט אויך אָנגעדרודעלט. איך בין געקומען צו דײַן דאָקטאָר דער־ציילן אים אַ מעשה. איך שיק אים פּאַציענטן, טרײַבט ער זיי אַרויס, און דער־ציילט זיי, אַז איך בין ניט זײַן פעטער. וואָס הייסט, איך בין ניט זײַן פעטער, האַ? איך שלאָג זיך אַרום פאַר אים, נעכטן האָב איך ביי אונדז אין פאַראיין אויפן מיטינג געכאַפּט אַזאַ זעץ מיטן האַמער, אַז די נשמה איז מיר שיר ניט אַרויסגעשפּרונגען. דערציילט ער גאָר, אַז איך בין ניט זײַן פעטער. אויב איך בין ניט זײַן פעטער, פאַרוואָס קומט מיר דער זעץ מיטן האַמער, האַ?

מינקע: ער האָט אייך פײַנט, ער האָט מיך פײַנט, איך ווייס שוין, וועמען ער האָט ליב.

(דר. רובין קומט אַרײַן. קוקט ניט אויף זיי און גייט אַרײַן צו זיך אין קאַבינעט)

פּיוול: דו זעסט, אפילו ניט קיין „העלאָו"!...

מינקע: אַוועק מיט דר. רייכמאַן... מסתמא געווען ביי אים און געהאָ־ליובעט זיך מיט יענער...

פּיוויל: מיט וועמען?

מינקע: מיט זיין פּריערדיקער ווייב. איך ווייס שוין. איך וועל זיי ביידן די אויגן אויסקראַצן! (אָפּ רעכטס מיטן פּליש)

פּיוויל: (לויפט איר נאָך) מיט וועמען, זאָגסטו? (אָפּ נאָך איר)

דר. רובין: (זעצט זיך ביים טיש און לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ. דער טעלעפאָן אויפן טיש קלינגט. נעמט דעם רעסיווער) העללאָ! הו איז דהאָט? אַ, ליזא! העללאָ! וואָס? ווי איך פיל זיך? זייער און זייער גוט! פוירסט קלעס!.. האַ? איך האָב ניט געקענט קומען. איך בין די לעצטע צייט געווען זייער פאַר־נומען. האַ? ערנסט! יעס, יעס, יעס... איך האָב געהערט, אַז דו פאָרסט מאָרגן אַוועק... וועלל? בעסער, אַז איך זאָל ניט קומען זיך געזעגענען... עס וועט דיר שווער זיין און מיר אויך ניט באַזונדערס אנגענעם. האַ, מיר זענען ניט קיין קינדער. עך, ליזא, הלוואי וואָלטן מיר געווען קינדער, וואָלטן מיר ניט געווען אַזעלכע דערוואַקסענע נאַראָנים! (טוט זיך אַ כאַפּ) ליזאַ! נו, וואָס ווייגסטו דאָרט? (צעוויינט זיך אַליין און לאָזט אַרונטער דעם רעסיווער) (פּיוויל לויפט אַריין, אַן אויפגערעגטער און גלייך אין קאַבינעט אַריין)

פּיוויל: הע? גאָר אַזאַ קאָמערציע, סנאָכעט זיך מיט יענער? אָט דער־פאַר בין איך דאָס ניט קיין פעטער, פאַניע דאָקטאָר? ניט ביי פּיוולען, דאָק־טאָר, ניט ביי פּיוולען...

דר. רובין: (הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אים אָן) ווער האָט אייך אַריינגערופן אין מיין אָפיס? דאָ איז ניט קיין בוטשער־שאָפּ, מען גייט אַהער אַריין, ווען איך הייס אַריינקומען!..

פּיוויל: פאַניע דאָקטאָר, איר פאַרעדט מיר נאָר ניט די ציין. פּיוויל רעדט צו אייך, נישט מינקע! און פּיוויל לאָזט זיך ניט שפּייען אין קאַשע, ער קען אַ טרייבער טאָן אַזוי, אַז די ניכפּה זאָל אַ נעם טאָן. איר האָט גאָר צו טאָן מיט אייער ערשטער ווייב?

דר. רובין: גראָביאַן, אַרויס פון מיין אָפיס!

פּיוויל: וועמען רופט איר גראָביאַן? איך בין אַ גראָביאַן, פאַרוואָס? ווייל איך שלאָג זיך פאַר אייך אויף די „מיטינגען" אין מיין פאַראיין? נאָך איצט טוט מיר ווי די פּלייצע פון דעם זעץ, וואָס איך האָב נעכטן מיט אַ האָמער געקראָגן פאַר מיין פלימעניק דעם דאָקטאָר אין מיין פאַראיין! אַזוי באַדאַנקסטו מיר דערפאַר? דו רופסט מיך „גראָביאַן"? און זאָגסט מיין פאַראיין־ברודער, אַז איך בין דיר ניט קיין פעטער? איך בין דיר יאָ אַ פעטער...

דר. רובין: קיין „דו", קיין „דו"!

פּיוויל: אַ פעטער מעג זאָגן „דו" זיין פלימעניק. דו ביסט מיר אַ פלימעניק, אַ ריכטיקער. דו האָסט חתונה געהאַט מיט מיין פלימעניצע, ביסטו מיר אַ פלימעניק, דאַרפסטו זיך מיט מיר ניט שעמען. אַז מען האַנדלט איין אַ בהמה, האַנדלט מען זי איין מיט די הערנער און מיט די קישקעס. דו האָסט

איינגעהאַנדלט מינקען, האָסטו זי איינגעהאַנדלט מיט איר גאַנצער משפחה!...
דו פֿאַרשטייסט, פֿלימעניק, מיינער?

דר. רובין: גייט אַרויס, איך בעט אייך...

פּייוול: פֿאַרוואָס האָסטו אַרויסגעטריבן מיין פֿאַראיין־ברודער, ווען איך האָב אים קוים איינגערעדט, אַז ער זאָל גיין צו דיר? פֿאַרוואָס האָסטו מיך פֿאַרשעמט, אים געזאָגט, אַז איך בין דיר ניט קיין פֿעטער?

דר. רובין: (הייבט זיך אויף) הערט־זשע אויס, מיסטער, אויב איר וועט מיר שיקן אַ פּאַציענט, וועל איך אים אַרויסטרייבן; אויב איך וועל הערן אַז איר רעדט און שלאָגט זיך אין מיין נאָמען אין אייער פֿאַראיין, וועל איך אייך לאָזן אַרעסטירן... איר פֿאַרשטייט, וואָס איך רעד צו אייך?

פּייוול: איך פֿייף אויף דיין טאַטן, פֿלימעניק מיינער! און אַרעסטן וועל איך דיך, ווייל איך האָב ערשט זיך דערוואוסט, אַז דו פּירסט אַ שורע־מורע מיט דיין ערשטער ווייב! פֿלימעניק, פֿלימעניק! היט דיין פֿעל! איך וועל טרייבערן!..

דר. רובין: האַ? וועסטו ניט אַרויסגיין, דו גראַביאַן? (נעמט דעם טעלעפֿאָן) איך רוף אָפּ דעם פּאָליס־סטיישאַן, מען זאָל שיקן אַהער אַ פּאָליסמאַן!..

פּייוול: וואָס? אַ פּאָליסמאַן? מיך צו אַרעסטן? דיין אייגענעם פֿעטער? זאָל מען מיך אַרעסטן? איך זעץ זיך אַוועק און וואַרט ביז אַ פּאָליסמאַן וועט קומען! (זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטול)

דר. רובין: (רעדט אין טעלעפֿאָן) פּאָליס־סטיישאַן...

פּייוול: (טוט זיך אַ כאַפּ) וואַרט, וואַרט! רוף ניט קיין פּאָליסמאַן! איך גיי, איך גיי, ווער געה'רג'עט! הייב זיך אָן מיט די געבילדעטע, מיט די דאָקטוירים! איי, פֿלעמעניק מיינער, פֿלימעניק! טפֿוי! (אָפּ מיט כעס)

דר. רובין: (אַרונטערגעלאָזט דעם רעסיווער) אַך, גאָט מיינער! (גייט אַרויס אין ווייטינג רום, שפּרייזט הין און צוריק און פֿייפֿט שאָפּענס טרויער־מאַרש. מען קלינגט. ער דריקט דעם קנאָפּ. פּויזע. מען קלאַפּט אין טיר) קאָם אין!

(ליזאַ קומט אַריין)

ליזאַ: העללאָ!

דר. רובין: (טוט זיך אַ וואַרף צו איר, נעמט אָן אירעביידע הענט) ליזאַ!

ליזאַ: וואָלאַדיאַ! אויב דו ביסט צו מיר ניט געקומען זיך געזעגענען, בין איך צו דיר געקומען... איך האָב אַנדערש ניט געקענט... איך האָב געמוזט!

דר. רובין: (נערוועז) וועלן מיר זיך געזעגענען... וועלן מיר זיך געזעגענען... דו ביסט שוין דאָ לאַנג ניט געוועזן, ליזאַ, זיץ!

ליזאַ: (קוקט זיך אַרום) יאָ, שוין לאַנג ניט געוועזן דאָ... מיר דאַכט זיך, אַ גאַנצע אייביקייט... (גייט צו צום שאַפֿע מיט ביכער, שטייט אַ ווײַלע און מיט אַ שמייכל) מיט אָט די אַלטע באַקאַנטע מיינע האָב איך זיך אויך געדאַרפֿט זעגענען... אָט שטייען זיי, מיינע אַלטע באַקאַנטע, מיין טורגעניעוו, מיין טאָלסטאָי, מיין טשעכאָוו, און דאָ איז מיין היינע... (עפֿנט אויף די שאַפֿע און נעמט אַרויס אַ בוך און בלעטערט אים) „דאָס בוך דער לידער“... דו געדענקסט, ווי דו האָסט עס דאַן געבראַכט צו מיין געבורטסטאָג... און ווי אָפֿט מיר ביידע

האָבן עס געלייענט אַט דאָ־אָ ביי דעם טיש. . און אָט איז אַן אָנדענק... אַ פאַרוועלקטע בלום. (נעמט אַרויס פון בוך אַ פאַרטריקנטע בלום) איך דערמאָן זיך אפילו ווי אַזוי אָט די בלום קומט אַהער. דאָס איז פון אַ בוקעט בלומען, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט, דאָס איז איינע פון יענע בלומען, וואָס איך האָב דאַן אין בוך אַריינגעלייגט... אַ פרישע געווען, אַ שמעקעדיקע בלום, אַזוי פריש ווי אונדזער ליבע אין יענער צייט... און זי איז פאַרוועלקט געוואָרן... פאַרוועלקט, פאַרדאַרט, פאַרטריקנט... (ווישט אָפּ אַ טרער).

דר. רובין: פאַרוועלקט, פאַרדאַרט, פאַרטריקענט, ווי אונדזערביידנס לעבן היינט, ליזאַ!

ליזאַ: וואָלאָדיאַ, מיר ווערן אָבער שוין אַ ביסעלע סענטימענטאַל, דאַכט זיך. אפשר האָב איך ניט געדאַרפט קומען. אָבער איך האָב דיך געמוזט זען, איידער איך פאָר אַוועק. ווער ווייסט, צי איך וועל דיך אַמאָל נאָך קענען זען. נו, איצט האָב איך דיך געזען, און... זיי געזונט און גליקלעך אויך. (דערלאַנגט אים די האַנט)

דר. רובין: אַנטלויף ניט. זיץ נאָך אַ ווײַלע. ליזאַ, איך קען זיך ניט זע־געגען מיט דיר. ניטאָ קיין כח. דו געדענקסט, ווי אָפט מיר זענען געווען גליק־לעך אין אָט דעם צימער, איידער מיר האָבן זיך אָנגעהייבן צו קריגן?

ליזאַ: לאָמיר ניט רעדן דערפון.

דר. רובין: אָט זענען מיר געקומען פון דער אָפּערא. קאַרוזאָ׳ן געהערט און מעלבאַן און דעם פראַנצויזישן באַס, פלאַסאָנע׳ן... עך, ווי באַגייסטערט מירביידע זענען דאַן געווען...

ליזאַ: און ווי גליקלעך! און דו געדענקסט יענעם ביינאַכט, ווען מיר זענען געקומען פון אַ פאַרשטעלונג אינם אירווינג פלייס טעאַטער, ווען די גרויסע דייטשע אַקטריסע, אַגנעס זאָרמאַ, האָט געשפילט נאָראַ׳ן?

דר. רובין: צי איך געדענק? איך געדענק יענע פאַרשטעלונג און די פאַרשטעלונגען אין דעם אידישן טעאַטער, וואָס האָבן אונז ביידן באַגייסטערט. און היינט? אַ גיהנום... וואָס טוט מען? ווי רייסט מען זיך אַרויס פון אָט דעם גיהנום, אין וועלכן איך בין אַליין שולדיק?

ליזאַ: איך וועל אַוועקפאָרן. אפשר ווען מיר וועלן זיך ניט זען מער... ביז מיט זעקס חדשים צוריק, איידער מיר האָבן זיך ווידער גענומען טרעפן, ביסטו דאָך צופרידן געווען מיט איר...

דר. רובין: איך האָב זיך גענומען טרעפן מיט דיר, ווען זי איז שוין געוואָרן פאַר מיר אומדערטרעגלעך.

ליזאַ: וועלל, וואָלאָדיאַ, איך זע ניט קיין אַנדערן אויסוועג. פאַרפאַלן. יענע איז ניט שולדיק און יענע וועט קיינמאָל פון דיר ניט אַוועקגיין, מוז גיין די פרעמדע פרוי.

דר. רובין: די פרעמדע פרוי איז יענע און ניט דו! דורך אַן אומגליק־לעכן צופאַל, דורך אַ נאַרישן, דורך אַן אידיאָטישן צופאַל, ביסטו אַוועק און יענע איז געקומען אויף דיין פּלאַץ. געקומען, אָבער ניט פאַרנומען, ניט געקענט פאַרנעמען דיין פלאַץ.

ליזא: (נעמט זיין האַנט) וואָלאָדיאַ, באַרואיק זיך. גוד ביי!

דר. רובין: ליזא, אָן דיר איז מיין לעבן אַזוי לעער, אַזוי פוסט, פאַר ניט, אָן דיר קען איך ניט לעבן, איך קען ניט!...

(מינקע קומט אַריין, בלייבט שטיין מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אויף זיי)

מינקע: אַווא? איר זייט דאָ? זע נאַר, ווי זיי האַלטן זיך פאַר די הענט, איז דאָך דאָס טאַקע אמת! ווייניק וואָס ער גייט צו אייך, קומט איר נאָך צו מיר אין הויז זיך ליובקען מיט אים. ער איז מיין מאַן! איך בין דאָ די מאַדאַם! פריער אַז ער איז געווען אייערער, איז ער אייך ניט געפעלן געווען, אפילו עסן האָט איר אים ניט געגעבן, מיט בויך־ווייטיק איז ער ביי אייך אַרומגעגאַנגען, אַן קנעפּלעך, מיט צעריסענע זאָקן... און איצט, אז איך האָב אים אויסגעפּאַשעט, אים אַרומגעגנייט און ער איז געוואָרן מיינער, געפעלט ער אייך? אַרויס פון מיין הויז, צעלאָזענע פרוי, איך וועל אייך די פאַרשטאָכענע אויגן אויסקראַצן!..

(טוט זיך אַ וואָרף צו ליזאַ׳ן, יענע פאַרשטעלט דאָס פנים מיטביידע הענט)

דר. רובין: אויף וועמען הייבסטו דיין האַנט?

מינקע: אויף דיין פּאָליובאָווניצע! דיר וועל איך אויך די אויגן אויס־קראַצן, איינגעזונקען זאָלסטו ווערן!

דר. רובין: (פלוצים מיט דער גרעסטער אויפרעגונג) אין קיך אַריין! אין קיך! אין קיך! צו דיין פעטער גיי! צו איציקן! דאָרט איז דיין אָרט! גענוג, איך קען ניט מער, איך קען ניט! איך קען ניט!

מינקע: (קאָרטשעט זיך צוזאַמען און קוקט אויף אים מיט צעשראָקענע אויגן, ביז זי צעיאָמערט זיך הויך אויפן קול און לויפט אַרויס. דר. רובין בלייבט שטיין אין מיטן צימער, רייסט אויף זיך די האָר און קרעכצט פאַר־צווייפלט. ליזא פאַלט מיט אַ פאַרשטיקטן געוויין צום טיש)

פ אָ ר ה אַ נ ג

פערטער אַקט

עטלעכע מאָנאַטן שפּעטער. ביי דר. רובין אין הויז. דאָס זעלבע צימער, ווי אין ערשטן אַקט. נאָכמיטאָג. מינקע און פּייוול פּאַקן טעפּעס אין אַ פּעקל. אויף דער ערד שטייען קופערטס. פון אַ הינטער די פאָרטירן פון דער צענטער־טיר קוקן אַרויס דר. רייכמאַן און דר. רובין און פאַרשווינדן דאַן.

פּייוול: וואָס איז דאָס?..

מינקע: צוויי זיידענע העמדער. וועלן צונוץ קומען פאַר איציקן... (פּאַקט די העמדער אינם פּעקל)

פּייוול: איציק וועט איצט האָבן וואָס צו טראָגן, זיידענע העמדער, טייערע אונטערוועש, זאָקן...

מינקע: זאָל ער טראָגן געזונטערהייט. איך האָב עס אַלצדינג איינגע־קויפט. פריער זענען דאָ געווען העמדער אָן באַטענס, זאָקן מיט צעריסענע פּיאַטעס...

פּייוול: באַשערט איציקן אַ גליק. איך פאַרגין דאָס גאָר ניט דעם ממזר... ווען דו וואָלסט ניט געווען אַזאַ בהמה, וואָלסטו איצט געקענט גליקלעך זיין...

מינקע: וואָס מיינט איר?

פּייוול: איך מיין, אַז דו דאַרפסט איציקן האָבן אויף כּפּרות. דו וואָלסט איצט געקענט טאָן אַ שידוך מיט אַ לייטישן מענטשן, אַז עס זאָל זיין אַ נחת פאַר דיין גאַנצער משפּחה. האָסט געקראָגן צוויי טויזנט דאָלער קעש, האָסט אַזויפיל דזשולערי, מיט אַזויפיל טייערע זאַכן, און קיין דינסט ביסטו אויך ניט מער, סיי־ווי־סיי ביסטו אַ דאָקטאָרקע געבליבן, טאָ האָב חתונה טאָקע מיט אַ יחוס, מיט אַ ריכטיקן אדם!...

מינקע: פּעטערקע, גאַנצע אוצרות מיט גאָלד, דער גרעסטער פּראָפעסאָר אפילו, ניט נאָר אַ פּליינער דאָקטאָר, קענען מיך איצט ניט אָוועקרייסן פון מיין איציקן. איר ווייסט ניט, פּעטער, ווי גליקלעך איך בין, וואָס איך ווער פּטור פון די אַלע צרות און יסורים און וואָס איך וועל חתונה האָבן מיט איציקן. עס איז מיר דאָך גאָר ליכטיק אין די אויגן געוואָרן, אַ שווערער פּאַק איז מיר דאָך גאָר פונם קאָפּ אַראָפּ, זינט איך בין ניט מער דאָ אינם הויז. איך זאָג אייך, אַז איך האָב געדאַרפט אַנטלויפן פון דאַנען אפילו אין איין העמד. אָט דאָ זענען גוטע, וואַלענע וועש. (דערלאַנגט אים)

פּייוול: נו, דיין באָבעס ירושה האָסטו צו דיין חתונה מיטן דאָקטאָר ניט צוגעלייגט!

מינקע: חתונה? וואָס פאַר אַ חתונה איז דאָ געווען? מיינע שונאים זאָלן האָבן אַזוינע חתונות. אַריבערגעפאָרן אין דזשוירזי סיטי, און אַרויסגענומען לייסענס, און דערנאָך צונויפגערופן עטלעכע מענטשן ביי זיך אינם הויז, און

מיר אָנגעטאָן אַ רינג, עפּעס כּלי זמר געווען? אין אַ האָלל עפּעס געטאַנצט? אַ ריכטיקע חופּה עפּעס געווען? אַט דערפאַר טאַקע האָב איך דערנאָך ביי אים אַזאַ שיינע מערכה געהאַט!

פּייוול: דאָס איז אמת. קיין ריכטיקע חתונה איז ניט געווען. דאָס איז געווען אַ שטילע „כאַסליערע", ניט קיין חתונה. דערפאַר אָבער, מינקע, אַז דו וועסט איצט חתונה האָבן, וועט עס זיין אַ חתונה מיטן ריכטיקן קנאַק. איך האָף, אַז אויף דיין ריכטיקער חתונה וועסטו מיר אָפּגעבן כבוד, ווי איך האָב ביי דיר פאַרדינט. דו ווייסט דאָך, ווען ניט איך, דיין פּעטער פּייוול, וואָלסטו דאָס אַלצדינג ניט געקראָגן. איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט: „ווילסט זיך גט'ן, פאַניע דאָקטאָר? צוויי טויזנט דאָלער קעש, און אַביסל זאַכן פונם הויז, אָדער אַ מכה!!" דער אַלטער דאָקטאָר רייכמאַן האָט געדענקט, אַז ער איז קליגער פון מיר, אַ נעכטיקע וועטשערע. פּייוול איז קליגער פון צען אַזוינע דאָקטוירים!... (פּאַקט)

(דר. רייכמאַן קומט אַריין פון דער צענטער־טיר).

דר. רייכמאַן: נאָך ניט פאַרטיק?

פּייוול: מיר פּאַקן זיך נאָך...

דר. רייכמאַן: לאָזט עפּעס איבער פאַר דעם דאָקטאָר אויך!

פּייוול: דאָקטאָר, דרייט מיר ניט קיין ספּאָדיק! איך בין אַ ביזנעסמאַן, און אַז ביי מיר איז אָפּגעמאַכט, הייסט אָפּגעמאַכט... די פאַרניטשע וועלן מיר ניט טשעפּן...

דר. רייכמאַן: און די ווענט פונם הויז אויך ניט?

מינקע: אָ, וואו איז מיין דזשולערי?...

פּייוול: דיין דזשולערי איז דאָ אינעם פּעקל. פריער האָסטו מיר דאָס געגעבן איינצופּאַקן.

מינקע: גיט אַהער, איר קאָנט נאָך, חלילה, פאַרלירן. איך וועל בעסער אָנטאָן אויף זיך. (פּייוול נעמט אַרויס דאָס קעסטעלע דזשולערי פונם פּעקל דערלאַנגט איר. זי טוט אָן אויף זיך דאָס גאַנצע צירונג. דר. רייכמאַן זיפצט)

פּייוול: וואו איז איציק מיטן עקספּרעס? (מען קלינגט) אַהאַ, דאָס איז ער אַפּנים! (דריקט דעם קנאָפּ. פּויזע. מען קלאַפּט אין טיר) קאָם אין!

(איציק מיט אַן עקספּרעסמאַן קומען אַריין)

מינקע: נעמט אַפריער אַט די קאַסטנס. פּעטער, העלפט דעם עקספּרעסמאַן אַרויסצוטראָגן.

פּייוול: נו, נעמט אָן אַט דעם קאַסטן! (ער מיטן עקספּרעסמאַן אָפּ מיטן קאַסטן)

דר. רייכמאַן: נו, נו! (אָפּ אין צענטער־טיר)

מינקע: (הייבט אויף די הענט) דאַנקען גאָט, אַזוי ווי מען וואָלט מיך פון אַ טורמע אַרויסגעלאָזט, איציק!

איציק: זאָל איך גע'הרג'עט ווערן, זאָל איך דאָ אויפן אָרט קראַפּירן, אויב איך בין ווערט אַזאַ גליק! אוי, מינקע, מינקע. וועל איך דיך ליב האָבן, וועל איך דיך ליב האָבן, איך האָב דאָך גאָר ניט געוואוסט, אַז דו ביסט אַזאַ

פיקטשע פון אַ ליידי! איצט, אַז דו ביסט געג׳גט... אײַ! אײַ! אײַ! אַז איך האָב גאָר קיין לשון ניט!

מינקע: זעסט, איציק, האָ? איצט בין איך דיר אויך טייערער... מיר דאַרפן נאָך ביידע דאַנקען גאָט, וואָס איך האָב איצט ניט קיין נאַכשלעפעניש... יענער געדרוקטער פייפערל איז מיר צונויף געקומען...

איציק: דאַנקען גאָט! דאַנקען גאָט! אײַ! אײַ! אײַ! (טאַנצט אונטער אויף די פיס)

מינקע: נאַ, אַ פּאָר גאָלדענע קאַף־באַטאַנס. שפּאַר אַריין אין פּאַקעט.

איציק: דו וועסט זיי מיר געבן אין דרויסן. דאָ וויל איך זיי ניט נעמען ביי דיר... עפּעס... עפּעס... איך שעם זיך!...

(פייוול מיטן עקספּרעסמאַן קומען אַריין)

מינקע: וואָס שעמסטו זיך? איך האָב זיי געקויפט. פריער האָט ער געהאַט אַלטע צעבראָכענע... וואָס זאָגט איר, פּעטער, איציק שעמט זיך גאָר צו נעמען אַ פּאָר גאָלדענע קאַף־באַטאַנס...

פייוול: נעם, נעם, די קישקעס, די געדערים. וואָס דו קענסט, נעם פון דאַנען! מאָרגן וועסטו קריגן דאָ אַ מכה. וואָס דו וועסט היינט נעמען איז דיינס! אַזוי איז אָפּגעמאַכט. דו וועסט דאָך איצט חתונה האָבן מיט אַ דאָקטאָרס אַ ווייב, און מיט געלט. (שלעפּט דעם קאַסטן) נו, מער וועל איך שוין דאָ ניט אַרויפקומען! דעם פּעקל וועט איר שוין אַרונטערטראָגן! פּאַני דאָקטאָר, גוד ביי! אַט איצט קענט איר אפילו אַרויפקריכן אויפן רוף און שרייען, אַז איך בין ניט אייער פּעטער! איך פייף אויף אייך, דאָקטאָר! (אָפּ מיטן עקספּרעסמאַן)

מינקע: נו, איצט, קענען מיר שוין אויך גיין! (שפּאַרט אים אַריין עט־לעכע זאַכן אין די קעשענעס) נעם דעם פּעקל! (איציק נעמט דעם פּעקל) איי איך האָב גאָר פאַרגעסן! פאַרוואָס זאָל איך ניט מיטנעמען דאָס נייע זילבערנע קאַך־לעפל מיט זיך? יעס, און די גאָפּל? איך האָב זיי דאָך אַלע געקויפט! קום אַקאָרשט אין קיך אַריין! (ביידע אָפּ לינקס)

(דר. רייכמאַן שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון הינטער די פאָרהאַנגען

דר. רייכמאַן: די לופט איז ריין, און די ווענט שטייען אויך. וואָלאַדיאַ, קום, מיר וועלן זען, וואָס דאָרט איז פאַרבליבן...

(דר. רייכמאַן און דר. רובין קומען אַרויס)

דר. רובין: (מיט אַ גליקלעכן שמייכל) אַבי די פיר ווענט זענען פאַר־בליבן און איך און ליזאַ — איז שוין גוט.

דר. רייכמאַן: איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, וואָלאַדיאַ, ווען איך האָב געזען, ווי זיי האָבן פאַרנומען די אַלע זאַכן, האָט מיר באמת ווי געטאָן, הלמאי דער מענטש איז אַזאַ חזיר...

דר. רובין: אַנקל, אַבי איך בין באַפרייט!

(ליזאַ קומט אַריין)

ליזאַ: וועל, וואָלאַדיאַ?

דר. רובין: (גייט צו צו איר) איך בין אַזוי גליקלעך, ליזאַ.

ליזאַ: איך אויך, וואָלאַדיאַ. נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן בין איך אַזוי גליקלעך ניט געווען. (ער אָפּ און קערט זיך באַלד צוריק מיט דעם גרויסן בילד פון ליזאַ׳ן)

דר. רובין: דיין בילד, ליזאַ! צוריק אויף זיין פריערדיקן פּלאַץ! דו זאָלסט ווידער אַראָפּקוקן אויף אונדז פון דיין הויכקייט. (שטעלט זיך אויף אַ שטול און הענגט אויף דאָס בילד אויף דער וואַנט)

ליזאַ: (קוקט אויף איר בילד און שמייכלט גליקלעך. פּלוצים מיט טרערן אינם קול) מוז מען דען פריער אַזויפיל ליידן, אום צו פילן דערנאָך אָט דעם גרויסן גליק?

דר. רובין: (שפּרינגט אַרונטער פונם שטול) יאָ, מיין ווייב! דער מענטש ווערט געלייטערט דורך זיינע ליידן, ווי גאָלד דורך פייער... אַזוי ווי גאָלד דורך פייער ווערט ריינער, פאַרלירט זיינע פּסולת, אַזוי פאַרלירט דער מענטש דורך זיינע ליידן אַ סך פון זיינע נאַרישקייטן, ווערט ריינער, מענטשלעכער און קען דערנאָך טיפער פילן דעם גליק. (נעמט זי אַרום)

(מינקע און איציק פון לינקס. ער מיט זיין פּעקל. ליזאַ, דערזעען זיי, שפּרינגט אָפּ פון דר. רובין און ביי איציקן פאַלט אַרויס דאָס פּעקל פון די הענט).

מינקע: וואָס האָסטו זיך דערשראָקן, איציק? הייב אויף דעם פּעקל. דו האָסט, חלילה ניט גע׳גנבֿ׳עט. מיין פּעקל באַלעבאַטישקייט טראָגסטו. מיר קומט.

איציק: (הייבט אויף דעם פּעקל און שטיל) קום!

דר. רייכמאַן: זע נאָר, נאָך פּעקלעך! די קיך אויף אַרומגעשציפּלעט? כאָטש עפּעס געלאָזן דאָרט? די ווענט? דעם סינק? דעם אויוון?...

מינקע: רעדט ניט, דאָקטאָר, איך נעם נאָר, וואָס מיר קומט. מיר קומט אַ חלק פון דעם דאָקטאָרס באַלעבאַטישקייט נאָך אַלע לאָאוס. איך בין דאָ געווען דעם דאָקטאָרס מאַדאַם פּונקט ווי אייער פלימעניצע און אַביסל נאָך אַ געטרייערע מאַדאַם ווי זי... און זי דאַרף מיר נאָך דאַנקען אויך. ווען איך זאָל ניט געווען נעמען קיין גט,וואָלט זי דעם דאָקטאָרס מאַדאַם נאָכאַמאָל ניט געקענט ווערן. מילא, איך פאַרגין עס איר, אַבי איך האָב זיך פון דאַנען אַרויס־געריסן אַ לעבעדיקע. גלויבט מיר, אַז קיין שנאה טראָג איך צו אייך קיינעם ניט אינם האַרצן.

איציק: (טוט זי אַ צי) קום!

ליזאַ: (פּלוצים טוט זיך אַ לאָז צו מינקען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט) און איך, מינקע, טראָג אויף אייך אויך ניט קיין שנאה אינם האַרצן. איך ווינטש אייך גליק צו אייער נייעם לעבן.

מינקע: (צעמישט אַ ביסעלע) אָט דאָס איז שיין. אַז איר רעדט מיט מיר און ווינשט מיר גליק, איז טאַקע שיין. אַ דאַנק אייך, מאַדאַמעניו. אויף דעם האָב איך זיך באמת ניט געריכט. איך צו אייך האָב גאָרניט. איר האָט ביי מיר אַוועק־גענומען צוריק דעם דאָקטאָר? טויזנט מאָל דאַנק איך אייך דערפאַר. איר האָט דאָך מיך ווי פון גיהנום אַרויסגעראַטעוועט! זאָלן אַנדערע זיין דאָקטאָרקעס, זייט איר אַ דאָקטאָרקע, מוחל! איך וויל זיין אַ ווייב און ניט קיין דאָקטאָרקע!

איך וויל האָבן אַ מאַן און ניט קיין דאָקטאָר! איציק זאָל מיר לעבן, מיין איציק, אָט דער שיינער, געזונטער יונגאַטש... (ציט אים אָפּ אָן אַ זייט און שטיל) קוקט אים אָן: דאַרף איך האָבן אַ דאָקטאָר, האַ?

ליזא: איר זייט גליקלעך, האַ?

מינקע: צי איך בין גליקלעך? אַי, מאַדאַמעניו, איך וואָלט דאָך די גאַנצע וועלט געקושט פאַר גליק, אפילו אייער פעטער, כאָטש ער האָט מיך אַזוי פיינט. נו, מאַדאַמעניו, אַ גליקלעכער גוד ביי איך! איך בין צופרידן, וואָס פון אייך גיי איך אַוועק ניט צעקריגטערהייט. אַ גוטער סימן. אַ סימן פון מזל. איך ווינטש אייך אויך אַ גליקלעכן מזל. זעט מיט אים אויסצוקומען, מיט אונדזער דאָקטאָר. ער איז אַ גרויסער קרענק. אָבער אַז איר וועט אים צוזען, אַ געבילדעוועטע מאַדאַם זייט איר, וועט איר אַלעמאָל קענען פאַרשטיין וואָס ער וויל. איר הערט, וואָס איך האָב אויסגעפונען? ער האָט ליב קנישעקלעך און קאַרטאָפּל מיט פלייש, און הערינג מיט פּאָטייטאָס... אָבער ניט צופיל, אַניט וועט ער שרייען, אַז איר שטאָפּט אים, ווי אַן אינדיק. גוד ביי איך! (טוט אַ כאַפּ איציקן) קום, איציק! רבונו של עולם, אָט די אַלע מיינע פריערדיקע צרות זאָלן דאָ פאַרבלייבן, זאָלן זיך דאָ אָפּשטעלן און די פרייד, וואָס אין מיין האַרצן, זאָל קיינמאָל ניט פאַרשטערט ווערן, קיינמאָל ניט. אַי, איציק! (טוט אים ליידנשאַפטלעך אַ קוש און אָפּ מיט אים)

ליזא: זי פרייט זיך, אַזוי ווי זי וואָלט זיך פון דעם גיהנום אַרויסגעריסן!

דר. רובין: (גייט צו צו איר) און איך אויך, איך אויך. פון דעם גיהנום אַרויס און אין גן עדן אַריינגעטראָטן. (נעמט זי אַרום און קושט זי)

דר. רייכמאַן: קינדערלעך, זאָל די פרייד, וואָס זינגט איצט אין אייערע הערצער, אייביק דאָרט זינגען, אייביק. (נעמט זיי ביידן אַרום)

פ אָ ר ה אַ נ ג

ראסקא, ניו יאָרק, אויגוסט 10, 1916

צוריק צו זיין פֿאָלק

דראַמע אין 4 אַקטן

פערזאָנען:

ארטור בלעק, אַ באַנקיר

מאריא, זיין פרוי

גרייס, ווילי, זייערע קינדער

טאָמאָס בייקאָן, מאַריאַ׳ס ברודער

מיס קלארק, ווילי׳ס כלה

ריינשטיין, אַ מאלער

דר. שווארץ, אַ ציוניסט

דזשאָן, אַ דינער

אָרט — אין ניו יאָרק

צייט — קעגנוואַרט

אויפגעפירט אין 1917, אין ניו יאָרק

ערשטער אַקט

(ביי אַרטור בלעק אויף ריווערסייד דרייוו, זייער אַ רייכער און פאַרנעמער סאַלאָן, באַגאָסן מיט עלעקטרישן שיין, טירן רעכטס, לינקס און אין צענטער. מיטן ווינטער. גרייס, 19 יאָר אַלט, אין אַ ווייסן אנצוג, מיט אַ רויטער בלום אין די האָר זיצט אויף אַ נידריקן אטאמאן און לעזט אַ בוך. א באַטלער אין אוניפאָרם, באַווייזט זיך, און לאָזט דורך אַנקל טאָמאָס דורך דער טיר רעכטס און אָפּ. טאָמאָס, גרוי, שטייט אַ ווײַלע, קוקט מיט אַ וואַרימען, פאָטערלעכן שמייכל אויף גרייס, וועלכע באַמערקט אים נישט, גנבעט זיך דאַן צו צו איר אויף די שפּיץ פינגער, און לייגט איר זאַכט אַרויף די האַנט אויפן קאָפּ)

גרייס: (קוקט זיך אום) **אַנקל טאָמאָס! ווען ביסטו געקומען?**

טאָמאָס: **ערשט פון דיפּאָו. ווי דו האָסט זיך פאַרענדערט גרייס, פאַר די צוויי יאָר וואָס איך האָב דיך ניט געזען.**

גרייס: **צום גוטן אָדער צום שלעכטן?**

טאָמאָס: **נאַטירלעך צום גוטן, איך מוז דאָך אַזוי זאָגן, איך בין נאָך אַלץ אַן עפלעכער דזשענטעלמען צו ליידיס, ווער רעדט נאָך, ווען די ליידי איז נאָך ניט עלטער פון 20 פרילינגס, און איז אַליין דער שענסטער פרילינג.**

גרייס: טהענקיו אַנקל טאָמאָס, און דו? לאָז מיך דיך באַטראַכטן. דו ביסט אַביסעלע ווייסער געוואָרן.

טאָמאָס: **וואו זענען זיי אַלע?**

גרייס: **פּאַפּאַ איז אין לייברערי, מאַמאַ איז אַרויסגעפאָרן, און ווילי — איך ווייס ניט, וואו ער איז מיט זיין מיידל אַוועק.** (זעצן זיך)

טאָמאָס: **הייסט עס, דיין ברודער ווילי, וועט באַלד הייראטן. עפּעס אַ היפּשע מיידל. האַ?**

גרייס: **איר פאָטער האָט דעם יאָר געהאַט פּראָפיט פון איין אמיונישאָן פעקטאָרי איבער 30 מיליאָן דאָלער.**

טאָמאָס: **אַזוי? דאָן איז גאָר איבעריק צו פרעגן, אויב זי איז אַ היפּשע מיידל, ווילי איז מסתמא אין איר שטאַרק פאַרליבט. הע?**

גרייס: **און נאָך ווי! זי איז דאָך אַן איינציקע טאָכטער ביי איר פאָטער, די מאַמע איז אויך שטאַרק באַגייסטערט פאַר איר.**

טאָמאָס: **און דיין פּאַפּאַ?**

גרייס: **וועל, פּאַפּאַ שיינט מיר איז זי נישט שטאַרק געפעלן.**

טאָמאָס: **וואָרום?**

גרייס: **ווייל אַזאַ מענטשן ווי פּאַפּאַ קאָן זי ניט געפעלן, דיר וועט זי אויך ניט געפעלן, מיר געפעלט זי אויך ניט.**

טאָמאָס: **דיר אויך נישט, וואָרום?**

גרייס: **ווייל זי איז אַ סנאָב. און איך האָב פיינט סנאָבס.**

טאָמאַס: (כאַפּט זי אָן פאַר ביידע הענט) ביי גאָד גרייס, דו געפעלסט מיר, דו ביסט די ריכטיקע שטאָף, דיין מאַמע אין דיינע יאָרן איז אויך געווען אַזוי ווי דו.

גרייס: ווירקלעך?

טאָמאַס: געוויס, דערפאַר האָט זי דאָך געהייראַט דיין פּאַפּאַ.

גרייס: דערפאַר האָט זי געהייראַט מיין פּאַפּאַ? וואָס מיינסטו אַנקל?

טאָמאַס: דיין פּאַפּאַ איז דאָך ניט געווען קיין אַמעריקאַנער.

גרייס: איך ווייס, ער איז געווען אַ פאָריינער — אַ פּוילישער גראַף.

טאָמאַס: (קוקט זי אָן פאַרוואונדערט) אַ פּוילישער גראַף? הם — ווער האָט עס דיר געזאָגט?

גרייס: די מאַמאַ. ווען מיר האָבן אַמאָל געפרעגט ביי איר וועגן פּאַפּאַ׳ס אָפּשטאַמונג, דערפאַר איז דאָך אונזער ווילי אַזוי שטאָלץ ביי זיך. עס פאַרדריסט אים נאָר וואָס פּאַפּאַ האָט זיין טיטל אָוועקגעוואָרפן.

טאָמאַס: וועל, וועל, דהעטס פאַני, רעדט פּאַפּאַ אַמאָל אויך וועגן דעם?

גרייס: קיינמאָל ניט, אָה, פּאַפּאַ איז אַ געבאָרענער דעמאָקראַט, דערמאָנט מען אים, אַז ער איז אַ גראַף, ווערט ער שרעקלעך בייז. הי־הי־הי! דו האָסט אים געדאַרפט אָנקוקן, ווען ווילי׳ס כלה רופט אים אַמאָל גראַף.

טאָמאַס: זי רופט אים גראַף?

גרייס: שור! ווילין רופט זי אויך גראַף, אפילו מיך האָט זי אויך אַ פּאָר מאָל גערופן „קאָונטעס גרייס״.

טאָמאַס: (קראַצט זיך דעם קאָפּ) וועל, וועל, דאָס געפעלט מיר ניט.

גרייס: וואָרום? דיר שטייט ניט אָן צו האָבן אַ גראַף אין דיין משפחה?

טאָמאַס: דהי דעוויל וויט איט! דיין פּאַפּאַ איז מער ווי אַ גראַף, ער איז דער באַנקיר אַרטור בלעק, דער געניאַלער פינאַנסיער, פאַר וועמען גענוג אייראָפּעאישע גראַפן און פירשטן בויגן זייערע קעפּ מיט די פאַרשימלטע טיטולן.

גרייס: האָט זי אים דען ניט געהייראַט ווייל ער איז געווען אַ גראַף?

טאָמאַס: נאַרישקייטן, זי האָט ניט געפרעגט ווער ער איז און וואָס ער איז. — אַ יונגערמאַן! געאַרבעט ביי דיין זיידן אין באַנק, זייער פּייאַק ערלעך, פלייסיק און ליבנסווירדיק, דאָס איז געווען זיין העכסטער טיטל פאַר אונדז אַלעמען! מער ווי אַ גראַף, פירשט, פרינץ און אַנדערע טיטולירטע טייוואָלים. דערפאַר, נאָר דערפאַר אַליין האָבן מיר אַלע אים ליב געקריגן, דיין זיידע, איך און דיין מאַמאַ. און דערפאַר האָט זי אים געהייראַט. שפּעטער, ווען דיין פּאַפּאַ איז געוואָרן שעף פון דער באַנק, האָט ער ערשט געוויזן, אַז מיר האָבן זיך אין אים ניט אָפּגענאַרט. זיין באַנק איז איצט איינע פון די מעכטיקסטע אין אַמעריקע.

גרייס: און ער איז איינער פון די בעסטע מענטשן אין דער וועלט, איינפאַך און גוטהאַרציק.

טאָמאס: און קלוג (הויבט זיך אויף) אַצינד זאָג מיר, ווי פאַרברייינגסטו איצט די צייט? קאָלעדזש האָסטו דאָך שוין געענדיקט, וואָס טוסטו די גאַנצע צייט?

גריים: אָה, איך האָב געגוג אַרבעט אין מיין סעטלמענט הויז אויף דער איסט־סייד, אָנקל, דו ווייסט מיר מוזן געבן אַ טשעק פאַר מיין סעטלמענט.

טאָמאס: אַרבעטסט אין אַ סעטלמענט? דאָס איז פיין, וואָס טוסטו פאַר דער איסטסיידער מענשהייט אין דיין סעטלמענט?

גריים: לעקטשורס, מוזיק, גימנאַסטיק, פאַרשטעלונגען. אָה, אָנקל, דו מוזט באַזוכן דאָס הויז, דו וועסט דאָרט טרעפן אַזאַ פייאיקע, אינטעליגענטע און איידעלע יוגנט צווישן די קינדער פון דער איסט־סייד. איך האָב זיי אַזוי ליב.

טאָמאס: פיין! איך בין באַרייט צו שטיצן דיין גוטע אַרבעט. וועל, וועל, ווי גרויס זאָל זיין דער טשעק?

גריים: ניין, אַ העלפט וויפל דער פּאַפּאַ האָט געגעבן.

טאָמאס: וויפל האָט ער געגעבן?

גריים: ער האָט באַצאָלט פאַרן הויז.

טאָמאס: הע? ס'איז עפּעס טייער פּראָפּערטי אויף דער איסט־סייד?

גריים: ניין. דאָ ביי אונדז, אויף ריווערסייד דרייוו איז טייערער.

טאָמאס: דאָך, וויפיל האָט פּאַפּאַ באַצאָלט?

גריים: 40,000 דאָלער.

טאָמאס: גיב איך 15,000 דאָלער.

גריים: ניין אָנקל, איך לאָז ניט אַרונטער קיין סענט פון 20. אָנקל טייערער, דו האָסט ניט קיין רעכט מיט מיר זיך צו דינגען.

טאָמאס: וועל, וועל, אַזוי טייער זאָל מיך קאָסטן מיין היינטיקע רייזע האָב איך ניט גערעכנט. אָלרייט מיין קינד, דו קריגסט עס.

גריים: (כאַפּט אים אַרום) דערפאַר אַ קוש אויף דיין ווייסן קלוגן קאָפּ. (קושט אים)

טאָמאס: קריגסטו ביי מיר 25 — דיין קוש איז ביי מיר ווערט עקסטרא 5,000.

גריים: וועל איך דיר געבן נאָך 10.

טאָמאס: ניין. דאַן וועט דער קוש ניט ווערט זיין קיין ניקל. מיין קינד, מיט קושן דאַרף אַ מיידל זיין זייער פאַרזיכטיק.

גריים: איך קוש נאָר וועמען איך האָב ליב, אָנקל, איר וועט היינט האָבן אַ סורפּרייז, איך ברייינג היינט אהיים מיין בילד, געמאָלן פון אַ מאָלער מיט אַ גרויסער ליכטיקער נשמה. ער וועט דאָ היינט אויך זיין. פּאַפּאַ האָט מיר דער־לויבט אים איינצולאַדן אַהער. ער איז אויך אַ פאַררייִנער, אָבער אַ מענטש, אָנקל, אַזאַ מענטש! אַזאַ טאַלאַנט! אַן אידעאַליסט. איך האָב ביי מיר אינם סעטל־מענט אים געטראָפן. (מרס. בלעק'ס קול רעכטס) מאַמאַ איז געקומען (לויפט צום טיר רעכטס) מאַמאַ, אָנקל טאָמאַס איז דאָ.

(מרס. בלעק, מאַריא, אַ פרוי אין די פופציקער, גראָע האָר, שטאָלצע האַל־טונג רעדט לאַנגזאַם, קומט מיט געמאָסטענע טריט)

מאַריא: טאָמאַס! (צוקושט זיך מיט אים) איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט דערהאַלטן מיין בריוו, וועסטו גלייך אַרויספאָרן (צו גרייס) קינד, זיי אַזוי גוט און זאָג פּאַפּאַ׳ן אַז אַנקל טאָמאַס איז דאָ.

גרייס: אָלרייט מאַמאַ. (אָפּ)

טאָמאס: (ווען גרייס אָפּ) וואָס איז דאָ געשען?

מאַריא: טאָמאַס, איבער מיין הויז און מיינע קינדער טראָגט זיך אַ גרויס געפאַר. (זעצן זיך)

טאָמאס: וואָס מיינסטו?

מאַריא: מיין מאַן. —

טאָמאס: וועל, וואָס איז דער מער מיט אַרטורן?

מאַריא: ער האַנדלט אַזוי דאָס איך האָב מורא, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך באַלד ניט דערוויסן, אַז ער איז —

טאָמאס: אַ איד?

מאַריא: (טוט זיך אַ צאַפּל) רייד ניט אַזוי הויך טאָמאַס, מיין זון ווילי וואָלט דאַן זעלבסטמאָרד באַגאַנגען, דו ווייסט גאָרניט ווי אַזוי ער האַסט אַ אידן, ווען ער זאָל זיך פּלוצים דערוויסן, אַז זיין אייגענער פאָטער —

טאָמאס: ווילי האַסט די אידן — פאַרוואָס?

מאַריא: אינם קרייז פון זיינע באַקאַנטע האַסן זיי אַלע די אידן. איך אַליין האָס זיי איצט נאָך מער.

טאָמאס: דו אויך? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן דיר די אידן געטאָן?

מאַריא: ווייל אַ אידן האָב איך צו פאַרדאנקען מיין אומגליקלעכן לעבן.

טאָמאס: דאָס האָסטו מיר קיינמאָל ניט געזאָגט.

מאַריא: איך האָב דאָס דערשטיקט אין זיך, באַשלאָסן דאָס צו באַגראָבן אין מיין האַרצן, ביז היינט שטיק איך דאָס אין מיין האַרצן. אים אַליין האָב איך דאָס אויך פילן ניט געלאָזט, קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט. איך שווער עס דיר. און אַזוי ווי ביי אונדז איז אָפּגעמאַכט געווען פון פריער אַז די וועלט דאַרף ניט וויסן וועגן זיין אָפּשטאַמונג, האָב איך פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל וואָס אָפטער אין טשוירטש גיין, וואָס אָפטער שענקען געלט אויף קריסטלעכע אַנשטאַלטן, און וואָס ווייטער זיך האַלטן פון אידן.

טאָמאס: און דיין פאַרלאַנג האָט ער דאָך אימער דערפילט?

מאַריא: ביז דער לעצטער צייט. נאָר מיט אַמאָל האָט ער מיר ערקלערט: גענוג! ער וויל מער אין מיין טשוירטש ניט גיין, ער גלויבט ניט אין מיין טשוירטש.

טאָמאס: אויב ער פילט איצט אַזוי איז ער גערעכט.

מאַריא: (טוט אַ קלאַפּ אין טיש) ניין. ער איז נישט גערעכט. ער איז אַ קריסטלעכער פאָטער פאַר זיינע קינדער, און מוז בלייבן אַ קריסט פאַר דער וועלט.

טאָמאס: דאָס איז אַ פראַגע פון זיין געוויסן. מאַריע... ווען זיין געוויסן דערלויבט אים ניט מער —

מאַריאַ: און ווען זיין אידישער געוויסן זאָל פון אים פאַרלאַנגען נאָך מער? אה, טאָמאַס. דערפאַר האָב איך מורא, ניט נאָר גייט ער ניט אין טשוירטש, נאָר ער האָט אָנגעפאַנגען שטיצן אידישע אַנשטאַלטן, אמת, דערווייל נאָך אין געהיים, ווען דער פּרעזידענט האָט ערקלערט א אידנטאָג פאַר די מלחמה־ליידנדע, האָט אַרטור אַריינגעשיקט אין געהיים אַ גרויסע סומע צום אידישן רעליף.

טאָמאַס: דאָס איז פיין! איך האָב אויך יענעם טאָג דערלאַנגט מיינעם אַ באַקאַנטן אידן אין שיקאַגאָ אַ טשעק אויף 5000 פאַרן אידישן פאָנד.

מאַריאַ: ביי דיר באַוויזט עס דיין גוט האַרץ, ביי אים עפּעס אַנדערש.

טאָמאַס: וואָס אַנדערש? זיין שלעכט האַרץ זיכער נישט.

מאַריאַ: טאָמאַס, דו פאַרשטייסט וואָס איך מיין.

טאָמאַס: איך פאַרשטיי, אַז דו ביסט אַ נאַר געוואָרן, דו געפעלסט מיר ניט מער, מאַריע... מיר געפעלט ניט וואָס ביי דיר אינם הויז זאָל אויסוואַקסן אַ זון —

מאַריאַ: וואָס האָסט אידן?

טאָמאַס: יאָ, דאָס איז אַ שאַנדע.

מאַריאַ: ביז איצט האָט ער זיך געהיט, ער האָט זייער גרויס רעספּעקט פאַר זיין פּאַפּאַ.

טאָמאַס: פּילייכט דערפאַר וואָס זיין פּאַפּאַ איז אַ געבאָרענער גראַף?

מאַריאַ: פון וואַנען ווייסטו דאָס?

טאָמאַס: גרייס האָט מיר דערציילט, מאַריע, וואָס איז דאָס?

מאַריאַ: נישט איך בין שולדיק אין דעם, נאָר די גאַנצע פאַלשע לאַגע פון מיין פאַמיליענלעבן, די גאַנצע צייט האָבן מיר אויסגעמיטן צו ריידן מיט אונדזערע קינדער וועגן זיין אָפּשטאַמונג. אָבער לעצטן יאָר איז געווען אַ פאַל, ווען ער האָט איבערגעלעזן אין די צייטונגען, אַז זיין שטעטל אין פּוילן איז אונטערגעגאַנגען, האָבן די קינדער באַמערקט דעם איינדרוק וואָס דאָס האָט אויף אים געמאַכט, און זיי זיינען צוגעשטאַנען, אַז מיר מוזן זיי זאָגן וועגן זייערע עלטערן, האָט זיך ביי מיר פון שרעק אַרויסגעכאַפּט, אַז ער שטאַמט פון פּוילישע גראַפן.

טאָמאַס: כאַ־כאַ־כאַ!

מאַריאַ: שאַ, די קינדער גייען. (ווילי, קעטרין לאַכנדיק).

ווילי: לוק הו איז היער. אַנקל טאָמאַס! (דריקן הענט) קעטהרין, מיעט מיי אַנקל, מר. בייקאַן — מיס קלאַרק.

טאָמאַס: ניט דער פילאָזאָף בייקאַן, מיס קלאַרק, נאָר אַ געוויינלעכער באַנקיר פון שיקאַגאָ.

קעטרין: האַו דו יו דו.

טאָמאַס: (באַטראַכט זי) מיין קאָמפּלימענט מיסס קלאַרק.

קעטרין: פאַרוואָס?

טאָמאַס: פאַר אייער יוגנט, איך בויג תמיד מיין אַלטן קאָפּ פאַר דער יוגנט.

ווילי: באַזונדערס ווען די יוגנט איז אַזוי רייצנט ווי קעטרין, ניט אַזוי אָנקל?

טאָמאס: גאַנץ באַשטימט.

קעט.: (קאָקעטיש) טהענקיו דזשענטעלמען (צו ווילי׳ן) אה גראף, איר האָט אַזאַ ליבן אָנקל, ווי קומט עס, וואָס איר האָט מיר ניט דערציילט פון אים?

ווילי: ווען איך בין מיט אייך, קעטרין, פאַרגעס איך אין דער גאַנצער וועלט.

קעטרין: גראף! (צו מאַריא׳ן) גרעפין, ווארום איז אייער באַי אַזאַ שמייכלער (טוט זיך קאָקעטיש אַ דריי און לויפט צום שפיגל אין הינטערגרונט, ווילי נאָך איר)

טאָמאָס: (צו מאַריא׳ן) „גרעפין" איך וואונדער זיך וואָס דיר שטייט נאָך אָן מיט מיר צו ריידן, סיידן דו זאָלסט מיר מאַכן פאַר אַ פרינץ.

מאַריא: שטיל! (קערט זיך אָפּ פון אים)

קעטרין: (ביים שפיגל) איז אייער אָנקל אויך אַ גראף?

ווילי: ניין. ער איז מיין מוטערס ברודער, זייער אַ רייכער באַנקיר.

קעטרין: גראף, ברייגנט היינט אייער אָנקל צו אונז צו דער פאַרטי. — וועט איר קומען מר. בייקאָן?

טאָמאָס: איך קאָן אייך גאָרניט פאַרשפּרעכן.

מאַריא: ער וועט קומען מיט אונז. און מאָרגן וועט ער פאָרן מיט אונז צו די רייסעס.

טאָמאָס: אָה, ניין. דאָס האָט מיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט, פערד איבערהויפּט אינטערעסירן מיר נישט.

קעטרין: מיין דענדי וועט אייך מוזן אינטערעסירן, לעצטן יאָר האָט ער געוואונען דעם ערשטן פּרייז אויף די רייסעס, און מאָרגן האָף איך, וועט ער מיך אויך ניט פאַרשעמען. 30,000 דאָלאַר האָט מען מיר אָנגעבאָטן פאַר אים, אָבער פאַר אַ מיליאָן פאַרקויף איך אים ניט.

טאָמאָס: הם... אַ טייערער פערד! האָט ער עפּעס אַ טיטל?

קעטרין: וואָס מיינט איר?

טאָמאָס: איך מיין גראף, פירשט, פרינץ, ווארום איך ווייס, אַז היינטיקע צייטן צאָלט מען פאַר טיטולירטע פערד הויכע פרייזן דאָ אין אַמעריקע.

מאַריא: ש־ש — (קוקט אויף אים מיט פאָרוואורף)

קעטרין: איר שפּאַסט מר. בייקאָן?

ווילי: דער אָנקל איז אַ דעמאָקראַט ווי פאַפאַ, ער איז אויך קעגן טיטולן. (גרייס פון רעכטס, מיט הוט אויפן קאָפּ הערט זיך צו)

קעטרין: און איך גלויב זייער אין טיטולן. אַ מענטש מיט אַ טיטל האָט גאָר אַן אַנדער בלוט. ווי איר זאָלט ניט וועלן פאַרלייקענען ביי ווילין זיין טיטל, פילט זיך דאָך זיין אַריסטאָקראַטיש בלוט.

ווילי: אפילו ביי אַ פערד דאַרף מען מאַכן אַן אונטערשייד אין בלוט. צום ביישפּיל, קעטרינס פערד דענדי האָט געוויס אין זיינע אָדערן אַ גאַנץ אַנדער בלוט, ווי געוויינלעכע ארבעטס־פערד.

טאָמאס: יאָ, ביי פערד מאַכט מען יאָ אַן אונטערשייד אין בלוט. אָבער נישט ביי ריכטיקע מענטשן. וויניקסטנס ניט ביי ריכטיקע אַמעריקאַנער. די ריכטיקע אַמעריקאַנער האָבן וועגן דעם שוין לאַנג אַ קאָנסטיטושאַן געמאַכט.

גריים: בראַוואָ אַנקל! (אַפּלאָדירט)

קעטרין: איר וועט מיר אַנטשולדיקן מר. בייקאָן. ס'טוט מיר זייער לייד וואָס איך קאָן ניט מסכים זיין מיט אַזאַ ליבנסווירדיקן דזשענטעלמען, ווי איר זייט. נאָך מיין מיינונג האָבן אונזער קאָנסטיטושאַן פאַרמערס פאַרפאַסט.

ווילי: גאַנץ ריכטיק. מענטשן אַן טראַדיציעס.

גריים: פרייע מענטשן זיינען זיי געווען, האָבן זיי געשאַפן אַ נייע טראַ־דיציע, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך.

ווילי: (מיט סאַרקאַזם) אפילו אידן?

גריים: (אים אין טאָן) יאָ. שטעל זיך נאָר פאָר, אַזוינע פאַרברעכער זיינען זיי געווען.

ווילי: גיי, גיי צו זיי. צו דיינע שמוציקע...

מאַריאַ: קינדער, קינדער, איר הויבט שוין אָן? איך האָב דיר געזאָגט, אַז מיר געפעלט ניט דער טאָן מיט וועלכן דו רעדסט וועגן אידן.

ווילי מאַמאַ, און מיר געפעלט ניט וואָס מיין שוועסטער האָט צו טאָן מיט די אידן. אַז מ'קריכט אין שמוץ מוז מען אַליין ווערן שמוציק.

גריים: סנאָב!

טאָמאס: ווילי, איך האָב געהערט, אַז די אידן און מיר אַלע, שוין אַריינגערעכנט די טיטולירטע אויך, שטאַמען פון דעם זעלבן יחוס — פון מאַנקיס. האָסטו דאָס אויך געהערט?

מאַריאַ: (פּלוצים) גענוג צו דעבאַטירן. גענוג. (גייט איבער צו ווילי און קעטרין און רעדט מיט זיי)

גריים: (שטיל) אַנקל, איך ווייס ניט וואָס איך זאָל טאָן. דער מאָלער וואָס האָט מיין בילד געמאָלן, מר. ריינשטיין דאַרף היינט קומען אַהער, ער איז אָבער אַ איד, האָב איך מורא, אַז אים זאָל דאָ ניט זיין אונאַנגענעם, כאָטש פּאַ־פּאַ האָט דערלויבט אים איינצולאַדן.

טאָמאס: בעסער אַז ער זאָל אַהער ניט קומען.

גריים: (פּלוצים) ניין. אַלס פּראָטעסט מוז ער קומען אַהער, זאָלן זיי זען וואָס אַ איד איז, איך פאָר שוין נאָך אים. (הויך) גראַף, מיט אייער ער־לויבניש גיי איך איצט צו מיינע אידן. (אָפּ)

ווילי: פּאַפּאַ קומט, מאַמאַ. איך וועל מיט אים איצט ריידן וועגן פאַר־קויפן דאָס הויז, נאָך אַ איד האָט דאָ אַריינגעמופּט.

מאַריאַ: (אומרואיק) ניין, דערמאָן דאָס גאַרניט.

(פון דער לינקער זייט קומט אַריין אַרטור בלעק, אַ מאַן מיט

גרוילעכע האָר, ווייס ביי די שלייפן, עטלעכע און פופציק יאָר מיט שוואַרצע דורכדרינגענדע אויגן)

ארטור: טאָמאָס, ווי מיר פרייט דיך צו זען (דריקן זיך די הענט)

טאָמאס: מיר פרייט דיך אויך צו זען, אַרטור, דו זעסט אויס גוט.

ארטור: אַמאָל פילט מען ערגער ווי מ'זעט אויס, גוט אָוונט מאַריע.

מאַריא: (שטיל) אַרטור, ווארום באַגריסטו ניט קעטרין?

ארטור: אָה, אנטשולדיק, ווירקלעך, איך האָב ניט באַמערקט. גוד איווינג מיס קלאַרק, העלאָו ווילי.

ווילי: העלאָו פּאָפּאָ.

קעטרין: העלאָו גראַף.

ארטור: (שטיל, מיט שפּאָטישן שמייכל) טאָמאָס, דאָס מיינט זי מיך.

טאָמאס: (לאַכט) איך ווייס שוין, און ווי פילסטו זיך מיטן גראַפישן לייבל אויף זיך?

ארטור: אַז מ'טראָגט נישט דעם אייגענעם לייבל אויף זיך איז קיין אונטערשייד, וואָס פאַר אַ פרעמדן לייבל מ'טראָגט אויף זיך. ניט אמת גרעפין?

מאריא: (צעמישט) ווילי, ווארום גייסטו זיך ניט איבערטאָן? ס'איז שוין באַלד אַכט.

ווילי: גלייך מאַמאָ.

קעטרין: (גיט אים אַ צופּ) גראַף, רעדט איצט איבער מיט אייער פּאָפּאָ וועגן פאַרקויפן דאָס הויז, שעמט זיך ניט.

ווילי: פּאָפּאָ, מיר מוזן פאַרקויפן דאָס הויז.

ארטור: האָ? דאָס הויז פאַרקויפן? וואָס מיינסטו?

מאריאָ: (טוט זיך אַ כאַפּ) ווילי מיינט, פאַרשטייסט, אַרטור, אין פיפט עווועניו נעבן מר. קלאַרק'ן איז דאָ אַ הויז צו קויפן.

ארטור: אַי סי. וועל, פאַר מיר איז דאָס הויז אויך גוט גענוג.

ווילי: ווירקלעך פּאָפּאָ.

מאריא: (טוט אים אַ כאַפּ) שוויַיג ווילי, דו האָסט דאָך שוין געהערט. דיין פּאָפּאָ דאַרף צוויי מאָל ניט זאָגן, גיי טו זיך איבער.

קעטרין: ווירקלעך גראַף, איר האָט געדאַרפט דאָס הויז פאַרקויפן.

ארטור: (העפלעך) מיס קלאַרק, איך האָב אייך שוין געבעטן ניט גראַף, נאָר מר. בלעק, בלעק, בלעק, דאָס איז דאָך אַזוי לייכט אויסצורריידן.

קעטרין: גראַף, איר זייט צו דעמאָקראַטיש.

טאָמאס: ער איז גערעכט. יעדער אנשטענדיקער אַמעריקאַנער וועט זיך שעמען מיט אַ פאַרשימעלטן טיטל, ווי גראַף.

ווילי: און איך שעם זיך ניט מיט אים. איך בין שטאָלץ אויף אים שטאָלץ אויף מיין אָפּשטאַמונג. קומט קעטרין, מ'דאַרף זיך איבערטאָן. (ביידע אָפּ)

ארטור: (מיט שפּאָט צו מאַריא'ן) גרעפין, ביסטו אויך שטאָלץ אויף דיין זונס אָפּשטאַמונג? הע, טאָמאָס. ווי געפעלט דיר די קאָמעדיע? כאַ! כאַ! כאַ!

מאַריאַ: (וויין) אַרטור. רייד ניט פון דעם. איך גיב צו, אַז איך האָב באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער. כ׳האָב ניט געדאַרפט זאָגן, אַז דו ביסט אַ גראַף, איצט אָבער איז דאָך שוין פאַרפאַלן, צו שפּעט, באַזונדערס נאָך ווען קאַטרין איז דאָך צוליב דעם אַ כלה געוואָרן.

אַרטור: (נאָך פּויזע) וועל, דו ביסט גערעכט, מאַריע. פאַרפאַלן, צו שפּעט. איך האָב די טיר געעפנט פאַר דעם גרויסן ליגן האָבן זיך נאָך אים נאָכגעשלעפּט נאָך אַנדערע ליגנס, גרעסערע און קלענערע און דער רעזולטאַט איז, אַז דאָס גאַנצע לעבן אונזערס איז פאַרשטעלט פון אַ גרויסע וואַנט, צונויפגעקלעפּט פון ליגנס.

מאַריאַ: און דו פילסט עס?

אַרטור: וועל, מיר וועלן בעסער פון דעם ניט רעדן. וואָס מאַכסטו טאָמאַס? האו איז ביזנעס?

טאָמאַס: פיין, און ביי דיר?

אַרטור: ביי מיר? אין מיין באַנק איז ביזי, זייער ביזי, אימער ביזי.

מאַריאַ: (ברעכט איבער) אַרטור, דו האָסט מיר ניט געענטפערט אויף מיין פראַגע.

אַרטור: וועלכע פראַגע דיער?

מאַריאַ: אויב דו פילסט דעם ליגן פון דיין לעבן.

אַרטור: איז דאָס אַזוי וויכטיק?

מאַריאַ: זייער וויכטיק, מיין פריינט, דערפאַר האָב איך טאָמאַסן געשריבן ער זאָל קומען. יאָ אַרטור, ווייל די לעצטע צייט ביזטו מיר ניט געפעלן.

אַרטור: איך האָף, אַז ניט דערפאַר ווייל אַן אַנדערער געפעלט דיר בעסער.

מאַריאַ: מיר האָבן דערוואַקסענע קינדער, אַרטור.

אַרטור: איך ווייס.

מאַריאַ: און זיי האָסטו איצט ניט אין זינען.

אַרטור: מעי!

מאַריאַ: איך בין אַ מאַמע אַרטור, אַ מאַמע פון מיינע קריסטלעכע קינדער און איך מוז פאַר זיי איינהאַלטן זייער קריסטלעכן פאָטער.

אַרטור: וועל, דעם צלם פון מיין שטערן האָב איך דאָך נאָך ניט אָפּגעווישט, די פאַלשע מאַסקע איז דאָך נאָך אויף מיין פּנים.

מאַריאַ: אָבער אין דיין האַרצן איז דער דערוואַכטער איד, אַרטור. איך ווייס עס, איך פיל עס. און איך האָב אַזוי מורא אַרטור. דערמאָן זיך נאָר, נאָך אַזוי פיל יאָרן, באַזונדערס איצט, ווען אונדזער ווילי האָט אַ כלה...

אַרטור: (ברעכט איבער) וואָס מיינט, אַז זי האָט אַ שידוך געטאָן מיט אַ גראַף.

מאַריאַ: יאָ אַרטור, יאָ, מיט אַ גראַף, און מיט אַ קריסט, מיט אַ קריסט, אַרטור.

אַרטור: אַלזאָ, וואָס פאַרלאַנגסטו זאָל איך טאָן?

מאַריאַ: אָנפאַנגען ווידער צו גיין אין טשוירטש, מ׳פרעגט דאָרט ווארום זעט מען דיך דאָרט ניט מער.

ארטור: מאַריא, דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב קיינמאָל אין דיין טשוירטש ניט געגלויבט.

מאַריאַ: אָבער דו ביסט דאָך העכער 20 יאָר געגאַנגען.

ארטור: און איצט קאָן איך ניט מער.

טאָמאס: נישט געפערלעך. ס׳זענען דאָרט פאַראַן גענוג פאַרמאַסקירטע אָן אים.

מאַריאַ: און פון די אידן דאַרפסטו זיך האַלטן וואָס ווייטער.

ארטור: דערווייל האַלט איך זיך גאַנץ ווייט פון זיי. יאָ, דו האָסט מיך דערמאָנט, אַז איך דאַרף עפּעס טאָן (גייט צו צו אַ טעלעפאָן ביי אַ טישל) העלאָו עדוואַרד, נאָטירט, אַז מאָרגן דאַרף איך אַרויסשיקן אַ טשעק פאַרן דזשואיש רעליף. טהענקיו.

מאַריאַ: דזשואיש, דזשואיש, מיט דעם איז ער איצט פול.

ארטור: מעי, לאָז צורו אין מיר דעם אידן, וועל איך ניט פילן אַזוי שטאַרק, אַז איך בין ניט קיין קריסט.

טאָמאס: ער איז גערעכט.

ארטור: מעי, דו דאַרפסט דאָך ערגעץ היינט גיין, גיי, זיי רואיק, וואָס אין מיין האַרצן טוט זיך וועט די וועלט קיינמאָל ניט וויסן. פאַר דער וועלט וועל איך אימער דעם צלם אויפן שטערן טראָגן.

מאַריאַ: וועסטו גיין היינט מיט אונז צו מר. קלאַרק?

ארטור: מעי, באַפריי מיך פון דעם, מיר איז אַזוי פיינלעך, ווען זיי אַדרעסירן מיך דאָרט, גראַף, גראַף, גראַף.

מאַריאַ: איך וועל זען, אַז זיי זאָלן דיך מער אַזוי ניט אַדרעסירן. איך בעט דיך טו עס צוליב ווילי׳ן, צוליב מיר.

ארטור: אָלרייט, איך וועל גיין. איך וועל גיין.

מאַריאַ: טהענקיו, מיין פריינט, איך האָף, אַז דאָס איבריקע וועסטו אויך טאָן צוליב מיר. (אָפּ)

ארטור: (ווען זי אָפּ) אַך, מיין גאָט!

טאָמאס: (גייט צו צו אים) קום אַהער אָלד באָי, קוק ניט אַהין ווען איך בין דאָ (אַרטור דרייט זיך אוים צו אים מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל) ווי איך זע האָסטו דיך מער גענויטיקט אין מיין קומען ווי מאַריע.

ארטור: יאָ, טאָמאס, איך בין צופרידן, וואָס דו ביסט געקומען, איך נייטיק זיך אַזוי איצט אין אַ פריינט פאַר וועמען איך זאָל זיך קענען אויסריידן.

טאָמאס: דו ווייסט, אַז איך בין דיין פריינט, רייד.

ארטור: מיי איז גערעכט, מיט דעם שאַרפן אינסטינקט פון דער פרוי האָט זי אין מיין האַרצן געלעזן, טאָמאס, איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געגלויבט.

טאָמאס: וואָס וואָלסטו ניט געגלויבט?

ארטור: אַז עס זאָל מיר מיט אַמאָל אַזאַ בענקעניש אָנכאַפּן, נאָכדעם וואָס איך האָב אַזוי פיל יאָרן געהאַלטן אַלס טויט און באַגראָבן פאַר מיר.

טאָמאס: נאָך דיין אידישן פאָלק?

אַרטור: יאָ. היינט איז מיר קלאָר, אַז אין גאַנצן אָװעקרײסן זיך פון אַ פאָלק קען מען ניט. דו קענסט דיין נאָמען ענדערן, דיינע געוואוינהייטן, אָבער ניט דאָס בלוט פון דיין פאָלק, וואָס איז איינגעוואָקסן טיף אין דער נשמה. ס'קומט אַמאָל אַ צייט, ווען דאָס אַלעס הויבט אָן צו רעדן מיט אַזאַ פייער, מיט אַזאַ בענקעניש.

טאָמאס: און דאָס האָט מיט דיר איצט פּאַסירט? מערקווירדיק.

אַרטור: אַיאָ דאָס איז מערקווירדיק? פריער האָט עס מיט מיר אַמאָל אויך פּאַסירט. איך געדענק מיט 11 יאָר צוריק ווען איך האָב אין די צייטונגען וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד געלעזן, האָט עס זיך ביי מיר אויך דאָן אַ ריר געטאָן, אָבער ניט אויף לאַנג, אַזוי ווי פאַרביי‌גייענדיק וואָלט מען מיר ביים אמת'ן נאָמען אָנגערופן און פאַרשוואונדן. וואַרשיינלעך איז עס געווען דערפאַר, ווייל דאָן מיט 11יאָר צוריק בין איך געווען אין דעם סאַמע ברען פון מיין פי־נאַנציעלן ערפאָלג, און פון קיין אַנדער זאַך האָב איך לאַנג ניט געקענט טראַכטן, היינט אָבער —

טאָמאס: און היינט, ווען דו דאַרפסט שוין ניט טראַכטן פון דיין פינאַנ־ציעלן ערפאָלג האָסטו זיך דערמאָנט? וואָס עפּעס מיט אַמאָל?

אַרטור: געקומען איז עס אויף אַ מערקווירדיקן אופן. אין באַנק ביי מיר אַרבעטן 2 אַלטע פריינט, איינער אַ דייטשער, דער אַנדערער אַן ענגלענ־דער, ביידע זיינען עכט אַמעריקאַניזירט, ביידע זיינען דאָ פון קינדוױיז אויף. דער דייטש איז אינגאַנצן אַ פרייער גייסט, גלויבט ניט אין קיין באַזונדערע נאַ־ציאָנען און קיין באַזונדערע פעלקער און געטער. „מיין פאָלק און מיין גאָט זיינען דאָרט — זאָגט ער — וואו איך קאָן לעבן גליקלעך און פריי". מיט אַמאָל ברעכט אויס די מלחמה, און די ביידע אַלטע פריינט זיינען בלוטיקע שונאים זיך געוואָרן. דער דייטש שרייט: „מיין פאָלק, מיין קולטור" און זינגט מיט טרערן אין די אויגן — „די וואַכט אַם רהיין". און דער ענגלענדער שרייט: „מיין פאָלק, מיין ציוויליזאַציאָן — און זינגט — „רול בריטאַניאַ". דאָס האָט מיך דערמאָנט, אַז איך האָב אַמאָל אויך געהאַט אַן אייגן פאָלק. פריער שוואַך, דאָן שטאַרקער און שטאַרקער, די צייטונגען זיינען פול געוואָרן מיט די ליידן, וואָס די אידן טראָגן אַריבער אין די מלחמה לענדער, און לעזנדיק דאָס האָט זיך עפּעס דאָ, אין מיר, אַ ריר געטאָן...

טאָמאס: דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך, רחמנות.

אַרטור: מער ווי רחמנות, רחמנות האָב איך געפילט צו די בעלגיער אויך צו די אַלע פעלקער, וואָס האָבן געליטן פון דער מלחמה, נאָר דאָ האָב איך דערפילט נאָך עפּעס, דאָס בלוט פון מיין פאָלק האָב איך אין זיך דערפילט צוזאַמען מיט דעם ערשטן ברען פון שאַנדע פאַרוואָס איך האָב מיך אינגאַנצן אָװעקגעריסן פון אים.

טאָמאס: דעם ערשטן ברען פון שאַנדע? אַזאַ איינדרוק האָט עס אויף דיר געמאַכט?

ארטור: און מיט אַמאָל לעז איך אין די צייטונגען, אַז מיין שטאָדט לאָדזש איז פון דער מלחמה רואינירט געוואָרן. מיין מוטער לעבט פאַר מיר אויף. מיין פאָטער, מיין ברודער, וואָס איז פון זיי דאָרט געוואָרן? לעבן זיי נאָך? און ווייסן זיי, אַז זייער משה אַלטער לעבט אויך ערגעץ אויף דער וועלט? אַלע ערינע־רונגען האָבן זיך אין מיין געדעכעניש אויפגעכאַפּט מיט אַזאַ בענקעניש נאָך מיינע אייגענע, אַזוי ווי קינדער וואָלטן זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט אין זייערע וויגעלעך און געשריען מאַמע, מאַמע. (פויזע)

טאָמאַס: סיי אַלד באַי, איך האָב ניט ערוואַרטעט דו זאָלסט זיין אַזוי סענטימענטאַל! ס׳פּאַסט ניט פאַרן מעכטיקן באַנקיר אַרטור בלעק.

ארטור: אַרטור בלעק — מיין פריינט — איז אַ דורכפאַל מיט אַלע זיינע מיליאָנען. איך בין געקומען מיט מיין בענקעניש צו מיין פרוי — די טירן זיינען מיט 7 ריגלען פאַרשלאָסן, צו מיינע קינדער טאָר איך וועגן דעם ניט רעדן, פאַר דער וועלט מוז איך עס פאַרבאַהאַלטן, קומט מיר אויס מיין בענ־קעניש פאַר די שטומע ווענט אַרויסצושרייען.

טאָמאַס: מיי פאַרשטייט דיך גאַנץ גוט.

ארטור: ניין, זי פאַרשטייט מיך ניט און קאָן מיך ניט פאַרשטיין. זי וואָלט ניט פאַרלאַנגט איך זאָל אין טשוירטש גיין, ווען זי וואָלט מיך פאַר־שטאַנען. די איינציקע אין הויז וואָס פילט מיט מיר מיט אינסטינקטיוו איז גרייס, זי אַרבעט פאַר די אידישע קינדער אַזוי ווי זי וואָלט וועלן איר פּאַפּאַס חוב באַצאָלן.

טאָמאַס: דו באַצאָלסט דאָך אויך דיין חוב: האָסט געקויפט דעם סעטלמענט הויז, שטיצסט דעם אידישן פאָלקס רעליף.

ארטור: געהיים ווי אַ גנב. איך וויל דיר עפּעס דערציילן.

טאָמאַס: וואָס?

ארטור: איך פאַר איינמאָל באַזוכן דעם סעטלמענט הויז דאַון טאַון, וואָס שטייט נעבן אַ אידישער שול. ס׳איז דאַן אַפּנים געווען אַ אידישער יום־טוב. איך גיי אַרויס פון מאַשין, דערהער איך מיט אַמאָל אַ זינגען פון שול, שוין אַ יאָר 35 ניט געהערט, מיין פאָטער דאַרפסטו וויסן איז געווען אַ באַרימטער קאַנטאָר אין דער היים. דאַן, איז עפּעס מיט מיר געשען: אַלע ווינקעלעך פון מיין נשמה האָבן זייערע געהיימע טירלעך געעפנט און דעם אידישן געזאַנג אַריינגענומען. און באַלד האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך הער מיין פאָטערס שטימע פון דער שול, און איך האָב ניט געפילט, ווי די טרערן רינען איבער מיינע באַקן, און אין אַ ווײַלע אַרום, דוכט זיך מיר, אַז מיין מאַמע וועט באַלד אויך אַרויסגיין פון דאָרט, וועט מיך דערזען און וועט אויסשרייען: זע, אָט איז דאָך משה אַלטער — איז דאָס נישט פּאַני? (פויזע. גייט צו צום פענצטער)

טאָמאַס: סיי אַלד באַי, מיר געפעלט עס ניט. פון דיין פאַרגאַנגענהייט דאַרפסטו ניט טראַכטן, דו האָסט פליכטן צו דער קעגנוואַרט. דו ביסט אין אַמעריקע, דיינע מיליאָנען זיינען אַמעריקאַנישע, דיין פרוי און קינדער זיינען אַמעריקאַנער, געהערסטו אויך צו דער גרויסער אַמעריקאַנער פאַמיליע.

מעגסט שטיצן דיינע אידן, מעגסט אפילו בעטן צו דיין אידישן גאָט, אָבער דיין פרוי און קינדער מוזסטו אויך אין זינען האָבן, זיי זיינען ניט שולדיק.

ארטור: שולדיק אין דעם בין איך אַליין. וואָלט איך מיט 35 יאָר צוריק, ווען איך בין, אַ יונגער גימנאַזיסט געקומען אַהער, ניט געביטן מיין נאָמען שוואַרץ אויף בלעק, ניט פאַרלייקנט מיין אָפּשטאַמונג צוליב מיין סוקסעס אין אַמעריקע, וואָלט איך איצט ניט אַזוי טייער געצאָלט; דאָס וואָס איך האָב אין מיין יוגנט פאַרזייט מיט מיין קאָפּ, שניד איך איצט מיט מיין האַרצן.

גריים (מיט אַ גרויס בילד, און ריינשטיין קומען פון רעכטס)

גריים: פּאַפּאַ, דאָס איז מר. ריינשטיין.

ארטור: זייער אנגענעם איך צו קענען, מר. ריינשטיין (דריקן הענט)

גריים: דאָס איז מיין אַנקל, מר. בייקאָן, אים מוזט איר ליב האָבן מר. ריינשטיין, ווייל איך האָב אים אויך ליב.

טאָמאַס: זייער אַנגענעם איך צו קאָנען, יונגערמאַן (דריקן הענט)

גריים: און איצט פּאַפּאַ, אַנקל, זעט וואָס פאַר אַ מייסטער ער איז, פון אַזאַ מיאוס מיידל ווי איך האָט ער באַשאַפן אַזאַ שיין בילד.

ארטור: עקסעלענט! מר. ריינשטיין, מיין קאָמפּלימענט.

טאָמאַס: אויסגעצייכנט! אַזוי לעבעדיק, (צום בילד) וואָס שוויגסטו? דו ווילסט דאָך רעדן, טאָ רעד, רעד!

גריים: (מיט התפעלות) איר הערט מר. ריינשטיין ווי מיין אַנקל פאַר־שטייט אייער בילד (טוט שטורמיש אַ קוש טאָמאַס׳ן) זאָל דער קריטיקער קריגן דעם קוש וואָס עס קומט דעם מייסטער.

ארטור: (מיט אַ שמייכל) מיין קינד, איך האָב דאָך אויך קריטיקירט. (ווייזט אויפן באַק)

גריים: אָ, מיט פאַרגעניגן, פּאַפּאַ. (וואַרפט זיך צו אים קושט אים)

ארטור: מיין ליב קינד. (גלעט אירע האָר מיט גרויס ליבע. ריינשטיין פון דער ווייטן) עס באַווייזן זיך מאַריאַ, ווילי, קעטרין אויסגעפּוצט)

גריים: (מיט בילד אַנטקעגן) מאַמאַ, זע מיין בילד.

מאַריאַ: (נעמט דאָס בילד און קוקט דאַרויף מיט ליבע) פיין!

קעטרין: ביוטיפול!

ווילי: עקסעלענט!

קעטרין: ווי הייסט ער דער מאָלער? איך וועל מיין בילד אויך לאָזן מאָלן.

גריים: אָט דאָ איז ער! מר. ריינשטיין, מיין מוטער, מיין ברודער, און מיסס קלאַרק. (פאַרנייגן זיך)

ווילי: (העפלעך) ווי איז דעם דזשענטלמענס נאָמען?

גריים: מר. ריינשטיין! (קוקט אויף אים מיט שפּאָטישן שמייכל)

ווילי: איך גראַטוליר דיר מיט אַ ריינשטיין אין הויז.

ארטור: (גייט צו צו ריינשטיינען און גריים) מר. ריינשטיין (רעדט שטיל)

טאָמאַס: דער יונגערמאַן איז אַ מייסטער, זעט ווי לעבעדיק, זעט די אויגן, דעם קאָפּ, דאָס שמייכל. (גריים גייט צו צו אים)

ווילי: ביליק, גראָב, שרייענד, אידישע אַרבעט.

קעטרין: (מיט פאַראַכטונג) זי קוקט דאָך דאָ אינגאַנצן אויס ווי אַ אידיש מיידל.

מאַריאַ: (טוט זיך אַ צאַפּל) געגוג, גייט קינדער, איך וועל שפּעטער קומען מיט פּאַפּאַ און אַנקל.

ווילי: קומט קעטרין, גוד נייט.

קעטרין: גוד נייט! (אָפּ מיט ווילי)

גריים: סנאָבס! (נעמט דאָס בילד פון טאָמאָס. אָפּ לינקס)

מאַריאַ: ענטשולדיק אַרטור, איך וועל זיין אויפן ערשטן שטאָק.

אַרטור: אָלרייט דיער.

מאַריאַ: גייסט טאָמאָס? גוד ביי מר. ריינשטיין.

טאָמאָס: ענטשולדיקט. (אָפּ מיט מיי)

אַרטור: (רעדט מיט ריינשטיין) אין אַמעריקע זייט איר 5 יאָר?

ריינשטיין: געווען איז פּאַריז, לאָנדאָן, אין איטאַליע און אין פּאַלעסטינא.

אַרטור: אין פּאַלעסטינא אויך? זיצט. וואָס האָט איר דאָרט געטאָן?

ריינשטיין: געמאָלן אירע לאַנדשאַפטן, ווען ניט די מלחמה וואָלט איך איצט אַהין ווידער געפאָרן.

אַרטור: אַזוי אינטערעסאַנט איז דאָרט?

ריינשטיין: פאַר מיר איז פּאַלעסטינא זייער אינטערעסאַנט. איך בין אַ הייסער נאַציאָנאַליסט.

אַרטור: אַזוי? דאָס איז נאָך מער אינטערעסאַנט (פויזע) ווי איך פאַר־שטיי קומט איר פון רוסלאַנד, האַ?

ריינשטיין: פון רוסיש־פוילן, איר האָט דאָך געוויס געהערט דעם נאָמען לאָדזש.

אַרטור: האַ? (ווערט אויפגערעגט, צעלאַכט זיך פּלוצים)

ריינשטיין: איך קאָן אפשר פרעגן וואָס איר לאַכט?

אַרטור: איך לאַך — ווייסט איר — די שטאָט קאָן איך גראַד. איך בין דאָרט אַמאָל געווען.

ריינשטיין: אין לאָדזש? אַ יאַ, אייער טאָכטער האָט מיר דערציילט, אַז איר זייט אַ פּוילישער גראַף, קענט איר הייסט עס די שטאָט?

אַרטור: אַה, גוט, זייער גוט! (הויבט זיך אויף) איך האָב זאָגאַר דאָרט געקענט מאַנכע אידן, ניט אַלע געדענק איך. אַ געשיכטע העכער 35 יאָר. ווי האָט געהייסן יענער קאַנטאָר? אַ וואונדערלעכע שטימע געהאָט. וואָלט זיכער געווען איינער פון די גרעסטע וועלט זינגער, פאַרגעסן זיין נאָמען.

ריינשטיין: שולמאַן?

אַרטור: ניין, מיין פאָטער און איך האָבן ליב געהאָט צו הערן אידישע געזאַנג. זיינען מיר אָפּט אין דער אַלטער אידישער שול געגאַנגען אים הערן זינגען. אַה, איר האָט געוויס פון אים געהערט, דער גרעסטער קאַנטאָר אין לאָדזש געווען.

ריינשטיין: שוואַרץ מיינט איר?

אַרטור: דעטס רייט, דעם מיין איך... איצע שוואַרץ.

ריינשטיין: אים האָב איך גוט געקענט. אונזערער אַ שכן, אַ הויז נעבן אַ הויז געוואוינט.

ארטור: ווירקלעך! מערקווירדיק... ער האָט 2 זין געהאַט.

רײנשטײן: דער עלטסטער זון איז ביי אים פאַרלאָרן געגאַנגען.

ארטור: פאַרלאָרן? וואָס מיינט איר?

רײנשטײן: ניט אין מיינע יאָרן. שוין לאַנג, אַוועקגעפאָרן אין אַמעריקע און מער האָט מען פון אים ניט געהערט.

ארטור: ניט געהערט? (רייבט זיך דעם שטערן) וואָס מאַכט ער?

רײנשטײן: ווער?

ארטור: דער קאַנטאָר שוואַרץ?

רײנשטײן: אַה, ער איז שוין אַ יאָר 15 טויט.

ארטור: (טוט זיך אַ צאַפּל) טויט? איצע שוואַרץ? (קוקט אים אָן)

רײנשטײן: וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? אַן אַלטער מאַן...

ארטור: (זעצט זיך) איך וואונדער זיך... אַזאַ שטימע... טויט. (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. פויזע. דאַן שטיל) און די מאַמע?

רײנשטײן: זיין מאַמע?

ארטור: איך מיין זיין ווייב...

רײנשטײן: זי איז שוין אויך לאַנג טויט.

ארטור: (הויבט זיך אויף) זי אויך?

רײנשטײן: זי האָט איר אויך געקענט?

ארטור: ענטשולדיקט, ס'איז מיר אַזוי הייס געוואָרן. (גייט צום טיר, נעמט אַרויס אַ טיכל, שטעקט דאָרט אַרויס דעם קאָפּ מ'זאָל ניט זען ווי ער ווישט די טרערן)

(גרייס קומט אַריין פון דער לינקער זייט)

גרייס: פּאַפּאַ!

ארטור: (טוט זיך אַ כאַפּ) גלייך מיין קינד, איך נעם נאָר מיינע סי־גאַרן. (אָפּ שנעל)

רײנשטײן: הויבט זיך אויף) אייער פּאַפּאַ קאָן מיין שטאָט.

גרייס: ווירקלעך?

רײנשטײן: און קאָן מענשן וואָס איך האָב געקענט.

גרייס: זיינען מיר דאָך איצט נאָענטע מענטשן.

רײנשטײן: קיינמאָל האָב איך זיך ניט געפילט אַזוי ווייט פון אייך ווי דאָ, ביי אייך, אינם רייכן הויז. איך מוז אַנטלויפן פון אייך, און וואָס פריער אַלץ בעסער.

גרייס: איך וועל אייך ניט לאָזן... און רעדט ניט קיין נאַרישקייטן... (טוט אים אַ קוש)

רײנשטײן: גרייס, וואָס וועט דערפון ווערן?

גרייס: (לאַכט) גאָט ווייסט!..

רײנשטײן: אָבער דאָס איז דאָך אַ נאַרישער חלום, אַזוי ווי איך וואָלט טראַכטן וועגן אַ פּרינצעסין פון טויזנט און איין נאַכט.

גרייס: מיין פּריינט, ביים קינסטלער מוז זיין דער חלום אַ ווירקלעכקייט... (בלעק מיט אַ סיגאַר פון רעכטס)

ארטור: איר רויכערט?

ריינשטיין: ניט קיין סיגאַרן. ווען איר דערלויבט, וועל איך פאַררויכערן אַ סיגאַרעט...

אַרטור: אַה, געוויס. פילט זיך ווי ביי זיך אין דערהיים. (ריינשטיין פאַררויכערט)

גריים: פּאַפּאַ, ער מוז מאָלן דיין בילד!...

אַרטור: פּילייכט, מיין קינד, שפּעטער... וואָס איך וויל אייך פרעגן, מר. ריינשטיין — וואָס איז געוואָרן פון דעם קאַנטאַר׳ס אַנדערן זון? ער האָט געהאַט, שיינט מיר, זייער גוטע פעאיקייטן...

ריינשטיין: אַ שור, ער איז אַ באַרימטער מאַן געוואָרן. דר. שוואַרץ... אַ באַרימטער ציוניסטישער רעדנער... היינט רעדט ער דאָ, אין קופּער־יוניאָן, פאַר דעם אידישן רעליף־פאַנד... ער איז שוין דאָ, אין אַמעריקע אַ פּאָר יאָר, ער איז אָהער געשיקט געוואָרן פון די ציוניסטן. ער פאָרט באַלד אַוועק פון דאַנען. היינט איז זיין לעצטע רעדע...

אַרטור: האָ? (קוקט אויף אים מיט אויסגעגלאָצטע אויגן) דאָ? זעליק?...

ריינשטיין: גאַנץ ריכטיק. ער הייסט זעליק, מערקווירדיק, ווי איר געדענקט אָבער!...

אַרטור: זייט איר זיכער, אַז ער איז דאָס?

ריינשטיין: וואָס הייסט? ער איז מיין בעסטער פריינט...

אַרטור: (רייבט זיך דעם שטערן) וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? מערקווירדיק! מערקווירדיק! און היינט, זאָגט איר, איז זיין לעצטע רעדע?...

גריים: פּאַפּאַ, וואָס ביזטו אַזוי איבערראַשט?

אַרטור: העע? גאָרנישט, קינד, גאָרנישט... דעראינערונגען, איינדריקע פון אַמאָליקער היים... פון קינדער־יאָרן... אין קופּער־יוניאָן, זאָגט איר? (טוט אַ דריק אַ קנאָפּ ביים טישל) איך וועל צופאָרן אַהין. פאָרט איר מיט, מר. ריינשטיין?

ריינשטיין: (טוט אַ קוק אויף גרייס) וועלל?

גריים: פּאַפּאַ, מר. ריינשטיין מוז גלייך פאָרן מיט מיר אין סעטלמענט־הויז... ער זינגט דאָרט היינט אידישע פאָלקס־לידער...

אַרטור: דו פאָר דערווייל אַליין. איך וועל אים שפּעטער ברייגגען אַהין. איך וועל נאָר אַ קוק טאָן, ווי זעט אויס יענער...

גריים: אַלרייט!...

(באַטלער אַריין).

אַרטור: זשאָן, מיין הוט און די קאַר! (באַטלער אָפּ)

(מרס בלעק און טאָמאָס פון רעכטס)

מאַריא: אַרטור, מען וואַרט דאָרט... ביזטו פאַרטיק?

אַרטור: מאַריא, היינט מוזטו מיר ענטשולדיקן... איך מוז איצט צופאָרן וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך. מיסטער ריינשטיין קומט!...

מאַריא: אַרטור!...

אַרטור: גוד נייט, דיער!..

(אָפּ מיט ריינשטיין און גרייס. מרס בלעק קוקט אָן טאָמאָסן צומישט)

פּ אָ ר ה אָ נ ג

צווייטער אַקט

נאָך זיבן אין אָוונט. ביי אַרטור בלעק אין ביבליאָטעק. ביכער־שאַפעס, פאַרשיידענע קונסט־פיגורן, סטאַטועס און בילדער. אויף אַ שרייב־טיש מיט אַ טעלעפאָן אַן עלעקטרישער לאָמפּ, וואָס וואַרפט אַ גרינלעכן שיין. מרס. בלעק זיצט ביים טיש און קוקט אַריין אין אַ בוך. קענטיק אַז אירע געדאַנקען זיינען ווייט פון בוך. יעדע ווילע רייסט זי אָוועק פון איס די אויגן, קוקט אַרום זיך צעטראָגן און זיפצט. דערנאָך טוט זי זיך ווידער אַ כאַפּ צום בוך, ווי איבער־געוואַלד, אַזוי ווי זי וואָלט וועלן פאַרטרייבן אירע געדאַנקען, לייענט זי ווייטער אַ ווילע און באַלד בלאָנדזשען אירע אויגן ווידער ווייט פון בוך. פלוצים הייבט זי זיך אויף און גייט דורך דאָס צימער טיף פאַרטאָן אין זיך און ציט נערוועז מיט די אַקסלען. דערהערט טריט, טוט זי זיך אַ כאַפּ, גייט צו שנעל צוריק צום טיש, זעצט זיך, נעמט ווידער דאָס בוך און באַמיט זיך אויסצוזען רואיק. גרייס קומט אַריין מיט איר בילד וואָס ריינשטיין האָט געמאָלן.

מאַריא: (קוקט זי אָן אומצופרידן) וואָס שלעפּסטו דאָס בילד ?...

גרייס: פּאַפּאַ וויל איך זאָל דאָס בילד דאָ, אין זיין לייברערי, אויפהענגען..

מאַריא: צווישן די אַלע באַרימטע בילדער אָט די שמירעכץ ?...

גרייס: ע, מאַמאַ איז בייז! (לאַכט) דו האָסט אַזוי שנעל דיין מיינונג געענדערט? נעכטן איז עס דאָך דיר געפעלן געווען? (שטעלט דאָס בילד אויף אַ געשטעל אין פאָדערגרונט)

מאַריא: איך האָב עס נעכטן געזאָגט, ווייל איך האָב דיר געוואָלט צוליב טאָן, ווען איך האָב געזען ווי באַגייסטערט דו ביזט פון דעם בילד...

גרייס: טו מיר היינט אויך צוליב, מאַמאַ, און זאָג, אַז עס איז דיר געפעלן, ווייל היינט בין איך נאָך מער באַגייסטערט פון דעם...

מאַריא: גרייס, איך האָב דיר שוין גענוג צוליב געטאָן. איך וועל מוזן דיך אַריינגעמען אין די הענט.

גרייס: אַריינגעמען מיך אין די הענט? וואָס מיינסטו ?...

מאַריא: דו ביסט שוין נישט קיין קינד...

גרייס: איך ווייס עס...

מאַריא: צוואַנציק יאָר אַ מיידל, האָסטו געדאַרפט האָבן מער פאַר־שטאַנד...

גרייס: (לאַכט) מאַמאַ, דו ביזט געוועכט. פאַרשטאַנד האָב איך טאַקע ווייניק. פיליכט ווייסטו וואו מען קאָן דאָס קויפן? פאַר עטלעכע קאַראַט ריכ־טיקן פאַרשטאַנד וואָלט איך זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע מיינע בריליאַנטן...

מאַריא: גרייס, איך רייד צו דיר ערנסט...

גרייס: און איך רייד אויך זייער ערנסט, מאַמאַ.

מאַריא: (טוט פּלוצים אַ קלאַפּ איבערן טיש) שטיל, ניט געוויצלט זיך! מיט דעם בלוט פון מיין האַרצן רייד איך צו דיר!... (הויבט זיך אויף)

גריים: (צעמישט) מאַמאַ! וואָס איז דער מער?...

מאַריא: איך בין דיין מוטער און עס איז מיין פליכט אויף דיר אכטונג צו געבן...

גריים: אָבער, מאַמאַ, וואָס אַזוינס טו איך, האָב איך געטאָן?...

מאַריא: אַלצדינג וואָס אַ מיידל פון דיין קרייז דאַרף טאָן, טוסטו נישט. און אַלצדינג, וואָס זי דאַרף נישט טאָן, טוסטו...

גריים: צום ביישפּיל?...

מאַריא: דו האָסט געדאַרפט אַרומגיין מיט יונגע לייט פון דיין קרייז און דו מיידסט זיי אויס . . ווילי האָט אַזויפיל פריינט. אַ מיידל אין דיינע יאָרן...

גריים: מאַמאַ, ווילי׳ס פריינט אינטערעסירן מיך ניט... סנאָבס איינער ווי דער אַנדערער...

מאַריא: ניט אמת. יונגע לייט פון די בעסטע פאַמיליעס. דו וועסט אַמאָל דאַרפן חתונה האָבן...

גריים: איידער חתונה האָבן מיט איינעם פון זיי, וועל איך בעסער אינ־גאַנצן ניט חתונה האָבן.

מאַריא: מיט וועמען דען וואָלסטו וועלן חתונה האָבן?

גריים: מיט וועמען דען? ניט מיט איינעם פון זיי. (זי ברעכט זיך פּלוצים אונטער) וואו איז דער פּאַפּאַ?

מאַריא: דו ענטפער מיר אויף מיין פראַגע...

גריים: וואָס ווילסטו, זאָל איך דיר ענטפערן?

מאַריא: איך וויל וויסן מיט וועמען וואָלסטו וועלן חתונה האָבן?

גריים: (לאַכט) נאַטירלעך, מיט אַ יונגענמאַן.

מאַריא: אַ יונגערמאַן, וואָס זאָל זיין אַזוי משוגע ווי דו?

גריים: אַ יונגערמאַן, וואָס זאָל מיר זיין טייער און ליב, פון וועמען איך זאָל דענקען און נאָך וועמען איך זאָל בענקען די גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה.

מאַריא: און אַזאַ יונגענמאַן, דענקסטו צו טרעפן אין דיין סעטל־מענט־הויז דאָון טאַון?

גריים: פיליייכט...

מאַריא: אַזאַ יונגנמאַן וועסטו דאָרט קיינמאָל ניט טרעפן און איך ראָט דיר, גרייס, בעסער וואַרף אַוועק דיין סעטלמענט־אַרבעט דאָון טאַון... איך זע שוין מיט וואָס פאַר אַ יונגעלייט דו פירסט זיך אַרום. קיין יונגערמאַן פון אונדזער קרייז וועט דיך ניט וועלן קענען, ווען ער וועט זען מיט וועמען דו פירסט באַקאַנטשאַפט...

גריים: מיט וועמען איך פיר באַקאַנטשאַפט?..

מאַריא: יאָ גרייס, איך מיין דעם אידישן מאָלער... אַזאַ באַקאַנט־שאַפט פּאַסט פאַר דיר ניט.

גריים: מיסטער ריינשטיין? מאַמאַ, וואָס רעדסטו? פיליייכט דערפאַר, ווייל ער איז אַ איד?

מאריא: יאָ, דערפֿאַר, גרייס... און איך וויל ניט דו זאָלסט אים ברייגגען צו מיר אין הויז...

גריים: (פֿאַרוואונדערט) מאַמאַ!...

מאריא: ער איז ניט פֿון אונדזער קרייז, ניט פֿון אונדזער גלויבן...

גריים: דו אויך, מאַמאַ? ווער האָט אויף דיר פּלוצים אַזוי געווירקט? קעטרין אָדער ווילי?...

מאריא: איך דאַרף דיר ניט אָפּגעבן קיין רעכענונג ווער עס האָט אויף מיר אַזוי געווירקט...

גריים: אָבער וואָרום עפּעס מיט אַמאָל?

מאריא: ניט מיט אַמאָל, די גאַנצע צייט איז מיר ניט געפֿעלן געווען דיין אַרבעטן אין סעטלמענט־הויז, איך האָב אָבער געשוויגן, ווייל איך האָב געזען, אַז דיין פּאַפּאַ'ן געפֿעלט עס. איצט אָבער קען איך מער ניט שווייגן, וויל מער ניט שווייגן...

גריים: איצט? וואָרום עפּעס איצט?

מאריא: ווייל ביז איצט האָבן אידן אונדזער הויז קיינמאָל ניט באַזוכט. די טיר פֿון אונדזער הויז מוז זיין פֿאַרשלאָסן פֿאַר אידן...

גריים: און אונדזער האַרץ אויך?

מאריא: פֿילאָזאָפֿיר ניט מיט מיר...

גריים: ניין, מאַמאַ, דו מוזט עס מיר ענטפֿערן. מיר זיינען קריסטן. מיר גלויבן אין דער קריסטלעכער לערע. און די קריסטלעכע לערע לערנט צו ליבן און ניט צו האַסן, צו שעצן און ניט צו פֿאַראַכטן מענשן, — הייגט וואָרום מוז אונדזער הויז זיין פֿאַרשלאָסן פֿאַר אידן?

מאריא: איך וויל מיט דיר ניט דעבאַטירן. קיין איד טאָר ניט אַריבערטרעטן די שוועל פֿון אונדזער הויז, און דאָס זאָלסטו וויסן...

גריים: איך וויל אָבער וויסן וואָרום. מאמא, קריסטוס אַליין איז דאָך אויך געווען אַ איד, וואָלט ער אויך ניט געטאָרט אַריבערטרעטן די שוועל פֿון אונזער קריסטלעכן הויז?...

מאריא: דיין פֿילאָזאָפֿיע וועט דיר ניט העלפֿן. די טיר פֿון דעם הויז מוז בלייבן פֿאַרשלאָסן פֿאַר אַזוינע ווי דיין מאָלער...

גריים: מוז בלייבן פֿאַרשלאָסן? און אַז ער וועט קומען, וועסטו אים אַרויסטרייבן?...

מאריא: איך וועל שוין זען, אַז מען זאָל אים ניט דאַרפֿן אַרויס־טרייבן, מען וועט אים ניט אַריינלאָזן...

גריים: (מיט שרעק) מאַמאַ!

מאריא: (שטאַרקער) מען וועט אים ניט אַריינלאָזן. איך וועל באַלד געבן דעם אָרדער...

גריים: טו עס ניט. דער פּאַפּאַ האָט אים נעכטן איינגעלאַדן אויף היינט אָהער.

מאריא: דער פּאַפּאַ האָט אים איינגעלאַדן אויף היינט? (טוט אַ קלאַפּ אין טיש) וואָס וויל ער? וואָס וויל דיין פּאַפּאַ?! (זיפֿצט, פּויזע) איך וועל מיט

אים היינט רעדן, ער וועט אים שוין מער ניט איינלאַדן (גרייס צעוויינט זיך פלוצים) דו וויינסט? וואָס וויינסטו? (גרייס ענטפערט ניט. לויפט אַפּ)
(טאָמאָס קומט אַריין פון רעכטס שמייכלענדיק)

טאָמאָס: ווילי און קעטרין האָבן זיך ערשט צוריקגעקערט פון די רייסעס. ביידע שטאַרק פאַרצווייפלט.

מאַריא: פאַרצווייפלט?

טאָמאָס: נאָך ווי. איר פערד מר. דענדי האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויפן ערשטן פּרייז. אָ, גאָט, וואָס פאַר אַ דיסגרייס, דו וואָלסט אַרונטערגעגאַנגען זי טרייסטן.

מאַריא: וויפיל איז דער זייגער, טאָמאָס?

טאָמאָס: (נעמט דעם זייגער) נאָך זיבן. גייסט היינט אין דער אָפּערא?

מאַריא: איך מוז דאָך. איך האָב פאַר היינט איינגעלאַדן געסט אין מיין באָקס. ווארום איז ער נאָך נישטאָ?

טאָמאָס: ווער?

מאַריא: מיין מאַן. גראַד היינט ציט זיך דער מיטינג ביי אים אין באַנק לענגער ווי געוויינלעך, אַזוי ווי אומישנע, ווייל איך וויל מיט אים ריידן.

טאָמאָס: מאַריע, איך ראָט דיך נאָך אַמאָל, לאָז אים צורו.

מאַריא: איך קאָן ניט. איך טאָר ניט. ווי אַזוי האָט ער געקאָנט אַוועקגיין? דיך האָט ער שוין צוויי יאָר ניט געזען, האָט געוואוסט אַז ביי די קלאַרקס וואַרט מען אויף אים, אַז דאָרט וועלן אויסערגעוויינלעכע געסט זיין, האָט מיר פאַרשפּראָכן גיין מיט מיר, און צום סוף וואַרפט ער אַלצדינג אַוועק און אַנטלויפט מיט דעם אידן. דאָס באַווייזט, אַז רואיק זיך באַציען צו זיינע איצטיקע האַנדלונגען טאָר מען ניט.

טאָמאָס: ער האָט געזאָגט, אַז ער מוז גיין וועגן אַ וויכטיקער זאַך, דאַרף מען אים גלויבן.

מאַריא: קיין וויכטיקערע זאַך ווי גיין צו די קלאַרקס האָט ער ניט געטאָרט האָבן, פאַר זיין זונס וועגן. און איבערהויפּט וואָס פאַר אַ וויכטיקע זאַך האָט ער געקאָנט דאָרט האָבן מיט דעם אידישן מאַלער? טאָמאָס, איך האָב מורא. איך קען ניט רוען.

טאָמאָס: וואָס האָסטו מורא? דו האָסט דאָך נעכטן געהערט, וואָס אַרטור האָט געזאָגט. פאַר דער וועלט וועט ער בלייבן אַ קריסט, ווי ביז היינט.

מאַריא: אָלרייט, מיר וועלן היינט זען ווי אַזוי ער וועט האַנדלען.

טאָמאָס: וועגן וואָס?

מאַריא: אַ קאָמיטע איז ביי מיר פריער געוועזן פון באַקאַנטע לײדיס, זיי בויען אַ נייע טשוירטש, ווילן זיי, אַז אַרטור זאָל זיי מיט געלט שטיצן, איך האָב זיי פאַרשפּראָכן, אַז אַרטור וועט זיי אַריינשיקן זיין טשעק.

טאָמאָס: רעד ניט מיט אַרטור'ן וועגן דעם, ניט איצט איז די צייט פאַר דעם.

מאַריא: נייך, איצט איז די ריכטיקע צייט, דאָס וועט באַווייזן אויב ער מיינט וואָס ער רעדט, אויב ער בלייבט ווירקלעך אַ קריסט פאַר דער וועלט.

טאָמאָס: דו ווייסט וואָס? איך וועל דיר געבן אַ טשעק פֿאַר דעם, און אים לאָז צורו.

מאַריאַ: ניין, דיין טשעק וויל איך ניט, מיר איז וויכטיק זיין טשעק. דאָ וועל איך קאָנען זען, ווי ווייט מיין פֿאַרדאַכט איז אמת.

טאָמאָס: אָ, דער ווייבערשער פֿאַרדאַכט, טיף ווי דער ים איז ער, דער שטאַרקסטער פֿאַרשטאַנד קען אין אים דערטרונקען ווערן.

(שטימען פֿון גרייס און ווילי, (ביידע אויפֿגערעגט)

ווילי: מאַמאַ, וואו איז זי דערצויגן געוואָרן? איך וועל עס ניט דולדן מער. זי איז אַ דיסגרייס פֿאַר אונדזער פֿאַמיליע.

מאַריאַ: וואָס איז דער מער?

ווילי: זי האָט באַליידיקט קעטרין.

מאַריאַ: גרייס!

גרייס: ווער האָט זי באַליידיקט? פֿאַרקערט, איך האָב אויסגעדריקט מיין סימפּאַטי וואָס איר מר. דענדי האָט זי אַזוי פֿאַרשעמט. ווען איך זע, ווי זי גייט אַרום מיט אַ צעבראָכן האַרץ און רעדט: „דיסגרייס״, „דיסגרייס״, זאָל איך איר מיין סימפּאַטי ניט אויסדריקן? דאָס וואָלט דאָך געווען קעגן אַלע געזעצן פֿון נאָביליטי.

מאַריאַ: וואָס טוט מען מיט איר? (טאָמאָס שמייכלט)

ווילי: לאָך ניט, גרייס, דו וועסט אַמאָל ביי מיר וויינען.

גרייס: ביי דיר וויינען? וואָס מיינסטו? דו זעסט דאָס קליינע הענטעלע? איך וואָלט נאָר געוואונשן אַז אַ סנאָב זאָל אַמאָל וואַגן אַ האַנט צו הייבן אויף מיר.

מאַריאַ: גרייס, גיי גלייך אין דיין צימער.

גרייס: איך גיי, אָבער מאַמאַ, פֿאַרוואָס זיינען זיי אַזוי קאָמיש? „דיס־גרייס״! כאַ־כאַ־כאַ! (אָפּ)

טאָמאָס: (צעלאַכט זיך)

מאַריאַ: וואָס לאַכסטו, טאָמאָס?

טאָמאָס: איך האָב מיך דערמאָנט, דו אין אירע יאָרן, ביסט אויך געווען אַזאַ ליבער טייוול ווי זי. (מאַריאַ זיפֿצט)

ווילי: אָנקל, דאָס איז אוממעגלעך, מאַמאַ האָט ניט געקאָנט זיין אַזוי ווי זי, אַזוי גראָב און פֿרעך. און מיט אידן האָט מאַמאַ אויך ניט געהאַט צו טאָן. זי וואָלט ניט געהייראַט אַ גראַף, ווען זי זאָל זיין ענלעך צו גרייס.

טאָמאָס: מיט אַ גראַף? וועל, מיר וועלן פֿון דעם מער ניט רעדן.

ווילי: און איך וועל יאָ רעדן, ניט גענוג וואָס מיר האָבן זיי אַלס שכנים, שלעפּט זי שוין די שינים צו אונז אין הויז אַריין. איך וועל היינט ריידן מיט פּאַפּאַ׳ן — כ׳האָב באַשלאָסן.

טאָמאָס: (מיט פֿאַרשטיקטער אויפֿרעגונג) ווילי, דאָס וואָרט „שיני״ דאַרפֿסטו ניט געברויכן, נישט שיין. מ׳קען זיין אַ גראַף אָדער אַנ׳אַנדער שוואַרציאַר אָבער אַן אַנשטענדיקער מענש מוז מען זיין.

ווילי: וואָס שלעפט זי זיי אַהער? איך שעם זיך פאַר קעטרין, פאַר זיך אַליין שעם איך זיך. פּאַפּאַ וועט מוזן דאָס הויז פאַרקויפן...

מאַריאַ: ווילי! איך פאַרבאָט דיר צו רעדן מיט פּאַפּאַ וועגן דעם, דו וועסט חתונה האָבן וועסטו דאָן קענען וואוינען וואו דו וועסט וועלן אַליין.

קעטרין (מיט אַן אומעטיקער מינע)

קעטרין: גוד איוונינג!

מאַריאַ: גוד איוונינג, קעטרין, וועל וועל, נעמען זיך צום האַרצן דאַרפט איר ניט.

קעטרין: האָט איר שוין אויך געהערט פון מיין דיסגרייס, גרעפין?

מאַריאַ: וועל, וואָס קענט איר העלפן? עס פּאַסירט אַמאָל.

קעטרין: אַזאַ דיסגרייס! איך וועל אים פאַרקויפן צו אַ פאַרמער פאַר גאַרנישט, זאָל ער שלעפן שווערע וועגענער, זאָל ער אַקערן די ערד. איך וואָלט אים דערשאָסן. אַזאַ דיסגרייס! (ווישט זיך די אויגן מיט אַ טיכל)

ווילי: (גייט צו איר) קעטרין, באַרואיקט זיך.

קעטרין: גראַף, מאָרגן זאָל דענדי ניט זיין אין מיין סטייבל. איך וויל אים מער ניט אָנקוקן.

(גרייס אַריין)

מאַריאַ: שוין ווידער דאָ?

גרייס: איך וויל דאָ נעמען אַ בוך. (זוכט אין שאַפע)

טאָמאַס: מיסס קלאַרק, אויפן בעסטן פערד קען מען זיך ניט פאַרלאָזן.

קעטרין: און דער דיסגרייס איז נאָך גרעסער וואָס געוואונען האָט אַ פערד פון אַ אידן, דאָ האָט זיכער געשטעקט עפּעס אַ אידישער שווינדל.

גרייס: כאַ כאַ! כאַ! (טאַנצט אונטער מיטן בוך) אַ אידישער פערד!...

מאַריאַ: שוין ווידער, גרייס?

גרייס: מאַמאַ, איך קען מיר ניט העלפן. אַז מ׳דרייט אָן מיין לאַף־אַפּאַראַט... (לאָזט זיך צום טיר אַרטור קומט איר אַן אַקעגן) גוד איוונינג פּאַפּאַ, ערשט פון באַנק?

אַרטור: גוד איוונינג! מיין וועכנטלעכן מיטינג היינט געהאָט. וואָס טוען עפּעס אַלע אין דער לייברערי?

גרייס: (שטיל) מ׳באַהאַלט זיך דאָ פון אַ דיסגרייס, פּאַפּאַ.

אַרטור: וואָס מיינסטו?

גרייס: קעטרינס פערד מר. דענדי איז דאָך היינט געלאָפן, איז ער ניט דערלאָפן. לויפט זי איצט פון איין צימער אין דעם אַנדערן און שרייט „דיסגרייס!״

אַרטור: אַ? איז דער מאַלער נאָך ניט געוועזן?

גרייס: ניין.

אַרטור: ווען ער קומט זאָלסטו אים אַריינפירן אַהער.

גרייס: אָלרייט, פּאַפּאַ. (טוט אים פלוצים אַ קוש און אַפּ)

קעטרין: וועל, איך וועל פאָרן אַהיים, איך וועל היינט אין דער אָפּערא ניט גיין. (זיפצט)

אַרטור: וואָס ווילט איר, מיס קלאַרק?

מאַריא: זי האָט אַ פאַרדרוס.

אַרטור: פאַרצווייפלט דאַרפט איר ניט זיין פון דעם, מיס קלאַרק, היינטיקע צייטן פאַסירן גרעסערע אומגליקן אויף דער וועלט.

קעטרין: איך בין געווען אַזוי זיכער אין אים. איצט שעם איך זיך צו ווייזן פאַר מיינע באַקאַנטע אין די אויגן.

אַרטור: ווילי, זיי אַזוי גוט, איך האָב פאַרגעסן אין מיין מאַשין די אָונטצייטונג.

ווילי: אָלרייט פאַפאַ (וויל גיין)

קעטרין: ווייט, וויליאַם, איך גיי אויך. גוט נייט, גרעפין, גוד נייט גראַף, גוד נייט מר. בייקאָן. (אָפּ מיט ווילין)

אַרטור: אַ צעבאַלעוועט נאַריש מיידל, שוין אַזוי פיל מאָל געבעטן, זי זאָל מיך ניט רופן גראַף.

טאָמאַס: פאַרפאַלן. אין אַ נאַרישער מינוט איז פון דיין פרוים מויל אַ מין גראַף אַרויסגעפלויגן, האָט ער זיך דיר אָוועקגעזעצט אויפן קאָפּ, און ער זיצט דאָרט ווי אַ וואָראָנע. דו וועסט שוין פון דער וואָראָנע קיינמאָל ניט פּטור ווערן.

אַרטור: (פּויזע) אַזוי זעט עס אויס. מאַריע, וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? (דינער, קאַפּע)

מאַריא: אַרטור, איך האָב אויף דיר געוואַרט.

אַרטור: אויף מיר?

מאַריא: דו האָסט נעכטן אונז אַלעמען באַליידיקט.

ארט: באַליידיקט? ווי אַזוי?

מאַריא: דו האָסט אונז אַלע איבערגעלאָזט און אַוועק מיטן מאַלער.

אַרטור: אָ, דאָס מיינסטו? וועלל, איך האָב זיך דערוואוסט עפּעס דורך אים וועגן אַ מענטשן... וועגן מיינעם אַ באַקאַנטן... און איך האָב געמוזט גיין. דעם מענטשן דערוואַרט איך דאָ באַלד ביי מיר... (נעמט אַרויס דעם זייגער) באַלד אַכט... ניין דערוואַרט איך אים...

מאַריא: ווער איז ער?

אַרטור: דו קענסט אים ניט...

מאַריא: ער קומט צו דיר וועגן ביזנעס?

אַרטור: יאָ.

מאַריא: וועגן וואָס פאַר אַ ביזנעס?

אַרטור: (קוקט זי אָן) מאַריע, אָס מיינט דאָס? ביז איצט האָסטו וועגן מיינע ביזנעס קיינמאָל מיט מיר ניט גערעדט. איך רעכן, אַז אויף דעם דאַרף איך דיר ניט ענטפערן...

מאַריא: ענטשולדיק, אַרטור... דו ביזט היינט אַזוי נערוועז... וועל איך מיט דיר היינט בעסער ניט רעדן...

טאָמאַס: מאַריע, דו דאַרפסט זיך דאָך אָנטאָן?... גיי!..

מאַריאַ: טאָמאָס, דו רעד צו אים. די לעצטע צייט, אַז איך רעד צו אים, ווערט ער נערוועז. דערצייל אים ווי די אַלע פּראָמינענטע געסט ביי די קלאַרקס אין הויז האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף אים... ווי זיי אַלע האָבן דערוואַרט אים צו טרעפן דאָרט...

אַרטור: אַז איך בין נעכטן ניט געווען דאָרט, זיינען זיי אַלע היינט גע־קומען צו מיר אין באַנק...

טאָמאָס: וועגן אַ נייער אַנליייע?

אַרטור: יאָ...

מאַריאַ: אַרטור, וואָרום ביזטו די לעצטע צייט אַזוי פרעמד צו מיר? האָב איך דיר דען אַזוי דערעסן?...

אַרטור: (קוקט זי אָן) וואָס פעלט דיר אין? (הויבט זיך אויף און גייט צו צו איר) דיער, דו ביזט מיר פונקט אַזוי ליב ווי אימער... איך בין נאָר אַביסל נערוועז, אַביסל אויפגערעגט, ווייל... ווייל... איך קען מיר ניט העלפן... ניט דו ביזט אין דעם שולדיק, ניט דו!

מאַריאַ: דו ליידסט, אַרטור...

אַרטור: ניין, ניין, מאַריע, באַרואיק זיך, רעד ניט פון דעם (קושט איר האַנט)

מאַריאַ: (נאָך פויזע) אַרטור, דאָ איז געווען ביי מיר היינט אַ קאָמיטע פון באַקאַנטע ליידיס, זיי ערוואַרטן דיינעם אַ טשעק.

אַרטור: אַ טשעק? ווי גרויס?

מאַריאַ: דאָס איז דיין זאַך.

אַרטור: זאָג וויפל, וועל איך אָנשרייבן (נעמט אַרויס אַ בוך, זעצט זיך ביים טיש).

מאַריאַ: 20־25 טויזנט.

אַרטור: אויב אויף אַ זייער וויכטיקער זאַך.

מאַריאַ: אויף זייער אַ וויכטיקער זאַך, מיין פריינט, שרייב 25.

אַרטור: אויף וועמעס נאָמען?

מאַריאַ: מרס. עליזאַבעט אָ׳ברייען...

אַרטור: (שרייבט) עליזאַבעט אָ׳ברייען.

מאַריאַ: פאַר די טשוירטש...

אַרטור: (טוט זיך אַ כאַפּ) האַ? קוקט זי אָן אויפגערעגט, צערייסט דעם טשעק)

מאַריאַ: אַרטור!

אַרטור: מיי, איך האָב דיך שוין געבעטן פון טשוירטש זאָלסטו צו מיר איצט ניט רעדן. ניט איצט...

מאַריאַ: דו האָסט פאַרזיכערט, אַז פאַר דער וועלט וועסטו פאַרבלייבן אַ קריסט, אַרטור. איצט האָסטו אַ געלעגנהייט דאָס צו באַווייזן.

אַרטור: (הויבט זיך אויף) איך גיב דיר אַ טשעק. קענסט טאָן מיט דעם וואָס דו ווילסט, אָבער איך אַליין זאָל אונטערשרייבן מיין נאָמען פאַר אַ טשוירטש בין איך ניט אימשטאַנד מער. איך וויל ניט באַטריגן מער דיין

טשווירטש, און איך קען ניט באַטריגן מער מיין נשמה, מאַריע. איך וויל מיך ניט האַלטן מער איינגעשפּאַנט אין דיין קריסטלעכן וואָגן, פאַרשטייסט דאָך.

טאָמאַס: ער איז גערעכט! פאַר גאָדס סייק, ער איז אַ קריסט! אַ פריי־דענקער ווי איך... (ווילי אַריין מיט 2 ציַיטונגען, לאַכט)

ווילי: אויסער די „סאַן" פּאַפּאַ, האָב איך דאָרט געפונען נאָך אַ ציַי־טונג וואָס האָט, ווי עס שיינט, פאַרבלאָנדזשעט אין דיין מאַשין פון אונזערע רעספּעקטייבל אידישע שכנים. זעסט „אַמעריקאַן היברו".

(מאַריאַ טוט אַ קוק צעמישט אויף טאָמאַס'ן)

אַרטור: גיב אַהער, דאָס איז מיין ציַיטונג (נעמט עס פון אים)

ווילי: דיינע? דעטס פאַני!

מאַריאַ: (גייט צו צו אַרטורן) אַ אידישע ציַיטונג?

אַרטור: איך ווייס ניט, דעם ערשטן מאָל זי היינט געקויפט (זעצט זיך מיט דער ציַיטונג)

מאַריאַ: וועלל? (זיפצט)

ווילי: (פּלוצים) דאָ ווערט א אידישע הויז, אַ אידישער מאַלער נעכטן, אַ אידישע ציַיטונג היינט, אַ מיידל וואָס אַרבעט פאַר די אידן יעדן טאָג. עס פעלט בלויז נאָך אַ אידישער ראַבאַי.

אַרטור: (טוט אַ קוק אויף אים) מיין הויז געפעלט דיר ניט, ווילי?

מאַריאַ: ווילי, פּאַפּאַ איז איצט ניט אויפגעלעגט, רעד ניט.

ווילי: פאַרוואָס זאָל איך ניט רעדן? מ'דאַרף אַמאָל רעדן, פּאַפּאַ, די גאַנצע נאַכבאַרשאַפט דאָ איז פאַרפּלייצט מיט שיניס.

אַרטור: האַ? (עפנט ברייט אויף אים די אויגן)

מאַריאַ: (מיט שרעק) ווילי!

ווילי: לאָז מיך, מאַמע, איך האָב עס שוין פּאַפּאַ'ן לאַנג געוואָלט זאָגן, דו האָסט מיר געשטערט, פּאַפּאַ, דאָ וואוינען איז געוואָרן אונמעגלעך, אויף שריט און טריט שיניס.

אַרטור: מיי, וואָס איז דאָס? (הויבט זיך אויף צעטומלט)

מאַריאַ: ווילי, שווייג!

אַרטור: ניק, זאָל ער רעדן, רעד, זון מיינער, איך האָב דיך דאָך גאַרניט געקענט, גרעפּין, איך האָב דאָך גאָרמיט געוואוסט וואָס פאַר אַ זון איך האָב, כאַ כאַ כאַ.

טאָמאַס: ווילי, גיי אַרויס.

אַרטור: ער זאָל דאָ בלייבן! דאָ! דאָ! (כאַפּט ווילי'ן ביים אָרעם) דו קענסט די אידן?

ווילי: איך קען זיי ניט און וויל זיי ניט קענען. אין קאָלעדזש האָב איך זיי געטראָפן, האָב איך זיי אויסגעמיידט ווי אַ פּעסט...

אַרטור: פאַרוואָס, פאַרוואָס מיין זון? זענען זיי ניט געווען פונקט אַזוינע מענטשן ווי דו? לערנען האָבן זיי זיך זיכער בעסער געלערנט ווי דו, און פלייסיקער פון דיר זיינען זיי אויך זיכער געווען, און קליגער, און הומאַנער.

ווילי: פּאָפּאָ, דו ביסט צו טאָלעראַנט, און דו דענקסט אַז אַלע מענטשן זענען גלייך, אָבער ווען דו וואָלסט זיי גוט געקענט וואָלסטו זיי אויך גע־מוזט פאַראַכטן. יעדער אנשטענדיקער מענטש פאַראַכטעט אַ „שיני“.

אַרטור: (ביטער) כאַ כאַ כאַ! גרעפין, פרעג אים, ווי וואָלט געווען אַז זיין פאָטער וואָלט אויך געווען אַ „שיני“?

מאַריאַ: (מיט שרעק) אַרטור!

ווילי: ווען מיין פאָטער וואָלט געווען אַ שיני? כאַ כאַ כאַ, איך קען זיך דאָס גאָרניט פאָרשטעלן, מיי גאָד! איך וואָלט זיך דאַן דאָס לעבן גענומען.

אַרטור: אַזוי? (קוקט אים אָן, דאַן פּלוצים) דאַן זאָלסטו וויסן —

מאַריאַ: (וואַרפט זיך צו אים) אַרטור!

אַרטור: טאָ אַוועק פון מיינע אויגן! (לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול דעקט צו ס׳פּנים).

טאַמאַס: (טוט אַ כאַפּ ווילי׳ן) ווילי, גיי! (שטופּט אים אַרויס).

מאַריאַ: איך וועל משוגע ווערן.

טאָמאַס: (פויזע) (צו מאַריאַ׳ן) האָב איך דיך ניט געוואָרנט?

אַרטור: (הויבט אויף קאָפּ) מיי, ווער האָט אַזוי פאַרגיפטעט אונזער זון, זיין כלה?

מאַריאַ: זיינע פריינד, זיינע חברים. אָבער איצט, אַרטור, קענסטו אַליין זען וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס וואָלט געווען אַז דו זאָלסט ניט בלייבן פאַר דער וועלט דאָס וואָס ביז אַהער.

אַרטור: און דו האָסט געוואוסט אַז ער פאַראַכטעט אַזוי די אידן?

מאַריאַ: איך האָב ניט געקענט העלפן.

אַרטור: האָסטו געפּרוואווט אים אַמאָל ערקלערן?

מאַריאַ: וואָס האָב איך אים געזאָלט ערקלערן? ווער דו ביסט?

אַרטור: יאָ, יאָ, ווער איך בין, אַז איך בין אַ איד, דאָס האָסטו אים געדאַרפט דערקלערן באַלד ווי דו האָסט באַמערקט אַז ער פאַנגט אָן צו האַסן אידן. איך האָב עס ניט געקאָנט באַמערקן, מיינע אויגן זענען געווען פאַרנומען מיט שאַפן די מיליאָנען...

מאַריאַ: אַך מיין גאָט, מיין גאָט! (לויפט אָפּ)

טאַמאַס: (פויזע) אַרטור, דו ביסט צו אויפגערעגט, קום, מיר וועלן זיך דורכגיין.

אַרטור: טאָמאַס, רעכט אויף מיר, איך קריג מיין פאַרדינטן לוין, אַ פאַלשער נאָמען, אַ פאַלשער איד, אַ פאַלשער קריסט, אַ פאַלשער גראַף, אַ פרעמדע ווייב, וואָס פאַרשטייט מיך ניט אַ פרעמדער זון, אַ פרעמדע הויז. פאַר וועמען האָב איך מיין גרויס פאַרמעגן באַשאַפן, מיינע מיליאָנען? האָט זיך געלוינט צוליב דעם פאַרלייקענען מיין פאָטער, מיין מוטער, מיין פאָלק? צי וואָס?

טאָמאָס: רייד ניט אַזוי, אַרטור, ס׳פּאַסט ניט פאַר דעם באַנקיר אַרטור בלעק.

ארטור: כאַ כאַ כאַ! אַרטור בלעק! מיט אַלע זיינע מיליאָנען קען ער איצט ניט דעקן דעם באַנקראָט פון זיין נשמה. (גייט אום אויפגערעגט) (גרייס)

גרייס: (קוקט אים אָן) ער שווייגט, שטיל צו טאָמאָס) אַנקל, וואָס איז דער מער מיט פּאַפּאַ?

ארטור: (פּלוצים) גרייס! (גייט צו איר גלעט איר קאָפּ) גרייס, האָסט דו געוואוסט אַז ווילי האָסט אַזוי די אידן?

גרייס: שור, פּאַפּאַ, איך רעכן זיך אָבער אַזוי ווייניק מיט זיין מיינונג.

ארטור: האָט די מאמא אויך אַמאָל אויסגעדריקט איר האַס צו אידן?

גרייס: ניין פּאַפּאַ, היינט נאָר האָט זי מיך אַביסל איבערראַשט.

ארטור: היינט?

גרייס: זי האָט מיר פּלוצים היינט ערקלערט אַז איך זאָל אָוועקוואַרפן מיין סעטלמענט אַרבעט, און קיין אידן זאָלן מער דאָ אַהער ניט קומען.

ארטור: אויב אַזוי וועל איך אַלע מיינע טירן עפענען פאַר אידן, און ווער עס שעמט זיך מיט זיי קען מיין הויז פאַרלאָזן.

גרייס: פּאַפּאַ, דו ביסט דער איינציקער אמת׳ער קריסט אין דעם הויז.

טאָמאָס: (לאַכט, פּויזע) אַרטור, דו ביסט אויפגערעגט, קום זיך דורכגיין אַ ווײַלע.

ארטור: גרייס, וואָלסט ליב געהאַט דיין פּאַפּאַ ווען ער וואָלט געווען אַ איד?

גרייס: (גייט צו צו אים) געוויס וואָלט איך אים ליב געהאַט, ס׳איז מעגלעך אַז איך וואָלט אים צוויי מאָל ליב געהאַט, דאָס צווייטע מאָל דערפאַר — ווייל סנאָבס וואָלטן מיין אידישן פּאַפּאַ פיינט געהאַט.

ארטור: (גערירט) אַזוי מיין קינד? אַזוי? (דריקט זי צו זיך, קושט איר קאָפּ, טוט זיך פּלוצים אַ כאַפּ) קום טאָמאָס, די קילע לופט אין דרויסן וועט מיר איצט ניט שאַטן. מיין קינד, דיין מאַלער דאַרף דאָ איצט באַלד זיין מיט נאָך איינעם, זאָג זיי אַז איך קום באַלד. (באַטלער פירט אַריין ריינשטיין)

באטלער: מר. ריינשטיין!

ריינשטיין: גוד איווינינג!

ארטור: גוד איווונינג, אַליין? וואו איז ד״ר שוואַרץ?

ריינשטיין: ד״ר שוואַרץ בעט, איר זאָלט אים פאַרציידען, צוליב אַ וויכטיקן מיטינג וועט ער ניט קענען זיין ביי אייך פריער ווי נאָך 9.

ארטור: אָבער וועט ער היינט זיין?

ריינשטיין: זיכער. ער איז זייער פאַראינטערעסירט אייך צו זען.

ארטור יאָ, ווארום?

ריינשטיין: ווייל איר זענט וויליק צו שטיצן דעם אידישן רעליף פאָנד.

ארטור: האָט איר אים געזאָגט אַז איך בין אַ לאַנדסמאַן?

ריינשטיין: קיין וואָרט ניט וועגן דעם, ווי איר האָט פאַרלאַנגט.

ארטור: טהענק־יו, ער איז אַ וואונדערבאַרער רעדנער, נישט אַזוי?

ריינשטיין: איר האָט דאָך געזען ווי ער האָט נעכטן באַגייסטערט דעם עולם.

אַרטור: יאָ, וואונדערבאַר. איר וועט נאָך דאָ אַ ווייל פאַרברענגען?

ריינשטיין: (צעמישט) ניין, איך בין נאָר געקומען אייך זאָגן ווען ער וועט קומען (טוט אַ קוק אויף גרייס) איך מוז גיין.

גרייס: (פּלוצים) מר. ריינשטיין, בלייבט דאָ אויף אַ ווײַלע.

אַרטור: וועלל, איך וועל באַלד זיין צוריק. (אָפּ מיט טאָמאַס)

גרייס: (קוקט אָן ריינשטיין) פאַרוואָס האָט איר געוואָלט אַנטלויפן?

ריינשטיין: תמיד וויל איך פון אייך אַנטלויפן, תמיד ווען איך זאָל נאָר קענען.

גרייס: כאַ כאַ כאַ!

ריינשטיין: איך לייד און איר לאַכט.

גרייס: און אויב איר ליבט מיך, דאַרפט איר אויך לאַכן און פריילעך זיין.

ריינשטיין: מיין גליק שרעקט מיך אַזוי, גרייס. עס איז אַזוי שוואַך ווי די פאַרוועלקטע אַסיענבלעטלעך אויף די צווייגן, זיי ווערן צעשאָטן אַפילו אָן אַ שטורעם, אָן אַ ווינד, אַזוי מוז מיין גליק אויך צעשאָטן ווערן.

גרייס: ס׳מוז ניט, ריינשטיין. איך בין דאָך נישט שולדיק וואָס איך בין אַ רייך מיידל.

ריינשטיין: ווארום רעדט איר אַזוי, גרייס? איר פאַרגעסט אַז אייערע עלטערן —

גרייס: מיין פּאַפּאַ וועט ניט זיין דאַגעגן ווען ער וועט וויסן ווי איך ליב אייך.

ריינשטיין: און דאָס וואָס איך בין אַ איד און איר אַ קריסטין?

גרייס: דאָס דאַרף אונדז ניט שטערן, רעליגיעז זיינען מיר דאָך ביידע ניט.

ריינשטיין: אמת, כ׳בין ניט רעליגיעז, אָבער פון מיין פאָלק וועט מיך קיינער ניט קאָנען אָוועקרייסן.

גרייס: איך דענק גאָרניט פון דעם אייך אָוועקצורייסן פון אייער פאָלק, איך וועל אייך זאָגן ווי די ביבלישע רות צו נעמי׳ן זאָגט: „דיין פאָלק איז מיין פאָלק, דיין גאָט איז מיין גאָט“, דער גאָט פון ליבע, שיינהייט און פון קונסט.

ריינשטיין: גרייס, איך האָב מורא אַז איר וועט שפּעטער אַליין לאַכן פון זיך.

גרייס: איך האָב מורא אַז איר האָט מיך ניט ליב, די אמת׳ע ליבע איז שטאַרקער פון אַלע שטערונגען.

ריינשטיין: איר ווייסט ווי איך האָב אייך ליב, טוט אַ קוק אויף אייער בילד, פון יעדער ליניע, פון יעדן שטריך אָטעמט אַרויס מיין ליבע, מיין באַגייסטערונג צו אייך (שטעלט זיך קעגן בילד) און אָט די ליבע קען קיינער ניט צעשטערן.

גרייס: קוקט ניט אַהין, קוקט אויף מיר.

ריינשטיין: (אימער קעגן בילד) דאָ האָט די ליבע געזיגט, אייער קער־פער און מיין נשמה, דער שענסטער, ערלעכסטער און ריינסטער זיג פון דער ליבע (טוט זיך אַ כאַפּ) און דאָך בין איך מיט דער אַרבייט ניט צופרידן.

גריים: וואָרום?

ריינשטיין: שוואַך, זייער שוואַך... ערשט איצט פיל איך עס, דער געזאַנג פון אייערע אויגן פעלט אויף אים, דער טרויעריקער געהיימניס־פולער געזאַנג וואָס מ'זעט נאָר אַמאָל פאַרבאָרגן אין די שוואַרצע אויגן פון מאַנכער אידישער טאָכטער.

גריים: פון מאַנכער אידישער טאָכטער?

ריינשטיין: און דאָס איז דאָס שענסטע אין אייך.

גריים: הערט שוין אויף צו קוקן אויפן בילד, איך ווער אויפּערזיכטיק. ריינשטיין, ווילט איר מיר טאָן אַ געפאַלן? זינגט דאָס אידישע פאָלקס־לידל, וואָס איר האָט נעכטן ביי אונדז אין סעטלמענט געזונגען.

ריינשטיין: איך בין ניט אויפגעלייגט איצט.

גריים: רעדט גאָרניט, זינגט.

ריינשטיין: אָבער ווען —

גריים: קיין ווען, זינגט, זינגט — ריינשטיין טוט מיר דעם געפאַלן, איך וועל אייך באַגלייטן.

ריינשטיין: וועלל, אַלרייט. (זינגט אַ פאָלקסליד) אַרטור.

אַרטור: (קומט אומבאַמערקט, בלייבט שטיין אין טיר הערט זיך צו)

ריינשטיין: (דערזעט אים, האַקט אָפּ) אַ, מר. בלעק!

אַרטור: אַ אידיש ליד, זייער שיין.

גריים: ניט אמת, פּאַפּאַ, וואונדערפול, און ווי ער זינגט עס!

ריינשטיין: מיס בלעק האָט מיך געבעטן זינגען.

אַרטור: נאָך אַמאָל ווי זינגט איר דאָס? (זינגט מאָטיוו אָן ווערטער)

ריינשטיין: מערקווירדיק, פון וואַנען קענט איר עס?

אַרטור: כאַ כאַ כאַ איך האָב דאָך אייך געהערט ערשט זינגען.

דר. שוואַרץ (אַ טיפּישער איד מיט אַ שוואַרצער באָרד אַריינגעפירט פון באָטלער, לעצטער אָפּ)

ריינשטיין: אַה, דר., (שטעלט אים פאָר) דאָס איז דר. שוואַרץ — מר. בלעק.

אַרטור: (זייער אויפגערעגט, דריקט אים די האַנט, רעדט קוים אַרויס) ס'פרייט מיך, ס'פרייט מיך.

דר.: איר וועט מיר ענטשולדיקן וואָס איך בין ניט געקומען פּינקטלעך אין צייט. מר. ריינשטיין האָט אייך שוין וואַרשיינלעך געזאָגט.

אַרטור: (איינגעקוקט זיך אין אים שטאַרק) יאָ, יאָ, זיצט דאָקטאָר.

גריים: (שטיל) פּאַפּאַ, איך בין אויך דאָ אויף דער וועלט.

אַרטור: (לאַכט, צעטומלט) אַ ענטשולדיקט, דאָס איז מיין טאָכטער, דר. (דר. פאַרנייגט זיך)

גריים: מיין נאָמען איז גריים.

ריינשטיין: גוד נייט דר., ווען זעען מיר זיך?

דר.: ווי געוויינליך, יעדן טאָג, זאלאנג איך בין נאָך דאָ.

ריינשטיין: גוד נייט.

אלע: גוד נייט. (ריינשטיין אָפּ, גרייס באַגלייט אים)

ארטור: (ניט אַרונטערנעמענדיק די אויגן פון דר. שוואַרץ) דאָקטאר! (דר. זעצט זיך, בלעק קעגן אים) איך האָב נעכטן געהערט איך רעדן, מיין קאָמפּלימענט, דר.

דר.: האָט איר מיך פאַרשטאַנען?

ארטור: מוזיק האָט ניט קיין ווערטער, ווען זי איז עכט, פאַרשטייט מען זי.

דר.: איך דאַנק אייך פאַר דעם קאָמפּלידענט, מר. בלעק.

ארטור: איר זענט שוין לאַנג אין אַמעריקע?

דר.: אין אַמעריקע בין איך שוין דעם דריטן מאָל, צום ערשטן מאָל בין איך דאָ געוועזן מיט דרייצן יאָר צוריק, באַלד נאָך די פּאָגראָמען אין רוס־לאַנד. מיין פּאַרטיי האָט מיך אַהער געשיקט.

ארטור: אייער פּאַרטיי?

דר.: איר האָט דאָך געוויס געהערט אַז מיר אידן האָבן אַ ציוניסטישע פּאַרטיי.

ארטור: יאָ, יאָ, איך האָב געהערט פון אַזאַ פּאַרטיי, געלעזן אַמאָל אין די צייטונגען, ווי לאַנג אַרבייט איר פאַר אייער פּאַרטיי?

דר: זייט די לעצטע צוואַנציק יאָר.

ארטור: וואָס אייגנטלעך איז דער צוועק פון אייער פּאַרטיי?

דר.: וועקן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון אידישן פאָלק, און צו ערווערבן פאַר אים זיין היסטאָרישע היים.

ארטור: איר מיינט פּאַלעסטינא?

דר.: יאָ, דאָס איז אונזער אַלטער היסטאָרישער חלום, וואָס וועט איצט מעגלעך פאַרווירקלעכט ווערן?

ארטור: איצט?

דר.: יאָ, איצט, אין דעם גרויסן היסטאָרישן מאָמענט, ווען די אַלטע מיט בלוט פאַרגאָסענע וועלט גייט צו אַ געבורט פון אַ נייעם לעבן, וואו רעכט און זעלבסטבאַשטימונג וועט געבוירן ווערן פאַר אַלע קלענערע פעל־קער און פאַר אונדז אידן אויך.

ארטור: און איר מיינט אַז דאָס איז מעגלעך?

דר.: דאָס איז מיין הייליקע איבערצייגונג.

ארטור: אינטערעסאַנט. זייער אינטערעסאַנט. פאַר מיר איז דאָס ווירק־לעך ניי. דערקלערט מיר, דאָקטאר, גלויבט איר אַז פון די לענדער וואו אידן האָבן אַלע רעכט, וועלן זיי אַהין וועלן פאָרן?

דר. שוואַרץ: מיסטער בלעק, אויסער פּאָליטישע און אַנדערע רעכט איז פאַראַן נאָך אַ העכערע און גערעכטערע רעכט, ווי פאַר דעם איינצלנעם מענטשן, אַזוי פאַר דעם גאַנצן פאָלק: — דאָס רעכט צו לעבן מיט'ן אייגענעם

לעבן און ניט מיט דעם אָפּגעשטראַלטן לעבן פון אַן אַנדערן... יעדער נאָרמאַלער מענטש, ווי יעדעס נאָרמאַל פאָלק, האָט אַ באַדערפעניש אויס־צודריקן זיין באַזונדערן, זיין אייגנטימלעכן קאָליר, אַזוי ווי צום ביישפּיל, יעדע בלום איר אייגנטימלעכע פאַרב, איר אייגנטימלעכן דופט. אַזוי לאַנג ווי מיר, אידן, וואוינען ניט אויף אונדזער אייגענעם לאַנד, פירן מיר אַן אומנאָרמאַלן לעבן, ווייל מיר לעבן ניט מיט אונדזער אייגענעם לעבן, נאָר מיט דעם אָפּגעשטראַלטן לעבן פון אַנדערע פעלקער. אונדזער אייגנ־טימלעכקייט האָט קיין געלעגנהייט ניט זיך פריי צו אַנטוויקלען. אונדזער „איך" ווערט דערשטיקט, פאַרלאָרן...

אַרטור: (טוט זיך אַ כאַפּ) גאַנץ ריכטיק, מיר פאַרלייקענען אונדזער „איך"...

דר. שוואַרץ: (מיט אַ שמייכל) מיר? איר מיינט, מיסטער בלעק, מיר די אידן?...

אַרטור: יאָ, יאָ, געוויס, געוויס... איך מיין... איר, די אידן... (נערוועז מיט אַ שמייכל) איר ווייסט, איר רעדט אַזוי אינטערעסאַנט, אַז איך פאַרגעס זיך גאָר ווער איך בין...

דר. שוואַרץ: איך דאַנק אייך, מיסטער בלעק פאַר אייער גוטער מיינונג. אויב אַזוי וועל איך מיר דערלויבן מיין מיינונג וועגן אייך אַרויסצוזאָגן...

אַרטור: וועלל?

דר. שוואַרץ: איר זייט איינער פון יענע קריסטן, וואָס צוליב זיי פאַרגעסט מען אַמאָל אַז ס'זענען דאָ אַנטיסעמיטן אויף דער וועלט.

אַרטור: (צעלאַכט זיך) אָ, איר האָט אַ טעות, איך בין גאָרניט אַזאַ גוטער קריסט ווי איר מיינט.

דר.: יאָ, איר האָט רעכט, ביי די אַנטיסעמיטן וועט איר פאַררעכנט ווערן פאַר זייער אַ שלעכטן קריסט, ווען זיי זאָלן וויסן אַז איר ווילט שטיצן די אידן.

אַרטור: וואָס דענקט איר פון דעם אַנטיסעמיטיזם דר., וועט ער אַמאָל פאַרשווינדן?

דר.: דער אַנטיסעמיטיזם איז אַן אַלטע קריסטלעך־היסטאָרישע מכה וועלכע קען נאָר קורירט ווערן מיט אַ נייער אידיש היסטאָרישער רפואה.

אַרטור: (וואַרעם) ווי אינטערעסאַנט, עס איז אַזוי וואַרעם מיט אייך, אַזוי וואַרעם (הויבט זיך אויף) זאָגט מיר, האָט איר עפּעס קינדער, אַ פרוי?

דר.: מיין פרוי וואוינט איצט אין שווייצאַריע, צוליב דער מלחמה מוז זי דאָרט וואוינען, און מיינע קינדער — אך (זיפצט)

אַרטור: אייערע קינדער?

דר.: צוויי האָב איך געהאַט, זין, ביידע סטודענטן, פּעאיקע קעפּ, אידעאַלע קינדער, האָבן זיי געאַרבעט פאַר דער רוסישער רעוואָלוציאָן. דער עלטסטער איז אומגעקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק, מ'האָט אים געהאַנגען, און דעם יינגסטן האָט די גרויסע רוסישע רעוואָלוציאָן איצט באַפרייט פון דער רו־סישער קאַטאָרגע (שטיל ווי צו זיך) פיר יאָר האָט מען אים דאָרט געפייניקט.

אַרטור: (שטאַרק גערירט) מיין אָרעמער ברודער (פאַרכאַפּט זיך) איך מיין, וויפיל איר האָט געמוזט לײַדן, דר.

דר.: לײַדן? געוויס. איך בין אָבער ניט דער איינציקער אידישער פאַטער וואָס האָט אַמאָל געליטן. די גרויסע רוסישע רעוואָלוציאָן, ווען זי וועט אַמאָל עפענען אירע בלעטער פאַר דער וועלט, וועט מען דאָרט גאַנצע קאַפּיטלען לעזן, געשריבן מיט דעם בעסטן און יונגסטן בלוט פון אונדזערע זין און טעכטער. עס וואָלט פאַר מיר פיליכט ליבער געווען ווען מיט דיזן בלוט וואָלט אונדזער אייגענע היסטאָריע געשריבן געוואָרן, אָבער דאָך איז דאָ עפּעס אויף וואָס מיר אידן מעגן שטאָלץ זיין.

אַרטור: אויף וואָס מעגט איר שטאָלץ זיין?

דר.: מיר האָבן דער וועלט באַוויזן וואָס פאַר יונגע, לעבעדיקע און מעכטיקע כוחות דאָס אַלטע פאָלק ישראל פאַרמאָגט נאָך, איך האָף מיט מיין גאַנצער נשמה אַז די דאָזיקע כוחות וועלן נאָך וואונדער שאַפן פאַר אונדזער אייגן פאָלק און פאַר אונדזער לאַנד.

אַרטור: (טוט זיך אַ וואָרף צו אים, כאַפּט אים ביי ביידע הענט קען קוים רעדן פון אויפרעגונג) וואָס פאַר אַ מענטש זייט איר? וואו האָט איר עס גענומען אַזאַ גלויבן, אַזאַ אידעאַליזם, אַזאַ ליבע צו אייער פאָלק? מיין גאָט, ווי קליין איך פיל מיך אין אייער געגנוואָרט מיט אַלע מיינע מיליאָנען.

דר: אָבער מר. בלעק, איך פאַרשטיי ניט וואָס איר וואונדערט זיך אַזוי.

אַרטור: אַזאַ גייסטיקע קראַפט, איין זון אינגאַנצן פאַרלוירן, דעם אַנדערן פאַרפייניקט, און דאָך קענט איר זיך אַזוי אויפהויבן איבער אייערע אייגענע לײַדן און זיין שטאָלץ וואָס זיי האָבן געוויזן, וועלכע קרעפטן אייער אידיש פאָלק פאַרמאָגט עס! נו, און אייער פרוי, די מוטער פון די זין?

דר.: זי איז ווייס געוואָרן ווי אַ טויב, אָבער שטאָלץ איז זי אויף אירע זין.

אַרטור: (פּלוצים) זעל... — זעל ... (פויזע, ברעכט זיך אונטער מיט געוואַלד, אַקסלען ציטערנדיק, קאָרטשעט זיך צונויף, לאָזט אַרויס אַ כריפּ, קערט אָפּ פון אים קאָפּ, פויזע)

דר.: (קוקט אים אָן פאַרוואונדערט) מר. בלעק, האָט עס אויף אייך אַזאַ איינדרוק געמאַכט?

אַרטור: (צו אים מיט׳ן רוקן, שווייגט)

דר.: מערקווירדיק! (שמייכלט, טוט אַ דריק מיט די אַקסלען.)

אַרטור: (טוט זיך אַ דריי צו אים) איר־ע־איך־יאַ־איך האָב אייך איינגעלאַדן — ווייל איך וויל אייך געבן אַ טשעק פאַר אייער פאָלקסהילף — וויפיל אומגעפער דערוואַרטעט איר פון מיר?

דר.: דאָס, מר. בלעק, קען איך אייך ניט זאָגן.

אַרטור: פינף־און־צוואַנציק טויזנט, דערוויל?

דר.: אַ, מער ווי איך האָב דערוואַרטעט, הלוואי גיבן אַזויפיל די רייכע אידן.

אַרטור: מיט איין באַדינג אָבער... (זעצט זיך שרייבן)

דר.: מיט אַ באַדינג?
אַרטור: איר זאָלט ביי מיר נעמען אַ טשעק פאַר זיך אַליין אויך.
דר.: וואָס רעדט איר, מר. בלעק?
אַרטור: אייער פרוי נויטיקט זיך געוויס אויך דאָרט אין שווייצאַריע...
דר.: מר. בלעק, באַליידיקט מיך ניט... איך נעם פאַר זיך גאָרניט.
אַרטור: הע? וועלל, ענטשולדיקט (שרייבט טשעק, דערלאַנגט אים)
דר.: (דריקט אים די האַנט) איך דאַנק אייך אינם נאָמען פון אַלע הונגעריקע קינדער וואָס ליידן דאָרט אַזוי אין רוסלאַנד, איך בין העכסט גליקלעך וואָס איך האָב געטראָפן אַזאַ קריסט ווי איר, מר. בלעק. גוד ביי!
אַרטור: זיצט נאָך אַ ווײַלע, דר. וועט איר רויכערן נאָך אַ סיגאַר? (דערלאַנגט, ביידע פאַררויכערן, פויזע)
דר.: (קוקט אים אָן) מערקווירדיק, איך קוק אויף אייך די גאַנצע צייט און ס'דוכט זיך מיר אַלץ אַז איך האָב אייך אַמאָל ערגעץ געטראָפן, וואו און ווען ווייס איך ניט, אָט ווי עס טרעפט אַמאָל, איר הערט אַ ליד וואָס קלינגט אייך דוכט זיך אַזוי באַקאַנט, און דאָך וואו און ווען איר האָט עס געהערט קענט איר זיך ניט דערמאָנען.
אַרטור: (לאָזט אַרונטער קאָפּ) פיליכט האָט איר אַ פריינט געהאָט וואָס איז געווען ענלעך צו מיר?
דר.: ניין.
אַרטור: אַ פאַרוואַנדטער?
דר.: ניין (אַרטור הויבט אויף דעם קאָפּ, דר. קוקט אים אָן) וואו האָב איך אַמאָל אַזאַ געזיכט געזען? אַזוי באַקאַנט, אַזוי באַקאַנט! (הויבט אויף דעם קאָפּ, טוט זיך אַ כאַפּ) מערקווירדיק! אַזוי ענלעך!
אַרטור: ענלעך, צו וועמען?
דר.: מיין מוטער, אַ קאָפּיע פון איר, אַ מערקווירדיקער צופאַל.
אַרטור: פיליכט ניט קיין צופאַל — פיליכט — (הויבט זיך אויף) איז אייער נאָמען זעליג?
דר.: (הויבט זיך אויף) הא?
אַרטור: און איר האָט געהאַט אַ ברודער משה אַלטער?
דר.: (קוקט זיך אימער איין אין אים, מורמלט) איך פאַרשטיי ניט וואָס איז דאָס, אַ חלום? דאָס קאָן דאָך אָבער ניט זיין, ווער זענט איר?
אַרטור: איך בין — האָט אייער פאָטער געהייסן איצי שוואַרץ? און אייער מוטער... — אונדזער ביידנס מוטער... — (טוט זיך פּלוצים אַ וואָרף צו אים) זעליג! ברודער מיינער! (כאַפּט אים אַרום)
דר.: (רייסט זיך אַרויס פון אים צעטומלט, מורמלט) איר? משה אַל־טער? אונדזער טויטער משה אַלטער? דער משה אַלטער וואָס דער טאַטע און די מאַמע האָבן געהאָפט צו טרעפן אויף יענער וועלט? איז דאָס אַ חלום?
אַרטור: ניין זעליג, ניט קיין חלום, איך בין דאָס דער, וואָס האָט פאַרגעסן מיט זעקס־און־דרייסיק יאָר צוריק זיינע עלטערן, האָט זיין פאָלק פאַרלייקנט, זיין נאָמען פאַרלייקנט.

דר.: **איר — איר — איר!** (לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ) **אוי, פאַרוואָס זענט איר בעסער פאַר מיר ניט געבליבן טויט...** (נעמט אַרויס דעם טשעק און וואַרפט אים צוריק) **דאָס איז אייער טשעק, גיכער וועלן די ערלעכע קינדער פון מיין פאָלק פאַר הונגער אויסגיין איידער צו זעטיקן זיך מיט דעם ברויט פון משומדים, פון פאַררעטער.** (וויל אַוועקגיין)

ארטור: (טוט אים אַ כאַפּ פאַר די אַקסלען) **זעליג, ניט אַזוי האַרט,**

דר.: **וואָס בעט זיך אַזוי דער רייכער קריסטלעכער באַנקיר ביים אָרעמען אידן זעליג?**

ארטור: **רעד ניט אַזוי, דו מוזט מיך פאַרשטיין, דו וועסט מיך פאַר־שטיין, איך בין אַ איד, זעליג, מיט אַ נשמה וואָס גייט אויס מיט בענקשאַפט נאָך אייך אַלעמען, איך בין שולדיק, איך האָב אָבער באַצאָלט, און וועל נאָך באַצאָלן, ברודער, פאַרשטיי מיך און פאַרצייע מיר.** (לאָזט זיך אַרונטער אויף אַ שטול, שלוכצט)

דר.: (לאָזט זיך צום טיר, בלייבט פּלוצים שטיין, קוקט זיך אַרום אויף זיין ברודער, פּלוצים לאָזט ער אַרויס אַ פאַרשטיקטן יאָמער און טוט זיך אַ וואַרף צו אים) **משה־אלטער!!** (פאַלט אים אַרויף אויפן האַלדז)

ארטור: (דריקנדיק אים צו זיך) **מיין ליבער ברודער, מיין שיינער ברודער, דו גרויסע, דו הייליקע נשמה!...**

טאָמאַס און מרס. בלעק אין אַן אָפּערע קלייד קומען אַריין, זיי בלייבן שטיין פאַרוואונדערט, ווען זיי זעען, ווי אַרטור שטייט אַרומגענומען מיט זיין ברודער.

מרס. בלעק: (פּלוצים) **העללאָ, אַרטור!...**

אַרטור: (טוט זיך אַ כאַפּ) **אה, מאַריאַ, איך וועל דיך פאַרשטעלן: מיין ברודער דאָקטאָר שוואַרץ!...**

מרס. בלעק: **הא?** (בלייבט שטיין ווי אַ פאַרשטיינערטע. דר. שוואַרץ דערלאַנגט איר די האַנט. זי רירט זיך ניט און קוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן **טאָמאַס** קוקט. אויך צעטומלט. **אַרטור** נעמט נאָך אַמאָל אַרום זיין ברודער.)

פ אָ ר ה אַ נ ג

דריטער אַקט

(אויף מאָרגן נאָכמיטאָג זעלבע סצענע. טאָמאַס האַלט אַ צייטונג אין האַנט מאַריא קומט זייער אויפגערעגט)

מאַריאַ: ניין, ניין, דאָס וועט ער ביי מיר ניט אויספירן. דו ווייסט וואָס ער פאַרלאַנגט?

טאמאס: וואָס?

מאריא: איך זאָל מיך ענטשולדיקן פאַר דעם אידן, פאַר זיין ברודער, פאַרוואָס איך בין נעכטן, ווען ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר אים, ניט פריינדלעך געווען צו אים.

טאמאס: איך זאָג אויך אַז דו ביסט געווען זייער גראָב צו אים.

מאריא: קען מען אָבער זיין פריינטלעך ווען דו דערזעסט פאַר זיך פלוצים אַזאַ אומגליק? „איך וויל דיר פאָרשטעלן מיין ברודער דר. שוואַרץ, און איך דערזע פאַר זיך נאָך אַזאַ טיפּישן אידן פון דער איסט־סייד. איך האָב דאָך שיר ניט גע'חלש'ט פאַר שרעק.

טאמאס: וואו איז אַרטור?

מאַריאַ: זיצט דאָרט מיט זיין סעקרעטאַר, אונטן. פאַר פרייד מיט זיין ברודער איז ער היינט אין באַנק ניט געפאָרן, האָסט באַדאַרפט זען ווי ער שטראַלט דאָרט, נאָר ווי ניי געבוירן.

טאָמאס: וועל, אַ ברודער, זייט זיין קינדהייט ניט געזען. דו ווילסט מיך פאָלגן, מיי, דו מוזט זיין פריינטלעך מיט זיין ברודער.

מאריא: דאָס קאָן איך ניט, אַזוי ווייט פאַרשטעלן זיך קאָן איך ניט, עס איז איבער מיינע כוחות. א, ווי איך האָס איצט די אידן.

טאמאס: (שטרענג) מאריא! (הויבט זיך אויף) ווען דו רעדסט אויך מיט דער שפּראַך פון ווילי און קעטרין, וויל איך דיך מער ניט הערן, האָב איך דאָ מער ניט וואָס צו טאָן, און איך פאָר באַלד אַהיים.

מאַריאַ: טאָמאָס, איך האָס אים, איך האָס אים מיט אַלע זיינע אידן, איך אָבער וועל קעמפן, קעמפן.

טאמאס: דיין קעמפן וועט נאָך ערגער מאַכן.

מאַריא: טאָ טו דו עפּעס, ביסט דאָך מיין ברודער, געקומען מיר העלפן.

טאָמאס: איך קאָן גאָרניט טאָן ווייל דער טייוול טוט דאָ אַלצדינג (גייט צום פייער פּליים. אַרטור קומט מיט אַ יום־טוב'דיקן שמייכל)

ארטור: העלאו טאָמאָס! (קלאַפּט אים איבערן אַקסל) ווי פילסטו דיך עפּעס היינט, יאַנג מען?

טאמאס: פיין, פיין, טהענק־יו, דו זעסט אויך אויס היינט פיין, אַרטור.

ארטור: איך? בעסער ווי פיין, שוין לאַנג אַזוי ניט געפילט, אויפן האַרצן אַזוי לייכט און ליכטיק, טאָמאָס, דו מוזט דיך נעענטער באַקענען

מיט מיין ברודער, איך בין ביי אים היינט געווען, פרי אויפגעשטאַנען און צו אים אַוועקגעפאָרן. אַן אָרעם, ענג צימער מיט איין פענצטער, אין אַ טענעמענט הויז, אונדזערער אַ הונט וואָלט דאָרט ניט געקאָנט וואוינען, און דאָך, מיט אים האָב איך די ענגשאַפט פון צימער ניט געפילט, מיט זון האָב איך זיך דאָרט אָנגעטרונקען, אין זיין פינצטערן צימער, מיט ליכטיקייט און וואַרעמקייט. אָט דאָס איז אַ מאַן! שוואַכלינגע זענען מיר אַלע קעגן אים, קאַרליקעס קעגן אַ ריז.

מאַריאַ: אַ ריז איז ער אויך? כאַ כאַ כאַ!

אַרטור: מאַריאַ, ניט שיין פון דיר, איך האָב פון דיר עס ניט ערוואַרטעט. איך בעט דיך פאַרגעס אויף אַ ווײַלע, אַז דו ביסט אַ גרעפין און פיל ווי אַ מענטש... מאַריאַ, ער וועט דאָ באַלד זיין, דו האָסט אים נעכטן באַליידיקט, ענטשולדיק זיך היינט פאַר אים.

מאַריאַ: ניין, ניט פאַר אים.

אַרטור: מאַריאַ, איך האָב דיר אַזויפיל צוליב געטאָן.

טאָמאַס: מאַריאַ, זיי ניט איינגעשפּאַרט ווי אַ בייבי, דו האָסט באַ־ליידיקט זיין ברודער.

אַרטור: אים האָט זי ניט באַליידיקט, ער שטייט פיל העכער פון אירע באַליידיקונגען. מיך האָט זי באַליידיקט, דאָס ליבסטע און דאָס הייליקסטע וואָס לעבט איצט אין מיין האַרצן.

מאַריאַ: יאָ, יאָ, איך ווייס, אַז ניט דיין פאַמיליע לעבט איצט אין דיין האַרצן, ניט דיין פרוי און קינדער; אַן זיי האָסטו איצט אינגאַנצן פאַרגעסן, אינגאַנצן... איך וועל עס אָבער ניט דערלאָזן, אַרטור!

אַרטור: וואָס וועסטו ניט דערלאָזן? מאַריע, צעשטער מיר ניט מיין גוטע שטימונג. איך האָב דאָך זי אַזוי זעלטן...

מאַריאַ: דו ווילסט מיין לעבן צעשטערן (צעוויינט זיך פּלוצים) אַרטור, וואָס טוסטו? וואָס ווילסטו טאָן מיט אונדז?

אַרטור: (צעמישט) דו וויינסט? אַך, מיין גאָט! מאַריע, באַרויאיק זיך. איך פאַרשטיי זייער גוט דיין לאַגע און, גלויב מיר, ווען איך וואָלט געקענט איצט פאַרשווינדן פון דער וועלט אַזוי, דאָס קיין מענטש זאָל דאָס ניט באַ־מערקן, וואָלט איך דאָס געטאָן פאַר דיר... איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט ליידן, מאַריאַ, איך וויל ניט!...

טאָמאַס: אַרטור, מאַריאַ וויל ניט אַז דו זאָלסט איצט פאַרשווינדן; מאַריאַ וויל, אַז דו זאָלסט איצט בלייבן מיט איר, ווי ביז אַהער...

מאַריאַ: אַ פאָטער צו דיינע קינדער וויל איך זאָלסטו פאַרבלייבן. אַרטור!...

אַרטור: אויב מיינע קינדער וועלן מיך וועלן האָבן אַלס זייער פאָטער...

מאַריאַ: (טוט זיך אַ צאַפּל) וואָס מיינסטו?

אַרטור: אויב מיין זון וועט אָנשטיין צו האָבן אַזאַ פאָטער...

מאַריאַ: ווילי רעספּעקטירט דיך, איז שטאָלץ מיט דיר, און ער מוז דיך ווייטער רעספּעקטירן, דו הערסט? ער מוז, ער מוז, דערפאַר קעמף איך, אַרטור, נאָר דערפאַר!...

אַרטור: וועט ער מיך דאַן אויך רעספּעקטירן, ווען איך וועל אים די אויגן עפענען?...

מאַריאַ: (גייט צו צו אים און שטיל צווישן די ציין) דו וועסט עס ניט וואַגן, מיין זון וועסטו ניט טויטן...

אַרטור: איך וועל קיינעם ניט טויטן. אָבער איבערלאָזן דעם אַנטי־סעמיטישן סם אין זיין האַרצן דאָס טאָר איך ניט. איך ווייס, ווען איך זאָג אים, ווער איך בין, וואָלט דאָס געווען דער בעסטער קעגן־גיפט קעגן זיין אַנטיסעמיטיזם... גלייך ווי איך האָב נעכטן דערזען, וואָס ער איז, האָב איך אים די אויגן געוואָלט עפענען...

מאַריאַ: אַרטור, האָסטו גאָר קיין מיטלייד מיט מיר?...

אַרטור: מיטלייד מיט דיר?... עך, מאַריאַ, ווען ניט דער מיטלייד מיט דיר...

טאָמאַס: אַרטור, ווילי איז גאָרניט אַזוי שלעכט ווי דו מיינסט, ער איז אַ נאַריש אינגל, טוט נאָך זיינע חברים, זיין גאַנצער אַנטיסעמיטיזם איז נאָר אַ שפּאַס.

אַרטור: אַ שפּאַס, האַ? און ביי מיר איז דאָס די שרעקלעכסטע וואונד, ווען איך האָב היינט פאַר מיין ברודער מיין האַרץ געעפנט האָב איך די וואונד געשעמט זיך אים צו ווייזן.

מאַריע: ער וועט מער קיין אַנטיסעמיט ניט זיין, איך נעם עס אויף זיך. (פּלוצים) אַלרייט, אַרטור, דיין ברודער וועט דאַ באַלד זיין? איך וועל זיך פאַר אים ענטשולדיקן, און מיר וועלן זיך פאַרלאָזן אויף אים. ער איז דאָך, זאָגסטו, אַ מענטש מיט אַ גרויס האַרץ, איך פאַרלאָז זיך אויף אים, ער וועט זיכער זאָגן אַז דו וועסט אַ פאַרברעכן באַגיין אויב דו וועסט אומ־גליקלעך מאַכן די פרוי וואָס איז דיר פיר־און־צוואַנציק יאָר געטריי געווען.

אַרטור: וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן?

מאַריאַ: דו דאַרפסט גאָרניט טאָן. נאָר האָב אין זינען מיך, דיינע קינדער.

אַרטור: איך האָב אייך אין זינען, איך האָב — מיין גאָט.

מאַריאַ: אויב דו האָסט אונדז אין זינען, אַרטור, טראַכט זיך אַריין אין אונדזער לאַגע, שטעל זיך פאַר, מ'האָט זיך דערוואוסט ווער דו ביסט, ביי די בעסטע פריינט מיינע בין איך צו שפּאָט און צו שאַנד, ווילי מיט זיין כלה. מיין גאָט. מיין גאָט.

טאָמאַס: אַרטור, פיליכט איז דאָך מעגלעך צו געפינען אַן אויסוועג? דו ווילסט דאָך ניט אַז מאַריאַ זאָל ליידן.

אַרטור: דו, טאָמאַס, ווייסט ווי אירע ליידן טוען מיר ווי, וואָס טוט מען?

מאַריאַ: דו ווייסט וואָס, אַרטור? שווייג ביז נאָך ווילי'ס חתונה.

ארטור: מאַריאַ, דעם בעטרוג ווילסטו אויך אין זייער פאַמיליע־לעבן אַריינשלעפּן?

מאריא: לאָז עס איבער צו מיר.

ארטור: אויב זאָגן דאַרף מען נאָר איצט, פאַר זייער חתונה. אויב דאָס איז אַן אומגליק פאַר אים היינט, וועט שפּעטער נאָך זייער חתונה פאַר אים דאָס זיין אַ דאָפּלטער אומגליק. דאָס מאַריאַ, דאַרפסטו אַליין פאַרשטיין. (גרייס אַריין)

גרייס: פּאָפּאַ, אונדזער דינערשאַפט האָט אַ באַפעל געקראָגן מ׳זאָל מר. ריינשטיין ניט אַריינלאָזן ווען ער קומט אַהער.

ארטור: הא?

מאריא: (שטיל צו טאָמאָס) דאָס האָט וואַרשיינלעך ווילי געטאָן.

ארטור: ווער האָט עס געטאָן?

מאריא: איך האָב עס געטאָן, ווייל איך רעכן אַז עס פּאַסט ניט פאַר גרייס ער זאָל קומען צו איר.

ארטור: גרייס, דו ווייסט זיין טעלעפאָן נומער? רוף אים אָפּ גלייך. איך וויל צו אים רעדן.

גרייס: (אין פאָן) סטייוועסענט 9040, יעס מר. ריינשטיין, פּליז, האָלד דהי ווייער, פּאָפּאַ.

ארטור: (אין טעלעפאָן) מר. ריינשטיין? דאָס איז מר. בלעק. האו דו יו דו. דר. שוואַרץ וועט באַלד זיין ביי מיר, קומט אויך, מיר וועלן צוזאַמען האָבן דינער, איר קענט קומען גלייך. איך ערוואַרט אים יעדע מינוט, וועלקאָם. (הענגט אויף רעסיווער) קום גרייס. איך וועל גיין זען די דינער־שאַפט. (ביידע אָפּ)

מאריא: נו, טאָמאָס!

טאָמאס: מאַריאַ, דו מוזט איצט האַנדלען אויסגערעכנט, רואיק.

מאריא: אָבער ווי אַזוי קאָן איך זיין רואיק איז אַזוינע אומשטענדן, טאָמאָס!

טאָמאס: ענטשולדיק זיך פאַר זיין ברודער און באַפריינט זיך מיט אים.

מאריא: אלרייט, איך האָב דאָך שוין געזאָגט אַז איך וועל מיך ענטשולדיקן פאַר דעם אידן. מיט מיין גאַל וואָלט איך זיי איצט אַלע דערטרונקען.

אַרטור: דר. שוואַרץ.

דר.: האו דו יו דו! (פאַרנייגט זיך)

טאָמאס: האו דו יו דו!

מאַריא: (באַהערשט זיך, גייט צו צו אים מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און שמייכל) דר. איך שעם זיך אייך צו קוקן אין די אויגן, איר זענט פאַר מיר נעכטן געווען אַזאַ אומדערוואַרטעטער גאַסט, דאָס איך האָב זיך פאַרלוירן. אייער ברודער האָט קיינמאָל מיר ניט דערציילט פון אייך, איר מוזט מיר ענטשולדיקן, און איך האָף אַז מיר וועלן זיין פריינט.

דר.: (דריקט איר האַנט זייער העפלעך) איך האָף אויך, מאַדאַם.

אַרטור: (מיט שטראַלנדיקן פּנים) ניט קיין פריינט קען מיין ברודער דאַכט זיך מיר ניט זיין.

מאַריאַ: אמת, אַרטור, ביי דיין ברודער אויפן געזיכט ליגט די גוטסקייט, זייער אַן אינטערעסאַנט פּנים.

(טרעט אָפּ אַן אַ זייט, ווישט די האַנט וואָס יענער האָט איר געדריקט, מיט עקל).

טאָמאַס: א, דר. זענט איר אַ עם די?

דר.: ניין, דר. פילאָזאָפיע

טאָמאַס: אַזוי? אויב איר זענט אַ דר. פילאָזאָפיע זייט איר דאָ איצט אין הויז נויטיקער ווי איר וואָלט אַ דר. מעדיצין געווען.

דר.: ווארום?

טאָמאַס: ווייל מיר ליידן דאָ פון אַ קאַטאַר אויף די געדאַנקען און צו דעם קען אַמאָל העלפן אַ פּראָשעק פון פילאָזאָפיע (אַלע לאַכן)

מאַריאַ: וועט פיליכט אונדזער ליבער גאַסט מיט אונדז היינט מיטאָגעסן?

אַרטור: (קוקט זי אָן) טהענקיו, דיער, און מר. ריינשטיין אויך?

מאַריאַ: (אויפגערעגט, קאָנטראָלירט זיך) מר. ריינשטיין אויך, איך וועל גיין געבן דער דינערשאַפט דעם אָרדער. טאָמאַס, דו גיי איצט שרייבן דיין בריוו צו דיין פרוי, דו האָסט מיך געבעטן איך זאָל דיך דערמאָנען. (וואונק צו אים ער זאָל מיט איר מיטגיין.)

טאָמאַס: יאָ, מאַריאַ, אַ דאַנק, וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט.

מאַריאַ: ענטשולדיקט דר., מיר וועלן זיך באַלד ווידער זען (אָפּ מיט טאָמאַס)

אַרטור: (באַגלייט זי מיט די אויגן זיפצט) אַ רחמנות, וואָס טוט מען זעליג?

דר.: דו מיינסט ווי אַזוי דו זאָלסט האַנדלען?

אַרטור: יאָ.

דר.: איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, ווען אַזוינע זאַכן פרעגט מען ניט קיין עצות, דאָס איז דיין ווייב, דיינע קינדער. טו ווי דיין געוויסן וועט דיר דיקטירן.

אַרטור: מיין גאָט, וואָס וואָלט איך ניט געגעבן אַז איך זאָל דאָס קענען טאָן און קיינער זאָל דערביי ניט ליידן.

דר.: יאָ, דיין לאַגע איז ניט זייער קיין אַנגענעמע. (דערזעט גרייסעס בילד) ווער האָט עס געמאָלן? וואונדערבאַר.

אַרטור: דיין פריינט מר. ריינשטיין.

דר.: ער איז אַ מייסטער.

אַרטור: ער שיינט צו זיין אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן.

דר.: דער אידעאַליזם און די ריינקייט אַליין. דאָס איז דער נייער

טיפּ פון אידישן קינסטלער, וואָס שעפּט זיין באַגייסטערונג פון די קוואַלן פון זיין פאָלקס נשמה.

ארטור: יאָ, ער האָט מיר געזאָגט אַז ער איז אַ נאַציאָנאַליסט.

דר.: ער איז מיין שילער.

ארטור: דיין שילער?

דר.: פון קינדוויז אָן איז ער אונטער מיין איינפלוס געשטאַנען, די ליבע צו זיין פאָלק האָב איך אין אים איינגעפלאַנצט.

ארטור: (מיט אַ שמייכל) דו ווייסט, זעליג, איך אַליין פיל זיך איצט אויך ווי איך וואָלט דיין שילער געווען.

דר.: דו?

ארטור: פאַר דער קורצער צייט האָב איך אַזויפל געלערנט פון דיר, אַזוי פיל איז מיר קלאָר געוואָרן.

דר.: ניין, מיין ברודער, דו ביסט נאָך ניט מיין שילער.

ארטור: ווארום?

דר.: וויל מיינער אַ שילער מוז געהערן מיר מיט זיין גאַנצער נשמה, מיינע חלומות מוז ער חלומ׳ען, מיין גלויבן מוז זיין גלויבן זיין. דו ביסט עס ניט, דערוויל נאָך ניט.

אַרטור: איך בין עס, זעליג, דיין חלום איז איצט מיין חלום, דיין גלויבן איז מיין גלויבן, זעליג. איצט זע איך אַז מיינע מיליאָנען וועלן צוניץ קומען, איצט ווייס איך שוין אַז ניט אומזיסט האָב איך געאַרבעט, איך זע איצט אַ וועג פאַר זיך.

דר.: משה אַלטער, דו מיינסט עס ערנסט? דו ביסט באַרייט צו אַר־בעטן פאַר דעם הייליקן אידעאַל מיט דיין געלט?

ארטור: מיט אַלע מיינע כוחות, מיט מיין גאַנצן לעבן.

דר.: (דריקט אים די הענט) איצט בין איך דיר אַלצדינג מוחל, מיין ברודער, מיין ליבער ברודער.

אַרטור: (פּלוצים) אוי, איך האָב מיך עפּעס דערמאָנט, זעליג, דו געדענקסט ווי איך האָב דיר אַמאָל אַריינגעציילט ווען איך האָב דיך גע־כאַפּט רייטנדיק אויף אונדזער ציג?

דר.: (צעלאַכט זיך) איך געדענק, אַ גרויסע ציג געווען מיט אַ נאָס בערדל, איך בין שוין דאָן געווען אַ בחור פון אַ יאָר אַכט.

אַרטור: ריכטיק, ריכטיק, ווען איך ווייס דאָן אַז מיינע שמיץ וועלן דיך מאַכן פאַר אַזאַ מענטשן וואָלט איך דיך נאָך אייניקע אַריינגעפּיטשקעט. און וואָס מאַכט דאָרט אונדזער פעטער בעניש און מומע גאָלדע?

דר.: שוין לאַנג געשטאָרבן. כאַ, כאַ, כאַ, איך האָב זיך אויך עפּעס דערמאָנט, אַ יאָר פינף בין איך מן הסתם אַלט געווען, דו ביסט נאָך נישט געווען קיין גימנאַזיסט. אוי האָסטו דאָן געכאַפּט אַ פּאַטש!

ארטור: פון וועמען?

דר.: פון טאַטן. דו געדענקסט אין בית מדרש נאָכן דאַוונען, וויל דו האָסט שלעכט געזונגען.

אַרטור: יאָ יאָ, ריכטיק, ריכטיק, איך בין געשטאַנען מיט די אַנדערע משוררים ביים עמוד און געזונגען, מיין סאָפּראַנאָ האָט געמאַכט אַ פּאָר פאַלשע טענער. אי, האָב איך דאַן פון אים געכאַפּט, עפּעס אַ שפּאָס אַ פאַלשער טאָן ביי אונדזער טאַטן, אַזוי ווי מיט אַ מעסער אין האַרצן אַריין (מיט התפּעלות) זעליג, דו געדענקסט עפּעס פון זיינע חזנ׳ישע קאָמפּאָזיציעס, לאָמיר זינגען זיין ותתן לנו (מיט אַ ניגון) וואַרט, וואַרט, ווי פלעגט ער דאָס זינגען? יאָ, איך האָב עס (הויבט אָן זינגען)

דר.: גאַנץ ריכטיק (מיט התפּעלות) דו געדענקסט, געדענקסט, (זינגען) (טאָמאָס בלייבט שטיין פאַרוואונדערט. נאָכן זינגען מאַכט ער ליכטיק)

טאָמאָס: איר בעט גאָט?

אַרטור: מיין פּאַפּאַ׳ס אַ קאָמפּאָזיציע.

טאָמאָס: איי אַרטור, מ׳וואַרט דאָרט אויף דיר פון דיין באַנק.

אַרטור: אַ, וואָס ווילן זיי היינט מיט דער באַנק? ניטאָ, ניטאָ, יום־טוב איז ביי מיר היינט, יום טוב!

טאָמאָס: אַרטור, גיי, זייער וויכטיקס.

אַרטור: וועלל, ענטשולדיק, זעליק, (גייט) זעליק, ווי אַזוי גייט עס? (אָפּ זינגנדיק)

טאָמאָס: דר., הייסט עס איר האָט געפונען אַ ברודער?

דר.: מיין איינציקער ברודער, וועלכער איז געווען טויט.

טאָמאָס: דר. ווי עס שיינט האָט איר אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט, האָט ער איך דערציילט, וואָס עס קומט פאַר אין זיין פאַמיליע?

דר.: יאָ.

טאָמאָס: וואָס דענקט איר וועגן דעם?

דר.: ס׳איז זייער טרויעריק.

טאָמאָס: ווי דענקט איר דאַרף ער האַנדלען?

דר.: ווי זיין געוויסן דיקטירט אים.

טאָמאָס: דאָס איז מיין מיינונג אויך, אָבער —
מאַריאָ הערט זיך צו, אומבאַמערקט)

דר.: איר האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן?

טאָמאָס: אָבער זיין געוויסן, דענק איך, האָט זיך פריער פון אַלעמען באַדאַרפט רעכענען מיט זיין פאַמיליע.

דר.: זי זאָל ניט ליידן, מאַטעריעל — זיכער ניט.

טאָמאָס: איך מיין זי זאָל ניט ליידן געזעלשאַפטלעך אויך.

דר.: וואָס מיינט איר?

טאָמאָס: איך מיין — ענטשולדיקט, וואָס אַנבאַלאַנגט מיר פערזענלעך, זיינען אַלע גלייך, איד, קריסט, טערק, טייוול, אָבער עס זענען ליידער דאָ מענטשן, וואָס דענקען, אַז דער איד...

דר.: איז פון אַ נידעריקער ראַסע?

טאָמאָס: יאָ.

דר.: (לאַכט) וועל, מר. בּייקאָן, לוינט זיך דען צו רעדן פון אַזוינע דומע מענשן?

מאַריאַ: (טרעט אויף) אָבער וואָס טוט מען, דר. אַז מ׳לעבּט צווישן אַזוינע מענטשן און מ׳מוז זיך מיט זייער דומהייט רעכענען?

דר.: אַ קלוגער מענש וועט זיך מיט קיין נאַרישקייט ניט רעכענען.

מאַריאַ: וואָס טוט מען אָבער, אַז מען איז אַליין דום?

דר: דאָס איז שלעכט מאַדאַם, זייער שלעכט.

מאַריאַ: דר., ערלויבּט מיר צו רעדן מיט אייך זייער אויפריכטיק, ווי מיט מיין מאַנס אַ ברודער. מיינע קינדער זיינען ביי מיר דאָס לעבּן, זיי זיינען ערצויגן געוואָרן אַלס קריסטן, און אַלס קינדער פון אַ קריסטלעכן פאָטער. זיינען זיי אין דעם שולדיק?

דר.: געוויס ניט.

מאַריאַ: ווען זייער פאָטער ערקלערט מיט אַמאָל, אַז ער איז אַ איד, וועט מען אים אין אונזער קרייז פאַראַכטן, און מיך וועט מען אויסלאַכן, און מיין זון וועט זיין כלה פאַרלירן. לוינט זיך דאָס? זאָגט אַליין דר.?

דר.: (פּלוצים, נערוועז) ענטשולדיקט, מאַדאַם, דער גאַנצער געשפּרעך באַליידיקט מיך. איך בּין אַ איד, און איך האַלט זיך דערמיט פאַר אַ יחסן, פאַר איינעם פון די עלטסטע יחסנים צווישן פעלקער.

טאָמאַס: צום טייוול אַלע יחסנים! אַלע מענשן זיינען דורך דער זעלבּער טיר אויף דער וועלט געקומען, אין דעם זעלבן פאָרם געשאַפן, דער קעניג פּונקט ווי דער שוך־פּוצער. דער מענטש זאָל געשעצט ווערן נאָך זיינע פערזענלעכע מעלות און ניט לויט די גוטע אָדער שלעכטע אייגנשאַפטן פון זיינע עלטערן, אָדער זיין פאָלק. פּונקט ווי אין דער ביזנעס וועלט, אַז איינער פאַרלאַנגט קרעדיט, פרעגט מען ניט, אויב זיינע עלטערן זיינען גוט געווען, אויב זיין פאָלק איז גוט, נאָר אויב ער אַליין איז גוט...

דר.: פאָלקאָמען מיט אייך איינפאַרשטאַנען. אויב אַזוי, ווי באַלד מיין ברודער אַליין איז „גוט״ וועט דאָך דאָס זיין קרעדיט נישט שאַדן, ווען ער זאָל אויפדעקן פאַר דער וועלט, אַז ער געהערט צום אידישן פאָלק.

טאָמאַס: (לאַכט) איך האָב דאָס ניט געמיינט, דר.

דר.: (לאַכט) איר האָט עס אָבער געזאָגט און איך בין מיט אייך איינפאַרשטאַנען.

טאָמאַס: אויב אַזוי האָב איך שלעכט געזאָגט, געמיינט האָב איך פּונקט פאַרקערט. אויב ער איז אַליין גוט, וואָס מאַכט עס אויס וואָס ער וועט אויף זיך ניט טראָגן די פירמע פונם אידישן פאָלק? די הויפּטזאַך איז דאָך די גודס און ניט די פירמע.

דר.: מר. בּייקאָן, דאָס אידישע פאָלק איז ניט קיין ביזנעס פירמע. דאָס איז בלוט וואָס איז אין ליידן געריייניקט געוואָרן, אַ נשמה, וואָס האָט זיך הונדערטער יאָרן אין אַ גיהנום געלייטערט, וואָס קיינע פרעה׳ס, קיינע טאָרקוועמאַדאָס און קיינע צאַרן פון אַלע צייטן האָבּן זי ניט געקאָנט טויטן. און אויב דאָס איז אַ פירמע, איז דאָס גאָטס פירמע, וואָס האָט אייך קריסטן אַ

רעליגיע און אַ מאָראַל געגעבן, און קיין איד מיט אמת׳ן שטאָלץ וועט ניט וועלן פאַרלייקענען אָט אַ די פירמע פון זיין נשמה און זיין גאָט צוליב אַ ביז־נעס פירמע.

(גרייס און ריינשטיין קומען אַריין)

ריינשטיין: האַו דו יו דו, מעדעם, דר. מר. בייקאָן.

אלע: האַו דו יו דו.

מאַריאַ: וועל, דר., מיר וועלן נאָך פון דעם רעדן. (נעמט זיין אָרם. שמייכלט) איך האָף, אַז מיר וועלן זיך פאַרשטיין און בלייבן פריינט. וועט איר מיר באַגלייטן אין דיינינג רום?

דר.: (פאַרנייגט זיך) מיט פאַרגעניגן, מאַדאַם.

מאַריאַ: קום, טאַמאַס, מר. ריינשטיין, ביטע.

ריינשטיין: טהענקיו, מעדעם (וויל גיין, גרייס האַלט אים צוריק ביי די פּאָלעס פון זיין ראָק)

(אַלע אָפּ אויסער די צוויי)

גרייס: איך וויל מיט אייך עפּעס ריידן, ריינשטיין, קענט איר דעם דר.?

ריינשטיין: געוויס קאָן איך אים, זייט מיין קינדהייט. אַ נאָענטער פריינט מיינער וועמען איך ליב און רעספּעקטיר.

גרייס: צווישן אים און פּאַפּאַ איז אַ מערקווירדיקע פריינטשאַפט, ווייסט איר עפּעס וועגן אים?

ריינשטיין: (מיט אַ שמייכל) זיי זיינען לאַנדסלייט, אייער פּאַפּאַ האָט זיין פאָטער געקענט. דאָס אַלעס וואָס איך האָב אַ רעכט צו וויסן.

גרייס: וואָס איר האָט אַ רעכט צו וויסן — וואָס מיינט איר?

ריינשטיין: פרעגט ניט מער ביי מיר, איך ווייס גאָרניט, גאָרניט.

גרייס: אָ, איר ווייסט עפּעס, איך זע עס שוין, ריינשטיין, פאַר מיר טאָר ניט זיין ביי אייך קיין סודות.

ריינשטיין: גרייס, אויב דאָס איז אַ סוד, איז דאָס ניט מיין סוד, און איך האָב קיין רעכט אים צו ענטדעקן, אפילו פאַר אייך. איך קען אייך אָבער איין זאַך זאָגן, אַז מיר איז היינט פריילעכער ווי נעכטן.

גרייס: פאַרוואָס?

ריינשטיין: ווייל איך האָב מיך נעכטן געזען מיט דר. שוואַרץ, נאָכ־דעם ווי ער האָט זיך מיט אייער פּאַפּאַן געטראָפן, און ער האָט מיר עפּעס דער־ציילט אַזוינס, אַז זייט דאַן זענט איר מיר פיל, פיל נענטער געוואָרן, און מיין האָפנונג איז ביי מיר דרייסטער געוואָרן.

גרייס: און איך זאָל דאָס ניט וויסן? ריינשטיין, בעד באַי. (נעמט אים אָרום) דערציילט, ליבער, מוטשעט מיך ניט, איך בין דאָך ניט מער ווי אַ פרוי.

(ווילי בלייבט איבערראַשט, גלאָצט אויס די אויגן אויף זיי. ריינשטיין באַמערקט אים און טוט זיך אַ ריס אָפּ צעטומלט)

ווילי: (אויפגערעגט) וואָס איז דאָס, וואָס מיינט דאָס? (גרייס צעמישט, שווייגט, קוקט אויף אים און שמייכלט) וואָס איז דאָס, פרעג איך. וואָס דאַרף דאָ דער איד?

גריים: ווען ער איז דאָ, דאַרף ער דאָ זיין, און דו האָסט קיין רעכט ניט צו פרעגן, און איך דאַרף דיר ניט ענטפערן.

ווילי: גרייס, דער איד זאָל גלייך פאַרלאָזן דאָס הויז, זאָפאָרט!

גריים: ה׳ גראַף, איר זענט דאָ ניט קיין בעל־הבית, זייט אַזוי גוט און מאַכט זיך ניט נאַריש.

ווילי: וועל איך דיר באַלד ווייזן (דריקט דעם באַטאָן) דזשאָן וועט באַלד אריינקומען און ער וועט מיט אים רעדן. (דזשאָן קומט אַריין)

גריים: (צו דזשאָן) דזשאָן, שיקט אַרויף מר. בלעק אַהער.

ווילי: דזשאָן, איך האָב געזאָגט, מ׳זאָל דעם אידן אַהער ניט אַריינלאָזן, ווייזט אים דעם וועג צו דער טיר.

ריינשטיין: (אויפגערעגט) מיין הער, אייער פאָטער האָט מיך איינגעלאַדן...

ווילי: דזשאָן, וואָס שטייסטו? (דינער רירט זיך ניט פון אָרט)

גריים: דזשאָן, וואָס האָט איך מר. בלעק פריער געזאָגט? שיקט אים גלייך אַרויף. (דזשאָן אָפּ)

ווילי: זאָל פאַפאַ אַרויפקומען. איצט וועט פאַפאַ אַליין זען ווי גערעכט איך בין געווען. איצט וועט זיין אַן ענדע צו דיין אַרבעט אין אידישן סעטלמענט הויז. און דאָס בילד וועט דאָ אויך ניט זיין. (גייט צום בילד, טוט עס אַ כאַפּ. זי טוט אַ געשריי און כאַפּט אַ פיגור פון טיש)

גריים: ווילי, גלייך אַוועק פונם בילד. באַריר ׳עס נישט מיט דיינע סנאָבישע הענט, ווארום אויב דו ביזט נישט קיין דזשענטלמאַן, וועל איך מיט דיר מוזן האַנדלען אַזוי...

ווילי: כאַ־כאַ־כאַ, ער איז אַ דזשענטלמאַן, האַ? אונזער געזעלשאַפט איז פאַר דיר ניט גוט גענוג געווען, האָסטו זיך אויסגעזוכט אַט אַ דעם...

גריים: מאַמאַ! (לויפט צו דער טיר) אַרטור, מאַריא באַווייזן זיך אין טיר)

אַרטור: וואָס איז דאָ?

ווילי: פאַפאַ, איצט וועסטו קענען זען ווי גערעכט איך בין געווען, ווען מיר האָבן דיך געוואָרנט קעגן די אידן. דו האָסט זיי אַריינגעלאָזט אין דיין הויז. און איצט...

אַרטור: שריי ניט, שריי ניט אַזוי, איך בין ניט טויב.

ווילי: זיי שענדן דיך, זיי שענדן דיין הויז, זיי שענדן אונז אַלעמען, מאַמאַ, דו ווייסט נאָך ניט, דו האָסט באַדאַרפט זען, ווי זי האָט זיך מיט אים געהאַלטן.

מאַריא: (צעטומלט) האַ? וואָס מיינסטו?

ווילי: (צו איר שטיל) זי איז אין אים פאַרליבט, מאַמאַ.

מאַריא: שוויַיג! דאָס איז ניט אמת! דו ביסט פון זינען, גרייס!

גריים: (שטייט מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שוויַיגט, ריינשטיין בלייַבט קוקט זיך אַרום צעטומלט. אַרטור גייט צו צו איר, גלעט אים דעם קאָפּ)

אַרטור: מיין קינד, וואָרום שטייסטו אַזוי? וואָס איז דאָ געווען?

גריים: (פאַלט צו צו זיין ברוסט) פאַפאַ!

מאריא: (מיט שרעק) אַרטור, וואָס וויינט זי?
אַרטור: וויין ניט מיין קינד, רעד.
גרייס: פּאַפּאַ, איך האָב אים ליב.
מאריא: מיין גאָט! אַרטור!
ווילי: וועל, וואָס ווערסטו איצט זאָגן, פּאַפּאַ?
אַרטור: ווילי דו גיי נאָר אַרויס פון דאַנען!
ווילי: וואָס שיקסטו מיך? שיק דעם אידן אַרויס.
אַרטור: (אויפגערעגט) ווילי!
מאריא: (פּלוצים) מר. ריינשטיין, ענטשולדיקט.
ריינשטיין: (פאַרנייגט זיך) גוד ביי (וויל גיין)
אַרטור: מר. ריינשטיין, בלייבט דאָ, זאָגט מיר, איר ליבט זי?
ריינשטיין: (שטיל, גערירט) מער ווי איך קען אויסדריקן...
אַרטור: און דו, גרייס?
גרייס: פּאַפּאַ! (צעוויינט זיך אויף זיין ברוסט)
אַרטור: דאַן ווינש איך אייך ביידן גליק (פירט זיי צוזאַמען)
גרייס: פּאַפּאַ, מיין גוטער פּאַפּאַ! (וואַרפט זיך אים אויפן האַלז)
מאריא: (שטאַרט אויף איר מאַן, רעדט אַרויס צווישן די ציין) און וואו בין איך? איך האָב שוין דאָ גאָרניט וואָס צו זאָגן? (נעמט אָן גרייס׳ן ביים אָרם) גיי אין דיין רום, גרייס, גייט אַלע איצט אַרויס. איך וויל דאָ בלייבן מיט אייער פּאַפּאַ אַליין (גרייס אָפּ, דאַן ריינשטיין) ווילי, דו אויך.

ווילי: מאַמאַ, וואָס איז דאָס? איך גלויב דאָך ניט מיינע אויגן, דער פּאַפּאַ איז דאָך פון זינען אַרונטער, וואָס וועט מר. קלאַרק זאָגן? וואָס וועלן אַלע אונזערע באַקאַנטע זאָגן. אַ שיני אין אונזער פאַמיליע.

אַרטור: קום אַהער, ווילי (כאַפּט אים אָן ביים האַנט) קום אַהער דו גראַף, דו האָסט פיינט שיניס, האַ? דו האָסט זיי פיינט? ווייסטו אָבער גראַף, אַז דו אַליין —

מאריא: (טוט אים אַ כאַפּ ביים אָרעם) אַרטור!
אַרטור: אַז דו אַליין, גראַף מיינער, ביסט אויך אַ שיני, אַז דיין פּאַפּאַ איז אַ שיני?
מאריא: גלויב אים ניט, ווילי, גלויב אים ניט, ער איז פונם זינען אַרונטער.
ווילי: מאַמאַ, וואָס רעדט ער היינט?
אַרטור: גיי אַרונטער אונטן, דו וועסט דאָרט זען אַ אידן, דאָס איז מיין ברודער און דיין אָנקל.
מאריא: (אין העכסטער פאַרצווייפלונג) אַ קללה אויף דיר, אַרטור. אַ קללה אויף דיר, דו קינדער־מערדער, אַ קללה אויף דיין גאַנצן אידישן פאָלק. איך האָס דיך. איך האָס דיך. איצט זאָלסטו עס וויסן, איך האָב שוין ניט פאַרוואָס צו שטיקן אין זיך. אויב דו האָסט דיין מאַסקע אַרונטערגעריסן פאַר דיינע קינדער, וועל איך מיין מאַסקע אויך אַרונטעררייסן; אויב וויסן, זאָלסטו אַלעס וויסן. וואו איז גרייס? (לויפט צום טיר) גרייס, גרייס, זי זאָל וויסן וואָס

זי האָט צו ערוואַרטן, ווען זי וועט הייראַטן דעם אידן. (גרייס באַווייזט זיך)
גריים: וואָס ווילסטו?
מאריא: איך וויל אַז דו זאָלסט זען אין דיין מוטערס אומגליקלעך לעבן ווי אין אַ שפּיגל דיין אייגענעם לעבן, וואָס דיר ערוואַרט, ווען דו וועסט דעם אידן הייראַטן? איך בין אויך געוועזן אַזוי יונג ווי דו, דערפאַר האָב איך אַ אידן געהייראַט, אָבער וואָס ווייטער איך האָב מיט אים געלעבט, אַלץ טיפער האָב איך געפילט מיין פאַלשע לאַגע, און דאַן איז ער מיר אַליין פרעמד געוואָרן. זיין אידיש געזיכט איז מיר געוואָרן אומאַנגענעם, זיינע אידישע מינעס, זיין אָטעם איז מיר שווער געוואָרן צו פאַרטראָגן.
ארטור: (קוקט אויף איר איבערראַשט) כאַ־כאַ־כאַ, דאָס איז אינטערע־סאַנט. ווירקלעך, די מאַסקע אַרונטערגעריסן.
ווילי: הער נאָר ווי ער לאַכט (מורמלט) איך וועל משוגע ווערן.
מאריא: איך האָב אָבער מיין הארץ פאַרמאַסקירט צוליב אייך. אויף זיין ליבע האָב איך מיט ליבע געענטפערט, ווען מיך האָט געעקלט. צוליב אייך, מיינע קינדער, האָב איך עס געטאָן, צוליב אייך.
ארטור: (לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול) און איך נאָר האָב געליטן, ניט געקענט אַלץ זיך ענטשליסן צו טאָן דעם שריט, איך האָב מורא געהאַט טאָמער וועט מיין ווייב וואָס ליבט מיך, ליידן! כאַ־כאַ־כאַ! אויב אַזוי, איז דאָך דאָס א גליק פאַר דיר, דו וועסט זיך איצט באַפרייען פון דעם אידישן מאַן, וואָס דו האָסט אַזוי פיל יאָרן זיין אָטעם ניט געקאָנט פאַרטראָגן.
מאריא: יאָ, יאָ. איך וועל מיך באַפרייען פון דעם אידן, און זי וועל איך ניט לאָזן פאַרבינדן זיך מיט אַ אידן. גרייס, היט זיך, דו וועסט לעבן אַזוי אומגליקלעך ווי דיין מאַמע.
ארטור: (הויבט זיך אויף) מיי, זי וועט לעבן גליקלעך מיט אים, ווייל ער וועט ניט פאַרלייקענען, אַז ער איז א אידה, און דיין פאַלשע מאַסקע וועט זי קיינמאָל ניט טראָגן. ווען אין איר האַרצן וועט זיין סם פאַר אים, וועט זי ניט שמייכלען צו אים מיט האָניק־ליפּן, ווי דו צו מיר. אָך מיי, מיי, איך האָב דאָך דיך גאָרנישט געקענט. טהענקיו, טהענקיו, איצט איז מיר לייכט צו באַפרייען זיך פונם גאַנצן באַטרוג.
מאריא: גרייס, דו ביסט מיין קינד, און מיין פליכט איז געוועזן דיך צו וואָרנען. אַנטלויף פון דעם אידן, אַנטלויף.
גריים: מאַמאַ, פון מיין פאַפּאַ וועל איך ניט אַנטלויפן, אויב מיין פאַפּאַ איז אַ איד, בין איך צופרידן וואָס מיין מאַן וועט אויך זיין אַ איד.
מאריא: מיין גאָט! מיין גאָט!
ווילי: (פאַרצווייפלט) וואָס וועט יעצט זיין? ווארום האָב איך ניט גע־וואוסט ווער מיין פאַפּאַ איז? ווארום האָט איר מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ גראַף?
ארטור: פרעג דיין מאַמען.
ווילי: ווארום האָט איר מיך געלאָזט לעבן אין דעם באַטרוג? איך וועל פאַרלירן קעטרין, אַלע מיינע פריינט, מיך אַליין וועלן זיי איצט שיני רופן, וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר געהאַט פון מיר דעם אמת צו באַהאַלטן? פאַפּאַ, וואָס פאַר אַ רעכט? מאַמאַ, וואָס פאַר אַ רעכט?

ארטור: דיין פּאַפּאַ איז ניט קיין פאַרברעכער.

ווילי: פּאַפּאַ. זאָל קיינער דערפון ניט וויסן, ביז איצט האָט דאָך קיינער דערפון ניט געוואוסט, זאָל קיינער דערפון ווייטער ניט וויסן, פּאַפּאַ.

ארטור: ווילי, דיין פּאַפּאַ איז ניט קיין גנב און ניט קיין פאַרברעכער. דיין טאַטע איז אַ איד, אַ זון פון דעם אַלטן פאָלק ישראל, וואָס האָט די קריסטן אַ גאָט געגעבן, אַ בייבל, דאָס האָסטו שוין באַדאַרפט וויסן, און מיין שולד איז דאָס, וואָס דו האָסט עס ביז איצט ניט געוואוסט, און אויב עס איז מעגלעך, זיי שטאָלץ אויף דיין אידישער אָפּשטאַמונג.

ווילי: פּאַפּאַ, איך בעט דיך, מאַך מיך ניט אומגליקלעך, מאַמאַ, דו בעט אים, דו.

מאַריא: ס'וועט ניט העלפן. שיילאָק וויל האָבן זיין פונט פלייש.

אַרטור: שיילאק, האַ? שיילאק! כאַ־כאַ־כאַ!

ווילי: פּאַפּאַ, וועסטו דאָס טאָן?

ארטור: יאָ, איך וועל דאָס טאָן, פאַר דער גאַנצער וועלט וועל איך זיך ערקלערן אַז איך בין אַ איד.

ווילי: (פאַרצווייפלט) דאַן איז די מאַמע גערעכט, דו ביסט אַ שיילאק! דו ווילסט מיין פלייש, מיין לעבן אין גאַנצן! שיילאק! איך האָס דיך! איך האָס דיך! דו שיני!

גרייס: ווילי!

אַרטור: (צעטומלט, גיט אים אַ פּאַטש) אַרויס פון מיין הויז! אַרויס! אַרויס דו אַנטיסעמיט, די שאַנד מיינע, די וואונד מיינע, אַרויס! (ווילי, מאַריא אָפּ, ער פאַלט געבראָכן ביים טיש. גרייס לויפט צו צו אים) און דאָס איז מיין זון, בלוט פון מיין בלוט, פלייש פון מיין פלייש. — אָבער זיך באַפרייט, ענדלעך. (הויבט זיך אויף, מאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט זיך פון קייטן אַרויסגעריסן) (דר. שווארץ קומט אַריין)

דר.: וואָס איז געשען?

אַרטור: דאָס וואָס עס האָט שוין לאַנג באַדאַרפט זיין, פון דעם באַטרוג זיך אַרויסגעריסן, דעם צלם פון שטערן אַרונטערגעווישט, די פאַלשע מאַסקע פונעם פנים אַראָפּגעריסן, מיין נשמה באַפרייט. (כאַפּט אים אָן פאַר די הענט) זעליק מיט מיין גאַנצן האַרצן און מיין גאַנצער נשמה קער איך מיך אום צוריק צו מיין פאָלק.

גרייס: (פאַלט צו צו אַרטור) איך גיי מיט דיר.

דר.: (מיט אַ שטראַלנדן פּנים) געבענשט זאָל זיין אייער צוריקקומען!

פ אָ ר ה אַ נ ג

פערטער אַקט

(4 מאָנאַטן שפּעטער. זעלבע סצענע. אַ נאָכמיטאָג אין יולי. עס קומען פון רעכטס טאָמאַס, דר. שוואַרץ)

טאָמאַס: ווי לאַנג דענקט איר צו פאַרברייגגען אין פּאַלעסטינע?

דר.: ווי לאַנג איך וועל פאַרברענגען ווייס איך ניט, אָבער אַרטור בלייבט דאָרט.

טאָמאַס: מערקווירדיק, ווען וואָלט מיט דריי מאָנאַטן צוריק איינגע־פאַלן, אַז אַרטור בלעק, וועט אַמאָל נאָך פאָרן אויסלעבן זיינע יאָרן אין פּאַ־לעסטינע.

דר.: ענטשולדיקט, איך מוז גיין זען, וואָס זיי טוען דאָרט, באַלד דאַרפן מיר צום שיף פאָרן. (אָפּ)

(פון לינקס קומט אָן ווילי)

ווילי: איז מאַמאַ דאָ?

טאָמאַס: נאָך ניט צוריקגעקומען פון טשוירטש.

ווילי: אַנקל, דאָס איז דאָך אמת!

טאָמאַס: וואָס?

ווילי: אַז קעטרין איז ענגיידזשט געוואָרן צום שפּאַנישן פּרינץ?

טאָמאַס: וועלל, וועלל, פאַרגעס. עס זיינען פאַראַן גענוג אַנדערע מייד־לעך אין אַמעריקע. ווילי, דו מיט דיין מאַמען פאָרט מיט מיר נאָך שיקאַגאָ, און דאָרט וועל איך דיך באַקענען מיט זייער אַ ליב מיידל...

ווילי: אַך אַנקל, וואָרום בין איך אַזאַ פּייגלינג? איך וואָלט מיר באַ־דאַרפט אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ אַריין.

טאָמאַס: זיי ניט קיין נאַר, ווילי...

(מאַריא אין שוואַרצן מיט אַן ערנסטן פּנים)

ווילי: (פלוצים איר אַנטקעגן) מאַמאַ, ס'איז אמת מיט קעטרין...

מאַריא: איך ווייס מיין זון.

ווילי: (פאַלט צו צו איר האַנט) מאַמאַ, דאָס טוט אַזוי וויי!...

מאַריא: מיין שולד, מיין זון... דו ליידסט פאַר מיינע זינד, פאַר מיינע זינד...

ווילי: ניין, נאָר אים האָב איך עס צו פאַרדאַנקען, נאָר אים. דעם... —

מאַריא: שש־שאַ! מיין זון איך בעט דיך, רייס אַרויס דעם שלעכטן געפיל פון דיין האַרצן. מ'דאַרף ניט. מ'טאָר ניט, עס איז אַ זינד. מיין שולד איז עס, נאָר מיין שולד. איצט איז עס מיר אַזוי קלאָר. איך האָב אַ מענשן פון זיין גאָט אָוועקגעריסן, און געהייסן אים מיין גאָט באַטריגן. וואָרום, געוואוסט האָב איך דאָך די גאַנצע צייט, אַז אין מיין גאָט גלויבט ער ניט.

ווילי: מאַמאַ, איך האָס אים.

טאָמאס: דו האָסט קיין רעכט ניט צו האַסן דעם מאַן, וואָס האָט דיין מאַמע און דיר אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן אַוועקגעגעבן, דאָס באַווייזט, אַז נאָך איצט זענט איר אים טייער.

ווילי: איך קען פון אים ניט טראַכטן אָן האַס, איך קען ניט...

מאַריא: (שטיל) טאָמאַס, ליבערשט וואָלט איך געבליבן אָן אַ סענט איידער אָן מיין גרייס, זי איז פאַרלאָרן פאַר מיר און מיין גלויבן. דאָס איז מיין גרעסטע שטראָף.

(אַרטור, גרייס, ריינשטיין, דר. שוואַרץ אַלע אַנגעטאָן צו דער רייזע)

טאָמאַס: איר פאָרט שוין? (מאַריא טרעט אָפּ אין הינטערגרונט, ווילי שטייט צו זיי מיט דער פּלייצע)

אַרטור: יאָ, דאָ האָב איך אַ בריוו פאַר מאַריא׳ן (גיט אים) און איך בעט דיך טאָמאַס, זע, אַז זי זאָל זיך באַרואיקן... און ווילי... אויב דו וועסט קאָנען ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל ווערן אויס אידנפיינט, וועל איך דיר זייער דאַנק־באַר זיין.

טאָמאַס: אַרטור, דו ביסט זיי דאָך ניט קיין פיינד?

אַרטור: אָ, ניין, דו ווייסט עס.

טאָמאַס: געזעגן זיך מיט זיי...

אַרטור: איך האָב ניט דאַקעגן, זיי אָבער וועלן זיין דאַקעגן...

טאָמאַס: (גייט צו צו זיין שוועסטער) מאַריא, אַרטור וויל זיך מיט דיר געזעגענען (זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ) דו ביזט דאָך ניט דאַקעגן... העכער אַ פערטל יאָרהונדערט מיט אים אָפּגעלעבט...

מאַריא: (מורמלט) איך האָב ניט צו אים קיין שלעכט געפיל. מיין שולד. (לאָזט אַרונטער נאָך נידעריקער דעם קאָפּ)

טאָמאַס: אַרטור!

אַרטור: (זייער אויפגערעגט, גייט צו צו זיין פרוי) מאַריאַ! (זי הויבט אויף דעם קאָפּ, גלייכט זיך אויס קוקט אים אָן) גוד ביי, מאַריאַ. אויב דו וועסט זיך אַמאָל נויטיקן אין אַ פריינט, זיי וויסן, אַז דעם בעסטן און נאָענטסטן פריינט דיינעם וועסטו געפינען אין מיר.

מאַריא: טהענקיו, מר. בלעק, האָט אַ גליקלעכע רייזע, און גאָט זאָל אונז ביידן מוחל זיין.

גרייס: (טוט זיך פלוצים אַ וואָרף צו איר) מאַמאַ!

מאַריאַ: (כאַפּט זי אַרום) גרייס! (דריקט זי צו זיך. פויזע) איך בין דיין מוטער, גרייס, איך האָב דיך געבאָרן, איך האָב דיך ליב, דו הערסט, איך האָב דיך ליב, וועסט מיך פאַרגעסן? אין גאַנצן פאַרגעסן מיין קינד?

גרייס: ניין, מאַמאַ, ניין, איך וועל קיינמאָל דיך ניט פאַרגעסן, איך וועל צו דיר שרייבן יעדן טאָג, יעדן טאָג. גוד ביי, מאַמאַ, ווינש מיר גליק מאַמאַ...

מאַריא: איך וועל גאָט בעטן פאַר דיין גליק, מיין קינד, דו זאָלסט זיין גליקלעכער ווי דיין מאַמע... (צעוויינט זיך)

אַרטור: (מיטאַמאָל) ווילי, גוד ביי!...

ווילי: (היסטעריש) איך קען ניט. איך קען ניט... (לויפט אָפּ מיט אַ יאָמער)

ארטור: (זיפצט) גוד ביי, טאָמאָס.

טאָמאס: גוד ביי, אַרטור, מיר בלייבן דאָך פריינט?

ארטור: זיכער.

טאָמאס: וועלל, איך ווינש דיר גליק אויף דיין נייעם פעלד, און אויב איר וועט קריגן פּאַלעסטינע, וועל איך דאָרט עפענען אַ באַנק. איך האָב ליב צו האַנדלען מיט אידן, גוד ביי. (צעקושט זיך מיט אים)

דר.: גוד ביי, מר. בייקאָן, ס'האָט מיך זייער געפרייט אייך צו טרעפן, ווען מען טרעפט אַזאַ קריסט ווי איר, מר. בייקאָן, דאַן ווילט זיך גלויבן אין דער ברודערשאַפט פון פעלקער. גוד ביי. (קושן זיך)

אַרטור: גוד ביי, מיי.

גריים: גוד ביי, מאַמאַ.

מאריאַ: גוד ביי... (אַלע פיר גייען אָפּ. זי זינקט אין אַ שטול) טאָמאַס, ס'האָט זיך אַלעס געענדיקט. אַלעס געענדיקט. אַלעס...

פאָרהאנג

דאָס אייביקע פייער

דראַמע אין 3 אַקטן

(סוזשעט טיילווייז ענטנומען)

פערזאָנען:

●

שמעון בן גמליאל, נשיא פון די סנהדרין

אימּמא, זיין עלטסטע טאָכטער

מרים, זיין אינגסטע טאָכטער

אליעזר בן חנניה, אויפזעער איבערן בית המקדש

בן שכני, אַ קרוב פון שמעון בן גמליאל

יוחנן, אימּמאַ׳ס חתן

עובדיה, אויפזעער איבער קעניג אַגריפּאַ׳ס הויף

מנחם, אַ סיקאריער

אבנר, בן שכני׳ס דינער

נעמית, אליעזר׳ס דינער

ווערעניקאַ, קעניג אַגריפּאַ׳ס שוועסטער

יוכבד, אַ נביאה

תלמידים פון בית הלל, פרושים און צדוקים, זקנים און פאָרשטייער פון ירושלים, בחורים און מיידלעך פון ירושלים, טענצערנס פון ווערעניקאַ׳ס הויף.

די האַנדלונג קומט פאָר אין ירושלים, אַ קורצע צייט פאַר דעם חורבן בית שני.

ערשטער אַקט

ביי שמעון בן גמליאל אין הויז. די ווענט זיינען פון געשליפענע שטיינער און געברענטע רויטע ציגל. אויף די ווענט זיינען אויסגעקריצט אַלערליי פסוקים. רעכטס און לינקס טירן, פאַרהאַנגען מיט רויטע טעפּיכער. אין צענטער אַ טיר איבער וועלכער עס הענגט אַ וויס־בלויע פאַן. נידעריקע בענק מיט קישנס. אימּמא און אירע חבר׳טעס זיצן אויף ווייכע טעפּיכער און נייען איין בלומען אין חופּה־קלייד, וועלכע אימּמא וועט דאַרפן טראָגן צו איר חופּה.

איין חבר׳טע: נאָך איין בלום אין אימּמאַ׳ס חופּה־קלייד און עס איז פאַרטיק.

אימּמא: די לעצטע בלום אין מיין חופּה־קלייד וועט איינשטיקן מיין שוועסטער מרים, איר טעכטער פון ירושלים. וואו איז זי, מיין שוועסטער מרים? (מען דערהערט אַ געזאַנג) **איר געזאַנג פונם גאָרטן. גייט צווישן בלומען און זינגט פון ליבע.** (פּויזע. זיי הערן זיך צו צו מרים׳ס געזאַנג און זינגען איר נאָך גאַנץ שטיל)

(מרים מיט אַ קראַנץ אין די הענט קומט אַריין דורך דער צענטער טיר)

מרים: (הויבט אויף דעם קראַנץ אין דער הויך) **ווי שיין איז דער דאָזיקער קראַנץ, געפלאָכטן פון די שענסטע בלומען פון ירושלים! זעט, מיינע חבר׳טעס!**

אימּמא: (הויבט זיך אויף) **די שענסטע בלום פון ירושלים ביזטו, מרים, מיין שוועסטער. פאַר וועמען איז דער קראַנץ?**

מרים: פאַר דעם, וואָס האָט אים פאַרדינט...

אימּמא: ווער איז ער?

מרים: ער איז אַ צערייצטער אָדלער מיט אייזערנע נעגל קעגן די פיינט פון ציון און אַ צאַרטע טוירטל־טויב צו די קינדער פון ירושלים...

די חבר׳טעס: (פּאַטשן מיט די הענט) **אליעזר בן חנניה!...**

מרים: דאָס איז ער, טעכטער פון ירושלים! פאַר אים האָב איך אָט דעם קראַנץ געפלאָכטן, פאַר דעם העלד אליעזר בן חנניה, וואָס אפילו זויג־עופה׳לעך אין די וויגן באַזינגען איצט זיין גרויסקייט...

אימּמא: (כאַפּט זי אַרום) **מרים, מיין שוועסטער, געבענטשט זאָל זיין דיין האַרץ, וואָס האָט זיך ענדלעך צו אונדזער גרויסן העלד געווענדט! דו ביזט שוין לאַנג די לוסט פון זיין האַרצן, מרים! שוין לאַנג דער חלום פון זיינע נעכט, מיין שוועסטער! דיין האַרץ אָבער איז געווען פאַרשלאָסן פאַר אים.**

מרים: דער אויסדערוויילטער פון מיין האַרצן איז ער נאָך איצט אויך נישט, אימּמא, דערוויל נאָך נישט. דער חלום פון מיינע נעכט איז אליעזר נאָך איצט אויך נישט, דערווילע נאָך נישט. דער אויסגעוויילטער פון מיין

האַרצן מוז זיין אַ שטיל, לאַשטשענדיק ווינטעלע, וואָס צערטלט די נשמה מיט בשמים־ריחות פון בלומען און דופטנדע־קרייטיכער, און אליעזר איז אַ שטורעם־ווינט, וואָס ברויזט מיט דונער און בליץ.

אימּמא: מרים, דו, די טאָכטער פון שמעון בן גמליאל הנשיא, האָסט אים ליבן געדאַרפט, ווייל ער איז דער אויסגעוויילטסטער זון פון ציון. הויך און גלייך און שטאַרק איז ער, ווי אַ צעדער־בוים אויפן באַרג לבנון, און געלערנט איז ער, ווי אונדזער זיידע הלל הזקן, געבענטשט זאָל זיין נאָמען זיין. ער איז אַ מוטיקער קעמפער קעגן די רוימער, אַ דרייסטער העלד אויפן שלאַכטפעלד. דאָס פאָלק ליבט אים פאַר זיין טרייהייט צו ירושלים און פאַר זיין האָס צו די רוימער. ער איז אויך רייך און שטאַמט פון דער חשוב'סטער משפחה אין ירושלים. איצט איז ער שוין הויפטמאַן און אויפזעער איבער די כהנים אין בית המקדש. ער וועט נאָך אַמאָל כהן גדול זיין.

מרים: ניין, אימּמא, מיין שוועסטער, אַ טאָכטער פון בית הלל דאַרף זיך נישט לאָזן פאַרבלענדן פון רייכטום און פון מוטיקער העלדישקייט אויפן שלאַכטפעלד. רייכטום פאַרגייט, ווי רויך, און מוטיקע העלדישקייט אויפן שלאַכטפעלד איז די העלדישקייט צו פאַרגיסן בלוט.

אימּמא: מרים, מיין שוועסטער, דו ביזט נאָך אַ קינד. אין אליעזר'ס העלדישקייט ליגט די הילף פון אונדזער פאָלק. ער איז דער צווייטער יהודה המכבי, און, ווי יענער, וועט ער אונדז באַפרייען פון אונדזערע שונאים, די רוימער. איך בין אויך אַ טאָכטער פון בית הלל און איך בין שטאָלץ אויף מיין חתן יוחנן, וואָס ער איז אויך אַ מוטיקער העלד אויפן שלאַכטפעלד...

מרים: און מיין העלד דאַרף קאָנען נאָר ליבן... קיין בלוט פאַרגיסן, ניין, קיין בלוט פאַרגיסן — דאָס איז קעגן דעם גייסט פון בית הלל...

אימּמא: היינט פאַרוואָס האָסטו פאַר אליעזר'ן דעם קראַנץ געפלאָכטן?

מרים: ווייל נעכטן איז ער מיין העלד געוועזן...

אַלע: (שפּרינגען אויף) דיין העלד?

מרים: אויפן מאַרק איז דאָס געוועזן. די נביאה יוכבד האָט דאָרט אַ שיר פון צאָרן געזונגען קעגן די רוימער. איך האָב ליב איר געזאַנג. גאָט דער האַר האָט איר האַלדז מיט טענער פון דוד'ס פידל באַשאָנקען. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט צו הערן. אַרום איר האָט דאָס פאָלק געשטורעמט, מיט האָס צו די רוימער פון איר געזאַנג צעפלאַקערט. די סיקאַריער האָבן זייערע מעסערס אין די פאַלדן פון זייערע קליידער געדריקט און אין זייערע אויגן האָבן שאַרפע חלפים געבלישטשעט. די צדוקים זיינען פון מאַרק צעשראָקן געלאָפן און די רוימישע סאָלדאַטן זיינען, ווי פלעדערמייז, אין זייערע נעסטן פאַרשוואונדן. דאַ האָט זיך באַוויזן אליעזר בן חנניה און מיט יובל־געשרייען האָט דאָס פאָלק אים אויפגענומען: „יחי אליעזר בן חנניה!" און ער האָט גע־נומען ריידן, און אָנגעצונדן האָט זיך דער הימל, די וואָלקנס און אַלע און אַלצדינג אַרום פון זיינע פייערדיקע רייד. און פּלוצלונג האָבן מיינע אויגן דערזען אַ סיקאַריער מיט אַ מורא'דיקן אויסזען פּאַכעט מיט אַ שאַרפן חלף צו אַ פרוי מיט אַ קינד אויף די הענט און ברומט, ווי אַ צערייצטער לייב:

„ביזט אויך פאַר שלום? מיתה האָסטו פאַרדינט, מיתה!" און די אַנדערע ארום איר שרייען אויך: „מיתה צו די פריינט פון שלום, מיתה!" איך האָב שוין געמיינט, אַז פאַרלאָרן איז איר לעבן, צעפליקט וועט זי מיט איר קינד ווערן, ווי צוויי בלומען פון דעם בייזן שטורם־ווינט! און פלוצלונג האָט אליעזר זיי דערזען און, ווי אַ לייב, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיי און מיט זיין מאַנטל זיי פאַרדעקט. דער שטורעם איז דאַן פאַרשטילט געוואָרן. דאָס צערייצטע פאָלק איז, אַזוי ווי אַ לעמעלע, שטיל געבליבן...

אלע: לויב און רום צו אליעזר בן חנניה...

מרים: ער האָט אויסגעשריען: „פאָלק פון ישראל, זייט דו אַ צערייצטער אַדלער מיט אייזערנע נעגל קעגן די רוימער, אָבער אַ צאַרטע טויבעל־טויב זיי צו די קינדער פון ירושלים". בין איך צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט: „דאָס ביזטו אליעזר בן חנניה, און אַ קראַנץ וועל איך פאַר דיר פלעכטן"... און דעם דאָזיקן קראַנץ האָב איך פאַר אים געפלאָכטן!

אימא: און די טיר פון דיין האַרצן וועסטו אויך עפענען פאַר אים... מרים, מיין שוועסטער, אַרבעט וואָרט אויף דיר: די לעצטע בלום אין מיין חופה־קלייד האָב איך געלאָזן פאַר דיר איינצושטיקן... קום, מיין שוועסטער...

מרים: (אָוועקגעלייגט דעם קראַנץ, שטעלט זיך אויף די קני נעבן דאָס חופה־קלייד, די אַנדערע אַרום איר) אַזוי ווי אָט די בלום איז שיין, זאָל שיין זיין דאָס לעבן פון אימא און יוחנן...

אלע: אָמן!

מרים: פאַרטיק. (הויבט זיך אויף) טעכטער פון ירושלים, ווען איך דערמאָן זיך, אַז אין דרייסיק טעג אַרום וועט אימאַ אָט דאָס חופה־קלייד טראָגן... זאָג נאָר, שוועסטער, טאַנצט ביי דיר נישט דאָס האַרץ?

אימא: איז דען מיין יוחנן נישט אַזוי שיין ווי דער העלד פון שיר השירים?

מרים: איז דען ער נישט דער חלום פון דיינע נעכט? (זינגט)

„שפּסן רוען אויף די לאָנקעס ,
פויגלעך זינגען אין דער הויך,
בלומען בליען אין דעם גאָרטן,
און ביי מיר אין האַרצן אויך.

אלע:

בלומען בליען אינם גאָרטן
און ביי מיר אין האַרצן אויך.

מרים:

און צוגעשלאָסן אין מיין האַרצן
וועט עס דופטן דאָרט און בליען,
ביז אַנקלאַפּן וועט אין מיין האַרצן
דעם בחור'ס אויגן, וואָס גליען.

אלע:

ביז אַנקלאַפּן וועט אין מיין האַרצן
דעם בחור'ס אויגן, וואָס גליען.

מרים:

בחור, בחור, מיט אויגן וואָס גלאַנצן,
קלאַפּ אָן אין פאַרשלאָסענעם האַרצן צו מיר!
בחור, אָ, בחור, מיטן קאָפּ דעם שוואַרצן,
קלאַפּ אָן, דיר וועל איך עפענען די טיר!

אַלע:

בחור, אָ, בחור, מיטן קאָפּ דעם שוואַרצן,
קלאַפּ אָן, דיר וועל איך עפענען די טיר!

(אַלע צעלאַכן זיך. יוחנן קומט אַריין פון אונטער דעם פאָרהאַנג, רעכטס)

אימא: אָ, יוחנן!

יוחנן: זיי זו געגריסט, אימא, מיין כלה! זיי דו געגריסט, מרים! איר טעכטער פון ירושלים, זייט געגריסט!

אַלע: זיי געגריסט, יוחנן!

יוחנן: איז מיין פריינט אליעזר בן חנניה דאָ?

אימא: דאַרף ער דאָ זיין?

יוחנן: דער נשיא האָט אים אַהער אויף אַן אסיפה גערופן מיט די פאַר־שטייער פון ירושלים.

מרים: אונדזער פאָטער, אונדזער האַר איז נאָך אין בית סנהדרין. ווען דאַרף די אסיפה זיין?

יוחנן: היינט פאַר זונען־אונטערגאַנג. איך וועל גיין אין בית סנהדרין זען דעם נשיא.

אימא: וואַרט, יוחנן. (גייט צו צו אים, קוקט אים אַריין אין די אויגן, און זינגט)

בחור, בחור, מיט אויגן, וואָס גלאַנצן,
קלאַפּ אָן אין פאַרשלאָסענעם האַרצן ביי מיר!
בחור, אָ, בחור, מיטן קאָפּ דעם שוואַרצן,
קלאַפּ אָן, דיר וועל איך עפענען די טיר!

(די איבעריקע מיידלעך דרייען זיך אַרום זיי, פּאַטשן מיט די הענט און לאַכן)

יוחנן: (לאַכט, דאַן זינגט ער)

מיידל, מיידל, מיט אויגן וואָס גלאַנצן,
איך קלאַפּ אין דעם פאַרשלאָסענעם האַרצן צו דיר!
מיידל, אָ, מיידל, מיטן קאָפּ דעם שוואַרצן,
איך קלאַפּ, איך קלאַפּ, עפן מיר די טיר!

(צעלאַכט זיך און אָפּ)

מרים: וואו איז ער אַנטלאָפן?

אימא: וועגן דער אסיפה. (נעמט צונויף איר חופה־קלייד פון דר׳ערד. די מיידלעך אויסער מרים, זעצן זיך אויס אויף די טעפּיכער און די נידעריקע בענקלעך אין פאַרשידענע פּאָזן)

מרים: (פאַרטראַכט) און אליעזר בן חנניה וועט אויך זיין? (שטעלט זיך ביים פאַרהאַנג אין צענטער־טיר)

אימּמא: אַזוי זאָגט מיין חתן יוחנן. (אָפּ, מיטן קלייד הינטער דעם פאַרהאַנג, רעכטס)

מרים: דאַן וועל איך אים היינט דעם קראַנץ געבן. (עס דערהערן זיך דריי קלעפּ הינטער דעם פאַרהאַנג אין צענטער־טיר. זי טוט זיך אַ טרייסל) ווער איז דאָרט? (עובדיה, אַ טונקעלע, שטאָלצע געשטאַלט, מיט גלאַסטענע מאַנירן און שמייכל)

עובדיה: עובדיה איז דאָס, שיינע טעכטער פון ירושלים, עובדיה דער אויפזעער פון בת מלכה ווערעניקאַ׳ס הויף און דער באַוואונדערער פון ציונ׳ס טעכטער. ער בויגט זיין קאָפּ פאַר אייך, טעכטער פון ירושלים, און זיינע אויגן טובל׳ט ער אין די שטראַלן פון אייער שיינקייט. זייט מיר געגריסט.

מרים: זיי געגריסט, עובדיה. (פאַרנויגט זיך) וואָס איז דיין באַגער?

עובדיה: איך קום צו דער אסיפה אין דעם נשיא׳ס הויז. מיינע אויגן זעען אָבער נישט די גרויסע גייסטער פון ירושלים. וואו זיינען זיי?

מרים: מיין פאָטער, מיין האַר, דער נשיא, איז נאָך אין בית סנהדרין. און די אַנדערע... איך ווייס נישט...

עובדיה: האָבן די חשוב׳ע קעפּ פון ירושלים זיך דערשראָקן פאַר אליעזר בן חנניה? פאַרוואָס זיינען זיי נאָך נישטאָ?

מרים: פאַרוואָס זאָלן זיי זיך פאַר אים שרעקן?

עובדיה: ווייל אליעזר בן חנניה איז דער, וואָס האָט איצט באַהערשט אַלע געמיטער פון די פּרושים און סיקאַריער. אליעזר און זיין נביאה יוכבד. מלחמה זוכן זיי מיט דעם מעכטיקן אָדלער פון רוים.

מרים: מלחמה? שרעקלעך! דאָס הייסט דאָך בלוט פאַרגיסן, טויטן. ווי קאָנען דאָס מענטשן?

(אימּמא אַריין)

אימּמא: זיי דו געגריסט, עובדיה.

עובדיה: זיי דו געגריסט, נשיא׳ס טאָכטער, איך שווער ביי גאָט, ווען מען זעט דעם נשיא׳ס טעכטער, ווילט זיך אַ תפילה זאָגן צו עראָס׳ן...

אימּמא: צו עראָס׳ן?

עובדיה: צו עראָס, דעם גריכישן גאָט פון ליבע.

אימּמא: אינעם הויז פון דעם נשיא, עובדיה, זאָגט מען תפילות צו אַן אַנדער גאָט, צום אידישן גאָט!

עובדיה: אונדזער אידישער גאָט איז צו ערנסט פאַר אַזאַ פריילעכער באַשעפּטיקונג ווי ליבע.

אימּמא: אונדזער אידישער גאָט איז לויטער ליבע. דאָס האָט אונדז געלערנט אונדזער זיידע, דער גרויסער הלל, געבענטשט זאָל זיין נאָמען זיין.

עובדיה: עובדיה בייגט זיין קאָפּ פאַר דעם גרויסן גייסט פון הלל הזקן, געבענטשט זאָל זיין נאָמען זיין. אָבער, נשיא׳ס טאָכטער, די ליבע פון דעם גרויסן הלל איז נישט די ליבע פון דעם פריילעכן גריכישן גאָט

עראָס... ווייטער ווי מזרח פון מערב זיינען זיי איינע פון דער אַנדערער. די ליבע פון הלל איז אַ קראַנץ, געפלאָכטן פון פרומקייט און גוטסקייט און עניוות פאַר גאָט׳ס וועגן, און די ליבע פון עראָס איז אַ קראַנץ, געפלאָכטן פון דעם העכסטן ערדישן פאַרגעניגן פאַר דעם מענטשנ׳ס וועגן...

אימאַ: און וועלכער קראַנץ געפינט מער לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, עובדיה?

עובדיה: עובדיה זאָגט: וואָס עס געהערט צו גאָט, זאָל גאָט האָבן, און וואָס עס געהערט צום מענטשן, זאָל דער מענטש האָבן. דאָס גליק פון דעם מענטשן זאָל נישט געשטערט ווערן פון אַ שטראָף פון אַ בייזן גאָט אין אַן אויסגעטראַכטעטער יענער וועלט!

אימאַ: זיי מיר מוחל, עובדיה, מיט דיינע לעפצן רעדט דער גייסט פון די געצנדינער. דו לעסטערסט די הייליקע פאָן! (ווייזט אויף דער פאָן)

עובדיה: נישט אמת, נשיא׳ס טאָכטער! עובדיה איז נישט קיין געצנ־דינער און די הייליקע פאָן פון די חשמונאים איז זיין פאָן. (גייט צו צו דער פאָן און באַרירט זי מיט די ליפּן) דער אידישער גאָט איז עובדיה׳ס גאָט און זיין תורה איז עובדיה׳ס תורה. עובדיה איז נאָר אַ צדוקי, און די צדוקים זאָגן, אַז אין דער תורה פון משה׳ן איז אפילו קיין רמז נישטאָ נישט וועגן אַ לעבן אין אַ יענער וועלט און נישט וועגן שכר און שטראָף נאָך דעם מענטשנ׳ס טויט. די פרומע פרושים האָבן עס אויסגעטראַכט, כדי צו פאַרפינצטערן דעם גייסט פון ישראל און צו פאַרוואָלקענען דעם קלאָרן זין פון גאָט׳ס תורה.

אימאַ: איר, צדוקים, זייט מער געצנדינער ווי אידן, מיט אייערע רייד און מעשים ברענגט איר פאַרדאַרבן אויף דעם גייסט פון ישראל!... איר פאַרשטייט ניט די פרושים...

עובדיה: נשיא׳ס טאָכטער, עובדיה פאַרשטייט די פרושים. אַז מען שטאַרבט, ליגט מען נישט אין דר׳ערד טויט, גלייך מיט אַלע אַנדערע נבלות, נאָר מען לעבט טויטערהייט. די נאָז פאַלט אַרונטער, אָבער מען שמעקט און מען אָטעמט. פון די לעכער די אויגן אַרויסגעפאַלן אָבער מען קוקט און מען זעט. הענט און פיס צעפאַלן, פון דעם גוף אַ הייפל ביינער, אַ הייפל שטויב געוואָרן אָבער מען לעבט, מען גייט און מען לויפט, און מען שרייט, און מען עסט! אַזוינע רשעים ווי איך, דער צדוקי עובדיה, ווײ געשריען, בראָט זיך דאָרט אויף אַ גיהנום־פייער, ווי אַ פעטער אָקס, און ווערט דאָרט געבאָדן אין אַ טייך קאָכעדיקן פעך!! און אַזאַ צדיק, ווי אליעזר בן חנניה, זיצט זיך דאָרט אין גן עדן אונטער די פליגל פון דער שכינה, און פון אַלע ארבע פנות פון גן עדן פליען צו אים מלאכים מיט די בעסטע מאכלים און ער עסט, און ער שלינגט, און האָט הנאה... דו זעסט, נשיא׳ס טאָכטער, ווי גרינטלעך עובדיה ווייסט די קלוגע תורה פון די פרושים?

אימאַ: צו האָבן אַ וויכוח מיט דיר, עובדיה, איז אַ זינד.

מרים: קלוגער עובדיה, רייד נישט מער פון טויט. זאָג מיר: האָבן דיינע אויגן אים געזען?

עובדיה: וועמען?

מרים: עראָס׳ן, דעם גריכישן גאָט פון ליבע?

עובדיה: לעצטן יאָר, ווען איך מיט דער בת מלכה ווערעניקא זיינען אין גריכנלאַנד געווען, האָבן מיר זיין טעמפּל באַזוכט, און ווערעניקא האָט פאַר אים אַ קראַנץ אַוועקגעלייגט.

אימּמאַ: די זינדערין ווערעניקא!

מרים: און ווי זעט ער אויס?

עובדיה: אַ געטלעכע געשטאַלט אין מאַרמאָר, וואָס אין איר האָט אַ מייסטערהאַנט פאַרקערפּערט דעם גייסט פון גריכישן פאָלק.

אימּמאַ: ער האָט אויגן, און זעט נישט. אַ מויל, און רעדט נישט. אויערן, און הערט נישט. אַ נאָז, און שמעקט נישט. און דאָס איז אַ גאָט און איז דער גייסט פון דעם גריכישן פאָלק, און צו דעם זאָגט מען תפילות, און שירים זינגט מען צו דעם, און קראַנצן ברענגט מען צו דעם, און דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך נאָך פון דעם אָפּלערנען! ווי געשריען, איר געצנדינער! (גייט אָפּ)

מרים: אַז מיר געפעלן דוקא די גריכישע שירים, וואָס מען זינגט צו אים. ווען אַ וואָלקן צעשפּרייט זיך איבער מיין געמיט, זינג איך אַזאַ שיר און דער וואָלקן פאַרשווינדט באַלד...

עובדיה: געבענטשט זאָל זיין דיין געזונטער גייסט, מרים, דו רייצנדע טאָכטער פון בית הלל, און געבענטשט זאָל זיין דער גאַנצער יונגער דור אונדזערער, וואָס האָט געעפנט ברייט זיין האַרץ פאַר די ליכטיקייט און פרייד פון גריכנלאַנד און רוים, פאַר זייער וויסנשאַפט, פאַר זייער שפּיל, פאַר זייער שיינקייט און געזאַנג... ווען עובדיה זעט, ווי די יונגע זין און טעכטער פון ירושלים טאַנצן די גריכישע טענץ, די קעפּ מיט קראַנצן באַצירט, ווען ער הערט, ווי זיי זינגען די גריכישע לידער און ריידן די גריכישע שפּראַך, — דאַן איז ער שטאָלץ, און ער זאָגט: „עובדיה, פרייען זאָל זיך דיין האַרץ. די קערנער, וואָס דו און די אַנדערע צדוקים האָבן פאַרזייט צווישן דיין פאָלק זיינען אויף אַ פרוכטבאַרן באָדן געפאַלן... דערפאַר וועט עובדיה פאַר־לייענען פאַר דיר אַ נייעם גריכישן שיר...

מרים: (מיט פרייד) חבר׳טעס, אַ נייער גריכישער שיר! (מיידלעך שפּרינגען אויף פון זייערע ערטער)

עובדיה: (נעמט אַרויס אַ פּאַרמעט פון אונטערן בוזים און לייענט)

„לאָזט אין זייערע קברים די טויטע;
צירט דעם קאָפּ מיט בלומען, בלוט־רויטע;
וואַרעמט זיך אין דעם העלן זון שיין;
מיט דורשטיקע ליפּן טרינקט שטאַרקן וויין!

לאָזט אין זייערע קברים די טויטע,
צירט דעם קאָפּ מיט בלומען, בלוט־רויטע;
אין די אָרעמס דעם לעבן וואַרפט זיך מיט לוסט,
ווי אַ פאַרליבטע כלה איר חתן אויף דער ברוסט!

לאָזט אין זייערע קברים די טויטע,
צירט דעם קאָפּ מיט בלומען, בלוט־רויטע!״

(ברעכט זיך אונטער) אָט דאָס איז דער גייסט פון גריכנלאַנד, שיינע טעכטער פון ירושלים! (פון דרויסן אַ ליאַרעם) וואָס איז דאָרט פאַר אַ געשריי? (אימאַ קומט אַריין מיט באַגייסטערונג אין די אויגן)

אימאַ: אליעזר קומט. דאָס פאָלק באַגלייט אים מיט יובל־געשרייען.

עובדיה: און דאָס איז דער פינצטערער גייסט פון ישראל! עובדיה׳ס אויגן ווילן איצט אים נישט זען. ביז דער אסיפה וועט עובדיה זיין אין דעם נשיא׳ס גאָרטן. (אָפּ הינטער דעם פאָרהאַנג רעכטס)

אימאַ: דער פרומער גייסט פון אליעזר בן חנניה האָט דעם גייסט פון דעם געצנדינער פאַרטריבן. (מען קלאַפּט הינטער דעם פאָרהאַנג פון דער צענטער־טיר)

(אליעזר קומט אַריין. האַלט זיך שטאָלץ. ער איז ברוין, מיט אַ שוואַרץ בערדל. הינטער אים יוחנן און נעמית, אליעזר׳ס דינער, וועלכער קומט אַריין איינגעהויקערט. אליעזר קושט די פאָן, נעמית דאָס זעלבע)

אליעזר: זייט מיר געגריסט, איר נשיא׳ס טעכטער.

אַלע: זיי געגריסט, אליעזר.

אימאַ: קומט, טעכטער פון ירושלים, זאָלן מיר די אסיפה ניט שטערן! (זי און די אַנדערע מיידלעך אָפּ)

אליעזר: (שטיל צו יוחנן) יוחנן, מיין פריינט, אליעזר זעט זי און פילט ווי שוואַך און זינדיק ער איז.

יוחנן: דיין ליבע, אליעזר, איז נישט קיין זינד, עפן דאָס האַרץ פאַר איר.

נעמית: (איינגעהויקערט) מיין האַר אליעזר — מעג דער וואָרים ריידן?

אליעזר: רייד, נעמית!

נעמית: די זון פון אליעזר׳ס אויגן איז מרים, דעם נשיא׳ס טאָכטער. און ווען די זון זאָל אליעזר׳ס הויז באַלייכטן, וועט דאָרט אייביק ליכטיק זיין. אליעזר׳ס געלעגער וועט אַ גן עדן זיין און שיינע פרוכטן וועלן דאָרטן בליען. שווייגט אָבער מיין האַר און האַלט פאַרשלאָסן זיינע לעפצן פאַר זיין ליכטיקער זון...

יוחנן: דיין קנעכט נעמית איז גערעכט, אליעזר...

אליעזר: יוחנן, מיין פריינט, דעם נשיא׳ס טאָכטער ווייסט, אַז אליעזר׳ס האַרץ לעכצט נאָך איר, ווי די לעפצן פון אַ דורשטיקן נאָך דעם טרונק וואַסער פון אַ פרישן קוואַל. זי ווייסט! זי ווייסט!

יוחנן: דו האָסט דאָך אָבער צו איר נישט גערעדט וועגן דעם...

אליעזר: נישט אָפן, אָבער מיט רמזים... און דיין כלה אימאַ האָט גערעדט צו איר... און דו אַליין אויך, מיין פריינט יוחנן... דערפאַר האָט אליעזר קיין מוט נישט צו ריידן מיט איר. אליעזר האָט מורא, ווען ער רעדט צו איר און די טיר פון איר האַרצן בלייבט פאַרשלאָסן פאַר אים, דאַן וועט ער זי האָסן. און אליעזר וויל נישט האָסן. צו טייער איז אים דעם נשיא׳ס

טאָכטער. צו הייליק איז אים דער חלום פון זיינע נעכט, די האָפנונג פון זיינע טעג. (טוט זיך אַ כאַפּ) וואָס רעדט עס אליעזר?... (לאָזט זיך אַרונטער אויף אַ קישן פון באַנק און נעמט אַרום דעם קאָפּ צווישן ביידע הענט)

יוחנן: פון דער אויסדערוויילטער פון זיין האַרצן רעדט אליעזר בן חנניה!

אליעזר: (קרעכצט) אליעזר׳ס זינדיק פלייש רעדט עס. אליעזר׳ס אָנגעצוּדענער חומר רעדט עס. די טיפּה סרוחה, וואָס עס שטעקט אין דעם פלייש! זי איז אַ פרוי, נישט מער ווי אַ פרוי...

יוחנן: אליעזר...

אליעזר: די אויסגעוויילטע פון אליעזר׳ס האַרצן איז ניט זי, נאָר דאָס אידישע פאָלק, און דער חלום פון זיינע נעכט און די האָפנונג פון זיינע טעג איז די באַפרייאונג פון זיין פאָלק. די אָבער איז נישט מער ווי שפּייז פאַר זיין חומר. פאַרשאָלטענער חומר, טיפּה סרוחה, ווי דו ברענסט מיך! ווי דו פייניקסט מיך! וואָס פאַר אַ שליטה דו האָסט איבער אליעזר׳ס נשמה!

יוחנן: אָבער עס איז דאָך נישט קיין זינד אויסצואוויילן זיך אַ ווייב און דורות פאַר דעם קיום פון ישראל דאַרף מען דאָך אויך האָבן...

אליעזר: (הויבט זיך אויף) אָבער דאָס פלייש דאַרף ניט באַהערשן אין גאַנצן די נשמה! אליעזר איז נישט קיין געצנדינער, נישט קיין גריך און נישט קיין רוימער און איז נישט קיין צדוקי! און דאָך... יוחנן, מיין פריינט, ווערט אליעזר אין גאַנצן באַהערשט פון זיין פלייש, ווען ער טראַכט פון דעם נשיא׳ס טאָכטער! אַמאָל ווערט אליעזר פון דעם אַזוי פאַרצווייפלט, אַז מיט אייזערנע קאַמען נעמט ער רייסן זיין לייב, כדי דאָס פייער פון דאָרט אַרויסצורייסן! ער קען אָבער נישט. דאָס פייער פלאַקערט דאָרט נאָך שטאַרקער. יוחנן, מיין פריינט, גאָט דער האַר האָט באַשטראָפט דיין פריינט אליעזר מיט זייער אַ זינדיקן חומר אפשר דערפאַר, כדי אליעזר זאָל אים ווייזן, ווי אַזוי ער האַלט שטענדיק מלחמה מיט זיך...

יוחנן: אליעזר, מיין פריינט, גאָט דער האַר וויל, אַז דו זאָלסט פירן אין דיין הויז דעם נשיא׳ס טאָכטער, דערפאַר ברענט אַזוי דיין לוסט צו איר. רייד צו איר און פייניק זיך נישט מער.

אליעזר: און ווען אליעזר וועט אין אירע אויגן קיין לייטזעליקייט נישט געפינען? אליעזר וויל נישט זיין קיין וואָרים, וואָס מען שאַרט אים אַוועק מיט אַ פוס...

נעמית: וואָס רעדסטו, מיין האַר? וועלכע טאָכטער פון ציון וועט נישט וועלן ליגן אין שטויב ביי די פיס פון דעם גרויסן אָדלער אליעזר בן חנניה...

יוחנן: איך וועל זי אַריינשיקן. ביז דער אסיפה קענסטו דו מיט איר ריידן...

אליעזר: אליעזר פילט, אַז דער גאַנצער קוואַל פון זיינע ווערטער וועט גלייך אויסגעטריקנט ווערן, ווען ער וועט זי דערזען, אַזאַ שליטה האָט זי אויף אליעזר׳ן.

נעמית: ביי וועלכער מכשפה איז זי געווען? אפשר ביי יענער?...

אליעזר: שווייג, נעמית!

נעמית: מיין האַר, מעג ריידן דער וואָרים נעמית?

אליעזר: רייד.

נעמית: איך קען אַ מכשפה, האָט זי טייערע קרייטיכער, וואָס וועלן דיר העלפן. מיין האַר, ווען דו באַפעלסט, וועל איך דאָס דעם נשיא'ס טאָכטער געבן שמעקן און זי וועט דאַן נאָך דיר נאָכלויפן, ווי די מרשעת זליכה פּוטיפר'ס ווייב נאָך יוסף'ן...

אליעזר: אליעזר וויל נישט קיין הילף פון מכשפות. דאָס זאָלן טאָן די געצנדינער. יוחנן, מיין פריינט, שיק זי אַריין. אליעזר וועט צו איר ריידן.

נעמית: גאָט, זאָלן דיינע רייד, מיין האַר, זי פאַרשיכור'ן, ווי דער גוטער וויין פון דיין ווייַן־גאָרטן פאַר'שיכור'ט מיך, דיין קנעכט נעמית. און ליגן זאָל זי אין דיין שטויב, ווי איך, ווען איך בין שיכור. (מרים קומט אַריין)

יוחנן: זי קומט אַליין. גאָט דער האַר האָט זי אַריינגעשיקט. קום, נעמית.

נעמית: (גייענדיק מיט יוחנן נויגט זיך פאַר מרים'ן) שיינע זון, באַליכטן זאָלסטו מיין האַר'ס געצעלט און זיין געלעגער. (אָפּ מיט יוחנן)

מרים: (נעמט דעם קראַנץ פון אַ באַנק און גייט צו דערמיט צו אליעזר'ן) דער קראַנץ, וואָס איך האָב אים דיר נעכטן פאַרשפּראָכן...

אליעזר: (נעמט דעם קראַנץ, באַהערשט זיך) האָסטו דעם קראַנץ אויס־געפלאָכטן פון דיינע געפילן צו אליעזר'ן?

מרים: איך האָב דעם קראַנץ אויסגעפלאָכטן פון מיין באַוואונדערונג צו אליעזר בן חנניה...

אליעזר: באַוואונדערונג... (קערט אָפּ דעם קאָפּ פון איר) דאָס פעלט נישט אליעזרן.

מרים: פאַרוואָס האָסטו דיינע אויגן אָפּגעקערט פון מיר, אליעזר?

אליעזר: אליעזר זעט דעם נשיא'ס טאָכטער, ווען זיינע אויגן קוקן אפילו נישט אויף איר. דעם נשיא'ס טאָכטער פאַרפאָלגט אליעזר'ן. וואו ער שטייט און גייט, שוועבט זי פאַר אים. אפילו ווען ער לערנט תורה, שוועבט זי מיט אַמאָל אַרויס פון די הייליקע שורות. שטענדיק, שטענדיק איז זי פאַר אים. ער שטרעקט אויס די האַנט און וויל זי אָנכאַפּן — אַ חלום, רויך, ווינד!...

מרים: וואָס באַדייטן דיינע רייד, אליעזר?

אליעזר: זיי באַדייטן, אַז אליעזר עפנט פאַר דיר זיין האַרץ...

מרים: היינט פאַרוואָס האָלטסטו דיינע אויגן אָפּגעקערט פון מיר?

אליעזר: ווייל אליעזר האָט מורא, טאָמער וועט ער דערזען אַ שפּאָ־טישן שמייכל אויף דיינע ליפּן איבער אים, דעם נאַר...

מרים: שפּאָטן פון דעם? ווי קען מען שפּאָטן פון ליבע, אליעזר?...

אליעזר: (טוט זיך אַ קער) נשיא'ס טאָכטער, האָט דיין שוועסטער אימאַ צו דיר אַמאָל גערעדט וועגן אליעזר'ן?

מרים: נישט איין מאָל...

אליעזר: און וואָס איז געווען דיין ענטפער?

מרים: גרויס, אליעזר, איז דער כבוד פאַר מיר, וואָס די אויסגעוויילטע פון דיין האַרצן בין איך. און מיט שמחה וואָלט איך זיך געלאָזט אין דיין הויז פירן. איך האָב אָבער מורא פאַר דיר, אליעזר. איך האָב ליב שטילקייט און צערטלעכקייט און דו ביזט אַ שטורעם. איך האָב ליב שלום און דו מלחמה. איך בין אַ טויב און דו — ביזט אַן אָדלער.

אליעזר: מיין קינד, דאָס זאָל אונדז נישט שטערן. ווען די רוימער וועלן פאַריאָגט ווערן פון דעם הייליקן לאַנד, וועט אליעזר׳ס שטורעם פאַרקריכן אין אַ פינצטערן הייל, ווי אַ ווילדע חיה. אליעזר האָט אויך נישט ליב קיין מלחמה, אָבער די פרייהייט און דער קיום פון זיין פאָלק פאַרלאַנגט עס פון אים. נשיא׳ס טאָכטער, זאָג: איז דיין האַרץ פריי?

מרים: מיין האַרץ איז פריי, אליעזר...

אליעזר: האָסטו עס נאָך פאַר קיינעם נישט געעפנט?...

מרים: פאַרשלאָסן איז מיין האַרץ פאַר יעדן, אליעזר...

אליעזר: דאַן עפן פאַר אליעזרן די טיר פון דיין האַרצן, נשיא׳ס טאָכטער.

מרים: איך מוז דאָס באַדענקען, אליעזר.

אליעזר: קאָן אליעזר האָפן?

מרים: איך ווייס ניט, אליעזר.

אליעזר: (מיט בענקעניש) אליעזר וועט דאַן אַ הויז פאַר דיר בויען און פיל דינסטן און קנעכט וועלן דיך באַדינען, און דיין געלעגער וועט ער מיט די שענסטע בלומען פון שרון באַצירן, און דו, אליעזר׳ס זון, וועסט דאָרט לייכטן און וואַרימען. (אַ טומל פון דרויסן)

מרים: (טוט זיך אַ כאַפּ) איך הער דעם נשיא׳ס קול. איך וועל דיר אַן ענטפער געבן, אליעזר!

אליעזר: פאַרוואָס ניט גלייך, נשיא׳ס טאָכטער? קאָן אליעזר האָפן?

מרים: אפשר...

אליעזר: (מיט פרייד) דו האָסט שוין דיין ענטפער געגעבן. זיי געבענטשט, אליעזר׳ס כלה! (זי אַנ. ער הויבט אויף די הענט) גאָט, אליעזר דאַנקט דיר פאַר דעם גרויסן חסד, וואָס דו האָסט אים באַוויזן!... (דער טומל שטאַרקער) (שמעון בן גמליאל הנשיא קומט אַריין מיט אַ זאַנפטן שמייכל און פריינטלעכן בליק)

שמעון: געבענטשט זאָל זיין דיין קומען אונטער מיין דאַך, אליעזר.

אליעזר: געבענטשט זאָל זיין דער נשיא! (פאַרנויגט זיך)

שמעון: און זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיך געלאָזט וואַרטן, איך האָב נישט געקאָנט פאַרלאָזן פריער דעם בית סנהדרין.

אליעזר: וועגן וואָס איז די אסיפה, נשיא?

שמעון: (מיט אַ שמייכל) וועגן דיר, אליעזר בן חנניה. די בת מלכה ווערעניקא האָט מיך געבעטן די אסיפה צונויפרופן און זי האָט עובדיה׳ן געשיקט אַהער...

אליעזר: וועגן מיר די אסיפה? (שמייכלט) אליעזר פאַרשטייט... וועגן דעם, למאי איך האָב פאַרבאָטן צו ברענגען קרבנות אין בית המקדש פאַר־דעם רוימישן קיסר נירון...

שמעון: יאָ, וועגן דעם. איך האָף נאָר, אליעזר, אַז דיין פייער וועט נישט אָנצינדן די ווענט פון מיין הויז.

אליעזר: נשיא, אויב דער ווינט וועט דאָ זיין צו שטאַרק פאַר אליעזר׳ס פייער, וועט עס זיך זיכער צעפלאַקערן.

שמעון: אליעזר, געדולד איז די שענסטע מידה ביי דעם מענטשן.

אליעזר: און אליעזר זאָגט, אַז געדולד איז די מידה פון אַן עזל און אַ שקלאַף.

שמעון: (ווייך) אליעזר, אַ גוטער שקלאַף איז געדולדיק, אַ גוטער אייזל איז געדולדיק, און א גוטער מענטש איז צען מאָל געדולדיק.

(עס קומען אַריין עובדיה, יוחנן, נעמית און אַנדערע יידן, זקנים מיט ווייסע בערד)

זקנים: זאָל גאָט בענטשן אונדזער נשיא אין זיין הויז. (גייען צו צו דער פאָן און קושן זי)

שמעון: געבענטשט זאָל זיין אייער קומען, חשובע יידן פון ירושלים. גלייך עפענען מיר אונדזער אסיפה.

עובדיה: (צוגעגאַנגען צו אים און שטיל) נשיא, דער פינצטערער מנחם, דער סיקאריער, איז אויך צו דער אסיפה געקומען. באַפעל דיינע דינער, מען זאָל אים ניט אַריינלאָזן. גיפט טראָגט ער אויף זיין צונג און אַ מעסער אונטער די פאַלדן פון זיין קלייד...

שמעון: קלוגער עובדיה, די טיר פון דעם נשיא׳ס הויז איז אָפן פאַר אַלעמען, אפילו פאַר אַ געצנדינער. פאַרשעמען אַ מענטשן איז ערגער ווי עבודה זרה. (טוט זיך אַ קער צום אַריינגאַנג רעכטס) פרומער מנחם, קום אַריין, געבענטשט זאָל זיין דיין קומען!

(מנחם, אַ ווילדע געשטאַלט מיט ברענענדיקע אויגן און אַ צעפּאַטלט בערדל, רוקט זיך אַריין אין צימער, ווי אַ געשפּענסט.ביידע הענט פאַררוקט אין די אַרבל. ער קוקט אויף אַלע זייטן און נויגט זיך. דאַן גייט ער צו דער פאָן, טוט אַ קוש, קערט זיך צוריק און בלייבט שטיין אין אַ ווינקל שטום. מיט די הענט פאַרלייגט אין די ארבל און מיט די אויגן אַרונטערגעלאָזט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס צוגעהערט. ווען ער דערשיינט, טרעטן די אַנדערע אָפּ פון אים מיט אינסטינקטיוון פחד)

נעמית: (גייט צו צו אים און שטיל) סיקאַ! סיקאַ! סיקאַ!

מנחם: (טוט זיך אַ צאַפּל קוקט אים אָן און מורמלט אַרויס) פון גאָט׳ס נאָמען וועגן... סיקאַ! סיקאַ! סיקאַ... „שנייד אויס די דערנער פון מיין וויינגאָרטן״, זאָגט גאָט דער האַר!

שמעון: חשוב׳ע פאַרשטייער פון ירושלים, מיר וועלן עפענען אונדזער אסיפה. דער קלוגער עובדיה וועט ריידן. (פאַרנעמט אַ הויכן זיץ אויבן אָן. די אַנדערע צעזעצן זיך, ווער אויפן טעפּיך, און ווער אויף די קישעלעך פון ד־

בענק. אליעזר זיצט אַן אַ זייט. מנחם בלייבט שטיין אויף זיין אָרט, מיט די הענט פאַרלייגט אין די אַרבל. נעמית זיצט נישט ווייט פון אים) קלוגער עובדיה, רייד!

עובדיה: (שטייענדיק, רעדט מיט אַ געלאַסענעם טאָן) נשיא פון סנהדרין, און איר, חשוב׳ע פּאָרשטייער פון ירושלים, און איר קלוגע ווייסע קעפּ פון זקנים, איר טיפע קוואַלן פון תורה און חכמה, הערט אויס עובדיה׳ן! די גוטע ווערעניקא האָט איר קנעכט עובדיה׳ן צו אייך געשיקט...

מנחם: (מיט אַ קול ווי פון אונטער דרערד) — ימח שמה!

שמעון: רואיק, מנחם!

עובדיה: גוט און קלוג איז אונדזער בת מלכה ווערעניקא און דאָס גליק פון ישראל איז איר האַרצן טייער...

זקנים: תחי הבת מלכה ווערעניקא!

מנחם: טומאה, טומאה, טומאה... פאַרקויפט ישראל צו די געצנדינער... אַ זונה ווי איר מוטער סאַלאָמע...

נעמית: אמת, מיט מיינע אייגענע אויערן האָב איך פון דלילה די מכשפה, געהערט, אַז יעדע נאַכט, ווען די שטערן צינדן זיך אָן אויפן הימל, קומט צו איר דער אשמדאי, און ווען די שטערן פאַרלעשן זיך, פאַרלאָזט ער איר געלעגער... (אַ טומל צווישן דעם עולם).

עובדיה: נשיא, באַשיץ די בת מלכה פון בייזע צינגער.

מנחם: מיט איר אייגענעם ברודער אגריפּא זינדיקט זי... (טומל גרעסער)

שמעון: רואיק! מנחם, די ווענט פון דעם נשיא׳ס הויז ביזטו מטמא מיט דיין לשון... איך בעט דיך... אויס יראת הכבוד צו דער ריינער, הייליקער פאָן, אויס דרך ארץ פאַר זקנים און תלמידי חכמים... עובדיה רייד ווייטער!

עובדיה: (מיט אַ שמייכל) נשיא, דער פרומער מנחם וואָלט נישט געווען אַזוי בייז, ווען אונטער זיין האַרצן וואָלט ער זיין סיקא, זיין מעסער, ניט געפילט...

מנחם: אַ הייליקער מעסער... פאַר די דערנער פון ישראל׳ס ווייַנגאָרטן טראָגט אים מנחם... „שנייד אויס די דערנער פון דיין ווייַנגאָרטן!" זאָגט גאָט אונדזער האַר! (שלעפּט אַרויס אַ מעסער פון צווישן די פאַלדן פון זיין בגד) און מנחם שניידט, שניידט, שניידט. — סיקא! סיקא! סיקא! אין נאָמען פון גאָט פון ישראל! (ווישט אים דערביי אָן זיין אַרבל)

שמעון: מנחם, באַהאַלט דעם מעסער. דער נשיא באַפעלט דיר.

מנחם: שמעון בן גמליאל, דער נשיא און דער האַר פון מנחם איז גאָט, און ער, ברוך הוא, זאָגט: „שנייד אויס די דערנער פון דיין ווייַנגאָרטן!"

שמעון: דער ערגסטער פייער איז דער, וואָס מען האָט אָנגעצונדן ביי אַ מענטשן אין האַרצן. זיין רויך דערגרייכט דעם מח און דערשטיקט דעם פאַרשטאַנד. דערפאַר בין איך דיר מוחל, מנחם...

אליעזר: מנחם, באַהאַלט דיין מעסער.

מנחם: דער באַפעל פון אליעזר בן חנניה איז גאָט׳ס באַפעל! (באַ־האַלט דעם מעסער)

עובדיה: (שטיל צו שמעון) דער פינצטערער גייסט האָט דאָ די שליטה, דער גייסט פון אליעזר.

שמעון: רייד, עובדיה...

עובדיה: און די בת מלכה ווערעניקא האָט מיך געשיקט אייך צו זאָגן: קלוג איז אליעזר בן חנניה, ווי שלמה המלך, שטאַרק ווי שמשון הגיבור, מוּ־טיק, ווי יהודה המכבי, און פרום, ווי דוד המלך און טריי איז זיין האַרץ צו ישראל, ווי דאָס האַרץ פון יעקב אבינו צו זיין זון יוסף...

אַלע: יחי אליעזר בן חנניה!

עובדיה: חשוב׳ע פאָרשטייער פון ירושלים, עובדיה שרייט אויך מיט אייך: יחי אליעזר בן חנניה!" און עובדיה זאָגט אויך אין דעם נאָמען פון אונדזער בת מלכה ווערעניקא: אליעזר בן חנניה פאַרדינט צו זיין כהן גדול אין ירושלים און נישט מתתיהו בן טעאָפיל. (אַ טומל) יאָ, אליעזר בן חנניה דאַרף זיין, מוז זיין און וועט זיין כהן גדול אין ירושלים, ווען ער זאָל נאָר נישט וועקן דעם צאָרן פון דעם רוימישן קיסר נירון קעגן אים און קעגן ירושלים. (אליעזר לאַכט) ער רופט דאָס פאָלק פון ירושלים צו מרידה קעגן רוים, און דאָס דאַרף נישט טאָן אַזאַ חכם, ווי אליעזר בן חנניה, ווייל מען שיקט ניט אַרויס קיין שוואַך לעמעלע מלחמה צו האַלטן מיט אַ שטאַרקן לייב. אַ שוואַכע טויב קען נישט באַקעמפן אַן אָדלער.

זקנים: אמת, אמת! מיר טאָרן ניט צערייצן דעם לייב...

יוחנן: (פלוצלונג) מיר וועלן באַקעמפן דעם לייב. יהודה המכבי האָט זיך נישט געשראָקן.

נעמית: מיין האַר אליעזר איז אַזאַ גיבור ווי יהודה המכבי!

מנחם: דער אידישער גאָט איז שטאַרקער ווי די געטער פון די געצנ־דינער...

שמעון: ברידער, שטילט איין אייערע געמיטער און הערט אויס רואיק דעם קלוגן עובדיה׳ן... עובדיה, רייד ווייטער!

עובדיה: קלוג און פרום איז אליעזר בן חנניה און דאָס גליק פון זיין פאָלק איז זיין האַרצן טייער, און דאָך באַגייט ער אַ גרויסע זינד קעגן זיין פאָלק, ווען ער האָט פאַרבאָטן צו ברענגען אַ קרבן אין בית המקדש פאַר דעם קיסר נירון. אונדזער רוימישער פראָקוראַטאָר פלאָרוס, דער אכזר, האָט מיר נעכטן געזאָגט, אַז אומברענגען וועט ער דערפאַר ירושלים און ישראל...

זקנים: וויי געשריען! אליעזר, אליעזר, דו הערסט?

אליעזר: אליעזר הערט, און ווען דער געלערנטער עובדיה וועט צו־מאַכן דעם טיפן קוואַל פון זיין חכמה, וועט אליעזר אים ענטפערן.

עובדיה: אליעזר בן חנניה, גיב שלום דיין פאָלק און מאַך נישט צו די טויערן פון זיין נשמה פאַר דער ליכטיקער חכמה פון אַנדערע פעלקער און דאַן וועט דיין פאָלק לעבן גליקלעך אין שלום מיט אַנדערע פעלקער. (זעצט זיך)

אַלע: אָמן! יחי עובדיה! יחי השלום!

שמעון: איצט וועט אליעזר ריידן און איך האָף, אַז אויך אין דעם גייסט פון שלום על ישראל.

אליעזר: (אַוועקגעשטעלט זיך) נשיא פון סנהדרין, פאַרשטייער פון ירושלים, בני ישראל און דו, הויך געלערנטער עובדיה, הערט אויס, וואָס אליעזר בן חנניה האָט אייך צו ענטפערן: די ווערטער פון עובדיה׳ן וועגן אליעזר׳ן, אַז אליעזר איז קלוג און אַז אליעזר איז פרום און אַז אליעזר איז שטאַרק און מוטיק; אָט די אַלע בלומען פון עובדיה׳ס לעפצן פאַר אליעזר׳ן האָבן געשמעקט אליעזר׳ן ווי ווייראַך, אָבער, קלוגער עובדיה, דיין ווייראַך האָט נאָר באַרירט די נאָזלעכער פון אליעזר׳ן, אָבער נישט זיין האַרץ און ניט זיין מוח. אליעזר׳ס האַרץ און מוח בלייבן פעסט ביי זיין תקנה: אַז קיין קרבנות פאַר דעם רוימישן קיסר וועלן מער אין בית המקדש ניט געבראַכט ווערן! ווייל נישט קיין שאָף האָבן מיר פריער מקריב געווען אויפן מזבח פון אונדזער בית המקדש פאַרן רוימישן קיסר, נאָר די פרייהייט פון אונדזער פאָלק און דעם כבוד פון אונדזער גאָט! זאָגט אָבער דער צורר פלאָרוס, אַז דערפאַר וועט ער אומברייגגען דאָס אידישע פאָלק! פרעגט אליעזר: וואָס האָט ער פריער געטאָן? פאַרשטייער פון ירושלים, וואָס האָט פלאָרוס פריער געטאָן? האָט דער רוימישער צורר ניט געשפּיגן אייך אין פּנים? האָט ער נישט באַהאַנדלט אייך ווי די נידעריקסטע שקלאַפן? זיינען זיינע סאָלדאַטן נישט באַפאַלן אייערע הייזער, נישט געראַוּבט אייער גוטס, ניט געשענדעט אייערע פרויען און טעכטער?

אַלע: אמת! אמת! יחי אליעזר בן חנניה!

אליעזר: און לעצטן מאָל האָט דער צורר פלאָרוס גאָר געפאָדערט, מען זאָל אים אָפּגעבן די הייליקע כלים פון בית המקדש, און ער וועט דאָס זיכער נאָכאַמאָל פאָדערן, כל זמן מיר וועלן שקלאַפן בלייבן! וועט איר אים וועלן אָפּגעבן די הייליקע כלים פון בית המקדש, פאַרשטייער פון ירושלים?

יוחנן: אונדזערע לעבנס פריער!

אַלע: אונדזערע לעבנס!!! אמת! אמת!

מנחם: (כאַפּט אַרויס זיין מעסער) אָט דאָס... אָט דאָס... סיקאָ! סיקאָ! סיקאָ!...

נעמית: שווערדן און שפּיזן אים אין האַרצן אַריין!

אליעזר: דאָן מוז זיין אייער ענטפער: מלחמה פאַר אונדזער באַפרייאונג! עובדיה שלאָגט פאַר אליעזר׳ן דעם כבוד פון כהן גדול. נישט דאָס ערשטע מאָל הערט עס אליעזר. גאָלד האָט ווערעניקא אליעזר׳ן שוין אויך פאַרגעשלאָגן, גאָלד און גיטער אין ירושלים. קלוגער עובדיה, ליבערשט וועט אליעזר זיין אַ שטויבעלע ביי זיין באַפרייטן פאָלק, איידער אַ כהן גדול, אָדער אַ קעניג ביי זיין פאַרשקלאַפטן פאָלק! גיכער וועט אליעזר שטיין אַ בעטלער ביי די טויערן פון אַ באַפרייטן ירושלים, איידער צו האָבן גאָלד און גיטער אין אַ פאַרשקלאַפטן ירושלים! דער קלוגער, הויך־געלערנטער עובדיה זאָגט, אַז אליעזר זאָל נישט צומאַכן די טויערן פון זיין פאָלקס־נשמה פאַר דער ליכטיקער חכמה פון די געצנדינער. אויף דעם ענטפערט

אליעזר: ווי צו אייך, איר פאַלשע פריינט פון ישראל! איר האָט פאַרזייט ביי אונדז די קערנער פון גריכנלאַנד און רוים, און זנות האָט פון דעם אַרויסגעשפּראָצט, און געצנדינעריי!... ירושלים איז אַ זונה, וועלכע טראָגט אַרויס איר שאַנד אויפן מיטן מאַרק. די טעכטער פון ירושלים זינגען די גריכישע שירים צו גריכישע געטער, טאַנצן די זנות־טענץ פון גריכישע זונות, אָן ברוסט־טיכער, וואָס זאָלן צודעקן דאָס זינדיקע פייער, וואָס פלאַקערט אין זייערע בריסט, און דאָס איז די אַרבעט פון אַזעלכע ווי דו, עובדיה. אליעזר וועט באַפרייען די אידישע נשמה אויך פון אייער געצנדינערישער נעץ. דען דער אידישער גוף אָן זיין נשמה איז טויט!...

אַלע: יחי אליעזר בן חנניה!

מנחם: (צו די אַרומיקע. ווייזט אָן מיט דער האַנט אויף עובדיה'ן) אַ דאָרן אין ישראל'ס ווייַנגאָרטן... סם המות... נחש... אַ שלאַנג... חוה'ן אין גן עדן האָט זי צוגערעדט צו עסן פונעם עץ הדעת... ווען נישט זי וואָלטן מיר געלעבט אייביק... (רוקט זיך צו עובדיה'ן מיטן מעסער) איך וועל ביי אים אויסשניידן די שלאַנג פונעם האַרצן און דאָס אָפּגעבן צו געצנדינער, ער זאָל דאָס ברענגען אַ קרבן צו זיינעם אַ גאָט!

אליעזר: (האַלט אים אָפּ) מנחם!

מנחם: לאָז מיך פאַרדינען אַ מצוה! אַ דאָרן אין אונדזער ווייַנגאָרטן... די שלאַנג פון גן עדן... דו אַליין האָסט דאָך דאָס געזאָגט?...

שמעון: אליעזר בן חנניה, דאָס איז דער פועל יוצא פון דעם פייער, וואָס דו האָסט אָנגעצונדן אין די געמיטער מיט דיין רופן צו מלחמה. מלחמה מאַכט ווילד און משוגע דעם מענטשן. אליעזר, שפּיל זיך נישט מיט דעם גורל פון דיין פאָלק. צערייץ נישט דעם רוימישן לייב. זאָל זיין שלום!

זקנים: אליעזר: שלום! שלום!

אליעזר: נשיא, אליעזר האָסט נישט ווייניקער פון דיר מלחמה, אָבער די שקלאַפעריי פון זיין פאָלק האָסט ער נאָך מער. אליעזר וועט נישט טראָגן אויף זיין שטערן דעם צייכן פון שקלאַף. ווער עס וויל שלום, זאָל אַרויסטרעטן, און אויף זיין שטערן וועט אליעזר אויסברענען די ווערטער „עבד כנעני"! טרעט אַרויס, ווער עס וואַגט! טרעט אַרויס! (אַ שווייגן)

(פון דרויסן אַ געשריי: „אליעזר! וואו איז אליעזר?")

מנחם: די נביאה יוכבד!...

(אימאַ, מרים און די אַנדערע מיידלעך לויפן אַריין מיט די ווערטער: די נביאה יוכבד)!

(יוכבד לויפט אַריין מיט אַ צוגעדעקטן פנים)

יוכבד: אליעזר, העלף! פלאָרוס'עס סאָלדאַטן קלייבן זיך צו באַפאַלן די הייזער אין ירושלים.

אליעזר: נשיא, דער רוימישער ענטפער וועגן שלום!

עובדיה: דאָס איז פלאָרוס'עס ענטפער אויף דיין ניט ברענגען קיין קרבן אין בית המקדש פאַר דעם רוימישן קיסר, אליעזר!

יוכבד: (דעקט אָפּ דעם פּנים און קוקט אַרויף) איר הערט? איר הערט? (ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער) אַ בת קול פונעם הימל! (מנחם ציט אויס דעם האַלדז און הערט זיך איין. די איבעריקע ווערן אויך אויפגערעגט) גיי, מײַן דינסט, יוכבד, זוך אויף מײַן קנעכט אליעזר בן חנניה און זאָג אים: נעם אַ דונער אין דײַן רעכטער האַנט און אַ בליץ אין דײַן לינקער און האַלט מלחמה פאַר דײַן גאָט און פאַר ירושלים! און גיי צו די קינדער פון ישראל און וועק, און וועק, און וועק! שטייט אויף, און מיט שווערדן גורט אָן אײַערע לענדן, באַשיצט ירושלים און דעם בית המקדש! איך הער די קולות פון ירושלים׳ס טעכטער, איך זע די טײַכן בלוט פון ירושלים׳ס זין. עס רוישט אין מײַנע אויערן דאָס ברומען פון ווילדע חיות, וואָס זיי פאַרצוקן די זקנים און די עופה׳לעך פון ציון. אָ, וויפל קדושים? (טוט זיך אַ כאַפּ פון שלאָף) אליעזר, העלף, העלף, נשיא!

שמעון: (הייבט זיך אויף פון זײַן הויכן זיץ און אויפגערעגט) איך גיי צו פלאָרוס... וועל פּרוּוון אים בעטן...

אליעזר: (לאַכט)

איין זקן: גיי, נשיא, בעט אים, בעט אים...

יוחנן: ניין, דער כבוד פון ישראל זאָל זיך נישט וואַרפן אין שטויב פאַר דעם צורר.

מנחם: (העכסט אויפגערעגט, דריקט זײַן מעסער צווישן די פאַלדן פון זײַן קלייד און שיפּעט ווי אַ שלאַנג) סיקאַ! סיקאַ! סיקאַ!

אַנדערע: נשיא, גיי ניט, גיי ניט, גאָט איז מיט אונדז!

שמעון: פאַר אונדזערע ווײַבער און קינדער׳ס וועגן מוז איך גיין...

אליעזר: (מיט שפּאָט) גיי, נשיא, צו פלאָרוס׳ן, באַשיט דײַן קאָפּ מיט אַש און וואַרף זיך אויף דײַנע קני, און קוש דעם שטויב פון זײַנע פיס, און שלאָג זיך מיט בײדע הענט אין דײַן ברוסט, און וויין און יאָמער: „דו ביזט שטאַרקער ווי אונדזער אידישער גאָט, פלאָרוס! צו דיר קניען מיר, הער־לעכער פלאָרוס! צו דיר טראָגט זיך אונדזער תפילה, הייליקער פלאָרוס! שרײַ אויף דײַנע קנעכט און זיי וועלן דיר אונטערטעניק זײַן! דריק פעסטער דײַן יאָך אויף זייערע נאַקנס, און, אַזוי ווי די ווערים, וועלן זיי אין דײַן שטויב אַרומקריכן"...

עובדיה: ווען אונדזער גאָט וואָלט ניט געוואָלט, אַז מיר זאָלן אונטער־טעניק זײַן צו די רוימער, וואָלט ער געמאַכט, אַז מיר זאָלן שטאַרקער זײַן ווי זיי...

מנחם: שווײַג, דאַרן! סיקאַ! סיקאַ! סיקאַ!

יוכבד: (טיף פאַרטאָן אין זיך) דער בחיר פון ישראל וועט אין דעם שונא׳ס שטויב ליגן און דעם צורר׳ס אומרײנע פוס וועט אויף אים טרעטן — זאָגט גאָט אונדזער האַר!

אַלע: די שטים פון גאָט! הערט! הערט!

יוכבד: „איך וועל דיך אָנטרינקען מיט מײַן גבורה און מיט מײַן דונער און מײַן פלאַם, און וועל מײַן הויז באַשיצן..."

אלע: גאָט איז מיט אונדז! גאָט איז מיט אונדז!

יוכבד: „איך וועל דיך אָנטרינקען מיט מיין גבורה, און מיט מיין צאָרן וועל איך דיך קרעפטיקן, און אַ לייב וועסטו זיין קעגן דיין פיינט, און שטויב וועט ער זיין אונטער דיינע פיס, און הינט וועלן זיין מאַרך לעקן, און ווילדע שאַקאַלן וועלן איבער זיין אינגעווייד יאָמערן...“

אלע: איר הערט?!... איר הערט?! מיר האָבן פאַר קיינעם ניט מורא, ווען גאָט איז מיט אונדז!...

עובדיה: (מורמלט) זי פאַרפירט זיי מיט איר שוואַרצער גבורה, ווי איז צו ישראל! (גנב׳ט זיך שטיל אַרויס און אָפּ)

יוכבד: איך האָב דיך געלאָזט בליען און וואַקסן, און פירות טראָגן אין מיין גאָרטן, זאָגט אונדזער האַר. מיינסטו, אַז איך וועל געצנדינער איבער־לאָזן צו פאַרוויסטן דאָס, וואָס איך האָב געזייט און געפלאַנצט? קיינמאָל ניט, זאָג איך דיר!...“

אלע: וואויל איז צו אונדז!

יוכבד: „איך וועל וואוינען ביי דיר און וועל דיך ניט פאַרלאָזן, ווען דו וועסט מיך ניט פאַרלאָזן“.

אלע: רום און לויב צו אונדזער גאָט! (אַ רויטער אָפּשיין פון דער זון שלאָגט אָפּ אויף די פענצטער און הילט איין יוכבד און אַנדערע אין אַ רויטן ליכט)

יוכבד: (שטרעקט אויס די האַנט קעגן דער זון) דריי טעג האָט די זון זיך אין ירושלים ניט באַוויזן און איצט האָט זי גאָט צו אונדז אַרונטערגעשיקט ווי אַ צייכן, אַז ער איז מיט אונדז. גאָט האָט זיך צו אונדז אַנטפּלעקט און אונדזער ישועה וויל ער ווערן. (וואַרפט זיך אויפן פּנים און רופט אויס מיט באַגייסטערונג) פאַר דיין נאָמען וועלן מיר לעבן! פאַר דיין כבוד וועלן מיר קעמפן! פאַר דיין הייליקייט וועלן מיר שטאַרבן.

אלע: (וואַרפן זיך אויף די פּנימער און זאָגן נאָך איר שבועה) פאַר דיין נאָמען וועלן מיר לעבן! פאַר דיין כבוד וועלן מיר קעמפן! פאַר דיין הייליקייט וועלן מיר שטאַרבן! (דאָס רויטע ליכט דורך די פענצטער הילט זיי אַלעמען איין, ווי מיט אַ הייליקער שיין)

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

צווייטער אַקט

(דאָס אייגענע הויז ביי שמעון בן גמליאל, ווי אין ערשטן אַקט. פונעם גאָרטן הינטערן הויז הערן זיך געלעכטער און געזאַנג. יוחנן מיט אימּמא קומען אַריין. ער האַלט אַ קרוג מיט ווייַן און אַ זילבערנעם בעכער)

יוחנן: (שכור׳לעך) אימּמא, מיין כלה, זיס און שטאַרק איז דער וויין פון דעם נשיא׳ס וויינגאָרטן. גאָט האָט זיינע טרויבן געבענטשט.

אימּמא: יוחנן מיין חתן, דו האָסט גענוג געטרונקען דעם וויין אינעם גאָרטן, טרינק נישט מער... (נעמט אַוועק פון אים דעם קרוג)

יוחנן: אימּמא, מיין כלה, וואו איז די שענסטע בלום פון דעם נשיא?

אימּמא: (לאַכט) אין דעם נשיא׳ס גאָרטן, יוחנן, מיין חתן...

יוחנן: ניין, דאָ, מיינע אויגן זעען זי און מיין נשמה זינגט אַ שיר צו גאָט, וואָס ער האָט זי באַשאַפן. קום צו מיר, כלה מיינע, און לאָז מיך פילן די בשמים פון דיין אָטעם און דעם האָניק פון דיינע ליפּן... (גייט צו איר)

אימּמא: (אָפּגעטראָטן פון אים) יוחנן, דער וויין שפּילט ביי דיר אין קאָפּ און מיט דיינע לעפצן רעדט אַ געצנדינער. פאַרגעס נישט ווער דו ביזט!..

יוחנן: דו ביזט גערעכט, אימּמא מיין כלה, דער וויין שפּילט אין קאָפּ און וועקט אויף דעם יצר הרע אינעם האַרצן. זיי מיר מוחל, דו ווייסט טויב פון בית הלל.

אימּמא: קומט היינט אליעזר?

יוחנן: צו מרים דיין שוועסטער קומט ער היינט. איר ענטפער וויל ער הערן...

אימּמא: מרים׳ס האַרץ איז נאָך אַלץ פאַרשלאָסן פאַר אים.

יוחנן: נאָך אַלץ פאַרשלאָסן? און ווי ער ליבט זי! אונדזער פאָטער יעקב האָט אַזוי אונדזער מוטער רחל נישט געליבט. נעכטן ביינאַכט האָב איך זיין הויז באַזוכט. אליעזר איז געזעסן און האָט געשפּילט אויף זיין האַרפּע און טרויעריק האָט זיין זמר געקלונגען. „אליעזר בן חנניה — האָב איך גע־זאָגט — „וואָרום קלינגט אַזוי טרויעריק דיין זמר?" און אליעזר האָט מיר געענטפערט: „יוחנן, מיין פריינט, פאַרפּייניקט איז אליעזר׳ס נשמה. מרים, דעם נשיא׳ס טאָכטער, האָט דאָרט אָנגעצונדן אַ גיהנום־פייער".

אימּמא: ווען אליעזר וואָלט אַ צדוקי געווען, וואָלט מרים׳ס האַרץ זיך לאַנג פאַר אים געעפנט. פרעמד איז מיר דער גייסט פון מיין שוועסטער מרים! (אַ געזאַנג פון גאָרטן) זיי טרינקען נאָך אַלץ דעם וויין...

יוחנן: די תלמידים פון בית הלל, וואָס טרינקען דאָרט דעם וויין אין דעם נשיא׳ס גאָרטן מיט מרים׳ן און חבר׳טעס, טראַכטן איצט ניט פון תורה... (מרים און אירע חבר׳טעס לויפן אַריין, עטלעכע תלמידים פון בית הלל לויפן זיי נאָך אין הויז מיט קריגעלעך וויין. אַלע זינגען)

אלע:

פאַנגט דאָך אונדז די פיקסעלעך,
די פיקסעלעך, די קליינינקע,
די פיקסעלעך, די קליינינקע,
דען אונדזער ווייַנגאָרטן בליט!

(דערביי יאָגן זיך די תלמידים נאָך די מיידלעך)

אימאַ: געגוג, מרים, ניט שיין. דעם נשיא׳ס טאָכטער דאַרף זיך נישט אויפפירן ווי אַ טאָכטער פון געצנדינער. תלמידים פון בית הלל, איר האָט גענוג געטרונקען, גייט צוריק אין דער ישיבה...

מרים: אימאַ, מיין פרומע שוועסטער, יעדן יאָר, ווען אונדזער ווייַן הויבט אָן צו שפּילן אין די פעסער, קומען די תלמידים פון בית הלל און זייַנען זיך משמח מיט אים. אונדזער פאָטער דער נשיא, טרינקט אויך מיט זיי, האָסט פאַרגעסן? אָ, אימאַ, מיין שוועסטער, פאַרטרייב דעם שוואַרצן גייסט פון דיין נשמה און קום, פריי זיך אויך מיט אונדז.

אימאַ: (שטיל) מיר געפעלט נישט דיין גייסט, מרים, מיין שוועסטער, ניט אומזיסט בלייבט דיין האַרץ פאַרשלאָסן פאַר אליעזר׳ן...

מרים: און דיין גייסט, אימאַ, מיין שוועסטער, געפעלט מיר אויך נישט: ער פאַרשטעלט דיר די ליכטיקייט פון דער זון און פאַרשפּרייט דעם אומעט...

(שמעון בן גמליאל קומט אריין דורך דעם צענטער־אַריינגאַנג)

שמעון: זייט מיר געגריסט, קינדער.

תלמידים: געבענטשט זאָל זיין אונדזער נשיא און רבי!

שמעון: (מיט אַ זאַנפטן שמייכל) ווי איך זע, קינדער, האָט איר ניט פאַרגעסן דעם פריילעכן מנהג. ווי שמעקט עפּעס היי־יאָר דער ווייַן פון מיין ווייַנגאָרטן?

יוחנן: ווי דיין תורה, נשיא — זיס און שטאַרק.

אימאַ: דער חילוק איז נאָר, וואָס די תורה פון דעם נשיא מאַכט מענטשן קלוג און שיין, און דער ווייַן מאַכט נאַריש און מיאוס...

מרים: ניין, דער ווייַן מאַכט נישט נאַריש און מיאוס, נאָר פריילעך און גליקלעך. נישט אמת, פאָטער, מיין האַר?

שמעון: דו ביזט גערעכט און דיין שוועסטער אימאַ איז גערעכט. טרינקען ווייַן מיט אַ מאָס, דערפרייט דאָס האַרץ, פרישט אָפּ דעם גייסט, אָבער טרינקען אָן אַ מאָס מאַכט דעם מענטשן נאַריש און מיאוס. מען מוז זיך היטן, אַז דער ווייַן זאָל נישט דערגרייכן ווייטער ווי די ערשטע פאָר טירלעך פון דעם מענטשלעכן מוח.

מרים: וואָס מיינסטו, פאָטער, מיין האַר?

שמעון: איך מיין... ביי דעם מענטשן אינם מוח זייַנען פאַראַן דריי טירלעך. הינטער איינעם געפינען זיך די לוסטיקע געדאַנקען, הינטער דעם צווייטן — די קלוגע געדאַנקען, און הינטער דעם דריטן — די זינדיקע גע־

דאַנקען. דערגרייכט דער וויין די ערשטע צוויי טירלעך, איז דער מענטש פריילעך און וויציק; דערגרייכט אָבער דער וויין ווייטער, ביז צום טירל פון די זינדיקע געדאַנקען, דאַן איז אויס מענטש, נאָר חיה רעה!...

אימַמאַ: פּאַטער, מיין האַר, דער וויין האָט ביי זיי דערגרייכט ביז צום לעצטן טירל...

מרים: נישט אמת, נאָר ביז די ערשטע צוויי טירלעך. זע, פּאַטער, מיין האַר, קוקן זיי דען אויס ווי חיות רעות?

שמעון: (צעלאַכט זיך) דו ביזט די פרייד, מרים, און דו, אימַמאַ, ביזט די פרומקייט. אירביידע זייט מיר ליב. אימַמאַ, מיין טאָכטער, גיס מיר אָן אַ כוס וויין. מיין עלטסטע טאָכטער אימַמאַ זאָגט, אַז דאָס לעבן איז באַשאַפן געוואָרן פאַר דער תורה, און מיין אינגסטע, מרים, זאָגט, אַז די תורה איז באַשאַפן געוואָרן פאַר דאָס לעבן.

יוחנן: וואָס הערט זיך אין ירושלים, נשיא?

שמעון: אין ירושלים (טוט אַ זיפץ) איך קום ערשט פון פלאָרוס'ן. דער אכזר האָט אין תפיסה פאַרשפאַרט דער נביאה'טע יוכבד'ס זון. ער זאָגט, אַז ער וועט אים לאָזן קרייציקן אין מיטן מאַרק, אויב זיין מוטער יוכבד וועט ווייטער וועקן דאָס פאָלק קעגן אים. אויך פאָדערט ער, אַז אליעזר בן חנניה זאָל ווערן אויס הויפּטמאַן פון בית המקדש. שלעכט, קינדער, שלעכט! איך זע נישט קיין שלום פאַר ירושלים!

אימַמאַ: (צוטראַגנדיק אים דעם כוס וויין) צו מלחמה דאַרף מען רופן אונדזער פאָלק, צו אַ הייליקער מלחמה, פּאַטער, מיין האַר!

שמעון: (נעמענדיק דעם כוס) מיין קינד, מלחמה איז נישט הייליק. (מאַכט אַ ברכה) ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם, בורא פרי הגפן. (טרינקט אויס) דער וויין, מיינע קינדער, שמעקט ניט מיט מלחמה, מיט פרידן און פרייד שמעקט ער... און איצט, מיינע תלמידים, און דו יוחנן אויך, קומט מיט מיר און מיר וועלן אָפּפרישן אונדזער גייסט מיט תורה. (אָפּ מיט זיי)

(פון דרויסן הערט זיך אַ קלאַפּ)

אימַמאַ: ווער איז דאָרט?

אבנר: (פון דרויסן) וואוינט דאָ די קרוין פון ישראל, דאָס ליכט פון יהודה? (אַלע מיידלעך קוקן זיך אַרום פאַרוואונדערט)

מרים: אַ פרעמדער!

אבנר'ס קול: (העכער) וואוינט דאָ די קרוין פון ישראל, דאָס ליכט פון יהודה?

אימַמאַ: טרעט אַריין, וואַנדערער!

(אבנר, יונג און טונקל, קומט אַריין מיט אַ זעקל אויף די אַקסלען און מיט אַ וואַנדער־שטעקן)

אימַמאַ: ווער ביזטו?

אבנר: איך בין אבנר בן עזריהו, דער געטרייער דינער פון מיין האַר בן שכני. איך מיט מיין האַר זוכן די קרוין פון ירושלים, דאָס ליכט פון יהודה, דעם גרויסן נשיא פון דעם סנהדרין, שמעון בן גמליאל.

אימּמאַ: אונדזער פּאַטער איז דער נשיא.

אבנר: (מיט פרייד) דער גרויסער נשיא איז אייער פּאַטער? (שרייט מיט התפּעלות) בן שכני! בן שכני!

(בן שכני מיט אַ וואַנדער־שטעקן קומט אריין)

בן שכני: זייט מיר געגריסט, איר טעכטער פון ציון! (פאַרנייגט זיך. אבנר אויך)

אימּמאַ: זיי דו אויך געגריסט, דו יונגער וואַנדערער! פון וואַנען קומסטו? (מרים דערזעט אים, בלייבט שטיין, ווי באַצויבערט, מיט די אויגן איינגעגעסן אין זיין פּנים).

בן שכני: איך קום פון אַ ווייטער מדינה, פון בבל, און איך זוך מיינע קרובים.

אימּמאַ: דיינע קרובים? דו זאָגסט דאָך, אַז דו קומסט פון גלות, פון גלות בבל?

בן שכני: יאָ, איך קום פון יענעם לאַנד, וואו אונדזערע עלטערן זיינען אַמאָל געזעסן נעבן די טייכן און האָבן געוויינט...

אימּמאַ: פון נהרות בבל?

שכני: יאָ, פון וואַנען מיין באַרימטער קרוב, דער גרויסער הלל איז אַמאָל, ווי איך הינט, געקומען נאָך ירושלים, געטריבן פון בענקעניש נאָך דער הייליקער שטאָט און פון ברענענדיקן דורשט נאָך די קוואַלן פון תורה.

מרים: (פליסטערט צו אירע חבר'טעס) ווי דער העלד פון שיר השירים... אַ צעדערבוים איז זיין געשטאַלט און זיינע אויגן זיינען צוויי שטראַלנדיקע הימלען...

אימּמאַ: דו ביזט הלל'ס קרוב?

בן שכני: דער גרויסער הלל האָט אין בבל געהאַט אַ ברודער שכני, בין איך זיין אייניקל. איך בין בן שכני!

מרים: און מיר זיינען די אייניקלעך פון הלל... זיי געגריסט, קרוב! (בן שכני פאַרנייגט זיך)

אימּמאַ: זיי געגריסט, בן שכני. איך ווייס שוין, ווער דו ביזט. איך וועל גיין אָנזאָגן אונדזער פּאַטער, דעם נשיא. (אָפּ)

אבנר: (צו מרים'ן, וועלכע שטייט צווישן אירע חבר'טעס און קוקט פאַר'גנב'עט אויף בן שכני'ן, וועלכער קוקט אויף איר אויך פאַר'גנב'עט) ווי ווייט איז דאָ אַ קוואַל? ביי מיין האַר בן שכני זיינען די לעפצן פאַרטריקנט פון דורשט...

בן שכני: אבנר, מיין דורשט איז געשטילט.

מרים: (טוט זיך אַ כאַפּ) איך ברענג אַריין אַ קרוג מיט וויין. (כאַפּט צעמישט אַ קרוג). קומט מיט מיר, טעכטער פון ירושלים... (זיי גייען. זי פליסטערט) ווי געפעלט אייך מיין קרוב? אַזוי מוז אויסזען עראָס, דער גריכישער גאָט פון ליבע, פון וועלכן עובדיה האָט צו אונדז געדעדט. (אָפּ מיט די חבר'טעס)

אבנר: בן שכני, אבנר'ס אויגן האָבן עפּעס געזען.

בן שכני: וואָס?

אבנר: ווי געפעלט דיר, מיין האַר, די קליינע טאָכטער פון דעם נשיא, וועלכע איז נאָך דעם ווייַן אַוועק?

בן שכני: פרעג נישט, אבנר, מיינע אויגן זיינען פאַרבלענדט ווי די זון אַליין וואָלט אין זיי אַריינגעקוקט.

אבנר: און דו האָסט אויך געפונען לייטזעליקייט אין אירע אויגן. אפשר, בן שכני, איז זי די כלה וואָס גאָט דער האַר האָט דיר באַשערט.

בן שכני: דו ביזט אַ נאַר, אבנר, גיי און נעם אַרונטער פון מויל־אייזל דאָס פּעקל מיט די קליידער. איך וועל זיך איבערטאָן.

אבנר: איך גיי. אַ נאַר בין איך, אַן עם הארץ, אָבער אויגן האָט גאָט דער האַר מיר געשענקט, אַדלער אויגן, און אבנר זעט... (גייט)

בן שכני: (פאַרטראַכט) אבנר!

אבנר: (אָפּגעשטעלט זיך) מיין האַר...

בן שכני: וואָס האָסטו געזען, אבנר?

אבנר: זי האָט געקוקט אויף דיר...

בן שכני: זי האָט געקוקט אויף מיר... וואָרום זאָל זי נישט קוקן? גיי! (טוט זיך אַ כאַפּ) וואַרט אבנר: ווי אַזוי האָט זי געקוקט אויף מיר?

אבנר: ווי אַזוי? אַזוי ווי דו, בן שכני, וואָלסט געווען אַ טייערער שנירל פּערל. אַזוי ווי דו, בן שכני, וואָלסט געווען אַ גאַנצער אוצר מיט עדלשטיי־נער (גייט צו צו אים און שטיל) זי האָט אויף דיר געקוקט, אַזוי ווי די, בן שכני, האָסט אויף איר געקוקט! (לאַכט) נישט אמת, מיין האַר, אבנר קוקט און זעט? (אָפּ לאַכנדיק)

(שמעון בן גמליאל קומט אַריין)

שמעון: (מיט אַ זאַנפטן שמייכל) שכני'ס זון איז נישט קיין פרעמדער אין מיין הויז. זיי מיר געגריסט! כל זמן מיין הויז וועט דיר געפעלן, ביזטו ביי מיר אַ גוטער גאַסט.

בן שכני: איך דאַנק דיר, דו איידעלער נשיא, פאַר דיין גוטסקייט און פריינטלעכקייט. איך האָב דיר געבראַכט אַ גרוס און אַ בריוו פון דער היים.

שמעון: פון דיין פאָטער?

בן שכני: דער גרוס איז פון מיין פאָטער, און דער בריוו איז פון מיין רבי'ן חנניה, וואָס זיין נאָמען האָסטו געהערט.

שמעון: פון חנניה, דעם גרעסטן תלמיד חכם פון בבל? וויַיז מיר דעם בריוו.

בן שכני: (נעמט אַרויס פון אונטערן בוזים אַ צונויפגעוויקלטן פאַר־מעט און דערלאַנגט אים) ווען דער נשיא האָט געדולד. (שמעון לעזט דעם בריוו)

(אבנר אַריין מיט אַ פּאַק. דערזעט שמעון בן גמליאל, וואַרפט ער אַרונ־טער דעם פּאַק, כאַפּט אָן שמעון ביי דער פּאָלע)

אבנר: דו קרוין פון ישראל, דו ליכט פון יהודה! געלויבט זאָל זיין

גאָט, אונדזער האַר, וואָס ער האָט מיך מזכּה געווען צו ליגן נעבן דעם שטויב פון דיינע פיס! (וואַרפט זיך צו זיינע פיס און קושט זיין פאָלע)

שמעון: ווער איז דאָס?

בן שכני: דאָס איז אבנר, מיין געטרייער דינער... ער איז צו מיר צוגעבונדן, ווי אַ ליבנדע מוטער צו איר קינד. אָן מיר האָט ער ניט געוואָלט פאַרבלייבן אין בבל.

שמעון: אבנר, שטיי אויף! מיין הויז איז דיין הויז.

אבנר: (שפּרינגט אויף) דאָס איז ער אַליין, דער גרויסער נשיא פון דעם סנהדרין, וואָס זיין שם טוב איז טייערער פון גינגאָלד, שענער פון די בעסטע איידלשטיינער! (קוקט באַגייסטערט)

שמעון: ווי איך זע פון רבי חנניה׳ס בריוו, האָט דיך גאָט אונדזער האַר געבענטשט מיט חריפות און התמדה. רבי חנניה גלויבט, אַז מיט דער צייט וועסטו זיין אַ נר בישראל, אַ גלאַנצנדיק ליכט אין ישראל.

בן שכני: אפשר דאַן, דו איידעלער נשיא, ווען דו וועסט מיר דער־לויבן אָנצופילן מיין לעמפּל מיט דעם אייל פון דיין גייסט, כדי צו קענען טונקל ברענען נעבן דער הערלעכער מנורה פון דיין תורה... דערווייל פיל איך נאָך, ווי ווייניק איך האָב פאַרדינט די שבחים פון מיין גוטן רבי, דעם גרויסן חנניה!...

שמעון: דאָס מודה זיין זיך אין דער אייגענער אומוויסנהייט איז דער ערשטער שריט צו חכמה. און די עניוות פון אַ יונגענמאַן ווייזט אויף זיין שפּעטערדיקער גרויסקייט, ווען ער וועט עלטער ווערן.

בן שכני: זאָלן דיינע ווערטער מקוים ווערן. איך אַליין האָב נאָר איין וואונטש — צו זיין דיינער אַ תלמיד. און ווי מיין גרויסער קרוב הלל הזקן בין איך אויך באַרייט אַריבערצוטראָגן מאַנגל און נויט, אום נאָר צו קענען לעשן דעם ברענענדיקן דורשט נאָך תורה.

שמעון: ווי הלל הזקן וועסטו נישט לידן קיין הונגער און נויט. ווי אים וועט מען דיך פון דער ישיבה ניט אַרויסיאָגן, ווייל דו וועסט נישט האָבן קיין געלט צו צאָלן. מיין הויז און מיין בייטל זיינען פאַר דיר תמיד אָפן.

בן שכני: דיין גוטסקייט רירט מיך. דאָס איז מער אפילו, ווי איך האָב געהאָפט.

שמעון: מיין זון, דו ביזט דאָך געוויס מיד און הונגעריק. באַלד וועט מען דעלאַנגען עסן. גיי, מיינע דינער וועלן דיר וואַשן דיינע פיס. בייט אום דיינע קליידער און זעטיק דיין הונגער. מיר וועלן זיך באַלד ווידער זען. (אָפּ)

בן שכני: אבנר, די גוטסקייט און די איידלקייט הערשט אין דעם נשיא׳ס הויז. איך בין אַזוי גליקלעך.

אבנר: און אבנר איז אויך גליקלעך און הונגעריק און דורשטיק. אַ גאַנצן קוואַל וואַסער פון ציון וואָלט אבנר אויסגעטרונקען. אַ גאַנצן באַרג פון יהודה וואָלט אבנר איינגעשלונגען. קום, מיין האַר, דו וועסט אָנטאָן אַנדערע

קליידער, דאַן וועלן מיר שטילן אונדזער הונגער און דורשט. (נעמט דעם פּאַק און אָפּ מיט בן שכני)

(פּויזע. די סצענע בלייבט אַליין. מרים מיט אַ קרוג ווייַן קומט אַריין)

מרים: (אַרומקוקנדיק זיך) וואו איז דער שיינער קרוב? מיין גאָט, פאַר אים וואָלט איך געפלאָכטן דעם שענסטן קראַנץ! (שטעלט אַוועק דעם קרוג אויפן טיש, זינגט און טאַנצט)

בחור, בחור, מיט אויגן וואָס גלאַנצן,
קלאַפּ אָן אין פאַרשלאָסענעם האַרצן צו מיר!
בחור אַ, בחור, מיטן קאָפּ דעם שוואַרצן
קלאַפּ אָן, דיר וועל איך עפענען די טיר!

(אבנר אַריין. מאַכט צופרידן מיטן קאָפּ, בעת זי זינגט און טאַנצט. זי באַמערקט אים, האַקט זיך אָפּ אין מיטן און קוקט אויף אים פאַרשעמט)

אבנר: זינגסט ווי אַ פויגל און ביזט לייכט אויף די פיס ווי אַ הירשעלע!

מרים: (טוט אַ כאַפּ דעם קרוג) דאָס איז דער ווייַן פאַר דיין האַר!

אבנר: (נעמענדיק דעם קרוג) בן שכני בייט אום זיינע קליידער; בן שכני זינגט אויך.

מרים: ער זינגט?

אבנר: בן שכני׳ס קול איז אַ פידל און אַז בן שכני זינגט, גיסט זיך האָניק אינעם האַרצן...

מרים: אבנר, וועמען האָט בן שכני איבערגעלאָזט אין בבל?

אבנר: וועמען? זיין פאָטער און מוטער...

מרים: און נאָך וועמען?

אבנר: זיין רבי׳ן, די ישיבה, זיינע חברים...

מרים: און נאָך וועמען?

אבנר: נאָך וועמען? אבנר ווייסט נישט.

מרים: דו ביזט זיין דינער?

אבנר: פון קינדוויַיז אויף. בן שכני איז מיין מוטער, מיין פאָטער, מיין ברודער, מיין גוף און מיין נשמה... אבנר האָט אויגן, קוקן זיי פאַר בן שכני. אבנר האָט אַ קאָפּ, טראַכט ער פאַר בן שכני. ווען בן שכני לאַכט, לאַכט אבנר. און ווען בן שכני וויינט, גיסן טרערן אבנר׳ס אויגן.

מרים: (נישט דרייסט) אבנר, און...

אבנר: וואָס?

מרים: האָט גאָט דער האַר בן שכני׳ן געבענטשט מיט אַ כלה אין בבל?

אבנר: קיין כלה אין בבל איז נישט זוכה צו האָבן אַזאַ חתן ווי בן שכני. זיין פאָטער האָט אים געזאָגט: „גיי, מיין זון, נאָך ירושלים, לערן תורה, און נעם זיך אַ ווייב, איינע פון די פרומע טעכטער פון ציון...״

מרים: (ווערט רויט) טרינק דעם ווייַן אבנר, דו ביזט דאָך געוויס דורשטיק...

(אימאַ מיט צוויי פרויען טראָגן אַריין עסן, שטעלן דאָס אויפן טיש)

איממא: אבנר, דו ביזט דאָך הונגעריק, גיי צו אונדזערע קנעכט און שטיל דיין הונגער.

אבנר: אמת, מיינע געדערים זיינען איינגעשרומפּט פאַר הונגער, אָבער... בן שכני איז דאָך הונגעריק... (אָפּ מיטן קרוג)

איממא: אַ געטרייער דינער.

מרים: ווען דער דינער איז אַזוי געטריי, באַווייזט דאָס ווי גוט זיין האַר איז.

(בן שכני אין אַ ווייסן, לייכטן מאַנטל מיט אַ זיידענעם טורבאַן אויפן קאָפּ און שמעון בן גמליאל קומען אַריין)

מרים: (בלייבט שטיין ווי באַצויבערט דערזעענדיק אים, פליסטערט) איממא, זע!

שמעון: אָט דאָס איז די פּאָן... די חשמונאים האָבן זי אַליין געוועבט. יהודה און יוחנן האָבן אונטער איר געקעמפט. יעדער איד אין ירושלים וועט מיט שמחה פאר איר זיך מוסר נפש זיין. (בן שכני גייט צו צו איר און קושט זי) מיר, דעם נשיא, איז דער כבוד געגעבן געוואָרן, זי זאָל מיין הויז הייליקן...

בן שכני: האָט הלל הזקן אין דעם הויז געוואוינט?

שמעון: ניין. אָבער אין דעם הויז געפינט זיך די תורה, וואָס ער האָט מיט זיין אייגענער האַנט געשריבן, דער טייערסטער אוצר פון בית הלל און פון כל ישראל. אַצינד, מיין קינד, קום צום טיש. (זעצן זיך אַלע און עסן) בן שכני, וואָרום עסטו נישט?

בן שכני: זיי מיר מוחל, נשיא און רבי! איך פיל ווי אַ הייליקער, וואָס נייטיקט זיך נישט אין קיין ערדישע שפּייזן...

שמעון: וואָס פאַר אַ פרייד האָסטו?

בן שכני: זע איך היינט נישט צום ערשטן מאָל ירושלים, די הייליקע שטאָט? איז נישט דערפילט געוואָרן דער הייליקסטער וואונטש פון מיין האַרצן, מיין שענסטע האָפענונג? פון מיין פריסטער יוגנט אָן בענק איך נאָך ירושלים, ווי אַ חתן נאָך זיין כלה. מיין גייסט האָט געזוכט די אוצרות פון תורה און חכמה. און איצט בין איך דאָ, אונטער דעם דאָך פון בית הלל און מיין נשמה פרייט זיך מיט דער ליבע און גוטסקייט פון מיינע קרובים. און מיין גייסט וועט קענען פריי שעפּן פון דעם קוואַל פון הימלשער חכמה...

שמעון: (הייבט זיך אויף און לייגט אים די הענט אויפן קאָפּ) מיין זון, מיט דיינע ליפּן רעדט דער גייסט פון בית הלל. גאָטס ברכה זאָל אייביק מיט דיר זיין. זאָל אייביק רוען אויף דיר דער גייסט פון הלל הזקן, וועלכער האָט געלערנט: „זיי דו אהרן׳ס אַ תלמיד, אַ פריינט פון שלום, און האָב ליב אַלע מענטשן. לערן, בילד און דערציִ די מענטשן. דען וואָס מער מען ווייסט, אַלץ מער לעבן איז דאָ; וואָס מער דענקען, אַלץ מער חכמה; וואָס מער גערעכ־טיקייט אַלץ מער עניוות; וואָס מער ליבע, אַלץ מער גליק און שלום ושלוה איז דאָ אויף אונדזער ערד...

בן שכני: רבי! נשיא! (קושט דעם זוים פון שמעון׳ס בגד)

שמעון: (זעצט זיך) היינט איז ביי אונדז אַ טאָג ווען מען זינגט שירים לכבוד דעם ווייַן, וואָס איז פּאַרטיק געוואָרן אין די פעסער. מרים, מיין קינד, זינג איינעם פון דיינע שירים לכבוד דעם וויין און לכבוד אונדזער גאַסט.

מרים: פּאָטער, מיין האַר, זאָל בן שכני זינגען. זיין געטרייער קנעכט אבנר האָט מיר געזאָגט, אַז גאָט דער האַר האָט געבענטשט בן שכני מיט אַ זיסן קול.

בן שכני: (צעמישט) איך קען ניט אַצינד.

אימא: נישט זינגען דאַרף מען היינט, נאָר קלאָגן וואָס יוכבד׳ס זון, דער בעסטער תלמיד פון בית שמאי, איז ביים שונא אין די הענט...

שמעון: דו ביזט גערעכט, מיין קינד! אין ירושלים איז ניט פריילעך...

בן שכני: וואָס הערט זיך אין ירושלים, נשיא?

שמעון: טרויעריק, מיין זון. דער רוימישער פּראָקוראַטאָר פלאָרוס האלט געפאַנגען אין זיינע נעגל ירושלים ווי אַ ווילדער אָדלער אַ שוואַך טייבעלע. רוימישע סאָלדאַטן באַפאַלן רואיקע בירגער אין מיטן העלן טאָג. יעדן טאָג — נייע גזירות, נייע באַליידיקונגען...

בן שכני: ווארום דולדעט דאָס פאָלק אַזאַ שמאַך און שאַנד?

שמעון: דו קענסט נישט די רוימער. זיי זיינען שטאַרק ווי די לייבן און שלוי ווי די פוקסן.

בן שכני: (מיט היץ) האָט ניט דוד געשלאָגן גלית הפלישתי? האָט יהודה המכבי ניט פאַרטיליקט די שונאים?

אימא: (באַגייסטערט) בן שכני, געבענטשט זאָלסטו זיין אין די מחנות פון אונדזערע קעמפער!

שמעון: דו זעסט, מיין זון, דער קאַמף־גייסט האָט זיך אפילו דורכגע־בראָכן אין מיין הויז אויך, און דאָס איז אונדזער קללה! די כוחות פון אונדזער פאָלק זיינען צעשפּליטערט אין ברודער־קאַמף צווישן זיך אַליין. עס קעמפט ברודער קעגן ברודער, זון קעגן פאָטער, תלמידים פון איין שולע קעגן תלמידים פון אַנאַנדער שולע. פרושים, צדוקים, סיקאַריער, וועלכע שטעכן מענטשן אין גאָט׳ס נאָמען. עס פעלט אַ שטאַרקע האַנט וואָס זאָל ברענגען רו און אָרדנונג אין ירושלים. אונדזער קעניג אַגריפּא איז אַ מענטש אָן אַ שטאַרקן ווילן און ער טראַכט ווי אַזוי נאָר איינצוהאַלטן זיין מלוכה אין ירושלים. זיין שוועסטער ווערעניקא האָט אפילו אַ שטאַרקן ווילן און די ליידן פון איר פאָלק רירן אַמאָל איר האַרץ אָבער די גרעסטע צייט גיט זי אָפּ אויף אירע ליבעס־אינטריגעס...

אימא: פאָטער, מיין האַר, עס איז פאַראַן אַ שטאַרקע האַנט אין ירושלים — אליעזר בן חנניה.

שמעון: אליעזר איז אַ שטאַרקע האַנט פאַר מלחמה און מיר מוזן האָבן שלום. זוכן שלום, מיין קינד, איז דעם מענטשנ׳ס פליכט. מלחמה איז האַס און די אייביקע זאַך, וואָס דער מענטש דאַרף האַסן, איז האַס... וואָס דענקסטו, מרים, מיין קינד?

מרים: פאָטער, מיין האַר, זאָל בן שכני זינגען אַ שיר, אַ זיסער שיר וועקט שלום אין האַרצן...

שמעון: מיין קינד, דיין נשמה איז אַזוי ווייט פון די מחלוקת און מלחמה. (קושט זי) דו ביזט די אמת'ע טאָכטער פון בית הלל...

(אבנר לויפט אַריין פאַרסאָפּעט)

אבנר: בן שכני, די נביאה'טע יוכבד! די נביאה'טע יוכבד! זי האָט מיך געבענטשט! זי וועט דיך בענטשן, קום!

(יוכבד אַריין מיט אַ זאַק. אבנר קוקט אויף איר מיט ערפורכט. זי גייט צו צו דער פּאָן און קושט זי)

שמעון: געבענטשט זאָל זיין דיין קומען, יוכבד.

יוכבד: געבענטשט זיי דו, נשיא, און דיין הויז. געבענטשט זאָלן זיין די צווייגן פון דיר, דיינע שיינע טעכטער. זאָל דיין הויז נישט וויסן פון קיין בייז און ניט פון קיין שלעכטס. ניט פון דעם פייער פון גיהנום, נישט פון דעם ביס פון אַ שלאַנג, נישט פון בייזן כישוף, נישט פון אַ מגפה, און נישט פון בי־טערע טרערן. איך האָב געבראַכט אַ ליכט. (שלעפּט אַרויס אַ ליכט פונם זאַק)

שמעון: וואָס איז דאָס פאַר אַ ליכט, יוכבד?

יוכבד: אין דעם האָב איך מיין האַס צו ישראל'ס שונאים אריינגע־שמאָלצן. און ווען דאָס וועט פלאַקערן, וועט מיין האַס פלאַקערן, און וועט אויך אין דיין האַרצן דעם האַס צו אונדזערע שונאים אָנצינדן...

שמעון: יוכבד, האָסטו פאַרגעסן דיין זון?

יוכבד: מיין זון, נשיא, איז דער שיין פון מיינע אויגן... איך האָב אים געבוירן מיט גרויסע ווייטיקן. און ווען ער איז קראַנק געווען, האָב איך גאָט געבעטן: „גאָט, גיב מיר זיין קראַנקהייט. גיב מיר דעם טויט. זאָל ער נאָר נישט ליידן!"

שמעון: אויב אַזוי, שטעלסטו דאָך דיין זון אין אַ סכנה. האָסטו פאַרגעסן, אַז פלאַרוס האַלט אים אַלס משכון, כדי דו זאָלסט אויפהערן צו וועקן דעם האַס צו די רוימער.

יוכבד: איך האָב דאָס נישט פאַרגעסן, נשיא, צוויי טעג און צוויי נעכט איז די צעשראָקענע מוטער יוכבד אין הויז געזעסן מיט פאַרשלאָסענע לעפּצן און מיט אַ האַרץ פול ציטערניש פאַר איר זון יוחנן... אַ וואָרט האָט זי מורא געהאַט אַרויסצוברענגען, טאָמער קרייציקט דער אכזר פלאַרוס איר פלייש און בלוט... דערנאָך איז געקומען מרים הנביאה צו איר צו חלום און האָט צו איר געזאָגט: „יוכבד, אונדזער מוטער ציון האָט פיל זין און זיי וועלן אַלע אומקומען, אויב דו וועסט דיין קול נישט אויפהויבן. ברענג דיין זון אַ קרבן פאַר אונדזער מוטער ציון און פאַר אירע אַלע זין!..."

אימאַ: (צוגעלאָפן צו איר) הייליקע יוכבד! (קושט איר קלייד)

יוכבד: און נאָך האָט זי מיר געזאָגט: „גיי, יוכבד, אויף אונדזער העלד יוחנן החשמונאי'ס קבר און קנעט אויס דאָרט ליכט און מיש אין די ליכט אַריין דעם הייליקן שטויב פון אַרום יענעם קבר און שמעלץ אַריין אין דעם דיין האַס און דיינע יסורים, און אין יעדן הויז פון ירושלים, וואו שלום הערשט,

זאָלסטו אָנצינדען איינס פון די ליכט און דריי מאָל זאָלסטו זאָגן: „אַזוי ווי דאָס ליכט ברענט, אַזוי זאָל אין דעם הויז דער האַס קעגן די רוימער ברענען!"
אימאַ, נשיא׳ס טאָכטער, וואו איז אַ כלי און פייער? (אָפּ מיט אימאַ)

שמעון: (טוט אַ זיפץ) שלעכט!

(יוכבד און אימאַ. יוכבד טראָגט אַריין דאָס ברענענדיקע ליכט אין אַ טעפּל און שטעלט עס אויף אַ בענקעלע)

יוכבד: (מיט התלהבות) ווי דאָס ליכט ברענט, אַזוי זאָל דאָס פייער פון האַס אין דעם הויז קעגן די רוימער ברענען! ווי דאָס ליכט ברענט, אַזוי זאָל דאָס פייער פון האַס אין דעם הויז קעגן די רוימער ברענען! ווי דאָס ליכט ברענט, אַזוי זאָל דאָס פייער פון האַס אין דעם הויז קעגן די רוימער ברענען!

אבנר: הייליקע נביאה׳טע, בענטש מיין האָר בן שכני!

יוכבד: (קוקט אים אָן) דיין האָר? דיין האָר איז גאָט. קיין אַנדערע האָרן זיינען נישטאָ. מיר אַלע זיינען ערד און שטויב, דער קנעכט און דער האָר. נאָר גאָט און ציון לעבן אייביק.

אבנר: בן שכני, גיי צו צו איר. זי וועט דיך בענטשן!

מרים: גיי ניט, בן שכני, זי וועט דעם האַס אין דיר אָנצינדן.

אימאַ: גיי צו צו איר. בן שכני, דעם הייליקן האַס וועט זי אין דיר אָנצינדן!

יוכבד: (גייט צו צו בן שכני) דו ביזט פון בבל? האָסטו אַ שווערד געבראַכט פון בבל?

(מרים טרעט אָפּ מיט שרעק)

בן שכני: צוויי שווערדן, הייליקע פרוי!

יוכבד: געבענטשט זאָלן זיין דיינע שווערדן. און גאָט זאָל דיינע אָרעמס שטאַרקן אין קאַמף קעגן אונדזער שונא!

אבנר: בן שכני קען פעכטן און איך אויך, נביאה׳טע, איך וועל דיר באַלד ווייזן די שווערדן. (אָפּ)

שמעון: יוכבד, אפשר וואָלסטו דאָך רחמנות געהאַט אויף דיין זון? פלאַרוס וועט דאָך לאָזן אים קרייציקן.

יוכבד: זאָל מיין נפש זיין אַ קרבן פאַר מיין פאָלק און פאַר ציון. גאָט וויל אַזוי. (לאָזט זיך אַרונטער אויפן טעפּיך)

(אבנר אַריין מיט צוויי שווערדן)

אבנר: דאָס איז די שווערד פון מיין האָר און דאָס איז מיין שווערד!

(פון הינטער דער סצענע הויכע קולות פון פרויען: הילף! הילף! אַלע שפּרינגען אויף. אַ מענער־קול און אַ קלאַפּן אין טיר: העלפט! ראַטעוועט די בת־מלכה ווערעניקאַ!)

שמעון: די בת מלכה איז אין סכנות! (קלאַפּט אין די הענט) וואו זיינען די קנעכט. (לויפט אַרויס)

בן שכני: די שווערד, אבנר! (לויפט אַרויס)

אבנר: גיי נישט אָן מיר, בן שכני! (לויפט אַרויס נאָך אים. אַ ווייטער געטומל)

יוכבד: (קוקט אַרויס פון טיר) רוימישע סאָלדאָטן זיינען באַפאַלן די זינדעריןְ. זיי רייסן פון איר די צירונג. (לאַכט מיט נקמה) כאַ! כאַ! כאַ! גוט! גוט! אירע פריינט!

מרים: (קוקנדיק מיט אימּאַ אויך אַהין) זע, אימּאַ, אונדזער קרוב בן שכני, ער קעמפט ווי אַ לייב! גאָט, שטיי אים ביי! (מיט פאַרצווייפלונג) ער איז אין געפאַר... די סאָלדאָטן האָבן אים אַרומגערינגלט...

אימּאַ: אבנר איילט צו אים און אונדזערע קנעכט...

מרים: (מיט אַ געשריי) בן שכני איז פאַרוואונדעט! (דעקט צו דעם פנים מיטביידע הענט)

אימּאַ: ער איז פאַרוואונדעט און קעמפט ווייטער. אונדזער קרוב איז אַ העלד. אָ, זיי זיינען געראַטעוועט! אליעזר בן חנניה און מיין חתן יוחנן איילן פון מזרח זיי צו הילף. די סאָלדאָטן פליען, אַנטלויפן. די בת מלכה וועראָניקא איז געראַטעוועט. זיי קומען אַהער!

יוכבד: (לאַכט מיט נצחון) כאַ! כאַ! כאַ! אירע פריינט! גוט! גוט! גוט! אירע פריינט!...

(פון הינטער דער סצענע: „תחי הבת מלכה וועראָניקא! יחי אליעזר בן חנניה! יחי הנשיא!)

(שמעון בן גמליאל קומט אריין. הינטער אים וועראָניקא אין אַ ווייס קלייד, אויסגעזעצט מיט איידלשטיינער, מיט געבלויזטע אָרעמס, אויף וועלכע עס גלאַנצן זיך גאָלדענע בראַסלעטן. די האָר צעלאָזט. אויפן קאָפּ אַ גאָלדענע קרוין אין דער פאָרם פון אַ מגן־דוד. אויף די פיס ווייסע שיך מיט זילבערנע גלעקלעך. נעבן ברוסט צעריסן און זעט זיך אַרויס דאָס נאַקעטע לייב. זי זעט אויס שטאַרק אויפגערעגט. עובדיה און אַ הויף־פריילין האַלטן זי אונטער די אָרעמס. ווען זי קומט אריין פאַרנויגן זיי זיך אַלע)

שמעון: זיי געגריסט אין מיין הויז, בת מלכה וועראָניקא. און געלויבט זאָל זיין גאָט אונדזער האַר, וואָס ער איז דיר בייגעשטאַנען אין דער סכנה...

וועראָניקא: (מורמלט) דאָס האָב איך ניט דערוואַרטעט פון די רוימישע סאָלדאָטן. זיי מאַכן שוין נישט קיין אונטערשייד צווישן פריינט און פיינט. זיי האָבן מיר דאָס קלייד צעריסן...

עובדיה: ווען דער לייב איז צערייצט, בייסט ער זיין אייגענע פעל...

יוכבד: (שטייענדיק אין אַ ווינקעלע לאַכט מיט נקמה) כאַ! כאַ! כאַ!

וועראָניקא: ווער לאַכט עס אַזוי?

יוכבד: דער גייסט פון גאָט, וואָס שרייט נאָך נקמה! (טרעט אַרויס)

וועראָניקא: (דערזעט זי) דו? (בייגט איין דעם קאָפּ) זיי געגריסט, הייליקע פרוי!

עובדיה: נישט קיין הייליקע פרוי איז זי, נאָר אַ פאַלשע נביאה'טע, דער בייזער גייסט פון ישראל...

יוכבד: געצנדינער, דו דאָרן פון ישראל'ס ווייַנגאָרטן, אַלע קללות פון דער תוכחה.

שמעון: (ברעכט זי אונטער) יוכבד... פאַרגעס נישט, אַז די בת־מלכה ווערעניקאַ איז דאָ!...

יוכבד: די בת מלכה!... כאַ! כאַ! כאַ! אַ וואָרים, וואָס קריכט אין דעם שטויב, אויף וועלכן אונדזערע שונאים טרעטן... וואָרים! וואָרים! וואָרים! (אָפּ)

ווערעניקאַ: עובדיה, וואו איז דיין פאַרשטאַנד? פאַרוואָס האָסטו זי צערייצט?

עובדיה: זיי מוחל עובדיה׳ן, בת מלכה, שווער איז געווען עובדיה׳ן צו באַהערשן זיך נאָך דער שרעקלעכער פאַסירונג מיט דיר!

ווערעניקאַ: איך וועל היינט זען פלאָרוס׳ן וועגן דעם. נשיא, איך בין דאָס געגאַנגען צו דיר. איך האָב דיך געוואָלט בעטן.

שמעון: דיין וואונטש, בת־מלכה, איז פאַר מיר אַ הייליק געזעץ. וואָס איז דיין באַגער?

ווערעניקאַ: שמעון בן גמליאל הנשיא! דער מעכטיקער מאַן אין ירושלים איז איצינד אליעזר בן חנניה. ער איז אַ קעגנער פון אונדז, וואָס זוכן שלום. מיר מוזן אים קריגן אויף אונדזער זייט און נאָר דו אַליין קענסט אים קריגן...

שמעון: איך? ווי אַזוי

ווערעניקאַ: (גייט צו צו אים און שטיל) איך האָב געהערט, אַז אליעזר איז פאַרליבט אין דיינער אַ טאָכטער. גיב אים דיין טאָכטער פאַר אַ ווייב מיטן תנאי, אַז ער זאָל אויפהערן זיין קאַמף...

שמעון: דו קענסט ניט אליעזר׳ן, בת־מלכה...

ווערעניקאַ: איך קען אָבער די ליבע, נשיא. ווען אליעזר האָט זי ליב, וועט ער נאָכגעבן.

שמעון: זיי מיר מוחל, בת־מלכה ווערעניקאַ, קיין באַשטימטן ענטפער קען איך איצינד דיר נישט געבן. איך מוז פריער מיט מיין טאָכטער ריידן פון דעם.

(יוחנן אַריין)

יוחנן: זייט געגריסט!

אימאַ: און וואו איז אליעזר און אונדזער קרוב?

יוחנן: דער העלד פון בבל וואַשט אַרום זיין וואונד און אליעזר איז נעבן אים און דריקט אים אויס זיין באַוואונדערונג.

(אליעזר קומט אַריין שטאָלץ)

אליעזר: זיי געגריסט, נשיא! זייט אַלע געגריסט! און דו, בת־מלכה ווערעניקאַ, זיי אויך געגריסט! דו האָסט אַצינד געשניטן דאָס, וואָס דו און דיין ברודער אַגריפּאַ המלך האָבן פאַרזייט. אויף ירושלים׳ס באָדן האָט איר פאַרזייט אונטערטעניקייט צו די רוימער און פון דעם זיינען אַרויסגעוואַקסן גיפטיקע קרייטעכצער, וואָס האָבן דיך אַצינד שיר ניט געטויטעט, דו פריינדין פון רוים, דו פיינדין פון ישראל!

ווערעניקאַ: (שטאָלץ) אליעזר בן חנניה, ווי וואַגסטו צו ריידן אין אַזאַ שפּראַך צו דער שוועסטער פון דיין קעניג?

אליעזר: פון מיין קעניג? כאַ! כאַ! כאַ! בת־מלכה ווערעניקאַ, אליעזר׳ס

קעניג קען נישט זיין קיין פּיגלינג, קיין בעטלער, וואָס בעטלט רחמנות ביי די רוימער: דער קעניג, פאַר וועמען אליעזר וועט זיין קאָפּ בויגן, מוז זיין שטאָלץ ווי יהודה המכבי און מוז ליבן זיין פאָלק ווי יוחנן החשמונאי!

ווערעניקאַ: איך האָף, אַז מיט דער צייט וועט אליעזר אַליין איינזען, אַז מיר מוזן אַצינד לעבן אין שלום מיט די רוימער און אליעזר וועט דאַן קומען צו אונדז און זיך שטעלן אין דער מחנה, וואָס זוכט שלום...

אליעזר: אליעזר וועט קומען צו אייך? קענען צוזאַמענקומען מזרח און מערב, צפון און דרום, אַזוי קאָן אליעזר צוזאַמענקומען מיט אייך! בת־מלכה ווערעניקאַ, כל זמן אין ירושלים געפינט זיך איין רוימישער סאָלדאַט, וועט אליעזר נישט רוען. פייער און פלאַם, שווערד און שפּיז מוזן זיך פאַראייניקן אין קאַמף קעגן די רוימער. איך וועל וועקן מיין פאָלק צום קאַמף אַזוי לאַנג, ביז דער האַס קעגן די רוימער וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ ים פון הייליקן פייער, וואָס וועט זיך צעטראָגן איבער אַלע ווינקעלעך פון ארץ ישראל! נידער מיט די רוימער! נידער מיט זייערע פריינט, ישראל׳ס פאַררעטער!

יוחנן און אימּמאַ: נידער מיט די רוימער! יחי אליעזר בן חנניה!

שמעון: (מיט אַ שמייכל) קינדער, צינדט נישט אָן מיט אייער פייער די ווענט פון מיין הויז.

עובדיה: די ווענט פון ירושלים ברענען שוין פון אַט דעם בייזן פייער!

(אבנר אַריין האַלטנדיק זיך ביי זיין אָרעם)

מרים: אבנר, דו ביסט אויך פאַרוואונדעט?

אבנר: אבנר איז נישט פאַרוואונדעט, נאָר בן שכני, און בן שכני׳ס וואונד פילט אבנר...

(בן שכני און יוכבד אַריין. דורך בן שכני׳ס פאַרבאַנדאַזשירטן אָרעם זעט זיך אַרויס בלוט)

יוכבד: יונגער העלד, געדענק די וואונד פון די רוימער!

(אַלע קוקן זיך אום צו זיי. ווערעניקאַ עסט זיך איין מיט די אויגן אין בן שכני׳ס געזיכט. אליעזר קוקט אויף אים פריינטלעך!)

שמעון: מיין זון, דו ביזט שטאַרק פאַרוואונדעט?

אבנר: (וויינט) פאַרוואָס האָב איך ניט געקראָגן די וואונד?...

בן שכני: דער ווייטיק פון מיין וואונד איז נישט אַזוי שטאַרק ווי די פרייד, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו קעמפן פאַר דעם קעניג׳ס שוועסטער.

אליעזר: (מורמלט) זיין קעניג׳ס שוועסטער! (רעדט שטיל מיט יוחנן, שמעון רעדט מיט יוכבד, אימּמאַ מיט מרים)

ווערעניקאַ: (שטיל צו עובדיה׳ן) עובדיה, זע ווי שיין ער איז! פאַר שרעק האָב איך גאָרנישט באַמערקט, אַז מיין רעטער איז אַזוי שיין.

עובדיה: ער זעט אויס ווי אַכילעס, שטאַרק און שלאַנק, און יונג, אַן אומגעוויינטלעך שיינער מאַן!

ווערעניקאַ: (צו בן שכני) מיין יונגער העלד, ווי איז דיין נאָמען?

בן שכני: בן שכני.

ווערעניקאַ אַט דעם נאָמען וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. (נעמט אַרונטער אַ רינג פון אַ פינגער) און אַז דו זאָלסט מיין נאָמען געדענקען, נעם

אָט דעם רינג ווי אַן אָנדענק פון דיין היינטיקער העלדישקייט. (בן שכני נעמט און פאַרנויגט זיך)

מרים: (צו אימאַ) **אימאַ, מיין שוועסטער זי פאַרשפּרייט פאַר אים איר נעץ!...**

יוכבד: (צוגעגאַנגען צו ווערעניקאַ) **דעק צו דיין זינדיק לייב!** (דעקט זי צו ביים בוזים, וואו דאָס קלייד איז צעריסן, און טרעט אָפּ צוריק)

מרים: (נעמט פון האַלדז אַרונטער אַ טיכל) **בן שכני, דיין וואונד בלוטיקט, לאָז מיך דיין וואונד פאַרבינדן.**

בן שכני: (רייסט אַרונטער דעם באַנדאַזש פון זיין אָרעם און שטעלט אים אויס צו מרים) **איך דאַנק דיר.**

ווערעניקאַ: (רייסט פון זיך אַרונטער אַ ברייטן באַנד און איילט צו אים) **די וואונד, בן שכני, האָסטו צוליב מיר געקראָגן און איך דאַרף זי דיר פאַרבינדן.**

בן שכני: **איך דאַנק דיר, בת־מלכה, אַ צאַרטע האַנט פאַרבינדט שוין מיין וואונד...**

ווערעניקאַ: (צעמישט) **עובדיה, דאָס איז די ליבע! ווער איז זי?...**

עובדיה: **די וואָס אליעזר ליבט, בת־מלכה.**

ווערעניקאַ: **עובדיה, אויב דאָס איז ליבע, מוז זי צעשטערט ווערן. דעם נשיא׳ס טאָכטער מוז זיין אליעזר׳ס ווייב און דער יונגער העלד מוז זיין פריי. דו הערסט?**

עובדיה: **איך בין מקנא זיין גליק, בת מלכה!** (שמעון בן גמליאל גייט צו צו זיי און רעדט אין דער שטיל)

אליעזר: (ריידנדיק מיט יוחנן) **איך וועל זי פרעגן.** (גייט צו צו מרים׳ן) **נשיא׳ס טאָכטער, מרים, אליעזר איז נאָך דיין ענטפער געקומען.** (זי שווייגט) **איז מרים אליעזר׳ס געליבטע כלה?**

מרים: **איך ווייס נאָך נישט, אליעזר.**

אליעזר: **אליעזר׳ן האָט זיך גע׳חלום׳ט, אַז ער איז גליקלעך. מרים, זיי דו פותר אים דעם חלום...**

מרים: **איך קען נישט, אליעזר...**

אליעזר: **דו קענסט נישט** (באַהערשט זיך) **זיי דו מוחל אליעזר׳ן, ער וועט נאָך וואַרטן** (טרעט אָפּ פון איר און פאַר זיך) **דו, אליעזר׳ס לילית, דו אומריינער פייער, וואָס דו ברענסט אליעזר׳ס זינדיק פלייש! כאַ! כאַ!**

ווערעניקאַ: **נשיא, געדענק, דיין טאָכטער מוז זיין אליעזר׳ס פרוי! בן שכני, באַגלייט מיך!**

בן שכני: **ווען דו באַפעלסט, בת־מלכה...** (גייט נאָך איר)

מרים: (מורמלט צעמישט) **ער איז פאַרלאָרן!** (שמעון באַגלייט ווערעניקאַ צום ארויסגאַנג. יוחנן און אימאַ ריידן אין אַ ווינקל)

אליעזר: (טוט זיך אַ כאַפּ פון וואָס טראַכט איך (פלוצלונג) **בת־מלכה ווערעניקאַ, האַלט!**

ווערעניקאַ: (אָפּגעשטעלט זיך) **וואָס פאַרלאַנגט אליעזר?**

אליעזר: אליעזר האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט און וויל דאָס דיר אויך דערמאָנען. דו קוק אָן אונדזער פאָן. (ווייזט איר אויף דער אידישער פאָן אין צענטער)

ווערעניקא: איך זע! (גייט צו דער פאָן און קושט זי) פאַרגעס ניט, אַז איך געהער אויך צו דער משפחה פון די חשמונאים.

אליעזר: דערפאַר דערמאָנט דיך אליעזר, אַז די הייליקע פאָן פון די חשמונאים איז די פאָן פון פרייהייט און ניט פון שקלאַפעריי.

ווערעניקא: די פרייהייט פון מיין פאָלק איז מיין האַרצן אַזוי טייער ווי אליעזר'ן, דערפאַר זוך איך שלום...

יוכבד: (האָט דערווייל אַרויסגענומען פון זאַק אַ ליכט, האָט עס אָנגעצונדן, אָן דעם אַנדערן, וואָס ברענט אין דער כלי, און עס צוגעטראָגן צו ווערעניקא'ן) נעם עס אין דיין האַנט, ווערעניקא...

ווערעניקא: וואָס איז דאָס, הייליקע פרוי?

יוכבד: דאָס פייער פונעם הייליקן האָס! (ווערעניקא קוקט זי אָן מיט פחד) נעם עס אין דיין האַנט! שרעק זיך ניט און נעם עס אַריין אין דיין האַנט. און טאָמער צאַפּלט זיך נאָך אין דיין זינדיקן גוף אַ אידישע נשמה, וועט זי זיך מיט ליבע צו דיין פאָלק אָנצינדן...

ווערעניקא: מיט ליבע? הייליקע פרוי, די ליבע האָט אין מיין נשמה שטענדיק געברענט...

יוכבד: די הייליקע ליבע מיין איך, ניט די זינדיקע. נעם!...

ווערעניקא: (נעמט דאָס ליכט און קוקט אויף יוכבד צעמישט) וואָס זאָל איך מיט דעם טאָן?...

יוכבד: (מיט התלהבות) אַזוי ווי דאָס ליכט ברענט, אַזוי זאָל דאָס פייער פון האָס אין דיין האַרצן קעגן די רוימער ברענען! (ווערעניקא טוט זיך צעשראָקן אַ צאַפּל. יוכבד מיט נאָך מער עקסטאַז) אַזוי ווי דאָס ליכט ברענט, אַזוי זאָל דאָס פייער פון האָס אין דיין האַרצן קעגן די רוימער ברענען!

ווערעניקא: (הויבט אָן שרייען) ניין! ניין! ניין! (לעשט אויס דאָס ליכט, לאָזט עס אַרויס פון די הענט, טוט אַ כאַפּ בן שכני און אַפּ מיט אים און עובדיה'ן)

יוכבד: נישטאָ ביי איר קיין אידישע נשמה, וואָס זאָל זיך אָנצינדן...

אליעזר: דאָס פייער פון עבודה זרה ברענט אין איר נשמה...

מרים: (פּלוצים) עראָס, דער זינדיקער גאָט פון די גריכן. (צעוויינט זיך)

שמעון: מיין קינד, וואָס וויינסטו?

מרים: מיט אים איז זי פול, די זינדערין... הייליקע יוכבד, פאַרשילט זי! פאַרשילט זי! פאַרשילט זי! (לויפט אַרויס מיט געוויין. שמעון נאָך איר)

יוכבד: גאָט זאָל זי משפּט'ן... (נעמט איר זאַק) דו גייסט, אליעזר?

אליעזר: איך דאַרף גיין מיט יוחנן תורה לערנען.

יוכבד: און איך גיי מיט מיינע ליכט, אָנצינדן אידישע נשמות... (גייט. אליעזר, יוחנן, און אימא קוקן איר נאָך)

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם

דריטער אַקט

די חתונה ביי שמעון בן גמליאל׳ס טאָכטער

(אַ גרויסער גאָרטן מיט בלומען און שיינע פּלאַנצן. אינס הינטערגרונט די פליגל פון דעם נשיא׳ס הויז. ביי די זייטן זיינען אויסגעשטעלט טישן מיט משקאות און שפּייזן. הינטער דער סצענע געזאַנג און פריילעכע געשרייען. פויזע. בן שכני און מרים דערשיינען)

בן שכני: קום, מרים, ביי דער חופה וועלן זיי דאָרט ניט באַמערקן, אַז מיר זיינען אַוועק. קום, מיין באַגער איז צו זיין אַליין מיט דיר, צו אָטעמען דעם ליבעס־דופט פון דיינע האָניק־ליפּן...

מרים: און די בת מלכה ווערעניקאַ?

בן שכני: אַלע אירע גיטער, אַלע אירע אוצרות, איר גאַנצן גלאַנץ וועל איך ניט פאַרביטן אויף איין פּערל־טרער פון דיינע אומשולדיקע אויגן...

מרים: זי איז אַ זינדערין, בן שכני, אַ פאַרפירערין, ווי איר זינדיקע מוטער סאַלאָמיי. אָ, בן שכני, פאַרוואָס גייסטו צו איר? פאַרוואָס טרייבסטו אַ וואָלקן פון טרויער אויף מיין נשמה, אויב דו האָסט מיך ליב?

בן שכני: איך גיי צו ווערעניקאַ, ווייל זי פאַרלאַנגט פון מיר איך זאָל זי לערנען זינגען. דערפאַר לערנט זי מיך די גריכישע שפּראַך. זי איז אַ געבילדעטע, קלוגע פרוי.

מרים: (אייפערזיכטיק) און שלוי ווי אַ פוקס איז זי — און שיין!

בן שכני: ניט אַזוי שיין ווי דו, מרים!

(אליעזר דערשיינט אומבאַמערקט פון זיי, טוט זיך אַ כאַפּ צוריק, ווי פון אַ שטאַרקן שטויס, בלייבט אָבער דערנאָך שטיין הינטער אַ בוים)

מרים: בן שכני, גיי נישט מער צו ווערעניקאַ, מען וועט דיך נאָך פאַרדעכטיקן, אַז דו ביזט אַ רוימער־פריינט, ווי זי. און, ווידער, ווייסטו דען ניט פון דעם נייעם געזעץ, וואָס אליעזר האָט נעכטן געצוואונגען דעם סנהדרין אָנצונעמען קעגן לערנען פרעמדע שפּראַכן? מען קען דיך נאָך פאַרקלאָגן פאַר לערנען די גריכישע שפּראַך.

בן שכני: (מיט היץ) קיינע געזעצן פון אליעזר׳ן קענען מיך ניט פאַרהינדערן פון לעשן מיין דורשט נאָך וויסן — דען וויסן איז חכמה.

אליעזר: (טרעט אַרויס מיט פינצטערע אויגן) זייט מוחל אליעזר׳ן — אליעזר האָט נישט געוואָלט זיך אונטערהערן. אליעזר׳ס אויערן האָבן אָבער ניט ווילנדיק געהערט וואָס דו, יונגער תלמיד־חכם פון בבל, האָסט גערעדט... יונגער תלמיד־חכם, דו ביזט גערעכט... וויסן איז חכמה, — דערפאַר זאָלסטו וויסן, אַז פון נעכטן אָן טאָר קיין איד נישט לערנען די שפּראַך פון געצנדינער. זייערע שירים נישט זינגען, און זייערע זנות־טענץ נישט טאַנצן. ווער עס איז

עובר אויף דעם געזעץ, איז חייב מיתה. דאָס זאָלסטו וויסן, יונגער תלמיד־חכם פון בבל. דען וויסן איז הכמה!

בן שכני: אָבער אַזאַ געזעץ, אליעזר, וועט אויפרייצן נאָך מער אונדזערע שונאים קעגן אונדז, וועט נאָך מער אָפּשוואַכן דעם בונד מיט אַנדערע פעלקער.

אליעזר: וועט אָפּשוואַכן אונדזער בונד מיט געצנדינער און וועט אונדזער בונד מיט אונדזער גאָט פאַרשטאַרקן. דאָס וויל אליעזר! די נשמה פון ישראל וויל ער אָפּרייניקן. אַ נעסט פון עבודה זרה איז די נשמה פון מיין פאָלק. פרעמדע געטער האָבן דעם אָרט פון אונדזער גאָט דאָרט פאַרנומען. די ערד פון ירושלים און דער הימל פון ציון פוילן, פוילן פון די זנות און הפקרות פון ירושלים׳ס זין און טעכטער. יונגער תלמיד־חכם פון בבל, אליעזר וואָרנט דיך נאָך אַמאָל: הייליק איז דאָס געזעץ און פאַר עובר זיין אויף אים, איז מען חייב מיתה...

מרים: (מיט שרעק) אליעזר, בן שכני וועט אָפּהיטן דאָס געזעץ און צו ווערעניקא וועט ער אויך מער נישט גיין.

אליעזר: (קוקט זי אָן מיט אַ שאַרפן בליק. דאַן טוט ער שפּאַטיש אַ שמייכל) ווי דו האָסט זיך דערשראָקן, נשיא׳ס טאָכטער! פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? פאַרוואָס? (פויזע) אָבער אפשר שטערט אליעזר? נשיא׳ס טאָכטער, זיי דו מוחל אליעזר׳ן, זיי דו מוחל, זיי דו מוחל! (אָפּ מיט אַ ביטערן שמייכל)

מרים: (מיט שרעק) בן שכני, אליעזר׳ס פינצטערער אויסזען שרעקט מיך... ער פאַרשטייט, אַז מיין האַרץ בענקט נאָך דיר, און אַצינד וועט ער דיך פאַרקלאָגן און דו ביזט פאַרלאָרן.

בן שכני: ניין, מרים, ער וועט עס ניט טאָן. דער גרויסער העלד פון ירושלים וועט מיין ליבע ניט זוכן אויסצולעשן ווי אַ פייגלינג...

מרים: בן שכני, ווען אליעזר וואָלט מיך אויך געהאַסט!

בן שכני: אליעזר איז פרום. ווי אַזוי קען ער האַסן אַ מלאך?

מרים: היינט וועל איך אים מוזן אַן ענטפער געבן און דאָס קרענקט מיך אַזוי...

בן שכני: און וואָס וועט דיין ענטפער זיין?

מרים: מיין ענטפער וועט זיין: „אליעזר, אַלע ווינקעלעך פון מיין האַרצן זיינען שוין פאַרנומען..."

בן שכני: געבענטשט זאָל זיין דיין ענטפער...

מרים: ער האָט שוין מיט מיין פאָטער — מיין האַר — אויך גערעדט...

בן שכני: וואָס האָט דער נשיא אים געענטפערט?

מרים: ער האָט אים געענטפערט: „רייד מיט מיין טאָכטער. אויב זי וועט וועלן גיין נאָך דיר, וועט מיין ברכה אייך באַגלייטן. אויב זי וועט דיר אָפּזאָגן, וועל איך דאָס באַדויערן, אָבער איך וועל זי נישט צווינגען צו גיין נאָך דיר אָן לוסט אין איר האַרצן."

בן שכני: אַזוי רעדט דער גייסט פון בית הלל, און איך בין אַזוי גליקלעך! מרים, זאָג ווי ליב דו האָסט מיך.

מרים: מײַן האַרץ בענקט נאָך דיר, בן שכני.

בן שכני: און מײַן האַרץ בענקט נאָך דיר, מרים.

מרים: בן שכני, מיר איז אַזוי טרויעריק, אַזוי שווער...

בן שכני: פאַרוואָס?

מרים: איך האָב מורא, אַז בײַז וועט דיר געשען...

בן שכני: (לאַכט) טראַכסטו אַלץ פון מיר?

מרים: אַ שרעקלעכן חלום האָב איך די נאַכט געזען...

בן שכני: אַ שרעקלעכן חלום?

מרים: איך בין געגאַנגען צווישן די בלומען אין אונדזער גאָרטן און האָב אַ קראַנץ געפלאָכטן...

בן שכני: פאַר וועמען?

מרים: פאַר דיר. האָב איך פלוצים דײַן קול דערהערט... דו האָסט תורה געלערנט. האָב איך דאָן די שענסטע בלום פון אונדזער גאָרטן אויסגעריסן און אין דעם קראַנץ אַרײַנגעפלאָכטן און געטראַכט: דעם קראַנץ וועל איך בן שכני'ן שענקען...

בן שכני: אָ, איך דאַנק דיר, מרים, וואָס אין חלום אפילו פאַרגעסטו מיך ניט...

מרים: דאָן האָב איך דײַן געזאַנג דערהערט, האָב איך זיך אָן דער זינ־דערין ווערעניקא דערמאָנט און האָב דעם קראַנץ אַוועקגעוואָרפן...

בן שכני: ווײ איז צו מיר און צו מײַן קראַנץ!

מרים: האָב דעם קראַנץ אַוועקגעוואָרפן און...

בן שכני: און וואָס?...

מרים: און איך האָב דערהערט אַ געוויין...

בן שכני: אַ געוויין? ווער האָט געוויינט?

מרים: איך... איך אַליין...

בן שכני: הונדערט מאָל ווײ איז צו מיר!...

מרים: און פלוצים האָב איך דערהערט אימיצער רעדט הינטער מיר אַזוי זיס, אַזוי זיס ווי מיט אַ קול, פון וועלכן האַניק וואָלט געפלאָסן. איך הויב אויף מײַנע אויגן, ערשט מײַן קראַנץ, וואָס איך האָב אַוועקגעוואָרפן, איז אין אַ שלאַנג מגולגל געוואָרן און זי רעדט דאָס צו מיר...

בן שכני: (פלוצים צעמישט) וואונדער! אַ שלאַנג!... וואָס האָט זי גערעדט?

מרים: זי האָט גערעדט... „איך בין די שלאַנג פון גן־עדן, מרים"...

בן שכני: (נאָך מער צעמישט) די שלאַנג פון גן־עדן?

מרים: (מיט שרעק) „און איך בין... ווערעניקאָ'ס נשמה.." (קוקט אויף אים מיט צעשראָקענע אויגן)

בן שכני: (צעטומלט) ווערעניקאַ'ס נשמה?...

מרים: „און איך בין געקומען נאָך בן שכני'ס לעבן"...

בן שכני: נאָך מײַן לעבן?

מרים: האָב איך גענומען שרײַען...

בן שכני: שרייען? און דערנאָך?...

מרים: דערנאָך ווייס איך נישט... איך האָב זיך אויף מיין געלעגער אויפגעכאַפּט און מיין שוועסטער אימא איז נעבן מיר געשטאַנען און האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך שריי... בן שכני, איך האָב אַזוי מורא...

בן שכני: באַרואיק זיך, מרים. איך וועל איין טאָג פאַסטן און דער חלום וועט קיין שליטה ניט האָבן...

מרים: און איך וועל צוויי טעג פאַסטן בן שכני און אַצינד קום צו דער חופּה. (ביידע אָפּ)

(פּויזע. די בינע בלייבט אַליין. פונם הויז געשרייען: („תחי הבת־מלכה ווערעניקא!״) (שמעון, ווערעניקא און עובדיה דערשיינען)

ווערעניקא: (אויפגערעגט) נשיא, איך באַדויער זייער, וואָס די בשורה, וואָס איך האָב דיר געבראַכט, וועט שטערן די שמחה פון דיין הויז. איך קום אַצינד פון פלאַרוס...

שמעון: אַ נייע גזירה?

ווערעניקא: אַ שרעקלעכע! רייד דו, עובדיה.

עובדיה: אויב דער שטן המשחית לאָכט אַמאָל אַזוי, אַז דער הימל ציטערט, לאַכט ער דאָס פון די פרומע פּרושים: זיי זיינען זיינע בעסטע שלוחים און מיינען, אַז זיי זיינען שלוחים פון גאָט!

שמעון: וואָס זאָגט דער קלוגער עובדיה?

עובדיה: עובדיה זאָגט: ווען איר, די פרומע פרושים, מיט אליעזר'ן אין דער שפּיץ, וואָלט נעכטן נישט געטאָן די פינצטערע שליחות פון דעם שטן המשחית און וואָלט נישט געפּאַסט אַ געזעץ אין סנהדרין קעגן פרעמדע שפּראַכן און קעגן אַלעס, וואָס איז באַלויכטן מיט דער זון פון אויפגעקלערטע פעלקער, וואָלט אַצינד דער קאָפּ פון יוכבד'ס זון נישט געשטעקט אויף אַ שפּיז פון אַ רוימישן סאָלדאַט...

שמעון: ווײ געשריען! וואָס הער איך! דער אכזר פלאַרוס האָט דעם קאָפּ פון יוכבד'ס זון אַרונטערגענומען? (דעקט צו דעם פּנים מיט ביידע הענט) און די מוטער טאַנצט דאָרט אויף מיין טאָכטער'ס חתונה און זי ווייסט ניט. זי ווייסט ניט פון איר בראָך!

עובדיה: (סאַרקאַסטיש) אָ, יוכבד די נביאה ווייסט. אַ בת־קול פונם הימל האָט איר שוין מסתמא אָנגעזאָגט...

ווערעניקא: עובדיה, רייד נישט אַזוי. דו ביזט צו שלעכט.

עובדיה: דו מיינסט אויך, בת מלכה, אַז מען האָט עס איר פונם הימל נישט אָנגעזאָגט?...

ווערעניקא: (שטרענג) עובדיה!

שמעון: (זיפצט) געווען דער בעסטער תלמיד פון בית שמאי, אַ לעבעדיקער קוואַל פון תורה!...

ווערעניקא: צוערשט, ווען פלאַרוס האָט זיך דערוואוסט פון דעם נייעם געזעץ, האָט ער גלייך געפּאָדערט, אַז דו, שמעון בן גמליאל, ווייל דו

האָסט אַזאַ געזעץ דורכגעלאָזט, זאָלסט אויס נשיא ווערן און דיין אָרט זאָל ער, דיין פריינט עובדיה, פאַרנעמען.

שמעון: (בויגט איין דעם קאָפּ) צו יעדער צייט, בת מלכה, בין איך גרייט מקריב צו זיין מיין כבוד, אויב דאָס קען נאָר פיל־ניט־איז העלפן מיין פאָלק. אין בית הלל האָט זיך קיינער קיינמאָל נאָך כבוד ניט געיאָגט...

ווערעניקא: איך האָב אָבער ביי אים גע׳פועל׳ט, אַז דיין כבוד זאָל נישט אָנגערירט ווערן...

שמעון: דאָס באַדויער איך. דאָס באַדויער איך זייער שטאַרק, בית מלכה.

ווערעניקא: פאַרוואָס?

שמעון: ווייל אויב דו האָסט עפּעס געקאָנט פועל׳ן ביים אכזר, האָסטו ניט געדאַרפט אין זינען האָבן, אַז מיין כבוד זאָל נישט אָנגערירט ווערן, נאָר אַז דער קאָפּ פון יענעם יונגן תלמיד־חכם זאָל ניט אָנגערירט ווערן. דו האָסט עס נישט געטאָן, און פון אַצינד אָן וועל איך פילן אַזוי, ווי מיין כבוד וואָלט מיט אומשולדיק בלוט פון אַ תלמיד־חכם באַפלעקט געוואָרן...

ווערעניקא: איך האָב ניט געקאָנט העלפן.

עובדיה: עובדיה באַדויערט נאָר, וואָס דאָס איז נישט דער קאָפּ פון אליעזר בן חנניה!..

שמעון: האָסטו, עובדיה, אים די עצה געגעבן, אַז ער זאָל אַרונטערנעמען דעם קאָפּ פון דעם יונגן תלמיד־חכם?

עובדיה: דאָס וועט ווייזן אונדזער האַרטנעקיקן פאָלק, וואָס גלויבט אין דער נביאה׳טע יוכבד, אַז אפילו דעם קאָפּ פון איר אייגענעם זון האָט זי נישט געקענט באַשיצן!...

שמעון: וויי איז צו דעם פאָלק, וואָס האָט אַזוינע זין ווי דו, עובדיה!

עובדיה: און עובדיה זאָגט: וויי איז צו די זין, וואָס האָבן אַזאַ פאָלק... ווי עובדיה.

ווערעניקא: עובדיה איז גערעכט, נשיא. אונדזער פאָלק, וואָס איז אַזוי קליין אין צאָל, האָט נישט געדאַרפט זיין אַזוי האַרטנעקיק.

שמעון: קליין אין צאָל? בת מלכה ווערעניקא, די אמת׳ע גרויסקייט פון אַ פאָלק ווערט ניט געמאָסטן לויט זיין צאָל, אַזוי ווי אמת׳ע גרויסקייט פון אַ מענטשן ווערט ניט געמאָסטן לויט דעם וואוקס פון זיין גוף. הלל הזקן איז געווען קליין אין וואוקס, דאָך האָבן די גרעסטע מענטשן אין זיין צייט און אין אונדזער צייט זיינע קנעכלעך אפילו נישט דערגרייכט... גייסט, נשמה, עבודת הקודש, הייליקע אַרבעט, מעשים טובים, און מקריב זיין דעם גוף פאַר דער נשמה — דאָס איז די איינציקע מאָס פאַר אמת׳ער גרויסקייט...

עובדיה: און וואָס איז דער גייסט פון אונדזער פאָלק וואָס מאַכט אים אַזוי גרויס?

שמעון: דער גייסט פון ישראל איז אַן אייביק פייער, וואָס באַוועגט אים צו מקריב זיין זיך פאַר דער עבודת הקודש, פאַר דאָס, וואָס עס איז זיין נשמה הייליק... דערמיט צייכנט ער זיך אויס צווישן אַנדערע פעלקער און אין דעם

איז זיין גרויסקייט. בעת אַנדערע פעלקער זיינען מקריב די נשמה פאַר דעם גוף, האָט ישראל תמיד מקריב געווען דעם גוף פאַר דער נשמה...

עובדיה: דאָן וועט ישראל אונטערגיין.

שמעון: גוף, חומר גייט אונטער, גייסט לעבט אייביק...

(אבנר שיכור׳לעך דערשיינט)

אבנר: דו קרוין פון ישראל, דו ליכט פון יהודה, די נביאה יוכבד באַגערט צו זען דיין ליכטיק פּנים. זי וויל טאַנצן מיט דיר לכבוד חתן־כלה און לכבוד גאָט!

שמעון: איך קום גלייך (אבנר אָפּ) אומגליקלעכע יוכבד, ווען זי זאָל וויסן... זאָלן מיר אָבער די שווערע וואָלקנס באַגראָבן אין אונדזער האַרצן, כדי דער זוניקער טאָג פון חתן־כלה זאָל היינט ניט פאַרפינצטערט ווערן. קומט, מיינע געסט!

עובדיה: נשיא, וואַרט. איך האָב נאָך דיר אַ פאָדערונג איבערצוגעבן פון פלאַרוס׳ן.

שמעון: וואָס נאָך פאָדערט דיין פריינט פלאַרוס?

עובדיה: דו מוזט בטל מאַכן דאָס געזעץ פון אליעזר׳ן, וואָס דו און דער סנהדרין האָבן נעכטן אָנגענומען.

שמעון: ווי אַזוי קען איך דאָס?

ווערעניקאַ: נשיא, דו מוזט עס טאָן. פלאַרוס האָט זיינע סאָלדאַטן אָנגעגרייט, פאַרמייד אַ שחיטה...

שמעון: וויי געשריען! איך וועל עס פאַרברייגען פאַר דעם סנהדרין...

עובדיה: ער פאָדערט אַ משכון...

שמעון: ווידער אויף אָפּצוהאַקן אַ קאָפּ?

עובדיה: דאָס מאָל פאָדערט ער אַן אַנדער משכון.

שמעון: וואָס?

עובדיה: די ביידע הייליקטימער וואָס געפינען זיך ביי דיר אינם הויז, נשיא: הלל׳ס תורה און די פאָן פון די חשמונאים...

שמעון: (קוקט אים אָן מיט גרויסע אויגן) קלוגער עובדיה, דו שפּאַסט! דו שפּאַסט!

עובדיה: נשיא, עובדיה שפּאַסט ניט. זאָל די בת־מלכהריידן!

ווערעניקאַ: אמת, נשיא.

שמעון: אמת? (צעטומלט) דאָן פאַרשטיי איך ניט, ווי אַזוי דער קלוגער עובדיה האָט געקענט אַזוי לייכט אַרויסריידן אַזאַ פאָדערונג! עובדיה, ביזטו אַ איד?

עובדיה: אַ איד מיט אָפענע אויגן און מיט אַן אָפענעם פאַרשטאַנד, נשיא!

שמעון: אויב דו ביזט אַ איד, ווי אַזוי האָסטו נישט צעריסן די קליידער אויף זיך, ווען דו האָסט די פאָדערונג דערהערט? פאַרוואָס האָסטו דיין קאָפּ מיט אַש נישט באַדעקט, ווען דו ביזט געגאַנגען צו מיר מיט אַזאַ שליחות?

עובדיה: געווען אַ צייט, נשיא, ווען די קליידער פון כהן גדול זיינען געלעגן אין משכון ביי די פּראָקוראַטאָרן פון רוים. קיין אומגליק נישט, ווען די צוויי הייליקטימער וועלן אויך ביי אים אין משכון ליגן. נשיא, דאָס וועט צוימען דעם פינצטערן גייסט פון אליעזר בן חנניה...

שמעון: דאָס וועט צוימען... איך פאַרשטיי... עובדיה, דו האָסט אים די עצה אויך געגעבן! איך מוז אַנטשוויגן ווערן. מיינע לעפצן האָבן קיינמאָל קיין קללה ניט אַרויסגעבראַכט, און אַצינד, אַצינד... ניין, איך וויל נישט הערן מיין קול, ווי אַזוי ער וועט שילטן! (ווערט אַנטשוויגן און הויבט אָן צו שפּרייזן הין און צוריק)

ווערעניקאַ: נשיא, דאָס מוז אָבער געטאָן ווערן, כדי צו פאַרמיידן אַ שחיטה...

עובדיה: ווען אין ירושלים וועט רואיק ווערן, וועט מען די צוויי הייליקטימער צוריקקערן.

שמעון: איך קען דיין איידעלן פּריינט טרויען מיין לעבן, דאָס לעבן אפילו פון מיינע קינדער, אָבער נישט די הייליקטימער. הער אויס, עובדיה: זייט דורות הייליקט בית הלל און גאַנץ ירושלים די תורה וואָס הלל הזקן האָט מיט זיין אייגענער האַנט געשריבן. הלל׳ס נשמה איז זי, זיין גייסט, די נשמה פון כל ישראל. אַלע אוצרות פון דער וועלט קענען עס נישט קויפן. הייליק איז עס פאַר יעדן אידן אין ירושלים, ווי דער בית המקדש, און אַזוי ווי דאָס איז הייליק, איז אויך די פאָן פון די חשמונאים. אָט די פאָן האָט דער פאָטער פון די חשמונאים, דער אַלטער כהן מתתיהו אַליין, געוועבט מיט זיין אייגענער האַנט. תפילות פאַר דעם אידישן קיום האָט ער אין איר אַריינגעוועבט, ברכות פאַר זיינע זין, די העלדן, און צאָרן קעגן ישראל׳ס שונאים. אונטער איר האָט יהודה המכבי געקעמפט, יוחנן החשמונאי און זיינע ברידער. זי איז דער צייכן פון אונדזער זיג, פון אונדזער קיום, פון אונדזער זעלבסט־שטענדיקייט און פון אונדזער בונד מיט גאָט. זייט יוחנן הורקנוס הייליקט זי דאָס הויז פון נשיא. קען מען ריידן פון דעם, אַז מען זאָל זי אָפּגעבן אין משכון צו אַ צורר ישראל?

עובדיה: וואָס זאָל אים עובדיה זאָגן?

שמעון: זאָג, עובדיה, דיין איידעלן פּריינט פלאָרוס: צוויי גרויסע ליכט באַלויכטן ירושלים, די זון אין הימל און הלל׳ס תורה די ערד. אַזוי ווי ער קען אָוועקנעמען די זון פון ירושלים׳ס הימל, אַזוי וועט ער קאָנען אַוועקנעמען הלל׳ס תורה פון ירושלים׳ס ערד. און וועגן דער פאָן — זאָל זיין פּריינט עובדיה נשיא ווערן, דאַן אפשר וועט ער זי קריגן. ביי נשיא שמעון בן גמליאל — קיינמאָל נישט!

ווערעניקאַ: (מיט שרעק) נשיא, דאָס איז נישט קיין ענטפער, דערמאָן זיך אָן דאָס בלוט, וואָס וועט פאַרגאָסן ווערן.

שמעון: איך געדענק דאָס, בת־מלכה, הלואי וואָלסטו אַזוי פון דעם געטראַכט. גוט, עובדיה, דאָס געזעץ פון אליעזר׳ן וועט בטל ווערן, כדי נישט צו געבן דיין איידעלן פּריינט אָן אויסרייד צו פאַרגיסן בלוט...

עובדיה: און א משכון?

שמעון: זאָל ער מיך נעמען. איך בין גרייט. באַלד נאָך מיין טאָכטערס חתונה וועל איך צו אים אליין קומען...

ווערעניקאַ: ניין נשיא, דו נישט. דאָס וועל איך נישט דערלויבן. דאָן האָבן מיר אָפּגעשטעלט די שחיטה דורך געלט. מיר וועלן איצט אויך געלט שיקן (נעמט אַרונטער אַ שנירל פּערל פון זיך) נעם, עובדיה, טראָג אים אָפּ. דאָס וועט אים אָבער זיין ווייניק.

שמעון: איך ברענג באַלד דאָס ביסל געלט, וואָס איך פאַרמאָג. (אָפּ)

עובדיה: בת־מלכה, עובדיה האָט געזיגט, דאָס געזעץ פון אליעזר'ן ווערט בטל.

ווערעניקאַ: אויף ווי לאַנג, עובדיה?... אָבער מאָרגן מוז איך פאַרלאָזן ירושלים. קיין רו האָב איך דאָ נישט. ווען בן שכני זאָל מיט מיר פאָרן!

עובדיה: טראַכסט פון אים?

ווערעניקאַ: נאָר פון אים, נאָר פון אים. ער מוז מיט מיר קיין רוים פאָרן. ער מוז!

עובדיה: עובדיה איז אים מקנא, בת־מלכה...

ווערעניקאַ: עובדיה, אָבער זע, אַז פלאָרוס זאָל קיין בלוט ניט פאַרגיסן. איך בעט דיך. דו ווייסט וואָס? צו באַווייזן אים, אַז אליעזר'ס געזעץ איז בטל, וועלן היינט ביים נשיא אויף דער חתונה מיינע שקלאַפינען נירונ'ס וואַקכאַ־נאַליעס־טאַנץ טאַנצן. זאָג דאָס אים!

עובדיה: דאָס געפעלט מיר! און אליעזר זאָל דאָס זען! (קוקט זיך אום) ווערעניקאַ, איך מוז עס דיר זאָגן...

ווערעניקאַ: וואָס?

עובדיה: איך האָב באַשלאָסן צו באַפרייען ירושלים פון אליעזר'ן... היינט... איך האָב אַ מעסער פון אַ סיקאַריער ביי זיך...

ווערעניקאַ: שטיל! (קוקט זיך אַרום) זאָל דיר גאָט העלפן...

(שמעון קומט מיט צוויי זעקלעך)

שמעון: מער האָב איך ניט. געדענק אָבער, עובדיה, קיין בלוט, קיין הייליקטימער.

ווערעניקאַ: נשיא, עובדיה וועט אַהער שיקן מיינע שקלאַפינען, זיי זאָלן אויף דיין שמחה טאַנצן אַ רוימישן טאַנץ. דאָס וועט באַווייזן פלאָרוס'ן אַז אליעזר'ס געזעץ איז בטל...

שמעון: זאָל דאָס אויך זיין אַן אויסליז פאַר דאָס בלוט און פאַר די הייליקטימער. וואָס קען איך טאָן? אליעזר וועט דאָס ניט פאַרשטיין. ער טאָר אָבער גאָרנישט וויסן. קיינער ניט, קיינער ניט. זאָל די חתונה פון מיין טאָכ־טער היינט ניט געשטערט ווערן! קום, בת מלכה, דו וועסט באַערן מיין שמחה!

(אָפּ מיט ווערעניקאַ'ן און עובדיה'ן. געשרייען פון דעם הויז: „תחי הבת־מלכה ווערעניקאַ!")

אליעזר און נעמית קומען אַרויס)

אליעזר: נעמית, זי טאַנצט מיט אים, מיט בן שכני'ן!..

נעמית: בראָטן זאָל ער זיך אויף אַ פייער פון גיהנום, מיין האַר...

אליעזר: פון אליעזר'ן טראַכט זי נישט, דעם נשיא'ס טאָכטער! זי טראַכט פון דעם יונגנמאַן פון בבל!

נעמית: מכשפות זאָלן פון זיין פלייש אַ סעודה מאַכן, מיין האַר!

אליעזר: איר האַרץ איז אָפן פאַר אים!

נעמית: זיין האַרץ זאָל אַ נעסט ווערן פאַר שלאַנגען און אין זיין קאָפּ זאָלן זיך שאַקאַלן פּיטערן...

אליעזר: שילט נישט אַזוי ווי בלעם, דו ווייסט אליעזר האָט דאָס פיינט! (זעצט זיך)

נעמית: מיין האַר, הלואי וואָלט דיין וואָרים נעמית בלעם געווען, ער וואָלט פאַרשאָלטן אים און זיין קנעכט אבנר'ן. נעמית האָט אבנר'ן שיר די נאָז אָפּגעביסן...

אליעזר: פאַרוואָס?

נעמית: ווייל ער איז דער געטרייער קנעכט פון בן שכני...

אליעזר: נעמית, זע אויב זיי טאַנצן נאָך!

נעמית: (צוגעלאָפן צום פליגל פונם הויז און אַריינגעקוקט) קנעכט פון בבל, הינט זאָלן אין דיינע געדערים בילן! (קערט זיך אום) זיי טאַנצן נאָך און די בת־מלכה מיט זיי!...

אליעזר: זיי טאַנצן נאָך! (דעקט צו דעם פּנים מיטביידע הענט)

נעמית: אליעזר, מיין האַר...

אליעזר: נעמית, דאָס פאָלק רופט אליעזר'ן „שטאַרקער אָדלער" און ער איז אַ שוואַכער וואָרים. דאָס פאָלק דענקט, אַז אליעזר איז אַ הייליקער און ער איז זינדיק. אין גאַנצן זינדיק. יעדעס טראָפּן בלוט אין זיין גוף ברענט מיט זינדיקן פייער. (הויבט זיך אויף) זי מוז אליעזר'ס ווייב זיין! זי מוז! דאָס זינדיקע פייער אין אליעזר'ן מוז איינגעשטילט ווערן. דאָס הייליקע פייער פאַר זיין פאָלק'ס באַפרייאונג דאַרף דאָרט ברענען און קיין אַנדערעס! אליעזר מוז ראַטעווען אליעזר'ן פאַר זיין פאָלק און דאָס קען נאָר זיין, ווען ער וועט בן שכני'ן אַפּראַמען פונם וועג! איך קען אים אַצינד אָנקלאָגן פאַר לערנען די גריכישע שפּראַך... ניין, ניין, ניין, דאָס, דאָס וואָלט פאַראומרייניקט דאָס געזעץ דורך פערזענלעכע פּניות!...

נעמית: מיין האַר, מעג דער וואָרים ריידן?

אליעזר: רייד, נעמית...

נעמית: נעמית וועט זאָגן מנחם'ן, אַז בן שכני איז אַ דאָרן אין ישראל'ס וויינגאָרטן, וועט זיין מעססער שכני'ן אָוועקשיקן זיך בראָטן אין גיהנום...

אליעזר: (כאַפּט אים ביים אָרעם) שטיל!...

נעמית: (שרייט) מיין האַר, האָב רחמנות!...

אליעזר: ווי אַזוי האָט דיין מויל דאָס געקענט אַרויסברענגען! פאַר־גיסן בלוט צוליב... פון מיינע אויגן אַוועק!...

נעמית: (האַלט זיך פאַר זיין אָרעם און וויינט) די זון פון דיינע אויגן האָט ער דאָך צוגענומען. די רו פון דיין נשמה... דער שטאַרקער אָדלער פאַר־לירט זיינע פליגל! (אָפּ)

אליעזר: דער שטאַרקער אָדלער! כאַ! כאַ! כאַ! (לאָזט זיך אַרונטער אויף אַ באַנק)

(יוכבד דערשיינט)

יוכבד: אליעזר בן חנניה, איך זוך דיך. פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון אונ־זער שמחה? צוויי פרומע נשמות האָבן חתונה!

אליעזר: אליעזר וואָלט אין אַ הייל אַנטלאָפן, ווען ער וואָלט געקענט...

יוכבד: פון וועמען, אליעזר?

אליעזר: פון דעם שטן, וואָס פאַרכשופ׳ט אליעזר׳ן מיט זיין בייזן כשוף. יוכבד, הייליקע פרוי, אליעזר שעמט זיך פאַר דיר. דיין איינציקער זון, דיין פלייש און בלוט, איז פון פיינטלעכע שפּיזן און שווערדן אַרומגערינגלט; יעדע רגע קען ער דערמאָרדעט ווערן; דאָך איז די ליבע צו דיין זון אין גאַנצן פאַר־לאָרן אין דיין גרויסער הייליקער ליבע צו דיין פאָלק. און אליעזר...

יוכבד: איך פאַרשטיי, טראַכסט אַלץ פון יענער?... אליעזר בן חנניה, פאַרטרייב די זינד פון זיך, פאַרטרייב! דו מוזט זיין הייליק. גאָט האָט דיך אויסגעוויילט צו זיין דער פירער פון ישראל צו זיין פרייהייט.

אליעזר: אליעזר איז נישט ווערט צו זיין דער פירער פון זיין פאָלק, הייליקע יוכבד!...

יוכבד: דריי מאָל אין טאָג זאָלסטו טובל׳ן דיין גוף אין ריינע קאַלטע וואַסער און תפילה טאָן צו גאָט. דאַן וועט דיין גייסט זיך אויך אָפּרייניקן פון אַט די זינד...

אליעזר: הייליקע פרוי, אליעזר האָט עס שוין געטאָן. עס העלפט ניט. פון דעם וואַסער קוקט אַרויס צו אים די געשטאַלט פון דעם נשיא׳ס טאָכטער. און דורך די תפילות הילכט צו אים איר קול...

יוכבד: דאַן איז דאָס כשוף פון דעם שטן... (אויפגערעגט) אליעזר בן חנניה, דו מוזט אָבער זיין שטאַרקער פון אים. דו מוזט! באַהערש די טומאה! באַהערש די קליפּה! וויז אים, אַז דו ביזט אליעזר בן חנניה! (גייט און שטעלט זיך אָפּ) אָדלער, פאַרליר ניט דיינע פליגל! (אָפּ)

אליעזר: (מורמלט איר נאָך) אָדלער, פאַרליר ניט דיינע פליגל!... (צעלאַכט זיך אויפגערעגט)

(מרים דערשיינט אויפגערעגט)

מרים: (מורמלט) זי פאַרכשופ׳ט אים, זי פאַרכשופ׳ט אים, זוכט אים אַריינציען אין איר זינדיקער נעץ!

אליעזר: (דערזעט זי) זי! אליעזר וועט צו איר ריידן. דעם ענטפער האָט זי דאָך אים נאָך נישט געגעבן. (הויבט זיך אויף און גייט צו איר)

מרים: (דערזעט אים) אליעזר? (וויל אַוועקגיין)

אליעזר: שטיי, נשיא׳ס טאָכטער.

מרים: וואָס פאַרלאַנגט אליעזר?

אליעזר: דיין ענטפער, נשיא׳ס טאָכטער.

מרים: אליעזר, דיין ווייב קען איך נישט זיין.

אליעזר: פאַרוואָס?

מרים: עס זיינען פאַראַן גענוג טעכטער אין ירושלים. ווייל זיך אויס אַן אַנדערע...

אליעזר: אַן אַנדערע האָט נישט פאַרכשופ׳ט אליעזר׳ן, נאָר דו, מרים! און דו האָסט אויך האָפנונג געגעבן אליעזר׳ן...

מרים: אליעזר, מיין האַרץ...

אליעזר: דיין האַרץ בלייבט פאַרשלאָסן פאַר אליעזר׳ן?...

מרים: בלייבט פאַרשלאָסן.

אליעזר: אויף אייביק? (זי שווייגט) איז גאָר קיין האָפנונג נישטאָ מער פאַר אליעזר׳ן? (זי שווייגט) און ווען אליעזר וועט זיך דערנידעריקן פאַר דיר? אליעזר האָט נאָך קיינמאָל פאַר קיינעם זיין קאָפּ ניט געבויגן, פאַר דיר בויגט ער זיין קאָפּ! (בויגט זיין קאָפּ און מיט אַ קול, אין וועלכן עס קלינגט ווייטיק, באַליידיקונג און צאָרן) פאַר דיר פרוי, בויגט אליעזר זיין קאָפּ! גיב אים זיין רו צוריק, מרים!

מרים: אליעזר, מיין האַרץ האָט שוין אויסגעווילט איינעם...

אליעזר: אויסגעווילט? (שטיל, אַנקוקנדיק זי) אליעזר פאַרשטייט... זיין פאַרדאַכט איז נישט געווען אומזיסט. דער יונגערמאַן פון בבל?...

מרים: דו וועסט אים טאָן בייז?

אליעזר: אליעזר טוט בלויז דאָס, וואָס ער דענקט, אַז עס איז רעכט.

מרים: דו וועסט אים אָנקלאָגן פאַר זיין לערנען די גריכישע שפּראַך? (צעוויינט זיך) אָ, אליעזר, אין דיינע אויגן זע איך, אַז דו וועסט אים אָנקלאָגן. ער איז דאַן פאַרלאָרן. בעסער טויט מיך, אליעזר!...

אליעזר: דו וויינסט צוליב אים... אויס ליבע צו אים ווילסטו דיין לעבן מקריב זיין... אליעזר׳ס שטראָף דו! לילית דו! אָבער אליעזר וועט אים נישט אָנקלאָגן. ווייל אַצינד האָסט אים אליעזר, און ווען אליעזר קלאָגט אים אָן, דאַן קען זיין אָנקלאַג האָבן אַ נישט־ריינע כונה און דאָס געזעץ מוז ריין געהאַלטן ווערן! און אַצינד גייט אליעזר זיך משמח זיין אויף דער חתונה פון זיין פריינט יוחנן...

מרים: זיי מיר מוחל, אליעזר!

אליעזר: דיר מוחל זיין? (קוקט זי אָן) זינדיק פילט זיך אליעזר און נישט דו! אָבער דער כשוף איז דעם שטן געראָטן! (צעלאַכט זיך און אָפּ)

(פויזע. הינטער דער סצענע הויכע געשרייען און פריילעכער געזאַנג. עס טאַנצן אַריין אבנר מיט נעמית. דאַן מיידלעך אין ווייסן, שפּרייטנדיק בלו־מען איבערן וועג. דאַן דער חתן יוחנן מיט שמעון בן גמליאל פון איין זייט, אליעזר און בן שכני פון דער אַנדער זייט, הינטער זיי יוכבד און ווערעניקאַ, פירנדיק אימאַ. הינטער דער כלה קלאַפּן פרויען אין טאַצן און טאַנצן. אַלע זינגען מיט יוכבד).

יוכבד: (זינגט)

לכבוד חתן און כלה
זינגט־זשע אַלע, זינגט־זשע אַלע,
אַוועק דער טרויער, אַוועק דער וויי!
אַלע הערצער זאָלן זינגען,
אַלע סטרונעס זאָלן קלינגען,
קלינגען און פרייען זיך מיט זיי!

(דער צוג גייט איינמאָל דורך דער בינע. דאַן בלייבן שטיין חתן־כלה אין מיטן. שמעון, אליעזר, בן שכני, אבנר, נעמית און די זקנים אויף איין זייט. יוכבד, ווערעניקא, מרים און די אַנדערע פרויען און מיידלעך אויף דער אַנדער זייט).

שמעון: (אויפהויבנדיק די הענט) **מיינע קינדער, גאָט׳ס ברכה זאָל אויף אייך רוען און דער שלום פון בית הלל זאָל הערשן אין אייער הויז. ליבט דעם שלום, האַסט די שנאה און מחלוקת, און איר וועט גליקלעך זיין.**

ווערעניקא: **אמן! זאָל זיין פריילעך, ציון׳ס טעכטער!**

די מיידלעך: (צוגעגאַנגען מיט בלומען צו יוחנן, זינגען)

דער איידעלער יוחנן, דער מוטיקער העלד,
בויט זיך אַ נעסט אין יעקב׳ס געצעלט,
יוחנן האָ! יוחנן האָ! (טאַנצן און וואַרפן אויף אים בלומען)

אלטע פרויען: (צוגעקומען צו אים מיט געזאַנג)

און עס פרייט זיך די ליבע אין יוחנן׳ס ברוסט,
פון אימאַ׳ס שיינקייט פאַרשכורט און באַרוישט.
יוחנן האָ! יוחנן האָ! (טאַנצן אויף זייער שטייגער)

מיידלעך: (קאָמיש)

באַשערט אונז, אבות, מיר בעטן צו אייך,
חתנים, העלדן צו יוחנן גלייך! (טאַנצן)

זקנים: (צו אימאַ)

קום, יונגע ווייבעלע, אַזוי איידל און שיין,
מיר וועלן מיט שמחה אין טאַנץ זיך דרייען.

(נעמען זי אין קרייז)

אלטע פרויען: (צו יוחנן)

קום, יונגערמאַן, אין אונדזער קרייז,
וועלן מיר טאַנצן איבער־אַ־נייס.

(נעמען זיך פאַר די הענט און טאַנצן. ווערעניקא נעמט בן שכני׳ן אַן אַ זייט און רעדט מיט אים. מרים, וועלכע טאַנצט דאַן, באַמערקט עס. שטעלט זי זיך אָפּ און קוקט זיי נאָך אויפגערעגט. אליעזר קוקט אויף איר פון דער זייט. שמעון רעדט מיט יוכבד׳ן. אבנר און נעמית טאַנצן מיט די איבעריקע).

שמעון: (טוט אַ פּאַטש מיט די הענט) **אַצינד, מיינע ליבע געסט, צעזעצט זיך אַרום די טישן.** (זעצט ווערעניקאַ׳ן נעבן חתן־כלה. ער זעצט זיך נעבן איר. יוכבד נעבן אים. מרים צווישן בן שכני און אליעזר. די איבעריקע

נאָך זייער ראַנג און עלטער. אבנר און נעמית אויפן אַנדער זייט טיש. צווי דינער גיסן אַן די כוסות פון קרוגן)

ווערעניקא: דעם ערשטן כוס טרינקען מיר לכבוד אונדזער קעניג אַגריפּאַ! (הויבט זיך אויף מיטן כוס אין דער האַנט. אַלע אויסער אליעזר און יוכבד הויבן זיך אויף מיט זייערע כוסות) **אליעזר בן חנניה און דו יוכבד, הייליקע פרוי, דער כבוד פון אייער קעניג פאָדערט איר זאָלט זיך אויפהויבן...**

אליעזר: און דער כבוד פון אליעזר׳ן פאָדערט, אַז ער זאָל זיך פאַר קיין שקלאַף ניט אויפהויבן!

שמעון: (ווייך) **אליעזר... יוכבד...**

יוכבד: מיר האָבן איין קעניג, וואָס ער איז דער איינציקער גאָט און דער איינציקער קעניג!...

נעמית: (ווערכער שטייט מיט אַ כוס אין דער האַנט צו אבנר׳ן, וועלכער האַלט אויך אַ כוס) **און אליעזר׳ס קנעכט וועט זיך אויך פאַר אַ שקלאַף ניט אויפהויבן.** (זעצט זיך)

ווערעניקא: (מיט פּראָטעסט) **יחי המלך אגריפּאַ!** (טרינקט איר כוס. די אַנדערע כאַפּן אונטער איר געשריי און טרינקען. דאַן זעצן זיי זיך).

אבנר: (אַרויסכאַפּנדיק ביי נעמית דעם כוס) **וויבאַלד דו ביזט ניט געשטאַנען, וועסטו נישט טרינקען! מיין האַר איז געשטאַנען, דער נשיא איז געשטאַנען...**

נעמית: דו קנעכט פון בבל, דו מיט דיין האַר זייט ביידע שקלאַפן!

אבנר: (טוט זיך אַ כאַפּ צו אים) **מיין האַר איז אַ שקלאַף? בן שכני? די צונג רייס איך דיר אַרויס און פאַר כלבים וואַרף איך זי!...**

נעמית: (שפּרינגט אויף) **זאָג וידוי. איך קלאַפּ דעם כלב באַלד אַרויס פון דיין אומריינעם גוף!**

שמעון: רואיק! (אַלע לאַכן)

בן שכני: אבנר, וואָס איז דאָס?

אבנר: דער שקלאַף האָט דיך באַליידיקט, מיין האַר!

בן שכני: אבנר, פאַרלאָז גלייך דעם גאָרטן. דו ביזט שכור, גלייך!

אבנר: גלייך, מיין האַר! (שרייט אויס) **יחי, בן שכני!**

נעמית: יחי אליעזר!

אבנר: (העכער און מיט כעס) **יחי בן שכני, דו כלב בן כלב!** (לויפט אַוועק. אַלע לאַכן)

(עס דערהערט זיך פון ווייטן אַ שאַלן פון אַ שופר)

אַלע: אַ שופר! (אַ טומל)

אליעזר: דער שופר רופט צו פאַרטיידיקן זיך. (שפּרינגט אויף)

יוכבד: אַ נייער שטורעם טראָגט זיך איבער ירושלים! (ווידער דער קול פון דעם שופר) **פונעם באַרג מוריה!** (הויבט זיך אויף)

זקנים: (אויפגעשפּרונגען) **ווי געשריען! ווי געשריען! אַ צרה קומט! אַ צרה קומט!**

פרויען: גאָט׳ס צאָרן! גאָט׳ס צאָרן!

יוכבד: נשיא, זאָל די שמחה פון די צוויי פרומע נשמות נישט געשטערט ווערן! (ווידער דער קול פון דעם שופר)

אליעזר: נעמית, מיין שווערד! (לויפט אַרויס, נעמית נאָך אים)

שמעון: (אויפגערעגט) בת־מלכה ווערעניקאַ, וואָס זאָל באַדייטן דאָס שאַלן פון דעם שופן?

ווערעניקאַ: באַרואיק זיך, נשיא. ווען עובדיה איז ביי פלאָרוס'ן קען קיין בייז נישט פאַסירן. דאָס שאַלן פון שופר זאָגט אָן מסתמא וועגן דעם טויט פון יוכבד'ס זון, פון וועלכן מען האָט זיך ערשט דערוואוסט...

שמעון: (טוט אַ זיפץ) אפשר...

יוכבד: (גייט מיט די הענט אויפגעהויבן קעגן הימל) גאָט, אויב דאָס איז אַ נייער שטורעם אויף דיין פאָלק ישראל, פאַרוואַנדל אים אין אַ הייליקן פייער, וואָס זאָל פאַרברענען די שונאים פון ירושלים און ציון! און אויב דיין רצון איז צו נעמען פרישע קרבנות, זאָל דיין דינסט יוכבד דער קרבן זיין פאַר דיין פאָלק און ירושלים. (אָפּ)

בן שכני: (צו מרים'ען) לאָז מיך, מרים, איך וועל גיין אַהין!

מרים: (האַלט אים ביי די הענט) ניין, ניין, בלייב דאָ, בן שכני! מיין האַרץ ציטערט!

יוחנן: אימּמא, מיין כלה, איך גיי אַהין. טאָמער איז עס אַ קאַמף...

אימּמא: גיי, יוחנן, מיין חתן, און זאָל גאָט דיין אָרם שטאַרקן! (יוחנן גייט)

שמעון: יוחנן, מיין זון, וואוהין גייסטו?

יוחנן: דער שופר רופט!

שמעון: פאַרנעם צוריק דיין פּלאַץ נעבן דיין ווייב. איך באַפעל דיר. (יוחנן בויגט זיין קאָפּ און זעצט זיך צוריק) זאָל יעדער פון אייך, מיינע ליבע געסט, פאַרנעמען זיין פּלאַץ, איך וועל שיקן אַ שליח, אויסצוגעפינען וואָס דאָס איז. גדליהו, גיי דו! (איינער פון די געסט אָפּ. אַלע צעזעצן זיך.)

ווערעניקאַ: נשיא, זאָל פריילעך זיין! מיט ליכטיקע געמיטער זאָלן מיר פייערן די שמחה פון דיין הויז! (קוקט אויף בן שכני'ן מיט פאַרליבטע אויגן) בן שכני, זינג אַ שיר און פאַרטרייב דעם וואָלקן פון אונדזערע געמיטער...

בן שכני: נישט אַצינד, בת־מלכה!

ווערעניקאַ: וועל איך זינגען! (טוט זיך אַ כאַפּ) דאָ זיינען מיינע שקלאַפינען אויך! (טוט אַ פּאַטש אין די הענט) זאָל זיין פריילעך און זאָל פלאָ־רוס וויסן, וואָס מען האָט געזונגען און געטאַנצט ביים נשיא אינעם הויז!

(עס טאַנצן אַריין שקלאַפינען מיט צעלאָזטע האָר, אַלע — באָרוועס, מיט קראַנצן אויפן קאָפּ, האַרפעס אין די הענט און זינגען.)

ווערעניקאַ: (זינגט מיט זיי)

לאָזט אין זייערע קברים די טויטע,
צירט דעם קאָפּ מיט בלומען בלוט־רויטע!
וואַרעמט זיך אין דעם העלן זונען־שיין,
מיט דורשטיקע ליפּן טרינקט שטאַרקן וויין!

(אַ טומל פון אַרום)

אימּמא: אַ גריכישער שיר!

יוחנן: ביים נשיא אינעם הויז!

בן שכני: בת־מלכה, דו ווייסט פון דעם נייעם געזעץ?

ווערעניקאַ: מיין פריינט, דיין קעניג׳ס שוועסטער האָט זיך אירע אַלטע געזעצן!

שמעון: זינג, בת־מלכה! אויב דאָס איז אַ זינד, איז דאָס מיין זינד!

אימּמא: פאָטער, מיין האַר!

יוחנן: נשיא!...

אלע: נשיא!

שמעון: מאָרגן, מאָרגן, וועל איך דאָס דערקלערן פאַר דעם סנהדרין. זינג, בת־מלכה!

ווערעניקא: זינגט מיט מיר, יונגע טעכטער פון ירושלים און דו, בן שכני! דער נשיא מאַכט בטל דאָס נייע געזעץ קעגן די גריכישע שירים!

בן שכני: נשיא!

שמעון: דו מעגסט זינגען! (טוט אַ זיפץ און אָפּ. אימּמאַ און יוחנן און אַנדערע נאָך אים. בן שכני, מיידלעך און בחורים זינגען)

לאָזט אין זייערע קברים די טויטע,
צירט דעם קאָפּ מיט בלומען, בלוט־רויטע!
וואַרעמט זיך אין דעם העלן זונען־שיין,
מיט דורשטיקע ליפּן טרינקט שטאַרקן וויין!

לאָזט אין זייערע קברים די טויטע,
צירט דעם קאָפּ מיט בלומען, בלוט־רויטע!
אין די אָרעמס דעם לעבן וואַרפט זיך מיט לוסט,
ווי אַ פאַרליבטע כלה איר חתן אויפן ברוסט!

ווערעניקאַ: (פול ליידנשאַפט) יאָ, יאָ, לאָזט אין זייערע קברים די טויטע! (לויפט צו צו בן שכני און טוט אים אַ כאַפּ ביי די הענט) און מיר ווען לעבן און לוסטיק זיין! (צו אירע שקלאַפינען) טאַנצט קיסר נירון׳ס וואַקכאַנאַליעס טאַנץ! (אַ משוגענער טאַנץ פון ליידנשאַפט) אַזוי, אַזוי! אין דעם טאַנץ פיל איך מיין זעל! (וואַרפט זיך אויך אַריין אין טאַנץ, אין גאַנצן איין שטיק אויסגעלאַסן פייער)

מרים: (שלעפּט בן שכני׳ן) קום אַוועק פון דאַנען... זי כשופ׳ט, די זינדערין! (שלעפּט אים אַוועק און אָפּ)

איין זקן: עבודה זרה!... ווי איר מוטער סאַלאָמע...

אַ צווייטער: זנות! (שלעפּן אַוועק זייערע זין און טעכטער. שאָקלען מיטן קאָפּ און אָפּ)

ווערעניקא: (טוט זיך אַ כאַפּ) אַנטלאָפן? פון לוסט און לעבן און זונען־שיין זיינען זיי אַנטלאָפן, די פאַרוואָלקנטע געמיטער! כאַ! כאַ! כאַ! און בן שכני אויך, וואו איז ער? (אָפּ מיט אירע שקלאַפינען)

(פויזע. די בינע אַליין. בן שכני און ווערעניקא דערשיינען)

ווערעניקא: פאַר דיר האָב איך דאָס געטאַנצט און דו ביזט אַוועק. איך פאַרלאַנג פון דיר עפּעס.

בן שכני: וואָס איז דיין פאַרלאַנג, בת־מלכה?

ווערעניקא: איך פאַרלאַנג, דו זאָלסט אַריינטרעטן אין מיין לייב־וואַך. דיר פּאַסט מער דער פאַנצער פון אַ קריגער און די שאַרפע שווערד, ווי די גענ־זענע פעדער פון אַ תלמיד־חכם.

בן שכני: בת־מלכה, זיי מיר מוחל, איך פיל, אַז איך בין נישט געבאָרן צו זיין אַ קריגער. לאָז מיך בלייבן וואָס איך בין...

(מרים דערשיינט, בלייבט שטיין הינטער אַ בוים און קוקט אויף זיי)

ווערעניקא: איך וויל, דו זאָלסט גליקלעך זיין, דו הערסט? (קוקט אים אין די אויגן) דו נאַרישער יונגער העלד מיט דער זעל פון אַ קינד, דו ווייסט נאָך נישט, וואָס דאָס אמת'ע גליק איז... (ליידנשאַפטלעך) ביי מיר, ביי מיר... דו האָסט די אויגן אַרונטערגעלאָזט... קוק מיר אין די אויגן... דרייסטער זיי, דרייסטער... איך באַפעל דיר!

בן שכני: (שטאַמלט) בת־מלכה... איך קען ניט... דער קאָפּ איז באַ־רוישט... זיי מיר מוחל...

ווערעניקא: כאַ! כאַ! כאַ! ווי עס שרעקט דיך די פרוי! זיי רופן מיך לילית... יאָ, יאָ, איך בין לילית, ווען עס זיינען פאַראַן אַזעלכע שיינע אומ־שולדיקע גרויסע קינדער! (קושט אים)

בן שכני: בת־מלכה, וואָס טוסטו מיט מיר? (מרים הינטער'ן בוים קרעכצט)

ווערעניקא: לילית בין איך און מיט מיינע קושן וועל איך דיך פאַר'כשופ'ן. דורך מיינע פייערדיקע ליפּן וועל איך אָנצינדן אין דיר די לוסט צום לעבן, צום געניסן... צוויי טעג האָב איך דיך ניט געזען און אין דער צייט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָרט וואו איך בין, מוז זיין דאָס גרויסע קינד! איך פאַר מאָרגן נאָך רוים און דו מיט מיר...

בן שכני: ניין, בת מלכה, פאַרלאַנג דאָס נישט. אין ירושלים בלייב איך, אין בית־הלל...

ווערעניקא: בן שכני, ווידערשפּרעך מיר ניט! דערוועק ניט מיין צאָרן!

בן שכני: איך קען נישט פאַרלאָזן בית הלל, בפרט אין אַזאַ צייט, אין אַזאַ צייט ווען אין ירושלים איז נויטיק יעדער געזונטער מאַן...

ווערעניקא: און ווען איך באַפעל דיר? ווען דיין קעניג'ס שוועסטער באַפעלט דיר? ווען דיין קעניג אַליין באַפעלט דיר? (ער שווייגט) ווען איך וועל זיך אויף די קני פאַר דיר שטעלן, בן שכני? (לאָזט זיך אַרונטער אויף די קני;) בן שכני, די בת־מלכה שטייט פאַר דיר אויף די קני. זי איז נאָר אַ שוואַכע פרוי, בן שכני!

בן שכני: בת־מלכה, לאָז מיך בלייבן, וואָס איך בין — אַן ערלעכער זון פון בית־הלל און אַ געטרייער זון פון מיין פאָלק!...

ווערעניקאַ: (שפּרינגט אויף) עלענדער דו, קעניגען פון רוים און סיריען זיינען געלעגן ביי ווערעניקאַ'ן צו די פיס און דו, אַן אָרימער תלמיד־חכם, דו ביזט אַזוי שטאָלץ?! אויף די קני פאַר מיר, דו עלנדער, אויף די קני פאַר ווערעניקאַ! (כאַפּט אים פאַר די שולטערן און צעווײַנט זיך)

בן שכני: בת־מלכה!

ווערעניקאַ: פון מיינע אויגן אַוועק! (כאַפּט אַרויס אַ קינזשאַל פון אונטערן גאַרטל און וואַרפט זיך אויף אים) איך טויט דיך!

מרים: (וואַרפט זיך מיט אַ יאָמער) בת־מלכה! (כאַפּט אַרום בן שכני)

ווערעניקאַ: דו! (טוט אויפגערעגט אַ טראָט מיטן קינזשאַל צו זיי, לאָזט אים דאַן פאַלן און דעקט צו דעם פּנים מיט די הענט)

(פויזע. אַ טומל דערהערט זיך. עובדיה דערשיינט אויפגערעגט)

עובדיה: עובדיה האָט דאָס נישט געקענט פאַרמיידן! אַ שחיטה גייט אָן אויף די גאַסן פון ירושלים!...

בן שכני: גאָט! (אָפּ מיט מרים'ען)

ווערעניקאַ: וואָס רעדסטו?

עובדיה: שנעל, אַנטלויף! דיין ברודער אַגריפּאַ איז שוין אַנטלאָפן. פלאָרוס איז פאַרוואונדעט און איז אויך אַנטלאָפן. און דיין פּאַלאַץ ברענט. און מנחם זוכט אונדזער בלוט...

ווערעניקאַ: וואוהין זאָל איך לויפן?

עובדיה: אויף דעם נשיא'ס גאַס זיינען די רוימישע סאָלדאַטן נאָך נישט באַזיגט. מיין פריינט פלאַוויאוס פירט מיט זיי אָן. קום, בת־מלכה, ער וועט אונדז ראַטן. (לויפן ביידע אָפּ)

(פויזע. דער טומל שטאַרקער און שטאַרקער. שמעון דערשיינט זייער אויפגערעגט)

שמעון: וואו איז זי, די בת־מלכה ווערעניקאַ, זאָל זי זיך פרייען!...
(מרים דערשיינט)

מרים: פאָטער, מיין האַר, אבנר איז פאַרוואונדעט... זיי באַפאַלן דיין הויז!... (דער טומל שטאַרקער)

שמעון: בלייב דאָ, קינד!

(יוכבד דערשיינט, פול רעליגיעזן עקסטאַז)

יוכבד: נשיא, מזל טוב! איך האָב חתונה געמאַכט מיין זון מיט גאָט. אַ הייליקן שידוך האָב איך געטאָן...

שמעון: איך האָב שוין געהערט, יוכבד...

יוכבד: איך האָב זי געזען, די ריינע נשמה. מלאכים האָבן זי צו דער חופּה געטראָגן און זי האָט צו מיר פון הימל אַרונטערגעשריען: „מוטער יוכבד, וויין ניט נאָך מיר, פריי זיך! שריי אויס אין אַלע גאַסן פון ירושלים, אַז מיין בלוט וועט נצחון ברענגען איבער ישראל'ס שונאים!" נשיא, זיין בלוט האָט געבראַכט נצחון אונדזער פאָלק. אליעזר מיט זיינע גבורים האָבן מנצח

געוועז! (טוט אַ פּאַטש אין די הענט און מיט העכסטן רעליגיעזן עקסטאַז) געבראַכט נצחון! געבראַכט נצחון! (אָפּ)

שמעון: מרים, מיין קינד, דו שטיי דאָ. איך וועל זען וואו איממא איז! אָפּ

מרים: (שרייט אים נאָך) פאָטער, מיין האַר, זע אויך וואו בן שכני איז! גאָט, מיין לעבן פאַר זיינס!...

(עובדיה לויפט. מנחם הינטער אים מיט אַ מעסער)

מנחם: דאָרן פון ישראל׳ס וויינגאָרטן. איך זוך דיך! (פאַרשווינדט נאָך אים לינקס. עס הערט זיך עובדיה׳ס געשריי. דאַן ווערט שטיל און מנחם דערשיינט, ווישנדיק דעם מעסער)

מנחם: סיקאַ, סיקאַ, סיקאַ, אין גאָט׳ס נאָמען! (דערזעט מרים׳ן וועלכע דערשרעקט זיך פאַר אים) די זונה ווערעניקאַ איז אַנטלאָפן און אים האָב איך געכאַפּט. (מאַכט אַ קאַרב אויפן מעסער) דער צוואַנציקסטער קאַרב היינט אויפן הייליקן מעסער. צוואַנציק דערנער האָב איך אויסגעהאַקט פון ישראל׳ס וויינ־גאָרטן. גאָט זאָגט: „האַק אויס די דערנער פון ישראל׳ס וויינגאָרטן״. און מנחם האַקט: „סיקאַ! סיקאַ! סיקאַ!״

(אַ טומל זייער נאָענט. עס לויפן אַריין מענער און פרויען: „דעם נשיא׳ס הויז ברענט! די רוימער האָבן אונטערגעצונדן!״)

מרים: וואו איז דער נשיא? (אַ פלאַם ברעכט אויס פון צווישן די פליגל פונעם הויז)

מנחם: די פאָן פון די חשמונאים ברענט! ראַטעוועט די פאָן!

אַלע: ווי איז אונדז! ווי איז אונדז!

(שמעון דערשיינט)

שמעון: הלל׳ס תורה און די פאָן! גאָט, זאָל איך בעסער פאַרברענט ווערן!

מנחם: שמע ישראל ה׳ אלהינו, ה׳ אחד! (וואַרפט זיך אַריין אין ברע־נענדן הויז)

מרים: מנחם איז געפאַלן... ער ברענט...

איינער: מען ראַטעוועט אים דאָרט... מען שלעפּט אים. מען לעשט דאָרט דאָס הויז...

שמעון: דאָס פייער צינדט מיר דעם מוח... הלל׳ס תורה... פאָלק פון ישראל, דאָס איז אונדזער גרעסטער חורבן! גאָט, צוזאַמען מיט דעם אַש פון הלל׳ס תורה זאָל אויך מיין נפש צו אַש ווערן! (וואַרפט זיך אין דעם רויך אַריין)

מרים: פאָטער! נשיא! ראַטעוועט דעם נשיא!

אַלע: ראַטעוועט דעם נשיא!... גאָט האָט אונדז פאַרלאָזן!

(בן שכני דערשיינט)

בן שכני: די רוימער זיינען פאַריאָגט. דאָס הויז לעשט מען פון דער אַנדער זייט. וואו איז דער נשיא?

מרים: אין פייער... געלאָפן ראַטעווען הלל׳ס תורה... ער איז פאַר־לאָרן! (בן שכני וואַרפט זיך אין הויז)

שטימען: אליעזר איז אין הויז... אונדזער אָדלער... ער וועט ראַ־טעווען דעם נשיא!... אליעזר! אליעזר!

מרים: אליעזר, איך וועל דיין שקלאַפין זיין, ראַטעווע דעם נשיא! ראַטעווע בן שכני...

אַלע: אליעזר! אליעזר! ער קומט מיט דעם נשיא! יחי אליעזר!... (אליעזר דערשיינט מיט שמעונ׳en,ביידע שוואַרץ פון רויך. הינטער זיי בן שכני מיט הלל׳ס תורה און דערנאָך נעמית מיט דער פאָן פון די חשמונאים)

פאָלק: יחי הנשיא! יחי הנשר אליעזר בן חנניה! יחי בן שכני!

(יוכבד, יוחנן, אימאַ און מנחם מיט איין זייט פון זיין בערדל אָפּגעברענט)

יוחנן: דאָס פייער איז פאַרלאָשן...

מנחם: און מנחם לעבט, און הלל׳ס תורה און די הייליקע פאָן! (לויפט צו און קושט די פאָן)

יוכבד: און פלאָרוס איז אַנטלאָפן, און די שונאים זיינען פאַרטיליקט. פרייט זיך, אידן, שלאָגט אין די פויקן, קלאַפּט אין די טאַצן, דאָס בלוט פון מיין זון האָט מנצח געווען, איך דאַנק דיר, גאָט דו האַר פון דער וועלט!

מרים: (קעמפט מיט זיך, דאַן גייט זי צו צו בן שכני) בן שכני, אליעזר בן חנניה האָט געראַטעוועט דעם נשיא און דיך, מיין לעבן געהערט דערפאַר צו אים. (גייט צו צו איר פאָטער) פאָטער, מיין האַר, אליעזר בן חנניה האָט אויסגעוויילט מיך פאַר זיין ווייב און אַצינד...

שמעון: איך פאַרשטיי, מיין קינד. אַצינד ווייסטו שוין ווי צו שעצן זיין ליבע?

בן שכני: (דריקט די האַנט אליעזר׳ן) זיי געבענטשט, אליעזר בן חנניה! דו האָסט געראַטעוועט דאָס לעבן פון דעם נשיא פאַר ישראל, דערפאַר ווען איך וואָלט געהאַט צען לעבנס, וואָלט איך מיט שמחה זיי אַלע פאַר דיר מקריב געווען. איך האָב אָבער איין לעבן, זי, מרים, און מיט שמחה גיב איך זי אַוועק פון דיינטוועגן. זיי דו גליקלעך מיט איר, אליעזר בן חנניה!

שמעון: אליעזר, קום צו נענטער צו דעם מיידל, וואָס דיין האַרץ גלוסט. (אליעזר גייט צו) מרים, מיין טאָכטער, דיין האַנט. (זי דערלאַנגט איר האַנט) גאָט׳ס ברכה...

אליעזר: האַלט נשיא. בן שכני, דו זאָגסט, דערפאַר ווייל אליעזר האָט געראַטעוועט דעם גוף פון דעם נשיא, וואָלסטו פאַר אים צען לעבנס מקריב געווען. און אליעזר זאָגט: דערפאַר ווייל בן שכני האָט געראַטעוועט די נשמה פון דעם נשיא, די נשמה פון אונדז אַלעמען, הלל׳ס הייליקע תורה, וואָלט אליעזר טויזנט לעבנס פאַר אים אַוועקגעגעבן. (פירט צו מרים צו אים) זיי גליקלעך, בן שכני, מיט דיין געליבטער כלה. אליעזר באַדויערט נאָר, וואָס זי איז ניט מער ווי זיין איין לעבן!...

שמעון: אליעזר, דיין איצטיקע האַנדלונג איז די שענסטע פערל אין דער קרוין פון דיין העלדישקייט. זי איז אויך באַוועגט פון דעם זעלביקן פייער, וואָס טרייבט אונדזער גייסט צו באַגייסטערן זיך און צו מקריב זיין זיך פאַר

עבודת־הקודש. קינדער, גיט מיר אייערע הענט. (נעמט מרים׳ס און בן שכני׳ס הענט) זייט געבענטשט פון גאָט און זאָל אָט דער גייסט פון ליבע צו גאָט און צו הייליקייט לעבן אייביק אין אייך און אין די דורות נאָך אייך...

אליעזר: און זאָל דאָס אייביקע פייער, וואָס ברענט אין אונדזער נשמה, תמיד אויפפלאַקערן, ווען דאָס פייער פון אונדזערע שונאים וועט דראָען אונ־זערע הייליקייטן!

(פאָרהאַנג)

איינער פון זיי

אַ טראַגעדיע פון היינטיקער צייט

איינער פון זיי

(אַ טראַגעדיע פון היינטיקער צייט)

— 1 —

איינמאָל, לעצטע וואָך, אין אַ זוניקן נאָכמיטאָק, ווען דער יונגער שריפט־שטעלער, וויליאַם רובין, האָט געאַרבעט איבער זיינער אַ דערציילונג ביי זיך אין צימער, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ טומלדיקער קלאַפּ אין זיין צוגע־שלאָסענער טיר.

וויליאַם האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן: ער האָט דערקענט דעם קלאַפּ פון זיין פריינט דעם מאָלער, און ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן כמעט מיט שרעק:

— אוי, דער רוח!...

און ער איז צוגעגאַנגען צו דער צוגעשלאָסענער טיר, וואָס זי האָט נאָך אַלץ געטומלט, מיט אומרו אין זיינע אויגן, און האָט זיך אָנגערופן:

— נישטאָ מיך אין דער היים. רוח! נישט איצט, קוילער... איך אַרבעט... איך בין פון מיין אַרבעט פאַרכאַפּט... איך האַלט ביים פאַרענדיקן... אַלעקסל, טייערינקער, שטער מיך ניט, קום שפּעטער, קום אין צוויי־דריי שעה אַרום...

און אַז עס האָט אַלץ ניט געהאָלפן, האָט וויליאַם געפּרוּווט ווייטער אויף אַ העכערן קול:

— הער־אויף דאָרט צו גוואַלדעווען אַזוי! אין אַ צימער דאָרטן ליגט אַ קראַנקער. אַ קראַנק קינד שלאָפט!

דעמאָלט האָט זיך דערהערט פון הינטער דער טיר דער באַקאַנטער קול פון זיין פריינט אַלעקס:

— רוף ניט קיין קראַנקע קינדער צו הילף; זיי וועלן דיר ניט העלפן. עפן, איך מוז דיך זען!

האָט זיך ביי וויליאַמ'ן איבער דעם טונקעלן פּנים מיט דעם שוואַרץ קופּ־קעלע האָר איבער דער אויבערשטער ליפּ, האַרט אונטער זיין נאָז, ווי ביי טשאַרלי טשאַפּלין, צעגאָסן אַ קינדערשע פאַרלוירנקייט און אין די אויגן ביי אים האָט זיך באַוויזן אַ רחמנות'דיקע אומבאַהאָלפנקייט, אויך טאַקע ווי ביי טשאַרלי טשאַפּלין, און ער האָט געעפנט די טיר.

דער מאָלער, העכער און ברייטער פון דעם ניט געוויקסיקן, מאָגערן וויליאַמ'ן, איז געבליבן שטיין אין דער טיר מיט זיין געגאָלטן קאָפּ — קיין הוט האָט ער ניט געטראָגן — און מיט זיינע גוטמוטיק־שמייכלענדיקע אויגן האָט ער געקוקט פון אונטער גרויסע, רויטע ברעמען וויליאַמ'ן אין פּנים אַריין און אַ ווײַלע געשוויגן. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגערופן:

— וואָס איז? דו אַרבעטסט נאָך אַלץ אויף יענער דערציילונג דיינער?

זיי זיינען נאָך אַלץ ביי דיר דאָרט ניט דורכגעקומען? מאַך אַ סוף, גזלן, פּייניק ניט דיינע העלדן, און זיך אַליין פּייניק ניט אַזוי. פּאַרליבט? טאָ מאַך זי חתונה, אַניט ברענג זיי אום. אַבי אַן עק, אַבי אַ סוף!

— לצ׳עווע ניט איצט, אַלעקס, איך האָב קיין צייט ניט צו הערן דיינע חכמות. קום אַריין און לאָז צומאַכן די טיר.

האָט דעמאָלט אַלעקס אַ שפּרייז געטאָן מיטן רעכטן פוס אין צימער אַריין און מיטן לינקן איז ער געבליבן שטיין אויפן פריערדיקן אָרט און נישט גע־לאָזט צומאַכן די טיר.

— דו וועסט ביי מיר צומאַכן די טיר פון דער אַנדערער זייט, אַניט ריר איך זיך ניט פונם אָרט! — האָט ער געזאָגט.

— רוח, וואָס ווילסטו?

— קום, ווילִיאַם, איך דאַרף דיך.

— וואָס הייסט, דו דאַרפסט מיך?

— איך אַליין דאַרף דיך אויף כפּרות, נאָר דער דייטש דאַרף דיך. איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איכ׳ל דיך באַלד ברענגען אין דער סטודיאָ.

ווילִיאַם האָט אַנגעקוקט זיין פריינט פאַרוואונדערט.

— מיך דאַרף ער? וועגן וואָס?

— ער האַלט דיך פאַר אַ גרויסן חכם, וויל ער זיך מיישב זיין מיט דיר וועגן עפּעס. מיך, ווי דו ווייסט, האַלט ער ניט פאַר אַזאַ חכם, ווי דיך. איך בין אין זיינע אויגן אַ לייכטזיניקע, צינישע בריאה, און נישט מער. הקיצור, דו גרוי־סער חכם, קום צו אים אין סטודיאָ און זע וואָס ער וויל דאָרט...

— אָבער דו זעסט דאָך, רוח, אַז איך אַרבעט איצט! — האָט ווילִיאַם אומגעדולדיק אַ געשריי געטאָן, און ער האָט אַ פּאַק געטאָן אַלעקסן ביים קאַרק און אַריינגעשלעפּט אים אין צימער און צוגעמאַכט די טיר.

— איך קאָן איצט ניט גיין. איך בין אין מיטן אַ סצענע — האָט ער גערעדט ווייטער שוין ווייכער, מחמת פאַר זיינע אויגן האָט מיט אַמאָל אויפגעטויכט יענער, צו וועמען אַלעקס האָט אים גערופן.

אויף יענעם דייטשן אידן, אָדער „דייטש", ווי זיין פריינט, דער מאָלער האָט יענעם גערופן, האָט ער, ווילִיאַם, שטאַרק רחמנות געהאַט. ווי ער האָט רחמנות געהאַט אויף אַט די אַלע „רעפּיודזשיס", אויף די דאָזיקע אַלע פּליטים, די קרבנות פון היטלערן, סיי אידישע און סיי ניט־אידישע. אגב, האָט אים יענער — אַדאָלף הערצבערג האָט ער געהייסן — באַזונדערס אינטערעסירט.

אַן אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקייט — האָט זיך אים געדאַכט — איז יענער געווען, אַ מענטש אַן אויסערגעוויינלעך אינטעליגענטער און אַ טיף־ליידנדער. נאָר די יסורים זיינע האָט יענער געטראָגן טיף פאַרשלאָסן אין זיך. דאָס האָט מען געקאָנט זען אין זיינע בלויע אויגן, פון וועלכע אַ גרויסע בענקשאַפט האָט שטענדיק, שטענדיק אַרויסגעקוקט.

בכלל איז אַדאָלף הערצבערג געווען אַ שווייגער. זעלטן־ווען האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט אַן אַנדערן. אָבער אַז ער האָט אַמאָל גערעדט — ס׳רוב מיט אים, ווילִיאַמ׳ן — איז וועגן וואָס ער האָט ניט גערעדט, צי

וועגן אַ בוך אָדער מאַלעריי, צי גאָר אַ געזעלשאַפטלעכן אָדער פּאָליטישן ענין, איז ער געווען אינטערעסאַנט און האָט אַרויסגעוויזן אַ סך וויסן.

און דעמאָלט האָט מען געקאָנט זען, אַז ער איז גוט באַהאַוונט געווען אין דעם ענין, וועגן וועלכן מען האָט גערעדט.

אויך האָט מען געקאָנט דעמאָלט קלאָר זען, אַז ניט אַלץ, וואָס אַדאָלף הערצבערג האָט געוואוסט וועגן דעם ענין, האָט ער אַרויסגעזאָגט, אַז גאָר גאָר אַ סך, אפשר מער וויפל ער האָט געזאָגט, איז ביי אים פאַרבליבן ניט אַרויסגעזאָגט.

און מחמת דעם האָט ער געמאַכט נאָך מער דעם איינדרוק פון אַ מענטשן אַ פאַרשלאָסענעם.

איבערהויפּט איז ער פאַרשלאָסן געווען, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיין פריערדיקן לעבן אין דייטשלאַנד.

— 2 —

וויליאַם און אַלעקס האָבן אים געקענט אַ יאָר צוויי. באַקענט האָבן זיי זיך מיט אים אויף אַזאַ אופן:

דער מאַלער אַלעקס האָט געדאַרפט האָבן אַ נייע שטודיאָ, ווייל זיין אַל־טע האָט ער ניט געקאָנט מער האַלטן אַהן דירה־געלט.

לייענט ער איינמאָל אין אַ צייטונג, אַז עמיצער, וואָס האָט אַ שטודיאָ אויף יוניאָן־סקווער, זוכט אַ מאַלער פאַר אַ שכן אין זיין שטודיאָ.

הקיצור, טראַכט ביי זיך דער מאַלער אַלעקס: ער וועט אַ קוק טאָן; קומט ער אויף דעם אַדרעס.

איז די שטודיאָ דאָרט, אָדער אַטעליע, אַ גרויס, ליכטיק צימער מיט דריי גרויסע פענצטער צו יוניאָן־סקווער. דער דיל איז אויסגעלייגט מיט טעפּיכער און אויף די ווענט אויל־בילדער, און לייוונטן מיט ניט־פאַרענדיקטער אַרבעט וואַלגערן זיך דאָרט, אַנגעוואָרפן איינס אויפן אַנדערן אין אַ ווינקל. און עס שמעקט דאָרטן מיט פאַרב און מיט אויל.

אַ חוץ דעמדאָזיקן צימער, וואָס איז געווען באַלד אַזוי גרויס ווי אַ היפּ־שער זאַל, איז דאָרט נאָך אַ צימער הינטער רויטע, שווערע פאַרטיערן.

זוכט אַלעקס דאָרט אַ לעבעדיקן מענטשן — נישטאָ. קוקט אַהער, קוקט אַהין — שטיקלעך מעבל, פאַרטירן, פאַרהאַנגען, לייוונט אין ראַמען און ניט אין ראַמען, אָבער קיינער איז ניטאָ דאָרטן ביי וועמען צו פרעגן.

ער פּרוּווט אַ הוסט טאָן, הערט ער נאָר זיין הוסט. „העי" — פּרוּווט ער שרייען — רופט זיך קיינער ניט אָפּ.

פאַלט אים איין: ער וועט אַ קוק טאָן אין דעם צימער הינטער די רויטע פאַרטירן.

שטייען דאָרט אַ טייערע זאָפע מיט ווייכע קישעלעך, וואָס האָט געקאָנט זיין דער בעסטער געלעגער פאַר אים, אַלעקסן, און אַ טיש מיט שטולן, און אַ ברייטער פאָטעל־שטול, אויך אַ קאָך־מאַשינקע אויף אויפצוקאָכן טיי אָדער קאַווע און אפילו אַ שאַפע מיט געשיר — אָבער קיין לעבעדיקער נפש.

— העי! — פרואווט ווידער אַלעקס שרייען העכער — און ווידער רופט זיך קיינער ניט אָפּ.

בלייבט ביי אים צו וואַרטן ביז אַ לעבעדיקער מענטש וועט זיך ווייזן. עמיצער וועט זיך דאָך מוזן ווייזן!

דערווייל פאַלט אים איין אָנצוקוקן די בילדער אויף די ווענט. אַרום אַ האַלב טוצן בילדער, געמאָלן, קענטיק, פון דעם זעלביקן מענטשן, הענגען אויף די ווענט און יעדע איינע פון זיי איז אַ בילד פון א יונגער פרוי, פון דער זעל־ביקער שיינער יונגער פרוי מיטן ווייסן, צאַרטן נאַקן אונטער דעם קאָפּ בלאָנ־דע האָר און מיט טיף־בלויע אויגן.

און כאָטש זיי זיינען בילדער פון דער זעלביקער פרוי, זעט אַלעקס, אַז יעדע איינציקע פון אָט די בילדער אונטערשיידט איינס פונם אַנדערן אין אויסדרוק פון פנים, פון די אויגן און אפילו פון דעם אופן, ווי זי, די פרוי אויפן בילד, איז געקליידט.

אויף איינעם פון די בילדער זעט זי אויס צאַרט און פאַר׳חלום׳ט, אין אויף אַן אַנדערן — פריילעך, שעלמיש און שפּילעוודיק, און אויפן דריטן — האַרט, שלעכט, ווי אין כעס...

אַזוי אויך אין דער קליידונג: אויף איינעם מיט אַ קראַגן הויך פאַר־שפּילעט אַרום צאַרטן נאַקן, אויף דעם אַנדערן — אין אַ שוואַרצן אָוונט־קלייד מיט אַ טיפן דעקאָלטע, און דאָרט גאָר אין אַ הויז־קאַפּאָט, מיט אַ צאַרטן, פאַר־חלום׳טן שמייכל אויף אירע ליפּן און אין אירע אויגן.

טראַכט ביי זיך אַלעקס: ווער איז דאָס דער מאָלער? פיינע אַרבעט. אַ רויטער, ליידנשאַפטלעכער טאָן; קענטיק, אַז עס איז געמאָלן פון דער זעלבי־קער מאָדעל...

דערווייל באַמערקט ער הינטער אַ דערבייאיקן פאָרהאַנג אַ לייוונט מיט אַ נאָך ניט פאַרענדיקטן בילד. קענטיק געווען, אַז דער מאָלער האָט ערשט ניט לאַנג אויף דעם געאַרבעט, ווייל די פאַרב איז נאָך אויף דעם פריש געווען.

שטעלט ער זיך אַוועק ביים פאָרהאַנג און קוקט אויף דעם: אַ בילד פון דער זעלביקער יונגער בלאָנדער פרוי ווידער, נאָר אינגאַנצן נאַקעט...

„ווי שיין" — טראַכט אַלעקס, און עס בלייבט ביי אים, אַז ער מוז זיך באַ־קענען מיט אָט דער מאָדעל און זען, וואָס ער קאָן אויפטאָן מיט איר.

און מיטאַמאָל דערהערט ער הינטער זיך אַ ברוסטיקע שטים:

— אָהָ, האַללאָ!

אַ שיין געקליידעטער הויכער מאַן מיט אַ בלאָנדן קאָפּ און מיט אַ רונדן, שמייכלדיקן פנים, אָן וואָנצעס, שטייט הינטער אים מיט אַ סיגאַר אין מויל.

מאַכט אַלעקס צו אים:

— געהערט אָט די שטודיאָ צו אייך?

— איך צאָל רענט פאַר איר, — האָט יענער געענטפערט מיט אַ שטאַרקן דייטשן אַקצענט.

— און דאָס איז אייער אַרבעט?

— יאָ, איך מאַך זיך נאַריש פאַר צייט־פאַרטרייב. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן.

מיין „האָבי״, און ניט מער. קיין אמת׳ער קינסטלער וויל איך קיינמאָל ניט זיין.

און ער איז אַריין הינטערן פאָרהאַנג און האָט אַרונטערגענומען דאָס בילד פון דער נאַקעטער פרוי און איז דערמיט פאַרשוואונדן הינטער די רויטע פאָרטירן.

און אַז ער האָט זיך נאָכדעם צוריקגעקערט, האָט אַלעקס באַמערקט, אַז ער איז געוואָרן אויפגערעגט.

— איר זייט אַ מאָלער? — האָט ער אין אַ רגע שפּעטער זיך אַ קער געטאָן צו אַלעקסן.

— איך זאָג, אַז יאָ, און עס זיינען פאַראַן אַנדערע, וואָס זאָגן, אַז ניט, — זאָגט אַלעקס אויף זיין שטייגער.

דער מאַן פון דער שטודיאָ טוט אַ שמייכל און זאָגט:

— און ביי מיר איז פאַרקערט: איך זאָג, אַז ניין, און עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס זאָגן, אַז יאָ. איך אָבער גלויב זיך...

— אויב די בילדער, וואָס איך האָב דאָ געזען, האָט איר געמאָלן, שטיי איך אויך צו צו יענע, וואָס זאָגן, אַז איר זייט יאָ אַ מאָלער.

— וועט זיין נאָך אַ זאָגער. פון דעם וועל איך קיין אמת׳ער מאָלער קיינמאָל ניט ווערן.

— וואָס רופט איר אָן „אמת׳ער״?

— דער חילוק צווישן דעם אמת׳ן מאָלער און סתם א מאָלער איז ווי צווישן סתם אַ פידלער, וואָס יעדער איינער קאָן זיך אויסלערנען צו זיין, און אַ קרייזלער, צי אַ חפץ... אָבער איר, מיין פריינט, האָף איך, זייט אַן אמת׳ער מאָלער. געפעלט אייך מיין שטודיאָ?

— ניט נאָר די שטודיאָ, נאָר דער בעל הבית פון דער שטודיאָ אויך.

— איז פיין. דערפאַר וואָס איך בין אייך געפעלן, נאָט אייך אַ סיגאַר.

פאַררויכערט אַלעקס דעם סיגאַר און מאַכט:

— און דער סיגאַר געפעלט מיר אויך. איך בין ניט געוואוינט צו אַזוינע האַוואַנע־סיגאַרן.

— און איך קען קיין אַנדערע ניט רויכערן. איך האָב געמוזט אין מיטן מיין אַרבעט פאַרלאָזן די שטודיאָ און פאָרן אַזש קיין בראָדוויי, ווען איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך האָב מער ניט קיין סיגאַרן.

— און איר האָט פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טיר פון אייער שטודיאָ.

— איך טו דאָס קיינמאָל נישט, ווען איך גיי אַוועק פון מיין שטודיאָ אויף אַ ווילע. ווער וועט דאָס קריכן אויף דעם אַכטן שטאָק גנב׳ענען? און וואָס איז דאָ וואָס צו גנב׳ענען? זאָגט מיר, ווען ווילט איר אַנהויבן צו נוצן די שטודיאָ?

— וויפיל, ווילט איר, זאָל איך אייך צאָלן דירה־געלט?

ענטפערט דער באַלעבאָס פון דער שטודיאָ מיט אַ שמייכל:

— איך צאָל הונדערט און פופציק אַ חודש און דאָס איינאָרדנען קאָסט מיך אויך היפש געלט. קאָנען מיר אויסרעכענען. פיפטי־פיפטי — ווי מען זאָגט ביי אייך אין אַמעריקע.

— ניט קיין סך. איך קאָן אייך צאָלן אפילו די גאַנצע 150, אָבער איין זאַך דאַרפט איר וויסן, אַז איך צאָל מיט צוזאָגונגען...

— וואָס מיינט איר?

— אַנדערש קאָן איך מיין לעבן ניט איינאָרדענען. מיט צוזאָגונגען צאָל איך מיינע חובות, מיין דירה־געלט, פּאַרוואָס, מיינט איר, מוז איך איצט זוכן אַ נייע סטודיאָ? דער באַלעבאָס, וועמען איך האָב געדאַרפט צאָלן רענט, האָט ניט געוואָלט מער גלויבן מיינע צוזאָגונגען. דריי־פיר חדשים האָט ער געגלויבט, און מיט אַ פּאָר טעג צוריק קומט ער מיט אַ נייעס: ער קאָן ניט צאָלן קיין טעקסעס פאַר זיין הויז מיט מיינע צוזאָגונגען... איך בין דער־פון ניט איבעררעשט געוואָרן. ער איז ניט געווען דער ערשטער, פון וועמען איך האָב עפּעס אַזוינס געהערט, און מסתמא, ניט דער לעצטער..

דער באַלעבאָס פון דער שטודיאָ האָט זיך צעלאַכט און אַ קלאַפּ געטאָן אַלעקס'ן איבערן אַקסל:

— פיין, אַט אַזאַ טאַקי ווי איר וויל איך האָבן, — האָט ער געזאָגט, — און אָן רענט. איך האָב אפילו ניט געטראַכט דערפון. איך דאַרף ניט, אַז עמיצער זאָל מיר העלפן צו צאָלן רענט פאַר דער שטודיאָ. איך וויל נאָר, אַז מיר זאָל ניט זיין דאָ אַזוי אומעטיק. און איר, ווי איך זע, זייט דער ריכטיקער מענטש פאַר מיר, ווי איז אייער נאָמען?

— רופט מיך אַלעקס.

— און מיין נאָמען איז אַדאָלף הערצבערג.

— אַ רעפיודזשי?

— יאָ, איינער וואָס האָט פאַרלאָרן זיין פאָטערלאַנד.

— איר זייט דאָך אַ איד?

— יאָ, היטלער'ס אַ איד...

— היטלער'ס אַ איד?

— יאָ, ווייל פריער האָב איך געהערט צו די „קאָנפעסיאָנסלאָזע", ווי מיין פאָטער, דאָס הייסט ניט געהערט צו אַ באַשטימטער רעליגיע. נאָר זינט היט־לער איז געקומען, זיינען מיר אידן געוואָרן, אפילו אַזעלכע פון אונדזערע, וואָס האָבן זיך פריער געטויפט. אָה, אַזעלכע היטלער־אידן זיינען איצט פאַראַן גענוג. איך וועל אייך דערציילן אַ ביטערן שפּאַס: איך בין קיינמאָל אין קיין אידישער שול ניט געווען, נאָר זינט איך בין אַ היטלער־איד געוואָרן, בין איך שוין עטלעכע מאָל געווען אין אַ אידישן טעמפּל. און ווען איך בין אין פּאַריז געווען, בין איך געגאַנגען אַ פּאָר מאָל דאָרט אין אַ אידישן טעמפּל מיט איינעם א היטלער־אידן, וואָס איז שוין אַ יאָר צען אַ געטויפטער. אָבער גענוג וועגן דעם — האָט אַדאָלף הערצבערג מיטאַמאָל זיך אונטערבראָכן מיט אַ ביטערן שמייכל, — מיר וועלן דערפון נאָך אַמאָל ריידן. וועט איר שוין מאָרגן דאָ זיין?

— 3 —

איידער אַלעקס האָט פאַרלאָזן די סטודיאָ, האָט ער זיך מיטאַמאָל אָנגע־רופן צו אַדאָלף הערצבערג:

— וויפיל צאָלט איר אייער מאָדעל־מיידל?

— מיין מאָדעל־מיידל? — האָט יענער אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט מיט די בלויע אויגן.

— נו, יאָ, כ׳מיין, פון וועלכער איר האָט געמאָלן אָט די אַלע בילדער? — האָט אַלעקס געוויזן מיט אַ האַנט אויף די בילדער פון דער יונגער בלאָנדער פרוי, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט אין ווייסע ראַמען.

— אַ, אַ, איך פאַרשטיי, — האָט אַדאָלף הערצבערג אַ שמייכל געטאָן, און אין די בלויע אויגן זיינע, וואָס האָבן געקוקט אויפן מאלער, האָט אַ בענקשאַפט אויפגעטויכט, — געפעלט אייך די פרוי? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— מיר געפעלט די אַרבעט אינגאַנצן.

— ווייל די פרוי איז אַזוי שיין.

— די גאַנצע אַרבעט איז געלונגען, ערנסט, מיסטער הערצבערג.

— געלונגען, ווייל די פרוי איז אַזוי שיין! — האָט אַדאָלף הערצבערג ווידער געזאָגט, און דאָס מאָל מיט פאַרשטיקטער אויפרעגונג, און ער האָט פאַררויכערט אַ צווייטן סיגאַר.

— איך זע, אַז איר זייט באַגייסטערט פאַר איר, מיסטער הערצבערג. פון דער אַרבעט זע איך דאָס... אפשר וואָלט זי מיך אויך... מיר פאָלט איין עפּעס... און זי וואָלט געווען די אידעאַלע מאָדעל פאַר דעם... ווען קומט זי צו אייך? איך וואָלט וועלן ריידן מיט איר...

— איר קאָנט מיט איר ניט ריידן, מיין פריינט.

— פאַרוואָס?

— איר קאָנט ניט. זי קומט ניט צו מיר.

— וואָס הייסט?

— זי קומט ניט, זי קומט ניט צו מיר, — האָט ביי אַדאָלף הערצבערג׳ן אַ ציטער געטאָן דער קול, און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון אַלעקס׳ן און צוגעלייגט שטיל, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין, — און זי וועט קיינמאָל ניט קומען...

האָט אַלעקס דערפילט דעמאָלט, אַז מיט זיין נאָכפרעגן זיך אויף דער מאָדעל־מיידל האָט ער אָנגערירט ביי יענעם אַ וואונד, און דאָס האָט אים פאַרדראָסן.

און אויף זיין לצנות׳דיקן שטייגער, ווען אפילו ער איז אויסן געווען צו זיין ערנסט, האָט ער געזאָגט:

— אָט אַזוי קריכט אַמאָל אַרויס ביי מיר דער נאַר און פרעגט פראַגן, וואָס ער האָט ניט געדאַרפט פרעגן. איך בעט אייך, איר זאָלט אַנטשולדיקן מיין נאַר...

און אַדאָלף הערצבערג האָט ניט געהערט, האָט מען געקאָנט מיינען, וואָס אַלעקס האָט געזאָגט. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָפּגערוקט פון אים און האָט פאַרטראַכט גערויכערט זיין סיגאַר.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו אים און אַרויפגעלייגט אויף זיין אַקסל אַ האַנט:

— וואָס זעט איר אין אָט די בילדער? באַמערקט איר אין זיי עפּעס אַ באַזונדערן שטריך?

— אַ שטריך פון דעם קינסטלער׳ס באַגייסטערונג. אפשר פון אַ גרויסער לײדנשאַפט...

— פון דעם קינסטלער׳ס באַגייסטערונג? איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך האַלט זיך ניט פאַר אַ קינסטלער...

אַלעקס האָט זיך אָנגערופן:

— איך האַלט מיט יענע, וואָס זאָגן, אַז איר זייט יאָ אַ קינסטלער, ווי איר האָט מיר פריער דערציילט. אָט די ארבעט אייערע איז אַ קינסטלערישע, מיס־טער הערצבערג.

— וואָס פאַר אַ קינסטלערישע! יענע בילדער זיינען געמאַכט. געמאַכט, און ניט געמאָלן, איר הערט? פון מיין זכרון געמאַכט, פון מיין זכרון... קיין מאָדעל־מיידל האָט ניט פּאָזירט פאַר מיר... געקענט אַזאַ, געדענק איך זי... אפשר בענק איך נאָך איר אַביסעלע... — האָט ער שטיל און מיט בענק־שאַפט גערעדט ווייטער, — מאַך איך אָפּט איר בילד. מאַך עס אין אַזאַ פּאָזע, אין אַן אַנדער פּאָזע, אין אַזאַ ליכט, אין אַן אַנדער ליכט, מיט אַזאַ אויסדרוק, מיט אַן אַנדער אויסדרוק, — מאַך עס אָבער פאַר זיך אַליין... קיין זאַך ניט אויסן, ווי נאָר זיך אַביסעלע שפּילן... אָט ווי אַ קינד מיט אַ צאַצקע... שפּיל איך זיך אַזוי אַרום, פאַרטרייב די צייט און אַמאָל טאַקי דעם אומעט אויך! אָבער — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן — ווי איך האָב זיך דאָ צעפּלוידערט מיט אייך, און נאָך וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן!...

אַלעקס האָט באַמערקט:

— גראַד דאָס, וואָס איר האָט מיר דערציילט וועגן אָט דער אַרבעט אייע־רער, באַווייזט ווי גערעכט זיינען יענע, און אויך איך, וואָס האַלטן אייך פאַר אַ מאָלער־קינסטלער.

אַדאָלף הערצבערג האָט שטיל אַ לאַך געטאָן:

— ניט דער ערשטער טעות, וואָס מענטשן מאַכן. מיין פריינט, אין אונזער לעבן, בפרט אין דער היינטיקער צייט, האָבן מענטשן געמאַכט אַ סך גרעסערע טעות׳ן. ווען קלייבט איר זיך אַריבער אַהער צו מיר?

און אַז אַלעקס איז נאָכדעם אַוועק פון אים, איז ער, אַלעקס, ביי זיך זיכער געווען, אַז הינטער די פאַרשיידענע געשטאַלטונגען פון יענער יונגער בלאָנ־דער פרוי, וואָס דער פליכטלינג אַדאָלף הערצבערג האָט אַרויסגעבראַכט אויפן לייוונט, איז פאַרבאָרגן געווען עפּעס אַ טראַגעדיע.

ווער איז זי געווען? אַז אַדאָלף הערצבערג איז ניט גלייכגילטיק געווען צי איר — האָט מען געקאָנט קלאָר זען, ווי אַזוי ער האָט זי געמאָלן אויף אָט די בילדער.

איז זי געווען אַ געליבטע זיינע, נאָך וועמען ער האָט משונה׳דיק געבענקט? צי גאָר אפשר אַ ווייב זיינע, וואָס איז ביי אים געשטאָרבן, אָדער וואָס פּלאָגט זיך דאָרט ערגעץ אין דייטשלאַנד?...

און אַליין ווער איז ער?...

אָט מיט די געדאַנקען איז אַלעקס דעמאָלט אַוועקגעגאַנגען פון יענעם׳ס סטודיאָ.

— 4 —

אויף מאָרגן, ווען אַלעקס האָט געבראַכט זיינע בילדער און זיין געצייג צו הערצבערג׳ן אין סטודיאָ, איז יענער דאָרט געשטאַנען הינטער אַ פאָרהאַנגל אין אַ ווייסן כאַלאַט און האָט געאַרבעט מיטן פּינזל אויף אַ ברייטן לייוונט.

אַז אַדאָלף הערצבערג האָט דערזען אַלעקס׳ן, איז ער אַ צעטראָגענער אַרויסגעלאָפן פון אונטערן פאָרהאַנגל צו אים מיטן פּינזל אין דער האַנט און מיט די ווערטער:

— געקומען? פיין, פיין. פּאַקט זיך אויס, ברייַנגט אַלץ אין אָרדענונג. מיר וועלן זיך באַלד זען.

און ער איז צוריק אַנטלאָפן הינטער זיין פאָרהאַנג.

דערווייל כאַפּט זיך אַלעקס, אַז אויף די ווענט דאָרט איז ניטאָ מער קיין איין בילד פון יענער יונגער, בלאָנדער פרוי. גייט ער צוריק צום פאָרהאַנג, און פרעגט זיך וואו עס זיינען אַהינגעקומען יענע בילדער. ענטפערט אים ניט הערצבערג אויף דעם, נאָר טוט אַ וואונק צו אים אַ צעטראָגענער, אַז ער זאָל צוגיין צו אים. גייט אַלעקס צו צו אים. און יענער שטייט דאָרטן הינטערן פאָרהאַנג און אַרבעט אויף דעם ברייטן לייוונט.

— ווי געפעלט עס אייך? — מאַכט אַדאָלף הערצבערג מיט אַ שניידיקן שמייכל — דאַכט זיך ניט שלעכט, האַ?

אַ אינגל פון אַ יאָר פינף־זעקס, מיט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן, שמייכלט פון דעם לייוונט אַרונטער מיט חן־גריבלעך אויף אַ צאַרטן פּנים׳ל.

קוקט אויף אים אַלעקס און קוקט מיט אַלץ וואַרעמערע אויגן און זאָגט:

— העלאָ, שעיק הענדס, באָי!

און שלאָגט זיך איבער:

— איז דאָס נישט קיין לעבעדיקער באָי?

— דאָס איז היינריך... דער זיסער היינריך — מאַכט מיטאַמאָל אַדאָלף הערצבערג, און אין די בלויע אויגן זיינע שטייען טרערן.

— אייערס אַ קינד? — פרעגט אים אַלעקס.

ענטפערט אים ניט אַדאָלף הערצבערג, נאָר אנשטאט דעם שלעפּט ער אַרויס פון אַ הינטערשטער קעשענע אַ טייסטער, עפנט עס און נעמט אַרויס פון דאָרט צוויי פאָטאָגראַפיעס פון קינדער און ווייזט ביידע מיט אַ באַזונדערער אויפרעגונג אַלעקס׳ן און פרעגט:

— זיינען אָט די ביידע קינדער ניט ענלעך איינס צום אַנדערן? קוקט זיך איין; איר האָט דאָך אַן אויג?

קוקט אַלעקס אויף די ביידע בילדער און מאַכט:

— מיר ווייזט זיך אויס, אַז ביידע זיינען פון איין קינד.

דערפרייט זיך אַדאָלף הערצבערג.

— ניט אמת? זעט דאָס נעזל אויף דער פאָטאָגראַפיע און ס׳נעזל אויף דער אַנדערער — ס׳זעלבע נעזל, ניט אמת? און זעט די אויגן! און דער קאָפּ און דער... אַזוי ס׳מיילעכל ביי דעם און ביי דעם. קאָן מען זאָגן, אַז זיי זיינען ניט ענלעך איינס צום אַנדערן?

ער באַהאַלט צוריק דעם טייסטער מיטביידע פאָטאָגראַפיעס אין זיין הינ־טערשטער קעשענע און זאָגט צו אַלעקס'ן, אַז ער זאָל זיך אויספּאַקן און, אויב ער האָט וועלכע בילדער אויף אויסצוהענגען אויף די ווענט, זאָל ער דאָס טאָן.

— פאַרוואָס האָט איר אַרונטערגענומען פון די ווענט יענע בילדער פון דער בלאָנדער? — פרעגט דערנאָך ווידער אַלעקס.

— פאַרגעסט, פאַרגעסט יענע בילדער, — טוט זיך אַ כאַפּ הערצבערג, און ווי אַלעקסן ווייזט זיך אויס, מיט נערוועזער אומגעדולד, — פּאַקט זיך אויס און זאָל איך ניט אַרן דאָס, וואָס דאַרף אייך ניט אַרן...

און ווען אַלעקס איז נאָכדעם פאַרנומען מיט זיין אויספּאַקן זיך און מיט אויסהענגען בילדער זיינע אויף די ווענט, איז סיי אַדאָלף הערצבערג און סיי יענע בלאָנדע פרוי נאָך אַלץ ביי אים ניט געוואָרן אויס סוד. פאַרקערט: צו יענעם סוד איז נאָך איצט צוגעקומען דער סוד וועגן דעם אינגל, וואָס הערצ־בערג האָט מיט אַזאַ ליבע געמאָלן...

שפּעטער קומט הערצבערג אַרויס פון הינטערן פאַרהאַנג נאָך אין זיין ווייסן כאַלאַט און באַטראַכט די בילדער פון אַלעקס'ן, וואָס הענגען דאָרט אויף די ווענט.

— פיין, פיין, — רעדט ער צו זיך אַליין, — און דאָס איז שוין אַן אמת־מייסטערווערק! — ווייזט ער אויף איינעם פון די בילדער.

— איינס פון די אמת'ע מייסטערווערק! — כאַפּט אונטער אַלעקס, וואָס שטייט נעבן אים, אויף זיין לצנות'דיקן שטייגער. מחמת איצט, זעענדיק ווי זיינע בילדער געפעלן הערצבערג'ן, ווערט ער פריילעך און שטיפעריש ווי געוויינלעך.

ער רעדט ווייטער:

— איר דאַרפט וויסן, מר. הערצבערג, אַז איך קאָן נאָר פאַרטראָגן גוטע קריטיק וועגן מיין אַרבעט. ווען איר וועט עס שטענדיק האָבן אין זינען, וועלן מיר בלייבן די בעסטע פריינט.

— יאָ? און וואָס רופט איר „גוטע קריטיק"?

— ווען מען האַלט, אַז איך בין ווייניקסטנס אַ זשעני, — ענטפערט אים אַלעקס כלומר'שט ערנסט.

אַדאָלף הערצבערג לעבט מיטאַמאָל אויף און דער פּנים זיינער מיט די בלויע אויגן צעשמייכלט זיך פריילעך.

— אַ צווייטער רעמבראַנדט? — לאַכט ער.

— ניין, אַן ערשטער אַלעקס ברוין, — ענטפערט ער.

— ווייס איך דאָס איצט, — רופט זיך אָן דערנאָך אַדאָלף הערצבערג און שלאָגט זיך איבער, — ערנסט, אָט דאָס בילד — ווייזט ער מיט אַ האַנט — איז גענוג, אַז איר מייסטער זאָל פאַררעכנט ווערן פאַר גאָר אַ באַדייטנדיקן קינסטלער.

דאָס בילד האָט פאַרגעשטעלט אַ לבנה־נאַכט אין די קעטסקיל־בערג. און, באַגאָסן פון לבנה־שיין, איז געזעסן אַ יונג מיידל אויף אַ הויכן פעלז און האָט גע'חלומ'ט וועגן איר געליבטן און געבענקט נאָך אים.

— אַלצדינג איז פאַרטרונקען אין לבנה־שיין — רעדט הערצבערג ווייטער — עס דערמאָנט מיך אָן מאָפּאַסאַנ׳ס „לבנה־שיין״. און דאָס מיידל אויפן פעלז איז באמת אַ מייסטערווערק — צעוואָרעמט ער זיך נאָך מער — איר פאַרחלום׳טקייט און איר ליבע־בענקשאַפט — יאָ, אַ מייסטערווערק.

און מיט אַמאָל ווערט ער אַנטשוויגן, טוט אַ פיר מיט אַ האַנט איבער די אויגן און שטייט נאָך אַ ווײַלע און שווײַגט. נאָכדעם זאָגט ער פאַרטראַכט:

— עס דערמאָנט מיר נאָך אָן עפּעס. וואַרט איכ׳ל אײַך עפּעס ווײַזן!

פאַרשווינדט אין דעם צימער הינטער די רויטע פאָרטירן און קערט זיך דערנאָך צוריק מיט עפּעס אין די הענט.

— אַט זעט — וויקלט ער פאַנאַנדער אַ בילד פון אַלעקס׳עס אויגן — אויך אין לבנה־שיין!

אויפן בילד זעט אַלעקס אַ יונגע פרוי, וואָס זיצט אויך, פאַרגאָסן פון לבנה־שיין, אויף אַ פעלז צווישן בערג און חלום׳ט.

און ביי אים רייסט זיך אַרויס פאַרוואונדערט:

— דאָס איז דאָך די זעלביקע פון יענע בילדער!...

— יאָ, אַ פּאָר טעג נאָך איר חתונה. זי איז דאַן אַוועק מיט איר מאַן קיין שווייצאַריע. זיצט זי דאָרט אויף אַ פעלז צווישן די בערג אין אַ לבנה־נאַכט און חלום׳ט פון איר מאַן, אין וועלכן זי איז פאַרליבט. און אפשר ניט — טוט אַדאָלף הערצבערג שטיל אַ לאַך — אפשר... הערט נאָר, מיין פריינט — שלאָגט ער זיך איבער — געפינט איר אין דעם אינגל פון מיין נייעם בילד עפּעס אַן ענלעכקייט צו דער פרוי?

— אין די האָר אפשר — ביידע בלאָנד.

טוט אַדאָלף הערצבערג אַ לאַך אַביסעלע אויפגערעגט און מאַכט:

— זיין פאָטער איז אויך אַ בלאָנדער.

און ער וויקלט צונויף ס׳בילד וואָס ער האַלט אין די הענט און פאַרשווינדט דערמיט אין יענעם צימער הינטער די רויטע פאָרטירן.

ווערט עס פאַר אַלעקס׳ן נאָך מער סוד און נאָך מער רעטעניש.

און אין אַ ווײַלע שפּעטער קומט יענער אַרויס פון דאָרט אַן איבערגעטאָנער אין אַ לאַנגן רעגנמאַנטל, מחמת אין דרויסן זעט אויס וואָלקנדיק. ער רויכערט אַ סיגאַר און שמייכלט, הגם די בלויע אויגן ביי אים זיינען פאַרבענקט.

ער זאָגט אַלעקס׳ן אַז היינט וועט ער אים שוין מער ניט זען. דערביי לאָזט ער אים וויסן, אַז ס׳צימער הינטער די רויטע פאָרטירן איז פאַרשלאָסן, ווייל ער האַלט עס פאַר זיין פּריוואַט־צימער.

און אַלעקס שטויסט זיך אָן, אַז דער „דייטש״ האָט עס געגעבן אים אַ „קאַפּולער אַנצוהערעניש״, אַז מיט יענעם צימער איז ער קיין מחותן ניט...

און ווען אַדאָלף הערצבערג גייט נאָכדעם אַוועק פון דער שטודיאָ, טראַכט אַלץ אַלעקס וועגן אים: ווער איז ער און וואָס איז ער, און וואָס פאַר אַ סוד פאַרבאַהאַלט ער?...

אויף מאָרגן קומט אויס אַלעקס׳ן צו זיך אַליין אין דער סטודיאָ, ווייל יענער ווייזט זיך ניט. אַזוי דריי טעג נאָכאַנאַנד. פאַרלאָרן געגאַנגען דער „דייטש" — ווי אַלעקס רופט אים אין די געדאַנקען. וואו איז ער אַהינגעקומען? פאַר דער צייט הערט ער עטלעכע מאָל ווי דער טעלעפאָן קלינגט אין יענעם צימער הינטער די רויטע פאָרטירן, און עס ווייזט זיך אים אויס, אַז דער טעלעפאָן, וואָס קיינער רופט זיך ניט אָפּ אויף זיין קלינגען, קלינגט אויך פון יענעם פאַרשלאָסענעם צימער מיט עפּעס אַ סוד...

„באַלד ווי אַ גייסטער־געשיכטע" — טראַכט ער.

און פאַר דער צייט איז ער אויך איינמאָל צוגעגאַנגען צום ווינקל, וואו עס זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן איינס אויפן אַנדערן לייוונטן מיט ניט פאַרענדיקטער אַרבעט פון יענעם. ער האָט געוואָלט זען, וואָס דאָרט איז געווען.

איבער אַ טוץ לייוונטן זיינען דאָרט געווען און צווישן זיי דריי ניט־פאַרענדיקטע בילדער — ווידער פון יענער בלאָנדער פרוי, און די איבעריקע, מיט דעם אויסנאַם פון איינעם זיינען געווען בילדער פון לאַנדשאַפטן.

דער איינציקער אויסנאַם איז געווען אַ בילד פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער ביי די נאַציס אין דייטשלאַנד — אַ בנין ווי אַ טויטן־קאַסטן, וואָס האָט פאַרנומען אַ ריזיקן שטח. און דער וועג, וואָס האָט געפירט צו יענעם בנין, איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט מענטשלעכע קעפּ און מענטשלעכע פּנים׳ער — פּנים׳ער אַלטע און יונגע, פון ווייבער און קינדער, ס׳רוב פון אידישע פּנים׳ער...

אַלעקס האָט אַ ציטער געטאָן: די קעפּ, די פּנים׳ער האָבן געקרעכצט, געשריען, געבעטן צו גאָט, און געשאָלטן...

— וואָס פאַר אַ שרעק! דער מאַן האָט באַשטימט טאַלאַנט, אפשר גאָר אַ גרויסן! — טראַכט ער, און ער שטעלט אַוועק דאָס בילד פון קאָנצענטראַציע לאַגער אָן אַ זייט. ווען דער „דייטש" וועט אַמאָל קומען, וועט ער אים זאָגן, ווי שטאַרק אים געפעלט אָט דאָס בילד און וועט אים פרעגן, פאַרוואָס ער האַלט דאָס צווישן זיינע ניט־פאַרענדיקטע אַרבעטן.

און אויפן פערטן טאָג, ווען ער קומט אין סטודיאָ, דערהערט ער מיט־אַמאָל דעם קול מיטן שאַרפן דייטשן אַקצענט פון דעם צימער, פון הינטער די רויטע פאָרטירן.

—מיסטער אַלעקס ברוין, איר זייט דאָס? קומט נאָר אַהער!

דערפרייט זיך אַלעקס. ער טרעפט יענעם דאָרט אין צימער אין זיין ווייסן כאַלאַט. שטייט דאָרט און ווישט מיט אַ סערוועטקע גלעזער.

אויף דער אָנגעצונדענער קאַך־מאַשינקע פייפט אַ טיי־קאַן.

— גוט מאָרגן! קומט, איר וועט מיט מיר טרינקען טיי — נעמט אים אויף אַדאָלף הערצבערג.

פרעגט ביי אים אַלעקס, וואו ער איז געווען. ער האָט דאָך שוין געמיינט — זאָגט ער — אַז ער, הערצבערג, האָט אים אינגאַנצן צוגעוואָרפן די סטודיאָ.

לאַכט יענער. ער וועט עס אפשר אַמאָל טאָן — מאַכט ער — אָבער איצט נאָך ניט.

ווען זיי זיצן נאָכדעם און טרינקען טיי, דערוויסט זיך אַלעקס פון אים, אַז פון צייט צו צייט גייט ער אַוועק פון סטודיאָ אויף עטלעכע טעג, און דערפאַר זאָל ער זיך ניט וואונדערן ווען ער וועט אים דאָ ניט זען אַמאָל אַפילו אַ גאַנצע וואָך.

— וועגן געשעפט, מסתמא — פרעגט אַלעקס — טוט איר דאָס?

— ניין. איך אַנטלויף דאָס אַזוי פון זיך אַליין — ענטפערט אַדאָלף הערצבערג שפּאַטיש — איך מאַך זיך אָבער נאָר נאַריש, ווייל איך אַנטלויף און וואוהין איך אַנטלויף נעם איך דאָך מיט זיך אַליין...

און דאָ כאַפּט ער זיך, אַז עס איז פּונקט די צייט, ווען ער קען הערן די נייעס אויף דער ראַדיאָ, און ער עפנט זי אויף.

און די נייעס, וואָס ער הערט דערנאָך, זיינען זייער שלעכטע. די פאַשיסטן באַזיגן פראַנקרייך. עס הייסט, אַז פראַנקרייך קאַפּיטולירט.

— אויך פראַנקרייך, די פרייע פראַנקרייך? עס קען דאָך ניט זיין! — מורמלט אַדאָלף הערצבערג, און ער זעט אויס בלייך.

אַלעקס איז אויך צערודערט פון אַט די נייעס. מחמת נאָך אַמעריקע איז פראַנקרייך, וואו ער האָט געוואוינט אַ יאָר צייט, אים דאָס ליבסטע לאַנד.

דערנאָך קאָנען זיי ניט אַרבעטן פאַר אויפרעגונג, און יעדע עטלעכע מינוט לויפן זיי ווידער און ווידער צו דער ראַדיאָ, צו הערן פרישע נייעס.

און יעדעס מאָל איז די נייעס שרעקלעכער איידער די פריערדיקע, און ווען עס קומט אָן דורך דער ראַדיאָ די נייעס, אַז די נאַציס האָבן אַריינגע־מאַרשירט אין פּאַריז, רייסט זיך צוערשט אַרויס ביי אַדאָלף הערצבערג'ן, אַז עס איז אַ ליגן; נאָכדעם אָבער קרעכצט ער אַרויס:

— וואָס פאַר אַ פינסטערע גבורה! האָלאַנד, בעלגיע און איצט פראַנק־רייך, און מסתמא ענגלאַנד אויך... קאַפּוט. איצט איז אַלצדינג קאַפּוט, די גאַנצע וועלט איז קאַפּוט! — מורמלט ער ווייטער, און קוקט מיט שרעק אויף דער ראַדיאָ, און דער פּנים ביי אים ווערט פון בלייך רויט און רויטער, ממש אַ שטיק פייער.

ער פאַרדרייט די ראַדיאָ, נאָכדעם זעצט ער זיך אַוועק אויף דער סאָפע און נעמט אַריין דעם בלאָנדן קאָפּ צווישן בײדע הענט און זיצט אַזוי אַ היפּשע צייט ווי אַ פאַרשטיינערטער, שטום, מיט די אויגן איינגעגראָבן אין דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, וואו עס הענגען בילדער אונטער באַזונדערע פאַר־האַנגלעך.

***

אַלעקס, וואָס איז קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געווען אַזוי ערנסט ווי אין אַט דעם מאָמענט, רייסט איבער דעם שוויגן. ער זאָגט:

— אַלע זיינען געווען אַזוי זיכער, אַז אין פראַנקרייך וועלן זיי כאַפּן די ריכטיקע מפּלה!

— זיכער, האַ? זיכער? — הויבט זיך אויף אַדאָלף הערצבערג פון דער זאָפע און רעדט ווי צו זיך אַליין — זיי זיינען געווען זיכער, ווייל זיי פאַרשטייען נישט וואָס פאַר אַ מלחמה דאָס איז. מחמת ניט קיין געוויינלעכע איז אַט די,

וואָס היטלער האָט אַרויפגעצוואונגען אויף דער וועלט, נאָר אַ מלחמה כלומר׳שט אַן „אידעאָלאָגישע״, אין דעם נאָמען פון אַ „נייער אָרדענונג״ און פון אַ „נייער מאָראַל״, לויט די געבאָטן פון דעם נייעם עוואַנגעליום, וואָס ער, דער „פירער״ און דער „דערלייזער״ פון דעם דייטשן פאָלק, האָט געשאַפן, לויט די געבאָטן פון זיין בוך, „מיין קאַמף״. יאָ, כמעט אַ רעליגיעזע מלחמה איז דאָס, פון אַ נייער רעליגיע קעגן אַלע עקזיסטירנדיקע רעליגיעס און קעגן אַלע אונזערע מאָראַלישע באַגריפן און ווערטן, — אַ רעליגיעזע מלחמה, וואָס האָט איר נייעם „דערלייזער״ און אירע נייע אַפּאָסטאָלן. דערפאַר זיינען דאָך די נאַצישע האָרדעס אַזוי געפערלעך. דערפאַר ווייזן זיי אַרויס אַזאַ פינצטערע גבורה און שנאה אין זייער מלחמה קעגן די מענטשן פון אַן אַנדער גלויבן, אָנגעצונדן פון זייער דערלייזער׳ס נייער תורה... אָ, איך קען זיי פון אייגענער דערפאַרונג!—פליסטערט ער און שמייכלט פאַרטראַכט.

און אין אַ ווײַלע אַרום זיצט ער ביים טעלעפאָן און רעדט צו מענטשן וועגן פריינט זיינע, וואָס געפינען זיך אין פראַנקרייך.

צי קען ער זיי אַרויסראַטעווען פון דאָרט און ווי אַזוי? ער רופט אָן מענטשן, וואָס מען ווייסט זיי זיכער דערשיסן, אויב זיי וועלן דאָרט, אין פאַריז, אַריינפאַלן צו די נאַציס אין די הענט. ער וויל טעלעגראַפירן געלט אַהין. צי קאָן ער דאָס ניט טאָן דורך עפּעס אַ היגער אָרגאַניזאַציע?

און דעמאָלט רייסט זיך אויך אַרויס ביי אים עפּעס וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז אַזאַ סוד פאַר אַלעקס׳ן: ווען ער גייט אַוועק דערנאָך פונם טעלעפאָן, רופט ער זיך אָן צו אַלעקס׳ן אַ פאַרצווייפלטער:

— וואָס פאַר אַן אומגליק! מיינע בעסטע פריינט זיינען דאָרט, מענטשן, וואָס האָבן מיט מיר דורכגעמאַכט ביי די נאַציס דעם קאָנצענטראַציע־גיהנום...

און עס טוט זיך אַ טראָג אַלעקס׳ן פאַר די אויגן הערצבערג׳ס בילד פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, — דאָס בילד, וואָס ער האָט אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע לייוונטן מיט די ניט פאַרענדיקטע אַרבעטן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט אין אַ ווינקל.

ער פרעגט:

— איר זענט געווען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער ביי די נאַציס?

אַדאָלף הערצבערג ענטפערט אים ניט אויף דעם. ער רעדט ווייטער צעטראָגן און פאַרצווייפלט:

— וואָס טו איך? איך וואָלט זיי וועלן העלפן. מען וועט זיי דערשיסן אָדער צוריקשיקן אין אַ קאָנצענטראַציע־גיהנום צוריק קיין דייטשלאַנד, ווען זיי וועלן אַריינפאַלן צו יענע אין די הענט... דאָרט, אין פראַנקרייך, האָבן זיי די גאַנצע צייט געאַרבעט קעגן די נאַציס...

פרואווט אים אַלעקס צו באַרואיקן. ער זאָגט:

— אויב זיי האָבן געלט וועלן זיי זיכער דאָרט קאָנען אַנטלויפן.

— זיי וואָלטן געהאַט געלט, ווען מיין געשעפט וואָלט דאָרט פאַרבליבן ווי געווען. אָט די פריינט מיינע זיינען אַלע דאָרט פאַרבונדן געווען מיט מיין

געשעפט. אָבער מיין געשעפט איז דאָרט אודאי שוין „ליקווידירט" געוואָרן פון די נאַציס אין פּאַריז. אָ, ווי אַזוי זיי טוען עס ווייס איך פון פּערזענלעכער דער־פאַרונג... און אויב אַזוי, וועלן מיינע פריינט דאָרט ניט האָבן קיין מיטלען אויף צו אַנטלויפן — רעדט הערצבערג.

וואונדערט זיך אַלעקס וואָס הערצבערג רעדט אַזויפיל וועגן זיינע פריינט. וואָס זיי זיינען דאָרט און כמעט גאָרנישט וועגן זיין געשעפט, וואָס גייט דאָרט ביי אים אפשר פאַרלאָרן...

ער רופט זיך אָן:

— איר האָט דאָרט אַ געשעפט?

— איך ווייס ניט, אויב איך האָב עס איצט. ביז איצט האָב איך געהאַט דאָרט אַ ברענטש פון מיין פריערדיקן געשעפט אין דייטשלאַנד, איידער עס איז „אַריאַניזירט" געוואָרן. אַזאַ ברענטש האָב איך אויך דאָ, אין ניו יאָרק.

— וואונדער איך זיך טאַקע וואָס איר, אַ געשעפטסמאַן, האָט איצט אַזוי ווייניק אייער געשעפט אין זינען — מאַכט אַלעקס. — עפּעס גאָרניט מעשה געשעפטסמאַן!...

קוקט אים אָן הערצבערג מיט אַ גאַליקן שמייכל און זאָגט:

— מיין פריינט, די נאַציס האָבן ביי מיר אָוועקגענומען מער, מער אפילו ווי דעם געשעפט אין דייטשלאַנד, וואָס איז געשאַצט געווען אין מיליאָנען מאַרק. זיי האָבן אָוועקגענומען ביי מיר עפּעס, וואָס מען ניט קויפן פאַר קיין געלט אין דער וועלט. געלט? מיר פעלט עס ניט. אפילו איצט פעלט עס מיר ניט. עפּעס אַנדערש פעלט מיר. עפּעס, וואָס איז מער ווי געלט. איך וועל ניט בענקען, אויב איך וועל דעם געשעפט דאָרט פאַרלירן, אָבער איך וועל בענקען, און שטאַרק בענקען, אויב איך וועל מיינע פריינט פאַרלירן...

ווערט דעמאָלט פאַר אַלעקס'ן אַביסעלע אויפגעדעקט דער סוד וועגן אַדאָלף הערצבערג'ן און זיין פאַרגאַנגענהייט, אָבער נאָר אַביסעלע. און אַזוי ווי אים ווילט זיך מער וויסן וועגן יענעם, מיינט ער, אַז גראַד איצט איז די ריכ־טיקע געלעגנהייט אויסצופרעגן הערצבערג'ן וועגן דעם. אים פאַלט איין אָנ־צוהייבן פון דעם בילד, וואָס הערצבערג האָט געמאָלן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער...

ער רופט זיך אָן:

— צווישן די ניט־פאַרענדיקטע אַרבעטן אייערע האָב איך געפונען אַ בילד פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. זייער אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט. איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס איר מיינט, אַז עס געהערט צו די ניט־פאַרענדיקטע בילדער אייערע. נאָך מיין מיינונג איז דאָס אַ פאַרענדיקט בילד, וואָס איז אייך זייער געלונגען...

טוט הערצבערג אַ קוק אויף אים עפּעס ווי פאַרוואונדערט, זאָגט אָבער גאָרנישט און גייט אַרויס אין צווייטן צימער, און ער, אַלעקס, נאָך אים. הערצבערג קוקט זיך אַרום און באַלד דערזעט ער דעם בילד פון דעם קאָנ־צענטראַציע־לאַגער, וואָס שטייט דאָרט אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע ליי־וונטן זיינע מיט די ניט־פאַרענדיקטע אַרבעטן.

ער נעמט דעם בילד אין די הענט אַריין און קוקט אויף דעם און קוקט. טוט אַ צי דערנאָך מיט די אַקסלען און וואַרפט עס אַריין צוריק אין דער קופּע ליוונטן, וואו עס איז פריער געלעגן...

— מיין פריינט — זאָגט ער שטיל, נאָר נערוועז, צו אַלעקס׳ן — לאָזט עס ליגן. אַוועקגעלייגט, זאָל עס ליגן...

— פאַרוואָס? די אַרבעט איז דאָך זייער אַ געלונגענע? ביי מיר וואָלט אַזאַ אַרבעט געהאַנגען אויף דער וואַנט אויבנאָן...

— פּערזענלעכע געשיכטע, מיין פריינט, פּערזאָנאַל היסטאָרי... איך האָב אייך שוין אַמאָל געזאָגט, אַז איך טו די אַרבעט פאַר זיך, נאָר פאַר זיך אַליין...

רופט זיך אָן אַלעקס:

— איך ווייס ניט צוליב וואָס און צוליב וועמען איר האָט דאָס בילד געמאָלן, אָבער דאָס איז קונסט.

— קונסט? — טוט הערצבערג אַ שמייכל — מיין פריינט, אויב דאָס איז קונסט, איז דאָס זייער שלעכטע קונסט. קונסט איז דער אויסדרוק פון אַן איינדרוק, אָדער פון אַן איבערלעבונג, אָבער דאָס בילד גיט ווייט־ווייט ניט איבער יענעם איינדרוק און יענע איבערלעבונג פון דעם נאַציישן גיהנום, וואָס דאָס האָט געזאָלט אויסדריקן, ניט אפילו אַ טויזנטסטן טייל, וואָס איז פאַרבליבן אָט־אָ־דאָ! — ווייזט ער אויף זיין האַרצן. — דערפאַר טויג דאָס ניט און דערפאַר האָב איך דאָס אַוועקגעלייגט צווישן יענע אַרבעטן מיינע...

און ווען אַלעקס וויל דערנאָך ווידער עפּעס זאָגן, לאָזט אים ניט הערצבערג.

— גענוג — מאַכט ער — גענוג. ניט איצט איז אַ צייט צו רעדן וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן. איך וועל בעסער גיין זען, וואָס איך קאָן טאָן פאַר יענע...

און שפּעטער, ווען אַלעקס פאַרלאָזט די סטודיאָ, גייט ער אַוועק פון דאָרט נאָך מער פאַראינטערעסירט אין דעם „טשיקאַווען דייטש" אידער פריער...

— 5 —

אַרום אָט דער צייט האָט אויך דער שרייבער, וויליאַם רובין, אַלעקס׳עס פריינט, זיך באַקענט מיט אַדאָלף הערצבערג. ער איז לכתחילה געקומען צו אים אין סטודיאָ, ווייל אַלעקס האָט אים פאַראינטערעסירט מיט דעם „טשיקאַווען דייטש"...

און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַדאָלף הערצבערג איז געווען אַ לייענער פון רובינ׳ס ווערק און האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין שריפטשטעלערישן טאַלאַנט. און שוין ביי זייער ערשטער באַגעגעניש האָבן זיי זיך ביידע באַפריינדעט, און הערצבערג האָט אים איינגעלאַדן צו גיין מיטאָגן מיט אים.

און ווען רובין איז געגאַנגען דעמאָלט מיט הערצבערג׳ן צום מיטאָג, איז ער ביי זיך זיכער געווען, אַז ווען ער וועט צוריקקומען פון יענעם מיטאָג וועט ער שוין וויסן דעם סוד וועגן אַדאָלף הערצבערג איז געווען...

אין יענעם רעסטאָראַן, וואוהין הערצבערג האָט אים געפירט מיטאָג־עסן, האָבן געגעסן אויך אַנדערע דייטשע פליכטלינגע, און וויליאַם האָט זיך גע־

וואונדערט וויפיל מענטשן, סיי אינגערע און סיי עלטערע, זיינען צוגעגאַנגען צו הערצבערג׳ס טיש און האָבן גערעדט מיט אים. די מערסטע פון זיי האָבן גערעדט מיט אים וועגן איין זאַך: וועגן דער מלחמה און וועגן היטלערן — אַנדערע פון זיי מיט צער און אַנדערע מיט שרעק...

אַ טייל פון זיי האָט גערעדט מיט אים דייטש. די מערסטע אָבער האָבן גערעדט ענגליש, מיט אַ שאַרפן דייטשן אַקצענט, און מיט אַ פּאָר פון זיי האָט ער גערעדט פראַנצויזיש.

בלויז צוויי פון זיי האָבן גערעדט מיט אים וועגן געשעפט.

פּאָר דער צייט איז צו זיין טיש צוגעקומען אַן אַלטער דזשענטעלמאַן, מיט אַ ווייסן קאָפּ, און האָט זיך איינגעבויגן איבערן טיש און שטיל מיט אַ פּאָרסוד׳עטער מינע אים איבערגעגעבן, אַז עס האָבן זיך גענומען ווייזן אין דער לעצטער צייט מיטגלידער פון דעם „דייטש־אַמעריקאַנישן בונד" אין אָט דעם רעסטאָראַן, און אויך אַזעלכע, וואָס אַרבעטן דאָ פאַר דער „געסטאַפּאָ". ער ווייס דאָס זיכער. אפילו איצט, אין דעם מאָמענט, זיצט דאָ איינער אַזאַ...

און ווען דער אַלטער איז נאָכדעם אַוועק פון זיין טיש האָט הערצבערג זיך אָנגערופן צום שרייבער:

— אָט דער אַלטער דזשענטעלמאַן איז איינער פון די פּליכטלינגע. איך קען אים פון דערהיים און אויך פון פראַנקרייך. אַ רייכער געשעפטסמאַן איז ער געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין לייפּציק. דער שרעק פון דעם דייטשן גיהנום ליגט אים נאָך אין די ביינער... אפילו, דאָ, אין אַמעריקע, לאָזט עס אים ניט רוען. ער ציטערט אויף פון דעם נאָמען „געסטאַפּאָ" אפילו דאָ. און ער איז ניט קיין אויסנאַם...

און ער, הערצבערג, האָט דערמאָלט צוגעגעבן פאַרטראַכט:

— ווער ווייסט?... ס׳איז מורא׳דיק צו טראַכטן דערפון... אפשר דאָ אויך?... אין דייטשלאַנד איז דאָס אויך געקומען אומגעריכטערהייט.

און ווען רובין האָט דערמאָלט געפּרוואוט צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס וועגן זיין לעבן אין דייטשלאַנד, האָט ער, אַדאָלף הערצבערג, גאָר גענומען אויספרעגן אים, דעם שריפטשטעלער, וועגן דעם, וואָס ער שרייבט איצט און וועגן אַנדערע ווערק זיינע, וואָס זיינען שוין געדרוקט געווען...

און דער שריפטשטעלער, וויליאַם רובין, האָט דערמאָלט פאַרגעסן וואָס ער איז אויסן געווען מיט זיין קומען מיטאָג־עסן מיט הערצבערג׳ן, און ער האָט גענומען רעדן וועגן זיין אַרבעט און גערעדט דערפון די גאַנצע צייט דערנאָך, ביז זיי האָבן זיך צעשיידט...

זיי זיינען פאַרבליבן פריינט. פון דעמאָלט אָן איז דער שריפטשטעלער וויליאַם רובין געקומען צו אים אין סטודיאָ גאַנץ אָפט, און אַמאָל זיינען זיי ביידע געגאַנגען עסן אין אַ רעסטאָראַן, צי אין אַ טעאַטער געגאַנגען צו אַ פאָרשטעלונג, אָדער זען אַ בילד.

זיי האָבן ליב געהאַט צו רעדן איינער מיטן אַנדערן וועגן די פאַרשיידנסטע פראַגן.

ווען זיי האָבן גערעדט וועגן ליטעראַטור האָט אַדאָלף הערצבערג אַרויס־

געוויזן אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט ניט נאָר מיט דער דייטשער, נאָר אויך מיט דער אַלגעמיינער ליטעראַטור.

מיט דער זעלביקער באַגייסטערונג האָט ער גערעדט וועגן געוויסע רוסי־שע, פראַנצויזישע, ענגלישע און סקאַנדינאַווישע שריפטשטעלער און פּאָעטן, ווי וועגן געוויסע דייטשע.

סיי די אַלטע און סיי די נייע ליטעראַטור איז אים גוט באַקאַנט געווען. אַזוי האָט ער גערעדט מיט גרויסן וויסן וועגן מאַלעריי און קונסט בכלל.

און שטענדיק, שטענדיק, האָט דער שרייבער, וויליאַם רובין, געהאַט דעם איינדרוק נאָך אַ שמועס מיט הערצבערג׳ן וועגן וועלכן ענין ניט איז, אַז ער, הערצבערג, האָט ניט אַלץ, וואָס ער וואָלט געקאָנט זאָגן וועגן יענעם ענין, אַרויסגעזאָגט...

איבערהויפּט איז אַדאָלף הערצבערג אים ליב געווען, אים, דעם מיטאַר־בעטער פון די ראַדיקאַלע ענגלישע און אַמעריקאַנישע זשורנאַלן, פאַר זיינע אַנשויאונגען, וואָס זיי זיינען געווען דורכאויס סאָציאַליסטישע.

ער, אַדאָלף הערצבערג, האָט אַמאָל, זיצנדיק מיט אים אין אַ קאַפע־הויז אויף בראָדוויי, זיך אַזוי אויסגעדריקט פאַר אים:

— לויט מיין שטאַנד בין איך געווען און בין נאָך היינט אויך אַ קאַ־פּיטאַליסט. אָבער לויט מיין גייסט בין איך אַלעמאָל געווען, זינט מיינע אוני־ווערסיטעט־יאָרן אָן, אַ שטאַרקער קעגנער פונם קאַפּיטאַליזם. און מיין חשוב׳־סטער לערער איז געווען און ביז היינט נאָך פאַרבליבן קאַרל מאַרקס...

און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ געלעכטער:

— מיך האָבן די נאַצים אומזיסט ניט געפּייניקט, כאַטש, אמת, זיי האָבן דער עיקר מיך געפּייניקט ניט ווייל זיי האָבן געוואוסט מיין וועלט־אַנשויאונג, נאָר צוליב מיין אידישער אָפּשטאַמונג...

— פאַרוואָס קען איך אייך ניט? פאַרוואָס האָט איר מיר קיינמאָל ניט דערציילט וועגן אייערע איבערלעבונגען? — האָט וויליאַם רובין דעמאָלט גע־פרעגט ביי אים. — איך פיל, אַז איר האָט איבערגעלעבט אַ סך, גאָר אַ סך, און מיין שרייבערישע נייגעריקייט לאָזט מיך ניט רוען...

האָט אַדאָלף הערצבערג אים דעמאָלט געענטפערט און געקוקט פאַר זיך מיט זיינע פאַרבענקטע אויגן:

— איבערגעלעבט? יאָ, ניט ווייניק. אַ סך, גאָר אַ סך. היינט נאָך אפשר ניט ווייניקער. רעדן אָבער דערפון איז מיר שווער. אפשר אַמאָל, רובין... דע־מאָלט וועט איר זיך באַקענען מיט אַ טראַגעדיע... אָבער גענוג, ניט רעדן מער דערפון — האָט הערצבערג זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן און אַוועקגעשלעפּט דעם שרייבער מיט זיך פון רעסטאָראַן אין אַ טעאַטער.

מיט אַלעקס׳ן האָט הערצבערג זיך ניט געקאָנט אַזוי באַפריינדן. ער איז צו באַשריינקט געווען פאַר אים. וויליאַם רובין איז געווען אַ סך געבילדעטער, און ער האָט געקענט מיט אים רעדן וועגן אַ סך ענינים, וואָס אַלעקס׳ן זיינען זיי געווען פרעמד. אַ חוץ דעם האָט אים אַלעקס אַמאָל דערעסן מיט זיינע חכמות.

— איר ווייסט — האָט ער אַמאָל זיך אָנגערופן צו רובינע׳ן, ווען ער איז

געזעסן מיט אים אין אַ קאַפע־הויז, — אייער פריינט אַלעקס איז אַ גאַנץ וואוי־לער מענטש און אַ טאַלאַנטפולער, דאָך הויבט מיר אָן צו ווערן שווער מיט אים. אַ מענטש זאָל זיך נאָכאַנאַנד וויצלען. די גאַנצע וועלט זאָל פאַר זיינע אויגן אונטערגיין, גייט עס אים נישט אָן. ער וויצלט זיך. איר ווייסט, באַלד ווי איך האָב זיך באַקענט מיט אים איז ער מיר דוקא דערפאַר געפעלן געוואָרן. דער־פאַר האָב איך מסכים געווען צו טיילן זיך מיט אים מיט מיין סטודיאָ. היינט אָבער איז ער מיר שווער מיט זיין אַזוי גערופענער באַהעמישקייט. איך מייד אויס, ווען נאָר איך קאָן, אפילו צו רעדן מיט אים.

און האָט צוגעגעבן:

— איבערהויפּט איז מיר שוין לאַנג קלאָר געוואָרן, אַז צווישן דעם שריפט־שטעלער און דעם מאָלער איז אַ גרויסער אונטערשייד. איך האָב געטראַפן אין מיין לעבן די באַרימטסטע שריפטשטעלער און די באַרימטסטע מאָלער און דער אונטערשייד צווישן זיי האָט זיך שטענדיק געמערקט. דער מאָלער, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, זעט שטענדיק נאָר דעם ווינקל, וואָס ער מאָלט, און דער גרויסער שריפטשטעלער — די גאַנצע וועלט. אָט דעם אונטערשייד באַ־מערק איך אויך צווישן אייך און אייער פריינט אַלעקס׳ן.

דער שרייבער האָט געפּרואווט פאַרענטפערן זיין פריינט און אָנגעוויזן אויף די גוטע מעלות פון אַלעקס׳ן.

— ער איז אַ האַרציקער מענטש — האָט וויליאַם רובין געזאָגט, — אַ פילאָזאָף, אויב איר ווילט, וואָס קוקט אויף דער גאַנצער וועלט דורך פריי־לעכע, זוניקע ברילן.

— „זוניקע אויגן״ — האָט הערצבערג אַ לאַך געטאָן — אַ פּוסטע פראַזע היינטיקע צייטן! און וואָס איז שייך פילאָזאָפיע און פילאָזאָפן, ניין, אייער פריינט אַלעקס איז ניט קיין פילאָזאָף, נאָר פשוט אַ נאַר, וואָס חכמה׳ט זיך איבער׳ן צוויטנס אומגליק!

דער שרייבער האָט זיך אָנגערופן מיט פאַרדראָס:

— עס טוט מיר ווי צו הערן עפּעס אַזוינס וועגן אַלעקס׳ן. איר קענט אים ניט אַזוי גוט ווי איך.

— ווער וויל אים קענען? איך וויל אים גאָרנישט קענען — האָט הערצ־בערג געזאָגט, און דערשטיקט זיין אויפרעגונג. — איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: ווען איר וואָלט ניט געווען אַזאַ פריינט זיינער, וואָלט ער שוין לאַנג ניט געווען ביי מיר אין סטודיאָ.

— אָבער פאַרוואָס?

— ווייל איך האָב שוין אייך געזאָגט, ער איז מיר שווער. ווייל מיט יעדן טאָג פיל איך, אַז דאָס אומגליק פון דער וועלט גייט אים גאָרניט אָן. פריער האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז עפּעס רירט אים יאָ אָן. אָבער פאַר דער לעצטער צייט — גאָרנישט. נאָר געוויצלט זיך, נאָר גע׳חכמה׳ט זיך. אַ ווילדער קלאָון שטייט איבער אַ וועלט, וואָס גייט אָפּ מיט בלוט און מאַכט איבער איר גרימאַסן...

האָט וויליאַם רובין דעמאָלט געפּרואווט זיך ווידער אָננעמען פאַר זיין פריינט. מיט׳ן גאַנצן האַרצן האָט ער געוואָלט, אַז צווישן אַלעקס׳ן און הערצ־

בערג׳ן, צווישן אָט די צוויי מענטשן, וואָס ער האָט ליב געהאַט, זאָל זיין שלום. און ער האָט זיך אָנגערופן:

— איר פאַרשטייט אים שלעכט. ער טוט דאָס, ווייל ער איז אויסן אייך צו צעשטרייען. איך ווייס ווי ער פילט אייך מיט. ניט איינמאָל האָט ער דערפון גערעדט מיט מיר. אפשר טוט ער דאָס אַמאָל אָן טאַקט, אפשר אביסעלע אי־בערטריבן, אָבער מיינען מיינט ער אַלעמאָל גוט...

האָט הערצבערג אַ לאַך געטאָן און באַמערקט:

— גוט מיינט איר; ער אָבער מיינט, אַז ער איז אַ חכם...

און באמת איז גערעכט געווען דער שרייבער, וויליאַם רובין. ביי הערצ־בערגן אין דער סטודיאָ איז אַלעקס ס׳רוב אויסן געווען מיט זיינע חכמות און זיינע וויצן צו צעשטרייען הערצבערג׳ן, איבערהויפּט אין יענע מאָמענטן, בעת יענער האָט אויסגעזען זייער אומגליקלעך. דאָס הייסט, גראָד אין מאָמענטן, ווען אַלעקס׳עס וויצן און חכמות זיינען דעם אומגליקלעכן געווען שווער צו פאַרטראָגן.

איז ער אָבער שולדיק געווען אין דעם? אַרויסרייסן הערצבערג׳ן פון זיין שווערער שטימונג איז ער אויסן געווען, צו מאַכן אים פריילעכער, אַ שמייכל ביי אים אַרויסרופן...

פאַר דער צייט האָט ער אַזוי ווי זיין פריינט, וויליאַם רובין, שוין גע־וואוסט עטלעכע פאַקטן וועגן הערצבערגס פריערדיקן לעבן. זיי האָבן גע־וואוסט, אַז ווייל ער און זיין פאָטער זיינען געווען פון אידישער אָפּשטאַמונג האָט מען ביי זיי אַלצדינג אַוועקגענומען. אויך די גרויסע כעמישע פאַבריק מיט אַלע אירע ברענטשעס אין דייטשלאַנד. און זיין פאָטער און מוטער זיינען ביידע געשטאָרבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, און אַז אים אַליין האָט מען פון דאָרטן אַרויסגעראַטעוועט. אויך האָבן זיי געוואוסט, אַז ער איז געווען דאָרט פאַרהייראַטעט מיט אַ קריסטלעכער דייטשער פרוי, אַ באַנקירס אַ טאָכטער, וועלכע איז געווען אַ חבר׳טע פון זיין שוועסטער. און אויך אַז עס זיינען פאַר־בליבן ברענטשעס פון יענעם געשעפט אין אַנדערע לענדער, ברענטשעס, וואָס האָבן נאָך באַלאַנגט צו אים; און אַז אויך איצט איז ער נאָך געווען אימשטאַנד צו שטיצן, און טאַקע געשטיצט אויך מיט זיין געלט אַנדערע פליכטלינגע, סיי אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געפונען דאָ אין לאַנד, און סיי יענע פריינט זיינע, וואָס מען האָט געדאַרפט אַרונטערברענגען אַהער פון יענע לענדער, וואוהין זיי זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן.

וואָס עס איז געוואָרן פון זיין קריסטלעכער ווייב און צי האָט ער געהאַט מיט איר קינדער — דאָס האָט מען פון אים ניט געקאָנט דערגיין. וועגן דעם האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט רעדן. ניט אפילו אין יענע מאָמענטן, ווען אים האָט זיך געוואָלט עפּענען פאַר ווּעמען ניט־איז זיין האַרץ, וואָס ער האָט געוויינלעך געהאַלטן פאַרשלאָסן.

וויסנדיק אָט די עטלעכע פאַקטן וועגן אים, האָבן זיי געפילט, סיי דער שרייבער וויליאַם רובין און סיי זיין פריינט אַלעקס, אַז זיי האָבן געוואוסט זייער ווייניק וועגן אים, זייער ווייניק וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט, כמעט גאָרנישט;

אַז דער עיקר פון זיין פריערדיקן לעבן און פון זיין אינערלעכן איצטיקן לעבן איז פאַר זיי נאָך פאַרבליבן אַ סוד...

איין זאַך איז פאַר זיי קלאָר געווען:

דער מענטש האָט געליטן. עפּעס האָט אים געעגבערט. עפּעס האָט אים פאַרפּאַלגט. מיט יעדן טאָג האָט ער אויסגעזען אַלץ פינצטערער, אַלץ פאַר־צווייפלטער.

די לעצטע צייט איז ער אָפט געזעסן פאַרשפאַרט אין דעם צימער הינטער די רויטע פאָרטיערן און שעה׳ן־לאַנג איז ער פון דאָרט ניט אַרויס. און ווען ער איז נאָך דעם אַרויסגעקומען פון דאָרט, האָט אַלעקס כמעט שטענדיק באַמערקט, אַז ער איז געווען שיכור׳לעך. געווינלעך האָט ער זיך נאָכדעם געשטעלט אַר־בעטן הינטער דעם פאַרהאַנגל און ניט געוואָלט, אַז אַלעקס זאָל זען וואָס ער האָט דאָרט געטאָן.

און אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך נאָכגעפרעגט ביי אַלעקס׳ן אויף רובינען, צי קאָן מען ניט טעלעפאָנירן צו אים, אַז ער זאָל קומען. צי ער האָט גאָר געענ־מען רעדן וועגן די לעצטע נייעס פון דער מלחמה מיט אַזאַ מינע און מיט אַזאַ קול, אַז אַלעקס האָט אויף אים שטאַרק רחמנות געהאַט און פאַר רחמנות גע־פּרוּווט זאָגן עפּעס אַ וויץ... האָט הערצבערג איצט, ווי נאָר ער האָט דער־הערט, אַז אַלעקס הויבט אָן זיך צו וויצלען, גלייך זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף נאָך כלומרשט שרייבן בריוו, און ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם צימער הינטער די רויטע פאָרטירן, און זיך דאָרט פאַרשפאַרט.

אוודאי האָט אַלעקס באַמערקט, אַז זיינע וויצן „נעמען ניט״ דעם „דייטש״ און אַז בכלל איז יענער אַנגע׳ברוגז׳ט אויף אים. פאַרוואָס? און ער האָט גע־פונען אַ תירוץ אויף דעם אַזאַ:

ערשטנס, אפילו אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד, אַז אַ דייטש זאָל אַ לאַך טאָן פון אַ וויץ, דאַרף מען אים סיידן קיצלען אין די פּיאַטעס, בפרט נאָך אַ דייטש אין אַזעלכע אומשטענדן...

און איינמאָל, נאָך דעם ווי הערצבערג האָט זיך ניט געוויזן גאַנצע צוויי וואָכן אין זיין סטודיאָ, איז ער געקומען אַהין און ער האָט אויסגעזען שטאַרק צעטראָגן. ער איז אַריין אין דעם צימער הינטער די רויטע פאָרטירן און האָט אָנגעקלונגען צו דעם שרייבער וויליאַם רובין. און אין טעלעפאָן האָט אים אָפּ־געענטפערט די פרוי, ביי וועמען יענער האָט געוואוינט. זי האָט געזאָגט, אַז מיסטער רובין איז אַוועקגעפאָרן אויף וואַקאַציע און וועט זיין צוריק אין אַ פיר וואָכן שפּעטער.

איז דעמאָלט הערצבערג אַרויסגעקומען אין דעם אַנדערן צימער, וואו אַלעקס האָט געאַרבעט און האָט אים מכבד געווען מיט איינעם פון זיינע האַ־וואַנאַ סיגאַרן און געזאָגט:

— זאָלן מיר זיין גוטע פריינט, אַלעקס!

אַלעקס, שטייענדיק מיטן פּינזל ביי זיין לייוונט, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אדרבה, איר ווערט נאָר אויס דייטש און הויבט אָן צו פאַרשטיין אַ וויץ, וועלן מיר זיין די בעסטע פריינט!

אָט ווילצלט איר זיך שוין! אום גאָטעס ווילן — האָט זיך אַרויסגעריסן ביי הערצבערגן — הערט אויף צו וועלן זיין אַ חכם!

— וועלן טאָר איך אויך ניט?

— הערט, אַלעקס — מאַכט נאָכדעם צו אים הערצבערג, — הערט וואָס אַ נאַר וועט אייך זאָגן. אייער פריינט רובין וויל מיר איינריידן, אַז איר טוט דאָס פאַר גוטסקייט, ווייל איר ווילט מיך צעשטרייען...

— וואָס טו איך פאַר גוטסקייט? — קוקט אים אַלעקס אָן פאַרוואונדערט.

— כ'מיין, דאָס וואָס איר ווילצלט זיך, וואָס איר זאָגט חכמות; וואָס איר ווילט מיך פריילעך מאַכן... אָבער אייערע וויצן זיינען פאַר מיר די גרעסטע אָפּ־קומעניש. עס איז אַזוי ווי מען וואָלט עמיצן געהאַלטןביים גאָרגל און גע־שטיקט אים און דערביי אים אונטערהאַלטן מיט וויצן און געוואָלט, אַז ער זאָל לאַכן... עס לאַכט זיך ניט, ברודער. עס לאַכט זיך ניט!... און ווי קען מען לאַכן אין אַזאַ צייט, פרעג איך אייך? און איך באַזונדערס... יעדן טאָג בשורות אַזעלכע פינסטערע, אַזעלכע ביטערע פון דאָבען און פון דאָרט!... איין נאָענטער מענטש האָט זיך דאָס לעבן גענומען... אַ צווייטער איז געוואָרן אַ גאַנצער מאַ־כער ביי דער „געסטאַפּאָ"... און אַ דריטער, און אַ פערטער, און אַ פינפטער. זייער געביין אפילו ווייסט קיינער ניט וואו ס'איז אַהינגעקומען... איר זענט דאָך אַ קינסטלער. איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין... איר דאַרפט דאָך פילן... מיר דאַכט זיך אַמאָל אויס, אַז איר לאַכט פון מיר...

— ניט איך לאַך פון אייך, מיסטער הערצבערג, נאָר איך וואָלט וועלן אַז איר זאָלט לאַכן פון דער גאַנצער וועלט.

מאַכט צו אים דעמאָלט הערצבערג שטיל, אָבער גאָר שטיל, און מיט גע־בעט, און מיט אַ נערוועזן שמייכל:

— איך בעט אייך, ליבער, גוטער מענטש, הערט אויף צו זיין גוט צו מיר. איר וועט מיך אַמאָל דער'הרג'ענען מיט אייער גוטסקייט...

און אַ שטיק צייט דערנאָך מיידט אים הערצבערג אויס, און מער ווי „גוט מאָרגן" און „גוד באַי" הערט פון אים ניט אַלעקס.

ביז יענעם טאָג, ווען היטלער האָט אַטאַקירט סאָוועט־רוסלאַנד. באַלד דערנאָך איז הערצבערג געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. איצט האָט ער גע־שמייכלט פריילעך, אויפגעלעבט און געלאַכט הויך אויפן קול פון אַלעקס'עס וויצן און חכמות.

— עס איז די גרעסטע היסטאָרישע פּאַסירונג — האָט מען פון אים גע־הערט דעמאָלט, אין דער ערשטער צייט, סיי אַלעקס אין דער סטודיאָ, סיי אַנ־דערע אין דרויסן — די גרעסטע היסטאָרישע פּאַסירונג זינט היטלער'ס מגפה איז באַפאַלן די וועלט... איצט בין איך זיכער אין היטלער'ס מפּלה. ווייל נאָר אַ רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, ווי די סאָוועטישע, קען זיך פאַרמעסטן אין אַ מלחמה מיט די ווילדע, פאַנאַטישע האָרדעס פון היטלערן...

און אַן אַנדערש מאָל האָט מען פון אים געהערט:

— היטלער'ס מלחמה איז באמת אַ קאָנטער־רעוואָלוציע קעגן אַלע דער־גרייכונגען, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן אין די דעמאָקראַטישע לענדער

דורך רעוואָלוציעס... דאָס איז אַזוי קלאָר פאַר מיר, אַז קלערער קען גאָר ניט זיין, און דאָס דאַרף אויך קלאָר ווערן יעדן אמת׳ן דעמאָקראַט...

די דאָזיקע יום־טוב׳דיקע שטימונג האָלט אָן ביי אים, ווי ביי וויליאַם רו־בינ׳ען און ווי ביי אַלעקס׳ן, אַ געוויסע צייט. אין די אָוונטן פאַרברענגען זיי דעמאָלט צוזאַמען אין די טייערסטע קאַבאַרעס אויף בראָדוויי, צי אין גריניטש ווילעדזש. הערצבערג נעמט איצט אויך אַלעקס׳ן מיט זיך וואוהין ער גייט פאַר־ברענגען. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל פאַר די באַלד צוויי יאָר וואָס זיי קענען זיך. ער איז אַזוי גליקלעך, אַדאָלף הערצבערג, אַז ווען נאָר פון זיינע באַקאַנטע ער באַמערקט דאָרט, צי אין אַ קאַפע־הויז, צי אין אַ קאַבאַרעי, בעת ער פאַר־ברענגט מיט אַלעקס׳ן און רובינ׳ען, לאַדט ער איין צו זיין טיש און צאָלט פאַר אַלעמען.

און נאָכאַנאַנד הערט מען פון אים דעמאָלט:

— איך בין איצט מיטן גאַנצן האַרצן פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד. אויפגע־בראַכט קעגן אים בין איך געווען פריער פאַר דעם פאַקט מיט היטלערן. איצט אָבער איז אַלץ פאַרגעסן... מען מוז פאַרגעסן! דער סאָוועטן־פאַרבאַנד שטייט איצט אויף דער ריכטיקער זייט, אויף דער זייט פון די דעמאָקראַטישע פעל־קער, אויף דער זייט פון גערעכטיקייט און יושר, אויף דער זייט פון מענטש־לעכער חשיבות און פעלקער־פרייהייט... און, רובין און אַלעקס, און איר אַלע דאָרט, איר ווייסט? מיר זיינען דאָך אַלע אידן! זינט היטלער האָט מיך געמאַכט פילן אַלס איד, האָב איך דערפון נישט איינמאָל געטראַכט. אידן האָבן דאָך, באמת, אַלס אידן, קיינמאָל ניט געקענט האָבן קיין טענות צו סאָוועט־רוסלאַנד. עס איז דאָך דאָס איינציקע לאַנד אין דער גאַנצער וועלט וואָס האָט דערקלערט דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס שטאַטס־פאַרברעכן...

און די אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט:

— געוויס ...

אָבער גאָר אַ קורצע צייט האָט געדויערט אָט די יום־טוב׳דיקע שטימונג סיי ביי הערצבערג׳ן, סיי ביי רובינ׳ען, סיי ביי אַלעקס׳ן. מחמת אומעטום האָט מען גערעדט, און די גאַנצע פרעסע האָט געשריבן, טייל פאַרבאַהאַלטן און טייל אָפן, וועגן דעם, אַז היטלער וועט אין גאָר אַ קורצער צייט באַזיגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד...

און די פריילעכקייט און די געהויבנקייט ביי הערצבערג׳ן האָט זיך ווי־דער אויסגעלאָשן, און איצט איז ער געזעסן נאָך אָפטער אײדער פריער פאַר־שפאַרט אין דעם צימער הינטער די פאָרטיערן; און ווידער האָט ער אויסגע־מידן אַלעקס׳ן און איז עפּעס ווי אינגאַנצן פאַרשטומט געוואָרן. אפילו מיט דעם שרייבער וויליאַם רובינ׳ען האָט ער זיך אויפגעהערט טרעפן.

און נאָכאַמאָל האָט ער אויפגעלויכטן, הערצבערג, ווען די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן איר קעגן־אַטאַקע און געגומען אַרויסוויזן איר וואונדערלעכע, העלדישע גבורה. נאָך מער שפּעטער, ווען אונזער לאַנד איז אויך אַריין אין קריג. הערצבערג איז דעמאָלט געווען איינער פון די ערשטע, וואָס זיינען גע־קומען אין אָפּיס פון רויטן קרייץ און האָבן געגעבן זייער בלוט. ער האָט אויך

געזען, אַז סיי וויליאַם רובין און סיי אַלעקס זאָלן דאָס טאָן אין אַ פּאָר טעג שפּעטער. איצט האָט ער ממש געלויכטן. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אַמע־ריקע צוזאַמען מיט רוסלאַנד און ענגלאַנד וועלן זיכער באַזיגן היטלער׳ן.

„גאָד בלעס אַמעריקאַ! גאָד בלעס דהי רעד אַרמי!״ האָט עס פון אים אַרויסגעזונגען.

אין אָט דער צייט, ווען ער איז איינמאָל געזעסן אַליין מיטן שרייבער וויליאַם רובין אין אַ וויין־קעלער אין גריניטש ווילעדזש, האָט ער מיטאַמאָל אַרויס־גענומען פון אַ קעשענע דעם טייסטער, וואו עס זיינען געלעגן די צוויי פאָטאָ־גראַפיעס פון די אינגלעך (די דאָזיקע פאָטאָגראַפיעס האָט ער שוין פריער ניט איינמאָל געוויזן רובינ׳ען), און דאָס מאָל האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטער אינם קול:

— מיין גרעסטע האָפנונג איז, מיין פריינט, אַז איך וועל אָט דעם זיסן היינריכ׳ן נאָך קאָנען זען, ווען דייטשלאַנד וועט באַפרייט ווערן...

האָט זיך דער שרייבער דעמאָלט אָנגערופן:

— זאָגט מיר דעם אמת, מיסטער הערצבערג, איז דאָס אייער קינד?

האָט הערצבערג נערוועז אַ לאַך געטאָן און געענטפערט:

— איך זאָג, אַז יאָ.

— איר זאָגט, אַז יאָ? און ווער זאָגט, אַז ניט?

— זיין מאַמע...

— זיין מאַמע?

— זיין מאַמע און זיין מאַמע׳ס ברודער, וועלכער איז איינער פון די נאָענטסטע מחותנים מיט געבעלס׳ן אַליין...

און הערצבערג שלאָגט זיך איבער, און דאָס פּנים און די אויגן ביי אים ברענען דערביי פאַר אויפרעגונג:

— זעט! — רעדט ער, ווייזנדיק אויף די צוויי פאָטאָגראַפיעס, — ניט מיי־נער, האַ?! ניט מיינער?! זעט, אויף אָט דער פאָטאָגראַפיע בין איך, ווען איך בין געווען אַ קינד! און אויף אָט דער איז ער, מיין היינריך!... אַ בלינדער, דאַכט זיך, קאָן זען די ענלעכקייט, ניין?...

און ווי דער שרייבער וויליאַם רובין איז ניט פאַראינטערעסירט צו וויסן, ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז דאָס ווייב זאָל הערצבערגן פאַרלייקענען זיין קינד, פרעגט ער אים דעמאָלט מער ניט אויס וועגן דעם, כדי ניט אויפצורעגן אים נאָך מער...

אָבער אַדאָלף הערצבערג איז דעמאָלט אַזוי אויפגערעגט, אַז אים איז זיך שווער צו באַהערשן; עס רייסט זיך פון אים ווייטער אַרויס:

— אַ נאַצי מאַכן זיי דאָרט פון מיין קינד, אַ נאַצי! ווי זיין מאַמע און ווי זיין אָנקל פריץ...

וויליאַם באַרואיקט אים, כאָטש איצט האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ ווינקל פון יענעמס לעבן, וואָס האָט ממש פאַרכאַפּט זיין שרייבערישע נייגעריקייט. ער רעדט:

— רעגט זיך ניט אויף אַזוי, מיסטער הערצבערג...

און דאָ טוט זיך הערצבערג אַ כאַפּ מיטאַמאָל ווי פון שלאָף:

— האַ? יאָ, גערעכט; אַרויסגעפּלאַצט ביים נאַר! דאָס איז עפּעס, וועגן וואָס איך האָב פיינט צו רעדן...

און ער איז באַלד נאָכדעם אַוועק.

און אַזוי האָט זיך וויליאַם רובין דעמאָלט דערוואוסט, פאַרוואָס הערצבערג האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט די צוויי פאָטאָגראַפיעס פון די קינדער, און אויך, אַז אין זיין משפחה זיינען געווען צוויי נאַצים, — זיין ווייב און אירער אַ ברודער.

הערצבערג האָט מיט אים מער ניט גערעדט וועגן דעם, און ער, וויליאַם רובין איז געווען אויף אַזוי פיל דעליקאַט, אַז ער האָט אויך אויסגעמידן צו רעדן מיט אים וועגן דעם.

און איינמאָל איז אַדאָלף הערצבערג געקומען אין סטודיאָ, בעת אַלעקס האָט דאָרט געאַרבעט, און ער האָט אויסגעזען שיכור, און ניט באַגריסנדיק אַלעקסן איז ער אַוועק אין צימער הינטער די רויטע פאַרטיערן.

אַלעקס האָט זיך פאַרוואונדערט; שוין מער ווי אַ חודש ווי הערצבערג האָט זיך אין סטודיאָ ניט געוויזן; וואו ער איז געווען — האָט דער מאָלער ניט געוואוסט, און האָט זיך ניט געבראָכן דעם קאָפּ איבער דעם, ווייל ער איז שוין געוואוינט געווען צו דעם, אַז הערצבערג זאָל זיך ניט ווייזן טעג און וואָכן נאָכאַנאַנד אין דער סטודיאָ.

געוואונדערט אָבער האָט ער זיך פאַרוואָס הערצבערג האָט אַזוי אויסגע־זען, און פאַרוואָס ער האָט אים נישט באַגריסט, און נאָך מער — פאַרוואָס ער האָט מיט אים ניט גערעדט וועגן די גוטע נייעס, וואָס די צייטונגען און די ראַדיאָ האָבן יענעם אינדערפרי געבראַכט פונם סאָוועטישן פראָנט...

מיטאַמאָל באַווייזט זיך אַדאָלף הערצבערג פון הינטער די רויטע פאַר־טיערן און ער זעט אַלץ אויס שיכור. ער גייט צו צו אַלעקס'ן און מאַכט צו אים שטיל, מיט אַ הייזעריקלעכן קול:

— איר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איר זענט מיר אַ פריינט, ווייל איך איך עפּעס בעטן.

— וואָס ווילט איר?

— העלפט מיר אונטערצינדן די וועלט! — מאַכט הערצבערג נאָך שטי־לער, און אין די אויגן ביי אים ווייזט זיך אַ ווילדער כעס.

טוט אַלעקס אויף אים אַ קוק, בעת ער מאָלט דאָרט אַ בילד פון אַ האַלב־נאַקעטער פרוי, פאַרריכט עפּעס מיט זיין פּינזל דאָרט אויפן נאַקעטן בוזים, און ער טוט זיך ווידער אַ קער צו זיין לצ'עוואַטן אופן:

— איר ווילט עס טאַקע גלייך? אפשר זאָל איך אַפריער פאַרטיק ווערן מיט אָט דער בחור'טע?...

הערצבערג צעלאַכט זיך שטיל און מיט גאַל, און קוקט אויף אַלעקס'ן מיט אויגן, אין וועלכע אַ כעס צינדט זיך; נאָכדעם רייסט זיך ביי אים אַרויס שטיל און מיט גאַל:

— אַ חכמה, האַ, אַ חכמה? און איר, מסתמא, וואַרט דאָך, אַז איך זאָל

לאָכן?... לאַך איך: כי־כי־כי! — לאַכט ער שטיל און מיט גאַל ווייטער, — כי־כי־כי!...

קריגט אויף אים אַלעקס דעמאָלט רחמנות, און ער רופט זיך אָן צו אים שוין גאָר אין אַן אַנדער טאָן:

— מיסטער הערצבערג, איך בין איבערראַשט, וואָס איר האָט היינט אַזעלכע געדאַנקען וועגן אונטערצינדן די וועלט און וועגן נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן; די בעסטע נייעס הערט מען פון רוסלאַנד, און איר, אַנשטאַט...

שווייגט נאָכדעם הערצבערג, פאַררויכערט אַ סיגאַר און דערלאַנגט איינעם אויך אַלעקס'ן; דערנאָך זאָגט ער היזעריקלעך און צעטראָגן:

— איך דאַרף איצט זייער נויטיק זען אונזער פריינט רובין'ען, זייער נייטיק, זייער, — זאָגט ער נאָכאַמאָל, — אָבער טאָקע באַלד: איך וויל זיך מיט אים וועגן עפּעס מיישב זיין; כ'האָב שוין צו אים טעלעפאָנירט פריער, האָט מיר געענטפערט די פרוי, ביי וועמען ער וואוינט: נישטאָ אים. ווען ער אַרבעט, ווייסט איר דאָך, ענטפערט זי פאַר אים, אַז ער איז ניטאָ אין דער היים...

— יאָ, אַזוי איז אַלעמאָל, ער איז אָבער אין דער היים, דאָס ווייס איך אויף זיכער. איר ווילט אים אַזוי נויטיק זען?

— איך מוז אים זען. ווען איר וואָלט מיר וועלן טאָן אַ טובה... נעמט אַ טעקסי אויף מיין חשבון...

— איך ברענג דעם חכם צו אייך אָן אַ טעקסי אין אַ צען־פופצן מינוט.

— האָט אַלעקס אַרונטערגעכאַפּט פון זיך דעם וויסן כאַלאַט, אין וועלכן ער האָט געאַרבעט, און אָנגעטאָן זיין רעקל.

און אַזוי איז ער דעמאָלט געקומען צו זיין פריינט, וויליאַם רובין, אַהיים, בעת יענער האָט געאַרבעט איבער זיין נייער דערציילונג, און האָט אים גערופן, ווי מיינע לייענער געדענקען, צו דעם „טשיקאַווען דייטש" אין סטודיאָ.

און ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים, ביז רובין האָט איבערגעריסן זיין אַרבעט, וואָס דאָס איז אים שווער געווען צו טאָן, און איז אַוועק מיט אים צו הערצבערג'ן אין סטודיאָ.

נאָר ביי דער פופצנטער גאַס האָט זיך אַלעקס צעשיידט מיט זיין פריינט. ער וועט שוין היינט מער ניט גיין אין סטודיאָ, — האָט ער געזאָגט. איז רובין נאָכדעם אַליין געקומען צו העצבערג'ן.

— 8 —

ער האָט אים געטראָפן אינם צימער הינטער די רויטע פאָרטיערן.

ער איז דאָרט געזעסן אין דעם ברייטן פאָטער־שטול, פאַרוואָרפן איין פוס איבערן אַנדערן, מיט צוגעמאַכטע אויגן, און האָט געדרייט אַ רויכערדיקן סיגאַר צווישן די ליפּן.

און צום ערשטן מאָל האָט אים איצט רובין געזען אַזאַ. פריער, ווען ער איז געווען דערשלאָגן, צי פאַרצווייפלט, אפילו אין אַ שיכור'ן צושטאַנד, האָט ער, אַדאָלף הערצבערג, ניט אויסגעזען אַזוי צעקנייטשט און געבראָכן, ווי איצט, ווען ער איז דאָרט געזעסן אין דעם פאָטער־שטול.

די בלאָנדע האָר ביי אים אויפן קאָפּ זיינען געווען צעשויבערט, און אַזוי צעשויבערט און צעקניטשט איז געווען דער ראָק אויף אים. געווינלעך איז ער אַלעמאָל געווען גוט אָנגעטאָן.

און איצט האָט ער אויך אויסגעזען אַ סך עלטער ווי דאָס לעצטע מאָל בעת וויליאַם רובין האָט מיט אים פאַרבראַכט. (ער האָט אַמאָל געזאָגט רו־בינ׳ען, אַז ער ווערט באַלד פערציק יאָר).

וויליאַם רובין איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אַרויפגעלייגט אים אַ האַנט אויפן אַקסל:

— איר דרימלט גאָר? — האָט ער זיך אָנגערופן ווייך.

האָט אַדאָלף הערצבערג געעפנט די אויגן און אָנגעקוקט אים אַ ווײַלע שיכור׳לעך. מיטאַמאָל האָט ער אים אָנגעכאַפּט פאַר אַן אָרעם מיט איין האַנט און מיט דער אַנדערער האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם סיגאַר פון מויל און אַרויס־גערעדט שטיל, ווי ער וואָלט רובינ׳ען דערציילט אַ סוד:

— איר זייט דאָ? אַ דאַנק. איך מוז אייך זען זייער נייטיק. זעט אָבער, אַז מען זאָל אונז נישט שטערן. מאַכט צו די טיר, זייט אַזוי גוט, ווייל איך וויל מיט אייך רעדן, מיט אייך אַליין...

וויליאַם רובין האָט זיך אָנגערופן:

— אַ חוץ אונזביידן איז דאָ קיינער נישטאָ. אַלעקס איז ערגעץ אַוועק.

— יאָ? איז גוט — האָט אַדאָלף הערצבערג אַרויסגעמורמלט און זיך אויפ־געהויבן און אַוועקגעלייגט זיין סיגאַר אויף אַן אַשניצע, וואָס איז דאָרט גע־שטאַנען אויפן טיש.

— איר פאַרשטייט, מיין פריינט? — האָט ער זיך דערנאָך ווידער אַ קער געטאָן צו וויליאַם רובינ׳ען, — איך האָב אייך גערופן, ווייל ווייטער וואַרטן קען איך ניט; ווייטער שווייגן טאָר איך ניט. איר וועט זיך היינט דער־וויסן עפּעס פון מיר, וואָס איך האָב ביז אַהער ניט געוואָלט אייך דערציילן.

— אפשר זאָלט איר טאַקע ניט דערציילן? עס קאָן אייך נאָכדעם אפשר פאַרדריסן — האָט וויליאַם רובין באַמערקט.

— איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט: היינט מוז דאָס געשען. אַ שווערע אָפּע־ראַציע, זי מוז אָבער געמאַכט ווערן, אַניט, וועל איך משוגע ווערן... איר פאַרשטייט, אַניט, וועל איך משוגע ווערן! — האָט ער געפּליסטערט, און געקוקט אויף רובינ׳ען מיט די פיבערישע אויגן, — איר פאַרשטייט? די לעצ־טע צוויי וואָכן האָב איך קיין איין נאַכט רואיק ניט געשלאָפן.

וויליאַם רובין האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז הערצבערג׳ס שטימונג האָט אַ שייכות געהאַט מיט זיין פריערדיקן לעבן, און ער האָט זיך אָנגערופן:

— אָבער, פריינט הערצבערג, איז דאָס ביי אייך אַ נייעס? פריער האָט איר זיך דאָך אויך ניט איינמאָל דערמאָנט און ווי איר האָט מיר דערציילט, האָט אייך דאָן אָפּט געהאָלפן, ווען איר האָט זיך געשטעלט אַרבעטן. פאָלגט מיך, נעמט דעם פּינזל און די פּאַליטרע און פּרוּווט אַרבעטן. גלויבט מיר, אַז דאָס וועט אייך מער באַרואיקן ווי איך.

אַדאָלף הערצבערג האָט אַ זיפץ געטאָן:

— ניט איצט. ווען איך וואָלט געווען אפילו ניט אַ מאלער, אַ דילעטאַנט, נאָר אַזוי גרויס ווי רעמבראַנדט אַליין, וואָלט איך אויך זיך ניט געקאָנט באַ־רואיקן דורך אויסדריקן דאָס, וואָס איך פיל, אויפן לייוונט מיטן פּינזל, סיידן ווען איך וואָלט געווען גאָר אַ גרויסער שריפטשטעלער.

ער האָט פאַררויכערט אַ נייעם סיגאַר און גענומען שפּאַנען איבערן צימער אַהין און צוריק און ווייטער גערעדט, ווי צו זיך אַליין:

— אויסצודריקן וואָס אין מיר טוט זיך, וואָס איך שטיק אין זיך אי־נעווייניק; מיין אויפרעגונג, מיין נערוועזיטעט און דעם קאַמף און דעם גע־ראַנגל, וואָס איך פיר מיט זיך פאַר די לעצטע עטלעכע וואָכן, ווי קאָן מען דאָס אויסדריקן אויפן לייוונט? איך בין דאָך ווי אַ געיאָגטע חיה!...

ער איז געבליבן שטיין פאַר דעם שרייבער און ווידער אַזוי ווי א סוד אים איינגערוימט:

— פאַרוואָס עפּעס הייבט? — האָט איר ביי מיר געפרעגט. באַלד וועט איר זיך ניט וואונדערן, ווען איר וועט זיך דאָס דערוויסן. אָבער אַז איר זאָלט ריכטיק דאָס פאַרשטיין, מוז איך אייך אַלצדינג דערציילן. אַזוי האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט, און אַזוי וועט עס זיין.

ער האָט אָנגענומען רובינ׳ען פאַר אַן אַקסל און אים צוגעפירט צו דער סאָפע און האָט אים דאָרט אַוועקגעזעצט נעבן זיך:

— טאָ הערט־זשע, מיין ליבער שריפטשטעלער — האָט ער גערעדט ווייַ־טער מיט אַ גאַליקן שמייכל, — מאַטעריאַל פאַר אַ ווערק פון דער היינטיקער צייט קאָן עס זיין, פאַר דער גרעסטער טראַגעדיע, מיין פריינט.

און פאַר אויפרעגונג האָט ער ניט געקאָנט פאַרבלייבן לאַנג זיצן נעבן רובינ׳ען אויף דער סאָפע, און ער איז אַוועק ווייטער שפּאַנען איבערן צימער אַהין און צוריק, גערויכערט דערביי נערוועז און דערציילט:

— ווי איר ווייסט שוין, איז מיין פרוי געווען אַ קריסטלעכע, אָבער פאַר אונזער חתונה און נאָך אונזער חתונה זיינען מירביידע געווען די גליקלעכ־סטע מענשן אויף דער וועלט. סיי איך און סיי עלזאַ זיינען זיכער געווען, אַז ערגעץ ניט אין דער גאַנצער וועלט זיינען פאַראַן אַ מאַן און ווייב, וואָס זאָלן זיך אַזוי שטאַרק ליבן ווי מיר ביידע, און זאָלן זיין אַזוי גליקלעך ווי איך און זי.

ער האָט אַ לאַך געטאָן מיט ווייטאָק און שפּאָט און גענומען רעדן שטי־לער:

— און אַזוי האָבן געמיינט אַלע אונזערע פריינט. מיר זיינען געווען אַ מוס־טער פון גליקלעכן פאַמיליען־לעבן. איר הערט? איך מיט דעם אידישן בלוט אין די אָדערן, און זי, די פולבלוטיקע אַריערין, זיינען געווען אַ מוסטער פון דעם גליקלעכן פאַמיליע־לעבן!... אַזוי אפילו האָט געמיינט איר ברודער פריץ, אין יענער צייט מיין בעסטער פריינט, דער אייגענער פריץ, וואָס איז שפּעטער געוואָרן די רעכטע האַנט פון געבעלס׳ן!

אַדאָלף הערצבערג האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אין דעם ברייטן פאָטעל־שטול, איז געזעסן אַ ווילע און האָט גערויכערט זיין סיגאַר. איצט האָט ער ניט

גערעדט, נאָר געקוקט מיט אויגן, וואָס זיי האָבן אויסגעדריקט טיפע ליידן.
— יאָ, — האָט ער זיך דערנאָך אויפגעהויבן און איז אַוועק ווידער אי־בערן צימער מיט אויפגערעגטע טריט — עלזאַ האָט געהאַט אירע לייבלעכע שוועסטער, אָבער נענטער פון זיי אַלעמען איז איר געווען מיין שוועסטער גערטרוד, און אַזוי נאָענט בין איך געווען אירע עלטערן, דעם באַנקיר אַלענ־דאָרף און זיין פרוי...
ער האָט פאַררויכערט אַ נייעם סיגאַר און דערציילט ווייטער:
— מיר פאַרקערן אין דער בעסטער געזעלשאַפט. אין הויז צו אונז קומען אַריין שריפטשטעלער, וויסנשאַפטלער, מאַלער און מוזיקער און אַנדערע מיט אַ וועלט־נאָמען. ניט איך און ניט קיינער אַרום פילט, אַז איך בין עפּעס אַנדערש איידער די אַנדערע. יאָ, אפשר געבילדעטער, מער איידער די אַנ־דערע פאַראינטערעסירט אין ליטעראַטור, אין קונסט, אין מוזיק; אָבער אַז איך געהער צו אַ נידעריקערע ראַסע, אַז מיין בלוט איז פון אַן ערגערער קוואַ־ליטעט איידער דאָס בלוט פון מיינע פריינט, וואָס ליבן און רעספּעקטירן מיך,
— ניין, ניין, ניין, אפילו צו טראַכטן דערפון וואָלט געווען די גרעסטע משוגעס!
און מיטאַמאָל האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט און דער קול זיינער האָט גענומען קלינגען מיט אַ באַזונדער וואַרעמקייט:
— און ווען מיין קינד איז געבוירן געוואָרן, ווי גליקלעך מיר אַלע זיינען געווען! היינריך האָט עלזאַ אים אַ נאָמען געגעבן, אַ נאָמען נאָך דעם אידן היינריך היינע, וואָס זי איז זיין פאַרערערין געווען... אין מיטאַמאָל, דער אומגליק רוקט זיך. היטלער מיט זיין באַוועגונג!... ביי מיר אַליין קוקט אויס די דאָזיקע באַוועגונג ווי אַ שפּאַס פון משוגעים. עס וועט צעפאַלן פון זיך אַליין אין אַ גאַנץ קורצער צייט, מיין איך דעמאָלט. און ווי איך, מיינען אַלע אַנדערע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין דייטשלאַנד. ניט אַזוי אָבער מיינט מיין שווער, דער באַנקיר אַלענדאָרף, און ניט אַזוי אפילו מיינט מיין פאָטער, דער אייגנטימער פון דער רייכסטער כעמישער פאַבריק אין דייטש־לאַנד. זיי שטיצן היטלערן און זיין באַוועגונג מיט געלט אויס מורא פאַר די באָלשעוויקעס.
אַדאָלף הערצבערג האָט זיך אויפגערעגט צעלאַכט:
— מיין פאָטער אויך, איר הערט? ער האָט אָבער נאָך דאַן ניט געוואוסט, אַז ער וועט זיין ביי די נאַציס אויפן צעטל פון די ערשטע אידישע קרבנות! און אַזעלכע ווי ער זיינען דאָרט, אין יענער צייט, געווען נאָך אַנדערע רייכע אידן, וואָס האָבן מיט זייער געלט געשטיצט דעמאָלט די נאַצישע באַוועגונג!
ער זעצט זיך ווידער אַוועק נעבן רובינ'ען אויף דער זאָפע, וועלכער זי־צנדיק דאָרט, נעמט די גאַנצע צייט ניט אַרונטער די אויגן פון אים, און דער־ציילט ווייטער פאַרטראַכט, מיט דעם אויסדרוק פון טיפע ליידן אין זיינע בלויע אויגן:
— און וואָס ווייטער איז געווען ווייסט איר. היטלער איז געוואָרן דער פירער און דער דערלייזער פון דעם געפּלאָגטן אין יענער צייט דייטשן פאָלק. און דעמאָלט איז געקומען אויך די טראַגעדיע פאַר אונז. ביי אידן האָט מען

אָוועקגענומען ניט נאָר זייער האָב און גוטס, נאָר זייער מענטשלעכע ווירדע. און מיט שרעק האָב איך דעמאָלט געקומען באַמערקן, אַז סיי מיין עלזאַ און סיי מיין פריינט פריץ, איר ברודער, נעמען זיך אַלעמאָל אָן פאַר היטלערן און זיין באַוועגונג, ווען אין הויז ביי מיר דיסקוטירט מען אַמאָל וועגן דעם. מיין שרעק ווערט נאָך גרעסער, ווען איך זע ווי מיין עלזאַ ווערט מיט יעדן טאָג אומרו־איקער, צעטומלטער, נערוועזער, און איבערהויפּט, אַז זי האָט אָנגעהויבן זיך צו היטן צו ווייזן זיך מיט מיר אין לרויסן פאַר מענשן... „עלזאַ, וואָס איז דאָס?״ — פרעג איך. בעט זי מיך, אַז איך זאָל ערגעץ אַוועקפאָרן ביז דער שטורעם וועט אַריבער... פּרואוו איך פועלן ביי איר, אַז זי זאָל מיטפאָרן, איז מיין שוואָגער פריץ דעמאָלט דערביי — מיין שוואָגער און מיין בעסטער פריינט ביז דעמאָלט — מיש ער זיך אַריין און זאָגט מיט אַזאַ כעס, וואָס איך האָב פריער ביי אים קיינמאָל נישט געזען:

— אַ איד טאָר זיך ניט דינגען אין אַזאַ צייט. אויב דיין ווייב, די אַריערין, וויל דיר העלפן, דאַנק איר און טו וואָס זי פאַרלאַנגט!...

הער איך דאָס און גלויב ניט מיינע אויערן.

— רעדט דאָס אַזוי פריץ? — רייסט זיך ביי מיר אַרויס — מיין פריינט און מיין שוואָגער?

— פאַרגעס אָן דעם — מאַכט ער. — איך און די מייניקע, אַזוי ווי גאַנץ דייטשלאַנד, ווילן מער נישט קענען אייך, די אידישע פּאַראַזיטן!...

און דער סוף? איך נעם מיט מיינע אַלטע עלטערן און פאָר מיט זיי אַוועק אין אַ דאָרף הינטער בערלין, פון דאָרט שיק איך בריוו צו מיין עלזאַ׳ן און פּרואוו אויף איר ווירקן, אַז זי זאָל זיך ניט אונטערגעבן דעם איינפלוס פון איר ברודער פריץ׳ן.

און איינמאָל קומען אָן שטורעם־טרופּן און אַרעסטירן מיך מיט מיינע עלטערן און מען שיקט אונז אַוועק אין איינעם פון די שרעקלעכסטע קאָנצענ־טראַציע לאַגערן, וואָס איך שטעל זיך פאָר, אַז דער גיהנום איז קעגן אים אַ שפּילעכל. מיינע אַלטע טאַטע־מאַמע קענען דאָרט מער ווי דריי וואָכן ניט אויס־האַלטן, און זיי שטאַרבן. מיין שוועסטער גערטרוד, אַז זי האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָט ניט געקענט מער לעבן, און זי האָט זיך דערשאָסן.

אַדאָלף הערצבערג האָט פאַרדעקט מיט די הענט דעם פּנים און איז אַ ווײַלע אַזוי געזעסן און האָט געשוויגן. נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען פון דער זאָפע מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און שטיל אַרויסגעמורמלט:

— ניט געקענט איר נאָכטאָן... געוועזן צו שוואַך...

— ניט געקענט איר נאָכטאָן... געוואָלט, ביז צו משוגעת געוואָלט איר נאָכטאָן, ניט געהאַט אָבער קיין מעגלעכקייט אין יענעם קאָנצענטראַציע־לאַ־גער... ער האָט שפּאַטיש, גאַליק אַ לאַך געטאָן:

— פון אַ פריינט דאָרט האָב איך זיך דערוואוסט שפּעטער, אַז אַרויס־געגעבן האָט אונז עלזאַ, וועלכע איז אונטער דעם איינפלוס פון איר ברודער געוואָרן אַ פאַרברענטע אָנהענגערין פון דער נאַצישער באַוועגונג...

9

דער קול האָט ביי אים גענומען ציטערן ווען ער האָט דערציילט ווייטער:

— איינמאָל באַקום איך אַ בריוו פון איר, פון עלזאַן אַליין. און אין יענעם בריוו שרייבט זי מיר, ערשטנס, אַז די פאַבריק איז „אַריאַניזירט" געוואָרן. צווייטנס, אַז זי קאָן ניט זיין ווייטער דאָס ווייב פון אַ איד'ן, און מחמת דעם וועל איך די טעג באַקומען אַ געזעצלעכן גט, און דריטנס... דריטנס — טוט ער ווידער אַ לאַך שטיל אין זיך — דריטנס מוז זי זיך מודה זיין פאַר מיר אין עפּעס, וואָס ביז אַהער האָב איך ניט געוואוסט... און אין וואָס איז זי זיך מודה? אַז דאָס קינד, אונזער היינריך, איז ניט מיינס; אַז זיין פאָטער איז אַן אַריער, אַ פּולבלוטיקער אַריער, און אַז פריץ האָט געוואוסט וועגן דעם די גאַנצע צייט...

האָב איך דעמאָלט גלייך געכאַפּט דעם טריק, אַז אויף אַזאַ אופן וויל זי ביי מיר אַוועקנעמען דאָס רעכט אויף מיין היינריכ'ן. און אפשר האָט זי געוואָלט אויף אַזאַ אופן ראַטעווען היינריכ'ן, כדי די איצטיקע וועלט אירע, די נאַצישע וועלט, זאָל ניט פאַרפאַלגן דעם קינד פון אַ אידישן פאָטער...

און אַ שטיק צייט בין איך נאָכדעם צעטומלט געווען דערפון. איך וואָלט אפשר משוגע געוואָרן, ווען איך וואָלט אין יענער צייט זיך ניט געפונען אין דעם גיהנום, וואו מענשן האָבן אַזוי פיל געליטן, אַז מען איז ס'רוב געווען גלייכגילטיק צו אַלצדינג און צום לעבן אינגאַנצן...

אַ טריק, ניט אַ טריק — פונדעסטוועגן האָט אַמאָל אַ טשעפּע געטאָן אַ געדאַנק, טאָמער בין איך טאַקע ניט היינריכ'ס פאָטער?... אויב אַ פרוי האָט געקאָנט אַזוי זינקען, ווי אַזוי קאָן איך זיין זיכער, אַז זי האָט מיך ניט אָפּ־גענאַרט אויך פריער?

האָב איך אָבער געהאַט אַ שוועגערין, עלזאַ'ס אַ שוועסטער, און זי איז געווען גאָר אַן אַנדערע. זי איז פאַרבליבן צוגעבונדן צו מיר ווי פריער, און פון צייט צו צייט האָט זי, אַ דאַנק איר ברודער'ס פאַרבינדונגען מיט דער נאַצי־שער מאַכט, מיך געקאָנט באַזוכן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

ברייגנט זי מיר אַמאָל די צוויי קינדערשע פאָטאָגראַפיעס פון מיין היים, וואָס איך האַלט זיי נאָך ביז היינט אין מיין טייסטער. זי וויל מיך טרייסטן מיט דער ענלעכקייט פון מיין קינד צו מיר; זי וויל מיך איבערצייגן, אַז עלזאַ האָט אויסגעטראַכט אויף זיך אַליין אַזאַ בלבול, כדי צו ראַטעווען היינריכ'ן...

קורץ, אָט די שוועגערין האָב איך צו פאַרדאַנקען, וואָס מען האָט מיך שפּעטער באַפרייט פון יענעם גיהנום און וואָס איך האָב זיך געקאָנט אַרויס־רייסן פון דייטשלאַנד אינגאַנצן...

איך קום אין פאַריז נאָכדעם. קיין געלט פעלט מיר דאָרט נישט. ווי איר ווייסט, פונקציאָנירט דאָרטן, ווי אין אַנדערע לענדער, אַ ברענטש פון אונזער פריערדיקן געשעפט אין דייטשלאַנד. אָבער באַרואיקן זיך דאָרטן קאָן איך ניט. איך ווער קראַנק פאַר בענקשאַפט. איך בייגק נאָך מיין קינד, און נאָך מער נאָך עלזאַ'ן.

איר הערט? איך זידל זיך פאַר דעם, אָבער איך קאָן זיך ניט העלפן! איך בין עלזאַ־קראַנק... יאָ, יאָ, עלזאַ־קראַנק!... אַנדערש קאָן איך זיך דאָס ניט דערקלערן. איר בילד פאַרפאָלגט מיך. איר האָט דאָך מסתמא געלייענט מאָ־פּאַסאַנ׳ס זאַכן. אין דעם פּרט ווער איך מאָפּאַסאַנ׳ס אַ העלד...

איך קאָן זיך ניט באַפרייען פון איר. איך האָב געהערט, אַז זי האָט אַרויס־געגעבן מיך און מיינע עלטערן. איך האָב געלייענט איר שרעקלעכן, אומ־מענשלעכן בריוו... האָב איך דאָך איר געדאַרפט האַסן, ניין? צי גאָר אינ־גאַנצן ניט טראַכטן פון איר. דאָך פאַרענטפער איך זי אַמאָל. ניין, זי איז ניט שולדיק, אַז זי איז געצוואונגען צו טאָן דאָס פון די נאַצים, ווי זיי האָבן גע־צוואונגען מיך און די אַנדערע אידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער צו רייניקן מיט די הוילע הענט דעם שמוץ פון די אָפּטרעטן...

און דעמאָלט זע איך זי אין די ליבסטע מאָמענטן, אין די ראָמאַנטישסטע מאָמענטן אונזערע. און איך מאָל זי נאָכדעם אויפן לייוונט — היינט אַזוי, מאָרגן אַזוי, און אין אַ וואָך צי אין אַ חודש שפּעטער ווידער אַנדערש, לויט דעם בילד אירן, וואָס טראָגט זיך פאַר מיר אין יענעם מאָמענט...

אַזוי מאָל איך אירע בילדער, ווען איך בין געווען אין פראַנקרייך און אַזוי דאָ... אַלצדינג, וואָס איז פאַרבונדן מיט איר און מיט יענער צייט, האַלט מיך ווי אין צוואַנגען. איך קען זיך ניט אַרויסרייסן פון דעם, איך קאָן ניט...

אונטער דער צייט הער איך אַמאָל ווען איר, שלעכטע גרוסן הער איך וועגן איר: איר ברודער פריץ איז דאָרט אַ גאַנצער מאַכער ביי דער גע־סטאַפּאָ, און זי אַרבעט פאַר אים...

דאָס האָב איך ניט געוואָלט גלויבן. ווער זי, די צאַרטע עלזאַ? אמת, לויט לאָגיק האָב איך געמעגט דאָס גלויבן אויף איר פון דעם, וואָס איך האָב שוין געוואוסט וועגן איר פון פריער. אָבער איך האָב ניט געוואָלט גלויבן, אויסדריק־לעך ניט געוואָלט, מחמת טיף אין מיין האַרצן האָב איך נאָך אַלץ געגלויבט, אַז סוף כל סוף וועט זי איינזען, וועלן זיי אַלע דאָרט, אין דייטשלאַנד, איינזען, ווי פאַרפירט זיי זיינען פון דעם „פירער" זייערן, און מיר וועלן קומען איינער צום אַנדערן צוריק...

ביז מיט אַ חודש צוריק. איינער פון מיינע פריינט, אויך אַ דייטשער פליכט־לינג, טרעפט מיך און דערציילט מיר, אַז עלזאַ איז דאָ אין ניו יאָרק, זי איז דאָ, געשיקט אַהער פון דער געסטאַפּאָ...

קוק איך אָן לכתחילה מיין פריינט ווי אַ משוגענעם. ער זאָגט מיר אָבער, אַז ער האָט זי אַליין געזען און מיט וועמען און וואו...

אין דעם אייגענעם אָוונט האָב איך אויסגעפונען אפילו איר אַדרעס פון אַ באַקאַנטן קעלנער מיינעם, וואָס אַרבעט אין יענעם רעסטאָראַן, וואו זי קומט מיט אירע פריינט.

מיר איז קאַלט געוואָרן, אַזוי ווי אַ פראָסט האָט מיך אַרומגענומען אינע־ווייניק פון אויבן ביז אַראָפּ. איצט איז ביי מיר שוין קיין פראַגע ניט געווען צוליב וואָס זי איז דאָ...

יענעם אויפדערנאַכט האָב איך אויפגעזוכט דעם רעוואָלווער, וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט פון פראַנקרייך, און געוואָלט קומען צו איר אין האָ־טעל — איר אַדרעס האָב איך געוואוסט — און זי דערשיסן. אנשטאט דעם אָבער בין איך געקומען אַהער אין סטודיאָ און אַריינגעגאַנגען אַהערצו אין צימער. און זעט וואָס איך האָב געטאָן!

ער איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, וואו עס זיינען געהאַנגען די בילדער, און האָט אַרונטערגעריסן פון זיי די פאַרהאַנגלעך איינס נאָכן אַנדערן.

און ווען וויליאַם רובין האָט אַ קוק געטאָן אַהין, איז ער אויפגעציטערט געוואָרן: די לייוונטן מיט די בילדער פון דער בלאָנדער פרוי זיינען אַלע צעהאַקט געווען מיט אַ מעסער, אַזוי אַז קיין איינס פון זיי האָט מען ניט געקענט דעקענען. אויף וויליאַם רובינ׳ען האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געזען שטיקער פון אַ צעהאַקטן לעבעדיקן גוף...

האָט דאָס האָב איך געטאָן! — האָט ער אַרונטערגעריסן פון דער וואַנט איין צעהאַקטן לייוונט נאָכן אַנדערן און זיי אַרונטערגעשליידערט אויף דער ערד און פאַרשאַרט מיט אַ פוס אין אַ ווינקל מיט אַזאַ מינע, ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס, פון וואָס עס האָט אים געעקלט.

— אָט דאָס — האָט ער זיך ווידער געווענדט צו רובינ׳ען און אין די אויגן ביי אים האָט געברענט אַ ווילדער כעס, — האָט מיך געצוואונגען איך היינט אַהער צו רופן.

דער שרייבער וויליאַם רובין האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט רחמנות און אַדאָלף הערצבערג האָט גערעדט ווייטער:

— איך האָב אייך גערופן, כדי דאָס אייך אַלצדינג צו דערציילן און כדי איר זאָלט וויסן, אַז דאָ אין אַמעריקע געפינט זיך איצט אַ פרוי פון דער דייטשער געסטאַפּאָ, אַז איך ווייס ווער זי איז און וואו זי געפינט זיך... און אויב איך וועל ניט לאָזן וויסן, די וואָס מוזן וויסן, וועל איך זיין אַ פאַרברעכער קעגן אַמעריקע!...

וויליאַם רובין האָט אַרויסגעמורמלט שטיל און צעטומלט:

— אודאי דאַרפט איר לאָזן וויסן וועגן דעם דער פעדעראַל ביורא אָוו אינוועסטיגיישאַן...

— אָט דאָס איז די געשיכטע. איך האָב שוין וועגן דעם אָנגעשריבן, און עס ליגט ביי מיר אין צימער אין האָטעל, שוין פאַרקלעפּט און מיט אַ מאַרקע, און עפּעס קען איך ניט... זי איז דאָך דאָן פאַרלאָרן. אינגאַנצן פאַרלאָרן. היינט, ווען אַמעריקע איז אין מלחמה, פאַר׳משפּט מען אַ געסטאַפּאָ אַגענט אויף לעבנסלאַנג אָדער...

— איר מוזט עס טאָן, — איז וויליאַם רובין מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט אין אַ פעסטן טאָן, — אַניט וועל איך דאָס טאָן פאַר אייך, איך וועל מעלדן וועגן דעם...

האָט זיך אַדאָלף הערצבערג צעלאַכט גאַנץ שטיל, מיט אַ ציטערדיקן געלעכטער:

— אָט דאָס האָב איך געוואָלט הערן פון אייך, — האָט ער געזאָגט, — און דערפאַר האָב איך אייך גערופן היינט. ווייל איך האָב געוואוסט, אַז נאָכ־דעם ווי איך האָב עס אייך דערציילט, וועל איך דאָס טאָן, וועל איך דאָס מוזן טאָן...

און שפּעטער, ווען וויליאַם רובין האָט זיך געזעגנט מיט אים, האָט ער אים באַגלייט צו דער טיר און אים נאָכאַמאָל געזאָגט, לאַכנדיק מיט זיין שטילן, ציטערנדיקן געלעכטער:

— יאָ, איכ׳ל דאָס היינט טאָן, היינט...

⁂

און אויף מאָרגן האָט וויליאַם רובין געלייענט אין די צייטונגען, אַז אַדאָלף הערבערג האָט געהאַלטן וואָרט: זיין ווייב האָט מען אויף מאָרגן אַרעסטירט און ער אַליין האָט זיך דערשאָסן מיט דעם פּיסטאָלעט, וואָס ער האָט געבראַכט פון פּאַריז.

ביי אים אין צימער האָט מען געפונען אַ בריוו, אַז ער לאָזט איבער אַלצ־דינג, וואָס ער פאַרמאָגט, צום „רויטן קרייץ״, פאַר הילף פאַר אַלע פעלקער, וואָס קעמפן קעגן היטלער׳ן...

צום דאַנק און אָנדענק

מיין אָרימע פעדער, וואָס, שרייבנדיק־קאָרעגירנדיק, האָט זי זיך גענ־יג אָנגעשוויצט אַרום דעם איצטיקן בוך, נעם איך איצט אין האַנט, צום לעצטן מאָל אין סאַמע סוף פון ספר, אויסצודריקן מיין פרייד און אַרויסצוזאָגן מיין דאַנק.

פרייד, וואָס ענדלעך, נאָך פינף אָדער זעקס יאָר און נאָך אַ סך יסורים דערזען איצט לעאָן קאָברינס זעקס אפשר סאַמע בעסטע טעאַטער־שטיק די ליכטיקע וועלט. די פרייד, ניט נאָר וואָס ענדלעך דערפילן מיר דעם צוזאָג וואָס מיר האָבן, אַ פּאָר יאָר פאַר זיין טויט דעם אַלטן קראַנקן יידישן דראַמאַ־טורג געגעבן, נאָר, מער פון אַלץ די פרייד וואָס מיט דער איצטיקער אויסגאַבע קערן מיר אום לעאָן קאָברינס פּיעסן, וואָס האָבן אַזוי פּרעכטיק אַרויסגעשיינט, אַזוי הערלעך אַראָפּגעשאַלט פון דער אידישער בינע — צוריק צו וועמען זיי געהערן, צום יידישן עולם צו דער יידישער דראַמאַטורגיע, צום יידישן טעאַטער, וואָס מענטשלעך־שפּראַכלעך גערעדט, האָף איך און גלויב, אַז עס וועט קיינמאָל ניט שטאַרבן.

און מיין האַרציקסטן, איניקסטן דאַנק צו די אַלע טייערע אידישע מענטשן, פאַרערער פון לעאָן קאָברין און זיין שאַפן, פריינט פון דער אידישער ליטע־ראַטור און דראַמע און מיינע פּערזענלעכע פריינט און חברים און חברות פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג און פון די אידישע פאָלק־שולן. אַ נשמהדיקער דאַנק זיי אַלעמען, די לעבעדיקע ווי אויך די אייניקע וואָס זיינען אונטער דער צייט געשטאָרבן, פאַר זייער הילף, אַז דער איצטיקער בוך זאָל דערזען די שיין פון לעבן. איך דאַנק זיי אַלעמען ניט נאָר פאַר זייער גאָב אַליין, נאָר אויך פאַרן אופן ווי אַזוי זיי האָבן זי געגעבן.. אפשר בלויז אייניקע האָבן געגעבן צוליב די בעטער, אָבער די גאָר גרויסע צאָל האָט געגעבן לשמה, אויס ליבע צום אידישן בוך, צום אידשן טעאַטער און זייערע טרעגער. נאָך קיינעם פון זיי האָט מען ניט געדאַרפט נאָכלויפן, מיט קיינעם איבעררריידן דאָס אַנדערע וואָרט. און אַ צאָל, אויסער נויאָרק און דער סביבה, האָבן צוגעשיקט זייער ביישטייערונג תיכף נאָך אַ בריוועלע.

אָט איז די ליסטע פון די ביישטייערער:

לעאָן קאָברינס פאַרערער און פריינט העברי שאַקער (אין אָנדענק פון זיין פאָטער, אברהם שאַקער), סעם רייכעלסאָן, ברוקלין; דער פילאַדעלפיער פאָלק־שול־און פאַרבאַנד־טוער י. לעווענסאָן (ער און די אַנדערע פי־לאַדעלפיער ביישטייערער האָבן געגעבן זייער גאָב דורך חבר דר. עמנואל קאַליש); מיין ברודער יצחק ענטין (עה״ש); פרוי מאַאיסיעוו, עה״ש (זי און איר מאַן לעאָן מאַאיסעיעוו זיינען געווען קאָברינס אַלטע פריינט), אהרן בילטשיק אַן אַלטער פריינט, — די בראָנקס; חברה רחל קושינסקי, די בראנקס;

דער באַרימטער נדבן פון העברייאישן און אידישן בוך ישראל מעץ (עה״ש); דער באַקאַנטער שריפטשטעלער (איז אויך געווען אַ מיטגליד פון לעאָן קאָברין בוך־קאָמיטעט דר. שלמה סיימאָן; פרוי לואיזע רובין (די אלמנה פון באַ־וואוסטן שוישפּילער גרשון רובין); י. ענטין; חבר און חברה ישראל און עליזה גרינבלאַט (די דיכטערין); גרשון פענסטער (עה״ש) פון טולסאַ, אָקלאַהאָמאַ; ה׳ קענדיו, פון סיגייט־ברוקלין; דער פון אַלעמען פיל באַווייַנטער דר. מענדל סודאַרסקי; די חברים סיגעל און חיניץ, פון מינעאַפּאָליס, מינעסאָטא (ח׳ חיניץ איז לעצטנס געוואָרן אַ תושב אן מדינת ישראל); חבר אברהם בלאָק, פון סינ־סינאַטי, (אָהייאָ); חבר מ. לוצקי, פילאַדעלפיע; חבר דזשייקאָב, פון קעמדען, ניו דזשוירזי; חבר ב. פרידמאַן פילאַדעלפיע; חבר מ. וואָלאָוו, פילאַדעלפיע; חבר ל. מאַסטעראָוו (עה״ש) פילאַדעלפיע.

נאָכאַמאָל. טייערע חברים און פריינט, ליבע, גוטע מענטשן, אַ דאַנק אייך פון סאַמע האַרץ־טיפעניש.

י. ע.